UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 13 20 04 06 019 6

523

150

2796

קראפאטקין'ס

לעבענס־בעשרייבונג,

געשריעבען פון איהם אליין.

איבערזעצט פֿון מ. קאהן.

LIBRARY
NOV 19 1997
UNIVERSITY OF TORONTO

ארויסגעגעבען

פֿון דער גרופע „פרייהייט".

לאנדאן, 1904.

דרוקעריי פֿון דער גרופע „פרייהייט".

א בריעף פֿון גענ. קראפּאטקין.

אן דער גרופּע „פֿרייהייט.“

טהייערע קאַמעראַדען!

מיר פֿרעהט זעהר דער געדאַנק, דאָס איהר קלייבט זיך אַרויסצוגעבען מיינע „מעמואַרען“ אין דער אידישער שפּראַך און אין אַ ביליגע אויסגאַבע, אום זיי זאָלען קענען דערגרייכען אַ גרויסען צירקעל לעזער. נאָך מעהר פֿרעהט עס מיר, דאָס איהר גיט מיינע „מעמואַרען“ אַ פּלאַץ צווישען דער רייהע פֿון אייערע גרויסאַרטיגע אויסגאַבען, וועלכע׳ס צוועק איז צו ווערען פֿאַרשפּרייט צווישען די אידישע אַרבייטער אין איירָאפּאַ און די פֿעראייניגטע שטאַאַטען.

אין דער גרויסער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען פֿאַר די לעצטע יאָהרען אין רוסלאַנד, האָבען די אידישע אַרבייטער פֿאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם פּלאַטץ. אין אַ קורצע צייט האָבען זיי באַוויזען אַרויסצושטעלען אַ גאַנצע רייהע פֿון איבערגעגעבענע, דרייסטע, ענטשלאָסענע קעמפּפֿער — קעמפּפֿער, צו פֿערדאַנקען זייער אָפּפֿערוויליגקייט און גרענצלאָזער איבערגעבענהייט, האָט זיך אין אַלע צייטען באַוואויגען פֿאָרווערטס די זאַכע דער בעפֿרייאונג דער מענשהייט.

און ניט נור האָבען די יונגע העלדען אַרויסגעטראָטען מוטהיג, ניט שרעקענדיג זיך פֿאַר׳ן טויט און פֿאַרניכטונג אין די איינזאַמע קאַזעמאַטען, אין די שנעען פֿון קאַלטען סיביר, אָדער אין די וויסטעס פֿון שוידערהאַפֿטען סאַכאַלין, זאָנדערן, אויך אַ גרויסע צאָהל פֿון די אידישע אַרבייטער אין די גרויסע און קליינע שטעדט, האָבען ניט געפֿירכטעט אַרויסצוטרעטען מוטהיג און דרייסט געגען דער הונדערט-יעהריגער אונטערדריקונג, ערקלעהרענדיג פֿאַר דער גאַנצער וועלט אָפֿען און פֿריי זייערע פֿאָרדערונגען אין האָפֿנונג אויף דער ענדליכער בעפֿרייאונג פֿון דער הונדערט-יעהריגער שקלאַפֿעריי.

פֿון מיין גאַנצען האַרצען ווינש איך אייך, אַז דיעזער בוך זאָל העלפֿען דער אידישער יוגענד צו לייזען די פֿאַרשיעדענע פּראָבלעמען פֿון דער געגענווערטיגער באַוועגונג געגען דער אַלעס-פֿאַרניכטענדער קראַפֿט פֿון׳ם יעצט-עקסיסטירענדען קאַפּיטאַליזמוס און הערשאַפֿט. און איך וועל זיך שעצען גליקליך, ווען איינער פֿון די אונטערדריקטע פֿון קאַפּיטאַל און הערשאַפֿט זייענדיג פֿאַרוואָרפֿען אין איינעם פֿון די ווייטע ווינקעלאַך פֿון רוסלאַנד, וועט דערפֿיהלען, לעזענדיג דיעזע ציילען, דאָס ער שטעהט ניט גאַנץ אַליין אויף׳ן קאַמפּף׳ס-פּלאַץ. זאָל ער וויסען, דאָס אַרויסטרעטענדיג אין קאַמפּף פֿאַר די בעפֿרייאונג פֿון דיעניגע, וועלכע בעשאַפֿען אַלע רייכטהימער און באַקומען אַלס לאָהן נור די אַרמוטה — ווערט ער מיט דעם אַליין אַ בעטהייליגער פֿון דער גרויסער זאַכע — פֿון דעם גרויסען קאַמפּף, וועלכער ווערט אָנגעפֿיהרט איבעראַל פֿיר פֿרייהייט און גליק פֿון דער גאַנצער מענשהייט; דאָס ער טרעט אַריין אין דער פֿאַמיליע פֿון די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט, וועלכע זיינען פֿעראייניגט אין איין גרויסען ברודער-באַנד, פֿאָרדערענדיג פֿרייהייט און גלייכהייט פֿיר אַלע.

אייער

פעטער קראפאטקין.

מערץ, 1904.

ארבעטער רינג
א. ליעסין-ביבליאטעס

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904.



געאָרג בראַנדעס

* * *

איבער

קראָפּאָטקין'ס לעבענס־בעשרייבונג.

די זעלבסט־ביאָגראַפּיע האָט אין די פריהעריגע צייטען געהאַט איינעם פון דיעזע דריי טיפען: „אַזוי בין איך אראָב פון דעם רעכטען וועג, און אַזוי בין איך צוריק בעקעהרט געוואָרען" (סט. אַגוסטין). „אַזוי שלעכט בין איך געווען, ווער וועט אָבער האָבען די חוצפה צו בעהויפטען, אַז ער איז בעסער פאַר מיר?" (רוססאָ) „אַזוי האָט זיך לאַנגזאַם ענטוויקעלט פון די אייגענע נאַטור און פון די אַרומרינגלענדע אומשטענדען אַ זשעניע." (געטהע).

אונטער אַלע דיעזע פאָרמען פון אַ לעבענס־בעשרייבונג איז דער פערפאַסער באַשעפטיגט מייסטענס מיט זיך זעלבסט.

אין דעם יעצטיגען יאַהרהונדערט פלעגט מען שרייבען זעלבסט־ביאָגראַפיען נאָך די פאָלגענדע צוויי מוסטערן: „איך בין געווען אַזוי טאַלאַנטפול, אַזוי ליעבענסווירדיג, און אַלע האָבען מיך דאַרום אַזוי שטאַרק באַוואונדערט." אָדער: „איך בין געווען אַזוי פעהיג, אַזוי ליעבענסווירדיג, און דאָך קיינער האָט עס ניט געוואָלט צוגעבען. וועלכע שווערע קעמפפע איז עס מיר אויסגעקומען דורכצומאַכען, איידער איך האָב דערגרייכט די קרוין פון מיין איצטיגע בעריהמטהייט."

אין דיעזע צוויי סאָרטען לעבענס־בעשרייבונגען באַשעפטיגען זיך זייערע פערפאַסער דערמיט, וואָס זייערע מיטמענשען האָבען געזאָגט און געטראַכט וועגען זיי. קראַפּאָטקין אין זיין אויטאָביאָגראַפיע פאַרהילכט ניט דעם עולם'ס אויערען מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען, ער שילדערט אויך

ניט, וויעפיעל ער האט עס דורכגעמאכט, ביז זיי זיינען אנערקענט געווארען; נאך וויניגער צייגט ער ארויס, אויב עס הארט איהם גאר פאר די מיינונג פון דער וועלט. וואס אנדערע דענקען וועגען איהם, דאס דערמאנט ער ניט מיט קיין איינציגען אות. ער געהערט ניט צו די, וועלכע האבען אזוי שטארק ליעב צו ריידען פון זיך. און ווען ער רעדט שוין פון זיך, טהוט ער עס מיט א מין סארט ווידער-ווילען. עס דוכט זיך אויס, דאס אזוי ווי ער איז צו שעמעדיג צו ריידען איבער זיך. מי געפינט ניט אין זיין ביאגראפיע קיין ווידוי, וואס זאל האבען ארויסגענומען דעם שלייער פון דאס, וואס איז געווען דונקעל, פארדעקט; קראפאטקין רעדט ניט פון זיינע מעלות און ניט פון זיינע חסרונות. ער ווערט ניט מיט'ן לעזער צו פאני-בראט. ער דערצעהלט אונז אויך ניט, ווען ער האט זיך פערליבט, און פון זיינע פערהעלטנים צום ווייבליכען געשלעכט רעדט ער אזוי וועניג, דאס ער פערגעסט זיך אונז צומאל צו דערצעהלען, ווען ער האט חתונה געהאט, און נור פון א בעמערקונג געמאכט אגב אורחא דערוויסען מיר זיך, דאס ער האט א פרוי. דאס ער איז א פאטער (און דער בעסטער נאך דערצו) געפינט ער נייטיג צו באמערקען, אבער אויפען קירצעסטען אופן, ווען ער רעדט פון די לעצטע זעכצעהן יאהר פון זיין לעבען.

מי זעהט, אז עס ווילט זיך איהם פיעל מעהר שילדערן דעם גייסטעס-צושטאנד פון זיין צייט, אלס זיין אייגענעם. אין דיעזע אויטא-ביאגראפיע געפינט איהר די פסיכאלאגיע פון דעם אפיציעלען רוסלאנד, פון דעם אונטערדריקטען און געשונדענעם רוסלאנד, פון דעם ארבייטענדען רוסלאנד, ווי אויך פון דעם פארשטיינערטען רוסלאנד.

ער איז פונקט אזוי שטארק פעראינטערעסירט איבערצוגעבען די געשיכטע פון זיין צייט, ווי זיין אייגענע. ער דערצעהלט די געשיכטע פון רוסלאנד, ווי ער אליין האט איהר דורכגעלעבט פון זיין קינדהייט אן, ווי אויך די נעשיכטע פון דער אייראפייאישער ארבייטער באוועגונג פון די לעצטע העלפט פון דעם פערשווינדענדען יאהרהונדערט.

ווען ער פערטיעפט זיך אין זיין אינערליכע וועלט, זעהען מיר דארטען זיך אבשפיעגלען אונזער גאנצע אויסערע וועלט.

אבער אויך אין זיין ביאגראפיע, אין איינקלאנג מיט דעם ציעל, נאך וועלכען געטהע האט געשטרעבט, שטעלט זיך אונז פאר א גרויס-ארטיגער בילד פון דעם, ווי אזוי עס ענטוויקעלט זיך א גרויסער גייסט, איהר זעהט דארט זיך אבשפיעגלען אלע די ענדערונגען, וואנדלונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין דעם גייסט פון דעם גרויסען מאן, און גראדע דיעזע אומוואנדלונגען מאכען דעם גאנצען תוך פון דיעזען מערקווירדיגען בוך.

צו דער יעצטיגער צייט זיינען דאָ צוויי גרויסע רוסישע מענער, וועמעס דענקען און טראַכטען זיינען איבערגעגעבען צו דעם רוסישען פֿאָלק, און צום גוטען פֿון דער מענשהייט אין אַלגעמיין. דאָס זיינען טאָלסטאָי און קראַפּאָטקין. דער ערשטער האט אונז דערצעהלט איינינעס פֿון זיין לעבען אין פּאָעטישער פֿאָרמע, דער אַנדערער גיט אונז, אַהן אירגענד וועלכע פּאָעטישע דיכטערישע קונסט, צום ערסטען מאָל, אַן איבערבליק איבער זיין לעבען.

דיעזע צוויי מענשען, ווי פֿערשיעדען זיי זיינען, דאָך לאָזט זיך צווישען זייער לעבענספֿיהרונג און זייערע גרונד־פּרינציפּען אַ געוויסער פּאַראַלעל אויפֿשטעלען. טאָלסטאָי איז אַ פּאָעט, קראַפּאָטקין איז אַ וויסענשאַפֿטס־מאַן. קיינער פֿון דיעזעביידע האָט אין קיין איינציגע מינוט פֿון זייער לעבען ניט געפֿונען אַ פֿולע בעפֿרידיגונג אין זיין בערוף, פֿאַר וועלכע די נאַטור האָט איהם בעשאָנקען מיט אַזעלכע גרויסע פֿעהיגקייטען.

טאָלסטאָי האָט זיך ניט איבערגעגעבען אויסשליעסליך צו זיין בערוף דורך רעליגיעזע פֿערטיעפֿונגען; קראַפּאָטקין—דורך טיעפֿע בעטראַכטונג פֿון דעם געזעלשאַפֿטליכען לעבען. מענשענליעבע ערפֿילט זייערע ביידענס הערצער. ביידע האַסען די גלייכגילטיגקייט, די גראָבקייט און די גרויזאַמקייט פֿון די העכערע קלאַסען פֿון דער געזעלשאַפֿט, און ביידע פֿיהלען זיך גלייך הינגעצויגען צו דעם ניעדערגעשלאָגענעם און געשענדעטען אָרימען פֿאָלק. ביידע דענקען, אַז דער אונגליק אין אונזער וועלט קומט מעהר דערפֿון, וואָס די מענשען זיינען פֿייג, אַלס דערפֿון, וואָס זיי זיינען דום. ביידע זיינען זיי אידעאַליסטען, געבאָרענע רעפֿאָרמאַטאָרען, ביידע פֿון דער נאַטור זעהר פֿריעדליך. דאָך קראַפּאָטקין, אין געגענזאַץ צו טאָלסטאָי, וועלכער פּרעדיגט דעם פֿריעדען און פֿערדאַמט יעדע רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג, שטעהט מיט די רעוואָלוציאָנערען זעהר ענג פֿערבונדען און געפֿינט יעדעס רעוואָלוציאָנערע אויפֿטרעטען פֿון די אונטערדריקטע פֿאַר בערעכטיגט. אָבער הויפּטזעכליך אונטערשיידען זיי זיך אין זייער שטעלונג צו אינטעליגענץ און וויסענשאַפֿט. טאָלסטאָי אין זיין רעליגיעזען פֿאַנאַטיזמוס האַלט זעהר ווענינ פֿון וויסענשאַפֿט, קראַפּאָטקין אָבער האַלט פֿון איהר זעהר פֿיעל, חאָטש ער איז זעהר ברוגז מיט דעם סאָרט וויסענשאַפֿטס־מענער, וועלכע פֿערגעסען אין זייער באַשעפֿטיגונג דאָס פֿאָלק און זיינע צרות.

מאַנכער מאַן, ווי אויך מאַנכע פֿרוי האָבען פֿאָלבראַכט אַ גרויסע זאַך, און האָבען דאָך ניט געפֿיהרט, וואָס מי קען רופֿען, אַ גרויסען לעבען. עס טרעפֿט אויך דאָס אַ געוויסע פּערזענליכקייט איז זעהר צוציהענד, חאָטש איהר לעבען איז פֿון זעהר קליינע וויכטיגקייט. קראַפּאָטקין אָבער איז ביידעס:

ער ציהט אייך צו צו זיך מיט זיין גוטסקייט, און איהר בעוואונדערט איהם פֿאַר זיין גרויסקייט.

אין זיין נייעסטען בוך „די אויטאָביאָגראַפֿיע״, וואו ער בעשרייבט זיין גאַנצע לעבענס־געשיכטע, וועט איהר געפֿינען די אַלע עלעמענטען, פֿון וועלכע אַ קאָבעדיגער לעבען פֿון אַ גרויסען מאַן בעשטעהט: אידיליע און טראַגעדיע, דראַמע און ראָמאַן.

דאָס ערסטע קומט די שילדערונג פֿון זיין קינדהייט אין מאָסקווע, פֿון זיין לעבען אויפֿ'ן לאַנד, מיט פֿיעלע פּאַטריאַרכאַלישע בילדער און אַזוי מייסטערהאַפֿט אויסגעפֿיהרט, דאָס עס איז ניטאָ אזאַ מענש, וואָס זאָל עס לעזען און עס זאָל ניט מאַכען זיין האַרץ אַ ביסעלע העכער, שנעלער קלאַפּען.

פֿיינע לאַנדשאַפֿט־בילדער זיינען אַריינגעוועבט אין דיעזע שילדערונג, פֿון וועלכע עס אָטהעמט מיט דער דופֿט פֿון אַ רוסישען דאָרף; פּאָרטרעטען פֿון טרייע גוטע דיענער, און אַ בילד פֿון אַ ברודער־ליעבע, וועלכע איז ווירקליך ערהאַבען — דאָס איז די אידיליע אַליין. דאָך פֿאַרגעסט ניט קראַפּאָטקין אונז אויך צו בעשרייבען, וואָס ער און זיינע ברידער האָבען זיך אָנגעליטען אַלס קינדער; מיט אַ זיכערע האַנד בעשרייבט ער די גרויזאַמקייטען, פֿון וועלכע די לייב־אייגענע האַבען געליטען, און שאַניוועט אויך ניט די ענגהערציגקייט און דומהייט פֿון די העררן, געוועלטיגענדיג איבער זייערע פּאַנשציזניקעס.

דראַמע: דער לעבען אין קייזערליכען הויף און געפֿענגניס. אַ לעבען מיט קעניגע און פֿירסטען און א לעבען פֿון אָרימקייט מיט די פּראָלעטאַריער פֿון לאָנדאָן און שווייצאַריען. דאָ קומען פֿאָר פֿערקליידונגען ווי אין אַ דראַמע. און איין און דעמזעלבען טאָג איז דער העלד, צוזאַמען מיט פֿירשטען אין ווינטער־פּאַלאַץ, און אָנגעטאָן אין די זשופּיצע פֿון אַ פּראָסטען מוזשיק, האַלט ער פֿאַר פּראָסטע אַרבייטער אַ פֿאָרלעזונג, אין וועלכע עס ווערען פּראָפּאַגאַנדירט די רעוואָלוציאָנערסטע אידעען.

איהר געפֿינט דאָרט אויך ראָמאַן. מי קען שוין, דאַכט זיך, ניט שרייבען איינפֿאַכער, ווי קראַפּאָטקין, און דאָך זיינען אין דער „אויטאָביאָגראַפֿיע״, צו געפֿינען שפּאַנענדע מאָמענטען, וועלכע זיינען פֿיעל אויפֿרעגענדער, ווי די סענסאַציאָנעלע קאַפּיטלען פֿון די פֿעליעטאָן־ראָמאַנען, וועלכע ווערען געשריעבען בלויז צו דיעזען צוועק. וואָס וואָלט געקענט איינעם נאָך מעהר אויפֿרעגען, ווי די שילדערונג פֿון דעם פּלאַן, ווי ער האָט זיך פֿאָרבערייטעט צו אַנטלויפֿען פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקאַיאַ קריעפּאָסט, און זיין ווירקליך העלדישע, געגליקטע אויספֿיהרונג?

נור ווענינע מענשען האָבען זיך בעװעגט צווישען אַזעלכע פֿערשיעדענע קלאַסען מענשען, און זיי אַלע אַזוי גוט געקענט, ווי קראַפּאָטקין. וועלכע בילדער! קראַפּאָטקין, אַלס קינד אין אַ מאַסקען־קאָסטיום, אויף דעם טהראָן פֿון ניקאָלאַי, דאַן אַלס פּאַזש פֿון אַלעקסאַנדער דעם 2־טען, לויפֿענדיג הינטער איהם, אום איהם צו בעשיצען פֿון אירגענד וועלכע געפֿאַהרען; דאַן אין געפֿענגניס, קאַלט, שטאָלץ, געגען דעם גרויסען פֿירסט ניקאָלאַי, וואָס קומט איהם בעזוכען. אָדער די גרויליכע סצענע, ווען קראַפּאָטקין הערט, ווי מען מאַטערט, שמייסט אַן אַרעסטאַנט, וואָס געפֿינט זיך אין אַ פֿינסטער חדר'ל אונטער זיינע, און הערט צו, ווי דער אונגליקליכער פֿון טאָג צו טאָג פֿערליערט אַלץ מעהר און מעהר זיין פֿערשטאַנד! קראַפּאָטקין האָט געפֿיהרט דעם לעבען פֿון אַ קייזערליכען פּאַזש, אַ אָרימען שרייבער, אַ סטודענט, אַן אָפֿיציער, אַ וויסענשאַפֿטס־מאַן, אַן ענטדעקונגס־רייזענדער, אַדמיניסטראַטאָר, אַרעסטאַנט און פֿערפֿאָלגטען, פֿעריאָגטען אַגיטאַטאָר. אַלס פֿליכטלינג האָט ער צייטענווייז געמוזט לעבען אויף ברויט מיט טהיי, ווי אַ רוסישער מוזשיק, מי האָט נאָך איהם שפּיאָנירט, און מי האָט געזוכט איהם צו ערמאָרדען, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען דער רוסישער קייזער.

ווענינע, זעהר ווענינע בעזיצען אַזאַ מאַסע קענטניסע אויף אַלע געביטען פֿון דער וויסענשאַפֿט, ווי קראַפּאָטקין. פּונקט אַזוי ווי אַלס געלאָג פֿאַסט אום זיין גייסטיגער אויג אַ פֿאָר־היסטאָרישע פּעריאָדע פֿון הונדערטע טויזענדע פֿון יאָהרען, אַזוי פֿאַסט אויך אום זיין גייסט די גאַנצע קולטור פֿון די צייט, אין וועלכע ער לעבט. צו די ליטעראַרישע און וויסענשאַפֿטליכע בילדונג, וועלכע ער האָט געקראָגען אין אוניווערזיטעט, צו דער ליטעראַטור, מאַטהעמאַטיק און פֿהילאָזאָפֿיע, בעזיצט ער אין אַ הויכען גראַד קענטניסע, וועלכע מי קען נור לערנען אין ווערקשטאַט, אויף'ן פֿרייען פֿעלד, אין לאַבאָראַטאָריום. נאַטור־וויסענשאַפֿט, קריעגס־וויסענשאַפֿט, מאַשינען־בוי, און פֿאַבריק־וועזען — קיין זאַך איז איהם ניט פֿרעמד, און מי קען זיך שוין פֿאָרשטעלען, וואָס דיעזער פֿייעריגער גייסט האָט עס געמוזט זיך אָנליידען, ווען ער איז פֿעראורטהיילט געוואָרען צוויי מאָל אין לעבען צו אַ לאַנגיעהריגע אונטהעטיגקייט. וואָס פֿאַר אַ זעלען־שטאַרקייט, וואָס פֿאַר אַן אויסדויערונגס־קראַפֿט, זיין מעכטיגע, רייכע נאַטור האָט אַרויסגעצייגט. קראַפּאָטקין אַליין בעמערקט ערגעץ־וואו, דאָס די זיטליך־ענטוויקעלטע אינדיווידואַליטעט מוז זיין דער פֿונדאַמענט פֿון יעדער אָרגאַניזאַציאָן. ווי ריכטיג דאָס פּאַסט זיך אויף איהם אַליין. ער איז פֿון זיין לעבענס־שיקזאַל אויסגעהאַקט געוואָרען אַלס דער ווינקעלשטיין פֿאַר דעם געבוי פֿון דער צוקונפֿט.

אין קראַפּאָטקין׳ס לעבען האָט פּאַסירט אַ צווייפאַכע אומוואַנדלונג, וועלכע, מיר שיינט, פערדיענט בעזאָנדערע אויפמערקזאַמקייט.

ער איז אַלט אַ יאָהר דרייסיג. ווי געוועהנליך, איז דאָס דער ענט־שיידענדער מאָמענט אין דעם מענשענס לעבען. מיט זיין לייב און לעבען איז ער אַ מאַן פון וויסענשאפט, און ער מאַכט אַ גרויסע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונג. ער האָט אויסגעפונען, דאָס די קאַרטען פון נאָרד־אַזיען זיינען ניט ריכטיג, דאָס ניט נור די אַלטע אויפאַסונג פון דער געאָגראַפיע איז אַ פאַלשע, נור דאָס זאָגאַר די אַנשויאונג פון אַלעקסאַנדער הומבאָלד איז אין ווידערשפרוך מיט די ווירקליכע טהאַטזאַכען. מעהר ווי צוויי יאָהר איז ער בעשעפטיגט אין דיעזען שטודיום, און ענדליך איז ער גליקליך צו קענען זאָגען מיט בעשטימטהייט, אַז ער האָט רעכט געהאַט. ער געניעסט די פרייד פון אַן ענטדעקער אין פולער מאָס.

אָבער ניט אויף לאַנג. דיעזע פרייד ווערט איהם פערביטערט, דערמאָנענדיג זיך, אַז ניט פיעלע מענשען אין אונזער געזעלשאַפט קענען אַזוי גליקליך זיין. עס פרעגט זיך, אויב ער האָט גאָר אַ רעכט אַליין צו געניעסען אַזוי פיעל גליק. אַ העכערע פפליכט רופט איהם, צו פערברייטען דיעזע גרויסע ענטדעקונגען פון דער וויסענשאַפט צווישען פאָלק, אַנשטאָט צו מאַכען אַליין ווייטערע ענטדעקונגען, און דאָס פאָלק זאָל בלייבען אין אייביגע פינסטערניס.

און דיעזער געדאַנקען לאָזט איהם איינפאַך ניט מעהר רוהען. אין פינלאַנד, וואו ער געפינט זיך ביי דעם שוועל פון שוין ווידער אַ נייע גרויסע ענטדעקונג, ווערט זיין האַרץ ערגריפען פון אַזאַ מיטלייד מיט די עלענדע אונד ערניעדריגטע, דאָס ער וואַרפט אַלעס אַוועק, און בעשליעסט צו ווערען דער העלפער, דער לעהרער פון יענע הילפלאָזע, עלענדע מענשען. אַ נייע וועלט עפענט זיך פאַר איהם אויף. ער לערנט דערווייל אַליין פון די, וועלכע ער איז געגאַנגען לערנען. פינף, זעכס יאָהר שפּעטער קומט פאַר די צווייטע אומוואַנדלונג אין דעם לעבען פון דיעזען גרויסען גייסט.

שוין פיעל פריהער, וועהרענד קראַפּאָטקין׳ס ערסטען מאָל זיין אין דער שווייץ, האָט ער זיך אָבגעטהיילט פון די שטאַאַטס־סאָציאַליסטען. ער האָט געזעהען, מיט זיין גייסט, וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע דעספּאָטיע קען אַרויסוואַקסען אין אַ געזעלשאַפט, געגרינדעט אויף דעם פּרינציפּ פון צענטראַל־אָרגאַניזאַציאָן און אויף די אונטערדריקונג פון די פרייהייט פון דעם איינצעלנעם. דאָך ערסט נאָך זיין לאַנגער פערהאַפטונג אין רוסלאַנד, זייענדיג שוין אין דער שווייץ דעם צווייטען מאָל, ווערט ער זיך פאָלקאָמען קלאָר איבער דעם נייעם געזעלשאַפטס־צושטאַנד, וועלכען די מענשהייט געהט

ענטגעגען. עס צייכענט זיך איהם אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע בעשטעהט פֿון פֿרייוויליגע גרופּען, אַלע צוזאַמען פֿעדערירט אין אַ ברידערליכען בונד, נאָך דעם מוסטער פֿון די באַהן־געזעלשאַפֿטען אָדער דעם אינטערנאַציאָ־נאַלען פּאָסט־וועזען, וואו אַלעס געהט צו אַזוי גוט, און גראַדע אָהן אירגענד וועלכע צענטראַליזאַציאָן.

פֿון יענער צייט אָן זיינען זיינע גרונד־פּרינציפּען געבליעבען דיע־זעלבע ביז אויף היינטיגען טאָג. ער ווייס, דאָס ער קען ניט פֿאָרצייכנען דעם וועג פֿון דער צוקונפֿט, ער איז דער מיינונג, דאָס אַלעס מוז אַרויס־ענטוויקלען זיך פֿון די טהעטיגקייט פֿון די מאַסען זעלבער.

קראַפּאָטקין רופֿט זיך אַליין אָן אַ רעוואָלוציאָנער. זעלטען איז אַ רעוואָלוציאָנער געוועזן אַזוי מילד, אַזוי פֿרידליך, טראָטץ זיין שטאַרקען האַס געגען דער בורזשואַזיע. ער איז קיינמאָל ניט געוועזן קיין בעל נוקם, זעהר אָפֿט אָבער אַ מאַרטירער. ער האָט קיינמאָל ניט געמאַכט אַן אַנדערן צו ברײנגען אָפּפֿער, זיך אָבער האָט ער קיינמאָל ניט גישאַנעוועט. זיין גאַנצען לעבען האָט ער געהאַלטען אין איין מקריב זיך זיין פֿאַר די ליידענדע, אָבער אויף אַזאַ אופֿן דאָס מי זאָל מיינען, אַז עס איז איהם גאָר ניט שווער געוועזן דאָס צו טהאָן.

ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, וועלבער האַלט ניט פֿון די אַלע שטאַרקע ווערטער, פֿלוכען, קאָנספּיראַציעס און אַלע אַנדערע צערעמאָניעס, וועלכע אַנדערע מיינען זיינען די רעוואָלוציאָן גופא; ער דאַרף ניט מורא האָבען צו פֿערגליכען ווערען מיט קיין פֿרייהייטס־מאַן פֿון דעם היינטיגען יאַהר־הונדערט. קיינער האָט נאָך ניט אויפֿגעוויזען קיין גרעסערע פֿעהיגקייטען. קיינער האָט ניט בעוויזען אַ לעבען פֿון מעהר גאַנצקייט, מעהר אונאייגענ־ניציגקייט, ווי עס איז דער לעבען פֿון פּעטער קראַפּאָטקין.

געאָרג בראַנדעס.

ערשטער טהייל.

1.

מאסקווע איז אַ שטאָדט, וואָס איז אויפֿגעוואַקסען היסטאָריש לאַנגזאַם; און ביז אויפֿ'ן היינטיגען טאָג זיינען נאָך אין איהרע פֿער־שיעדענע קוואַרטאַלען דייטליך צו זעהען די סמנים, מיט וועלכע דער פּאַמעליכער גאַנג דער געשיכטע האָט זיי געשטעמפּעלט.

די געגענד פֿון די מאָסקווער טייך, מיט איהרע ברייטע, פֿערשלאָפענע גאַסען און די אומעדיגע גרוי־געפֿאַרבטע, ניעדריגע הייזקעס, מיט טויערן וואָס זיינען פֿעסט פֿערריגעלט, סיי ביי־טאָג, סיי ביי־נאַכט, — דיעזע טויט־שטילע געגענד איז פֿון תמיד אָן דער אָב־געזונדערטע וואוינונג־פּלאַץ פֿון די מאָסקווער קופּצעס, די פֿעסטונג פֿון די פֿאָרמאַלנע, שטייפֿע און דעספּאָטישע סטאַראָ־פּאָוויערצעס. דער ציטאַדעל, קרעמל, איז נאָך איצט דער מיטעלפּונקט פֿון שטאַאט און קירכע; זיין אונגעהייער גרויסער מאַרק, בעדעקט מיט טויזענדער קראָמען און וועהר־הייזער, איז פֿון הונדערטער יאָהרען אָן געווען אַ געפּאַקטער ביהנשטאָק פֿון קאָמערציע, — דער סאַמע צענטער פֿון אַ גרויסען אינגערליכען האַנדעל, וועלכער פֿערשפּרייט זיך איבער'ן גאַנצען שטח פֿון דער גרויסער אימפּעריע. די טווערסקאַיאַ און די שמיעדען־בריק זיינען געווען די הויפּט־פּונקטען פֿון די מאָדע־געשעפֿטען פֿון דור דורות אָן, בעת אין די אַרבייטער

קוואַרטאַלען מערקען מיר נאָך איצט די סמנים, וועלכע האָבען כאַראַקטער־ריזירט זייער שטירמישען המון אין דער צייט פֿון די מאָסקווער צאַרען. יעדע געגענד איז אַן עולם קטן פֿאַר זיך, יעדער קוואַרטאַל האָט זיך זיין אייגענעם פּנים, און לעבט זיך זיין אייגענעם, אָבגעזונדערטען לעבען. אפילו די אייזענבאַהנען, וואָס האָבען אַריינגעדרונגען אין דער אַלטער הויפּטשטאָדט האָבען אויך אָבגעזונדערט זייערע מאַשין־פֿאַבריקען אין גאַנץ בעזונדערע צענטערס פֿון די אַרומיגע פֿאָרשטעטלעך.

פֿון דעסטוועגען שטעלט מיט זיך קיין איינציגער שטאָדט־טהייל ניט פֿאַר אַזאַ ריכטיגען בילד פֿון דער אַלטער מאָסקווע, ווי גראַד דיעזער לאַבירינט פֿון ריינע, שטילע, פֿערפּלאָנטערטע גאַסען און געסלעך, וואָס געפֿינט זיך הינטער דער קרעמל־פֿעסטונג, און וועלכע ווערט נאָך עד היום גערופֿען דער שטאַלמייסטער־קוואַרטאַל, אדער סטאַראַיאַ קאָניושנאַיאַ מיט אַ פֿינפֿצעהן יאָהר צוריק האָט אין דיעזען קוואַרטאַל געלעבט און איז פֿאַמעלאַך אויסגעשטאָרבען די אַלטע מאָסקווער דוואָריאַנסטוואָ, וועמענס נעמען איהר בעגעגענט אַזוי אָפֿט אויף די בלעטער פֿון די רוסישע היס־טאָריע פֿון פּיאָטער דעם ערשטען. דיעזער אַדעלשטאַנד איז אָבער נאַכהער פֿערשוואונדען, מאַכענדיג פּלאַץ פֿאַר די נייאויפֿגעקומענע, אַ מין ערב־רב, וועלכער איז גערופֿען געוואָרען אין דיענסט פֿון דעם גרינדער פֿון דער רוסישער אימפּעריע.

זייענדיג פֿערדרענגט פֿונ'ם רוסישען הויף אין פּעטערסבורג, האָבען זיך דיעזע אַלטע אַריסטאָקראַטען צוריקגעצויגען אָדער אין זייער אַלטער קאָניושנאַיאַ אַריין, אָדער אין זייערע רייכע גיטער אַרום מאָסקווע; מיט פֿעראַכטונג און בעהאַלטענער קנאה האָבען זיי געקוקט אויף דעם אָנגע־לאָפֿענעם ערב־רב, וועלכער איז געקומען, דער רוח ווייס זיי פֿון וואַנען, צו פֿערכאַפּען די העכסטע שטעלען פֿונ'ם קעניגרייך, אין דער נייער הויפּט־שטאָדט, ביי די ברעגעס פֿון דער נ י ע ו ו אַ.

אין זייערע אינגערע יאָהרען האָבען נאַטירליך אַלע דיעזע אַלטע דוואָריאַנעס זיך געסטאַרעט בעריהמט צו מאַכען אין זייער סלוזשבע, בעזאָנדערס אין דער אַרמעע, אָבער תמיד האָט זיך עפּעס געמאַכט אַזוי, אַז זיי האָבען אין קורצען אין גאַנצען געמוזט אויפֿגעבען די דיענסט. ניט האָבענדיג דערגרייכט קיין שום הויכען טשין. די מעהר ערפֿאָלגרייכע פֿון צווישען זיי האָבען אַפילו יאַ געקראָגען מאַנכע רוהיגע עהרענשטעלען אין זייער מוטערשטאָדט, — מיין פֿאָטער וואַר איינער פֿון זיי, — אָבער די מייסטע פֿון זיי האָבען זיך גאָר פּשוט צוריקגעצויגען פֿון דער טהעטיגער סלוזשבע. נור, ווי מי זאָל זיי ניט האָבען פֿאַרדרענגט און גע'רודף'ט אין

פּערלויף פֿון זייערע קאַריערעס, האָבען זיי אָבער תמיד, ווי עס איז, אויס־געמאַרקירט צו פֿערברייננגען זייערע אַלטע יאָהרען אין זייער אייגענער הויז, אין דער סטאַראַיאַ קאָניושנאַיאַ, אינ׳ם שאָטען פֿון דעם קלויסטער, וואו מען האָט זיי געטויפֿט, און וואו זיי האָבען געהערט די לעצטע תפילות ביי דער קבורה פֿון זייערע עלטערען.

נייע צווייגען האָבען אַרויסגעשפּראָצט פֿון די אַלטע פּיעניעס. אַ טהייל פֿון זיי איז געוואָרען בעריהמט אין פֿערשיעדענע טהיילען פֿון רוסלאַנד; מאַנכע האָבען זיך פֿערשאַפֿט לוקסוריעזע הייזער פֿון דער לעצטער מאָדע אין גאַנץ אַנדערע קוואַרטאַלען פֿון מאָסקווע אָדער פּעטערסבורג, אָבער די וואָס זיינען געבליבען אין דער אַלטער קאָניושנאַיאַ, לעבען דעם גרינעם, געלען, רויטליכען אָדער ברוינעם קלויסטער, וועלכער איז אין זייער זכרון געבליעבען טיעף איינגעקריצט דורך די פֿאַמיליע־ערינגערונגען, — דיעזער טהייל פֿונ׳ם אַדעלצווייג איז דאָך תמיד גערעכענט געוואָרען, אַלס דער אמת׳ער פֿאָרשטעהער פֿון דער משפחה, אַפֿילו ווען ער האָט ניט פֿער־נומען דעם ריכטיגען פּלאַץ אין איהר יחוס־בריעף. דער הויפּט־מיטגליעד פֿונ׳ם אַלטען דור איז תמיד בעהאַנדעלט געוואָרען מיט גרויס כבוד אַפֿילו פֿון די אינגערע פֿאָרשטעהער פֿון דעם פֿאַמיליען־שטאַם, פֿון די וואָס האָבען גאָר אין גאַנצען פּערלאָזען די היילינע מוטער־שטאָדט, זובענדיג הערליכע קאַריערען אין דער פּעטערסבורגער לייב־גוואַרדיע אָדער אינ׳ם קייזערליכען הויף.

אין דיעזע שטילע גאַסען, ווייט אַוועק פֿון דעם ליאַרעם און גערודער פֿון דער קאָמערציעלער מאָסקווע, האָבען אַלע הייזער כמעט געהאַט דעם זעלבען פּנים. דאָס רוב זיינען זיי געוועזען געבויט פֿון האָלץ, בעדעקט מיט העל־גרינע בלעכענע דעכער. בעפּוצט מיט זיילען און גאַלעריקעס פֿון פֿאָרענט; אַלע זיינען זיי געוועזען געפֿאַרבט מיט בליאַסקעדיגע פּאַרבען, און זיינען בעשטאַנען פֿון איינגאָרענדיגע בנינים מיט זיעבען אָדער ניין שיינע גרויסע פֿענסטער אויף די גאַס אַרויס. וואו ניט וואו האָט מען אויך געקענט זעהען אַ צווייטען שטאָק, אָבער נור אין דעם הינטערסטען טהייל פֿון הויז, וואו עס וואַר אַ גרויסער הויף מיט פֿיעלע קליינע געביידעס, ווי צום ב״ש, קיכען, שטאַלען, קעלערס און באַטקעס פֿאַר די דיענערשאַפֿט. אַ ברייטער טויער האָט געפֿיהרט אין דיעזען הויף אַריין, און אויפֿ׳ן טויער איז געוועזען אַ בראָנזענער שילד, אויף וועלכען עס וואַר געוועהנליך צו לעזען: „דאָס הויז פֿון דעם און דעם ליוטענאַנט אָדער פּאָלקאָווניק און קאָמאַנדיר,״ — זעהר זעלטען: „מאַיאָר־גענעראַל״, אָדער אַן עהנליך הויכער ציוויל־טשין. אַבער ווען איהר האָט בעגעגענט אַ רייכערע הויז, מיט אַ בעגילטען

אייזערנעם טויער אין איינע פֿון יענע גאַסען, האָט איהר שוין בלתי ספק געקענט לעזען אויף דער שיינער טאַבעלע: „קאָמערין־קאָנסול" אָדער „געעהרטער בירגער" דער און דער. די וואַרען שוין די איינדרינגער, די אונגעבעטענע געסט אין דיעזען קוואַרטאַל, און זיי וואַרען אויך דערפֿאַר גאַנץ איגנאָרירט פֿון זייערע אַדעליגע שכנים.

קיין קראָמען זיינען אין דיעזע אַלטע, אויסגעוועהלטע גאַסען ניט ערלויבט געווען ווי כיבע ערגעץ אין אַ הילצערנער קהל'עשער באַטקע האָט איהר נאָך יאָ געקענט געפֿינען אַ גראָסערקע, אָבער דאַן איז דעם גאַראַד־דאָוואָי'ס קעמערל תמיד געשטאַנען געגענאיבער, און דער פּאָליציסט גופא פֿלעגט זיך ביי־טאָג אַוועקשטעלען ביי זיין טויער, אום צו בעגריסען מיט זיין פּאַרצייטיגער פּיקע די פֿאָרבייגעהענדע אָפֿיציערען און פֿלעגט זיך אָבענד־צייט צוריקציהען אין זיין קעמערל און זיך ווידער נעהמען צו זיין אומנות לאַטענדיג שיך, אָדער פֿאַבריצירענדיג געוויסע סאָרטען שמעק־טאַבאַק, וועלכע וואַרען זייער פּאַטראָניזירט פֿון די עלטערע שכנים פֿון דער נאַכבאַרשאַפֿט.

אַזוי האָט עס זיך געלעבט בשלום ובשלוה — פֿון אויסענווענדיג לכל הפחות — אין דיעזער פֿינפֿטע עווענין פֿון מאָסקווע. אין דער פֿריה האָט מען ניט געקענט זעהען קיין איין לעבעדיגען נפש אויף'ן גאַס. אַרום מיטאָג־צייט פֿלעגען זיך יאָווען די קינדער מיט זייערע פֿראַנצויזישע לעהרער און דייטשע ניאַנעס, וועלכע האָבען אַרויסגעפֿיהרט זייערע תלמידים אויף די שנעע־בעדעקטע בולוואַרען. שפּעטער אַ ביסעל האָט איהר געקענט בעגעגנען די דאַמען אין זייערע צוויי־פֿערדיגע שליטענס, מיט אַ קוטשער וואָס פֿלעגט שטעהען אויף אַ ברעטעל פֿון הינטען; אָדער אַ ניט וואַרען דיעזע פֿאַרצערטעלטע אַריסטאָקראַטקעס איינגעטוליעט אין זייערע אַלט־מאָדישע קאַרעטען, מאַסיוו און הויך, אויף גרויס־געבויגענע שפּרושינעס, געשלעפּט פֿון פֿיער פֿערד, מיט אַ פּאָסטיליאָן פֿון פֿאָרענט און צוויי קוטשערס פֿון הינטען. ביי דער נאַכט זיינען דאָס רוב הייזער געווען זעהר העל בעלויכטען, און אַזוי ווי די פֿאָרהאַנגען וואַרען קיינמאָל ניט אַראָב־געלאָזען, האָבען די פֿאָרבייגעהער תמיד געקענט בעוואונדערען די רייבע קאָרטענשפּיעלער, אָדער די לוסטיגע טענצער אין די הערליכע זאַלען.

„מייגונגען" זיינען נאָך דאַן ניט געווען אין דער מאָדע, און מיר וואַרען נאָך דאַמאַלס ווייט פֿון די יאָהרען, בעת אין יעדען פֿון דיעזע הייזער איז געפֿיהרט געוואָרען אַ מלחמה צווישען אַלטען און נייעם דור,— אַ מלחמה וועלכע פֿלעגט זיך געוועהנליך ענדיגען אָדער מיט אַ פֿאַמיליען־סקאַנדאַל אָדער מיט אַ ביינאַכטיגען וויזיט פֿון דער פּאָליציי. מיט פֿופֿציג

יאָהר צוריק האָט מען נאָך פון אַזעלכע מעשיות ניט געהערט, פון אויס־ווענינ, לכל הפחות, האָט אַלעס אויסגעזעהען רוהיג און גלאַט.

אין דיעזען אַלטען קוואַרטאַל בין איך געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1842, און דאָ האָב איך פערבראַכט פופצעהן יאָהר פון מיין לעבען. אפילו בעת דער פאָטער האָט פערקויפט די הויז, אין וועלכע אונזער מוטער איז געשטאָרבען, קויפענדיג אַנאַנדער הויז, און בעת ער האָט אויך דיעזע הויז פערקויפט, און מיר האָבען פערבראַכט איינינע ווינטערס אין גערונ־גענע הייזער, ביז ער האָט געפונען א דריטע פאַסענדע הויז, ניט ווייט פון׳ם קלויסטער וואו מי האָט איהם אַלס קינד געטויפט, — זיינען מיר אַלץ פערבליבען אין דער סטאַראַיאַ קאָניושנאַיאַ, אַ חוץ זומער, בעת מיר פלעגען זיך איבערקלייבען אין אונזערע דאַטשעס אויף׳ן דאָרף.

2.

אַ הויכער, געראַמיגער צימער מיט אַ ברייטע בעט אויף וועלכער אונזער מוטער ליעגט, לעבען בעט אונזערע קינדער־בענקלעך און טישלעך, און די שיין־געדעקטע טישען פול מיט צוקערקעס, קיכלעך און איינגעמאַכץ אין פרעכטיגע גלעזערנע סלאָיעס, — אַ צימער אין וועלכען מי האָט אונז אַריינגעבראַכט גאַנץ אונערוואַרטעט, — דאָס איז די ערשטע, האַלב־דונקעלע עראינערונגען פון מיין לעבען.

די מוטער האָט דעמאָלט געהאַלטען ביי׳ן שטאַרבען פון שווינדזוכט. אין גאַנצען איז איהר בלויז געווען פינף און דרייסיג יאָהר. איידער זי האָט זיך מיט אונז אויף אייביג אָבגעזעגענט, האָט זי געבעטען, מיר זאָלען זיין לעבען איהר, אום, אונז לאַשצענדיג, זאָל זי זיך כאָטש אויף אַ רגע פיהלען גליקליך אין אונזער גליק; זי האָט דעריבער פאַר אונז מכין געווען דיעזע סעודה ביי איהר בעט, וועלכע זי האָט שוין מעהר קיינמאָל ניט געקענט פאַרלאָזען. איך געדענק איהר בלייכען, אויסגעדאַרטען פנים, איהרע גרויסע, דונקעל־ברוינע אויגען. זי האָט אויף אונז געקוקט מיט ליעבשאַפט, און האָט געבעטען מיר זאָלען עסען און אַרומקלעטערען אויף איהר בעט; דאַן, גאַנץ פלוצלונג, האָט זי זיך פאַנאַנדער געוויינט און האָט גענומען הוסטען; דערוויל האָט מען אונז געהייסען זיך אָבטראָגען.

אַ שטיקעל צייט דערנאָך, זיינען מיר, קינדער — דאָס הייסט, מיין ברודער אַלעקסאַנדער און איך — אריבערגעספּראָוואַדזשעט געוואָרען פון גרויסען הויז אין אַ קליינע כאַטע אויף׳ן הויף אַרויף. די אַפּריל־זון ·האָט אָנגעפילט אונזערע קליינע חדרים׳לעך מיט איהרע שטראַהלען, אָבער אונזער דייטשע אַמם, מאַדאַם בורמאַן און אוליאַנאַ, די רוסישע אַמם, האָבען אונז

געהייסען געהן שלאָפֿען. מיט פּנים'ער, פֿייכט פֿון טרערען, האָבען זיי פֿאר אונז געגעהט שוואַרצע העמדלעך, אַרומגעזוימט מיט ברייטע ווייסע טאַשמעס. מיר האָבען בשום אופן ניט געקאָנט אַנטשלאָפֿען ווערען, דאָס אונבעקאַנטע האָט אונז געשראָקען און מיר האָבען זיך צוגעהערט צו זייער פֿערשטיקטען געשפּרעך. געהערט האָבען זיי עפּעס ווענען אונזער מוטער. וואָס, האָבען מיר ניט געקענט פֿערשטעהן. מיר זיינען אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט און האָבען געפֿרעגט: „וואו איז אונזער מאמאַ? וואו איז מאַמאַ?“ ביידע פֿרויען האָבען זיך פֿאַנאַנדער געשלוּכצט, און גלעטענדיג אונזערע געקרייזעלטע קעפּלעך האָבען זיי אונז געזאָגט: „אָרעמע יתומים נעבעך“ ביז אוליאַנאַ האָט זיך שוין מעהר ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגערופֿען: „אייער מוטער איז אַוועק אַהין, אין הימעל אַריין, צו די מלאכים.“

„וואָס? אין הימעל אַריין? פֿאַרוואָס עפּעס?“ אומזיסט האָט אונזער קינדערשע פֿאַנטאַזיע געזוכט אַן ענטפֿער.

דאָס וואַר אין 1846. מיר איז דעמאָלט געווען דריי און אַ האַלב און מיין ברודעריל פֿינף יאָהר. וואו אַהין מיין עלטערער ברודער ניקאָלאַי און מיין שוועסטער העלענע זיינען געווען אַוועק, ווייס איך ניט. אפשר זיינען זיי שוין געווען אַוועק אין גימנאַזיע. ניקאָלאַי איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָהר און העלענע עלף; זיי האָבען זיך נעחבר'ט צוזאַמען, און מיר ביידע האָבען זיך ווענינ־וואָס גיקענט. און אַזוי זיינען מיר געבליעבען אין דער כאַטקע אונטער דעם רשות פֿון מאַדאַם בורמאַן און אוליאַנאַ. די גוטע אַלטע דיימשקע, היימלאָז און גאַנץ פֿרעמד אין דיעזער גרויסער וועלט, האָט ביי אונז פֿערטרעטען די שטעלע פֿון אונזער מוטער. זי האָט אונז ערצויגען אַזוי גוט ווי זי האָט נור געקענט, אונז בעזאָרגענדיג פֿון צייט צו צייט מיט פּראָסטע שפּיעלגעצייג, און גאַנץ אָפֿט איבערראַשענדיג אונזערע ביינלעך מיט פֿרישע קיכלעך, וועלכע אַנ'אַנדער אַלטע, היימלאָזע דייטשקע פֿלעגט פֿערקויפֿען. אונזער פֿאָטער האָבען מיר זעלטען געזעהען, און די נעקסטע צוויי יאָהר זיינען אַוועק ניט איבערלאָזענדיג דעם מינדעסטען רושם אין מיין זכרון.

אונזער פֿאָטער האָט זעהר שטאָלצירט מיט דעם יחוס פֿון זיין משפחה, און ער פֿלעגט מיט הייליגקייט אָנווייזען אויף אַ שטיק פּאַרמעט, וואָס איז געהאַנגען אויף'ן וואַנד פֿון זיין לעזע־צימער. דיעזער פּאַרמעט איז געווען בעציערט מיט אונזער וואַפּען־הערב, און עס וואַר אויף איהם אָנגעשריעבען און בעשטעטיגט פֿון דעם יחוס־בריעף דעפּאַרטמענט, אַז אונזער משפחה שטאַמט אָב פֿון אַן אייניקעל פֿון ראַאָסטיסלאַוו מיסטיסלאָוויטש דער סמיעלער (בעוואוסט אין דער רוסישער היס־

טאָריע אַלס אַ נאָמען פון אַ גרויס-פירסט פון קיעוו), און אַז אונזערע עלטערען זיינען געוועזן גרויס-פירסטען פון סמאָלענסק.

„עס האָט מיך געקאָסט דריי הונדערט רובל צו קריעגען אָט דעם שטיקעל פּאַרמעט", פלעגט אונזער פאָטער זאָגען. אַזוי ווי די מייסטע מענשען פון זיין עפּאָכע, אַזוי וואַר ער אַ גאַנץ קליינער בקי אין רוסישע היסטאָריע. און ער האָט געשעצט דעם דאָקומענט מעהר פאַר זיין גרויסען פּרייז, ווי פאַר זיין היסטאָרישע בעדייטונג.

דער פאַקט איז, אונזער משפּחה איז ווירקליך פון זעהר אַלטער אָבשטאַמונג; אָבער אַזוי ווי די מייסטע וואָס שטאַמען אַרויס פון רוריק, וועלכע ווערען גערעכענט אַלס די פאָרשטעהער פון דער פעאָדאַלע פּעריאָדע פון דער רוסישער היסטאָריע, אַזוי וואַר אויך אונזער משפּחה פערטריבען מחוץ למחנה, ווען יענע עפּאָכע האָט זיך געענדיגט, און די ראָמאַנאָווס, געקרוינט אין מאָסקווע, האָבען אָנגעהויבען די אַרבייט פון פעראייניגען די רוסישע אימפּעריע. אין די שפּעטערע צייטען, ווייזט אויס, האָט קיינער פון די קראַפּאָטקין׳ס ניט געהאַט קיין שטאַרקען חשק פאַר די סלוזשבע. אַי אונזער עלטער-זיידע, אַי אונזער זיידע, ביידע, האָבען זיי זיך צוריק געצויגען פון׳ם מיליטער יונגערהייט, זיך צוריקקעהרענדיג צו זייערע פאַמיליען-גיטער. און מען מוז צוגעבען, אַז די הויפּט אימעניע, מיטן נאָמען אורוסאָוואָ, אין ריאַזאַנער גובערניע, וועלכע ליעגט אויף אַ הויכען באַרג ביי׳ן ברעג פון גרויסע פרוכטבאַרע פעלדער, האָט געקענט צוציהען צו זיך יעדען איינציגען מיט די פּרעכטיגקייט פון איהרע שאָטענדיגע וועלדער, איהרע ערליכע טייכען און אונגעהייערע לאָנקעס.

מיין זיידע האָט פערלאָזען דאָס מיליטער אַלס לייטענאַנט און ער האָט זיך צוריקגעצויגען קיין אורוסאָוואָ, זיך איבערגעבענדיג אין גאַנצען צו זיין אימעניע, צו וועלכער ער האָט צוגעקויפט נאָך אַנדערע גיטער אין די שכנישע פּראָווינצען.

און אונזער דור וואָלט אויך אַודאי אַזוי געלעבט, ווען דער זיידע וואָלט ניט געוועזן חתונה האָבען מיט אַ פירסטין גאַגאַרין, וועלכע האָט בעלאַנגט צו אַ גאַנץ אַנדערע משפּחה.

איהר ברודער וואַר בעוואוסט אַלס אַ הייסער ליעבהאָבער פון דער בינע. ער האָט זאָגאַר געהאַט זיין אייגענעם טהעאַטער, און דיעזע ליידענשאַפט זיינע האָט איהם געבראַכט אַזוי ווייט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט זיינע אַ שקלאַפין, — די געניאַלישע אַקטריסע סעמענאָוואַ, וועלכע איז געוועזן איינע פון די גרינדער פון דער דראַמאַטישער קונסט אין רוסלאַנד, און אויך איינע פון די אינטערעסאַנטעסטע פיגורען. דער פאַקט, וואָס אויך

נאָך דער חתונה איז זי פֿערבליבען אויף דער ביהנע, האָט נאָך גרעסער געמאַכט דעם סקאַנדאַל פֿון „גאַנץ מאָסקווע".

איך ווייס ניט, צו אונזער גראָסמוטער האָט אויך געהאַט דעם זעלבען אַריסטאָקראַטישען און ליטעראַרישען געשמאַק וואָס איהר ברודער,— איך געדענק זי שוין אַ פּאַראַליזירטע, מיט אַ גאַנץ הייזעריגער שטימע; אָבער זיכער איז, אַז אין דעם נעקסטען דור האָט זיך אין אונזער פֿאַמיליע ענטוויקעלט אַ טענדענץ צו ליטעראַטור. איינער פֿון פרינץ גאַגאַרין'ס זיהן איז געווען אַ שטיקעל פּאָעט, און האָט אַרויסגעגעבען אַ היבשען בוך פֿון רוסישע פּאָעזיע, — אַ פֿאַקט מיט וועלכען מיין פֿאָטער האָט זיך שטאַרק געשעמט, און וועלכען ער פֿלעגט תמיד אויסמיידען אין געשפּרעך; פֿאַר מיין צייט, האָבען עטליכע פלעמעניקעס מיינע, ווי אויך מיין ברודער און איך, געלייסטעט מעהר אָדער ווייניגער פֿיר די ליטעראַטור פֿון אונזער עפּאָכ

דער פֿאָטער איז געווען אַן עכטער אָפֿיציער פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס צייטען. דאָס מיינט ניט אַז ער איז געווען בעטרונקען מיט אַ קריגערישען גייסט, אָדער פֿערליעבט אין דעם לאַגער-לעבען פֿון די סאָלדאַטען. איך צווייפֿעל זעהר צו ער האָט אפילו איין נאַכט אין זיין לעבען צוגעבראַכט אויף דער וואַך, אָדער צו ער האָט זיך כאָטש איין איינציגען מאָל בעטהייליגט אין אירגענד וועלכער מלחמה. אבער אין יענע צייטען איז דאָס געווען ניט וויכטיג. דער אמת'ער מיליטעריסט פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס צייטען איז געווען דער אָפֿיציער, וועלכער איז געווען פֿאַר-בליאָקעט אין דעם מיליטערישען מונדיר, פֿעראַכטענדיג אַלע ציוויל-קליידער מיט זיין גאַנצען האַרצען; דער אָפֿיציער וועמענס סאָלדאַטען ס'האָבען געקענט בעווייזען די שווערסטע קונצען מיט זייערע פֿיס און ביקסען; און וועלכער ס'האָט געקענט בריינגען צום פּאַראַד אַ ראָטע סאָלדאַטען, וואָס זאָלען שטעהן אַזוי גלייך און אונבעוועגליך, אַז קיינער זאָל זיי ניט קענען אונטערשיידען פֿון אַ שערענגע הילצערנע אָדער בלייענע שפּיעל-זעלנער. „זעהר גוט", האָט אַמאָל דער גרויס-פֿירסט מיכאַאיל געזאָגט וועגען אַ פּאָלק סאָלדאַטען, וועלכע ער האָט געהאַלטען אַ שעה לאַנג מיט די ביקסען ביי זייערע שולטערן, — „זעהר גוט, נור זיי אַטהעמען!" אונזער פֿאָטער'ס אידעאַל וואַר אויך אָהן ספק זיך איינצולעבען אין דיעזען בעגריף פֿון אַ דאַמאַלסדיגען מיליטעריסט.

אמת, ער האָט זיך בעטהייליגט אין דער טערקישער מלחמה פֿון 1828; אָבער ער פֿלעגט תמיד אויסמאַרקירען צו בלייבען פֿון הינטען, מיט'ן געגעראַלשטאַב; און בעת מיר, קינדער, זיך בענוצענדיג מיט אַ שעת הכושר, ווען איהם איז געווען בעזאָנדערס גוט אויפֿ'ן האַרצען, האָבען

איהם אַ מאָל געבעטען, ער זאָל אונז עפּעס דערצעהלען פֿון דער מלחמה, פֿלעגט ער שטענדיג איבערחזר׳ן דיזעלבע מעשה פֿון די עטליכע הונדערט טערקישע הינד, וועלכע זיינען איהם און זיין געטרייען קנעכט, פֿראָל, בעפֿאַלען איינמאָל ביי נאַכט, אין אַ פּוכטען טערקישען דאָרף, בעת זיי זיינען געריטען מיט וויכטיגע דעפּעשען צום שטאַב. זיי האָבען געמוזט פֿעכטען מיט זייערע שווערדען ביז זיי האָבען זיך געקענט בעפֿרייען פֿון די הונגעריגע חיות.

3.

ווען דער פֿאָטער וואָלט אונז געהאַט דערצעהלט מיט וואָס פֿאַר אַ העלדישקייט ער האָט גובר געווען די מחנות טערקען, און ניט אימער די זעלבע מעשה, ווי די טערקישע הינד זיינען איהם בעפֿאַלען, וואָלט עס אודאַי מעהר צופֿריעדענגעשטעלט אונזער פֿאַנטאַזיע; אָבער מיר האָבען אויך מקבל באהבה געווען די הינט, שטאָט די טערקען. ווען ער האָט אונז אָבער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט פֿאַר זיין „העלדישקייט" בעקומען דעם אָרדען דער „הייליגער אַננאַ", און דעם גאָלדענעם שווערד, וואָס ער האָט געטראָגען, בין איך זיך מודה, אַז מיר האָבען זיך געפֿינען אמת ענטוישט. די מעשה איז שוין געווען גאָר צו וואָכעדיג. די אָפֿיציערען פֿונ׳ם גענעראַל־שטאַב זיינען איינגעשטאַנען אין אַ טערקישען דאָרף, אין וועלכען עס האָט פּלוצים אויסגעבראָכען אַ פֿייער. אין איין מינוט זיינען אַלע הייזער געווען איינגעוויקעלט אין פֿלאַמען, און אין איין כאַטקע איז איבערגעלאָזען געוואָרען אַ קינד. דערהערענדיג די הערצרייסענדע געוואַלדען פֿון דעם קינד׳ס מוטער, האָט זיך פֿראָל אַריינגעוואָרפֿען אין די פֿלאַמען און האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס קינד. דער גלאַווני קאָמאַנדיר, וועלכער האָט דאָס געזעהען, האָט באַלד דערלאַנגט דעם פֿאָטער דעם אָרדען פֿאַר העלדישקייט.

„אָבער, פּאַפּאַ", האָבען מיר אויסגעשריען, „פֿראָל האָט דאָך געראַטעוועט דאָס קינד!"

„נו, טאָ וואָס איז?" האָט ער געענטפֿערט נאַאיוו. „איז ער דען ניט געווען מיין מענש? עס איז אַלץ איינס".

ער האָט זיך בעטהייליגט אין דער רעוואָלוציאָן פֿון 1831, אין דער צייט פֿון דער פּוילישער פּאָוסטאַניע, און אין וואַרשאָ האָט ער זיך עס פֿערליעבט אין דער אינגסטער טאָכטער פֿון אַ קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, גענעראַל סולימאַ. די חתונה האָט שטאַטגעפֿונען אין דעם לאַזשענסקער פּאַלאַץ מיט גרויס פּאַראַד. פֿירסט פּאַסקעוויטש, דער וויצע־גובערנאַטאָר, איז

געוועזן דער אונטערפֿיהרער פֿון דער כלה'ס צד. „אָבער אייער מוטער האָט מיר קיין נדן ניט געבראַכט", פלעגט ער צופֿיגען.

טאַקי ניט. איהר פֿאָטער, ניקאָלאַי סעמיאָנאָוויטש סולימאַ, איז ניט געוועזן קיין גרויסער בריה צו מאַכען אַ קאַריערע אָדער אַ פֿאַרמעגען. ער האָט וואַהרשיינליך אין זיך געהאַט די בלוט פֿון יענע קאָזאַקען פֿונ'ם דניעפּער, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען ווי צו קעמפֿפֿען מיט די גוט־בעוואַפֿענטע קריעגערישע פּאָליאַקען אָדער טערקען, דריי מאָהל אַזוי פֿיעל ווי זיי, אין צאָהל, אָבער ווי אויסצומיידען די נעץ פֿון דער מאָסקווער דיפּלאָמאַטי האָבען זיי ליידער גאָר ווייניג פֿערשטאַנען, און נאַכדעם ווי זיי האָבען בייגעקומען די פּאָליאַקען אין דעם שרעקליכען מיאַטעזש פֿון 1648, וועלכעס וואַר דער אָנהויב פֿונ'ם סוף פֿון דער פּוילישער רעפּובליק, האָבען דיעזע קאָזאַקען אַליין פֿערלוירען זייער גאַנצע פֿרייהייט אונטער די הערשאַפֿט פֿון די רוסישע צאַרען. איין סולימאַ האָבען די פּאָליאַקען גענומען אין פּלען און ער וואַר פֿון זיי אויף טויט געפּאָלטערט אין וואַרשאָ, אָבער די איבעריגע האָבען נאָך שרעקליכער געקעמפֿפֿט, און פּוילען האָט פֿערלוירען מאַלאָראָסיאַ.

בעת נאַפּאָלעאָן דער ערשטער איז אַריין אין רוסלאַנד האָט אונזער עלטער־זיידע מיט זיין פּאָלק בעפּאַנצערטע סאָלדאַטען זיך אַריינגעוואָרפֿען אין אַן אונגעהייערע מחנה פֿראַנצויזישע פּיעכאָטנע, מיט אויסגעשטעלטע באַיאָנעטען, און נאַכדעם ווי מי האָט איהם געלאָזען אַלס טויט אויפֿ'ן שלאַכטפֿעלד, מיט אַ שיעפֿער ראַנע אין קאָפּ, איז ער דאָך ווי עס איז געזונד געוואָרען. אָבער ביי אַלעקסאַנדער דעם ערשטענס ליעבלינג, דעם אַלמעכטיגען אַרקאַטשעעף, האָט ער קיין טשין ניט געקענט קריעגען, און ער וואַר פֿערשיקט אויף אַן עהרווירדיגען גלות, אַלס גענעראַל־גובער־נאַטאָר אין סיביר.

אין יענע צייטען איז אַזאַ שטעלע געוועזן איינטרעגליכער, ווי אַ גאָלד־גרוב, אָבער אונזער גרויס־פֿאָטער איז צוריקגעקומען פֿון סיביר פּונקט אַזוי אָרעם ווי ער איז אַהין אַוועק, און האָט איבערגעלאָזען אַ גאַנץ אָרעמע ירושה פֿאַר זיינע דריי זיהן און דריי טעכטער.

ווען איך בין געוועזן אין סיביר, אין 1862, האָב איך גאַנץ אָפֿט געהערט דערמאָנען זיין נאָמען מיט גרויס כבוד. די אָגולנע גנבות, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין יענ'ע מקומות, און וועלכע ער איז ניט געוועזן ביכולת צו סטאָפּען, האָבען איהם פּשוט געטריעבען צו פֿערצווייפֿלונג.

די מוטער אונזערע איז אונצוויפֿעלהאַפֿט געוועזן איין מערקווירדיגעס פֿרויענצימער פֿאַר די צייט, אין וועלכע זי האָט געלעבט. פֿיעלע יאָהרען

נאָך איהר טויט, האָב איך, אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל פון אונזער לאַנד־וואוינונג, געפונען אַ גאַנצען פּאַק כתבים געשריעבען מיט איהר פעסטער, אָבער שעהנער האַנד־שריפט: טאַגע־ביכער, אין וועלכע זי האָט מיט ענטציקונג בעשריעבען די דייטשע לאַנדשאַפטען, און אין וועלכע זי האָט אויך גערעדט פון איהרע ליידען און פון איהר דורשט נאָך גליק; ביכער, וועלכע זי האָט פערשריעבען מיט רוסישע פּאָעזיע, וואָס וואַר דאַמאָלסט שטרענג פערבאָטען, — צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפונען די פּרעכטיגע היסטאָרישע פאָלקס־ליעדער פון ר י ל י ע ף, דער פּאָעט, וועלכען ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געהאַנגען אין 1826; אַנדערע ביכער וואָס האָבען ענטהאַלטען מוזיק, פראַנצויזישע דראַמאַס, פּאָעזיע פון ל אַ מ אַ ר ט י ן און ב אַ י ר אָ ן, וועלכע זי האָט קאָפּירט. אויך אַ גאַנצען פּאַק וואַסער־קאָליערטע בילדער.

הויך, שלאַנק, מיט אַ מאַסע העל־ברוינע האָר, מיט דונקעל־ברוינע אויגען, און אַ קליינינקען מויל, זעהט זי אויס כמעט ווי לעבעדיג אויף אַן אויל־פּאָרטרעט, וועלכען אַ גוטער אַרטיסט האָט געמאַכט. אימער לוסטיג און זאָרגלאָז, האָט זי זעהר ליעב געהאַט צו טאַנצען; און די פּויערטעס פון אונזער דאָרף פלעגען דערצעהלען, ווי זי האָט אָפּט אַרונטערגעקוקט פון גאַניק און בעוואונדערט אונזער רעדעל־טאַנץ, ביז זי פלעגט זיך שוין ניט קענען איינהאַלטען און האָט זיך זעלבסט איינגעשלאָסען אין רעדעל. זי האָט געהאַט די נאַטור פון אַן אַרטיסט. פערקיהלט האָט זי זיך אויף אַ באַלל, און די לונגען־ענטצינדונג האָט איהר געבראַכט צו איהר יונגען קבר.

אַלע, וואָס האָבען איהר געקענט, האָבען איהר געליעבט. די דיענער־שאַפט האָט פשוט פערגעטערט איהר נאָמען. צוליעב איהר אַנדענקונג האָט די מאַדאַם בורמאַן אונז געניאַנטשעט, און פון איהרעטוועגען האָט אונז די רוסישע ניאַנקע מיט ליעבשאַפט געלאַשצעט.

קעמענדיג אונזערע האָר, אָדער אונז איבערציילעמענדיג אויפ'ן געלעגער, פלעגט אוליאַנאַ אָפּט זאָגען: „און אייער מאַמע קוקט איצט אודאי אַראָפּ פון הימעל און בעגיעסט זיך מיט טרערען, דערבליקענדיג איהרע אָרעמע יתומים”. איהר אַנדענקען האָט דורכגעדרונגען און ערוואַ־רעמט אונזער גאַנצע קינדהייט. גאַנץ אָפּט פלעגען מיר דערפיהלען אויף זיך די האַנד פון אונזערען אַ קנעכט, ערגעץ אין אַ דונקעלען קאָרידאָר, אונז גלעטענדיג; אָדער אַ פּויערטע, אונז בעגעגענדיג אויפ'ן פעלד, פלעגט אָפּט אַ פרעג טהאָן: „וועסטו אויך זיין אַזוי גוט, ווי דיין מאַמע איז געווען? זי האָט תמיד געהאַט רחמנות אויף אונז. אַ יאָ, דו וועסט אויך אַזוי זיין, ווי זי?” מיט דעם וואָרט „אונז” האָט זי זעלבסטפערשטענדליך געמיינט

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904.

EKATERINA NICOLAEVNA KROPOTKIN,
MOTHER OF P. KROPOTKIN.

די פּאַנשטשיזניקעס. איך ווייס ווירקליך ניט, וואָס עס וואָלט פֿון אונז געוואָרען, ווען מיר וואָלטען ניט געוועזען האָבען אין דער היים אונזערער, צווישען די דיענערשאַפֿט, אָט די אַטמאָספֿערע פֿון ליעבשאַפֿט, וועלכע קינדער ברויכען אַזוי נייטיג.

מיר זיינען געוועזען איהרע קינדער, האָבען געהאַט איהר פֿיזיאָנאָמיע און זיי האָבען אונז דאַרום געליעבט מיט זייער גאַנצען האַרצען, ווי איהר וועט עס קענען זעהען ווייטער.

דער מענש שטערבט ליידענשאַפֿטליך צו לעבען נאָכ'ן טויט, אָבער ער שטאַרבט אָפֿט אַוועק, ניט מערקענדיג, אַז דער זכרון פֿון אַן אמת גוטען מענשען לעבט אייביג. דאָס שטעמפּעלט זיך אָפּ אויפֿ'ן נעקסטען דור, און געהט איבער בירושה צו די קינדער. איז דאָס ניט אַן אונשטערבליכקייט פֿיר וועלכע עס לוינט צו שטערבען?

צוויי יאָהר נאָך דער מוטערס טויט האָט דער פֿאָטער ווידער התונה געהאַט. ער האָט שוין געהאַט געוואָרפֿען אַן אויג אויף אַ שעהנע פֿרוי, דעם מאָהל פֿון אַ רייכע משפּחה, ווען אין מיטען דערינען האָט זיך ראָס בייזע מזל אַריינגעמישט. איין שיינעם פֿריהמאָרגען, ווען ער איז נאָך געוועזען אין זיין שלאָף־ראָק, זיינען די דענשטשיקעס אַריינגעלאָפֿען אין זיין צימער און האָבען איהם אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז דאָ איז אָנגעקומען דער גענעראל טימאָפֿעעף, דער קאָמאַנדיר פֿון זעקסטען קאָרפּוס, צו וועלכען דער פֿאָטער האָט בעלאַנגט.

דיעזער ליעבלינג פֿון אַלעקסאַנדער דעם ערשטען איז געוועזען אַ פֿורכטבאַרער מענש. ער האָט געקענט הייסען שמייסען אַ סאָלדאַט פֿאַר דעם קלענסטען פֿעהלער ביי'ן פּאַראַד, אָדער ער האָט געקענט אַראָפּ־וואַרפֿען אַן אָפֿיציער פֿון זיין טשין און איהם נאָך פֿערשיקען אויף סיביר, בלויז דערפֿאַר, וואָס ער האָט איהם געזעהען אין גאַס מיט אַן אָבגעשפּילעטען קאָלנער. ביי ניקאָלאַיען איז טימאָפֿעעף'ס וואָרט געוועזען אַלמעכטיג.

דער גענעראַל, וועלכער איז בעפֿאָר נאָך קיינמאָל ניט געוועזען אין אונזער הויז, איז געקומען צו מיין פֿאָטער, איהם פֿאַרשדכ'נען זיינע אַ פּלימעניצע, מאַדמואַזעל עליזאַבעט קאַראַנדינאָ, איינע פֿון עטליכע טעכטער פֿון אַ רוסישען אַדמיראַל; זי איז געוועזען אַ יונגע דאַמע מיט אַ קלאַסיש־גריכישער פֿיזיאָנאָמיע, און מי זאָגט, אַז זי וואַר אַמאָהל אַ גרויסע שיינהייט.

דער פֿאָטער איז בעשטאַנען אויפֿ'ן שידוך, און זיין צווייטע חתונה איז אויך געפֿייערט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד.

„איהר, יונגע לייטלעך, פֿערשטעהט גאָר ניט אין אַזעלכע ענינים",

פּלעגט ער ענדיגען זיין ערצעהלונג מיט אַ זעהר פיינעם הומאָר. אָבער ווייסט איהר וואָס עס האָט בעטייט אין יענע צייטען, דער קאָמאַנדיר פון אַ קאָרפּוס? בעזאָנדערס, „יענער טייוועל מיט די בלינדע אויג", אַליין קומענדיג אַלס שדכן? פערשטעהט זיך, אַז פון קיין נדן איז שוין דאָ ניט געווען וואָס צו ריידען. זי האָט ניט געהאַט קיין צובראָכענע מטבעה; אַחוץ אַ גרויסען קופערט אָנגעפּאַקט מיט ווייבערשע שמאַטעס, און מארטהא, איהר איינציגע שקלאַפין, וואָס וואַר שוואַרץ ווי טאָטער און איז זיך גאַנץ געמיטהליך געזעסען אויפ'ן קאַסטען, האָט זי קיין זאַך ניט מיטגעבראַכט.

פון דיעזער גאַנצער עראייגניס געדענק איך אַ האָר ניט. אַלעס וואָס איך געדענק, איז: אַ רייכער זאַאַל אין אַ רייך־געמעבלירטע הויז, און אַ יונגע פרוי, מיט אַ חנ'עוודיגען, אָבער אַ ביסעל צו שאַרפען בליק וואָס פלעגט מיט אונז שפּאַסען און זאָגען: „איהר זעהט חברה, וואָס פאַר אַ לוסטיגע מאַמע איהר וועט האָבען". „אונזער מאַמע איז אַוועק אין הימעל", פלעגען מיר בייז ענטפערן, דען מיר האָבען געהאַט אַ שטיקעל חשד אויף איהר געמאַכטע פריילּיכקייט.

4.

דער ווינטער איז אָנגעקומען, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ נייע לעבען פאַר אונז.

דאָס אַלטע הויז איז פערקויפט געוואָרען, און דאָס נייע הויז איז אין גאַנצען איבערגעמעבלירט געוואָרען. אַלעס דאָס, וואָס האָט אונז געקענט דערמאָנען אָן די מוטער, איז פערשוואונדען. — איהרע פּאָרטרעטען, איהר מאַלערייא און איהר קונסט־שטיקעריי. אומזיסט האָט זיך נעביך די מאַדאַם בורמאַן געבעטען, מי זאָל זי לאָזען בלייבען אין הויז. אומזיסט האָט זי צוגעזאָגט צו זיין אַ געטרייע מוטער צו דעם קינד מיט וועלכען די שטיף־מוטער האָט זיך געריכט אין קינדבעט. זי איז אַוועקגעשיקט געוואָרען. „אין הויז טאָר קיין זאַך פון די סולימאַס ניט איבערבלייבען", האָט מען איהר געזאָגט. אַלע פערבינדונגען מיט די אָנקעלס, מומעס און מיט אונזער גרויס־מוטער זיינען אָבגעהאַקט געוואָרען. אוליאַנאַ האָט חתונה געהאַט מיט פראָלען, וועלכער איז געוואָרען הויפּט־דזשעניטאָר, וועהרענד זי איז געוואָרען הויז־ווירטהין. פיר אונזער ערציהונג האָט מען ענגאַזשירט אַ רייך־בעלוינטען פראַנצויזישען לעהרער, און אַ שלעכט־באַצאָהלטען רוסישען סטודענט.

אַ סאַך קינדער פון די מאָסקווער דוואָריאַנעס זיינען ערצויגען געוואָרען פון פראַנצויזען, וועלכע האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די חורבות

פון גאַפּאָלעאָנס גראָס־אַרמעע. אונזער לעהרער מאָסיע פּ ו ל י ע ן, איז געווען איינער פון זיי. ער האָט דאַן געהאַט נאָר וואָס געענדיגט די ערציהונג פון דעם איינגסטען זוהן פון דעם ראָמאַנען־שרייבער זאַגאָסקין, און זיין תלמיד האָט אין אונזער אַריסטאָקראַטישער מאָסקווע געשפּיעלט די ראָלע פון אַזאַ גרויסען מושלם, דאָס מיין פּאָטער, קיין וואָרט ניט רעדענדיג, איז גלייך בעשטאַנען דעם פּראַנצויז צו צאָהלען די נישט־קשה׳דיגע סומע פון 600 רובל יעהרליך. פּולעין האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין הונד טרעזאָר, זיין קאַפּע קענדעל נאַפּאָלעאָן, און זיינע פּראַנצויזישע לעזע־ביכער, און האָט אָנגעהויבען בעל־בית־עווען איבער אונז און אונזער באַדיענער מאַטווע.

זיין ערציהונגס־פּלאַן איז געווען גאַנץ פּראָסט. נאַכדעם ווי ער האָט אויפגעוועקט אונז אין דער פריה, פלעגט ער זיך פערנעהמען מיט זיין קאַפּע, וועלכע ער האָט געטרונקען אין זיין אייגענעם צימער. בעת מיר האָבען פערפערטיגט אונזערע לעקציעס, פלעגט ער זיין פערנומען, מאַכענדיג זיין טואַלעטע מיט אַלע פישטשעווקעס: אַפריהער פלעגט ער זיך גוט אויס־וואַשען זיינע גרויע האָר, סטאַרענדיג זיך צו פערדעקען דעם פליך, דאַן פלעגט ער אָנטהאָן זיין פראַק, זיך איינוואַשען און טיכטיג אויסשפּריצען מיט אָדעקאָלאָן, און דאַן האָט ער אונז אַראָבגעפיהרט בעגריסען אונזערע עלטערן. דעם פאָטער און די שטיף־מוטער פלעגען מיר דאַן טרעפען ביי׳ן פריהשטיק, און צוקומענדיג צו זיי, האָבען מיר מיט אַ זעהר פאָרמאַלנע מינע דעקלאַמירט אונזער פראַנצויזישען „גוט מאָרגען, טייערער פּאַפּאַ" און „גוט מאָרגען, טייערע מאַמאַ", האָבען זיי געקושט די הענד, און נאַכדעם ווי מאָסיע פולעין האָט זיך זעהר עלעגאַנט פערנייגט אָבזאָגענדיג זיין „גוט מאָרגען, הערר פּרינץ" און „גוט מאָרגען, מאַדאַם פּרינצעסין" האָט זיך אונזער פּראָצעסיע אָבמאַרשירט צוריק פון וואַנען זי איז געקומען. דיעזע צערעמאָניע האָט זיך אָבגעשפּיעלט אַלע אין דער פריה.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבען אונזער אַרבייט. פולעין האָט זיך איבערגעטהאָן, האָט אָנגעטהאָן אַ קאַפּעלע אויפ׳ן קאָפּ, און זיך אַוועקגעזעצענדיג אין אַ פאָטעל, האָט ער אונז געהייסען איבערזאָגען די לעקציע.

איבערגעזאָגט האָבען מיר אַלץ אויסווענינ, פון איין צייכען, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען אין בוך מיט׳ן נאָגעל, ביז׳ן אַנדערן. פולעין האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די גראַמאַטיקע פון נ אָ י ע ל אונד ט ש אַ פּ ס אַ ל, וועלכע איז געבליעבען איינגעקריצט אין דעם זכרון פון די רוסישע קינדער פון עטליכע דורות. ער האָט אויך געהאַט אַ פראַנצויזישען געשפּרעך־בוך; אַ וועלט־געשיכטע און אַן אַלגעמיינע געאָגראַפיע. מילא מיט דער גראַ־מאַטיק איז נאָך צוגעגאַנגען נישט־קשה׳דיג, דערפאַר איז אָבער מיט דער

היסטאָריע געווען גרויסענע צרות. צום אונגליק האָט דער בוך געהאַט אַן הקדמה, אין וועלכער עס איז געווען אויסגערעכענט אַלע נוצען וואָס מי קען האָבען ווען מען לערענט די וועלט געשיכטע. די ערסטע זעצע זיינען נאָך געווען צו דערליידען, מיר האָבען דעקלאַמירט: „דער פּרינץ, קען זיך אָבנעמען פון דער היסטאָריע אַ גרויסאַרטיגען מוסר, ווי צו רעגיערען איבער זיינע אונטערטהאַנען; דער קאָמאַנדיר קען פון איהר לערנען די נאָבלע קונסט פון קריעג־פיהרונג". אָבער קוים זיינען מיר צוגעקומען צו געזעץ, איז אַלעס געגאַנגען כּאָדראָם. „דער יוריס־קאָנסול בעגעגענט אין דער היסטאָריע," אָבער, חאָטש צורייס זיך, האָבען מיר בשום אופן ניט געקענט געדענקען, וואָס דער געלערענטער יוריסט בעגעגענט אין דער היסטאָריע. יענער אימה׳דיגער וואָרט „יוריסקאָנסול", האָט קאַליע געמאַכט די גאַנצע חתונה. אַזוי שנעל ווי מיר זיינען צוגעקומען צו דיעזען וואָרט, האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט, ווי צודרומשקעט.

„שוין אויף די קניע!", און מיר זיינען געשטאַנען אויף די קניע און פערגאָסען ביטערע טרערען אַלץ איבער דעם פערפלוכטען „יוריסקאָנסול".

אַי האָבען מיר זיך עס נעבעך אָנגעליטען פון דער הקדמה! מיר האָבען שוין געהאַלטען ביי די רוימער, האָבען שוין געוויאוסט פון ברעננוס מיט דער וואָגשאָל; נאָכמאַכענדיג דעם רוימישען פאַטריאָט קורטיס, האָבען מיר שוין בעוויזען צו שפּרינגען איבער טישען און גריבער כלומרשט ראַטעווענדיג אונזער לאַנד פון דעם שונא; אָבער פּולעין פּלעגט זיך נאָר אַלץ אומקעהרען צו דער הקדמה זיינער, ווידער אַמאָל אונז שטעלען אויף די קניע פאַר דעמזעלבען יוריסקאָנסול.

איז עס דען אַ וואונדער וואָס מיר זיינען שפּעטער געוואָרען אַיעלבע דם שונאים דער יוריספּרודענץ?

איך ווייס ווירקליך ניט וואָס עס וואָלט געוואָרען פון דער געאָגראַפיע, ווען פּולעין׳ס בוך זאָל געהאַט האָבען אַן הקדמה. אָבער צום גליק זיינען די ערשטע צוואַנציג זייטלעך פון דיעזען בוך געווען אויסגעריסען (סערגיי זאַגאָסקין האָט דאָס אונז אודאַי געטהאָן דיעזע גרויסע טובה) און אַזוי האָט זיך אונזער לעקציע אָנגעהויבען פון דער איינאונצוואַנציגסטער זייטעל, און דער ערשטער זאַץ איז געווען: „פון די טייכען וואָס טרינקען אָן פראַנקרייך".

איך מוז זיך מודה זיין, אַז ניט תמיד האָט זיך אונזער לעקציע געענדיגט אויף די קניע. פּולעין האָט זיך גאַנץ אָפט בענוצט מיט דער ווייטקע, ווען מיר האָבען ניט געקענט אַרויסבראָדזען פון דער בעוואוסטער הקדמה, אָדער פון אַ געשפּרעך איבער טוגענד און עטיקעטע, אָבער איין מאָל האָט די שוועסטער העלענאַ דערהערט אונזערע קולות, און מיט

פֿערוויינטע אויגען איז זי אריינגעלאָפֿען צום פֿאָטער און האָט איהם מיט כעס פֿאָרגעוואָרפֿען, אַז ער האָט איבערגעגעבען זיינע עופֿה'לעך צו דער שטיף-מאַמען, וועלכע האָט אונז אין גאַנצען געלאָזען אויף הפקר ביי עפּעס אַן אַלטען פֿראַנצויזישען פּייקלער.

„נאַטירליך", האָט זי געיאָמערט „עס איז ניטאָ קיינער וואָס זאָל זיך פֿאַר זיי אָננעהמען, אָבער איך קען ניט צוזעהען ווי מיינע ברידערלעך ווערען געפּייניגט!"

זייענדיג שטאַרק איבעראַשט, האָט דער פֿאָטער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען. לכתחילה האָט ער זי אָנגעהויבען זידלען, אָבער קומענדיג צו זיך, האָט ער איהר צוגעגעבען אַז עס איז ניט מעהר ווי רעכט וואָס זי איז אַזוי געטריי איהרע ברידערלאַך. פֿון דאַמאָלס אָן איז די וויטקע נור געברויכט געוואָרען צו לערנען טרעזאָרען די הלכות האָעטיקעט.

קוים האָט פּולעין געהאַט אָבגעפּטרט זיין שווערע ערציהונגס-פּפּליכט, איז ער באַלד געוואָרען אַנאַנדער מענש, — אַ פֿרייליכער חבר, נישט אַ בייזער לעהרער. נאָכ'ן אָנבייסען איז ער מיט אונז אַרוים שפּאַצירען, און צו זיינע מעשיות איז גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט געווען. מיר האָבען געפּלוידערט ווי די פֿייגעל אין וואַלד, כאָטש מיר האָבען קיינמאָל ניט געלערנט מעהר ווי די ערשטע פּאָר בלעטלאַך פֿון סינטאַקסיס*) האָבען מיר פֿון דעסטוועגען זיך שנעל אויסגעלערנט, ווי „צו ריידען קאָרעקט". מיר פֿלעגען דאַנקען אין פֿראַנצויזיש; אַזוי האָבען מיר זיך אויך אויסגעלערנט „קאָרעקט שרייבען" כאָטש מיר האָבען אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס אַזוי און ניט אַנדערש. ערקלערען פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען האָט פּולעין אונז קיין מאָהל ניט ערקלערט.

נאָך מיטאָג האָבען מיר גענומען אונזער לעקציע ביי'ם רוסישען לעהרער, אַ סטודענט פֿון יוריסטישען פֿאַקולטעט אין דער מאָסקווער אוניווערזיטעט. ער האָט אונז געלערנט אַלע „רוסישע זאַכען"—גראַמאַטיק, אַריפֿמעטיקע, היסטאָריע און דער גלייכען. אָבער אין יענע יאָהרען האָט זיך נאָך דאָס ערנסטע לערנען ניט געהאַט אָנגעהויבען.

ער פֿלעגט אונז דיקטירען יעדען טאָג אַ בלעטעל געשיכטע, און אויף דיעזען פּראַקטישען אופן האָבען מיר זיך גאַנץ שנעל אויסגעלערנט אַ גאָר ניט שלעכטע רוסיש.

אונזער בעסטער פֿערגניגען איז געווען דער זונטאָג, ווען די גאַנצע משפּחה, אַ חוץ אונז, קינדער, זיינען אַוועק צו מיטאָג ביי דער מאַדאַם גענעראַלשאַ טימאָפֿעעף.

*) דער טהייל פֿון גראַמאַטיק, וועלכער לערענט ווי צוזאַמען צושטעלען ווערטער און זעצע.

דאַמאָלס איז עס ביי אונז געווען לוסטיג און לעבעדיג. מיר האָבען אויף גיך אַריינגעכאַפּט דעם מיטאָג, און זיינען אַריין אין אַ גרויסען זאַאַל, וואו די אינגערע דיענסט־מיידלעך זיינען אונז באַלד נאָכגעקומען. באַלד האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען אַלערליי שפּילערייען: בלינדע גאַנז, קאָרשון און ציפּליאַטאַ, א. ד. גל.; אין פֿלוצלונג איז עפּעס, ווי פֿון דער ערד, אויסגעוואַקסען טיכאָן מיט זיין פֿידעל; חברה האָט אָנגעהויבען טאַנצען; ניט דאָס געמאָסטענע לאַנגווייליגע טאַנצען אונטער די אויפֿזיכט פֿון א פֿראַנצויזישען טאַנץ־מייסטער, ניט דאָס טאַנצען מיט יענעמס פֿיס, וועלכעס איז געווען אַ טהייל פֿון אונזער ערציהונג, זאָנדערן דאָס פֿרייע טאַנצען, אין וועלכען אַ צוואַנציג פּאָר פֿאָלק האָבען זיך געדרעהט סתם אין דער וועלט אריין, און אַפֿילו דאָס איז אויך נור געווען אַ הכנה צו דעם נאָך לעבעדיגערען און כמעט ווילדען טאַנץ — די רוסישע קאַזאַצקע. טיכאָן האָט דאַן איבערגעגעבען זיין פֿידעל צו אַן אַנדערן, און האָט אָנגעהויבען מאַכען אַזעלכע וואונדערליכע קונצען מיט זיינע פֿיס, אַז די טהירען זיינען באַלד געפּאַקט געוואָרען מיט קובאַרעס און קעכינס, און אַפֿילו די קוטשערס פֿלעגען זיך שטופּען זעהען דעם טאַנץ, וועלכען דאָס רוסישע האַרץ האָט אַזוי ליעב.

אַרום ניין אַ זייגער איז די גרויסע קאַרעטע אַוועקגעשיקט געוואָרען נאָך די עלטערן. טיכאָן האָט געכאַפּט די באַרשט, האָט זיך אויסגעצויגען אויף די פּאָדלאָגע און האָט אַזוי לאַנג געפּוצט און געשייערט ביז זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו בלישטשען מיט איהר פֿריהערדיגען אונשולדיגען גלאַנץ. אין הויז האָט ווידער געהערשט פֿאָלשטענדיגע אָרדנונג, גלייך ווי אַמאָל. און ווען אויף מאָרגען האָט מען אונז ביידען גענומען אויספֿרעגען מכח די נעכטיגע חתונה — ניט איין וואָרט האָבען זיי פֿון אונז אַרויסגעקראָגען. מיר האָבען קיין מאָל ניט אויסגעזאָגט פֿון חדר אויף די בעדיענער, און זיי האָבען קיין מאָל ניט געמסר'ט אויף אונז. איינמאָל, זונטאָג, זיך שפּיעלענדיג אין קאָרידאָר, האָבען מיר צוגראַזגעט אויף שטיקער אַ טייערן לאָמפּ. באַלד איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אַן אסיפֿה פֿון די דיענערשאַפֿט. קיינער האָט אונז אַ וואָרט ניט געזאָגט. עס איז אבגעמאַכט געוואָרען, אַז אין דער פֿריה זאָל זיך טיכאָן אַרויס'גנב'ענען פֿון הויז, זאָל אַוועק אין געשעפֿט און קריגען פּונקט אַזאַ לאָמפּ. דאָס האָט זיי געקאָסט גאַנצע 15 רובל, — וואָס ביי זיי איז דאָס געווען אַ שלל מיט געלד. אָבער עס איז אָבגעטהאָן געוואָרען, און מיר האָבען קיין מאָהל ניט געהערט דעם מינדעסטען פֿאָרוואורף פֿאַר דעם.

ווען איך טראַכט דערפֿון איצט, און אַלע דיעזע סצענעס לעבען אויף איבער'ס ניי אין מיין זכרון, דערמאָן איך מיך, אַז מיר האָבען קיין

מאָל קיין שום גראָב וואָרט ניט געהערט פֿון זיי, און אויך אין זייערע טענץ האָבען מיר ניעמאלס געזעהען עטוואס עהנליכעס צו דעם, וואס קינדער בעוואונדערען יעצט אין די טהעאטערע. אין זייער חויז, צווישען זיך, האָבען זיי זיכער געברויכט גראָבע ווערטער; אָבער מיר זיינען געווען קינדער — איהרע קינדער, און דאס האָט אונז מציל געווען פֿון אירגענד וועלכע אויסגעלאסענהייט.

אין יענע צייטען פֿלעגט מען ניט נעהמען אַ קינד און עס צודולען מיט א בארג שפּיעל־זאכען. ווי מע טהוט עס היינט. מיר האָבען כמעט גאָר קיין שפּיעלצייג ניט געהאַט, און האָבען געמוזט זעלבסט ערפֿינדען מיט וואָס צו שפּיעלען. אַ חוץ דעם האָבען מיר ביידע, אַלעקסאַנדער און איך, באַלד פֿון קינדהייט אָן ענטוויקעלט אַ גוסט פֿאַר׳ן טהעאַטער. די בורלעסקע רויבער־פֿאָרשטעלונגען האָבען אויף אונז ניט געמאַכט קיין שום דויערענדען איינדרוק, דען אין רויבער און זעלנער האָבען מיר זיך אַליין גענוג אָנגעשפּיעלט. אָבער דאַמאָלס איז גראַד אָנגעקומען אין מאָסקווע די בעריהמטע באַלעט־טענצערקע, פֿ ע נ נ י ע ל ס ל ע ר, און מיר האָבען זי געזעהען.

ווען דער פּאַפּאַ האָט גענומען א לאָזשע, האָט זי שוין געמוזט זיין איינע פֿון די בעסטע אין טהעאַטער; אמת, באַצאָהלט האָט ער פאר איהר גאַנץ בעלי בית־יש, אָבער דערפֿאַר האָט זיך אונזער גאַנצע פֿאַמיליע געמוזט אַמוזירען, אויף וואָס די וועלט שטייט.

קליין, ווי איך בין דאַמאָלס געווען, האָט פֿון דעסטוועגען פֿענני עלסלער איבערגעלאָזען אַ שטארקען רושם אין מיין זכרון. יעדע באַוועגונג איהרע וואַר אזוי לייכט, ארטיסטיש און פֿול מיט חן, אַז איך בין נאָך ביז היינטיגען טאָג גאַנץ אונפֿעהיג זיך צו פֿאַראינטערעסירען אין דיזען מין טאַנץ, וועלכער בעלאַנגט סיי־ווי־סיי, מעהר צו גימנאַסטיקע, ווי צו קונסט.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז דעם באַלעט מיט ג י ט אַ נ אַ, אלס שפּאַנישע ציגיינערקע — האָבען מיר געמוזט נאָכמאַכען ביי זיך אין דער היים; ד.ה. ניט דעם טאַנץ, נור לכל הפחות דעם סוזשעט. אזוי ווי צווישען אונזער ספּאַלנע און דעם קלאַס־צימער איז קיין טהיר ניט געווען, נור אַ בלויזער פֿאָרהאַנג, האבען מיר שוין געהאַט אַ פֿערטיגע סטיידזש. עטליכע בענקלעך צושטעלט אין אַ האַלבען צירקעל אַרום דעם פֿאָרהאַנג, מיט אַ פֿאָטעל פֿאַרן ה׳ פֿולין, — און אָט האָט איהר פֿערטיג דעם גאַנצען טהעאַטער־זאַל מיט דער קייזערליכער לאָזשע. אַ פּובליקום איז שוין פֿון די קלייניגקייטען: דער רוסישער לעהרער, אוליאַנאַ, און עטליכע דיענסט־מיידלעך און באַסטאַ.

אָבער וואָס פֿאַר אַן עצה גיט מען זיך מיט די צוויי סצענעס פֿונ׳ם

באַלעט? די ערשטע סצענע מוז פֿאָרשטעלען, ווי גיטאַנאַ ווערט אַריינגעפֿיהרט אינ'ם ציגיינערשען לאַגער אין אַ טאַטשקע, און די צווייטע — ווי זי טרעט אַרויס אויף דער ביהנע, אַרונטערלויפֿענדיג פֿון אַ באַרג און אַריבערגעהענדיג איבער אַ בריקעל, וועלכער ציהט זיך איבער אַ טייכעל, אין וועלכען עס שפּיגעלט זיך אָב גיטאַנאַס בילד. דאָ האָט דאָס פּובליקום אויסגעבראָכען אין אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע זיינען, לויט גאָך אונזער שכל נאָך, געקומען דערפֿון, וואָס זיי האָבען באַמערקט גיטאַנאַ'ס שאָטען אין וואַסער.

ביי אונז האָט די ראָלע פֿון גיטאַנאַ געשפּיעלט איינע פֿון אונזערע אינגסטע דיענסטמיידלעך. איהר פּראָסטע ציצענע קליידעל איז פֿאַר אונז קיין מניעה ניט געווען. אַ בענקעל אומגעדרייט מיט'ן קאָפּ אַראָב, האָט אונז געדיענט אַלס אַ טאַטשקע. אָבער ווי מאַכט מען נאָך דאָס טייכעל? ווי מיר האָבען זיך ניט געמאַטערט — עס געהט ניט. שליעסליך זיינען מיר געפֿאַלען אויף אַ פּלאַן אונטערצוקויפֿען אוליאַנען, זי זאָל אַפּלאָדירען, גלייך ווי זי זעהט אין אמת'ן גיטאַנאַ'ס בילד אין טייכעל. און אַלעס איז ווידער געווען כשר.

סאַשאַ האָט פּראַכטפֿאָל געזונגען דעם קופּלעט און איך בין מיר געזעסען ווי אַ קלאָץ, בעת מי האָט מיר אין אַ לאַנגען מאָנאָלאָג אָנגעזאָגט די שרעקליכע בשורה, אַז מיין זוהן איז מיר געשטאָרבען.

אָבער מערקווירדיג איז דער פֿאַקט, אַז וואָס מיר זאָלען ניט געווען פֿאָרשטעלען, האָט זיך תמיד יעדע „פּיעסע" אונזערע געענדיגט מיט'ן גיהנם. מיר פֿלעגען אויסלעשען אַלע ליכט, אַ חוץ איין קליין ליכטעל, וועלכע מי האָט אַוועקגעשטעלט הינטער אַ שטיק רויטע פּאַפּיער, עס זאָל אויסזעהען ווי אַ פֿלאַם פֿייער, — האָבען זיך בעהאַלטען ערגעץ אין אַ ווינקעל, און גענומען שרעקליך וואָיען, פֿאָרשטעלענדיג מיט זיך די פֿערשאָלטענע נשמות אין פֿייערדיגען גיהנם.

אוליאַנאַ, וועלכע האָט מורא געהאַט צו דערמאָנען אַ ניט־גוטען פֿאַר'ן שלאָף, פֿלעגט דאַן זיין צושראָקען אויף טויט; אָבער איך פֿרעג איצט ביי זיך אַליין, צו האָט ניט דיעזע זעהר מגושם'דיגע פֿאָרשטעלונג פֿון אַ העלע, פֿיעל בייגעטראָגען דערצו, אַז מיר זאָלען זיך באַלד פֿון קינדהייט אָן בעפֿרייען פֿון דער אימה, פֿון אַן אייביגען ברענען אין שאול תחתיה, ווי מי שטעלט עס ווירקליך פֿאַר אין אונזערע רוסישע תפילות. אונזער השגה פֿון אַ גיהנם איז געווען אַזוי רעאַליסטיש, אַז מיר האָבען, ווילענדיג ניט ווילענדיג, אָנגעהויבען צווייפלען אין די גאַנצע מעשה.

איך בין נאָך מסתמא געווען גאָר אַ קינד, יוען איך האָב געזעהען די גרויסע מאָסקווער אַקטיאָרען: שעפּקין, סאַדאָווסקי און שומסקי אין

גאָגאָל'ס רעוויזאָר, און אין נאָך עפּעס אַ קאָמעדיע; פֿון דעסטוועגען, געדענק איך ניט נור די הויפּט־סצענעס פֿון די צוויי פּיעסעס, נור אפילו די פֿיגורען און די וויראַזשעניעס פֿון דיזע גרויסע אַקטיאָרען פֿון דער רעאַליסטישער שוהלע, וועלכע ווערט איצט אַזוי וואונדערבאַר פֿאָרגעשטעלט פֿון לענאָנאָראַ דוזע.

אַזוי טיעף האָבען זיי זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, דאָס ווען איך האָב נאַכהער געזעהען דיזעלבע קאָמעדיעס וואָס בעלאַנגגען צו דער פֿראַנצויזישער דעקלאַמאַטאָרישער שוהלע, האָב איך קיין שום הנאה ניט געהאַט פֿון זייער שפּיעלען, ווייל איך האָב עס תמיד פֿערגליכען מיט שעפּקין און כאַדאָווסקי, וועלכע האָבען, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָהל, פֿעסטגעשטעלט מיין געשמאַק אין דער דראַמאַטישער קונסט.

דאָס ברענגט מיך אויפֿ'ן רעיון, אַז עלטערן וואָס ווילען ענטוויקלען אַ דראַמאַטישען גייסט אין זייערע קינדער, מוזען זעהען, אַז זיי זאָלען פֿון ציים צו צייט, בייוואוינען אַן אמת גוטע פּיעסע, און ניט זיי תמיד קאָרמענען מיט קינדער־בורלעסקען.

5.

בעפֿאָר איך בין נאָך אַלט געוואָרען אַכט יאָהר, איז געמאַכט געוואָרען אַ גאַנץ אונערוואַרטעטער שריט אין מיין קאַריערע. גאַנץ מאָסקווע האָט זיך דאַמאָלסט מכין געווען צו אַ גרויסען יום טוב. איך דענק אַז דאָס איז געווען לכבוד דעם 25סטען יאָהרעספֿעסט פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטענס מלוכה.

אין מאָסקווע האָט מען ערוואַרטעט די צאַרסקע פֿאַמיליע, און דוואָריאַנעס האָבען געהאַט בדעה צו פֿייערן דיזען יום טוב דורך אַ קאָסטיומען־באָלל, אין וועלכען קינדער זאָלען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָליע. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז אַלע פֿערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען פֿון דער רוסישער אימפּעריע זאָלען פֿאָרגעשטעלט ווערען אויפֿ'ן באָלל אין זייערע פֿערשיעדענע קליידער. אין אונזער הויז, אַזוי ווי אין אַלע הייזער פֿון דער נאַכבאַרשאַפֿט, זיינען געמאַכט געוואָרען גרויסע הכנות. פֿאַר אונזער שטיעף־מוטער האָט מען גענעהט עפּעס גאָר אַ משונה'דיגען רוסישען קאָסטיום. דער פֿאָטער, זייענדיג אַ מיליטעריסט, האָט נאַטירליך געמוזט טראָגען זיין יוניפֿאָרם; אָבער די פֿון אונזערע קרובים, וואָס וואַרען ניט אין דיענסט, זיינען געווען פּונקט אַזוי פֿעריאַכמעט מיט זייערע רוסישע, גריכישע, קאַווקאַזישע און מאָנגאָלישע קאָסטיומען, ווי די פֿרויענצימער גופא.

ווען די מאָסקווער עדעל־לייט, מאַכען אַ באַלל פֿאַר די קייזערליכע פֿאַמיליע, מוז עס שוין, זעלבסט פֿערשטענדליך, זיין עטוואָס גרויסאַרטיגעס.

מיין ברודער׳ל און איך וואַרען נאַטירליך נאָך צו יונג זיך צו בעטהייליגען אין אַזאַ וויכטיגער צערעמאָניע. און דאָך איז מיר דורך אַ צופאַל יאָ אויסגעקומען אַנטהייל צו נעהמען אין דיעזען באָלל.

אונזער מוטער איז נעמליך געווען אַ זעהר אינטימע פריינדין פון מאַדאַם נאַזימאָף, די פרוי פון גענעראַל נאַזימאָף, וועלכער וואַר גובערנאַטאָר אין ווילנא, אין דער צייט פון דעם פוילישען מיאַטעזש אין 1863. מאַדאַם נאַזימאָף, אַ בילד־שיינע פרוי, האָט געוואָלט ערשיינען אויפ׳ן באָלל אַלס הערליך געקליידעטע פערזישע פרינצעסין, מיט איהר צעהן־יעהריגען זוהן, אַלס פערזישער פרינץ, געקליידעט אין אַן אונגעהייער רייכען קאָסטיום, מיט אַ גאַרטעל פול בעזעצט מיט דיאַמאַנטען.

אָבער דער אינגעל איז גראַד פאַרן באָלל קראַנק געוואָרען און מאַדאַם נאַזימאָף האָט אָבגעמאַכט, אַז איינער פון די קינדער פון איהר היים־געליעבטער פריינדין זאָל פערטרעטען די שטעלע פון איהר אייגען קינד. אַזוי ווי פאַר אַלעקסאַנדערין איז דער קאָסטיום געווען צו קורץ, איז ביי איהר געבליעבען, אַז איך זאָל אויפטרעטען ביי׳ן באָלל אַלס דער „פערזישער פרינץ״.

דער אונגעהייער גרויסער זאַאַל פון דעם מאָסקוואער אַדעל איז געווען געפּאַקט. יעדעס קינד האָט געטראָגען אַ פאָהן מיט דעם הערב פון איינע פון די זעכציג גובערניעס פון דער רוסישער אימפּעריע. איך האָב געטראָגען אַן אָדלער, וואָס האָט געשוועבט איבער אַ בלויען ים, וועלכעס האָט פאַרגעשטעלט, ווי איך האָב דערנאָך אויסגעפונען, דעם הערב פון אַסטראַכאַנער גובערניע, ביי׳ן קאַספּישען ים.

מי האָט אונז צושטעלט ביי׳ן טהיר פון זאַאַל, און לאַנגזאַם האָבען מיר אין דאָפּעלטע שערענגע צוגעמאַרשירט צו דער פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער דער קייזער און זיין פאַמיליע זיינען געשטאַנען. צוקומענדיג צו דער פּלאַטפאָרמע, האָבען מיר זיך אָבגעטהיילט אויף רעכטס און לינקס, אַזוי, אַז פון ביידע שערענגעס איז געוואָרען איינע צושטעלט פאַר׳ן גאַנצען פראָנט פון דער ביהנע.

איין סיגנאַל, און אַלע פאָהנען האָבען זיך מיט איין מאָל אַראָבגעלאָזען בעפאָר׳ן קייזער. די פערגעטערונג פונ׳ם סאַמאָדערזשאַוועץ איז געווען פאָלשטענדיג, ניקאָלאַי איז געווען בעצויבערט. אַלע גובערניעס פונ׳ם לאַנד האָבען זיך געבוקט צום גרויסען הערשער.

דאַן האָבען מיר קינדער זיך לאַנגזאַם צוריקגעצויגען פון דער פּלאַטפאָרמע.

אָבער פּלוצלונג איז געוואָרען עפּעס אַ מישינינע. די קאַמערדיענער

מיט די געגילדעטע ליזורעטן זיינען אַרומגעלאָפֿען פֿאַרסמיועט, און אין מיטען דערינען האָט מען מיך אַרויסגעכאַפּט פֿון דער רייהע. מיין אָנקעל, פּרינץ גאַגאַרין, האָט מיך גענומען אויף די הענד, און האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער קייזערליכער פּלאַטפֿאָרמע.

צו איז דאָס געווען דערפֿאַר וואָס איך בין געווען דער קלענסטער צווישען די קינדער, אָדער וויל מיין קיילעכדיגער פּנים'על, אַרומגערינגעלט מיט קרייזלען, האָט עפּעס מאָדנע אויסגעזעהען אין דעם גרויסען פּעלצענעם מיטץ, — וויים איך ניט, נור ניקאָלאַי האָט מיר געוואָלט האָבען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע; און אָט בין איך מיר געשטאַנען דאָרטען צווישען גענעראַלען און דאַמען, וועלכע האָבען אַרונטערגעקוקט אויף מיר נייגיעריג.

מי האָט מיר דערנאָך דערצעהלט, אַז ניקאָלאַי, וועלכער האָט תמיד ליעב געהאַט אַ קאַזאַרמע־וויץ, האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנד, און מיך צופֿיהרענדיג צו מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ (דעם צאַרעוויטש'עס פֿרוי), וועלכע וואַר שוואַנגער מיט'ן דריטען קינד, האָט ער דערלאַנגט אַ זאָג איף זיין מיליטערישען שטייגער: „אָט אַזאַ מין אינגעל מוזט דו מיר האָבען,"— אַ וויין פֿון וועלכען זי איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען.

דאָס ניקאָלאַי האָט מיך געפֿרעגט צו איך וויל צוקערקעס, געדענק איך גוט; אָבער איך האָב געענטפֿערט, אַז איך וויל ליעבער די קליינע סוכאַרקעס (איבערגעגעסען האָבען מיר זיך אין דער היים קיין מאָל ניט,) און ער האָט גערופֿען אַ לאַקיי און האָט מיר אַריינגעשאָטען אַפֿולע טאַץ סובאַרקעס אין מיין גרויסער מיין אַריין. „איך וועל זיי ברענגען סאַשאַ'ן" האָב איך איהם געזאָגט.

דאָך האָט ניקאָלאַי'ס סאָלדאַטסקער ברודער, וועלכער איז געווען אַ בעריהמטער וויצלינג, מיך ווי עס איז געמאַכט וויינען, „אַז מי פֿאָהרט באַרג אַראָב," האָט ער געזאָגט, „טהוט מען אַזוי," און איז מיר דערוויילאַראָבגעפֿאָהרען מיט זיין גרויסע לאַפּע איבער'ן פּנים; „אָבער ווען מי פֿאָהרט באַרג אַרויף, טהוט מען אַזוי," און איז מיר אַרויפֿגעפֿאָהרען מיט דער האַנד באַרג אַרויף, מיר אָבערעבענדיג דעם נעזעל, וועלכער איז אַזוי אויך געווען אַ ביסעל צופֿיעל פֿערריסען.

די אויגען זיינען מיר פֿערלאָפֿען מיט טרערען, וועלכע איך האָב מיט אַלע כוחות געטרייט איינצוהאַלטען. די דאַמען האָבען זיך גלייך אָנגענומען פֿאַר מיר, און די גוט־הערציגע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָט מיך גענומען אונטער איהר השגחה. זי האָט מיך אַוועקגעזעצט לעבען זיך אין אַ סאַמעטענעם קינדער־בענקעל, און מי האָט מיר דערנאָך דערצעהלט, אַז איך האָב זיך גאַנץ בעל־בית'יש אַוועקגעלייגט מיין קעפּעל אין איהר

שוים, און בין מיר טאַקי גאָר אָן שהיות איינגעשלאָפֿען. די גאַנצע צייט פֿון באָלל האָט זי זיך פֿון איהר שטוהל ניט גערוהרט.

אויך געדענק איך, אַז וואַרטענדיג אין קאָרידאָר אויף אונזער קאַרעטע, האָבען מיך מיינע קרובים געפּעשטשעט און געקושט, מיט די ווערטער: „פּעטיאַ, מי האָט דיך געמאַכט פֿאַר אַ קייזערליכען פּאַזש,*) ווייסט דו?" אָבער איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין פּאַזש, אַז איך געה גלייך אַהיים, און האָב שטארק מורא געהאַט פֿאַר מיינע סוכאַרקעס, וואָס איך האָב אַהיים געטראָגען פֿאַר סאַשאַ׳ן.

צו סאַשאַ׳ן איז אָנגעקומען א סך פֿון די סוכאַרקעס, ווייס איך ניט; אָבער איך געדענק ווי ווארעם ער האָט מיך געהאַלזט און געקושט ווען מי האט איהם דערצעהלט ווי געטריי איך האָב אָבגעהיט זיינע סוכאַרקעס.

פֿאַרשריבען צו ווערען אַלס פּאַזש איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער כבוד, וועלכען ניקאָלאַי האָט זעהר זעלטען דעם מאָסקווער אַדעל צוגעטהיילט. דער פֿאָטער מיינער וואַר פשוט ענטציקט, און ער האָט שוין גענומען פֿאַנטאַזירען מכח זיין זוהן׳ס קאַריערע אין קייזערליכען הויף. און די שטיעף-מוטער, דערצעהלענדיג די מעשה, פֿלעגט זי קיין מאָל ניט פֿערגעסען צוצולייגען: „און, ווייסט איהר? דאָס איז אַלץ דערפֿאַר, וואָס איך האָב איהם מיטגעגעבען מיין ברכה בעפֿאָר ער איז אַוועק צום באָלל".

מאַדאַם נאַזימאָף איז אויך געווען מלא שמחה, און האָט געוואָלט ניט אַנדערש זיין צוזאמען מיט מיר פֿאָטאָגראַפֿירט, זי אין איהר קאָסטיום, און וועלכען זי האָט אַזוי פראַכטפֿאָל שעהן אויסגעזעהען.

אויך מיין ברודער אַלעקסאַנדער׳ס קאַריערע איז געמאַכט געוואָרען באַלד נאָך דעם באָלל, און אָט אויף וועלכען אופֿן: דער יובילעאום פֿון דעם איזמאַילאָווסקי פּאָלק, צו וועלכען מיין פֿאָטער האָט געהערט אין זיין יוגענד, איז געפֿייערט געוואָרען אַרום דיזע צייט אין פּעטערסבורג. איין נאַכט, ווערהענד אונזער גאַנצע הויז-געזינד איז געווען פֿערזונקען אין טיעפֿען שלאָף, האָט אַ קאַרעטע איינגעשפּאַנט מיט דריי פֿערד, קלינגענדיג מיט די גלאָקען, וועלכע זיינען געווען צוגעטשעפּעט צום געשפּאַן, זיך אָב-געשטעלט לעבען אונזער טויער. אַ מאַן איז פֿון איהר אַרויסגעשפּרונגען, שרייענדיג אויפֿ׳ן קול: „עפֿענט! אַ באַפֿעהל פֿון זיין מאַיעסטעט, דעם אימפּעראַטאָר!"

מי קען זיך לייכט פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ שרעק דיזער נאַכט-בעזוך האָט אַרויפֿגעיאָגט אויף אונזער גאַנצע הויז. מיין פֿאָטער, ציטערנדיג

*) אַ קעניגליכער דיענער פֿון עדעלען שטאַם.

אין אַלע זיינע אברים, איז אַרונטערגעגאַנגען צו זיך אין זיין קאַבינעט. „קריגס־געריכט, פֿערשיקען, אַוועקנעהמען דעם טשין אַלס אָפֿיציר, אַראָברייסען די שליפֿעס", זיינען דאַן געווען די שרעקליכע ווערטער, וועלכע האָבען געקלונגען אין די אויערען פֿון יעדען, וואָס איז געווען אין די מיליטער. דאָס איז געווען אַ שרעקליכע צייט. אונזער גאַנצע שרעק האָט זיך אָבער דיעזעס מאָהל אויסגעלאָזען מיט גאָרנים. צאַר ניקאָלאַי האָט נור געוואָלט האָבען די נעמען פֿון די זיהן פֿון אַלע די אָפֿיצירען, וועלכע האַבען אַמאָהל געדיענט אין איזמאַילאָווסקי פּאָלק, כדי זיי צו שיקען אין אַ מיליטער־שוהלע, אויב דאָס איז נאָך ניט געטהאָן געוואָרען. אַ ספּעציעלער שליח איז צוליעב דיעזען צוועק געשיקט געוואָרען פֿון פּעטערסבורג נאָך מאָסקווע, און סיי ביי טאָג, סיי ביי נאַכט, האָט דיעזער שליח אָבגעשטאַט זיינע וויזיטען אין די הייזער פֿון די אָפֿיצירען, וואָס האָבען אַמאָהל געדיענט אין דעם איזמאַילאָווסקי פּאָלק.

מיט אַ ציטערנדע האַנד האָט מיין פֿאָטער אָנגעשריעבען, דאָס זיין עלטסטער זוהן ניקאָלאַי לערענט שוין אין קאַדעטסקין קאָרפּוס אין מאָסקווע, דאָס זיין אינגסטער זוהן פּיאָטער (מיינענדיג מיר) איז אַ קאַנדידאַט פֿאַר דעם קאָרפּוס פֿון די קעניגליכע פּאַזשען, און דאַרום בלייבט נור זיין צווייטער זוהן אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט נאָך ניט אָנגעפֿאַנגען זיין מיליטער־קאַריערע. איניגע וואָכען שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּאַפּיער, מיטטהיילענדיג דעם פֿאָטער מיינעם פֿון דעם מאָנאַרך'ס גנאַדע. עס איז בעפֿוילען געוואָרען, דאָס אַלעקסאַנדער זאָל אַריינטרעטען אין דעם קאַדעטסקין קאָרפּוס אין אָריאָל, אַ קליינע פּראָווינץ־שטאָדט. דאָס האָט אָבער געמאַכט מיין פֿאָטער פֿיעל זאָרג, און עס האָט אהם אויך געקאָסט אַ שיין ביסעל געלד, אַז אַלעקסאַנדער זאָל ניט געשיקט ווערען נאָך אָריאָל, נור זאָל קענען איינטרעטען אַלס קאַדעט אין דעם מאָסקווער קאַדעטסקי קאָרפּוס. ענדליך איז דאָס איהם בעוויליגט געוואָרען, אַלס אַ גאָר פֿרישע קעניגליכע גנאַדע, און דאָס נור צוליעב דעם, ווייל אונזער עלטסטער ברודער איז שוין געווען אין די מאָסקווער מיליטער שוהלע.

און אָט אויף אַזאַ אופֿן, ווייל ניקאָלאַי דעם ערשטען האָט זיך אַזוי פֿערגלוסט, זיינען מיר ביידע, איך און מיין ברודער, געמאַכט געוואָרען צו קריעגען אַ מיליטערישע ערציהונג, און עס זיינען ניט אַוועק פֿיעלע יאָהרען, ווען מיר האָבען איינפֿאַך געהאַסט דיעזע אויפֿגעצוואונגענע מיליטער קאַריערע צוליעב איהר פּוסטקייט און נאַרישקייט. ניקאָלאַי האָט אָבער געהיט, אַז קיינער פֿון די קינדער פֿון אַדעל זאָלען ניט האָבען קיין אַנדער פּראָפֿעסיע אויסער די מיליטערישע, סיידען זיי זיינען געווען קראַנק אין

אונפֿעהיג צום מיליטער־דיענסט. אָט אַזוי איז בעשערט געווען, צו מיין פֿאָטער׳ס גרויסע צופֿריעדענהייט, דאָס אַלע זיינע דריי זיהן זאָלען זיין אָפֿיצירען.

6.

אין יענע צייטען איז איינעמס רייכטהום געשעצט געוואָרען נאָך די צאָהל פֿון די „דושעס" (נפשות) וועלכע אַ פּאָמיעשטשיק האָט געהאַט אַלס זיין אייגענס. אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל זעעלען האָט געמיינט: אַזוי פֿיעל לייב־אייגענע זכרים; פֿרויען זיינען ניט גערעכענט געוואָרען. מיין פֿאָטער, וועלכער איז געווען דער אייגענטהימער פֿון ביינאַהע צוועלף הונדערט דושעס אין דריי פֿערשיעדענע פּראָווינצען, און וואָס האָט נאָך געהאַט צו די לאַנד פֿון זיינע בויערן גרויסע שטרעקען לאַנד, וואָס זיינען בעאַרבייט געוואָרען פֿון דיעזע בויערן, איז גערעכענט געוואָרען אַלס אַ גביר. און אום צו רעכט־פֿערטיגען זיין שם אַלס גביר, האָט ער אויך געפֿיהרט זיך אויף דעם שטייגער פֿון אַ גאַנץ רייכען מאַן. דאָס האָט געמיינט, דאָס זיין הויז איז געווען אימער אָפֿען, מאַכט ניט אויס פֿאַר וואָס פֿאַר אַנצאָהל פֿון געסט, און ער האָט געפֿיהרט זיין הויז אויף אַ זעהר גרויסען אופֿן.

מיר זיינען געווען אַ פֿאַמיליע פֿון אַכט, און אַמאָהל פֿון צעהן, צוועלף פּאַרשוין, אָבער פֿופֿציג דיענער אין מאָסקווע, און אַ העלפֿט פֿון דיעזע צאָהל אויפֿ׳ן לאַנד זיינען ניט בעטראַכט געוואָרען אַלס צופֿיעל. פֿיער קוטשערס, אום אויפֿצופּאַסען אויף אַ דוצען פֿערד; דריי קוכאַרעס פֿאַר די הערען פֿון הויז און צוויי פֿאַר די דיענסטלייט. אַ דוצען מענשען, וועלכע האָבען אונז בעדיענט ביי׳ן מיטאָג־עסען (אַ מענש, מיט אַ טעלער אין האַנד, שטייענדיג הינטער יעדע פּערזאָן, וואָס איז געזעסען ביי׳ן טיש) און מיידלאַך אָהן אַ צאָהל אין דעם דיענסט־צימער — ווי האָט אימיצער געקענט גאָר אויסקומען מיט וויניגער? אויסער דעם, די אַמביציע פֿון יעדען לאַנד־בעזיצער איז געווען, דאָס אַלעס, וואָס ווערט געברויכט פֿאַר זיין הויז־געזינד, זאָל געמאַכט ווערען אין דער היים, פֿון זיינע אייגענע מענשען.

„ווי שעהן אייער פּיאַנאָ איז אימער אָנגעשטעלט! איך דענק, אַז הער שימעל איז עס, וואָס שטעלט אָן דעם טאָן אין אייער פּיאַנאָ".

צו זיין אין שטאַנד צו ענטפֿערן אויף אַזאַ בעמערקונג: „אָה, איך האָב מיין אייגענעם מענש, וואָס שטעלט מיר אָן די פּיאַנאָ", איז געווען בעטראַכט צו יענער צייט אַלס דאָס פּאַסענדסטע, דאָס ריכטיגסטע.

„וואָס פֿאַר אַ טהייערע צוקערקעס" פֿלעגען די געסט אויסשרייען, ווען דיעזע קונציגע שטיקעל אַרבייט פֿלעגט ערשיינען אויפֿ׳ן טיש צו די

ענדע פון מאָהלצייט, „זייט זיך מודה, פרינץ, דאָס דיעזע טהייערע צוקער־געבעקס קומט פון טרעמבלע" (דער צוקערקעס־מאַכער, וואָס איז געווען אין דער מאָדע צו יענער צייט).

„דאָס איז געמאַכט געוואָרען פון מיין אייגענעם צוקערקעס־מאַכער, אַ שיהלער פון טרעמבלע, און איך האָב איהם געגעבען די ערלויבניס צו וויזען, וואָס ער קען", איז געווען דער ענטפער, וועלכער האָט אַרויס־גערופען אַלעמענס בעוואונדערונג.

צו האָבען די שעהנסטע שטריקעריי אַרבייט, געשפּאַנען, מעבעל — יאַ, אַלעס — געמאַכט ביי זיך צו הויז, פון די אייגענע מענשען, איז געווען דער אידעאַל פון דעם רייכען לאַנד־בעזיצער. אַזוי שנעל, ווי די קינדער פון די דיענערשאַפט פלעגען אַלט ווערען צעהן יאָהר, פלעגט מען זיי גלייך אַוועקשיקען אַלס לעהרלינגע צו פערשיעדענע בעלי מלכות, וואָס זיינען געווען אין דער מאָדע. ביי דיעזע מייסטערס פלעגען זיי געצוואונגען זיין צו פאַרברייננגען אַ יאָהר פינף און מעהר, מייסטענטהייל אין קערען דעם פּאָמאָסט, אין קריגען קלעפּ און קולאַקעס אָהן שיעור, און אין אַרומגעיאָגט ווערען איבער'ן שטאָט פאַר פערשעדענע שליחות. איך מוז מודה זיין, דאָס זעהר ווענינע זיינען געוואָרען ריכטיגע בעלי מלכות. די שוסטער און שניידער האָבען זיך נור אַזוי וויט אויסגעלערנט זייער אַרבייט, דאָס מעהר ווי פאַר די דיענערשאַפט האָט זייער אַרבייט ניט געטויגט. און ווען מי האָט ווירקליך געברויכט צו האָבען אַ גוטען צוקער־געבעקס, פלעגט מען איהם טאַקי בעשטעלען ביי טרעמבלע, וועהרענד אונזער אייגענער צוקערקעס־מאַכער האָט געטראַסקעט אין פויק אין אונזער מוזיק־קאַפּעליע. דיעזע מוזיק־קאַפּעליע איז געווען נאָך איינע פון מיין טאַטענס אַמביציאָנען, און כמעט יעדער איינער פון זיינע דיענער, צו אַלע אַרבייטען זיינע, האָט געמוזט זיין אויך אַ מוזיקער. מאַקאַר דער פיאַנאָ־אָנשטעלער, אויך דער צווייטער פון דעם שר המשקים, איז אויך געווען אַ פלייטיסט. אַנדריי, דער שניידער, האָט געשפּיעלט פּייפּיאָל; דער צוקערקעס־מאַכער איז פריהער געווען אַ פויקער, אָבער ער האָט געטראַסקעט אין פויק מיט אַזאַ חשק, אַז מיר זיינען אַלע שיעור טויב געוואָרען פון איהם, און מי האָט פאַר איהם געקויפט אַ גרויסען טראָמפּייט, אין דער האָפנונג, דאַס זיינע לונגען וועלען ניט זיין בכוח צו מאַכען אַזאַ גערויש, ווי ער האָט עס געמאַכט מיט זיינע הענד. ווען ער האָט אָבער אויך די לעצטע האָפנונג פון מיין פאָטער צושטערט, האָט מען איהם גאָר אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט. וואָס אָנבעלאַנגט דעם געשטופּעלטען טיכאָן, האָט ער צו אַלע זיינע קענטניסע אין דער הויז־ווירטהשאַפט, אַלס אַ לאָמפּענפּוצער, פּאָמאָסט־שייערער און ז. וו. זיך אויך

נוצליך געמאַכט אין דער קאַפּעליע—היינט האָט ער געשפּיעלט די באַנדורע, מאָרגען אויפ'ן צימבעל און איבערמאָרגען גאָר אויפ'ן פּידעל.

די צוויי ערסטע וויאָלינּיסטען זיינען געווען די אויסנאַהמע צו דיזער רעגעל. זיי האָבען צו קיין אַנדער זאַך, ווי צו די פּידעל, זיך ניט צוגעריהרט. דער פּאָטער האָט זיי, מיט זייערע גרויסע פּאַמיליען, אָבגעקויפט פּאַר אַ היבשע סומע פּון זיין שוועסטער. (פון פּרעמדע פּלעגט ער קיין מאָל קיין לייב-אייגענע ניט קויפּען און זיי אויך קיין מאָל צו פּרעמדע ניט פּערקויפּען.)

דעם אָווענד, וואָס דער פּאָטער פּלעגט ניט פּערברייננגען אין קלוב אָדער ווען ביי אונז איז געווען אַ שטיקעל אונטערהאַלטונג, האָט מען צוזאַמענגערופען די צוועלף, פּופּצעהן פּערזאָן פּון אונזער קאַפּעליע. זיי האָבען גאָר נישט-קשה'דיג געשפּיעלט, און פּלעגען גאַנץ אָפּט איינגעלאַדען ווערען צו אונזערע שכנים, ספּעציעל אוי'ף לאַנד. פּערשטעהט זיך, אַז דער פּאָטער פּלעגט שעפּען פּיעל נחת, ווען מי איז געקומען בעטען ביי איהם ערלויבנים אָבצולאָזען זיין קאַפּעליע אויף איין אָווענד.

דער פּאַקט איז, אַז קיין זאַך האָט מיין טאַטען ניט פּערשאַפּט אַזוי פּיעל פּערגניגען, ווי בעת מי פּלעגט ביי איהם בעטען אַ טובה; צו מי האָט איהם געבעטען אום זיין קאַפּעליע, צו אום אַ סטיפּענדיע פּאַר אַן אָרעמען גימנאַזיסט, אָדער גאָר אום אַרויסצונעהמען אַ מענשען פּון תפיסה,—איז געווען ביי איהם עגאַל. כאָטש ער איז געווען אַ בעל כעס'ן, וואַר ער פּון דעסטוועגען זעהר מילד פּון דער נאַטור, און ווען מי האָט איהם געבעטען אום הילף, פּלעגט ער פּאַנאַנדערשיקען מאַסען בריעף צו פּערשיעדענע איינפּלוסרייכע פּערזאָנען, אַבי צו קענען העלפּען דעם מענשען, וועלכען ער האָט זיך אָנגענומען צו בעשיצען.

ביי אַזאַ געלעגענהייט פּלעגט זיין קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איז אַזוי אויך געווען היבש גרויס, נאָך שווערער ווערען דורך אַ מאַסע ספּעציעלע בריעף, וועלכע זיינען געווען געשריעבען אין אַ האַלב אָפּיציעלען, האַלב קאָמישען סטיל; יעדער בריעף איז זעלבסט-פּערשטענדליך געווען פּערחתמ'ט מיט אונזער פּאַמיליען-הערב, אין אַ גרויסען פּיער-עקיגען קאָנווערט, אין וועלכען ס'האָט געקלאַפּערט דער זאַמד,—פּון קיין לעש-פּאַפּיער האָט מען נאָך דאַמאָלסט ניט געוואוסט.

וואָס שווערער עס איז צוגעגאַנגען, דאָס מעהרער ענערגיע פּלעגט ער אָנווענדען, ביז ער האָט געקראָגען די טובה פּאַר אַ פּערזאָן, וועלכע ער האָט גאַנץ אָפּט אפילו אין די אויגען קיין מאָהל ניט געזעהען.

דער פּאָטער האָט שטענדיג געגאַרט צו האָבען פּיעל געסט ביי זיך אין הויז. אונזער מיטאַג-שטונדע איז געווען פּיער אַ זייגער, און אַרום

זיעבען פֿלעגען מיר זיך אַלע אַרומזעצען אַרום דעם סאַמאָוואַר. יעדער, וואָס האָט בעלאַנגט צו אונזער צירקעל, האָט זיך געמעגט אַריינקומען אין אָווענד, און זייט דער צייט, וואָס די שוועסטער העלענאַ איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט שוין קיין געסט ניט געפֿעהלט; אי אַלטע, אי יונגע האָבען זיך דאַן געפּאָלזעוועט מיט דער פּריווילעגיע. קוים האָט מען געזעהען דורך די פֿענסטער, אַז אין הויז איז גוט ליכטיג, האָט מען שוין געוואוסט, אַז מיר זיינען אין דער היים און אַז פֿריינד זיינען ווילקאָמען.

און געסט האָבען מיר געהאַט כמעט יעדען אָווענד. אין זאַאַל פֿלעגט מען עפֿענען די גרינע טישען פֿאַר די קאָרטען־שפּיעלער, ווערענד די פֿרויען און דאָס יונגוואַרג האָבען זיך צוזאַמענגעקליעבען אין די קלענערע צימער, אָדער אַרום העלענאַ'ס פּיאַנאָ. ווען די דאַמען זיינען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, פֿלעגען נאָך די קאָרטען־שפּיעלער בלייבען מאַנבעסמאָל ביז בעגינען. און היבשע סומען געלד פֿלעגען פֿערשפּיעלט און געוואונען ווערען. מיין פֿאָטער האָט תמיד פֿערשפּיעלט. הגם אין דער היים איז נאָך קיין סכנה ניט געווען, אין ענגלישען קלוב פֿלעגט אָבער חברה שפּיעלען גרויס, און נאָך ערגער איז עס צוגעגאַנגען צווישען די „זעהר אַנשטענדיגע" דוואָריאַנעס, אין איינע פֿון די „רעספּעקטאַבעלסטע" הייזער פֿון דער סטאַראַיאַ קאָניושנאַיאַ. דאָרט האָט מען געגעמבעלט די גאַנצע נאַכט, און מיין פֿאָטער פֿלעגט תמיד אַהיים קומען מיט אויסגעליידיגטע קעשענעס.

ניט זעלטען פֿלעגט מען ביי אונז כאַפּען אַ טענצעל סתם אַזוי זיך, אַ חוץ נאַטירליך די עטליכע בעלער, וועלכע יעדע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליע וואַר פֿערפֿליכטעט צו געבען יעדען ליבען ווינטער־סיזאָן. ביי אַזאַ געלעגענהייט האָט דער פֿאָטער תמיד ליעב געהאַט אַלעס צו האָבען אַראַנזשירט אויף דעם שעהנסטען אַרט, וויפֿיעל עס זאָל ניט געווען קאָסטען. דאָך אין הויז ביי אונז פֿלעגט מען לעבען מורא'דיג קאַרג.

מי דערצעהלט פֿון אַ משפּחה, וואָס האָט פּרעטענדירט אויפֿ'ן פֿראַנצויזישען טהראָן, און איז געווען זעהר בעריהמט מיט איהרע ווירקליך קעניגליכע יאַגד־אויסשטאַטונגען, אַז אין זייער טעגליכען לעבען זיינען זיי געווען אַזעלכע קנויזער, אַז אפּילו די קליינע חלב'ענע ליכטלאַך האָבען זיי געזשאַלעוועט און צוגעצעהלט.

אָט אַזאַ מין קאַרגשאַפֿט האָט געהערשט ביי אונז אין הויז אין יעדער זאַך; אויף אַזוי פֿיעל, אַז ווען מיר, קינדער, זיינען אויפֿגעוואַקסען, האָבען מיר פֿעראַכטעט יעדע מין שפּאָרעניש און ציילעניש, אָבער אין דער אַלטער קאָניושנאַיאַ האָט אַזאַ'ן אַרט לעבען געשטעלט דעם פֿאָטער פֿיעל העכער אין דער עפֿענטליכער מיינונג. „דער אַלטער פּרינץ", פֿלעגט מען

זאָגען, „איז זיך אפילו נישט־קשה'דיג קארג ביי זיך אין הויז; אָבער פון דעסטוועגען פערשטעהט ער ווי אן ערדעלטאן ברויך צו לעבען".

אין אונזערע שטילע און ריינע געסלעך איז אָט דיעזער סאָרט לעבען געווען זעהר אין דער מאָדע. איין שכן אונזערער, גענעראל ד—, האָט זיך געפיהרט זעהר ברייט אין הויז; און דאך זיינען צווישען איהם און זיין קוכאר פארגעקומען די קאָמישסטע סצענעס יעדען אין דער פריה. נאָך פריהשטיק פלעגט דער אלטער גענעראל פעררויכערען די ליולקע און אליין בעשטעלען דעם מיטאָג.

„נו, נו, מיין ליעבעו", פלעגט ער זיך ווענדען צום קוכאר, אין זיין שנעע־ווייסען אנצוג, „היינט וועלען בלויז זיין עטליכע געסט. מאך א זופּ, פערשטעהסטו מיך, מיט א ביסעל גרינע ארבעס, פראנצויזישע בעבלאך, וכדומה. מיר האָבען נאך דאָס דיעזען סיזאָן ניט געגעסען, און די מאדאם, פערשטעהסטו מיך, האָט זעהר ליעב אזא ביסעל זופּ."

„יא, מיין הערר".

„אלס א צושפּייז וויסטו שוין אליין וואָס צו פערפערטיגען".

„יא, מיין הערר".

„נאטירליך, שפארגעל איז נאך ניט אין סיזאָן, אָבער האָב איך עס נעכטען געזעהען שטעהנע בינטלעך אין מארק".

„יא, מיין הערר, פיער רובעל א בינטעל".

„זעהר ריכטיג! און דיינע געבראָטענע הינדלעך און אינדיקעס זיינען אונז שוין אויך נמאס געוואָרען: פארוואָס מאכסטו ניט אמאָל עפּעס אנדערש?".

„יונגע העזלעך, קוראפּאטקעס?"

„יא, יא, אבי ניט תמיד דאָס זעלבע".

אין ווען מען האָט שוין געהאט געענדיגט מיט אלע זעכס געריכטען, האָט דער גענעראל א פרעג געטהאָן: „נו, און וויפיעל פערלאנגסטו אויף היינטיגע הוצאות? איך רעכען, דו וועסט האָבען גענוג א רובעל דריי, וואָס?"

„צעהן רובעל, מיין הערר".

„ביזט משוגע, וואָס? נא, אָט האָסטו דריי רובעל; איך זאָג דיר, אז דאָס איז גאנץ גענוג".

„פיער רובעל פאר'ן שפארגעל אליין, צוויי רובעל אויף גרינוואַרג".

„דרעה ניט קיין קאָפּ, מיין ליבער קערל. איך וועל דיר געבען אזוי פיעל ווי דריי און א האלב רובעל, דו מוזט זיין עקאָנאָמיש".

און אזוי פלעגען זיי זיך אָבדינגען א האלבע שעה, ביז ענדליך עס איז געבליעבען ביי זיעבען רובעל און צוואנציג קאָפּיקעס, מיט דעם תנאי, אז מאָרגענדיגער מיטאָג זאָל ניט קאסטען מעהר ווי אָנדערטהאלבען רובעל.

אַ צופֿריעדענער מיט דער גרויסער מציאה, וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט ביי׳ן קובאַר, איז דער גענעראַל דאַן אַוועק מיט זיין רייכען שליטען איבער די מאַגאַזינען, און איז צוריקגעקומען מלא שמחה, ברענגענדיג פֿאַר דער מאַדאַם אַ פֿלעשעלע פּרעכטיגע פּערפֿיום, פֿאַר וועלכער ער האָט בעצאָהלט אַ היבשע סומע, און אָנזאָגענדיג זיין בת יחידה, אַז נאָכמיטאָג וועט מען איהר ברענגען אָנצומעסטען אַ נייעם סאַמעטענעם מאַנטעל — אַ גאַנץ איינפֿאַכער און זעהר קאָסטבאַרער בגד׳על.

אַלע קרובים אונזערע, וועלכע זיינען צאָהלרייך פֿונ׳ם פֿאָטער׳ס צד, האָבען אויך אַזוי געלעבט; און אויב עס האָט זיך יאָ אַמאָל בעוויעזען אַ נייער גייסט צווישען זיי, האָט ער זיך געוועהנליך אויסגעדריקט אין דער פֿאָרמע פֿון אַ רעליגיעזער ליידענשאַפֿט. אַ פּרינץ גאַגאַרין האָט, צום ביישפּיעל, זיך פּלוצים אָנגעשלאָסען אָן דעם יעזואיטישען אָרדען, אָנמאַכענדיג אַ סקאַנדאַל איבער „גאַנץ מאָסקווע"; אַנאַנדער יונגער פּרינץ איז געוואָרען אַ מאָנאַך, ווערהענד עטליכע עלטערע דאַמען זיינען סתם געוואָרען משוגענע פֿאַנאַטיקער.

איין אויסנאַהמע איז אָבער יאַ געווען. איינער פֿון אונזערע נאָהענטסטע קרובים, פּרינץ — לאָמיך איהם אָנרופֿען מירסקי, האָט פֿערבראַכט זיין יוגענד אין פּעטערסבורג אַלס אָפֿיציער אין דער גוואַרדיע. ער פֿלעגט שוין ניט האַלטען קיין אייגענע שניידער און סטאָליאַרעס, דען זיין הויז וואַר אויסגעמעבלירט נאָך דער לעצטער מאָדע. און זיינע גאַרדעראָבען וואַרען אַלע געמאַכט אין די רייכסטע פּעטערבורגער מאַגאַזינען. צום געמבלען האָט ער קיין שטאַרקען חשק ניט געהאַט, — געשפּיעלט אין קאָרטען האָט ער נור אום צו לייסטען געזעלשאַפֿט די דאַמען; זיין שוואַכע זייט איז געווען דער מיטאַג־מאָהלצייט: אויף דעם האָט ער געספּענדעט אונגעהייערע גרויסע סומען געלד.

איבערהויפּט ווערהענד דעם גרויסען פּאָסט און די פּאַסכע פֿלעגט צו זיין פֿערשווענדונג גאָר קיין שיעור ניט זיין. ווען עס איז געקומען די צייט פֿון וועליקי פּאָסט, און מ׳האָט ניט געטאָרט עסען ניט קיין פֿלייש, ניט קיין סמעטענע און ניט קיין פּוטער, האָט ער זיך געפֿאָלזעוועט מיט דער געלעגענהייט און געמאַכט די שעהנסטע מעדנים׳לעך פֿון אַלערליי פֿיש. דאַן פֿלעגט מען דורכזוכען די בעסטע פֿיש־מערק פֿון פּעטערסבורג און מאָסקווע; ספּעציעלע שלוחים זיינען צושיקט געוואָרען איבער די וואָלגאַ, און מיט דער פּאָטשט (קיין אייזענבאַהן איז נאָך דעמאָלט ניט געווען) צו ברענגען די זעלטענסטע און טהייערסטע פֿיש.

און ווען עס איז געקומען פסח־צייט, איז שוין גאָר צו זיינע ערפֿינדונגען קיין סוף ניט געווען.

פסח איז ביי'ן רוס דער הייליגסטער און אויך דער פֿריילינסטער פֿון אַלע יום־טובים זיינע. עס איז דער פֿריהלינג'ס יום טוב. די גרויסע קופּעס שנעע, וואָס פֿאַרלייגען די מאָסקווער גאַסען אַם ווינטער, הויבען אָן צו צוגעהן, און רוישענדע שטראָמען וואַסער פֿאַרפֿלייצען די גאַסען; ניט ווי דער גנב, וואָס קריכט אַריין אונבאַמערקט, זאָנדערן, פֿראַנק און פֿריי קומט דער פֿריהלינג, — יעדער טאָג ברייננט מיט זיך אַן אומענדערונג אין די קופּעס שנעע און אַ נאַיעס לעבען צווישען די פֿרישע קנאָספּען אויף די בוימער; נור דער נאַכט־פֿראָסט לאָזט נאָך ניט דעם שנעע אַזוי גיך צו געהן.

די לעצטע וואָך פֿון דעם גרויסען פּאָסט, די מאַרטער וואָך (ווען יעזוס איז געמאַרטערט געוואָרען אויפֿ'ן קרייץ), פֿלעגט מען פֿאַר מיין צייט אָבהיטען מיט דער פֿייערליכסטער הייליגקייט אין מאָסקווע; דאָס וואַר אַ צייט פֿון אַלגעמיינעם טרויער, און מאַסען מענשען האָבען אנגעפּאַקט די קלויסטערס און צוגעהערט זיך צו די טרויעריגע קאַפּיטלען פֿון דעם היילינען טעסטאַמענט וואו עס ווערט דערצעהלט יעזוס'עס ליידען. דאַן האָט מען ניט נור קיין פֿלייש, קיין אייער און קיין פּוטער ניט געגעסען, נור אַפֿילו פֿיש איז אויך געווען שטאַרק פֿערבאָטען; די גאָר פֿרומע פֿלעגען אין גאַנצען פֿאַסטען אַם הייליגען פֿרייטאָג. דערפֿאַר איז אָבער דער קאָנטראַסט נאָך שטאַרקער געווען, ווען דער לוסטיגער פסח איז אָנגעקומען.

שבת האָבען אַלע בעזוכט די קלויסטערס; די תפילות זיינען דאַן געווען זעהר טרויעריג. אָבער צו חצות איז אונז פלוצים אָנגעזאָגט געוואָרען די בשורה אז קריסטוס איז אויפֿגעשטאַנען תחית המתים. די קירכעס זיינען גלייך העלל בעלויכטען געוואָרען, פֿון הונדערטער קירכען האָבען זיך די גלאָקען מיט איין מאָל הערליך פֿאַנאַנדערגעקלונגען. ששון ושמחה האָט געהערשט אומעטום. אַלע האָבען זיך דריי מאָל געקושט איינער מיט'ן אַנדערען, און די קלויסטערס, וועלכע וואַרען יעצט פֿאַרפֿלייצט מיט העללער ליכטיגקייט, האָבען געשיינט מיט די פּרעכטינע פֿרויען קאָסטיומען. די אָרעמסטע פֿרוי האָט זיך געמאַכט אַ נייע קלייד אויף דיעזען יום טוב; אויב זי האָט געהאַט איין נייע קלייד אין יאָהר, איז דאָס געווען געמאַכט לכבוד דיעזע נאַכט.

פסח איז אָבער אויך געווען אין איז נאָך יעצט, דער יום טוב פֿון דער גרעסטער וולל־וסובה'ערײ. פּאַסכאַלנע שמאַנט־קיעזלאך און פסח ברויט (קוליטש) ווערען דאַן ספּעציעל געמאַכט; און יעדער איינציגער, ווי אָרעם ער זאָל ניט זיין, האָט געמוזט האָבען כאָטש איין קליין קעזעל און אַ קליינעם

קוילִיטש, מיט וויינינגסטענס איין רויט געפֿאַרבטע איי, וועלכע האָט געזאָלט געבענטשט ווערען אין דער קירכע, און וועלכע וואַר נאַכהער געברויכט אַלס דער ערשטער ביסען ביים ענדע פאָסט.

ביי דאָס רוב אַלטע רוסען האָט זיך דאָס מאָהלצייט אָנגעהויבען ביי נאַכט, נאָך אַ קורצער תפילה, גלייך ווי מי האָט געבראַכט דאָס געבענטשטע ברויט פֿון קירכע; אָבער אין די דוואָריאַנסקע הייזער האָט מען די צערעמאָניע אָבגעלייגט אויף זונטאג אין דער פֿריה; דאַן פֿלעגט מען ערשט דעקען אַ טיש מיט אַלערליי פֿליישען, אַלערליי סאָרטען קעז און געבעקס, און אַלע דיענער זיינען געקומען זיך צוקושען מיט זייערע הערען.

וועהרענד די גאַנצע פסח־וואָך איז אין זאַאל געשטאַנען אַ גרויסער טיש בעדעקט מיט אַלערליי פסח'דיגע שפּייזען, און יעדער גאַסט איז איינגעלאַדען געוועזן צו געניעסען כאָטש עפּעס.

ביי אַזאַ געלעגענהייט פֿלעגט זיך פּרינץ מירסקי זעלבסט איבערטרעפֿען. צו ער איז געוועזן אין פּעטערסבורג, צו אין מאָסקווע, האָט איהם אַ שליח תמיד געבראַכט פֿון זיין אייגענער אימעניע אַ ספּעציעל פֿערפֿאַרטיגטען שמאַנט־קעז פֿאַר דער פּאַסכאַ, פֿון וועלכען זיין קוכער פֿלעגט אויסאַרבייטען דערפֿון אַן אַרטיסטיש שטיק צוקער־געבעקס. אַנדערע שלוחים זיינען געשיקט געוואָרען קיין נאָווגאָראָד צו קריגען דאָס לענדען־פֿלייש פֿון אַ בער, וועלכעס מי האָט געטריקענט פֿאַר'ן פּרינץ'ס פסח'דיגע סעודה.

און בעת די פּרינצעסין, מיט איהרע צוויי טעכטער, האָבען מתפלל געוועזן אין די שטרענגסט אָרטאָדאָקסישע קירכען דריי, פֿיער שעה דורכאַנאַנד, און האָבען פֿאַרבראַכט די גאַנצע מאַרטער־וואָך אין שטרענגסטען טרויער, לעבענדיג מיט אַ שטיקעל טרוקענע ברויט, וועלכע זיי האָבען געכאַפּט געהענדיג פֿון איין קלויסטער אין אַנדערען, האָט דערוויל דער פּרינץ יעדען אין דער פֿריה דורכגעקוקט דעם מיליוטין באַזאַר אין פּעטערסבורג, וואו זיך אַלע זעלטענסטע לוקסוס־שפּייזען ווערען געבראַכט פֿון אַלע עקען וועלט. דאָרטען פֿלעגט ער אויסקלייבען די געשמאַקסטע מאכלים פֿאַר זיין פסח'דיגען מאָהלצייט. הונדערטער געסט זיינען צו איהם געקומען און יעדער האָט געמוזט טועם זיין וואָס עס איז פֿון די מעדני מלך וואָס וואַרען צושטעלט אויף זיינע רייכע טישען.

דער סוף איז געוועזן, אַז דער פּרינץ האָט בוכשטעבליך אויפֿגעגעסען זיין היבשען פֿאַרמעגען. די רייך־געמע לירטע הויז און זיין פּראַכטפֿאָללע אימעניע זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרען, און אויף דער עלטער האָט ער געמוזט אָנקומען צו די קינדער זיינע.

עס איז קיין חדוש ניט, וואָס כמעט אַלע דיעזע פֿאַמיליעס פֿון דעם

אַלטען קאָנױשעננע קוואַרטאַל וואַרען פֿאָלשטענדיג רואינירט, בשעת די פּאַנשטשיזנע איז אָבגעשאַפֿט געוואָרען אין רוסלאַנד. נור לאָמיך ניט כאַפּען די שפּעטערע בעגעבענהייטען פֿאָראויס.

7.

ווען מיר וואָלטען מיזען איינקױפֿען אונזער פּראָוױאַנט אין מאָסקווע גופא, וואָלט עס זיכער געוועזען אונמעגליך פֿאַר אונז אױפֿצוהאַלטען אַזױ פֿיעל בעדיענער; אָבער אין יענע צייטען האָט עס זיך געפֿיהרט גאַנץ איינפֿאַך. ווען דער ווינטער איז געקומען, האָט זיך דער טאַטע מיינע בריטליך אַוועקגעזעצט ביי'ן טיש און האָט אָנגעשריבען אַזאַ מין בריוועלע:—

„צו דעם עקאָנאָם פֿון דער אימעניע ניקאָלסקאָיע, קאַלוגער גובערניע, מעשטשאָווסקער אויעזד, ביי'ן טייך סירענאַ, פֿון דעם פּרינץ אַלעקסעי פּעטראָוויטש קראַפּאָטקין, פּאָלקאָווניק און קאָמאַנדיר פֿון פֿאַרשיעדענע טשינען.

„אַזױ שנעל, ווי דו ערהאַלטסט דיעזען דאָקומענט, און אַזױ שנעל ווי דער וועג איז אין אָרדנונג, בעפֿעהל איך דיר, מיר צוצושיקען אין מיין הויז, וועלכעס געפֿינט זיך אין דער שטאָדט מאָסקווע, פֿינף־און־צוואַנציג פּויערשע שליטענס, יעדער פֿון זיי געשפּאַנט אין צוויי פֿערד, אַ פֿערד פֿון יעדוועדער הויזגעזינד, און אַ שליטען און אַ פּאַראָבקע פֿון יעדער צווייטער הויזגעזינד; די דאָזיגע שליטענס זאָלען זיין געלאָדען מיט אַזױ פֿיעל און אַזױ פֿיעל טשוואַרטקעס ווייץ, האָבער און גערשטען, ווי אויך מיט אַלע עופֿות, גענז און קאַטשקעס, וועלכע מוזען דיזען ווינטער געקוילעט ווערען, אַלעס גוט געפֿרוירען, גוט געפּאַקט, און אונטער די השגחה פֿון אַ פֿעהיגען מענשען". — און אַזױ ווייטער, און אַזױ ווייטער, ביז'ן סוף אוקאַז. דערנאָך פֿלעגט ער נעהמען אויסרעכענען די קאַרעס, מיט וועלכע ער וועט שטראָפֿירען, אויב דער פּראָוױאַנט וועט ניט אָנקומען פֿון דער־און־דער הויז, פֿון דעם־און־דעם נומער, פֿון דער־און־דער גאַס, פּונקט אין דער ריכטיגער צייט, און אין בעסטען צושטאַנד.

אַ שטיקעל צייט פֿאַר קריסטמעס זיינען טאַקי די פֿינף־און־צוואַנציג שליטענס אַריינגעפֿאָהרען אין אונזערע טויערען און האָבען פֿאַרנומען אונזער גאַנצען בריטען הויף.

„פֿראָל" האָט דער טאַטע אַ געשריי געטהאָן, אַזױ שנעל, ווי ער האָט דערהערט דיזע וויכטיגע בשורה. קיראַשקאַ, יעגאָרקאַ! וואו זיינט איהר אַלע? מי וועט אַלעס צו'גנב'ענען! פֿראָל, געה, נעהם אָב דעם האָבער! אוליאַנאַ, שנעל נעהם צו די עופֿות! קיראַשקאַ, רוף אַראָב די פֿירסטין!"

דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט זיך גענומען קאָכען, די דיענער זיינען אַרומגעלאָפען פאַרטומעלט אַהין און אַהער, פון קאָרידאָר אין הויף אַריין, און פון הויף צוריק אין קאָרידאָר, אָבער מיינסטענס אין דעם צימער פון די דיענסט־מיידלאַך זיי מיטצוטהיילען די נייעס פון ניקאָלבקאָיע: „דער איז געשטאָרבען, די געהט חתונה האָבען מיט דעם, די מיט יענעם", א.ז.וו. אויך בריעף פלעגען צו דיעזע צייט אָנקומען פון דער פראָווינץ, און באַלד גנב'עט זיך אַ מיידעל אַריין צו מיר אין צימער.

„ביסטו אַליין? איז דער לעהרער ניטאָ?"

„ניין, ער איז אין אוניווערזיטעט."

„נו, טאָ לייען מיר טאַקי איבער אָט דעם בריוועל פון דער מאַמען."

און איך לייען איהר דעם נאַאיווען בריוועל, וועלכער הויבט זיך תמיד אָן מיט די ווערטער:

„טאַטע—מאַמע שיקען דיר כל הברכות אויף אייביג און אייביג."

דערנאָך קומט די נייעס: „די מומע אופראַקסיע ליגט קראַנק, אַלע ביינער ברעכען איהר; און דיין פלעמעניק האָט נאָך ניט חתונה געהאַט, אָבער ער האָפט חתונה צו האָבען נאָך די פאַסכעס." נאָך די נייעס האָט זיך אָנגעהויבען די גריסעניש, אויף צוויי זייטלעך פאַפיער: „ברודער פאַוועל לאָזט דיך גריסען, און די שוועסטער מאַריאַ און דאַריאַ לאָזען דיך גריסען, און דער פעטער דמיטרי לאָזט דיך הערצליך גריסען" א.ז.וו.

פון דעסטוועגען, כאָטש די פאַדראָבנע אויסרעכנונג איז ניט געווען אינטערעסאַנט פאַר מיר, האָט דאָס ביי דער מיידעל אויפגעוועקט גאַנצע בערג מיט עראינערונגען: „אַזוי, זי לעבט נאָך, הפנים, די אונגליקליכע נשמה, זי לאָזט דאָך מיך גריסען" פלעגט זי בעמערקען; „שוין ניין יאָהר ווי זי ליגט אויף איין אָרט, אַ פאַראַליזירטע נעבאַך." אָדער, „אַה, ער האָט נאָך אָן מיר ניט פאַרגעסען; איז ער דאָך הפנים אַהיים געקומען אויף קריסטמעס; אַזאַ שעהנער יונג. דו וועסט מיר אָנשרייבען אַ בריוועל? איהם טאָר איך ניט פאַרגעסען צו גריסען." איך האָב איהר, נאַטירליך, צוגעזאָגט, און ווען עס איז געקומען דערצו האָב איך דעם בריף געשריעבען פונקט אין דעם זעלבען נוסח.

ווען מי איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן אויסלאַדעווען, איז דער קאָרידאָר געוואָרען פול מיט מוזשיקעס. אויף די פעלצלעך האָבען זיי אַרויפגעשלעפט אויף זיך די יום־טוב'דיגע בגדים זייערע, און זיינען געשטאַנען און געוואַרט, ביז דער טאַטע וועט זיי אַריינרופען צו זיך אין צימער און וועט זיך מיט זיי דורכשמועסען מכח דעם שנעע און מכח די קומענדיגע שניט־צייט. זיי האָבען קוים ביי זיך געפועלט אַרויפצוקריכען אויף דער פאָלירטער פאַדלאָגע

מיט זייערע שטיוואַליעס. מאַנכע פון זיי האָבעז זיך זאָגאַר געמאַכט מוטה און האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף׳ן ראַנד פון אַ דעמבאווער באַנק; אָבער זיי זאָלען זיך זעטצען אויף אַ שטוהל—דאָס שוין בשום אופן ניט. שטונ־דען לאַנג האָבען זיי אויכגעוואַרט, זיך שרעקענדיג פאַר יעדען איינציגען, וואָס איז אַריין אָדער אַרויס פון פאָטער׳ס צימער.

אויף דער נאַכט, אָדער אויף צו־מאָרגענס איז איינער פון די דיענער שטילערהייט אַרויפגעלאָפען צו מיר אין צימער.

„ביסטו איינער אַליין?"

„יא."

„טאָ לויף געשווינד אין קאָרידאָר. די מוזשיקעס ווילען דיך זעהען מסתמה עפעס פון דיין ניאַנקע."

ווען איך בין אריין אין קאָרידאָר, האָט מיר אַ מוזשיק דערלאַנגט אַ פעקעל מיט קיכלעך, האַרטע אייער און עפעל, פארבונדען אין אַ קאָליר־טע ציצינע פאַטשיילקע. „נאַ, נעהם: דאָס שיקט דיר דיין ניאַנקע וואסי־ליסאַ. זעה נור צו די עפעל זיינען ניט געפרוירען. איך האָף אַז ניט: דעם גאַנצען וועג האָב איך זיי געהאַלטען אין בוזים. אַזאַ שרעקליכען פראָסט האָבען מיר געהאַט." און דער ברייטער האָר־בעדעקטער פנים דורכגעגע־סען פון פראָסט, פלעגט דערביי לייכטען פון שמחה, ארויסווייזענדיג צוויי שורות פראַכטפאָלע ווייסע ציינער פון אונטער אַ גאַנצען וואַלד האָר.

„און דאָס איז פאַר דיין ברודער, פון זיין ניאַנקאַ אַננאַ," פלעגט זיך אַנאַנדער מוזשיק אָברופען, מיר דערלאַנגענדיג אַנאַנדער פעקעלע. „דאָס אָרעמע קינד קריגט אודאי ניט גענוג צו עסען אין גימנאַזיע, זאָגט אַננאַ תמיד, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דיין ברודעריל."

בלייבענדיג שטעהן פאַרשעהמט און צומישט, פלעג איך אַ ברום טהון: „זאָגט וואַסיליסאַן אַז איך קוש זי און אַננאַ׳ן אויך, פאַר מיין ברודער." דערביי האָבען זיך זייערע פנים׳ער נאָך מעהר פארנאַנדערגעשטראהלט פון שמחה.

„יא, אַודאי וועלען מיר עס טהאָן."

דאַן האָט פלוצלונג קירילאַ, וועלכער פלעגט תמיד היטען דעם טאַטען׳ס טיהר, מיר אַ שושקע טאהן אין אויער: „אַנטלויף שוין ארויף; דיין טאַטע קען יעדע רגע אַרויסקומען. פארגעס ניט די פאַטשיילקע; זיי ווילען זי מיטנעמען צוריק אַהיים."

צוזאַמענלייגענדיג די פאַטשיילקע זעהר פאָרזיכטיג, האָב איך מיט׳ן גאַנצען האַרצען געגאַרט כאָטש וואָס עס איז צוריקצושיקען וואַסיליסאַ׳ן. אָבער איך האָב קיין זאַך ניט פאַרמאָגט, אפילו ניט אַ שפיעלכעל, און

טאַשען־געלד האָבען מיר אויך קיין מאָל קיין גראָשען ניט געהאַט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אַם פֿרייליכסטען האָבען מיר פֿערבראַכט אונזער צייט אויף דער דאַטשע. באַלד נאָך שבועות האָבען מיר אָנגעהויבען טראַכטען מכח אונזער נ י ק אָ ל ס ק אָ י ע. פֿון דעסטוועגען איז ניט איין וואַסער אַוועק, —די מאַי־בלומען האָבען שוין אַודאי לאַנג אויפֿגעהערט בליהען אין ניקאָלסקאָיע,—און דער פֿאָטער איז נאָך אַלץ ניט פֿאַרטיג געוואָרען מיט זיינע טרויעריגע עסקים אין שטאָט. ענדליך זיינען אין הויף אַריינגעפֿאָהרען עטליכע בויערשע וועגען: דאָס זיינען זיי עס געקומען אָנלאַדעווען דעם באַגאַזש פֿאַר אונזער זומער וואָהנונג.

נאָך אַמאָל האָט מען גענומען רעווידירען די גרויסע אַלטע קאַרעטע און אַלע דראָשקעס, אין וועלכע מיר האָבען געזאָלט מאַכען אונזער רייזע. מי האָט אָנגעהויבען פּאַקען די קאַסטענס. מיט אונזערע לעקציעס האָט עס אָנגעהויבען געהן זעהר שלעפּעריג; יעדע מינוט האָבען מיר איבערגעשלאָגען די לעהרער, דאָ מיט דער פֿראַגע, דאָ מיט אַנאַנדערער: זאָל מען מיטנעמען דעם בוך אַדער יענעם? אין בעזאָר וואָס־וועגען, האָבען מיר שוין געהאַט פֿאַרפּאַקט די ביכער, די טאַבליצעס, און די עטליכע שפּיעלגעצייג אונזערע.

אַלעס וואַר פֿיקס און פֿאַרטיג: די וועגען זיינען געשטאַנען שווער בעלאַדען מיט מעבעל פֿאַר דער דאַטשע, מיט קאַסטענס פֿול מיט געשיר און אַ גרויסע מאַסע ליידיגע סלאָיעס, וועלכע האָבען געזאָלט צוריקגעבראַכט ווערען קיין מאָסקווע פֿול מיט איינגעמאַכטס. די בויערען האָבען אַלע אין דער פֿריה געוואַרט שטונדען לאַנג אין קאָרידאָר; אָבער דער אוקאַז אַרויסצופֿאָהרען איז נאָך אַלעס ניט געגעבען געוואָרען. דער פֿאָטער האָט געהאַלטען אין איין שרייבען, ביז די שטיעף־מוטער האָט זיך אָנגעהויבען אַריינצומישען; איהר קאַמער־מיידעל האָט זיך קוים אַמאָל אָרוואַזשעט איהר צו רעפּאָרטען, אַז די בויערען ווילען שטאַרק אַהיים פֿאָהרען, מחמת עס האַלט שוין ניט ווייט פֿון שניט־צייט.

אויף מאָרגען האָט מען געלאָזט אַריינרופֿען אין פֿאָטערס קאַבינעט דעם עקאָנאָם פּראָל און דעם הויפּט וויאָליניסט מיכאַאיל אַליעף.

פּראָל'ן האָט מען איבערגעגעבען אַ טאָרבע מיט „שפּייזע געלד"— צו עטליכע קאָפּיקעס אַ טאָג — פֿאַר יעטוועדען פֿון די פֿערציג, פֿופֿציג פּויערען, וואָס האָבען אונז באַגלייט קיין נ י ק אָ ל ס ק אָ י ע. אויך האָט ער געקראָגען אַ גאַנצע ליסטע, וואו אַלע זיינען געווען פֿאַרראָכנעט אויסגערעכנעט: יעדער מוזיקאַנט פֿון אונזער אָרקעסטער, די קוכאַרעס, די וועשערקעס און זייער קליינוואַרג.

די ערשטע פּידעל האט בעקומען דעם „בעפעהל צו מאַרשירען.״ איך האָב עס אַלעס געוואוסט, מחמת דער פּאָטער, איינזועהענדיג, אַז ער וועט אַליין קיין מאָל ניט פאַרטיג ווערען, האָט מיך געלאָזט רופען איינצוציהען דיעזען „אָרדער״ אין בוך, אין וועלכען אַלע „ארויסגעלאָזענע פּאַפּירען״ האָבען געמוזט איבערקאָפּירט ווערען:—

„אַן מיין הויז־בעדיענער, מיכאַאיל אַליעעף, פון פּרינץ אלעקסעי פּעטראוויטש קראַפּאטקין, פּאָלקאָוניק און קאָמאַנדיר.

„דו ווערסט בעפוילען אַרויסצומאַרשירען מיט מיין באַגאַזש, דעם 29־טען מאַי, זעקס אַ זייגער אין דער פריה, פון דער שטאָט מאַסקווע נאָך מיין אימעניע, וועלכע געפינט זיך אין קאַלוגער גובערניע, מעשטאָווסקער אויעזד ביי׳ן טייך סירענאַ, אַ מהלך פון איין הונדערט און זעכציג מייל פון זיין הויז: אויפצופאַסען אויף אַלע מענשען וואָס ווערען איבערענטפּערט אונטער דיין השגחה, און ווען איינער פון זיי וועט זיך פאַרזינדיגען, צו מיט שכרות, אָדער מיט אונגעהאָרכזאַמקייט, זאָלסט דו איהם ברענגען פאַר דעם ראָטני־קאָמאַנדיר פון די פאַרשיעדענע קאָרפּוסען פון די אינלענדישע קרעד־פּאָסטען, מיט דעם בייגעלעגטען בריעף, און זאָלסט בעטען אַז מ׳זאָל איהם בעשטראָפען מיט היבשע שמיץ, בכדי אַז די אַנדערע זאָלען זיך אָב־נעמען אַ מוסר דערפון.

„ווייטער ווערסטו בעפוילען, אַכטונג צו געבען הויפּטזעכליך, אַז אַלע זאַכען זאָלען בלייבען גאַנץ, און צו מאַכען די רייזע פּונקט, וועדליג דיעזען מאַרשרוט: דעם ערשטען טאָג, זאָלסטו זיך אָבשטעלען אין דעם און־דעם דאָרף, צו פּאַשען די פערד, דעם צווייטען טאָג, זאָלסטו נעכטיגען אין דער שטאָט פּאָדאָלסק;״ און אַזוי ווייטער פאַר די גאַנצע זיעבען אָדער אַכט טעג וואָס די נסיעה האָט געזאָלט דויערען.

דעם נעקסטען טאָג, אום צעהן אָנשטאָט אום זעקס איהר,— פּינקט־ליכקייט איז ניט פון די רוסישע מעלות—זיינען די וועגען אַרויסגעפאָהרען, די פּאַראָבקעס האָבען געמוזט געהען צו פוס: נור די קינדער האָט מען פערוארגט, דעם מיט אַ פלאַץ אין אַ וואַגע, דעם אין אַ קאָשיק, איינעם האָט מען אַרויפגעזעצט אויף אַ הויך־געפּאַקטען וואָגען, און די ווייבער האָבען זיך אָנגעהאַנגען אָן דער בויטע, ווען זיי זיינען מיעד געוואָרען פון וועג. די איבריגע האָבען געמוזט דורכמאַכען די גאַנצע הונדערט און זעכציג מייל צופוס, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבען מאַרשירט דורך מאָסקווע גופא, האָבען זיי נאָך ווי־עס־איז אָבגעהיט די שטרענגע דיסציפּלינע: עס איז זיי געווען שטרענג פערבאָטען צו טראָגען לאַנגע שטיוועל אָדער זיך אונטערצוגאַרטלען מיט רימענס. אָבער בעת מיר האָבען זיי אין אַ פּאָר טעג אַרום אָנגעיאָגט

אויפ׳ן וועג, און ספּעציעל ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען אַז דער פּאָטער פערבלייבט נאָך עטליכע טעג אין מאָסקווע, האָט חברה גלייך פאַרגעסען אַלע אוקאַזען, די גאַנצע דיסציפּלינע. אָנגעטאָהן אין פערשיעדענערליי פלאַשטשען, אונטערגעגארטעלט מיט רויטע פּאַטשיילקעס, אָבגעברענט פון דער זון אין דורכגעווייקט פון שלאַקס־רעגען, מיט לאַנגע פאַלקעס אין די הענד.—ויינען זיי געווען מעהר פּאָכאָזשע אויף אַ באַנדע וואַנדערענדע ציגיינער, ווי אויף אַ הויזגעזינד פון אַ רייכען בעל הבית.

אַזעלכע נסיעות פלעגען געמאַכט ווערען אין יענע צייטען אין יעטוועדער דוואָריאַנסקע פאַמיליע, און ווען מען האָט געזעהען אַ שערענגע פויערן דורכמאַרשירען דורך איינע פון אונזערע גאַסען, האָבען מיר גלייך געוואוסט, אַז דאָס עמיגרירען עס די אַפּוכטינס אָדער די פּריאַנישקאָף׳ס.

די וועגען זיינען שוין לאַנג געווען אָבגעפאָהרען, און די פאַמיליע האָט זיך ניט געריהרט. דאָס וואַרטען איז אונז אַלעמען שוין נמאס ומאוס געוואָרען. אָבער דער פאָטער האָט נאָך אַלץ ניט געענדיגט זיינע אונענדליך לאַנגע אוקאַזען צו די עקאָנאָמען פון זיינע אימעניעס, און איך האָב אויך נאָך גאַנץ פּליסיג געשוויצט ביין איבערצוקאָפּירען אין „גרויסען בוך" אַריין אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריעבען.

ענדליך איז דאָך געגעבען געוואָרען דער בעפעהל אַרויסצופאָהרען. מיר זיינען אַרונטערגערופען געוואָרען אונטען. דער פאָטער האָט אין דער הויף פאַרגעלעזען זיין אוקאַז, אַדרעסירט צו דער פירשטין קראַפּאָטקין, פרוי פון פירשט אַלעקסעי פּעטראָוויטש קראַפּאָטקין, פאָלקאָווניק און קאָמאַנדיר. וויטער זיינען געשטאַנען גענוי אויסגעשטעלט אַלע סטאַנציעס פון איהר פינפטעגיגער נסיעה. אמת, דער אוקאַז איז אַפילו געשריעבען געוואָרען פאַר מאַי דעם דרייסיגסטען און דאָס אַרויספאָהרען האָט געזאָלט שטאַטפינדען אום ניין אין דער פריה, און היינט איז שוין דער גאַנצער מאָנאַט מאַי געווען אַוועק, און די רייזע האָט זיך גאָר אָנגעהויבען נאָכמיטאָג, וואָס דאָס האָט נאַטירליך קאַליע געמאַכט דעם גאַנצען חשבון; אָבער, אַזוי ווי עס פיהרט זיך שוין תמיד מיט מיליטערישע מאַרשרוט־אוקאַזען, האָט מען דאָס אויך פאָראויסגעזעהען, און מי האָט עס פאַרזאָרגט אין פאָלגענדע פאַראַגראַפען:—

„אָבער אויב די אָברייזע פון אייער האָהייט זאָל ניט שטאַטפינדען אין דעם אויבען־דערמאָנטען טאָג און שטונדע, ווערט איהר ערזוכט צו האַנדלען לויט אייער בעסטען פערשטאַנד נאָך, אום דורכצומאַכען דיזע נסיעה ווי אַם בעסטען."

דאַן האָבען זיך אַלע אַנוועזענדע, די פאַמיליע און די דיענער,

אַנידער־געזעצט אויף אַ רגע, האָבען זיך איבערגע׳צלמ׳ט און זיך אָבגעזעגענט מיט׳ן פֿאָטער.

„איך בעט דיר, אַלעקסעי, געה ניט אין קלוב אַריין,“ האָט איהם די שטיף־מוטער איינגערוימט אין אויער אַריין. די גרויסע קאַרעטע, געשפּאַנט אין פֿיער פֿערד, און אַ פּאָסטאַליאָן זיינען שוין געשטאַנען פֿאַר׳ן טהיר; די אַנדערע קאַליאַסקעס האָבען אויך שוין געוואַרט. אונזערע פּלעצער זיינען געווען ריכטיג אויסגערעכענט אין דעם מאַרשרוט־בעפֿעהל, אָבער די פֿירסטין האָט שוין באַלד ביין סאַמע אָנהויב געמוזט האַנדלען „נאָך איהר אייגענעם פֿערשטאַנד נאָך,“ און מיר זיינען קוים אַ מאָהל צו אַלגעמיינער צופֿריעדענהייט אָבגעפֿאָהרען.

פֿאַר אונז קינדער, איז די רייזע געווען אַן אונענדליכע קוועלע פֿון פֿאַרגעניגען. די סטאַנציעס זיינען געווען קורצע, אַ חוץ וואָס צוויי מאָל אַ טאָג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אונטערפּאַשען די פֿערד. אַזוי ווי די פֿרויענצימער האָבען געשריהען געוואַלט ביים מינדעסטען באַרג־העראָב, האָבען מיר געמוזט אַראָבשטייגען ביי יעדען בערגעל, און דיעזע וואַרען כמעט אויף יעדען טריט; און מיר האָבען זיך דערווייל דערמיט געפּאָלזעוועט אַ קוק צו טאָהן אין די וועלדלאַך אריין, אָדער פֿערבייצולויפֿען נעבען די קריסטאַלענע טייכלעך.

דער פּראַכטפֿאָלער שאָסע צווישען מאָסקווע און וואַרשאָ, אויף וועלכען אונז איז אויסגעקומען צו פֿאָהרען אַ היבשען מהלך, איז געווען באַדעקט מיט אינטערעסאַנטע זאַכען: מאַסען געלאַדענע וועגען, מחנות פּיליגרימען, און אַלערליי סאָרטען מענשען. צוויי מאָהל אַ טאָג האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אין גרויסע, לעבהאַפֿטע דערפֿער, און, נאָכדעם, ווען מי האָט זיך גוט אָנגעדונגען וועגען די פּרייזען פֿון היי און האָבער, ווי אויך וועגען דעם פּרייז פֿאַר סאַמאָוואַרען, זיינען מיר אַריין אין דער קרעטשמע. דער קוכאַר אַנדריעי האָט געקויפט אַ הוהן און האָט אָבגעקאָכט די זופּ, און מיר זיינען דערווילע אַוועק אין דעם נעהנסטען וועלדעל אַריין, אָדער האָבען גוט דורכגעפֿאָרשט דעם הויף פֿון דער גרויסאַרטיגער אַכסאַניע.

גענעכטיגט האָבען מיר געוועהנליך אין מאַלאָיאַראָסלאַוועץ, וואו עס האָט שטאַטגעפֿונען דיא מלחמה אין 1812־טען בעת די גרויסע רוסישע אַרמעע האָט נעבאַך אומזיסט געטרייט צו פֿאַשטעלען נאַפּאָליאָנען דעם וועג ווען ער איז אַנטלאָפֿען פֿון מאָסקווע. הערר פּולעין וועלכער איז פֿערוואונדעט געוואָרען אין דער שפּאַנישער מלחמה, האָט געוואוסט, אָדער, ווענינגסטענס, האָט ער געזאָגט, אַז ער ווייס אַלעס וועגען די מלחמה ביי מאַלאָיאַראָסלאַוועץ. ער האָט אונז צו געפֿיהרט צום שלאַכטפֿעלד און האָט

אונז ערקלעהרט, ווי אַזוי די רוסען האָבען פּרובירט שטערען נאַפּאָלעאָן׳ס פּליטה, און ווי זיין אַרמעע האָט זיי צושמעטערט, זיך דורכברעכענדיג אַ וועג דורך רוסישע סאָלדאַטען. ער האָט עס געשילדערט פּונקט, ווי ער אַליין וואָלט דערביי געווען; דאָ האָבען די קאַזאַקען פּרובירט מאַכען אַ רונדבעגוענונג, דער פעלדמאַרשאַל אָבער דאַוואַי, האָט זיי אָבגעהאַקט דעם וועג. און האָט זיי נאָכגעיאָגט ווייט אַריבער איבער דיעזע בערג. דאָרט ווייטער האָט נאַפּאָלעאָנס לינקער פליגעל צוקלאַפּט די רוסישע פּעכאָטע, און נאַפּאָלעאָן אַליין, אַן דער שפּיצע פון דער אַלטער גוואַרדיע, האָט אָנגעגריפען קוטוזאָווס צענטער, זיך מאַכענדיג דערמיט אַן אונשטערבליכען שם איבער דער גאַנצער וועלט.

איינמאָל האָבען מיר זיך פאַרנומען אויף דער אַלטער קאַלוגער שאָסעע, זיך אָבשטעלענדיג אין טאַרוטינאָ, אָבער דאָ האָט פריער שוין ניט דערצעהלט אַזוי פיעל גליקען, וועיל אויף דיעזען אָרט איז נאַפּאָליאָן נעבאַך געוועזען געצוואונגען, נאָך אַ בלוטיגע שלאַכט, אויפצוגעבען זיין פּלאַן צו אַנטלויפען דורך די דרום זייט, און האָט געמוזט נעהמען דעם סמאָלענסקער וועג, וועלכען זיין אייגענע אַרמעע האָט חרוב געמאַכט, געהענדיג אויף מאָסקווע. אָבער דאָך—אַזוי האָט אונז פּוילען געוואָלט איינרעדען—ווינען אין דעם שולדיג געוועזען נאַפּאָליאָנס פעלדמאַרשאַל. ווען ניט זיי, וואָלט ער געוועזען גלייך געמאַרשירט אויף קיעוו און אָדעס, און זיינע פאָהנען וואָלטען געוועזען געפלאַטערט איבערן שוואַרצען ים.

אויף יענער זייט קאַלוגע איז אונז אויסגעקומען דורכצוגעהן אַ מהלך פון פינף מייל דורך אַ פּראַכטפולען סאָסנע־וואַלד, וועלכער איז געבליעבען איינגעקריצט אין מיין זכרון אַלס איינע פון די גליקליכסטע ערינערונגען פון מיין קינדהייט. דער זאַמד אין יענעם וואַלד איז געוועזען אַזוי טיעף ווי אין דער מדבר סאַהאַראַ; דעם גאַנצען וועג זיינען מיר געגאַנגען צו פוס, בעת די פערד האָבען פאַמעלאַך געשלעפּט די קאַרעטען דורך דעם זאַמד, זיך אַלע ווייַלע אָבשטעלענדיג.

אין מיינע קינדער־יאָהרען האָב איך תמיד ליעב געהאַט צו לאָזען אַלעמען פון הינטען, און אַליין אַוועקצומאַרשירען דעם גאַנצען וועג פאָראויס. גרוסע, רויטע סאָסנע בוימער, הונדערטער יאָהרען אַלט, האָבען זיך באַוויעזען אויף אַלע זייטען, און א חוץ שטימען פון דיעזע הערליכע בוימער האָט מען דעם מינדעסטען שאָרך ניט געהערט.

אין אַ קליינעם גראָבען האָט זיך געהערט דער שטילער מורמלען פון אַ פרישען קריסטאָלענעם קוואַל, וועלכער האָט ניט איין מאָהל דערקוויקט די האַרץ פון אַ מיעדען וואַנדערער. שטילערהייט האָט זיך אַ וועווערקע

אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ בוים און די יונגע בוימלעך וואַרען פּונקט אַזוי פֿול מיט סודות, ווי די צווייגען פֿון די אַלטע גרויסע בוימער. אין יענעם וואַלד איז אין מיר געבוירען געוואָרען מיין ערשטע ליעבע פֿאַר דער נאַטור און מיין ערשטער דונקעלער בעגריף פֿון איהר אונאויפֿהערליכען לעבען.

אויף יענער זייט וואַלד, ווען מיר זיינען אַריבער מיט דעם פּאַראָם איבער דעם טייך אוגראַ, האַט זיך געענדיגט דער שאָסע און עס האָבען זיך אָנגעהויבען קליינע, שמאָלע סטעזשקעס, וואו גרינע קאָרן־זאַנגען האָבען צוגעבויגען זייערע קעפּלעך צו אונזער קאַרעטע און די פֿערד האָבען געדושובעט דאָס פֿרישע גראָז ביי די זייטען פֿון וועג. ענדליך האָבען מיר באַגענענט די דריי ווערבעס, וועלכע האָבען אָנגעצייגט, דאָס מיר זיינען שוין ניט ווייט פֿון אונזער אייגענעם דאָרף, און אָט האָבען מיר דערזעהן דעם פּראַכטפֿאָלען געלען טורעם־גלאָק פֿון דער ניקאָלסקאָיער קירכע.

פֿאַר דעם שטילען לעבען פֿון די פּאָמיעסטשיקעס פֿון יענע צייטען איז ניקאָלסקאָיע געווען ווי צוגעמאָסטען. אמת, דעם לוקסוס פֿון אַנדערע אימעניעס האָט מען דאָרטען ניט געזעהן, אָבער דערפֿאַר האָט איהר געקענט דערקענען די קינסטלער האַנד אין די געביידעס און גערטנער, ווי אויך אין דער אַלגעמיינער איינריכטונג פֿונ׳ם דאָרף.

אַ חוץ דער גלאַוונער הויז, וועלכע דער פֿאָטער האָט דאָ ניט לאַנג געהאַט אויפֿגעבויט, זיינען נאָך געווען אַרום דעם גרוימיגען, ריינעם הויף עטליכע קלענערע הייזלאַך, וועלכע האָבען געגעבען זייערע בעוואהנער מעהר אונאַבהענגיקייט צווישען זיך, ניט צושטערענדיג אין דער זעלבער צייט די אינטימע בעציהונגען פֿון זייער פֿאַמיליען־לעבען. דורך דעם אונגעהייער גרויסען סאָד האָבען מיר געקענט דורך געהן ביז אין דער קירכע אַריין; דאָס שטיק דרום לאַנד, צום טייך צו, איז אין גאַנצען געווען איבערגעגעבען פֿאַר אַ שפּאַציער־גאַרטען, וואו בלומען בייטען האָבען בעציערט די פּרעכטיגע אַלעען פֿון די שענסטע בוימער, פֿון דעם גאַניק פֿון דער גלאַוונער הויז האָט זיך געזעהן אַ גרויסאַרטיגע לאַנדשאַפֿט. און דער גאַנצער טייך, מיט די רואינען פֿון אַן אַלטער ערדענער פֿעסטונג, וואו די רוסישע האָבען זיך אַזוי העלדיש פֿאַרטהיידיגט געגען די מאָנגאָלען; און נאָך ווייטער האָט דאָס אויג געמערקט אַ גרויסע שטרעקע פֿון געלע תבואה־פֿעלדער, וועלכע וואַרען אַרומגערינגעלט מיט וועלדלעך.

אין די ערשטע יאָהרען פֿון מיין יגענד האָבען מיר מיט פֿולעין געהאַט אַ גאַנצע הייזעל פֿאַר זיך, און נאָך דעם ווי זיין ערציהונגס־מעטאָדע איז געוואָרען אַ ביסעלע ווייכער, דורך די אַריינמישונג פֿון אונזער שוועסטער העלענע, האָבען מיר צווישען זיך זעהר גוט געלעבט. דער פֿאָטער איז כמעט

קיין מאָל אין דער היים ניט געווען זומער־צייט; ער איז געווען פֿערנומען מיט מיליטערישע רעוויזיעס, און די שטיף־מוטער וויעדער האָט זיך גאַנץ וועניג געקימערט וועגען אונז, בעזאָנדערס נאָך דעם, ווי איהר אייגען קינד איז געבוירען געוואָרען.

אַזוי איז אונז אויסגעקומען צו זיי'ן שטענדיג צוזאַמען מיט ה' פּולעין, וועלכער האָט אַליין שטאַרק ליעב געהאַט דאָס דאָרפֿס־לעבען, און האָט אויך אונז געלאָזען אַ ליעב טהאָן פֿון צי'ט צו צייט. די וועלדער, די שפּאַ־ציער גענג ביי'ם טייך, דאָס קלעטער־ען איבער די בערג צו דער אַלטער פֿעסטונג, וועלכע פולעין האָט לעבעדיג געמאַכט שילדערענדיג דאָס פֿאַר אונז, ווי אַזוי זי איז אַ מאָל פֿאַרטהיידיגט געוואָרען פֿון רוסען, און ווי אַזוי די טאָטערס האָבען זי איינגענומען; דאַן די קליינע סבות, אין וועלכער פולעין איז געוואָרען אונזער העלד, אַרויסראַטעווענדיג איין מאָל אַלעקסאַנ־דערען פֿון וואַסער, אַ האַלב דערטרונקענעם.—אַלעס דאָס צוזאַמען האָט אין אונז געלאָזען די זיסעסטע ערינערונגען.

אויך האָבען מיר אָרגאַניזירט גרויסע פּאַרטיעס, אין וועלכע די גאַנ־צע פֿאַמיליע האָט זיך בעטהייליגט, מאַנכע מאָל קלייבענדיג שוועמלעך אין וואַלד, און דערנאָך מאַכענדיג דעם סאַמאָוואַר צווישען די בוימער, לעבען דעם הייזעל פֿון דעם הונדערט יעהריגען גרייז, וועלכער האָט געוואוינט מיט זיין אייניקעל גאַנץ אָבגעזונדערט פֿון מענשען, אַבטונגעבענדיג אויף די ביהנשטאָקען. מאַנכמאָל זיינען מיר וויעדער אַוועק אין איינעם פֿון פֿאָטער'ס דערפֿער, וואו עס איז געווען אויסגעגראָבען אַ גרויסע סאַזשעווקע, אין וועל־כער מיר האָבען געכאַפּט גאָלדענע פֿישלאַך. אין יענעם דאָרף האָט גע־וואוינט מיין אַמאָליגע ניאַנקע, איהר משפחה איז געווען זעהר אַן אָרעמע; אויסער איהר מאַן האָט זי בלויז געהאַט אַ אינגעל, וואָס פֿלעגט איהר העלפען אין דער אַרבייט, און אַ מיידעל, וועלכע איז דערנאָך געוואָרען אַ מאָנאַשקע ביי די סטאַראָווערצעס, צו וועלכע זי האָט בעלאַנגט. איהר שמחה, ווען איך בין אַריין צו איהר אין הויז, איז געווען אונבעשרייב־ליך. שמאַנט, אייער, עפּעל און האָניג איז געווען אַלעס, מיט וואָס זי האָט מיך געקענט מכבד זיין. אָבער די אַרט און וויזע אין וועלכע זי האָט דאָס אַלס דערלאַנגט, אין ריינע האָלצערנע שיסעלאַך, דער טיש בעדעקט מיט אַ שנעע־ווייסען לייוועטענעם טישטוך (ביי דעם רוסישען סטאַראָווערעץ איז ריינקייט אַ רעליגיאָנס־זאַך) און די ליעבליעבע ווערטער, מיך בעהאַנד־לענדיג ווי איהר אייגען קינד,—אַלעס דאס האָט אין מיין האַרצען איבער־געלאָזען די וואַרעמסטע געפֿיהלען. דאָס זעלבע מוז איך זאגען וועגען די ניאַנקעס פֿון מיינע עלטערע ברידער, ניקאָלאַי און אַלעקסאַנדער, וועלכע

האָבען בעלאַנגט צו בעריהמטע משפחות פון צוויי אַנדערע סעקטעס סטאַ־ראָוויערצעס אין ניקאָלסקאָיע. גאַנץ וועניג מענשען ווייסען וואָס פאַר אוצ־רות גוטסקייט ס'ליגען בעהאַלטען אין דעם האַרצען פון דעם רוסישען מוזשיק, אַפילו נאָך גאַנצע יאַהרהונדערטער פון דער שרעקליכסטער אונטער־דריקונג, וועלכע האָט פון זיי געמעגט מאַכען די פאַרביטערסטע מענשען.

אין אַ רעגענדיגען טאָג האָט אונז פולעין געהאַט צו דערצעהלען גאַנצע בערג מעשיות ספּעציעל וועגען די שפּאַנישע מלחמה. מיר פלעגען איהם בעטען אָבער־און־ווידער אַמאָל צו דערציילען, ווי אַזוי ער איז גע־ראַניעט געוואָרען אין דער שלאַכט; און יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען דערצו, ווי ער האָט געפיהלט דאָס וואַרעמע בלוט אַריינשטראָמען אין זיין שטיוועל, פלעגען מיר אויף איהם אַרויפשפּרינגען, איהם קושען און האַלד־זען און איהם אָנרופען מיט אַלערליי ליעבלינגס־נעמען.

עס האָט אויסגענעהען, ווי אַלץ אין דער וועלט האָט בייגעטראָגען אונז פאַרצובערייטען צו מיליטערישע קאַריערען. די פאַר־ליעבע פון פאָטער, (די איינציגע שפּיעלזאַכען וואָס ער האָט אונז ווען געקויפט וואַרען אַ ביק־סעל און אַן עכטע וואַכבודקע;) די קריגס געשיכטען פון ה' פולעין און אַפילו די ביבליאָטהעק מיט וועלכע מיר האָבען זיך בענוצט. דיזע ביבלי־אָטהעק, וועלכע האָט אַמאָל בעלאַנגט צום גראַף ראַפּניסקי, אונזער עלטער־זיידע (פון דער מאַמעס צד,) אַ געלעהרענטער מיליטאַריסט פון דעם אַכט־צעהנטען יאַהרהונדערט איז בעשטאַנען אויסשליסליך פון ביכער איבער מיליטערישע קריגספיהרונג, באַפּוצט מיט רייכע גראַוויר־בילדער און פּראַכ־טפאָל געבונדען. אין אַ אַ שלעכטע פּאָגאָדע פלעגט זיין אונזער גרעסטער פערגעניגען דורכצוקוקען די בילדער פון דיזע ביכער, אין וועלכע עס וואַרען געשילדערט אַלערליי כלי זיין פון דער צייט פון די אידישע מלוכות, און אין די פלענער פון אַלע מלחמות פון אַלעקסאַנדער מוקדון'ס צייטען אָן.

דיעזע ביכער האָבען אונז אויך געלערענט, ווי צו בויען שטאַרקע פעסטונגען, וואָס זאָלען קענען אויסהאַלטען די קלעפ פון קאַנאָנען, ווי אויך פון אַן אַרכימעדישען שטיינער־שלידערער (וועלכער האָט אָבער דוקא גע־וואָרפען די שטיינער אין שויבען אַריין, און וואַר זאָפאָרט פאַרבאָטען.)

דאָך איז ניט אַלעקסאַנדער און ניט איך געוואָרען אַ מיליטאַריסט. די ליטעראַטור פון די זעכציגער יאָהרען האָט פאָלקאָממען צושטערט די לעהרען פון אונזער קינדהייט.

הערר פולעין'ס אידעען וועגען רעוואָלוציאָנען זיינען געווען די זעלבע, ווי די פון דעם זשורנאַל „אילוסטראַציאָן פראַנסייז", פון וועלכען ער פלעגט ערהאַלטען אַלע נומערען, און וועלכע האָבען אונז אינטערעסירט בלויז מיט

זייערע קאַרטינקעס. אַ צייט לאַנג האָב איך מיר ניט געקענט פֿאָרשטעלען
אַ רעוואָלוציאָן אַדערש, ווי אין דעם געשטאַלט פֿון טויט, רייטענדיג אויף
אַ פֿערד, די רויטע פֿאָהן אין איין האַנד און אַ קאָסע אין דער אַנדערער,
שניידענדיג מענשען רעכטס און לינקס. אָבער איצט דיינק איך, אַז ה׳ פור־
לעי׳ם גאַנצע שנאה איז געווען בלויז אויף די פֿאָוסטאַניע פֿון 1848, מחמת
איינע פון זיינע ערצעהלונגען וועגען די רעוואָלוציאָן פֿון 1789 האָט אויף
מיר געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק.

דער טיטעל פּרינץ איז אין אונזער הויז געברויכט געוואָרען ביי דער מינ־
דעסטער געלעגענהייט. אויף מאָסיע פולעין האָט דאָס וואַהרשיינליך געמאַכט
אַ ש־עקליכען אוינדרוק, ווייל ער האָט גלייך אָנגעהויבען אונז צו דערציילען
וועגען די גרויסע רעוואָלוציאָן. אַלעס וואָס ער האָט געזאָגט, קען איך מיך
ניט דערמאָנען, אָבער דאָס געדענק איך, אַז גראַף מיראַבאָ און אַנדערע
פֿירסטען האָבען זיך אָבגעזאָגט פֿון זייערע טיטולען. און, אום צו צייגען זיין
פֿעראַכטונג צום פוסטען שטאָלץ פֿון די אַריסטאָקראַטען האָט גראַף מיראַבאָ
געעפֿענט אַ שאָפּ, אויף וועלכען ער האָט אַרויסגעהאַנגען אַ שילד: „מיראַ־
באָ, דער שניידער"; (איך דערצעהל די מעשה פּונקט ווי פולעין האָט זי
דערצעהלט.) איך בין דערנאָך אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען און געטראַכט,
וואָס פֿאַר אַ מלאכה איך זאָל אַנערקענען, אום צו זיין אימשטאַנדע אויף
צו שרייבען, „קראָפּאָטקין, אַזאַ און אַזאַ בעל־מלאכה", שפּעטער אַ ביסעל
האָט מיין רוסישער לעהרער סמירנאוו, און דער אַלגעמיינער רעספּובליקאַ־
נישער טאָן פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, אויף מיר געהאַט דעם זעלבען
איינפֿלוס. און ווען איך האָב אָנגעהויבען שרייבען ראָמאַנען—ד. ה. אין מיין
צוועלפֿטען יאָהר— האָב איך מיך אונטערגעשריבען פּראָסט פּ. קראָפּאָטקין
און איך האַלט זיך ביי דיעזען נאָמען מיין גאַנצען לעבען לאַנג, טראָץ דאָס,
בעת איך וואַר אין מיליטער האָבען מיינע עלטסטע שטאַרק פּראָטעסטירט
געגען אַזאַ חלול „השם".

8,

אין דעם הערבסט פֿון 1852 איז מיין ברודער אַלעקסאַנדער אָב־
געשיקט געוואָרען אין דעם קאַדעטען־קאָרפּוס, און פֿון דעמאָלסט אָן
האָבען מיר זיך בלויז געזעהן אין דער צייט פון אַ יום טוב, אָדער טהייל
מאָהל אין אַ זונטאַג.

דער קאָרפּוס איז געשטאַנען פֿינף מייל פֿון אונזער וואוינונג. און
כאָטש מיר האָבען געהאַט אַ דוצען פֿערד איז עפּעס אימער אַזוי אויסגע־
קומען, אַז ווען מי האָט געברויכט שיקען אַ שליטען אין קאָרפּוס אריין,

זיינען אַלע פֿערד גראד געווען פֿאַרנומען. מיין עלסטער ברודער ניקאָלאַי פֿלעגט זעהר זעלטען אַהיים קומען.

די פֿערהעלטניסמעסיגע פֿרייהייט וואָס אַלעקסאַנדער האָט געהאַט אין שולע, און ספּעציעל דער איינפֿלוס, וואָס צוויי פֿון זיינע לעהרער אין ליטעראַטור האָבען אויף איהם געהאַט, האָט זיין דיינקונגס־קראַפֿט זעהר שנעל ענטוויקעלט; און שפּעטער אַביסעל וועל איך נאָך האָבען גענוג גע־לעגענהייט צו ריידען פֿון דעם געזונטען איינפֿלוס, וועלכען ער האָט אויס־געאיבט אויף מיין אייגענער ענטוויקלונג.

עס איז אַ גרויסער גליק צו האָבען אַ ליעבענדען ענטוויקעלטען על־טערען ברודער.

דערווייל בין איך געבליבען אין דער היים. איך האָב געמוזט וואַר־טען אויף מיין רייהע אריינצוטרעטען אין דעם פּאַזשען־קאָרפּוס, און זי איז ערשט געקומען, ווען איך וואַר שוין 15 יאָהר אַלט. ה׳ פּולעין איז אָבגע־שאַפֿט געוואָרען, און אויף זיין פּלאַץ איז אָנגעקומען אַ דייטשער לעהרער. ער וואַר איינער פֿון די אידעאַליסטישע מענשען, וועלכע מי טרעפֿט אָפֿט ביי די דייטשען; נור איכערהויפּט געדענק איך איהם דורך זיין ענטהוזיאַז־טישעס דעקלאַמירען פֿון שילער׳ס פּאָעזיען. דיעזע דעקלאַמאַציאָנען וואַרען בעגלייטעט מיט דער נאַאיווסטער אַקטיאָרסקע מימיקע, און האָבען מיך פּשוט ענטציקט. אָבער ס״ה איז ער מיט אונז געווען בלויז איין ווינטער.

דעם נעקסטען ווינטער האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אין די קלאַסען פֿון אַ מאָסקווער גימנאַזיע, און ענדליך בין איך פֿאַרבליבען מיט אונזער רוסישען לעהרער סמירנאָוו, מיט וועלכען איך האָב באַלד געשלאָסען אַן ענגע פֿריינדשאַפֿט, ספּעציעל נאָכדעם, ווי דער פֿאָטער האָט אונז ביידען מיטגענומען אויף אַ רייזע נאָך זיין ראַזאַנסקער אימעניע.

אויף דער רייזע האָבען מיר זיך זעהר גוט אונטערהאַלטען, און מיר פֿלעגען אויסטראַכטען הומאָריסטישע מעשות וועגען די מענשען און די זאַ־כען וואָס מיר האָבען בעגעגענט אויפֿ׳ן וועג; און דער איינדרוק, וואָס די בערגיגע לאַנדשאַפֿט האָט אויף מיר געמאַכט, האָט פֿאַרשטאַרקט און אויפֿ־געפֿרישט מיין וואַקסענדע ליעבע פֿאַר די נאַטור.

אונטער סמירנאָף׳ס איינפֿלוס האָט אויך מיין ליטעראַרישער געשמאַק אָנגעהויבען וואַקסען און צווישען 1854 און 1857 האָב איך געהאַט אַלע מעגליכקייטען איהם צו ענטוויקלען.

מיין לעהרער, וועלכער האָט דאַמאָלסט גראַד געענדיגט די אוני־ווערזיטעט, האָט געקראָגען אַ קליינע שטעלע אַלס שרייבער אין אַ קאַנצע־ליאַריע, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט זיינע פֿרימאָרגענס, אַזוי, אַז ביז מיטאָג

צייט בין איך געבליבען גאַנץ אַליין; און נאַכדעם ווי איך האָב געהאַט געמאַכט מיינע לעקציעס און האָב זיך אַביסעל דורכגעשפּאַצירט, האָב איך געהאַט גענוג צייט צו לעזען, און בעזאָנדערס שרייבען.

אין הערבסט, בעת דער לעהרער איז אַוועק צוריק אין זיין אָפּיס אין מאָסקווע און מיר זיינען געבליבען אויף'ן דאָרף, בין איך ווידער געבליבען אַליין; און כאָטש איך האָב פֿאַרבראַכט פֿיעל צייט מיט דער פֿאַמיליע און זיך גאַנץ אָפּט אונטערגעשפּיעלט מיט מיין שוועסטערעל פּוילינע, האָב איך פֿונדעסטוועגען געקענט פֿאַרווענדען מיין צייט ווי איך האָב געוואָלט, סיי אין לעזען, סיי אין שרייבען.

פּאַנשטשיזנע איז דאַן געווען אין די לעצטע יאָהרען פֿון איהר עקזיסטענץ.

דאָס איז נאָך גאָר פֿרישע היסטאָריע, — עס זעהט אויס, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען פּאַסירט. און דאָך אַפֿילו אין רוסלאַנד גופֿא בעגרייפֿען בלויז געצעהלטע מענשען וואָס פּאַנשטשיזנע וואַר אין דער ווירקליכקייט.

עפּעס האָבען מענשען יאָ אַ דונקעלען בעגריף, אַז די אומשטענדען, וועלכע די לייב־איגענשאַפֿט האָט באַשאַפֿען, וואַרען זעהר שלעכט; אָבער אויף ווי וויט יענע אומשטענדען האָבען געווירקט אויף די מענשליכע וועגען קערפּערליך און גייסטיג, פֿערשטייט מען געוועהנליך ניט. עס איז ווירקליך צו שטוינען, ווי געשווינד אַן אינסטיטוציאָן און איהרע סאָציאַלע פֿאָלגען ווערען פֿאַרגעסען, ווען די אינסטיטוציאָן גופֿא הערט אויף צו עקזיסטירען און מיט וואָס פאר אַ שיינקייט מענשען און זאַכען ענדערען זיך. איך וויל פּראָבירען דורכלופטערען די פֿערהעלטניסע פֿון לייב־איגענשאַפֿט איבערגעבענדיג ניט דאָס, וואָס איך האָב געהערט, זאָנדערן, וואָס איך האָב געזעהען.

אוליאַנאַ, די הויז פֿרוי, שטעהט אין קאָרידאָר, וואָס פֿיהרט צום פֿאָטער'ס צימער, און ציילעמט זיך איבער, זי האָט ניט די העזה, ניט אַריינצוגעהען און ניט צוריקצוגעהן. ענדליך, נאָך דעם ווי זי האָט אָבגעזאָגט איהר תּפֿלה צו גאָט, געהט זי אַריין אין מעלדעט, מיט אַ זעהר נידריגען קול, אַז דער זאַפּאַס פֿון טהעע האַלט זיך ביין ענדיגען, אַז צוקער איז נאָך דאָ קאַרגע צוואַנציג פֿונט און אַז דער איבריגער פּראָוויאַנט געהט שוין אויך באַלד אויס.

„גנבים, רויבער!" שרייט דער פֿאָטער. „און דו ביזט אויך מיט זיי יד אחת!" זיין קול דונערט דורכ'ן גאַנצען הויז. די שטיף מוטער לאָזט איבער אוליאַנען אַליין צו בעגעגענען דעם שטורם. אָבער דער פֿאָטער גיט באַלד אַ געשריי: „פראל, רוף נור אַריין די פֿירשטין! וואו איז זי?" און ווען

זי קומט אַריין, קריגט זי דעם זעלבען „ברוך הבא.״ „דו האָסט אויך געמאַכט יד אחת מיט די בני עשיו. דו נעמסט זיך נאָך אָן פאַר זיי״ און אַזוי ווייטער, פאַר אַ גאַנצע האַלבע שטונדע אָדער נאָך לענגער.

דאַן הייבט ער אָן דורכצוקוקען די חשבונות, און בינו לבינו גיט ער אויך אַ טראַכט מכח די היי. מי שיקט אַרויס פראָל׳ן איבערצו־וועגען וויפיעל היי עס איז נאָך דאָ, און די שטיעף־מוטער קריגט דעם בעפעהל צו שטעהן דערביי. בעת דער טאַטע חשבונ׳ט ווי פיל געברויכט צו בלייבען אין שפייכלער. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ שפּאָר ביסעל היי דערגעהט ניט און אַז אוליאַנאַ קען ניט אָבגעבען קיין גענויעם חשבון אויף אַזוי פיעל פונט פראַוויאַנט. דעם טאַטענס שטימע ווערט וואָס אַ מאָל אַלין שרעקליכער. אוליאַנאַ ציטערט: אָבער אָט קומט אַריין דער קוטשער און קריגט די טייערע גאָב פון זיין בעל הבית. ער האָט בלויז איין ענטפער: „אייער עקסעלעניץ האָט מסתמא געהאַט אַ טעות אין חשבון.״

דער טאַטע רעכענט נאָך אַמאָל איבער, און איצט שטעלט זיך אַרויס אַז אין שפייכלער איז נאָך גאָר דאַ מעהר היי, ווי עס ברויך צו זיין. אָבער ער האַלט אין איין שרייען. איצט זידעלט ער דעם קוטשער פאַרוואָס ער האָט ניט געגעבען די פערד זייער פולע פאָרציע היי. אָבער דער פאַרובאָק שווערט מיט הייליגע שבועות, אַז ער האט זיי געגעבען זייער פולען חלק יעדען ליעבען טאָג, און פראָל שווערט ביי דער סוויענטאַ מאַריאַ, אַז דער קוטשער זאָגט אמת.

אָבער דעם טאַטענ׳ס צאָרן ווערט נאָך אַלין ניט געשטילט. ער הייסט אַריינרופען מאַקאַר דעם פיאַנאָ־רעגולירער און קעלנער, און דערמאָנט איהם אַלע זיינע חטאים: פאַרגאַנגענע וואָך איז ער געווען שכור, און איז אַוודאי נעכטען אויך געווען בעזויפען, ווייל אַ ניט וואָלט ער דאָך ניט צוברעכען אַ האַלבען טוצען טעלער מיט איין זעץ. דער פאַקט איז, אַז די אמתע אורזאַכען פון דיעזער גאַנצער „חתונה״ זיינען געווען די צוברעכענע טעלער. אין דער פריה האָט דאָס די מאַמע איהם זאַיאַוועט, און דעריבער האָט ער זיך דאָס אַזוי געקאָכט אויף אוליאַנאַ׳ן; דעריבער האָט ער זיך געכאַפּט רעווידירען די היי, שרייענדיג, אַז די „בני המן״ פאַרדינען די גרעסטע שטראָף אין דער וועלט א. ז. וו.

גאָר פּלוצלונג הערט דער פאָטער אויף צו שטורמען. ער זעצט זיך אַוועק ביים טיש און שרייבט אָן דיעזען אוקאַז: „נעמט מאַקאַר׳ן מיט דיעזען פּאַפּיער אין דער פּאָליציי און זאָל ער קריגען הונדערט ריטער״.

אַ שרעקליכע אימה און אַ טוידטע שטילקייט הערשען אין הויז.

דער זייגער שלאָגט פיער; מיר גייען אַלע אַרונטער צו מיטאָג;

אָבער קיינער האָט קיין אַפּעטיט ניט, און די זופּ בלייבט אין די טעלער אונבערירט. ביין טיש זיינען מיר זאַלבע־צעהנט, און לעבען יעדען פֿון אונז שטעהט אַ פֿידלער אָדער אַ צימבלער מיט אַ ריינעם טעלער אין דער לינקער האַנד, אָבער מאַקאַר איז צווישען זיי ניטאָ.

„וואו איז מאַקאַ־"? פֿרעגט די שטיפֿ־מוטער. „רופֿט איהם אריין".

מאַקאַר קומט ניט; און זי שיקט איהם נאָך אַ מאָהל רופֿען. ער קומט ענדליך אַריין בלאַס מיט אַ צושויבערטען פּנים, פֿאַרשעמט, די אויגען אַרונטער געלאָזען צו דער ערד, דער פֿאָטער איז שטאַרק פֿאַרטיעפֿט אין זיין טעלער, און די שטיף־מוטער, זעהענדיג אַז קיינער ריהרט זיך ניט צו צו די זופּ, פּרובירט אונז אַריין געבען קוראַזש.

„דענקט איהר ניט, קינדער, אַז די זופּ איז היינט זעהר געשמאַק?" גיט זי אַ פֿרעג.

די טרערען שטיקען מיך, און באַלד נאָך מיטאָג לויף איך אַרויס, כאַפּ מאַקאַר'ן אין אַ דונקעלען קאָרידאָר און וויל איהם אַ קוש טאָהן אין האַנד; אָבער ער רייסט זי אַרויס, און זאָגט, אַלס פֿאָרוואורף, צו אַלס פֿראַגע: „לאָז מיך צורוה; דו אַליין, ווען דו וועסט אויפֿוואַקסען, וועסטו ניט טהאָן דאָס זעלבע?"

„ניין, ניין, קיין מאָל ניט!"

און דאָך איז דער פֿאָטער ניט געוועזען דער ערגסטער פֿון די פּרי־צים. אדרבא, די דיענער און די פּאַראָבקעס האָבען איהם געהאַלטען פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע. דאָס וואָס מיר האָבען צוגעזעהען אין אונזער הויז, איז אויך פֿאָרגעקומען אומעטום, אָפֿט נאָך פֿיעל גרויזאַמער. דאָס שמייסען פֿון די פּויערים איז געוועזען גערעכענט אַלס איינע פֿון די רעגולערע פֿליכ־טען פֿון דער פּאָליציי און פֿון דער פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע.

איין פּריץ האָט אַמאָהל געמאַכט אַ בעמערקונג צו אַן אַנדערען: „ווי קומט עס וואָס די צאָהל דושעס אויף דיין אימעניע פֿאַרגרעסערט זיך אַזוי פּאַמעלאַך? דו גיסט מסתמה ניט אַבטונג, אַז זיי זאָלען זיך מתחתן זיין".

אין עטליכע טעג אַרום איז דער גענעראַל אַוועק אין זיין אימעניע, האָט זיך געלאָזט ברענגען אַ ליסטע פֿון אַלע איינוואוינער פֿונ'ם דאָרף, און האָט אויסגעקליבען די נעמען פֿון די זכרים, וועלכע וואַרען שוין אַכצעהן יאָהר און אַריבער, און פֿון די מיידלאַך וואָס האָבען נור וואָס געענדיגט זייער זעכצעהנטען יאָהר,—וואָס דאָס זיינען די יאָהרען, ווען עס איז גע־זעצליך ערלויבט חתונה צו האָבען אין רוסלאַנד. דאַן האָט ער אויפֿגעשריי־בען: „איוואַן זאָל חתונה האָבען מיט אַננאַ'ן, פּאַוועל מיט פּאַראַשקען," א.ז.וו.

מיט פֿינף פּאָר פֿאָלק, דיזע פינף חתונות, האָט ער צוגעפֿיגט, מוזען שטאַטפֿינדען אין פֿערלויף פֿון די נעקסטע צעהן טעג.

אַן אַלגעמיינער פֿערצווייפֿלונגס געשריי איז ענטשטאַנען אין דאָרף. אַננאַ האָט געהאָפּט חתונה צו האָבען מיט גריגאָר׳ן; פּאַוועלס עלטערען האָבען זיך שוין געהאַט דורכגערעדט מיט די פֿעדאָטאָפֿ׳ס מכוח זייער מיידעל, וועלכע ווערט די צייטען פּאָלנאָליעטנע. און אַ חוץ דעם, איז גאָר איצט די צייט פֿון אַקערען און זייען, און ניט זיך צו פֿאַרנעהמען מיט חתונות; און ווי קען מען עס פֿאַרטיגמאַכען אַ חתונה אין צעהן טעג? מאַסען פּויערים זיינען געקומען רעדען מיט׳ן פּריץ; פּויערטעס זיינען געשטאַנען קופּעסווייז ביין הינטערשטען טויער פּונ׳ם פֿאָלווערק, מיט שטיקלעך פֿיינע לייוענד פֿאַר די פּריצטע, טאָמער וועט זי קענען מבטל זיין די גזרה. אומזיסט, דער האַרר האָט געזאָגט, אַז די חתונות מוזען זיין אין דעם טאג, און אַזוי מוז עס זיין.

צו דער בעשטימטער צייט האָבען די חתונה־פּראָצעסיעס מאַרשירט אין קלויסטער אַריין. דעם מאָל איז די פּראצעסיע געווען עהנליכער צו אַ לויה, ווי צו אַ חתונה. די ווייבער האָבען געיאָמערט מיט שרעקליכע קולות, פּונקט ווי זיי וואָלטען בעקלאָגט אַ געליעבטען מת. איינער פֿון די קאַמערדיענער איז געשיקט געוואָרען אין תיפלה אַריין צו רעפּאָרטען דעם פּריץ אַזוי שנעל וויא די חתונה צערעמאָניעס וועלען זיין געקאָנטשעט; אָבער ער איז גלייך צוריק געקומען, מיט׳ן היטעל אין האַנד בלאַס און פֿאַרחושך׳ט.

„פּאַראַשקאַ, שטעלט זיך אַנטקעגען,״ האָט ער געזאָגט. „זי ענטזאַגט זיך חתונה צו האָבען מיט פּאַוועל׳ן. דער „הייליגער פֿאָטער״ (דאָס הייסט דער גלח) האָט זי געפֿרעגט: „בעשטעהסט דו?״ אָבער זי האָט געענטפֿערט אין דער הויך: „ניין, איך בעשטעה ניט״.

דער פּריץ איז געוואָרען מלא חמה. „געה און זאָג דעם פֿערדישען גלח, אַז אויב ער וועט ניט פּאַראַשקען זאָפֿאָרט חתונה מאַכען, וועל איך איהם רעפּאָרטען אַלס געמיינעם שכור צום עריך־בישאָף. ווי סמעיעט ער, דער גלח׳שער שטיק שמוץ, מיך ניט צו געהאָרכען? זאָג איהם, אַז מי וועט איהם אַוועקשיקען פֿוילען אין אַ מאָנאַסטיר, און פּאַראַשקאַ׳ס גאַנצע משפחה וועל איך פֿאַרשיקען אין די סטעפּעס״.

דער דיענער האָט איבערגעגעבען דעם אוקאַז. פּאַראַשקאַ׳ס קרובים און דער גלח זיינען צוגעשטאַנען צו דער מיידעל; מיט אַ ביטערן געוויין האָט איהר מוטער געקניעט פֿאַר איהר, זי בעטענדיג זי זאָל ניט אונגליקליך מאַכען די גאַנצע פֿאַמיליע. די מיידעל האָט אַלץ געטענה׳ט: „ניין,״ אָבער

וואָס אַמאָל, אַלץ מיט אַ שוואַכערען קול, דאַן שוין קוים וואָס מי האָט געהערט, ביז ענדליך זי איז געבליעבען אין גאַנצען שטיל. מי האָט איהר אָנגעטאָהן דעם כלה-קראַנץ אויפֿן קאָפּ; זי האָט זיך ניט געוועהרט, און דער דיענער איז געלאָפֿען הענדאָם פענדאָם אין הויף אַריין אָנזאָגען די בשורה, אַז „מי האָט זיי חתונה געמאַכט".

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט מען ביין הויף דערהערט די גלעקלאַך פֿון די חתונה-פאַראַדען. די פֿינף פּאָר פּאָלק זיינען אַרוים פֿון די וואָגענס און זיינען אַריין אין זאַל אַריין. דער בעל הבית האָט זיי עמפּפֿאַנגען, זיי מכבד געווען מיט גלעזלאַך וויין, און די עלטערן שטעהענדיג הינטער זייערע וויינענדיגע טעכטער, האָבען זיי געשטורכעט, זיי זאָלען זיך בוקען ביז צו דער ערד פֿאַר דעם נאָבעלען לאָרד זייערען.

חתונות פּאָ אוקאַזו זיינען געווען אַזוי געוועהנליך, אַז צווישען אונזערע דיענער, יעדען מאָל ווען אַ יונגעס פּאָרעל האָט דערשמעקט, אַז מי געהט זיי חתונה מאַכען, סתם אַזוי, חאָטש זיי האָבען זיך ניט האָלט געהאַט, האָבען זיי זיך פֿאַרהיט דערמיט, וואָס זיי זיינען געשטאַנען בייזאמען אלס טויף-פֿאָטער און טויף-מוטער, בעת מי האָט אַ נאָמען געגעבען אַ פּויער׳ס אַ קינד לויט נאָך דעם דין פֿון דער רוסישער קירכע אָט אַזאַ פּאָרעל שוין קיין מאָל ניט געמאָרט חתונה האָבען. דיעזער שפּיצעל האָט זיך זיי דאָס רוב איינגעגעבען; אָבער איין מאָל האָט זיך עס אויסגעלאָזען זעהר טרויעריג.

אַנדרעי, דער שניידער, האָט זיך פֿאַרליעבט אין אַ שכן׳ס אַ מיידעל. ער האָט געהאָפֿט, אַז דער פֿאָטער וועט איהם, אלס שניידער, אַרויסלאָזען פֿריי, פֿאַר אַ בעשטימטע יעהרליכע אָבצאָהלונג, און אַז אַ ארבייטענדיג פֿלייסיג ביי זיין אומנות וועט ער קענען אָבשפּאָרען גענוג געלד אויסצוקויפֿען די מיידעל פֿון דער פּאַנסטשיזנע. ווייל אַ ניט, הייראַטהענדיג מיט איינעם פֿון די לייב אייגענע וואָלט זי זעלבסט געבליבען די לייב-אייגענע פֿון איהר מאַנ׳ס הערען. אָבער אַזוי ווי אַנדרעי און איינע פֿון אונזערע דיענסטמיידלאַך האָבען דערשמעקט, אַז דער פֿאָטער האָט בדעה זיי חתונה צו מאַכען, האָבען זיי זיך בעשלאָסען צו פֿעראייניגען אַלס טויפֿעלטערן ביי אַ קינד. דאָס, פֿאַר וואָס זיי האָבען מורא געהאַט, איז ווירקליך געשעהן; מי האָט זיי פּלוצלונג גערופֿען צום בעל הבית, און דער געפֿירכטעטער אוקאַז איז זיי געגעבען געוואָרען.

„מיר געהאָרכען אייביג אייער הייליגען רצון", האָבען זיי געענטפֿערט, „אָבער מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק האָבען מיר בייגעוואוינט אַ טויפֿונג". אַנדרעי האָט אויך ערקלעה־ט זיין בעגעהר און זיין אַבזיכט. דער סוף איז געווען, אַז מי האָט איהם אָבגעגעבען פֿאַר אַ סאָלדאַט.

אונטער ניקאָלאַי דעם ערשטען איז די מיליטער־דיענסט ניט געווען קיין אַלגעמיינע, ווי עס איז איצט. פּריצים און סוחרים וואַרען פריי און ווען עס איז אַרונטערגעקומען אַן אוקאַז מען זאָל שיקען רעקרוטען, האָט יעדער פּריץ געמוזט צושטעלען אַ געוויסע צאָהל פון זיינע לייב אייגענע. אין די דאָרף־קאָמונעס פלעגען די פויערים זעלבסט געווערהנליך היטען די רייהע צווישען זיך; אָבער די הויז־דיענער זיינען פאָלשטענדיג געלעגען אין די הענד פון זייערע הערען, און טאָמיר איז ער געווען אונצופרידען מיט אימעצען פון זיי, האָט ער איהם גלייך אַוועקגעשיקט אַלס רעקרוט און האָט אַרויסגענומען אַ רעקרוטען־קוויטאַנציע, וועלכע איז ווערטה געווען אַ היבשע סוממע געלד, אַזוי ווי מי האָט זי געקענט פאַרקויפען יעטוועדען, וועמען ס'איז אויסגעקומען געהן דיענען.

די מיליטער־דינסט איז אין יענע צייטען געווען אַ אימה. פינף און צוואַנציג יאָהר האָט מען געמוזט זיין אין סלוזשבע, און דער לעבען פון אַ סאָלדאַט איז געווען אונגעהייער ביטער. אָבגעגעבען צו ווערען פאַר אַ סאָלדאַט האָט געהייסען אָבגעריסען צו ווערען אויף אייביג פון דעם דאָרף, וואו מי איז געבוירען און ערצויגען געוואָרען, און שטענדיג צו ליגען אונטער די פיס פון די מערדערישע אָפיצירען. ברוטאַלע קלעפּ, שמיין מיט גע־זוויקטע ריטער פאַר די קלענסטע זאַך, זיינען געווען מעשים בכל יום. די גרויזאַמקייט אין יענע צייטען קען קיין מענש אין דער וועלט זיך ניט פאָר־שטעלען. אַפילו אין דעם קאַדעטען קאָרפּוס, וואו בלויז פּריצישע קינדער וואַרען ערצויגען, האט מען אָפט בעשטראָפט מיט טויזענט ריטער פאַרן גאַנצען קאָרפּוס אין די אויגען, פאַר רויבערען אַ ציגאַרעטעל,—דער דאָק־טאָר, שטעהענדיג ביים געפיינינגטען איגגעל, און געבענדיג דעם בעפעהל אָבצוהאַלטען נור דאַן, ווען דער פולס האָט געהאַלטען ביים סטאָפּען. דער בלוטענדער קרבן איז דאַן אַוועקגעטראָגען געוואָרען אין שפּיטאָל אַריין אין אַן אונבעוואוסטען צושטאַנד.

דער קאָמאַנדאַנט פון די מיליטערישע שולען, דער גרויספירסט מי־כאַאיל, וואָלט גלייך אַראָבגעזעצט דעם דירעקטאָר, ביי וועלכען עס זאָל ניט פאָרקומען כאָטש איינע אָדער צוויי אַזעלכע פעלע יעדעם יאָהר. „קיין דיס־ציפּלינע,״ וואָלט ער געזאָגט.

ווען אַ פּראָסטער סאָלדאַט איז געבראַכט געוואָרען פאַר אַ קריעגס־געריכט, איז דער געוועהנליכער אורטהייל געווען ווי פאָלגט: טויזענד מאַן זיינען געשטעלט געוואָרען פּנים לפנים אין צוויי שערענגעס, יעדער סאָלדאַט האָט געהאַלטען אַ פאַלקע אין האַנד, און דער פאַר'משפּט'ר איז געשלעפּט געוואָרען דריי, פיער, פינף און זיעבען מאָל, צווישען די צוויי רייהען,

ווערענד יעדער סאָלדאַט האָט אַראָבגעלאָזען די רוט מיט'ן גאַנצען כוח. דאַרויף האָבען שוין אַכטונג געגעבען די פעלדפעבעלס. נאָכדעם ווי מען האָט אָבגעצעהלט פון טויזענד ביז צוויי טויזענד שמיץ, איז דער אונגליקליכער קרבן, שפייענדיג מיט בלוט, אַוועקגענומען געוואָרען אין שפּיטאָל, און דאָרט האָט מען איהם קורירט, אום מ'זאָל קענען ענדיגען זיין שטראָף, באַלד ווי ער ווערט עטוואָס שטאַרקער. אויב ער איז געשטאָרבען אונטער די רוט, האָט מען דאָך געענדיגט די שמיץ אויף'ן טוידטען גוף. פון רחמנות האָבען ניקאָלאַי דער ערשטער און זיין ברודער ניט געוואוסט. צו פאַרלייכטערן די שטראָף וואַר אונמעגליך. „מ'וועט דיך שיקען דורך די שערענגעס סאָלדאַטען; די הויט וועט מען דיר שינדען מיט ריטער!" פלעגט מען זעהר אָפּט סטראַשען דעם אונגליקליכען סאָלדאַט.

ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז איינער פון אונזערע דיענער ווערט אָבגעגעבען אין רעקרוטען, איז ביי אונז אין הויז געוואָרען אַ שרעקליכע יללה. מ'האָט דעם מענשען אָנגעטהאָן אין קייטען און מען האָט איהם שטרענג בעוואַכט אין דער קאַנצעלאַריע. צווישען צוויי זשאַנדאַרען האָט מען איהם אַרויפגעשלעפּט אויף'ן וואָגען. אַלע דיענער האָבען איהם אַרומגערינגעלט; ער האָט זיך טיעף פאַרנייגט און האָט געבעטען מען זאָל איהם מוחל זיין אויף אַלע זיינע חטאים. אויב זיין טאַטע-מאַמע האָבען געוואוינט אין דאָרף זיינען זיי געקומען מיט איהם זיך געזעגענען. פאַר זיי האָט ער זיך פאַרנייגט ביז צו דער ערד, און זיין מוטער און די אַנדערע קרובות זיינע האָבען אויפגעהויבען אַ שרעקליכען געיאַמער, „אויף וועמען לאָזט דו אונז איבער? ווער וועט דיך מציל זיין פון די גרויזאַמע מענשען?" פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם באַוויינט ביי זיין לויה, מיט'ן זעלבען ניגון און מיט די זעלבע ווערטער.

און דיעזער שרעקליכער שיקזאַל צו דיענען דעם קייזער פינף און צוואַנציג לאַנגע, ביטערע יאָהר, איז פאַרגעשטאַנען דעם אָרעמען שניידער, אַנדריי. אַלע זיינע פלענער פון גליק האָבען זיך געענדיגט אָט מיט אַזאַ מין שרעקליכען סוף.

דער סוף פון איינע פון די דיענסטען, פּאָלינאַ, אָדער פּאָליע, ווי מיר פלעגען איהר רופען, איז געווען נאָך פיעל טראַגישער. זי איז געווען אויף דער לעהרע ביי דער שטריקעריי אַרבייט און וואַר אַ קינסטלערין אין איהר פאַך. אין ניקאָלסקאָיע איז איהר ווערק-שטוהל געשטאַנען אין דער שוועסטער העלענע'ס צימער, און זי פלעגט זיך אָפּט אַריינמישען, בעת העלענאַ האָט זיך אונטערהאַלטען מיט דער שטיעף-מוטער'ס שוועסטער. סך הכל, האָט מען געקענט זעהן פון איהר באַנעהמונג און איהר שפּראַך,

אַז זי איז מעהר עהנליך אויף אַ געבילדעטע יונגע דאַמע, ווי אויף אַ דיענסט־מיידעל.

אַן אונגליק האָט איהר אָבער געטראָפֿען: זי האָט זיך דערוואוסט, אַז באַלד ווערט זי אַ מוטער. זי האָט באַלד אַלעס דערצעהלט דער שטיעפֿמאַמען, וועלכע האָט זיך שרעקליך פֿאַנאַנדערגעקאָכט: „איך וויל ניט מעהר האָבען אַזאַ בריאה ביי מיר אין הויז! אַזאַ שמאַך ערלויב איך ניט ביי מיר! אַך, דאָס אונפֿערשעהמטע וועזען!" און אַזוי ווייטער. העלענעס טרערען האָבען דאָ גאָרניט געהאָלפֿען. פֿאָליע'ן האָט מען אָבגעשאָרען די האָר, און מי האָט זי פֿאַרשיקט אויף דער פֿאַבט מעלקען די קיה, אָבער אַזוי ווי זי האָט גראַד געהאַלטען אַ טייער אונטערקלייד אין דער אַרבייט, האָט מען איהר ערלויבט זי קאָנטשען אין אַ שמוציגער כאַטקע, ביי אַ פּיצינקען פֿענסטערעל. און זי האָט עס געקאָנטשעט. און האָט פֿיעלע טייערע אַרבייט אויפֿגעטאָן, און האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז ענדליך וועט מען איהר דאָך מוחל זיין, אָבער אומזיסט.

דער פֿאָטער פֿון איהר קינד, אונזער שכן'ס אַ דיענער, האָט געוויינט און געבעטען, מי זאָל איהם ערלויבען מיט איהר חתונה האָבען. נור אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט קיין געלד מיט וואָס זי אויס צו קויפֿען, האָט מען איהם פשוט אויסגעלאַכט, די „צו אידעלע" מאַניערען פֿון פֿאָליע דער „פּריצטע", האָבען נאָך מעהר אויפֿגעפֿלאַמט דער שטיף מוטערס צאָרן אויף איהר, און איהר סוף איז געוועזן זעהר אַ גרויזאַמער.

אין אונזער הויז האָט געדיענט אַ מאַן אַלס פֿאָסטאַליאָן. ווייל ער איי געוועזן אַ זעהר שטשופלער, פֿלעגט איהם רופֿען „פּילקאַ דער קרומער". אַלס אינגעל האָט איהם אַ פֿערד אַ שרעקליכען בריק געטאָהן, און ער האָט אויפֿגעהערט וואַקסען. די ביינער פֿון זיינע פֿיס וואַרען קרום און די פֿיס גופֿא זיינען געוועזן אויסגעדרייט איינער צום אַנדערען מיט די פֿינגער; זיין נאָז וואַר צובראָכען אויף אַ זייט; זיין מאָרדע האָט קיין שום געשטאַלט ניט געהאַט. און מיט דיעזע פֿאַרזעהעניש האָט מען עס בעשלאָסען פֿאָליען חתונה צו מאַכען, — און מי האָט זיי חתונה געמאַכט מיט געוואַלט און זיי אָבגעשיקט אַלס פֿאַראָבקעס אויף אונזער גוט אין ריאַזאַן.

קיין מענשליכע געפֿיהלען האָט מען ניט אַנערקענט; מען האָט זיי גאָר אַפֿילו ניט פֿאַרדעכטיגט ביי שקלאַפֿען, און ווען טורגעניעף האָט אַרויסגעלאָזען זיין קליינע ערצעהלונג „מומו," און ווען גריגאָראָוויטש האָט אַרויסגעלאָזען זיינע וואונדערבאַרע ראָמאַנען, וועלכע האָבען איבער'ס געוואַלד אַרויסגעריסען טרערען פֿון דעם לעזערס אויגען מיט זיינע מעכטיגע שיל־

דער־ונגען פֿון דעם פֿינסטער־טראַגישען לעבען פֿון די לייב־איגענע,—ערשט דאַמאָלס האָט מען פלוצלונג אויפֿגעכאַפּט זיך עפּעס ווי פֿון שלאָף. „זיי ליבען פונקט ווי מיר; קען עס דען געמאָלט זיין"? האָבען אויסגעשריען די נאָבעלע דאַמען, וועלכע פֿלעגען פֿאַרגיעסען טרערען לייענדיג די פֿראַנצויזישע ראָמאַנען פֿון די צרות, וואָס די פירסטליכע העלדען און העלדינען זיינען נעבאך אויסגעשטאַנען.

נאָך אַ טיפֿער קוואַל פֿון יסורים פֿאַר די אונגליקליכע איז געווען די בילדונג, וואָס זייערע פריצים האָבען זיי מאַנכעס מאָל געגעבען. למשל, דער פֿאָטער האָט אמאָל דערזעהען אַ קלוגען אינגעל ביי אַ מוזשיק אין הויז, און ער האָט איהם אַוועקגעשיקט לערנען פֿעלדשעריי. דער פֿלייסיגער אינגעל איז אין עטליכע יאָהר געוואָרען אַ פֿעהיגער פֿאַך־מאַן. ווען ער איז צוריקגעקומען אַ היים, האָט איהם דער פֿאָטער איינגעסטרויעט אַ דיספּענסערי אין איינע פֿון די ניקאָלסקאָיער הייזלאַך. סאַשאַ, דער דאָקטאָר—אַזוי פֿלעגען מיר דעם יונגען מאַן רופֿען—פֿלעגט זיין זעהר ביזי זומער צייט, צוזאַמעקלייבענדיג זיינע מעדיצינישע קרייטאַכער, און אין אַ קורצער צייט, איז ער געוואָרען זעהר באַריהמט אין ניקאָלסקאָיע. פֿון די אַרומיגע דערפֿער פֿלעגען צו איהם געהן אַלע קראַנקע מוזשיקעס, און דער טאַטע האָט געקליבען נחת פֿון זיין דיספּענסערי. נאָר לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטען. איינמאָל, ווינטער, איז דער פֿאָטער געקומען נאָך ניקאָלסקאָיע, איז דאָרט אָב געווען עטליכע טעג און איז אַוועק. יענע נאַכט האָט זיך סאַשאַ, דער דאָקטאָר, דערשאָסען,—על פּי סיבה האָט עס כלומרשט געהייסען: אָבער אין אמתן האָט דאָ געשטעקט אַ ליעבעס־געשיכטע. ער האָט זיך נעמליך, געהאַט פֿאַרליעבט אין אַ מיידעל, מיט וועלכער ער האָט ניט געקאָנט חתונה האָבען, מחמת זי האָט בעלאַנגט צו אַנאַנדער גוט־בעזיצער.

די מעשה מיט געראַסים קרוגלאָף איז שיער ניט געווען אויך אַזוי טראַגיש. דער פֿאָטער האָט איהם אַריינגעגעבען אין מאָסקווער אַגראָנאָמישען אינסטיטוט, וואו ער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אַזוי גלענצענד, אַז דער דירעקטאָר זעלבסט האָט זיך געסטאַרעוועט מיט אַלע זיינע כוחות צו פועלן ביים טאַטען, ער זאָל געראַסים׳ען בעפֿרייען, אום צו קענען אָנגענומען ווערען אין אוניווערזיטעט,—אַזוי ווי אַהין קען אַ לייב־איגענער ניט אָנקומען.

„ער וועט זיכער ווערען אַ גרויסער מאַן", האָט דער דירעקטאָר געטענהט; „אפֿשר גאָר איינער פֿון די גרעסטע מענער פֿון רוסלאַנד. און עס וועט זיין אַ גרויסער כבוד פֿאַר איך, וואָס איהר האָט אין איהם גליך דערקענט זיינע פֿעהיגקייטען און וואָס איהר האָט איבערגעגעבען אַזאַ מאַן צו דער רוסישער וויסענשאַפֿט".

„איך ברויך איהם צו האָבען אויף מיין אייגענעם גוט", איז געווען דעם טאַטענס איינציגע תשובה אויף אַלע בקשות פון פיעלע געלערענטע מענשען. אָבער אין אמת'ן האָט קרוגלאָף ניט געקענט ברענגען קיין שום נוצען ביי יענע פאַרצייטיגע אַגראָנאָמישע מעטהאָדען, פון וועלכע דער פאָ־טער וואָלט סיי ווי סיי קיין מאָל ניט אָבגעטראָטען.

נאָך דעם ווי גערַאסים האָט אויסגעמאָסטען אונזער אימעניע, האָט ער צוריק פאַרנומען זיין אַמאָליגען פּלאַץ מיט'ן טעלער אין דער האַנד, סערווירענדיג ביים טיש, גלייך ווי קיין מאָל גאָר נישט. און דערמיט האָט זיך זיין וויסענשאַפטליכע קאַריערע געענדיגט. דעם אָרעמען מענשען האָט עס, נאַטירליך, שטאַרק געקרענקט. זיין פאַנטאַזיע האָט געשוועבט ביי דער וויסענשאַפטליכער אַרבייט אין אוניווערזיטעט. יעדער בליק זיינער האָט אַרויסגעוויזען זיין פּראָטעסט, און די שטיעף־מוטער פלעגט האָבען אַ בע־זאָנדערן פאַרגעניגען איהם אויף יעדען שריט צו באַליידיגען. איין מאָל, אָבענד־צייט, ווען דער ווינד האָט פּלוצלונג אויפגעריסען דעם טויער, האָט זי דע־לאַנגט אַ געשריי: „נעראַסקאַ, געה נאָר, מאַך צו דעם טויער!"

דאָס איז געווען דער לעצטער פונק. „אויף דעם איז דאָ אַ סטאָ־ראָזש," האָט ער געענטפערט און איז זיך געגאַנגען זיין וועג.

מיט אַ גרויס געוואַלט איז די שטיעף מוטער אַריין צום טאַטען: „סטייטש, דיינע דיענער באַליידיגען מיך אין דיין הויז!"

גערַאסימען האָט מען גלייך אַרעסטירט, אָנגעטאָהן אין קייטען און אָבגעשיקט אין סאָלדאַטען. די סצענע, בעת ער האָט זיך געזעגענט מיט זיינע אלטע גרייז־גרויע עלטערען, איז געווען אַזוי הערצרייסענד, אַז איך וועל זי אויף מיין גאַנצען לעבען ניט פאַרגעסען.

דאָך האָט דעם מאָל דער שיקזאַל גענומען זיין נקמה. ניקאָלאַי איז געשטאָרבען, און די מיליטער־דיענסט איז געוואָרען עטוואָס לייכטער. גע־ראַסים'ס גרויסע פעהיגקייטען זיינען באַלד דערקענט געוואָרען, און אין עטליכע יאָהר איז ער שוין געווען איינער פון די הויפּט סעקרעטערע און די ווירקליכע קראַפט אין איינעם פון'ם קריעגס־מיניסטערס דעפּאַרטאַ־מענטען.

דער פאָטער וואַר עהרליך ביז גאָר, און אין אַ צייט, ווען במעט יעדער איינציגער האָט גענומען לאַפּקע און איז געוואָרען רייך, האָט ער זיך געהאַלטען שטרענג ביי זיין דיסציפּלינע, און ביי זיינע רעגעלען. אָבער איין מאָל, אום אַ טובה צו טאָהן דעם קאָמאַנדיר פון זיין קאָרפּוס, האָט ער דורכגעלאָזען עטוואָס אונגעזעצליכעס. דורך דיעזען חטא האָט ער שיעור ניט פאַרלוירען די מעגליכקייט צו קריגען דעם גענעראַלסקען טשין; דער

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904.

ALEXANDER KROPOTKIN.

Born 1841. Died 1885.

איינציגער צוועק, וואָס האָט איהם געהאַלטען אין דער אַרמעע פֿינף און דרייסיג יאָהר איז געוועזן צו קריעגען דיעזען הויכען ראַנג, און איצט האָט ער איהם געזאָלט דורך אַ קליינינקייט פֿון די הענד אַרויסלאָזען. די שטיעף־מוטער איז אַוועק קיין פּעטערסבורג בלאָפּאָטשען און אין איין שעהנעם טאָג, קריגט זי די ידיעה, אַז דער איינציגער מיטעל צו עררייכען איהר צוועק, איז זיך צו ווענדען צו אַ געוויסען סעקרעטאַר אין דעם קריעגס־מיניסטעריום. דיעזער מאַן האָט געהייסען גראַסים איוואַנאָוויטש קרוגלאָף.

„שטעל זיך פֿאָר, אונזער גראַסקאַ!" האָט זי שפּעטער צו מיר געזאָגט. „איך האָב אימער געוואוסט, אַז ער האָט גרויסע פֿעהיג־קייטען. כ'בין צו איהם אַוועק און האָב מיט איהם גערעדט מכח דעם ענין און ער האָט געענטפֿערט: איך האָב גאָר ניט געגען דעם אַלטען פּרינץ און איך וועל זעהען טהאָן אַלעס מעגליכעס פֿאַר איהם".

גראַסים האָט געהאַלטען וואָרט: ער האָט געמאַכט אַ גינסטיגען ראַפּאָרט און דער פֿאָטער האָט נעקראָגען דעם טשין. ענדליך האָט ער שוין געקענט אָנטהאָן די אַזוי לאנג געגאַרטע רויטע הויזען, דעם שינעל מיט דעם רויטען אונטערשלאַג און די קוטשמע מיט די גרויסע קוטאַסען.

דיעזע אַלע זאכען האָב איך אַליין געזעהען אין מיינע קינדער־יאָהרען.

ווען איך זאָל אָבער וועלען דערצעהלען, וואָס איך האָב געהערט אין יענע יאָהרען, וואָלט די געשיכטע געווען אַ פֿיעל שרעקליכערע: געשיכטעס פֿון מענער און פֿרויען, וואָס זיינען געוואָרען אַוועקגעריסען פֿון זייערע פֿאַמיליעס און זייערע דערפֿער און פֿאַרקויפֿט אָדער פֿאַרשפּיעלט אין קאָרטען, אָדער אויסגעטוישט אויף אַ פּאָאָר יאַכט־הינד און דאַן טראַנספּאָרטירט ערגעץ אין אַ וויטען פֿערוואָרפֿענעם ווינקעל אין רוסלאַנד, אום צו באַזעצען אַ נייע אימעניע; געשיכטעס פֿון קינדער, אַוועקגענומען פֿון די עלטערען און פֿאַרקויפֿט צו גרויזאַמע אָדער אויסגעלאַסענע מייסטערס; פֿון שמייסען „אין די שטאַלען", וועלכעס פֿלעגט פּאַסירען יעדען טאָג מיט אונערהערטער גרויזאַמקייט; פֿון אַ מיידעל, וועלכע האָט געפֿונען איהר איינציגע ישועה אין דערטרינקען זיך, פֿון אַן אַלטען מאַן, וועלכער איז גראָה געוואָרען אין זיין מייסטער'ס דיענסט און האָט זיך ענדליך אויפֿגע־האַנגען הינטער דעם מייסטערס פֿענסטער; און פֿון די בונטען פֿון די פּאַנסטוישיזניקעס, וועלכע זיינען איינגעשטעלט געוואָרען פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטען'ס גענעראַלען, טויטשמייסענדיג יעדען צעהנטען אָדער יעדען פֿינפֿטען בונטאָווּשטשיק און חרוב מאַכענדיג דעם דאָרף, טרייבענדיג די איינוואָהנער צו געהן בעטלען אין די שכן'שע פּראָווינצען. וואָס אָנבעלאַנגט צו דער אָרעמקייט, וואָס איך האָב געזעהען פֿאָרביירייזענדיג געוויסע

דערפֿער, בעזונדערס די, וואָס האָבען געהערט צו דער קייזערליכער פֿאמי־ליע,—וועט קיין פעדער ניט אים שטאַנד זיין צו באַשרייבען די פֿורכטבאַרע נויט, וועלכע האָט דאָרט געהערשט אין יעדען ווינקעל.

פֿריי צו ווערען—איז געווען דער שטענדיגער חלום פֿון די קנעכט, —אַ חלום, וועלכען מי האָט ניט געקענט אַזוי לייכט פֿאַרווירקליכען, דען מי האָט דעם פריין געמוזט אַוועקליינען אַ היבשע סומע געלד, בעפֿאָר ער־האָט אָבגעגעבען אַ קנעכט זיינעם.

„ווייסט דו", האָט דער פֿאָטער צו מיר איין מאָהל געזאָגט, „אַז די מאַמע איז מיר געקומען צו חלום נאָך׳ן טויט? זי איז געקומען צו מיר, אנגעטאהן אין ווייסען, פֿרענענדיג מיר, וואָרום איך ערפֿיהל ניט מיין צוזאָג און בעפֿריי ניט איהר גובערנאַנטין מאַשאַ און זי איז פֿערשוואונדען גע־וואָרען. איך האָב צוזאַמענגערופֿען די דיענער, אבער זיי האָבען קיין זאַך ניט געזעהען. אין דער פֿריה בין איך אַוועק אויף איהר קבר, האָב איהר געלאָזט מאַכען אַן „אל מלה רחמים", און האָב בעפֿרייט מאשאַ׳ן".

ווען דער פֿאָטער איז געשטאָרבען, איז מאַשאַ געקומען צו דער לויה און איך האָב מיט איהר גערעדט. זי וואַר שוין פֿאַרהייראַט, און האָט זיך געלעבט גאַנץ גליקליך. מיין ברודער אלעקסאנדער האָט איהר אין אַ שפּאַס דערצעהלט די גאַנצע מעשה, און מיר האָבען זי אַ פֿרעג געטאָהן, וואָס זי דענקט מכח דעם.

„דיעזע זאַכען האָבען פּאַסירט שוין לאַנג צוריק, און איך קען אייך שוין אויסזאָגען דעם אמת. איך האָב געזעהען דאָס דער פֿאָטער האָט גאָר אין גאַנצען פֿאַרגעסען זיין צוזאָג, איך האָב מיך דאַרום אנגעטאָהן אין ווייסען און האָב גערעדט פונקט ווי אייער מוטער. איך האָב איהם דערמאָנט אָן זיין וואָרט,—איהר וועט דאָך אויף מיר קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, וואָס?"

„אודאי ניט"!

צעהן אָדער צוועלף יאָהר נאָך די סצענעס צווישען דעם פֿאָטער און די באַדיענער, וועלכע וואַרען געשילדערט אין אָנהויב פֿון דיעזען קאַ־פיטעל, בין איך געזעסען איין מאָהל ביי נאַכט אין דעם פֿאָטערס צימער און מיר האָבען געשמועסט מכח פֿאַרגאַנגענע זאַכען. לייבאייגענשאַפֿט איז שוין דעמאָלט געווען אָבגעשאַפֿט, און דער פֿאָטער האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם נייעם צושטאַנד; אָבוואָהל ער האָט דוקא ניט אזוי פֿיעל געגראַמ־בעלט.

„דו מוזט אליין מודה זיין, פֿאָטער", האָב איך זיך אבגערופֿען, „אַז דו האָסט אָפֿט גרויזאַם באַשטראָפֿט דיינע שקלאַפֿען און אָהן אַ שום אורזאַכע".

„מיט'ן פֿאָלק האָט מען זיך ניט געקאָנט אַנדערש בעגעהן", האָט ער געענטפֿערט; און זיך פֿערנאַנדערלייגענדיג אין פֿאָטעל, איז ער געבליעבן זיצען פֿאַרטיעפֿט אין רעיונות. „אבער וואָס איך האָב געטאָהן איז נאָך גאָר ניט", האָט ער געזאָגט, נאָך אַ לאַנגע פּויזע. אָט איז טאַקי ה. סאבלין גופא: ער זעהט זיך אויס אזא ווייכינקער און רעדט זיך אַזוי בנעמות'דיג; אבער ער, זעהסטו, איז ווירקליך געווען שרעקליך צו זיינע קנעכט. וויפֿיעל מאָהל האָבען זיי ניט געפּלאַנעוועט איהם צו הרג'ענען! איך האָב זיך לכל הפחות קיין מאהל ניט געפּאָלזעוועט מיט מיינע גובערנאַנטקעס, אבער דער אַלטער טייוועל—האָט זיך אויפֿגעפֿיהרט אַזוי שוידערהאַפֿטיג, אַז די פּויערטעס האָבען געהאט בדעה איהם צו באַשטראָפֿען מיט דער שרעקליכער שטראָף.... גוטע נאַכט דיר, גוטע נאַכט"!

9.

די קרימער מלחמה געדענק איך גוט. אין מאָסקווע האָט זי אַ קליינעם רושם געמאכט. פֿאַרשטייט זיך, אַז לייוועגט און באַנדאַזשען פֿאַר די געראַניטע האָט מען געמאַכט אין יעדען הויז. כאָטש פֿיעל פֿון דעם איז צו די רוסישע אַרמעען קיין מאָהל ניט אָנגעקימען, דען מאַסען האָט מען צו'גנב'עט אין פֿערקויפֿט אין אויסלאַנד. מיין שוועסטער העלענ'ע און אנדערע דאַמען האָבען געזונגען פּאַטריאָטישע ליעדער, אבער דאָס אַלגעמיינע לעבען אין דער געזעלשאַפֿט איז גאַנץ וועניג בעריהרט געוואָרען פֿון דעם גרויסען קאַמפֿ, וואָס איז אנגעגאַנגען אין דער קרים. אבער דערפֿאר האָט די מלחמה ארויפֿגעוואָרפֿען אַ שרעקליכע אימה אויף די דערפֿער. איין פּריאָם נאָך'ן אַנדערען איז אוועקגעטריבען געוואָרען צום שלאַכטפֿעלד, און די פּויערטעס האָבען גאָר קיין מאָהל ניט אויפֿגעהערט צו זינגען זייער בית עולם נגון. דאָס רוסישע פֿאָלק האָט בעטראַכט די מלחמה אַלס א גזר דין, וועלכער איז אויף זיי אנגעשיקט פֿון הימעל, און זיי האַבען דאָס מקבל געווען מיט גרוים יראה. יונג ווי איך בין דאַמאָלס געווען, האָב איך פֿון דעסטוועגען פּאַרשטאַנען יענעם געפֿיהל פֿון יאוש, וועלכער האָט באַהערשט אונזערע דערפֿער.

ווי אַ סך אַנדערע, איז אויך מיין ברודער ניקאָלאַי, באַפֿאַלען געוואָרען פֿון'ם קריגס־פּיבער, און איידער ער האָט נאָך געהאַט געענדיגט דעם קורס אין קאָרפּוס, האָט ער זיך שוין אָנגעשלאָסען אן די קאַווקאַזער אַרמעע. מעהר האָבען איהם שוין מיינע אויגען קיין מאָל ניט געזעהען.

אין הערבסט פֿון 1854, האָט זיך אונזער משפחה פֿאַרגרעסערט: ס'זיינען אָנגעקומען צוויי שוועסטער פֿון דער שטיעף מוטער. זיי האבען

געהאט זייער אייגען הויז און וויינגאַרטענס אין סעוואַסטאָפּאָל, אָבער איצט איז דורך דער מלחמה אלעס חרוב געוואָרען, און זיי זיינען געקומען צו אונז. פֿריהער האָט מען די איינוואָהנער פֿאַרזיכערט אַז זיי האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען און קענען בלייבען רוהיג אין שטאָדט, אבער נאָך דעם, ווי אל־מאַ איז איינגענומען געוואָרען, האָט מען געגעבען אַ באַפֿעהל צו פֿאַרלאָזען די שטאָדט זאָפֿאָרט, ווייל יעדע מינוט קען זי בעלאַגערט ווערען. פֿוהרען זייינען געווען וועניג, און דער וועג איז מייסטענס געווען פֿאַרנומען מיט די טרופּפּען וואָס האָבען מאַרשירט צו דרום זייט צו. און די דאַמען האָבען זיך מיט שווערער מאַטערנים, קוים מיט צרות דערשלעפּט קיין מאָסקווא. דעם גאַנצען באַגאַזש זייערען האָבען זיי נאַטירליך געלאָזען אויף'ן וועג.

איך בין באַלד געוואָרען גוט פֿריינד מיט דער אינגערער שוועסטער, אַ פֿרוי פֿון אַ יאָהר דרייסיג, וועלכע האָט געריכערט סיגאַרעטלעך אהן אויפֿהער. זי האָט מיר דערציילט וועגען די פּראַכטפֿאָלע שיפֿען, וועלכע האָבען געמוזט פֿאַרזונקען ווערען אין דעם סעוואַסטאָפּאָלער האַפֿען, און זי האָט ניט געקנעט בעגרייפֿען ווי אַזוי רוסלאַנד האָט זיך אונטערגענומען צו באַשיצען סעוואַסטאָפּאָל פֿון דער יבשה־זייט; ס'איז אפילו ניט געווען קיין ריכטיגער מויער ארום דער שטאָדט.

איך בין געווען אין מיין דרייצעהנטען יאָהר, ווען ניקאָלאַי דער ערשטער איז געשטאָרבען. אין אַבענד פֿון צווייטען מערץ האָט דער גאָ־ראָדאָוואָי אויסגעטהיילט צירקולאַרען אין אַלע הייזער, וועלכע האָבען מודיע געווען דעם עולם מכח דעם צאַר'ס קראַנקהייט, און האָבען אַלעמען אויפֿ־געפֿאָרדערט מתפלל צו זיין פֿאַר זיין געזונד. דער צאַר איז שוין דאַן געווען טויט, און די נאַטשאַלסטוואָ האָט עס געוואוסט, דען צווישען מאָסקווע און פּעטערסבורג איז געווען א טעלעגראַפֿנע פֿאַרבינדונג; נאָר אזוי ווי מ׳ האָט פֿריהער קיינעם קיין וואָרט ניט געזאָגט וועגען זיין קראנקהייט, האָט מען זיי איצט געמוזט ווי עס איז פֿאָרבערייטען פֿאַר די פּלעצליכע נייעס פֿון דעם קייזערס טויט. מיר זיינען אלע אַוועק אין דער קירכע און האָבען מיט גרויס כונה מתפלל געווען צו גאָט.

אויף מאָרגען, שבת, און אפילו אם הייליגען זונטאג, האָט נאָך אַלץ די פּאָליציי געטהיילט צירקולאַרען וועגען דעם צאַר'ס קראַנקהייט. ערשט נאָכמיטאַג האָבען אונז די דיענער, וואָס זיינען צוריקגעקומען פֿון מאַרק, אנגעזאָגט די בשורה פֿון ניקאָלאַי'ס טויט. שרעק האָט געהערשט אין אונ־זער הויז און אין די הייזער פֿון אונזערע קרובים, ווען די נייעס האָט זיך פֿאַרשפּרייט. מי זאָגט אַז די מאַרקסלייט האָבען זיך זעהר קאָמיש אויפֿ־געפֿיהרט, ניט אַרויסווייזענדיג דעם מינדעסטען געפֿיהל; פֿערקעהרט: זיי

האָבען נאָך געעפענט אַ מויל געגען דעם טויטען הערשער. דערוואקסענע מענשען האָבען גערעדט אין דער שטיל, און די שטיעף מאַמע האָט זיך אַלץ געבעטען: „רעד ניט אַזוי, אַז די מענשען זאָלען דערהערען;" וועהרענד די דיענער האָבען זיך געשושקעט צווישען זיך, מסתמא וועגען זייער קור־מענדע „בעפרייאונג." די פריצים האָבען יעדע מינוט ערוואַרטעט אַן אויפ־שטאַנד פון די קנעכט,—א בונט פון פוגאַטשאָוו'ן.

אין פעטערסבורג האָבען זיך די געבילדעטע לייט געהאַלזט אין די גאַסען, ריידענדיג פון די פרייליכע נייעס. יעדער האָט געפיהלט, אז ס'איז געקומען דער סוף פון דער שרעקליכער מלחמה און פון דעם אימה'דיגען צושטאַנד, וועלכער האָט געהערשט אונטער דעם "אייזערנעם דעספאָט". מי האָט גערעדט פון פאַרגיפטונג, בעזונדערס דאַרום, ווייל דעם צאַר'ס קערפער איז זעהר שנעל צופוילט געוואָרען, אָבער די אמת'ע אורזאַכע איז ביסלעכווייז בעקאַנט געוואָרען: ניקאָליי האָט געהאַט איינגענומען א בי־סעל צו פיעל פון זיין קרעפטיגונגס־מעדיצין.

אין דער פראָווינץ, אין דעם זוממער 1855, האָט מען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם פאַרצווייפעלטען קאַמפף, וועלכער איז אָנגעפיהרט געוואָרען מיט אזא העלדישקייט ביי די סעוואַסטאָפּאָלער פעסטונגען. צוויי מאָל אַ וואָך האָט מען פון אונזער אימעניע געשיקט אַ שליח אין שטאַדט אַריין נאָך די צייטונגען; און בעפאָר ער האָט נאָך געהאַט צייט אַראָבצור־שטייגען פונ'ם פערד האָבען מיר שוין געהאַט ארויסגעריסען די צייטונגען פון זיינע הענד. העלענע און איך האָבען זיי געלייענט אין דער הויף פאַר דער פאַמיליע, און די נייעס איז באַלד אַוועק צו די דיענערשאַפט און פון דאָרט פריאַמאָ אין קוכניע אַריין, און פון דאָרט ווייטער אין קאַנצעלאַריע אריין, אין גלח'ס הויז און אין די באַלופעס פון די מוזשיקעס. די רעפּאָר־טען, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די לעצטע טעג פון סעוואַסטאָפּאָלער קאַמפף, פון דער שרעקליכער באָמבאַרדירונג, און ענדליך פון דעם אב־טרעטען פון די רוסישע טרופען, וואַרען עמפפאַנגען מיט טרערען. אין יעדער הויז אויף דער פראָווינץ האָט מען בעוויינט דעם פערלוסט פון סע־וואַסטאָפּאָל, פונקט ווי מען בעוויינט אַ נאָהענטען קרוב, כאָטש יעדער איי־נער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט מוז זיך די מלחמה ענדיגען.

10.

אין אוגוסט, 1857, ווען איך בין געווען קנאַפּע פופצעהן יאָהר אַלט, איז געקומען מיין צייט אריינצוטרעטען אין דעם פאַזשען קאָרפוס און מי האָט מיר אַוועקגעפיהרט קיין פעטערסבורג. ווען איך בין אַוועק פון דער

היים, בין איך געווען נאָך כמעט א קינד; אבער דער מענשליכער כאַראַק־טער ווערט געוויינליך געזעצט פֿריהער אין לעבען, ווי מ׳ דענקט; און איך בין זיכער אַז שוין דאַמאָלסט, ווען איך בין נאָך געווען אין די קינדער יאָה־רען, וואר איך שוין כמעט דאָס, וואָס איך בין דערנאָך געוואָרען. מיין געשמאַק, מיינע נייגונגען זיינען שוין דאַן נעווען פֿעסטגעשטעלט.

ווי שוין געזאָגט, איז דער ערשטער אַנשטויס צו מיין אינטעלעק־טועלער ענטוויקלונג מיר געגעבען געוואָרען פֿון מיין רוסישען לעהרער. עס איז א טייערער מנהג אין רוסישע פֿאַמיליעס—א מנהג, וועלכער האלט שוין איצט ליידער ביי אונטערגיין—צו האָבען אַזעלכע לעהרער אין הויז; דאָס הייסט א סטודענט, וועלכער העלפֿט די שילער אין זייערע לעקציעס, אפילו ווען זיי זיינען שוין אין גימנאזיע. אַזאַ לעהרער העלפֿט די קינדער גרינדליך צו פֿערשטיין און פֿיעל טיעפֿער צו בעגרייפֿען דאָס, וואָס מ׳ לערנט זיי אין די שולען. און אַ חוץ דעם, פֿיהרט ער אריין אן אינטעלעקטועלען עלעמענט אין דער פֿאַמיליע אריין, און ווערט אן עלטערער ברודער צום יונגוואַרג, - און אָפֿט נאָך בעסער ווי אַ ברודער, ווייל ער האָט פֿאַר זיך אַ געוויסע פֿעראנטוואָרטליכקייט פֿאַר דעם פֿאָרטשריט פֿון זיינע תלמידים; און אזוי ווי די לעהר־מעטהאָדען ענדערען זיך שנעל פֿון איין דור צום אַנ־דערען, קען ער זיינע שילער מעהר העלפֿען, ווי די געבילדעטסטע עלטע־רען וואָלטען דאָס קענען.

סמירנאָף האָט געהאט א געשמאַק פֿון ליטעראַטור. אין יענע צייַ־טען, אונטער דער ווילדער צענזור פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטען, האָבען פֿיעלע ווערק פֿון די בעסטע רוסישע שרייבער ניט געטאָרט פֿערעפֿענטליכט ווע־רען; אַ סך זיינען אַזוי צוקאַליעטשעט געוואָרען, אַז פֿיעלע קאַפּיטלען זיינען פשוט געבליעבען אָהן אַ שום זינן, אין גריבאָיעדאָפֿ׳ס פּראַכטפֿאָלע קאָמעדיע„ גאָרע אָט אומאַ" (דער אונגליק פֿון פֿערנונפֿט), וועלכע שטעהט אזוי הויך, ווי די בעסטע קאָמעדיעס פֿון מאָליער, האָט דער קלוגער צענזאָר געמאַכט „הערר סקאַלאָזוב" אנשטאַט „פּאָלקאָווניק סקאַלאָזוב". וואס דאַדורך פֿאַרליערט זיך אי דער זינן, אי דער גראַם פֿון די פֿערזען: נאָר פֿאָרצושטע־לען אַ פּאָלקאָווניק אין אַ קאָמישער געשטאַלט, וואָלט הייסען אַ בעליידיגונג פֿאַר דער אַרמעע. אפילו אַזאַ אונשולדיג בוך ווי גאָגאָל׳ס „מיאָרטוויע דושי" (טוידטע נשמות) האָט מען פֿאַרבאָטען איבערצודרוקען, כאָטש די ערשטע אויסגאַבע איז שוין געווען לאַנג אויספֿאַרקויפֿט: און די צווייטע טהייל פֿון דיעזען בוך האָט קיין מאָהל גאָר די ליכטיגע וועלט ניט אָנגע־זעהען. מאַסען פּאָעזי פֿון פושקין, ליערמאָנטאָף, א. ק. טאָלסטאָי, ריליעעף און אַנדערע פּאָעטען זיינען אויך אונטערדריקט געוואָרען. היינט ווער רעדט

שוין פֿון אַזעלכע פּאָעמען, וועלכע האָבען געהאַט אַ פּאָליטישע בעדייטונג, אָדער וואָס האָבען קריטיקירט די הערשענדע צושטענדע!

די אַלע ווערק זיינען אַרומגעגאַנגען אין מאַנוסקריפּט פֿון האַנד צו האַנד, און סמירנאָף פֿלעגט קאָפּירען גאַנצע ביכער פֿון גאָגאָל און פּושקין פֿאַר זיך און זיינע פֿריינד, אַן ארבייט אין וועלכע איך פֿלעג איהם אַמאָהל צוהעלפֿען. אַלס אַן אמת'ער „מאָסקוויטש" האָט ער שטאַרק פֿארגעטערט שרייבער, וועלכע האָבען געוואַהנט אין „אונזער מאָסקווע",—מאַנכע פֿון זיי טאַקי אין דער אלטער קאָניושנאַיאַ גופא. מיט רעספּעקט האָט ער מיר אנגעוויזען אויף'ן הויז פֿון דער גרעפֿין סאַליאַ (עווגעניע טור), וועלכע איז געווען א נאָהענטע שכנה אונזערע; די הויז פֿון דעם בעריהמטען און פֿאַר־שיקטען אַלעקסאנדער הערצען, האָט מען תמיד דערמאהנט מיט אַ מין געהיימניספֿאָלען געפֿיהל. די הויז וואו גאָגאָל האט געוואָהנט איז פֿאַר אונז געווען אַ מין קדשי קדשים, און חאָטש איך בין אַלט געווען בלויז ניין יאָהר בעת ער איז געשטאָרבען (אין 1851), און האָב ניט געהאַט געלייענט קיין איינציגעס בוך זיינס, פֿונדעסטוועגען געדענק איך גוט דעם טרויער, וואָס זיין טויט האָט ארויסגערופֿען אין מאָסקווע. טורגעניעף האָט דיעזען גע־פֿיהל זעהר טרעפֿענד אויסגעדריקט אין אַן אנמערקונג, פֿאַר וועלכע ניקאָ־לאַי האָט איהם געהייסען ארעסטירען און אַרויסשיקען פֿון מאָסקווע. פֿאַר וואָס האָט אייגענטליך קיינער ניט געוואוסט.

פּושקין'ס ערהאבענע פּאָעמע, „יעווגעני אָניעגין", האָט אויף מיר אַ קליינעם איינדרוק געמאַכט און עד היום באַוואונדער איך מעהר די איינ־פֿאַכקייט און שעהנקייט פֿון דעם סטיל, ווי דעם אינהאַלט פֿון דיעזע פּאָעזיע. אבער, גאָגאָלס ווערק, וועלכע איך האָב געלייענט, ווען איך בין אַלט גע־וואָרען א יאָהר עלף־צוועלף, האָבען געמאַכט אַ מעכטיגען איינדרוק אויף מיר און אין מיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבען האָב איך געשטרעבט נאָכצומאַכען זיין הומאָר. זאַגאָסקין'ס היסטאָרישער ראָמאַן „יורי מילאָסלאַוו־סקי", וועגען די צייטען פֿון דער גרויסער פּאָוסטאַניע פֿון 1612, פּושקין'ס „קאַפּיטאַנסקאַיאַ דאָטשקאַ", וועגען פּוגאַטשאָף'ס בונט, און דומאַ'ס "קעני־גין מאַרגאַריט" האָבען אין מיר אויפֿגעוועקט אַן אייביג דויערענדע אינטע־רעסע פֿאַר היסטאָריע. אַנדערע פֿראַנצויזישע ראָמאַנען האָב איך ערשט אָנגעהויבען לייענען, בעת דאָדע און זאָלאַ זיינען ערשינען אויף דער ליטעראַטורנער וועלט. ניעקראַסאָף'ס פּאָעזיע איז נאָך פֿון מיינע קינדער־יאָהרען אָן געוואָרען מיין ליעבלינג; אַ סך פֿון זיינע שירים האָב איך גע־קענט אויף אויסוועניג.

סמירנאָף האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ מחבר גאַנץ פֿריה אין לעבען.

מיט זיין הילפֿע האָב איך אָנגעשריבען אַ לאַנגע „היסטאָריע פֿון אַ גריי־וועניק", פֿאַר וועלכע מיר האָבען באַשאַפֿען אַלערליי פּערזאָנען, וואָס האָבען אריינגעקראָגען דעם גריוועניק אין זייערע הענד אַריין. מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט דאַן געהאַט אַ פיינעם געפֿיהל פֿון פּאָעזיע. ער פֿלעגט שרייבען „געוואַלדיגע" ראָמאַנען און זאָגאַר פֿערזען. זיינע דיכטונגען האָט ער פֿאַרפֿאַסט מיט וואונדערבאַרע שנעלקייט, און זיי וואַרען זעהר מוזיקאַליש און פֿליסיג. און ער וואָלט זיכער געוואָרען אַ גרויסער פּאָעט, ווען ער וואָלט זיך נאַכהער ניט איבערגעגעבען צום שטודיום פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿט און פֿילאָזאָפֿיע.

אין יענע צייטען פֿלעגט ער אַוועקקריכען אונטערן דעכעל, ביים פֿענסטער פֿון אונזער צימער, אום צו קריגען די פּאָעטישע בעגייסטערונג. און איך האָב זיך תמיד מיט איהם געריצט, מיט זיין מוזע, וואָס שלאָפֿט אונטערן דעכעל, ביז די מעשה האָט זיך איין מאָהל געענדיגט מיט אַ שרעקליכע הריגה. נאָר אַלעקסאַנדער'ן איז דער געפֿיהל פֿון נקמה געווען אַזוי פרעמד, אַז ס'איז תיכף געוואָרען שלום צווישען אונז און מיר האָבען זיך ווידער שטאַרק געליעבט איינס דאָס אַנדערע. צווישען אינגלעך געהן הפנים מחלוקות און ליעבע האַנד אין האַנד.

שוין דאַמאָלס האָב איך מיך גענומען צו זשורנאַליזמוס. אין מיין צוועלפֿטען יאָהר בין איך געוואָרען רעדאַקטאָר פֿון אַ טעגליכע צייטונג. פאַפּיער איז ביי אונז געווען ניט אַזוי לייכט צו קריגען, און מיין צייטונג האָט געמוזט געשריעבען ווערען אויף גאַנץ קליינע בלעטלאַך. אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָך בעפֿאָר דער קרימער מלחמה, און די איינציגע צייטונג וואָס דער פֿאָטער האָט בעקומען, וואַר די מאָסקווער פּאָליציישקי גאַזעטען, האָב איך נאַטירליך ניט געהאַט קיין סך מאָדעלען פֿון וועלכע זיך צו מאַכען אַ מוסטער. און דאַריבער איז מיין גאַזעט אויך בעשטאַנען פֿון גאַנץ קורצע שטיקלעך נייעס: ווי למשל „בין אַרוים אין וואַלד. סמירנאָף האָט געשאָסען צוויי פֿויגלען", און דעסגלייכען.

דאָס האָט מיך אָבער אויף ניט לאַנג צופֿריעדענגעשטעלט, און אין 1855 האָב איך אָנגעהויבען אַ מאָנאַטליכע אויסגאַבע אין גרעסערע בלעטלאַך, וועלכע האָבען ענטהאַלטען אַלעקסאַנדער'ס פּאָעזיע, מיינע ערציילונגען און עפּעס אַ גאַנצען מישמאַש. די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פֿאַר דיזע צייט־שריפֿט איז געווען פֿאָלשטענדיג געזיכערט, מחמת מיר האָבען געהאַט גענוג אַבאָנענטען, נעמליך: דער רעדאַקטאָר זעלבסט און ניקאָליי פּאַוולאָוויטש סטירנאָף, וועלכער פֿלעגט אַנשטאַט אַבאָנעמענט געלד רעגעלמעסיג בייטראָגען עטליכע בייגעלאַך פּאַפּיער, אפילו נאַכדעם, ווי ער האָט אונזער

הויז פֿאַרלאָזען. דערפֿאַר פֿלעג איך פֿאַר מיין אַבאָנענט אָנשרייבען אַ צווייטע קאָפּיע פֿון דער צייטונג.

ווען סמירנאָף איז אַוועק און אַ מעדיצינישער סטודענט, נ. מ. פּאַוולאָף האָט פֿאַרטרעטען זיין פּלאַץ, האָט מיר דער לעצטער געפֿלעגט צוהעלפֿען אין מיין עדיטאָריעלער אַרבייט. ער האָט געקראָגען פֿון אַ פֿריינד זיינעם אַ געדיכט, און—נאָך מעהר—די איינלייטענדע לעקציע איבער פֿיזישע געאָגראַפֿיע פֿון אַ מאָסקווער פּראָפֿעסאָר. פֿאַרשטעהט זיך, אז זי אין נאָך בעפֿאָר קיין מאָהל ניט געדרוקט געוועזען: אונזער זשורנאַל האָט קיין מאָהל ניט אָנגענומען קיין ניט אָריגינעלען אַרטיקעל.

אַז אַלעקסאַנדער האָט אַ שטאַרקען אַנטהייל געהאַט אין דער שריפֿט איז איבריג צו דערצעהלען. איהר שם האָט באַלד דערגרייכט דעם קאַרעטען קאָרפּוס און עטליכע האַלב בעריהמטע שרייבערלאַך האָבען גלייך גענומען אַרויסגעבען אַ קאָנקורענץ זשורנאַל. דאָס איז געוואָרען ערנסט: מילא אין פּאָעזיע און ראָמאַנען האָבען מיר נאָך געקענט בעשטעהען אינער שטעטעל; אבער ווי האָבען געהאַט א „קריטיקער", און אַ „קריטיקער" וואָס שרייבט אי איבער נייע ראָמאַנען, אי איבער דאָס לעבען און בעריהרט אַ חוץ נאָך טויזענד אַנדערע פֿראַגען, וועלכע קענען אַנדערשוואו ניט באַריהרט ווערען,—אַ „קריטיקער", זאָג איך, איז די סאַמע נשמה פֿון אַ רוסישען זשורנאַל! ער האָט אָנגעשריעבען אַן אַרטיקעל פֿאַר דעם ערשטען נומער און זיין שרייבאַכץ האָבען זיי געצייגט מיין ברודער. אַלעקסאַנדער האָט תיכף אָנגעשריעבען אַ געגען קריטיק אויף דער קריטיק, אָבלאַבענדיג און פֿאַרטילגענדיג דעם־קריטיקער מיט אַזאַ געוואַלדיגער קראַפֿט, אַז ווען יענע חברה האָבען דאָס דערזעהען, זיינען זיי געבליעבען געפלעווט, עפּעס ווי די הענד וואָלטען ביי זיי פּלוצלינג אָבגענומען. פֿאַרשטעהט זיך אַז זיי האָבען גלייך אויפֿגעגעבען די אידעע אַרויסצוגעבען זייער זשורנאַל, זייערע בעסטע שרייבער זיינען אַריבער אין אונזער רעדאַקציע, און מיט טריאומף האָבען מיר אַנאָנסירט די „קינפֿטיגע איינציגע אַרויסגאַבע מיט פֿיעלע בעריהמטע מיטאַרבייטער."

אין אַוגוסט 1857, האָט דער זשורנאַל נעמווזט סטאָפּען, נאָך אַ קאַרגער צוויי יעהריגער עקזיסטענץ. נייע אומשטענדען און אַ גאַנץ נייער לעבען זיינען מיר פֿאָרגעשטאַנען. איך בין אַוועק פֿון דער היים מיט עגמת נפֿש, בעזאָנדערס דאַרום, ווייל צווישען מיר און אַלעקסאַנדערן איז געלעגען דער מהלך רב צווישען מאָסקווע און פּעטערסבורג, און איך האָב עס שוין דאַמאָלס געהאַלטען פֿאַר אַן אומגליק, וואָס איך וואַר געצוואונגען אַריינצוטרעטען אין א מיליטער שולע.

צווייטער טהייל.

1.

און אַזוי האָט דער פֿאָטער, ענדליך, עררייכט דאָס, צו וואָס ער האָט געגאַרט. אין דעם פּאַזשען קאָרפּוס איז געווען אַ וואַקאַנס און אַזוי ווי איך בין נאָך געווען אין די יאָהרען, ווען מי קען נאָך אָנגענומען ווערען אַלס פּאַזש, בין איך אוועקגעפֿיהרט געוואָרען קיין פּעטערסבורג און האָב אַריינגעטרעטען אין דער שולע. בלויז הונדערט און פֿופֿציג אינגלאַך—מייסטענס אַדעלקינדער, וואָס האָבען בעלאַנגט צום קייזערליכען הויף—האָבען געקראָגען זייער בילדונג אין דיזען פּריווילעגירטען קאָרפּוס, אין וועלכען עס וואַר פֿאַראייניגט דער כאַראַקטער פֿון אַ מיליטער שולע, צוזאַמען מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס בעלאַנגען צו אַן אַנשטאַלט, וועלכער געפֿינט זיך אין דעם קייזערליכען הויף גופֿא. נאָך דעם ווי מי איז אָב געווען פֿיער אָדער פֿינף יאָהר אין דעם פּאַזשען קאָרפּוס, האָבען די, וואָס האָבען אויסגעהאַלטען די לעצטע עקזאַמענס געקענט אריינטרעטען אַלס אָפֿיצירען אין אירגענד וועלכען גוואַרדיע־פּאָלק, אָדער אין דער אַרמעע, וואָס זיי האָבען זיך אויסגעקליעבען ניט קוקענדיג אויף די צאָהל פֿון די וואַקאַנסען פֿון דעם פּאָלק, אין וועלכען זיי האָבען געוואָלט איינטרעטען. יעדעס יאָהר זיינען די העכסטע זעכצעהן שילער אָנגענומען געוואָרען אַלס קייזערליכע פּאַזשען, דאָס הייסט, זיי זיינען געוואָרען לייבדינער פֿון די מיטגליעדער פון דער קייזערליכער פֿאַמיליע. נאַטירליך, דאָס איז געווען פֿאַררעכענט אַלס אַ גרויסע עהרע, און אַ חוץ דעם זיינען די גליקליכע פּאַזשען בעקאַנט געוואָרען אין הויף און האָבען אַלזאָ שפּעטער געהאַט אַלע מעגליכקייטען צו ווערען אַדיוטאַנטען פֿון׳ם קייזער אָדער פֿון

די גרויספירשטען. מיט איין וואָרט, זייערע ברילֹיאַנטענע קאַריערעס אין דער סלוזשבע וואַרען געזייכערט. די עלטערען, וועלכע האָבען געהאט אַ שייכות צום הויף האָבען דאַרום אַכטונג געגעבען, אז זייערע זיהן זאָלען ווי עס איז אַריינקומען אין פּאַזשען קאָרפּוס, אפילו ווען אַנדערע קאַנדי־דאַטען זיינען געשטאַנען פריהער פאַר זיי אויף דער ליסטע. און איצט, אַז איך בין שוין געווען אין דעם מיחוס'דיגען קאָרפּוס, האָט דער פאָטער שוין געקענט ברייט פאַרנאַנדערלאָזען די פאַנטאַסטישע פליגעל פון זיין רייכער אַמביציע.

דער קאָרפּוס איז בעשטאַנען פון פינף קלאַססען. די העכסטע קלאַס איז געווען די ערשטע און די פינפטע איז געווען די נידריגסטע, און איך האָב געזאָלט אַריין אין דער פערטער. נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ביים עקזאַמען, אַז איך בין געווען שוואַך אין אַריפמעטיק, און אַזוי, ווי די פיערטע קלאַס איז שוין אַזוי אויך געווען איבערגעפּאַקט, בין איך אַריין אין דער פינפטער.

מיט דיזען בעשלוס וואַר איך זעהר ניט צופריעדען. איך האָב איבערהויפּט קיין חשק ניט געהאט אנצוקומען אין אַ מיליטער שולע און ספּעציעל איצט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו בלייבען פינף אנשטאט פיער יאָהר, ווי איך האָב פריהער גערעכענט. וואָס האָב איך דען געזאָלט טאָהן אין דער פינפטער קלאַס, בעת איך האָב געקענט אַלעס וואָס מי האָט דאָרט געלערענט? מיט טרערען אין די אויגען האָב איך מיך געווענדעט צום אינספּעקטאָר, אבער ער האָט מיך אבגע'פטר'ט מיט אַ וויץ. „דו ווייסט דאָך" ענטפערט ער מיר, וואָס צעזאַר האָט אַ מאָל געזאָגט,—„ס'איז בעסער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף, ווי דער צווייטער אין רוים". אויף דעם האָב איך מיט היץ בעמערקט, אַז איך וואָלט שוין ליעבער געווען דער לעצטער. ווען איך זאָל נור קענען אַזוי שנעל ווי מעגליך פאַרלאָזען די מיליטער שולע. „אפשר וועסטו שפּעטער א ביסעל ליעב קריעגען די שולע" האָט ער צו מיר געזאָגט, און פון יענעם טאָג אָן, איז ער צו מיר געווען פריינדליך.

דעם לעהרער פון אַריפמעטיק, וועלכער האָט אויך געפּרובירט מיך צו טרייסטען, האָב איך געגעבען מיין עהרענוואָרט, אַז איך וועל קיין מאָל אפילו ניט אַ קוק טאָהן אין לעהרבוך אַריין; „און דאָך וועט איהר מיר מוזען געבען די העכסטע אָטמיעטקעס".

איך האָב געהאַלטען וואָרט, אבער דענקענדיג וועגען יענע סצענע איצטער, רעכען איך, אַז דער תלמיד איז ניט געווען פון די גאָר געהאָרכ־זאַמע בנים'לעך.

און דאָך, ווען איך ווענד מײן בליק אויף די ווייטע פֿערגאַנגענהייט, מוז איך מיך מודה זײן, אַז איך פֿיהל דאַנקבאַר צו די, וואָס האַבען מיך ארײנגעזעצט אין דער נידעריגסטער קלאַס. אַזוי ווי איך האָב בלויז געברויכט איבערצו׳חזר׳ן דאָס, וואָס איך האָב שוין פֿריהער געוואוסט, האָב איך מיך אײנגעוואוינט אויסצולערנען מײנע לעקציעס בלויז פֿון צוהערען די לערערס; און דערנאָך האָב איך געהאַט גענוג צײט צו לערנען און שרײבען ווי פֿיעל די האַרץ האָט געגלוסט. צום עקזאַמען האָב איך מיך קײנמאָל ניט פֿאַרפֿערטיגט, און איך פֿלעג פֿאַרברײנגען די צײט וואָס איז געגעבען געוואָרען דאַפֿיר, לײענענדיג אין דער הויך, פֿאַר עטליכע פֿרײנד, די דראַמאַ׳ס פֿון שעקספּיר און אָסטראָווסקי. אויך האָב איך געקענט בעסער אויסלערנען די העכערע קורסען און אַ חוץ דעם, האָב איך פֿאַרקרײנקט דעם ערשטען האַלבען ווינטער אין שפּיטאָל. פּונקט ווי אַלע קינדער וואָס וואַרען ניט געבוירען אין פּעטערסבורג, אַזוי האָב איך אויך געמוזט אָבצאָהלען אַ שווערען חוב דער „הויפּטשטאָדט פֿון די זומפּען פֿון פֿינלאַנד“, אין דער פֿאָרם פֿון אַ לאָקאַלע כאָלעראַ, און אויפ׳ן סוף אויך פֿון מאָגען־טיפֿוס.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם קאָרפּוס, איז אין זײן אינערליכען לעבען פֿאָרגעקומען אַ טיעפֿע אומענדערונג. גאַנץ רוסלאַנד האָט אין יענער צײט אויפֿגעוואַכט פֿון דעם שווערען שלאָף און פֿון דעם שרעקליכען חלום פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטענס הערשאַפֿט. אויך אונזער שולע האָט געפֿיהלט די ווירקונג פֿון דער ערוואַכונג. איך ווייס ווירקליך ניט וואָס פֿון מיר וואָלט געוואָרען, ווען איך וואָלט אַרײנגעטרעטען אין דעם פּאַזשען־קאָרפּוס מיט אַ יאָהר אָדער צוויי פֿריהער. אָדער זיי וואָלטען מײן כאַראַקטער געבראָכען, אָדער אַ ניט וואָלט מען מיך מסתמא אַרויסגעוואָרפֿען פֿון דער שולע מיט ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ סוף. גליקליכער ווײזע איז די איבערגאַנגס־פּעריאָדע שוין געווען אין פֿולען גאַנג אין דעם יאָהר 1857.

דער דירעקטאָר פֿון קאָרפּוס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער אלטער מאַן, גענעראַל זשעלטוכין. אבער ער וואַר דירעקטאָר בלויז אין נאָמען. דער אמת׳ער בעל הבית איז געווען „דער פּאָלקאָווניק“,—פּאָלקאָווניק זשיראַרדאָ אַ פֿראַנצויז אין רוסישען דיענסט. מ׳ האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ יעזואיט, און איך דענק, אַז ער וואַר עס ווירקליך. לכל הפחות, זײן שניט איז געווען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס דער שניט פֿון לאָיאָלאַ, *) און זײנע בילדונגס־מעטאָדען זײנען געווען די זעלבע, ווי אין די יעזואיטישע שולען פֿון פֿראַנקרייך.

---

*) דער גרינדער פֿון יעזואיטישען אָרדען און דער גרעססער פֿערברייטער פֿון יעזואיטיזמוס.

שטעלט זיך פֿאָר אַ זעהר אויסגעמאַגערטען מענשעל מיט שוואַרצע דורכדרינגענדע, גנבי'שע אייגלעך, מיט קורץ־געשוירענע וואָנסעס, וועלכע האָבען איהם געגעבען דעם אויסדרוק פֿון אַ קאַץ; זעהר רוהיג און פֿעסט; ניט בעזאָנדערס אינטעליגענט, אָבער אונגעהייער כיטרע; אַ דעספּאָט ביז אין דעם מאַרך פֿון די ביינער; ער איז געווען אימשטאַנדע צו האסען—שטאַרק צו האסען—דעם שילער, וועלכער האָט גראַדע ביי איהם ניט נושא חן געווען, און האָט אויך געקענט אַרויסווייזען דיעזע שנאה, ניט דורך נאַרישע פֿאַרפֿאָלגונג, זאָנדערן דורך זיינע אַלגעמיינע אויפֿפֿירונג.—דורך אַ ווערטעל, אַ וואונק, אַ שמייכעל, אַן אויסרוף. ער איז ניט געגאַנגען, ער האָט זיך גליטשענדיג געשאַרט, און די אויגלעך, וואָס ער פֿלעגט וואַרפֿען אַרום זיך, ניט אַרומדרעהענדיג דאָס קעפּעל זיינס, האָבען שוין גאָר אין גאַנצען פֿאָלקאָמען געמאַכט דאָס בילד. קאַלטע טרוקענהייט איז געווען אָבגעשטעמפּעלט אויף זיינע ליפּען, אפילו ווען ער האָט פּרובירט אויסזעהען גוטמוטהיג; און דיעזער אויסדרוק איז געוואָרען נאָך פֿיעל האַרטער, בעת זיין מויל איז געווען פֿאַרדרייט מיט אַ שמייכעל פֿון אונצופֿריעדענהייט אָדער פֿעראַכטונג. דאָך איז אין איהם ניט געווען דער אויסדרוק פֿון אַ קאמאַנדיר; אדרבה, מי וואָלט גאָר לחתכילה געקענט מיינען אַז דאָס איז אַ וואָהלטהעטיגער פֿאָטער, וואָס רעדט צו זיינע קינדער פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען ערוואַקסענע מענשען. אבער איהר האָט באלד דערפֿיהלט, אַז אַלע און אַלעם האָבען זיך געמוזט בויגען פֿאַר זיין ווילען. אַז אָך און אַז וועה איז געווען דעם אינגעל, וועלכער האָט זיך ניט געפֿיהלט גליקליך אדער ניט צופֿריעדען, נאָך דער שטופּע פֿון לייטזעליגקייט, וואָס דער „פֿאָלקאָווניק" האָט איהם צוגעטהיילט.

די ווערטער „דער פֿאָלקאָווניק" זיינען תמיד געווען אויף יעדענס שפּיץ צונג. אַנדערע אָפֿיצירען זיינען גערופֿען געוואָרען מיט זייערע צונעמען, אבער קיינער האָט ניט געסמיעט זשיראַרדאָ'ן אָנצורופֿען מיט אַ צונאָמען. עפּעס האָט איהם שטענדיג אַרומגערינגעלט עטוואָס געהיימניספֿאָלעס, גלייך ווי ער וואָלט געווען אומעטום און אַלוויסענד. אמת, אפילו ער פֿלעגט פֿאַרברענגען דעם גאַנצען טאָג און אַ שטיק אין דער נאַכט אין דער שולע, און אפילו בעת מיר זיינען געווען אין די קלאַסען, איז ער אַרומגעקראָכען, זוכענדיג אין אונזערע שופֿלאָדלאַך, וועלכע ער פֿלעגט עפֿענען מיט אייגענע שליסעל. ביי דער נאַכט פֿלעגט ער זיצען גאַנץ שפּעט און פֿאַרשרייבען מיט ספּעציעלע צייכענס און מיט פֿערשיעדענע טינטען אַלע מעלות און חסרונות פֿון יעדען שילער באַזונדער און אין באַזונדערע ביכלעך אַריין.

דער שפּיעל, די שפּאַסען און דער געשפּרעך האָבען געסטאָפּט, בעת מיר פלעגען איהם דערזעהען ארומגעהענדיג לאַנגזאַם איבער אונזערע גרויסע חדרים, געאַרעמט מיט איינעם פֿון זיינע ליעבלינגע, שאָקלענדיג זיין קערפּער אויף פֿאָרענט און אויף הינטען, צוואַרפֿענדיג דעם אַ שמייבעל, דעם אַ שאַרפֿען בליק, קוקענדיג גלייכגילטיג אויף אַ דריטען און מאַבענדיג אַ קרומע מיענע אויף אַ פֿיערטען. און פֿון די בליקען זיינע האָט שוין יעטוויעדער פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט ליעב דעם ערשטען, איז גלייכגילטיג צום צווייטען, אַז דעם דריטען האָט ער אומישנע ניט באַמערקט און דעם פֿיערטען האָט ער סתם פֿיינט.

א קרומער בליק זיינער איז שוין געווען גענוג אַ־יינצוזאָגען אַ שוידער אין דעם קרבן,—נאָך מעהר דאַרום, ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט די אורזאַכע פֿון דער שנאה. די קרומע מינע אין דער פֿאַרדעכטיגער קוק האָבען די איידעלע פֿון די שילער געבראַכט אין דער גרעסטער פֿערצווייפֿלונג; אין אַנדערע איז דער רעזולטאַט געווען אַ פֿאָלקאָמענע פֿאַרניכטונג פֿון דעם מענשליכען ווילען, ווי איינער פֿון די מאָלסטאָים—טהעאָדאָר, אויך אַ תלמיד פֿון זשיראַרדאָ—האָט אָנגעוויזען אין אַן אויטאָביאָגראַפֿישען ראָמאַן „די קראַנקהייטען פֿון דעם ווילען".

דער אינערליכער לעבען פֿונ'ם קאָרפּוס אונטער דער הערשאַפֿט פֿון דעם פּאָלקאָווניק איז געווען זעהר אַ פּאַסקודנער. אין אַלע פּאַנסיאָנען האָבען די אָקאָרשט אָנגעקומענע שילער אויסצושטעהען אַלערליי רדיפות. די גרינהאָרנס ווערען אַזוי אַרום אויסגעפּריווט פֿון וואָס פֿאַר אַ שטאָף זיי זיינען. און דער אַלטער חברה ווילט זיך שטאַרק ווייזען די מעלות פֿון אַ פֿעסטער ברודערשאַפֿט. אַזוי געהט צו אין אַלע שוהלען און געפֿענגניסע. אונטער זשיראַרדאָ'ס הערשאַפֿט זיינען דיזע רדיפֿות געוואָרען פֿיעל שאַרפֿער און זיי זיינען געקומען ניט פֿון די קאַמעראַדען פֿון דעמזעלבען קלאַס, זאָנדערן פֿון העכסטען קלאַס פֿון די פּאַזשען, פֿון דער לייב־גוואַרדיע, וועלכע זשיראַרדאָ האָט אויפגעהויבען ביז צו אַן אונגעוויינליך הויכער פּאָזיציאָן. זיי האָט ער געגעבען די פֿאָלמאַכט איבער אַלעס. אויף די שרעקליכסטע מעשים זייערע, האָט ער תמיד געקוקט דורך די פֿינגער, און דורך זיי האָט ער איינגעפֿיהרט אַן אייזערנע דיסציפּלינע. פֿאַר צוריקגעבען אַ פּאַטש אַ פּאַזש פֿון העכסטען קלאַס וואָלט מען אין ניקאָלאַי'ס צייטען אָבגעשיקט אַ פּאַזש פֿון אַ ניעדריגען קלאַס אין אַ באַטאַליאָן פֿון סאָלדאַטסקע קינדער, אויב דער פּאַקט וואָלט אַרויס אין דער עפֿענטליכקייט. און דער מינדעסטער ווידערשטאַנד געגען דעם קאַפּריז פֿון אַזאַ ערהויבענעם פּאַזש איז בעשטראָפֿט געוואָר'ן מיט שווערע דעמבאָווע ליניעקעס,

מיט וועלכע צוואַנציג קאַמער פּאַזשען פֿלעגען שלאָגען מכּת רצח דעם רעבעלישען פֿערברעכער. זשיראַרדאָ פֿלעגט זיך מאַכען ניט וויסענדיג. און אַזוי האָט זיך דער ערשטער קלאַס געטאָהן וואָס די האַרץ האָט געגלוסט. בלויז איין ווינטער פֿאַר מיין אנקומען איז איינע פֿון זייערע בעליעבטע זאַבאַוועס געווען, צוזאַמענצונעהמען די „גרינהאָרנס" ביינאַכט אין אַ צימער און זיי אַרומצוטרייבען אַרום און אַרום אַזוי ווי פֿערד אין אַ צירקוס, בעת די קאַמער־פּאַזשען מיט דיקע גומענע בייטשען אין די הענד פֿלעגען שלאָגען אונערבאַרעמליך. געוויינליך, איז דער סוף פֿון אַזאַ מין צירקוס געווען אַ זעהר אָבשייליכער. דער מאָראַלער בעגריף פֿון יענער צייט און דער שמוציגער ניבול פּה, וועלכען מען האָט געהערט אין דער שולע, מכּח דעם וואָס האָט זיך אָבגעטאָהן ביינאַכט נאָך׳ן צירקוס, זיינען געווען אַזעלכע, אַז וואָס וויניגער מ׳רעדט פֿון זיי, דעסטאָ בעסער.

דער פּאָלקאָווניק האָט דאָס אַלעס גוט געוואוסט. ער האָט געהאַט פֿאָלקאָם גוט אָרגאַניזירטע שפּיאָנען, און קיין זאַך איז פֿאַר איהם קיין סוד ניט געווען. אָבער כּל זמן מען האָט ניט געוואוסט אַז ער וויים דערפֿון, איז אַלעס רעכט געווען. דער פֿונדאַמענט פֿון זיין דיסציפּלין־סיסטעמע איז געווען עבען דאָס, וואָס ער האָט זיך געמאַכט ניט וויסענדיג מכּח דער אויפֿפֿיהרונג פֿון דעם ערשטען קלאַס.

אבער דאָך האָט אַ נייער גייסט ערוואַכט אין דעם קאָרפּוס, און בלויז מיט אַ פּאָר מאָנאַט בעפֿאָר איך בין אָנגעקומען, איז דאָרט געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע. יענעם יאָהר איז דער דריטער קלאַס געווען ניט דאָס, וואָס ער איז געווען ביז דאַן. דאָרט זיינען גראַד געווען פֿיעלע שילער, וועלכע האָבען ווירקליך אַ מאַסע שטודירט און געלעזען, מאַנכע פֿון זיי זיינען נאַכהער געוואָרען בעריהמטע מענער. מיין ערשטע בעקאַנטשאַפֿט מיט איינעם פֿון זיי איז געווען, בעת ער האָט געהאַלטען אין לייענען קאַנט׳ס „קריטיק פֿון ריינעם פֿערנונפֿט". אָבער זיי האָבען אויך געהאַט צווישען זיך עבליכע, וועלכע זיינען געווען גערעכענט אַלס די שטאַרקסטע פֿון קאָרפּוס.

דיזער דריטער קלאַס האָט ניט געוואָלט טראָגען אויף זיך דעם יאָך פֿון די קאַמער־פּאַזשען אַזוי רוהיג ווי די פֿריהערדיגע קלאַסען: עס האָט זיי פּשוט אָבגעעקעלט דאָס אַלעס צו דולדען, און איבער אַ צופֿאַל, וועלכען איך וויל ליעבער ניט דערמאָנען, איז אַרויסגעקומען אַ מלחמה צווישען דעם דריטען קלאַס און דעם ערשטען, און געענדיגט האָט עס זיך דערמיט וואָס די שטאָלצע הערען פֿון ערשטען קלאַס האָבען נעבאַך געקראָגען אָנגעבראָכען די ביינער פֿון זייערע אונטערטהאַנען. זשיראַרדאָ האָט די מעשׂה

פֿאַרשטיקט; אבער די אויטאָריטעט פֿון די הויכגעשטעלטע אָפֿיצערען איז געבראָכען געוואָרען. די גומענע בייטשען זיינען געבליבען, אבער זיי וואַרען שוין קיינמאָהל מעהר ניט געברויכט. די צירקוסען און די אַנדערע מעשים תעתועים זיינען געוואָרען אַ זאַך דער פֿערגאַנגענהייט.

אַזוי פֿיעל האָבען זיי געוואונען. אבער דער ניעדעריגסטער קלאַס, דער פֿינפֿטער, וועלכער איז בעשטאַנען פון קליינע אינגלעך, וואָס זיינען נאָר וואָס אַריינגעטראָטען אין קאָרפּוס, האָט נאָך אַלץ געמוזט אויסשטעהען אַלע קאַפּריזען פֿון די עלטסטע פּאַזשען. דער קאָרפּוס האָט געהאט אַ פּראַכטפֿאָלען גאָרטען, פֿול מיט אַלטע בוימער. אבער די „גרינע" האָבען גאָרניט געקענט געניעסען פֿון איהם: זיי האבען געמוזט אַרומלויפֿען אין שליחות פּאַר די קאַמער־פּאַזשען, וועלכע זיינען זיך געזעסען ברייטלאַך פֿאַרנאַנדערגעלייגט אויף די בענק און האָבען זיך אונטערהאַלטען, אָדער ווען זיי האָבען געשפּילט אין קעגיל האָבען די גרינע, נעבאַך, געמוזט צוריקוואַרפֿען די באָלס. עטליכע טעג נאָך דעם, ווי איך בין אנגעקומען, צוזעהענדיג וואָס עס געהט פֿאָר אין גאָרטען, בין איך מיר ליעבער פֿאַרבליעבען ביי זיך אין צימער. איך בין געזעסען און האָב געליינט, בעת אַ קאמער פּאַזש, מיט רויטע האָר און אַ געשפּריינקעלטען פּנים, איז אַריין און האט מיר באַפֿוילען גלייך אין גאָרטען צו געהען און צו לויפֿען דעם רינגעל לויף (אַזאַ מין שפּיעל).

„איך וועל ניט געהען; די זעהסט ניט אַז איך לעז?" וואַר מיין ענטפֿער.

זיין אַזוי אויך ניט שטאַרק אנגענעהמענער פּנים איז נאָך געוואָרען שרעקליכער. ער איז געוואַרען בערייט אויף מיר ארויפֿצושפּרינגען. איך האב מיך פֿאַרטהיידיגט. ער האָט געפּרופֿט מיך שלאָגען מיט׳ן היטעל איבער׳ן פּנים, אבער איך האָב מיך אויסגעדרעהט ווי וויית איך האָב געקענט. דאַן האָט ער אַ וואָרף געטאָהן די היטעל אויף׳ן פּאָדלאָגע:

„הויב אויף".

„הויב אַליין אויף".

אַזאַ׳ן אַקט פֿון ווידערשטאַנד איז נעוועןן אונגעהערט אין דער שולע. פֿאַר וואָס ער האָט מיך באַלד אויפֿ׳ן אָרט ניט גע׳ממית׳ט, ווייס איך ניט. ער וואַר פֿיעל עלטער און שטאַרקער פֿאַר מיר.

אויף מאָרגען און פֿיעלע פֿאָלגענדע טעג האָב איך געקראָגען עהנליכע באַפֿעהלען, אבער איך בין געבליעבען איינגע׳עקשנ׳ט ביי מיר אין צימער. דאַן האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען די שרעקליכסטע רדיפות וועלכע וואָלטען געקענט ברייגגען אין פֿערצווייפֿלונג יעדען אינגעל. צום גליק, האָב

איך תמיד געהאט א גוטמוטהיגע שטימונג און פֿלעג אויף אַלעס ענטפֿערען מיט אַ וויץ אָדער זיך גאָר מאַכען ניט וויסענדיג.

נאָר דאָס אלעס האָט זיך אין קורצען געענדיגט. עס האָט זיך אָנ־געהויבען אַ רעגענדיגער וועטער, און מיר זיינען דאָס רוב געבליעבען אין הויז. אין גאָרטען האָט זיך דער ערשטער קלאַס גאַנץ פֿיין געדויכערט; אָבע־ ווען מיר זיינען געוועזען אין הויז איז „דער טורעם" געוואָרען דער סי־גאַרעט קלוב. דאָרט איז אימער געווען שעהן און ריין, און דער אויווען האָט געברענט אַ תענוג. די קאמער־פּאַזשען פֿלעגען אימער שרעקליך בעשטראָפֿען אונזערע חברה, ווען מי האָט אונז געכאַפּט מיט אַ סיגארע־טעל; אָבער זיי אַליין זיינען זיך שטענדיג געזעסען ביים אויווען פלוידע־רענדיג מיט די סיגאַרעטלעך אין מויל. בעזאָנדערס פֿלעגען זיי ליעב האָ־בען זיך אַוועקצוזעצען ביים קאַמין נאָך צעהן אַ זייגער אויף דער נאַכט, ווען אַלע, איגענטליך, האָבען שוין געזאָלט ליעגען אין בעט. דיעזען קלוב האָבען זיי געפֿלעגט אויפֿהאַלטען ביז האַלב צוועלף, און מורא האָבענדיג פֿאַר זשיראַרדאָ, האָבען זיי אונז אַוועקגעשטעלט אויף'ן קאַראַאול. די קליינע אינגלעך פֿון פֿינפֿטען קלאַס פֿלעגען אַרויסגעשלעפּט ווערען פֿון די בעטען פּאָאָר־וויז און האָבען געמוזט ליעגען אויף די טרעפּען און היטען, טאָמיר קומט אָן דער פּאָלקאָווניק.

מיר האָבען בעשלאָסען צו מאַכען א סוף צו דיעזען קאַראַאול. לאַנג האָבען מיר דיסקוטירט מכח דעם, און מי האָט זיך אויך מיט די העכערע קלאַסען שואל עצה געווען - ענדליך איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מיר אַלע זאָלען זיך איינפֿאַך ענטזאַגען צו שטעהען אויף דער וואַך: און ווען זיי וועלען נעהמען שלאָגען, זאָלען מיר אַלע לויפֿען צו זשיראַרדאָ און איהם אַריין רופֿען. אמת, ער וויים אַלעס, אבער דאַן וועט ער געצוואונגען זיין צו סטאָפּען דעם קלוב. די פֿראגע צו וועט דאָס הייסען גע'מסר'ט איז פֿון מבינים אין האָנאָר־זאַכען ערקלערט געוואָרען מיט „ניין". די קאַמער־פּאַזשען האָבען אויך מיט אַנדערע ניט געהאַנדעלט ווי קאָלעגעס.

יענע נאַכט איז געקומען די רייהע פֿון אַ געוויסען שאַכאָווסקי, אַן אַלטען חברה־מאַן, און פֿון סעלאַנאָף, אַ פֿריש אנגעקומענעם, זעהר שרע־קעדיגען אינגעל, וועלכער האָט אפילו געהאַט דעם קול פֿון אַ מיידעל. פֿריהער איז שאַכאָווסקי גערופֿען געוואָרען, אבער ער האָט זיך ענטזאַגט, און זיי האָבען איהם צורות געלאָזט. דאַן זיינען צוויי קאַמער־פּאַזשען צו צום צאַפּעלדיגען סעלאַנאָף'ס בעט. קוים האָט ער ענטזאַגט, זיינען זיי אויף איהם אַרויפֿגעפֿאַלען און האָבען אָנגעהויבען שמייסען מיט לעדערנע רי־מענס. שאַכאָווסקי האָט אויפֿגעוועקט עטליכע קאַמעראַדען און אַלע זיינען

זיי געלאָפען מיט גרויס אימפּעט אָנצוזאָגען זשיראַרדאָ׳ן.

איך בין אויך געווען אין בעט בעת די צוויי זיינען מיך בעפּאַלען מיט די רימענס, אַזוי שנעל ווי איך האָב מיך ענטזאַגט צו געהן אויף דער וואַך. זיצענדיג אין בעט האָב איך מיך געוועהרט מיט די הענד, וויפיעל איך האָב געקענט, און האָב שוין געהאַט געקראָגען עטליכע שווערע קלעפּ, ווען פּלוצלונג איז געגעבען געוואָרען די קאָמאַנדאַ,—„דער ערשטער קלאַס צום פּאָלקאָווניק!” די גרויזאַמע שמייסער זיינען באַלד געוואָרען געפּלעווט, און האָבען אין דער גיך צוזאַמענגעלייגט מיינע זאַכען.

„זאָלסט ניט זאָגען קיין וואָרט”, האָבען זיי מיר ארייגעשושקעט אין אויער.

„דעם האַלזטוך לייגט מיר אַוועק אויפ׳ן אָרט!” האָב איך זיי געגעבען דעם באַפעהל, און מיינע פּלייצעס האָבען מיר דערווייל געברענט פון די פייערדיגע שמיץ.

וואָס זשיראַרדאָ האָט גערעדט מיט די שטאָלצע הערען, האָבען מיר ניט געוואוסט, אבער אויף מארגען אַזוי ווי מיר זיינען געשטאַנען אין דער רייהע בערייט אַרונטער צו מאַרשירען אין שפּייז זאַל אַריין, האָט ער זיך צו אונז געווענדעט מיט אַ שטילען קול, אונז דערצעהלענדיג ווי טרויעריג עס איז אַז קאַמער־־פּאַזשען זאָלען אָנפּאַלען אויף אַ קליינעם אינגעל, וועלבער איז געווען פאָלשטענדיג גערעכט זיך צו ענטזאַגען. און אויף וועמען? אַ פרישער, און אַזאַ שרעקעדיגען קינד ווי סעלאַנאָף. דיעזע יעזואיטישע רעדע האָט דעם גאַנצען קאָרפּוס פּשוט אָבגעעקעלט.

עס איז, פערשטעהט זיך, איבריג צו דערצעהלען, אז דאָס איז געווען דער סוף פון אונזער קאַראַאולעווען, און אַז דאָס האָט אויך געגעבען דעם לעצטען טויט־קלאַפּ צו דער גאַנצער פלאָגעניש פון די גרינע: מעהר האָט מען פון אַזעלכע מעשות ניט געהערט.

אונזער בונט געגען די קאַמער־פּאַזשען איז אויך געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר זשיראַרדאָ׳ס אויטאָריטעט, און די מעשה האָט איהם הפּנים שטאַרק פאַרדראָסען. אונזער קלאַס האָט ער זייט דאַמאָלס זעהר פיינט געקראָגען; מיך מעהר פון אַלעמען; און דיעזע שנאה האָט ער אַרויסגעוויזען ביי יעטווידער געלעגענהייט.

דעם ערשטען ווינטער בין איך געווען אַן אָפטער גאַסט אין שפּיטאָל. נאָך דעם ווי איך בין פּטור געוואָרען פון׳ם מאָגען טיפוס, האָב איך נאָך אַלץ שווער געליטען פון מאָגען. דער דירעקטאָר און דער דאָקטאָר האָבען אויף מיר אַכטונג געגעבען ווי אויף זייער אייגען קינד. אבער בשעת זשיראַרדאָ פלעגט אָבשטאַטען זיין טעגליכען בעזוך אין שפּיטאָל און

פֿלעגט באַמערקען ווי אָפֿט איך געפֿין מיך דאָרטען, האָט ער צו מיר אַלע אין דער פֿריה אַ זאָג געטאָהן, אויף פֿראַנצויזיש, און מיט אַ בלומר'שט שפּאַסענדען טאָן: „אָט איז אַ יונגער מאַן, וועלכער איז געזונד ווי אַ בער און שלעפּט זיך אַרום אין שפּיטאָל". איין מאָהל, צוויי מאָהל, האָב איך איהם געענטפֿערט מיט אַ שפּאַס, אָבער ענדליך זעהענדיג די בייזקייט זיינע, בין איך אַרויס פֿון די כּלים.

„ווי אָרוואַזשעט איהר זיך זאָ וואָס צו זאָגען?" האָב איך אויסגעשריען, איך וועל בעטען דעם דאָקטאָר, אז ער זאָל אייך ניט אַריינלאָזען אין דעם צימער אַריין."

זשיראַרדאָ איז אָבגעשפּרינגען אויף הינטען; זיינע דונקעלע אויגען האָבען געבלישצעט, זיין דינע ליפּ איז געוואָרען נאָך דינער. ענדליך האָט ער אַרויסגעשאָסען: „איך האָב דיך בעליידיגט, וואָס? נו, אָט שטעהען אין קאָרידאָר צוויי קאַנאָנען: זאָלען מיר האָבען אַ דועל?"

„איך מאַך קיין שפּאַס ניט, און איך זאָג אייך, אַז איך וועל מעהר ניט דולדען אייערע שטעכווערטלעך", האָב איך איהם געענטפֿערט.

מעהר האָט ער זיך ניט געשטעכעלט, אבער זיין שנאה צו מיר איז געוואָרען נאָך שטאַרקער ווי פֿריהער.

יעדער איינער האָט גערעדט וועגען זשיראַרדאָס בעס אויף מיר· אבער איך האָב מיך אויף איהם גאָר ניט אומגעקוקט, און מיין גלייכגילטיגקייט האָט איהם אודאי נאָך מעהר געקרענקט. פֿולע אַכצעהן מאָנאַט האָט ער מיך אָבגעהאַלטען מיט די עפּאָלעטען, וועלכע אַלע נייע שילער פֿלעגען געוויינליך קריגען די ערשטע צוויי מאָנאַט, אַזוי שנעל ווי זיי האָבען געקראָגען אַ שטיקעל בעגריף אין דעם אלף בית פֿון מיליטערישען דריל; אָבער מיך האָט די ציערונג געהאַרט ווי די קאַין. שליסליך, האָט זיך אַן אָפֿיציער, דער בעסטער מושטיר־לעהרער פֿון דער שולע, אַ מאַן, וועלכער וואַר פּשוט פֿאַרליעבט אין דרילען—פֿרייוויליג אָנגענומען מיך צו לערנען, און ווען ער האָט געזעהען ווי איך מאַך דורך אַלע קונצען אויסגעצייכענט גוט, האָט ער מיך געוואָלט פֿאָרשטעלען פֿאַר זשיראַרדאָ. דער פּאָלקאָווניק האָט זיך ענטזאַגט צוויי מאָהל נאָך דער רייהע, אזוי אז דער אָפֿיציר האָט עס בעטראַכט אַלס אַ פּערזענליכע בעליידיגונג, און ווען דער דירעקטאָר פֿון'ם קאָרפּוס האָט איהם איינמאָהל אַ פֿרעג געטאָהן פֿאַרוואָס איך האָב נאָך קיין עפּאָלעטען ניט, האָט ער גאַנץ פּראָסט געענטפֿערט: „דער אינגעל איז אָלל ראַיט, אָבער דער פּאָלקאָווניק האָט איהם פֿיינט;" באַלד נאָך דעם צופֿאַל, און מסתמא נאָך דעם דירעקטאָרס אַ פּאָר ווערטער האָט זשיראַרדאָ גופא ווידער אַ מאָהל מיך גערופֿען צום עקזאַמען,

און האָט מיר נאָך דעמזועלבען טאָג געגעבען די ע פּ אָ ל ע ט ע ן.

אבער דעם פאָלקאָוניק׳ס איינפֿלוס האָט אָנגעהויבען שנעל פֿאַרשווינדען. דער נאַנצער כאַראַקטער פֿון דער שולע האָט זיך געהאַלטען אין ענדערען. גאַנצע צוואַנציג יאָהר האָט זשיראַרדאָ פֿאַרווירקליכט זיין אידעאַל, און פֿלעגט אונזערע אינגלעך האַלטען אין איין קעמען און קרייזלען, אום צו קענען שיקען די „מ י י ד ע ל ש ע" פּאַזשען אין הויף אַריין, פֿאַרפּוצט ווי די שעהנסטע דיענער פֿון לואי דעם פֿערצעהנטען. צו זיי האָבען געלערנט, צו ניט, איז ניט געווען זיין דאגה. זיינע ליעבלינגע זיינען געווען די וואָס האָבען געהאט די גרעסטע קופֿערטס מיט קליידער, בערשטלאַך און קאָלאָן־פֿלעשלאַך, וועלכע האָבען געהאט די עלעגאנטסטע פּריוואַט אוניפֿאָרמען, און וואָס האָבען זיך געקענט פֿאַרנייגען ווי אן עכטע קאָקעטקע. פֿריהער, ווען זשיראַרדאָ פֿלעגט מאַכען רעפּעטיציעס פון הויף צערעמאָניעס, איינוויקלענדיג אַ פּאַזש אין א רויטען ציצענעם ליילעך אום פֿאָרצושטעלען די קייזערין, זיינען די שילער מיט גרוים הכנעה צוגעגאַנגען צו דער פֿארשטעלטער מלכה, האָבען ערנסט דורכגעמאַכט די צערעמאָניע קושענדיג איהר די האַנד, און האָבען זיך צוריקגעצויגען מיט דער עלעגאנטסטער פֿערנייגונג. אבער איצט, כאָטש אין הויף גופא האָבען זיי זיך זעהר העפֿליך אויפֿגעפֿיהרט, האָבען זיי אָבער ביי די רעפּעטיציעס געמאַכט אַזעלכע הינטישע שטיק, אַז מי פֿלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען פֿאַר געלעכטער, און זשיראַרדאָ פֿלעגט שיער ניט פלאַצען פֿאַר רציחה. פֿריהער ווען די יונגע שילער זיינען געבראַכט געוואָרען אין הויף אריין און וואַרען עקסטרא געפּוצט און געקרייזעלט צוליעב דעם עהרווירדיגען קבלת פנים, פֿלעגען זיי זיך אומטראָגען מיט זייערע לאָקען אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבען נאָר געקענט. איצט, צוריקקומענדיג פֿון פּאַלאַץ, האָבען זיי גלייך אונטערגעשטעלט די קעפּ אונטערן קראַן קאַלטע וואַסער, אום זאָפֿאָרט פּטור צו ווערען פֿון די לאָקען זייערע. מי פֿלעגט שטאַרק אָבלאַכען פֿון די „מיידעלשע" פּנים׳לעך. איצט, איז אַזאַ מין עמפּפֿאַנג אין קייזערליכען הויף שוין ניט בעטראַכט געוואָרען אַלס אַזאַ גרויסער כבוד, נאָר פֿאַרקעהרט, אַלס אַ לאַסט. און ווען די קליינע פּאַזשען, וועלכע פֿלעגען אָפֿט געשיקט ווערען אין הויף אַריין צו אַמוזירען די קליינע נאַסלעדניקעס, האָבען איינמאָל באַמערקט ווי אַ פֿירשטליכער חברה מאַן האָט אין אַ געוויסען שפּיעל צוזאַמענגעדרעהט זיין טיכעל און האָט דערמיט געשלאָגען זיינע חברים, האָט אויך איינער פֿון אונזערע געפֿאָלגט דעם ביישפּיל, און האָט מיט אַזאַ מאָדנעם בייטש אַזוי דורכגעשמיסען אַ נאַסלעדניק, אַז ער האָט זיך יעמערליך פֿאַרנאַנדערגעכליפּעט. זשיראַרדאָ איז געווען צושראָקען אויף טויט, אבער

דער אַלטער סעוואַסטאָפּאָלער אַדמיראַל, וועלכער איז געווען דעם נאַס־לערניק׳ס לעהרער, האָט פֿאַרקעהרט, זעהר געליבט דעם כוואַטסקען אינגעל.

אַ נייער גייסט, אַן ערנסטער, פֿלייסיגער גייסט, האָט זיך גענומען ענטוויקלען אין קאָרפּוס, ווי אין אַלע אנדערע שולען. אַ מאָל, זייענדיג זיבער אז זיי וועלען אין פֿינף יאָהר אַרום ווערען אָפֿיצירען אין דער לייב־גוואַרדיע, פֿלעגען די פּאַזשען ניט אָנהייבען לערנען אין די ערשטע יאָהרען און נור אין די לעצטע צוויי קלאַסען האָבען זיי מעהר אָדער וועניגער גע־לערענט; איצט האָבען אויך די ערשטע צוויי קלאסען פֿלייסיג געשטודירט. די מאָראַלישע זייט איז אויך פֿיעל געבעסערט געוואָרען. די אָריענטאַלישע אויסגעלאַסענהייט איז בעטראַכט געוואָרען מיט עקיעל און אַבשוי. ושיראַרדאָ איז אראָבגעזעצט געוואָרען פֿון זיין גדולה. נאָר וואוינען האָט מען איהם ערלויבט אין זיינע אַלטע צימערן אין דער קאָרפּוס געביידע און מיר האָבען איהם נאַכהער געזעהען איינגעהילט אין זיין לאַנגען מיליטערישען שינעל, שפּאַצירענדיג אַהין און צוריק, פֿאַרטיעפֿט אין געדאַנקען,—טרויעריג, מס־תמא, ווייל ער האָט מעהר ניט געקענט פֿאַרדאַמען דעם נייעם גייסט, וועלכער האָט יעצט געהערשט אין דעם קאָרפּוס פֿון די פּאַזשען.

2.

אִיבער גאַנץ רוסלאַנד האָט מען גערעדט פֿון בילדונג. אַזוי שנעל ווי שלום איז אין פּאַריז געשלאָסען געוואָרען (אין דער קרימער מל־חמה) און די צענזור האָט אַ ביסעל נאָכגעלאָזען, האָט מען זיך גענומען גאַנץ שטאַרק דיסקוטירען איבער בילדונגס־אַנגעלעגענהייטען. די אונוויסענ־הייט פֿון די מאַסען, די שטערונגען, וועלכע זיינען אימער געלייגט געוואָ־רען אין וועג פֿון די, וואָס האָבען געוואָלט לערנען די מאַסען דערפֿער וואָס האָבען גאָר קיין שולען ניט געהאַט, די פֿערשימעלטע מעטהאָדען פֿון אונטערריכטען און די רפֿואות פֿאַר אַלע דיעזע איבלען, זיינען געוואָרען די לעבעדיגע טהעמאַ׳ס פֿאַר דיסקוסיאָן צווישען די געבילדעטע מענשען, אין דער פּרעסע און אַפֿילו אין די אריסטאָקראַטישע פּאַלאַצען. די ערשטע גימנאַזיע פֿאַר מיידלאַך איז ערעפֿענט געוואָרען אין 1857 מיט אַ פּראַכט־פֿאָלען פּלאַן און אויסגעצייכענטע לעהרער. ווי דורך אַ צויבער, האָט זיך גלייך געיאַוועט א גאנצע מאַסע מענער און פֿרויען, וועלכע האָבען ניט נור געווידמעט זייער גאַנצען לעבען צו בילדונג, זאָנדערן זיי האָבען זיך אַרויס־געוויעזען אַלס מערקווירדיג פּראַקטישע פּעדאַגאָגען: זייערע שריפֿטען וואָל־

טען פֿורנומען אַ עֶהרווירדיגען פּלאַץ אין יעדווידער ציוויליזירטער ליטעראַטור, ווען זיי וואָלטען נאָר אַרויס אויף דער וועלט.

די נייע עפּאָכע האָט אויך געווירקט אויף דעם פּאַזשען קאָרפּוס. אַ חוץ עטליכע אויסנאַהמען, איז דער אלגעמיינער חשק פֿון די דריי נידריגע קלאַסען געוועזן צו שטודירען. דער הויפּט פֿון דער בילדונגס-אבטהיילונג, דער אינספּעקטאָר ווינקלער, וועלכער וואַר אַ בעוואוסטער ארטילעריע-פּאָלקאָווניק, אַ מאַטהעמאַטיקער און אַ געבילדעטער פּראָגרעסיווער מאַן, איז געפֿאַלען אויף אַ טייערען פּלאַן, ווי אזוי אויפֿצוּוועקען אין אונז דעם גייסט פֿון בילדונג. אַנשטאַט די פֿריהעריגע פּראָסטע לעהרער האָט ער געשטרעבט צו קריגען די בעסטע פּעדאַגאָגען. נאָך זיין מיינונג, איז קיין פּראָפֿעסאָר ניט געוועזן צו גרויס צו אונטעררייכטען די אינגסטע קינדער. און אַזוי האָט ער צ"ש. איינגעלאַדען אַ גרויסען מאַטהעמאַטיקער צו לערנען אַלגעבראַ מיט דעם פֿיערטען קלאַס. דאָס וואַר קאַפּיטאַן סוכאָנין אַ געבאָרענער לעהרער, דורך וועלכען דער גאַנצער קלאַס האָט זיך באַלד פֿלייסיג אַ נעהם געטאָהן צו מאַטהעמאַטיק. אגב, האָט עס גראדע פּאַסירט אַז דיעזער קאַפּיטאַן איז געוועזן לעהרער פון דעם נאַסלעדניק (ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער איז געשטאָרבען זעכס און צוואַנציג יאָהר אַלט), און דער יורש העצר איז געבראַכט געוואָרען איין מאָל אין וואָך אין קאָרפּוס אַריין צו הערען די לעקציעס פֿון קאַפּיטאַן סוכאָנין. די קייזערין, מאַריאַ אַלעקסאנדראָוונאַ, וועלכע וואַר א געבילדעטע פֿרוי, האָט געדענקט, אַז אפשר וועט די באַריהרונג מיט פֿלייסיגע שילער צוגעבען איהר תנא ברא חשק צום לערנען. ער איז געזעסען צווישען אונז און האָט געמוזט ענטפֿער'ען אויף דעם לעהרערס פֿראַגען, פּונקט ווי יעדער פֿון אונז. אָבער ער פֿלעגט זיך תמיד מאָלען קארטינקעס אָדער שושקענען זיך מיט זיינע שכנים, בשעת דער לעהרער האָט גערעדט. ער וואר גוטהערציג און איידעל, אַבער זעהר פֿלאַך אין לערנען און נאָך פּלאַכער אין זיינע ליעבעס.

פּאַר'ן פֿינפֿטען קלאַס האָט דער אינספּעקטאָר געקראָגען צוויי אויסגעצייכענטע לעהרער. ער איז אַריין אין אונזער קלאַס-צימער מלא שמחה און האָט אנגעזאָגט די בשורה, אַז מיר וועלען האָבען אַ זעלטענע געלעגענהייט. פּראָפֿעסאָר קלאַסאווסקי, אַ גרויסער קלאַסישער געלעהרטער און א בקי אין רוסישער ליטעראַטור, האָט איינגעוויליגט מיט אונז צו לערנען גראַמאַטיק, און וועט מיט אונז דורכגעהן אלע פֿינף קורסען פֿון יאָהר צו יאָהר. נאָך אַן אוניווערסיטעטס-פּראָפֿעסאָר, הערר בעקער, ביבליאָטעקאַר פֿון דער קייזערליכער (נאַציאָנאַלער) לייברערי, וועט טאָהן דאָסזעלבע מיט דער דייטשער שפּראַך.

דער אינספעקטאָר האָט אונז אָבער אָנגעזאָגט, אַז פּראָפעסאָר קלאַסאָווסקי איז ניט געזונט, און האָט געבעטען מיר זאָלען זיך אין זיין שטונדע פֿאַרהאַלטען רוהיג. פֿאַרשטעהט זיך, אַז מיר האָבען ניט געוואָלט פֿאַרלירען די געלעגענהייט צו האָבען אַזאַ לעהרער.

דער בילדונג אינספעקטאָר, ה. ווינקלער, האָט ווירקליך ניט גער־האַט קיין טעות אין חשבון. מיר זיינען געוואָרען זעהר שטאָלץ מיט אונ־זערע לעהרער, די פּראָפעסאָרען פֿון אוניווערסיטעט, און כאָטש עס האָבען זיך ערהויבען פּראָטעסטען פֿון „קאַמטשאַטקע" (אין רוסלאַנד, ווער׳ען די הינטערשטע בענק פֿון יעדען קלאַס אָנגערופֿען מיט דעם נאָמען פֿון דיע־זען פֿאַרוואָרפֿענעם אונציוויליזירטען אינזעל) געגען דעם „וואורשטעל־מאַ־כער"—דאָס הייסט, דעם דייטש—וועלכען זיי האָבען שטאַרק געוואָלט אונטערהאַקען די פֿליגעל, איז דאָך די עפֿענטליכע מיינונג פֿון אונזער קלאַס געזוען ענטשיעדען אויף דער זייט פֿון די פּראָפֿעסאָרען. „דער וואורשטעל־מאַבער" האָט גלייך געפֿונען גרויס חן אין אונזערע אויגען.

אַ הויבער מאַן, מיט אַן אונגעהייערן שטערען און זעהר גוטע אינ־טעליגענטע אויגען איז אַריין אין קלאַס און האָט אונז געזאָגט אין אַ ציט־ליך גוטען רוסיש, אַז ער דענקט צו צוטיילען אונזער קלאַס אין דריי אַב־טהיילונגען. די ערשטע אבטהיילונג זאָל בעשטעהען פֿון דייטשען, וואָס קענען שוין די שפּראַך, און פֿון די וועט ער ערוואַרטען ערנסטע אַרבייט: מיט דער צווייטער אבטהיילונג וועט ער לערנען גראַמאַטיק און נאַכהער דייטשע ליטעראַטור, לויט נאָך דער בעשטימטער פּראָגראַמע; און די דריי־טע אַבטהיילונג, האָט ער געענדיגט מיט אַ בעצויבערענדען שמייכעל, וועט זיין די „קאַמטשאַטקאַ". „פֿון אייך", האָט ער געזאָגט „וועל איך בלויז פֿאַרלאַנגען איהר זאָלט קאָפּירען פֿיער שורות, וועלכע איך וועל פֿאַר אייך אויסקלייבען פֿון אַ בוך. האָבענדיג אָבגעקאָפּירט די פֿיער שורות אייערע, קענט איהר זיך טאָהן וואָס איהר ווילט; נאָר שטערט ניט די אַנדערע שילער. און איך זאָג אייך צו, אַז אין פֿינף יאָהר וועט איהר האָבען אויס־געלערענט עטוואָס דייטש און דייטשע ליטעראַטור. נו, און ווער שטעהט צו צו די דייטשען? דו, שטאַכעלבערג? דו, לאַמסדאָרף? אפשר אויך ווער פֿון די רוסישע? און ווער שטעהט צו צו „קאַמטשאַטקאַ?" פֿינף, אָדער זעקס אינגלעך, וועלכע האָבען ניט געקענט קיין וואָרט דייטש האָבען זיך באַזעצט אויפֿ׳ן „אינזעל". זיי האָבען זיך זעהר געטריי געקאָפּירט זייערע פֿיער שורות,—אַ דוצען אָדער מעהר אין העכערע קלאַסען, — און פּראָפֿ. בעקער האָט אַזוי קינסטליך געקליבען דיעזע שורות, און האָט זיך אַזוי פֿלייסיג אבגעגעבען מיט די קאַמטשאַטניקעס, אז צום סוף פֿון די פֿינף יאָהר

האָבען זיי ווירקליך געהאַט אַ טיכטיגע; בעגריף אין דער דייטשער שפּראַך און אין איהר ליטעראַטור.

איך האָב מיך אָנגעשלאָסען אָן די דייטשען. מיין ברודער אַלעקסאַנדער פֿלעגט מיר אַזוי אָפֿט שרייבען, אַז איך זאָל אויסלערנען די דייטשע שפּראַך, וועלכע באַזיצט אַזאַ רייכע ליטעראַטור, און אין וועלכע יעדער אַנשטענדיגער בוך ווערט איבערזעצט, אַז איך האָב מיך זעהר פֿלייסיג אַ נעהם געטאָהן דערצו. איך האָב איבערזעצט און גרינדליך אויסשטודירט איין זייטעל פֿון אַ צימליך שווערער פּאָעטישער בעשרייבונג פֿון אַ דונערשטורם; איך האָב אויסגעלערענט אויף אויסווענדיג אַזוי, ווי דער פּראָפֿעסאָר האָט מיר געראַטהען, די פֿאָרמען פֿון די האַנדלונגס-ווערטער, די בעשטימונגס ווערטער, און האָב אָנגעהייבען לעזען. דאָס איז אַ פּראַכטפֿאָלע מעטהאָדע צו לערנען שפּראַכען. אויך האָט מיר בעקער געראַטהען אויסצושרייבען אַ ביליגע אילוסטרירטע צייטונג, און איהרע בילדער און קורצע ערציילונגען פֿלעגען מיך פֿאַראינטערעסירען גענוג איבערצולייענען עטליכע שורות אָדער אַ קאָלומנע. איך האָב די שפּראַך שנעל אויסגעלערענט.

צום סוף ווינטער האָב איך געבעטען הערר בעקער ער זאָל מיר לייהען אַ קאָפּיע פֿון געטהע'ס „פֿאַאוסט". איך האָב עס שוין געהאַט געלעזען אין אַ רוסישע איבערזעצונג; אויך האָב איך געהאַט געלעזען טורגעניעף'ס פּראַכטפֿאָלען ראָמאַן „פֿאַאוסט"; און איצט האָב איך שוין שטאַרק געגאַרט צו לייענען דאָס ערהאַבענע ווערק אין אָריגינאַל. „דו וועסט דאָרט גאָר ניט פֿאַרשטעהן; עס איז צו פֿילאָזאָפֿיש", האָט בעקער געזאָגט מיט זיין זיסען שמייכעל: אָבער ער האָט מיר פֿון דעסטוועגען געבראַכט אַ קליין פֿיער-עקיג ביכעל מיט אַלטע פֿאַרגילטע בלעטלעך, וועלכע האָבען ענטהאַלטען די אונשטערבליכע דראַמאַ. ער וואָלט זיך קיין מאָל ניט געקענט פֿאָרשטעלען די אונערגרינדליכע פֿרייד, וועלכע דאָס ביכעל האָט מיר פֿאַרשאַפֿט. איך האָב פּשוט אין זיך אַריינגעטרונקען דעם גאַנצען זינן און די מוזיק פֿון יעדער איינציגער שורה, אָנהייבענדיג מיט גאָר די ערשטע פֿערזען פֿון דער הערליך שעהנער ווידמונג. און איך האָב באַלד געקענט גאַנצע זייטליך אויף אויסווענדיג. פֿאַאוסט'ס מאָנאָלאָג אין וואַלד, און בעזאַנדערס די צייַלען אין וועלכע ער רעדט פֿון זיין אויפֿפֿאַסונג דער נאַטור—

. . . . „דו!

ניט נור קאַלטע ערשטוינענדע בעקאַנטשאַפֿט בריינגסט דו,

זאָנדערן דו מאַכסט, אז אין איהר טיעפֿסטער ברוסט

בליק איך, אַזוי ווי אינ'ם בוזעם פֿון אַ פֿריינד",—

דיעזע צייַלען האָבען מיך איינפֿאַך בעגייסטערט און עד היום האָט

דיזער מאָנאָלאָג נאָך זיין קראַפּט איבער מיר, יעטווידער פּערז איז מיר ביסלעכווייז געוואָרען אַ טייערער פריינד. און ווידער, גיט עס דען אַ גרעסערער עסטהעטישער פאַרגעניגען, ווי צו לעזען פּאָעזי אין אַ שפּראַך וועלכע מי פאַרשטעהט נאָך ניט אַזוי גרינדליך? דאָס גאַנצע איז עפּעס אַזוי ווי איינגעהילט אין אַ מין דינעם נעבעל, וועלכער פּאַסט זיך צו צו פּאָעזי וואונדערבאַר. ווערטער, וועלכע שטערען מאַנכע מאָהל מיט זייערע איינפאַכע בעדייטונגען דעם, וואָס פאַרשטעהט די שפּראַך גענוג אום זיך אין איהר דורך צו ריידען אייף אַזוי פּיעל אַז ער פאַרליערט דאָס עכטע פּאָעטישע בילד, וועלכעס זיי האָבען אייגענטליך געלאָזט איבערגעבען — אַזעלכע ווערטער בעהאַלטען אָבער נור זייער צאַרטעסטען, העכסטען זינן פאַר דעם וואָס פאַרשטעהט זיי ניט אַזוי גרינדליך, און אין דער זעלבער צייט מאַכט די מוזיק פון דער פּאָעזי נאָך אַ שטאַרקערען איינדרוק אויף אַ זעלכען.

פּראָפעסאָר קלאַסאָווסקי'ס ערשטע לעקציע איז פאַר אונז געוועזען אַן ענטפּלעקונג. ער איז געוועזען אַ קלייניצקער, אַרום פופציג יאָהר אלט, זעהר שנעל אין זיינע באַוועגונגען, מיט לעבעדיגע, קלוגע אויגען און האַלב סאַרקאַסטישען אויסדרוק, און האָט געהאַט דעם הויכען שטערען פון אַ פּאָעט. ווען ער איז אַריינגעקומען צו דער ערשטער לעקציע האָט ער אונז אין דער שטיל געזאָגט, אַז מחמת ער ליידט פון אַ לאַנגער קראַנקהייט, קען ער ניט ריידען הויך, און דאַרום בעט ער מי זאָל זיך צורוקען נעהנטער צו איהם. ער האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטוהל לעבען דער ערשטער רייהע טישלעך, און מיר האָבען זיך אַרומגעפּאַקט אַרום איהם ווי אַ מחנה ביהנען.

ער האָט מיט אונז אייגענטליך געזאָלט לערנען רוסישע גראַמאַטיק' אָבער אַנשטאָט די טרוקענע גראַמאַטישע לעקציע האָבען מיר גאָר געהערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מיר האָבען גאָר ניט ערוואַרטעט. עס וואַר גראַמאַטיק אָבער אין מיטען האָט זיך גאָר אַריינגעכאַפּט אַ פערגלייך פון אַ אַלטען רוסישען לעגענדאַרישען אויסדרוק מיט אַ שורה פון האָמער אדער פון דער סאַנסקריט מאַהאַבהאַראַטאַ, און די שעהנקייט דערפון איז איבערגעגעבען געוואָרען אין רוסישע ווערטער; און אַמאָהל ווידער איז געבראַכט געוואָרען שילער'ס אַ פערז בעגלייטעט פון אַ בייסענדער בעמערקונג מכח אַן אבערגלויבען פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, דאַן ווידער טרוקענע גראַמאַטיק און דערנאָך ווידער אַ הויך פּאָעטישער אָדער טיעף פילאָזאָפישער גרונדזאַטץ.

פאַרשטעהט זיך, אַז אַ סך דערפון האָבען מיר ניט אָנגעהויבען צו

פֿאַרשטעהן, און פֿיעלעס האָבען מיר דעם טיעפֿערען געדאַנקען דורכ־געלאָזען. אבער ליגט דען ניט די בעצויבערענדע קראַפֿט פֿון יעדען שטו־דיום עבען דאַרין, וואָס עס עפֿענט פֿאַר אונזערע אויגען אלע מאָל נייע, אונערוואַרטעטע האָריזאָנטען, וועלכע מיר פֿאַרשטעהען נאָך ניט, אָבער וועלכע בע׳כשוף׳ען אונז אריינצודרינגען אימער טיעפֿער און טיעפֿער אין דעם נעבעל, וועלכער האָט אונז לחתבילה אויסגעוויעזען אַזוי דונקעל?

שטעהענדיג אָנגעלעהנט מיט די הענד פֿון איינעם אויפֿן אנדערענס אקסלען, אָדער אויף די טישען פֿון דער ערשטער רייהע, אָדער גאַנץ נאָ־הענט הינטער קלאַסאָווסקען, האָבען מיר אַלע מיט שטראַהלענדע אויגען געשלונגען זיינע ווערטער.

אַזוי ווי זיין קול איז געוואָרען וואָס אַמאָל שוואַכער ביין סוף פֿון דער לעקציע, האָבען מיר זיך אַלץ מעהר אָנגעשטרענגט איהם צו הערען. דער אינספעקטאָר האָט געעפֿענט די טיר פֿון אונזער קלאַס־צימער, אום צו זעהען ווי מיר פֿיהרען זיך אויף מיט אונזער נייעם לעהרער, אָבער דער־זעהענדיג די אונבאַוועגליכע מאַסע, האָט ער זיך צוריקגעצויגען אויף די שפּיץ פֿינגער. אפילו דאַדוראָף, אַ ווילדעס ווּעזען, האָט געגאַפֿט אויף קלאַסאָווסקין, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען, „אָט אַזאַ מין מענש ביסטו דאָס"? אפילו פֿאָן קליינאָ, אַ האָפֿנונגסלאָזער טפּוש, אַ טשערקעס מיט אַ דייטשען נאָמען, איז אויך געזעסען שטיל. אין די מייסטע פֿון אונז האָט געזאָרען עטוואָס גוטעס און ערהאבענעס אין דער טיעפֿענעס פֿון אונזערע זעעלען, עפּעס אַזוי ווי אַן ערשיינונג פֿון אַן אונערוואַרטעטער וועלט וואָלט זיך באַוויעזען פֿאַר אונזערע אויגען. אויף מיר האָט קלאַסאָווסקי געהאַט אַ מעכטיגען איינפֿלוס, וועלכער איז געוואַקסען פֿון יאָהר צו יאָהר. ווינ־קלערס נביאות, אַז נאָך אַלעם, קען איך נאָך אַמאָל ליעב קריגען די שוהלע, איז מקוים געוואָרען.

אין מערב איראָפּאַ, איז וואַהרשיינליך דיעזער טיפּ פֿון אַ לעהרער ניט אַלגעמיין בעקאַנט, אָבער אין רוסלאַנד גיבט עס ניט קיין איין בע־ריהמטע פּערזענליכקייט, הן אין ליטעראַטור, הן אין פּאָליטישען לעבען, וועלכע זאָל ניט מיט רעכט צושרייבען איהר ערשטען אנשטויס צו אַ הע־כערע ענטוויקלונג צו די לעהרער אין ליטעראַטור. יעדע שוהלע אין דער וועלט האָט געברויכט האָבען אַזאַ לעהרער. יעדער לעהרער פֿון אַ שולע האָט זיך זיין אייגענעם געגענשטאַנד, און עס פֿעהלט דער רינג וואָס עס זאָל צוזאַמענבינדען די אלע פֿערשיעדענע לעהרען אין איין גאַנצער קייט. נאָר דער ליטעראַטור לעהרער, געלייטעט פֿון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן פֿון דער פּראָגראַמע און האָבענדיג די פֿרייהייט צו דורכצופֿיהרען אַזוי ווי ער

ווײל, קען צוזאַמענקלעפּטען די היסטאָרישע און ליטעראַטורנע וויסענשאַפֿטען, זיי פֿאַראייניגען דורך אַ ברייט־פֿהילאָזאָפֿישען און מענשען־פֿריינדליכען געדאַנקען, און ערוועקען העכערע אידעען און בעגייסטערונגען אין די מוחות און די הערצער פֿון די יונגע מענשען. אין רוסלאַנד פֿאַלט דיזע נייטיגע אַרבייט גאַנץ נאַטירליך אויפֿן לעהרער פֿון רוסישער ליטעראַטור. אַזוי ווי ער רעדט פֿון דער ענטוויקלונג פֿון דער שפּראַך, פֿון דעם אינהאַלט פֿון די פֿאַרצייטיגע העלדען פּאָעזיע, פֿון פּאָפּולערע לידער און מוזיק, און דערנאך אויך פֿון מאָדערנע ראָמאַנען, פֿון דער וויסענשאַפֿטליכער, פּאָליטישער און פֿהילאָזאָפֿישער ליטעראַטור פֿון זיין אייגען פֿערשטאַנד און פֿון די פֿערשידענע עסטהעטישע פּאָליטישע און פֿהילאָזאָפֿישע שטראָמען, וועלכע זי האָט אין זיך אָבגעשפּיגעלט, מוז ער, נאַטירליך, אויך אַריינברענגען דעם פֿעראַלגעמיינטען בעגריף פֿון דער ענטוויקלונג פֿונ'ם מענשליכען גייסט, וועלכער ליגט פֿיל העכער, ווי דער אינהאַלט פֿון די געגענשטענדען, וואָס ווערען געלערנט בעזונדער.

ראָסועלבע האט געברויכט געטאָן צו ווערען מיט די נאַטור־וויסענשאַפֿטען.

עס איז נאָך ווענער צו לערנען כעמיע און פֿהיזיקע, אַסטראָנאָמיע און מעטעאָראָלאָגיע (וויטטערונגס־לעהרע), זאָאָלאָגיע און באָטאַניקע. די פֿהילאָזאָפֿיע פֿון אַלע נאַטור־וויסענשאַפֿטען—אַן אַלגעמיינער בליק איבער די נאַטור אַלס עטוואָס גאַנצעס, אַ שטייגער, ווי דער ערשטער טהייל פֿון הומבאָלד'ס „קאָסמאָס"—האָט געברויכט אַריבערטראָגען צו ווערען צו די שילער און סטודענטען, מאַכט ניט אויס, וויפֿיעל נאַטורוויסענשאַפֿט עס ווערט אין דער שולע געלערנט. די פֿהילאָזאָפֿיע און די פּאָעזיע פֿון דער נאַטור, די מעטהאָדען פֿון אַלע פּאָזיטיווע וויסענשאַפֿטען און אַ בעגייסטערענדער באַגריף פֿון דעם גאַנצען נאַטור־לעבען מוזען אונבעדינגט זיין אַ אַ טהייל פֿון בילדונג. מעגליך, אַז דער לעהרער פֿון געאָגראַפֿיע מוז לעת עתה איבערנעהמען דיזע אַרבייט; אָבער אויב אַזוי, האַט מען אייגענטליך געמוזט האַבען גאַנץ אַנדערע לעהרער און גאַנץ אַנדערע פּראָפֿעסאָרען פֿון געאָגראַפֿיע אין די אוניווערזיטעטען.

דאָס, וואָס עס ווערט יעצט געלערנט אונטער דיזען נאָמען מעג זיך זיין אַליין וואָס איהר ווילט נאָר אַליין, אָבער געאָגראַפֿיע איז עס ניט.

א צווייטער לעהרער האָט ווידער מנצח געווען אונזער צימליך ווילדען קלאַס אויף אַ גאַנץ אַנדערען אופֿן, דאָס איז געווען דער לעהרער פֿון שרייבען, דער לעצטער פֿון דעם גאַנצען שטאַב לעהרערס. אויב די „געצענדינער"—דאָס הייסט, דער דייטשער און דער פֿראַנצויזישער לעהרער—

האָבען געהאַט ווענינ כבוד פֿון אונז, דאַן איז דער לעהרער פֿון שרייבען ע ב ע ר ט, וועלכער איז געווען אַ דייטשער איד, זיכער געווען אַ מאַר־טירער. געגען איהם אַרויסצואווייזען חוצפה האָט זיך געדעכענט פֿאַר אַ מין חכמה ביי די פּאַזשען. הפּנים, אַז נאָר זיין אָרעמקייט האָט איהם גע־צוואונגען אָנצוהאַלטען זיין לעקציע אין דעם קאָרפּוס. די אַלטע חברה לייט, וועלכע זיינען צוריק געבליבען צו צוויי, דריי יאָהר אין דעם פֿינפֿטען קלאַס, האָבען איהם זעהר שלעכט בעהאַנדעלט, אבער ער האָט עפּעס ווי געשלאָסען א מין קאָנטראַקט מיט זיי: „בלויז איין שטיפֿעריי ביי יעדער לעקציע און ניט מעהר"—אַ קאָנטראַקט, וועלכער איז, דעם אמת זאָגענדיג, אָפֿט געבראָכען געוואָרען פֿון אונזער צד.

אין מאָהל, האָט איינער פֿון די איינוואָהנער פֿון די „קאַמטשאַט־קאַ" איינגעווייקט אַ שוואַם אין טינט און קרייט און האָט זי אַ שמוין גע־טאָהן דעם שרייב מאַרטירער אין פּנים אריין. „נאַ דיר, עבערט!" האָט ער אַ געשריי געטאָהן מיט אַ נארישעוואַטען שמייכעל. די טינט האָט באַ־שפריצט עבערט'ס פּנים און זיין ווייסע העמד.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז דעם מאָל וועט דער לעהרער פֿאַרלאָ־זען דעם צימער און גלייך רעפּאָרטען די געשיכטע דעם אינספּעקטאָר. אָבער ער האָט בלויז אויסגערופֿען, אַרויסנעמענדיג זיין לייוונטענע טיכעל און זיך אָבווישענדיג דעם פּנים, „מיינע הערען, איין שפּאַס—ניט מעהר היינט! דאָס העמד איז קאַליע געמאַכט", האָט ער צוגעפֿיגט מיט אַן אונטערדריקטען קול, און האָט זיך ווייטער גענומען קאָרעגירען אונזערע ביכער.

מיר האָבען זיך געפֿיהלט אומגעלומפּערט און שטאַרק פֿערשעהמט. געזעהען? אַנשטאַט אונז צו רעפּאָרטען, האָט ער זיך גאָר דערמאָנט אָן דעם קאָנטראַקט אונזערען! דער גאַנצער קלאַס האָט אָנגעהויבען קריגען אַ שטאַרקע סימפּאַטיע צו איהם. „וואס דו האָסט געטאָהן, איז זעהר דום" האָבען מיר אונזער קאַמעראַד פֿאָרגעוואָרפֿען. ער איז אַן אָרעמער מענש, און דו האָסט קאַליע געמאַכט זיין העמד! שאַנדע!" האָט אימיצער אויס־געשריען.

דער שולדיגער איז גלייך געלאָפֿען בעטען אום ענטשולדיגונג. „מען מוז לערנען, לערנען מוז מען, מיין הערר", וואָר אַלעס וואָס עבערט האָט געענטפֿערט, און טיעפֿע טרויערקייט האָט אבגעקלונגען אין זיין שטימע.

נאָך דיזען צופֿאַל זיינען אַלע געוואָרען רוהיג און ביי דער נעקס־טער לעקציע, עפּעס אַזוי ווי מיר וואָלטען געהאַט צווישען זיך פֿריהער אָבגערעדט, האָבען די מייסטע זיך געסטאַרעט שרייבען ווי אַם שענסטען,

און מיר האָבען צוגעטראָגען אונזערע ביכער צו עבערט זיי צו קאָרעגירען. ער האָט געשטראַהלט פֿון שמחה; ער האָט זיך געפֿיהלט גליקליך יענעם טאָג.

דיעזער פֿאַקט האָט אויף מיר געלאָזען אַ טיעפֿען איינדרוק און ער איז נאָך עד היום ניט אבגעמעקט פֿון מיין זכרון. איך וועל אייביג דאַנק־באַר זיין דיעזען מערקווירדיגען מענשען פֿאַר זיין לעקציע.

מיט אונזער לעהרער פֿון צייכנען, וועלכען מי האָט אַ נאָמען געגע־בען גאַנז, האָבען מיר זיך קיינמאָהל ניט אויסגעגלייכט. ער האָט שטענ־דיג גע׳מסר׳ט די וואָס האָבען זיך געשפּיעלט אין זיין קלאַס. דאָס האָט ער, נאָך אונזער מיינונג, קיין רעכט ניט געהאַט צו טאָהן, ווייל ער וואַר בלויז א צייכנונגס לעהרער און בעזאָנדערס דערפֿאַר, וואָס ער איז געוועזן ניט קיין עהרען מאַן. אין זיין שטונדע האָט ער זיך ווייניג געקימערט אום אונז און האָט זיין גאַנצע צייט געספּענט אויסבעסערענדיג די ריסונקעס פֿון די, וואָס האָבען ביי איהם גענומען פּריוואַט לעקציעס, אָדער א ניט די וואָס האָבען איהם פּשוט בעצאָהלט דערפֿאַר, וואָס זיי וועלען קענען ווייזען אַ גוטע צייכנונג ביים עקזאַמען. אויף די קאַמעראַדען, וואָס האָבען דאָס געטאָהן, האָבען מיר גאָר קיין פֿאַראיבעל ניט געהאַט. אַדרבה, מיר האָבען עס געהאַלטען פֿאַר רעכט, אַז די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין פֿעהיגקייט פֿאַר מאַטעמאַטיק, אָדער קיין זכרון פֿאַר געאָגראַפֿיע, און האָ־בען דאַרום ניט געקענט אויסהאַלטען דעם עקזאַמען, זאָלען פֿאַרבעסערען זייערע שאַנסען דורך אַ גוטען ריסונאָק אָדער א גוט געצייכענטע קאַרטע פֿאַר וועלכע זיי האָבען באַצאָהלט גוטע מזומנים. בלויז פֿאַר די בעסטע צוויי תלמידים פֿון קלאַס וואָלט אַזאַ זאַך ניט געפּאַסט, אבער אַלע אַנדערע האָבען זיך געמעגט באַנוצען מיט אַזעלכע מיטלען גאָר אָהן שום געוויס־סענסביסע. דאָך האָט דער לעהרער גופא ניט געהאַט קיין רעכט צו מאַבען אַזעלכע בעשטעלטע צייכנונגען: און אַז ער האָט עס שוין יאַ גע־טאָהן, האָט ער געברויכט געדולדיג אַריבערטראָגען דעם גאַנצען ליאַרם און אלע שטיפֿערייען פֿון די שילער זיינע. אבער ער האט דאס ניט געוואָלט ליידען און איז וואָס אַמאָהל געוואָרען חוצפה׳דיגער מיט זיינע מסירות געגען אונז.

קוים זיינען מיר אַריבער אין דעם פֿיערטען קלאַס און האָבען זיך אָנגעהויבען צו פֿיעלען אין קאָרפּוס מעשה תשוב, האָבען מיר באַ־שלאָסען אביסעלע שטרענגער איהם צו נעהמען אין די הענד אַריין. „עס איז אייער אייגענע שולד", האָבען צו אונז די עלטערע חברים געטענה׳ט „וואָס ער מאַכט אַזעלכע הוויות מיט אייך, מיר האָבען איהם געפּלעגט

האַלטען אין צוויק" און מיר האָבען אָבגעמאַכט דיזען מחוצף פּנים׳ניק די פּליגעל אַראָבצוהאַקען.

איין מאָל, זיינען צוויי אויסגעצייכענטע שילער פון אונזער קלאַס צוגעגאַנגען מיט פּאַפּיראָסען אין מויל צו ה. גאַנז און האָבען ביי איהם געבעטען אַ שוועבעלע. נאַטירליך, איז דאָס בלויז געווען אַ שפּאַס,—אין קלאַס גופא וואָלט דאָך קיינער ניט געסמיעט רויכערען,—און ווערדליג נאָך אונזער געזעץ פון עטיקעט, האָט גאַנז בלויז געברויכט צו הייסען די צוויי חברה לייט אַוועקגעהן; אבער ער האָט זיי פאַרשריבען אין „ספר הזכרונות" און זיי וואַרען שטרענג באַשטראָפט. דאָס איז געווען דער לעצטער פונק אויפ׳ן פייער. מיר האָבען באַשלאָסען איהם צו געבען א „בענעפיט נאַכט." אין איין שעהנעם טאָג, האָבען מיר אַלע מיט איין מאָל געזאָלט נעהמען באַראַבאַניען מיט די ליניעס אין די טישען מיט אַזאַ געוואַלדיגען ליאַרם, אַז דער לעהרער זאָל מוזען אַרויס פון קלאַס. דיזע פאַרשווערונג האָט אבער געהאט ביי־צוקומען א סך שוועריקייטען. אין אונזער קלאַס זיינען געווען אַ פולע כשר׳ע נשמה׳לעך, וועלכע וואָלטען צוגעזאָגט צו צו־שטעהען צו אונז, אבער ביי דער לעצטער מינוט וואָלטען זיי געוואָרען נערוועז און זיך צוריקגעצויגען און דאַן וואָלט דער לעהרער געקענט פאַר־קלאָגען די איבריגע אַלס בונטאָווטשיקעס. אין אַזעלכע אונטערנעהמונגען איז תמיד וויכטיג אַז אַלע זאָלען זיין יד אחת, ווייל די בעשטראָפונג, וואָס זי זאָל ניט זיין, איז אימער לייכטער, ווען זי פאַלט אויפ׳ן גאַנצען קלאַס, ווי בלויז אויף עטליכע.

מיט אן אמת דיפּלאָמאַטישען קונץ זיינען מיר אַלע הינדערנסע ביי־געקומען. אויף אַ געוויסען סיגנאַל האָבען מיר זיך אַלע געזאָלט אויס־דרעהען מיט די רוקענס צו גאַנז און דאַן זאָלען מיר מיט איין מאָל אָנ־הויבען צו זעצען מיט די ליניעס אויף די שרייב־טישלעך. דאַן וואָלטען דאָך שוין די שרעקענדע נשמות אויך קיין פחד געהאַט, אַזוי לאַנג ווי זיי וואָל־טען ניט געהאט צו באַגעגענען גאַנז׳ס שטרענגען בליק. אבער דעם סיג־נאַל? פייפען, פונקט ווי אין די רויבער געשיכטען, שרייען, אָדער אפילו ניעסען האָט ניט געטויגט: גאַנז וואָלט געקענט אויסגיעסען זיין גרימצאָרן אויפ׳ן פייפער אדער ניעסער. דער סיגנאַל מוז זיין אַ שטילער. איינער פון אונזערע צייכנער זאָל צוטראָגען זיין העפט צו גאנז און אין דעם מאָ־מענט, ווען ער קומט צוריק אויף זיין פּלאַץ,—זאָלען אַלע מיט איינמאָל אָנהייבען שטורמען!

אַלעס איז צוגעגאַנגען כשורה. ניעסאַדאָף האָט צוגעטראָגען זיין צייכנונג און גאַנז האָט זי פּאָפּראַווועט אין עטליכע מינוטען, וועלכע

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904.

PETER KROPOTKIN, 22 YEARS OLD.

האָבען אונז אויסגעוויעזען יאָהרען. ער איז ענדליך צוריק צו זיין פּלאַץ.
אויף איין רגע האָט ער זיך אבגעשטעלט, אַ קוק געטאָהן אויף אונז און
זיך גלייך אַנידערגעזעצט... דער גאַנצער קלאַס האָט זיך מיט איינמאָהל
אויסגעדרעהט מיט די רוקענס צו גאַנז'ן און די ליניעיקעס האָבען געבאַ־
ראַבאַניעט אויף די טישלעך, בעת מאַנכע האָבען געשריען: „גאַנז, אַרויס!
ניעדער מיט גאַנז!" דער גערויש וואַר שרעקליך. אַלע קלאַסען האָבען
געוואוסט אַז דאָ קריגט גאַנז זיין „בענעפּיט־נאַכט." ער איז געבליבען
שטעהען מורמלענדיג עפּעס אונטער'ן נאָז און איז ענדליך אַרויס. און
אָפּיציר איז אַריין, — מיר האָבען ווייטער געפּויקט. דאַן איז אַריין דער
אונטער־אינספּעקטאָר, אַלע זיינען געוואָרען שטיל. ס'האָט זיך אָנגעהויבע
אַ כדרה פון זידלעריי.

„ארעסטירט גלייך דעם עלטסטען!" האָט דער אינספּעקטאָר אויס־
געשריען; און אזוי ווי איך בין געוועזען דער ערשטער אין קלאַס און דאַ־
רום אויך דער פאָרשטעהער, בין איך אַלזאָ אבגעפירט געוואָרען אין דער
פינסטערער צעלע. צוצוועהען אבער וואָס דערנאָך איז פאָרגעקומען האָב
איך שוין אבער פאַרשפּאָרט. דער דירעקטאָר איז געקומען. גאַנז איז
אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצוגעבען די פּיהרער, אבער ער האָט ניט גע־
וואוסט. „ויי האָבען זיך אַלע אויסגעדרעהט צו מיר מיט די רוקענס און
האָבען גענומען זעצען אין די טישען", האָט ער געענטפערט. מי האָט
גלייך אבגעפיהרט דעם קלאַס אונטען און כאָטש דאָס שמייסען איז שוין
לאַנג געוועזען פאַרוואָרפען ביי אונז אין קאָרפּוס, האָט מען דאָך דאָס מאָהל
געשמיסען די צוויי, וואס האָבען מיט אַ צייט פריהער געבעטען ביי גאַנז'ן
א שוועבעלע, כלומרשט דאַרום, ווייל ער האָט גערעכענט, אַז די „בענע־
פיט־נאַכט" איז געוועזען אונזער נקמה פאַר זייער בעשטראָפונג.

דאָס האָב איך אויסגעפונען אין צעהן טאָג אַרום, ווען מען האָט
מיר ערלויבט צוריקצוגעהען אין קלאַס. מיין נאָמען, וועלכער איז געוועזן
אויפגעשריבען אויף'ן רויטען טאַפעל אין קלאַס צימער, איז אויסגעמעקט
געוואָרען. דאָס האָט מיך גאָר ניט געהאַרט. אבער דעם אמת געזאָגט,
האָבען די צעהן טעג אין דער צעלע, אָהן ביכער, זיך געצויגען זעהר לאַנג,
אַזוי אַז איך האָב פאַרפאַסט (אין שרעקליכע גראַמען) אַ פּאָעמאַ, אין וועל־
כע איך האָב פאַרהערליכט די נאָבעלע טהאַטען פון'ם פיערטען קלאַס.

פאַרשטעהט זיך, אַז אונזער קלאַס איז איצט געוואָרען דער העלד
פון דער שולע. אַ גאַנצען מאָנאַט לאַנג האָבען מיר געמוזט דערצעהלען
און איבערדערצעהלען אלע איינצעלהייטען פון די אַפּערע און אַלע קלאַסען
האָבען אונז פאַרשאָטען מיט קאָמפּלימענטען פאַר אונזער אחדות און האַר־

מאָנישע האַנדלונג. און דאַן זיינען געקומען די זאָנטאַגען—אַלע זאָנטאַגען ביז קריסטמאַס — וועלכע דער קלאַס האָט געמוזט בלייבען אין קאָרפּוס. אַזוי ווי מי האָט אונז אַלעמען געהאַלטען צוזאַמען, האָבען מיר זיך פּראַכט־פאָל אַמוזירט אין אונזער „תּפיסה.״ די מאַמעס פון די פּאַרצערטעלטע זינ־דעלעך, האָבען זיי געבראַכט זיסוואַרג; די וואָס האָבען געהאַט עפּעס געלד האָבען עס געשפּענט אויף קיכלעך און געבעקס און אויף דער נאַכט האָבען די פריינדע פון די אַנדערע קלאַסען אריינגעבראַכט פּעק מיט פרוכט פאַר דעם בראַווען פיערטען קלאַס.

גאַנז האָט פון דאַמאָלס אָן קיינעם ניט גע׳מסר׳ט אבער געצייכענט האָט קיינער ניט אַ לעק. ווער וועט עס געהן לערנען ריספּעקט פון אַזאַ פאַרקויפטע נשמה?

3.

מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז דאַמאָלס געווען אין מאָסקווע אין אַ קאַדעט־טען־קאָרפּוס און מיר האָבען געפיהרט אַ לעבהאַפטע קאָרעספּאָנדענץ אַזוי לאַנג ווי איך וואַר אין דער היים, וואַר דאָס אונמעגליך, מחמת דער פאָטער האָט דאָס געהאַלטען פאַר זיין פליכט דורכצוקוקען אַלע בריעף וואָס זיינען צו אונז אָנגעקומען אויף זיין אַדרעס און ער וואָלט גלייך גע־מאַכט אַ כוף צו אונזער גאַנצען ויכוח. אבער איצט האָבען מיר געקענט שרייבען וואָס די האַרץ האָט געגליסט. דער גאַנצער אָבהאַלט איז געווען דאס, וואָס מיר האָבען ניט געהאַט גענוג געלד אויף סטעמפּס; אָבער מיר האָבען זיך שנעל אויסגעלערענט שרייבען מיט אַזעלכע קליינינקע אותיות אז מיר האָבען געקענט אָנשרייבען זעהר פיעל אויף אַ קליין בויגעלע פּאַ־פּיער. אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט געהאַט אַ פּראַכטפאָלע האַנדשריפט, פלעגט אַריינקוועטשען אויף איין זייטעל פּאַפּיער אַזוי פיעל, ווי עס וואָלט פאַרנומען פיער געדרוקטע זייטען. און זיינע מיקראָסקאָפּישע שורות זיינען געווען אַזוי דייטליך, ווי אָבגעדרוקטע. אַ שאָד, וואָס דיעזע בריעף, וועלכע ער האָט געהיט אַלס אַ טייערען אַנדענקען, זיינען פאַרלאָרען געגאַנגען. די זשאַנדאַרמען האבען איהם ביי אן אָביסק, אפילו דיעזען אונשולדיגען אוצר אַוועקגערויבט.

אונזערע ערשטע בריעף זיינען דאָס רוב געווען מכח די איינצעל־הייטען פון מיין נייער אומגעבונג, אבער די קאָרעספּאָנדענץ איז באַלד געוואָרען גאַנץ ערנסט. מיין ברודער האָט ניט געקענט שרייבען וועגען קליי־ניגקייטען. אפילו אין געזעלשאַפט איז ער נאָר דאַן געוואָרען לעבעדיג,

ווען די דעבאטע איז געוואָרען אַן ערנסטע, און ער פֿלעגט זיך באַקלאָגען אויף אַ „שטומפּפֿען וועהטאָג אין מוח"—אַ פֿהיזישען שמערץ, ווי ער האָט עס אָנגערופֿען—ווען ער וואַר מיט לייטע וועלכע האָבען געפּלוידערט איבער קליינליכקייטען. ער וואַר פֿיעל פֿאָרטגעשריטענער ווי איך אין אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג און ער האָט מיך תמיד געטריעבען פֿאָרווערטס בעריהרענדיג נייע וויסענשאַפֿטליכע און פֿהילאָזאָפֿישע פֿראַגען איינס נאָך דאָס אַנדערע און ער פלעגט מיר ראַטהען וואָס צו לעזען און וואָס צו שטודירען. וואָס פֿאַר אַ גליק עס איז פֿאַר מיר געווען צו האבען אַזאַ ברודער!—א ברודער, וועלכער האָט מיך נאך דאַצו ליידענשאַפֿטליך געליעבט. איהם האָב איך צו פֿאַרדאַנקען די בעסטע טהייל פֿון מיין ענטוויקלונג.

אַ מאָהל פֿלעגט ער מיר ראַטהען לייענען פּאָעזיע און פֿלעגט מיר שיקען אין זיינע בריעף מאַסען פֿערזען און גאַנצע פּאָעמעס, וועלכע ער האָט געשריעבען פֿון זכרון. „לייען פּאָעזיע" האָט ער געשריעבען: „פּאָעזיע מאַכט דעם מענשען בעסער". ווי אָפֿט האָב איך אין די שפּעטערע יאהרען געפֿלעגט אַנערקענען די וואַהרהייט פֿון דיעזער עצה זיינער: לייען פּאָעזיע, זי מאַכט דעם מענשען בעסער. ער אַליין איז געווען אַ פּאָעט און האָט געהאַט אַ וואונדערבאַרע פֿעהיגקייט צו שרייבען העכסט מוזיקאַלישע פֿערזען. אַ שאָד, כ'לעבען, וואָס ער האָט אויפֿגעגעבען די פּאָעזי. אבער די רעאַקציאָן געגען קונסט, וועלכע איז ענטשטאַנען אין דער רוסישער יוגענד אין די ערשטע זעכציגער און וועלכע טורגעניעף האָט פֿאָרגעשטעלט אין „באַזאַראָף'ן" (דער העלד פֿון זיין מערקווירדיגען בוך „פֿאָטערס און זיהן") האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער האָט מיט פֿעראַכטונג איועקגעוואָרפֿען די גאַנצע פּאָעזי זיינע. איך מוז אבער מודה זיין, אַז מיין ליעבלינגס פּאָעט איז ניט געווען איינער פֿון די, וועלכע זיין פּאָעטישער גייסט, זיין מוזיקאַלישער אויער און זיין פֿילאָזאָפֿישער שוואונג האָבען פֿאַרגעטערט. זיין בעליעבטער רוסישער פּאָעט וואַר ווענעוויטינאָף, וועהרענד מיינער וואַר ניעקראַסאָף; זיינע פֿערזען זיינען אָפֿט ניט מוזיקאַליש, אָבער זיי האָבען מיין האַרצען שטאַרק געריהרט מיט זייער סימפּאַטהי צום ערנידעריגטען און באַליידיגטען.

„מי מוז האָבען אַ געוויסען צוועק אין לעבען" האָט ער מיר א מאַל געשריבען. „אָהן אַ צוועק, אָהן אַ שטרעבען איז דער לעבען קיין לעבען ניט." און ער האָט מיר געהייסען אויסזוכען אַ צוועק פֿאַר וועלכען עס זאָל ווערט זיין צו לעבען. איך בין דאַמאָלס געווען צו יונג דיעזען צוועק צו געפֿינען; אָבער עבוואָס אונבעשטימטעס, אונענטשלאָסענעס, אין גאַנ־

צען „גוטעס", האָט זיך שוין דאַן ערהויבען אין מיין ברוסט, כאָטש איך האָב ניט געקענט אַקוראַט וויסען וואָס דאָס „גוטע" וועט זיין.

דער פֿאָטער האָט אונז געגעבען זעהר וועניג טאַשען־געלד און איך האָב קיין מאָהל ניט געהאַט מיט וואָס צו קויפֿען אַ ביכעל. אָבער ווען אַלעקסאַנדער האָט געקראָגען עטליכע רובעל פֿון אַ מוהמען, פֿלעגט ער קיינמאָל ניט פֿאַרשווענדען קיין גראָשען דערפֿון אויף פֿאַרגעניגענס, זאָנדערן ער האָט געקויפֿט אַ בוך און האָט עס גלייך צו מיר צוגעשיקט. ער איז אבער געווען דאַגעגען מען זאָל לייענען כתם אין דער וועלט אַריין. מי מוז האָבען פֿאַרטיג אַ געוויסע פֿראַגע צו שטעלען דעם בוך, וועלכען מי געהט לעזען. הלואי וואָלט איך דאַמאָלס פֿאַרשטאַנען צו שעצען דיזע טהייערע עצה זיינע. איך וואונדער זיך איצט אַליין, ווען איך דערמאָהן זיך, וויפֿיעל נוצלאָזע ביכער איך האָב דאַמאָלס פֿאַרשלונגען, בעזאָנדערס היסטאָרישע. אויף פֿראַנצויזישע ראָמאַנען האָב איך מיין צייט ניט פֿאַרספּענט, דען אַלעקסאַנדער האָט זיי נאָך מיט יאָהרען פֿריהער גאַנץ שאַרף פֿאַרדאַמט מיט איין שווערען וואָרט: „זיי זיינען שטומפּזיניג און פֿול מיט שלעכטע שפּראַך."

די גרויסע פֿראַגען וועגען דעם בעגריף וואָס מיר ברויכען זיך צו בילדען פֿון דעם וועלט־אַלל—אונזער „וועלט־אנשויאונג", ווי דער דייטש וואָלט עס אָנגערופֿען—זיינען, נאַטירליך, געווען די וויכטיגסטע טהעמאַס אין אונזער קאָרעספּאָנדענץ. אין אונזער קינדהייט זיינען מיר קיינמאָל ניט געווען רעליגיעז. מי האָט אונז גענומען אין תיפלה. אבער אין אַ רוסישער תיפלה, אין אַ קליינעם דערפֿעל, איז די עהרפֿורכטיגע האַלטונג פֿון'ם פֿאָלק מעהר איינדרוקספֿאָל, ווי די תפילות גופא. בלויז צוויי זאַכען האָבען אויף מיר געלאָזען אַן איינדרוק פֿון אַלעם וואָס איך האָב געהערט אין דער קירכע: די צוועלף קאַפּיטלעך פֿון'ם טעסטאַמענט, מכח די יסורים פֿון יעזוס, וועלכע ווערען אין רוסלאַנד געלייענט אַם אָווענד פֿון „גוטען פֿרייטאַג" און די קורצע תפלה וואָס פֿאַרדאַמט דעם גייסט פֿון הערשאַפֿט, וועלכע ווערט פֿאָרגעטראָגען אין דער צייט פֿון „וועליקי פּאָסט" און איז ווירקליך זעהר הערליך, דורך איהרע איינפֿאַכע דייטליכע ווערטער און געפֿיהלען. פּושקין האָט דיזען געבעט איבערזעצט אין רוסישע פֿערזען.

שפּעטער אַ ביסעל, אין פּעטערבורג, בין איך עטליכע מאָל געגאַנגען אין אַ רוימיש קאַטוילישער תיפלה, אבער דער טהעאַטראַלישער כאַראַקטער פֿון דעם גאָטעסדיענסט און די אבוועזענהייט פֿון אמת'ן געפֿיהל דערביי, האָבען מיך אבגעעקעלט און ספּעציעל ווען איך פֿלעג זעהען מיט וואָס פֿאַר אַן איינפֿאַכער יראה מאַנכער אַלטער פּוילישער סאָלדאַט, אָדער

אַן אַלטע מוזשיטשקע פֿלעגען שטעהען ערגעץ אין אַ ווינקעל און אויסגיסען זייער פֿאַרביטערט הארץ. איך האָב אויך געפֿלעגט אַריינגעהען אין אַ פּראָטעסטאַנטישע קירכע. אבער ארויסגעהענדיג פֿון דאָרטען האָב איך ניט ווילענדיג אונטערגעברומט געטהע'ס ווערטער:

„אבער ניעמאַלס וועסטו הערצער צוזאַמען־העפֿטען

אויסער ווען דאָס העפֿטען שפּריצט פֿון דיין אייגענעם הערצען"

אַלעקסאַנדער האָט דערוויל, מיט זיין געוועהנליכער ליידענשאַפֿט, אנגענומען דעם לוטהעראַנישען גלויבען. ער האָט געהאַט געלייענט מי־שעלעט'ס בוך איבער סערוועטוס און ער האָט פֿאַר זיך אַליין אויסגע־אַרבייט אַ רעליגיאָן עהנליך צו די פֿון יענעם גרויסען קעמפּפֿער. אונזערע בריעף זיינען דאַמאָלס געוואָרען פֿול מיט דיסקוסיאָנען מכח רעליגיעזע צע־רעמאָניעס מיט די הייליגע שריפֿטען פֿון די אַפּאָסטאָלען (קריסטליכע לעה־רער) פּאַוועל און דושיימס. איך האָב נאָכגעפֿאָלגט אַלעקסאַנדער'ן, אָבער טהעאָלאָגישע וכוחים האָבען מיר ווייניג אינטערעסירט. זייט איך בין אויפֿ־געשטאַנען פֿון'ם טיפֿוס, האָב איך מיך גענומען צו גאַנץ אַנדערע ביכער.

די שוועסטער העלענע, וועלכע וואַר שוין דאַן פֿאַרהייראַט, איז גע־ווען אין פּעטערסבורג און אַלע שבת־צו־נאַכט פֿלעג איך איהר אבשטאַטען אַ וויזיט. איהר מאַן האָט געהאַט אַ גוטע ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זיינען געווען אַ מאַסע ביכער פֿון די פֿראַנצויזישע פֿילאָזאָפֿען פֿון לעצטען יאַהרהונדערט און די מאָדערנע פֿראַנצויזישע היסטאָריקער. אויף דיעזע בי־כער האָב איך מיך אַרויפֿגעוואָרפֿען ווי אויף אַן אוצר. אַזעלכע ביכער וואַרען אין רוסלאַנד פֿארבאָטען און האָבען ניט געטאָרט געבראַכט ווערען אין די שולע אַריין. איך האָב דאַרום פֿאַרבראַכט כמעט די גאַנצע נאַכט יעדען שבת, לייענענדיג די ווערק פֿון די ענציקלאָפּעדיסטען דעם פֿילאָזאָ־פֿישען ווערטערבוך פֿון וואָלטער, די שריפֿטען פֿון סטאָאיקער, הויפּטזעכ־ליך, מאַרקוס אורעליוס און א.ז.וו. די אונענדליכקייט פֿון'ם וועלט־אַלל, די אונגעהייערע טיעפֿקייט פֿון דער נאַטור. איהר פּאָעזי, איהר אייביג שלאָגענדעס לעבען, האָבען אויף מיר געהאַט וואָס אַ מאָהל אַלין מעהר און מעהר איינפֿלוס. און יענער ניעמאַלס ענדיגענדער לעבען מיט זיין גאַנצער האַרמאָניע האָט אין מיר אַריינגעגאָסען די התלהבות פֿון בעוואונ־דערונג, נאָך וועלכע די יונגע זעעלע גאַרט, און אין דער זעלבער צייט האָבען מיינע ליבלינגס־פּאָעטען מיט זייערע שילדערונגען אין מיר אויפֿ־געוועקט יענע ערוואַכענדע ליבע צו דער מענשהייט און יענעם גלויבען אין איהר פּראָגרעס, וועלכע בילדען די בעסטע יאָהרען פֿון דער יוגענד און באַאיינפֿלוסען דעם מענשען זיין לעבען לאַנג.

אבער אַלעקסאַנדער איז זיך מיט דער צייט אזוי לאַנגזאַם איבער־געגאַנגען צו דער קאַנט'ישער אפיקורסית אַון קאַנט'ס פילאָזאָפיע האָט פאַרנומען גאַנצע בויגענס פאַפיער אין אונזערע בריעף און וואָס די טהע־מאַס זיינען געוואָרען וויכטיגער און טיעפער, דאָס קלענער זיינען געוואָרען די אותיות פון אונזער כתב. אבער ניט דאַמאָלס און ניט שפּעטער, ווען מיר פלעגען אָבזיצען גאַנצע שטונדען און דיסקוטירען איבער קאַנט'ס פי־לאָזאָפיע, איז עס אַלעקסאַנדער'ן געלונגען מיך צו מאַכען פאַר אַ חסיד פון'ם קעניגסבערגער פילאָזאָף.

נאַטורוויסענשאַפט—דאָס הייסט: מאַטהעמאַטיק, פיזיקע און אַסט־ראָנאָמיע,—איז געווען מיין הויפט שטודיום. אין 1858, איידער דאַרווין האָט געהאַט אַרויסגעלאָזען זיין אונשטערבליכעס ווערק, האָט רוליער, אַ פּראָפעסאָר פון זאָאָלאָגיע אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, פאַרעפענטליכט דריי לעקציעס איבער די אומגעשטאַלטונג אין דער נאַטור און מיין ברודער האָט גלייך אנגענומען זיינע אידעען וועגען די פערענדערליכקייט פון די מינים. ער איז אבער ניט געווען צופרידען מיט האַלבע בעווייזע און האָט אָנגעהויבען לערנען ספּעציעלע ביכער איבער ירושה, אייגענשאַפטען און דעסגלייכען, מיר מיטהיילענדיג אין די בריעף די הויפט פאַקטען, ווי אויך זיינע אייגענע געדאַנקען און זיינע צווייפעל. די ערשיינונג פון דאַרווין'ס „אורשפרונג פון די מינים" האָט איהם נאָך אויך אין פיעלע הינזיכטען ניט צופריעדענגעשטעלט און האָט, אדרבה, פיעלע נייע פראַגען ערהויבען אין זיין מוח. דאָס אַלעס האַט איהם געגעבען פרישען אַנשטויס ווייטער און מעהר צו שטודירען. נאַכהער האָבען מיר דיסקוטירט—און די דיסקוסיאָן האָט געדויערט אַ סך יאָהרען—פאַרשיעדענערליי פראַגען מכח דעם אור־שפּרונג פון די מינים ענדערונג, אויף ווי ווייט דאָס ווערט איבערגעגעבען בירושה. בקצור, יענע פראַגען וועלכע זיינען ערשט ניט לאַנג ערהויבען געוואָרען אין דעם וויסמאַן־ספּענסער וכוח און גאַלטאָן'ס נאַכפאָרשונגען און אין די ווערק פון די מאָדערנע ניי־לאַמאַרקיסטען. אַ דאַנק זיין פילאָ־זאָפיש־קריטישען גייסט, האָט אַלעקסאַנדער גלייך געזעהען די פונדאַמענ־טאַלע וויכטיגקייט פון דיעזע פראַגען פאַר די טהעאָריע פון די מינים פער־שיעדענהייט, אָבוואָהל אַ סך נאַטוראַליסטען האָבען דאָס דאַן גענצליך פערזעהען.

איך מוז אויך ניט פערגעסען אונזער קורצען וכוח איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע. אין די יאָהרען 1858 און 1859, האָט אין רוסלאַנד יעדער מענש גערעדט פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע. לעקציעס איבער פריי־האנדעל און טאַריף, האָבען צוגעצויגען גרויסע מאַסען און אַלעקסאַנדער, וועלכער

איז נאָך דאַמאָלס ניט געווען פֿערטיעפֿט אין די מינים ענדערונג, האָט זיך אויף אַ קורצע צייט שטאַרק פֿאַרקאָכט אין עקאָנאָמישע פֿראַגען און האָט מיר זאָגאַר צוגעשיקט די „פּאָליטישע עקאָנעמיע" פֿון דזשאָן באַפּטיסט סיי, צום לעזען. איך האָב קוים דורכגעלייענט עטליכע קאַפּיטלעך: טאַריף און באַנק ספּעקולאַציעס האָבען מיך ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען. אבער אַלעקסאַנדער האָט זיך גענומען צו דיעזע פֿראַגען מיט אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט אַפילו אַוועקגעשריבען צו דער שטיף־מוטער, האָפֿענדיג זי צו פֿאַראינטערעסירען אין די פֿאַרפּלאָנטערטע פֿראַגען פֿון פּאָשלינע און צינזען. אין אַ צייט אַרום, אין סיביר, דורכלעזענדיג מאַנכע בריעף פֿון יענע צייטען, האָבען מיר געלאַכט ווי קינדער, ווען עס איז אונז אריינגעפֿאַלען אין די הענד אריין איינער פֿון יענע כתבים, אין וועלכע ער האָט זיך באַקלאָגט אויף אונזער מוטער'ס שרעקליכע גלייכגילטיגקייט צו אזעלכע ברענענדע פֿראגען. ער וואר דאַמאָלס מלא חמה אויף אַ גרינס־הענדלער, וועלכען ער האָט אָנגעכאַפּט אין גאַס און נעהמענדיג ריידען מיט איהם מכח די טאַריף פֿראַגען, האָט דיזע ווילדע חיה אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען אויף מיר און האָט צומאָהל ניט געוואָלט הערען די מינדעסטע זאך מכח זיין אייגענע שטיקעל חינה!

יעדען זומער האָט מען גענומען אין לאַגער אַריין קיין פּעטערהאָף אַ האַלבען פּאַזשען־קאָרפּוס. אבער די נידריגערע קלאַסען וואַרען פֿריי פֿון דיעזען פֿאַרגעניגען און איך האָב די ערשטע צוויי זומערען פֿאַרבראַכט אין ניקאָלסקאָיע. צו פֿאַרלאָזען די שולע, צו נעהמען די באַהן קיין מאָסקווע און דאָרט צו באַגעגנען אַלעקסאַנדער'ן איז פֿאַר מיר געווען אַזאַ אונגעהייערעס גליק, אַז איך האָב פּשוט געצעהלט די טעג וואָס האָבען גע־מוזט פֿאַרבייגעהען ביז צו יענעם הערליכען טאָג. בלויז איינמאָהל האָב איך געהאַט אַ שרעקליכע ענטוישונג. אַלעקסאַנדער איז דורכגעפֿאַלען ביים עקזאַמען און איז געבליבען אויף נאָך אַ יאָהר אין דעם זעלבען קלאַס. ער איז, דעם אמת זאָגענדיג, געווען צו יונג אַריינגענומען צו ווערען אין די העכערע קלאַסען. אבער דער פֿאָטער איז געווען שטאַרק אין כעס אויף איהם און האָט אונז פֿאַרבאָטען זיך צו זעהען איינער מיט'ן אַנדערען. איך האָב ביי איהם געבעטען ערלויבניס צו געהען צו דער טאַנטע סולימאַ אום דאָרטען זיך צוזאַמענקומען מיט אַלעקסאַנדער'ן, אָבער ער האָט מיר שטרענג ענטזאַגט. נאָך דעם פֿאָטערס צווייטער חתונה, האָבען מיר קיינמאָהל ניט געטאָרט זעהען די מוטערס משפחה.

יענעם פֿריהלינג איז אונזער מאָסקווער הויז געווען פֿול מיט געסט, יעדע נאַכט איז דער זאַל געווען העל בעלויכטען, די קאַפּעלע האָט גע־

שפּיעלט, דער צוקערניק איז געווען פאַריאַכמעט, מאַכענדיג אייז־קרים און קוכענס און די קאָרטען־טישלעך זיינען געווען אין פולען גאַנג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. איך האָב נעבעך אַרומגעבלאָנדזעט אין די בריליאַנטענע זאַלען צוועקלאָז און האָב מיך געפיהלט אומעטיג.

איין מאָהל, ביי נאַכט, האָט צו מיר אַ בעדיענער אַ וואונק געטאָהן אַרויס צו געהען אין קאָרידאָר. איך בין אַרויס. „קום גיך אין קורמשערס כאַטקע אריין", האָט מיר פראָל איינגערוימט אין אויער אַריין. „אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש איז דאָ."

איך בין דורכגעלאָפען דעם הויף, בין אַרויף אויף די טרעפּען, אַריין אין אַ ברייטען, האַלב פינסטערען חדר און ביי דעם גרויסען שפּייז־טיש פון די דיענער, האָב איך דערזעהען אַלעקסאַנדער'ן.

„סאַשאַ, טהייערער, ווי אַזוי ביזטו געקומען?" און אין איין רגע זיינען מיר געלעגען איינער אויפ'ן אַנדערענס האַלז, פעסט אַרומגענומען און אָהן לשון פון גליקליכער אויפרעגונג.

„שאַ, ששש! זיי קענען נאָך דערהערען" האָט אַ זאָג געטאָהן די קובאַרקע פּראַסקאָוויאַ, אָבווישענדיג איהרע טרערען מיט'ן ברעג פאַרטוך: „אָרימע יתומים! ווען אייער מוטער וואָלט נאָך געלעבט"—

דער אַלטער פראָל איז געשטאַנען מיט אַ אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, מיט פולע אויגען.

„הער נור פּעטיאַ, ניט אַ וואָרט קיינעם ניט!" האָט ער אויסגערופען און דערווייל האָט פּראַסקאָוויאַ דערלאַנגט אַ טאָפּ קאַשע צום טיש פאַר אַלעקסאַנדער'ן.

בליהענדיג פון געזונדקייט, אין זיין קאַדעטען יוניפאָרם, האָט ער גלייך אָנגעהויבען ריידען מכח פערשיעדענע פראַגען, ניט פאַרגעסענדיג דערווייל אויסצולײדיגען גאָר די קאַשע פון ערדענעם טאָפּ. קוים מיט צרות האָב איך פון איהם ארויסגעקראָגען ווי אַזוי עס איז איהם געלונגען אַהער צו קומען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבען דאַן געוואוינט אויפ'ן סמאָלענסקי בולוואַר און דער קאָרפּוס איז געווען גוטע פינף מייל ווייט פון אונז.

ער האָט פון בעט־געוואַנד געמאַכט אַ גרויסען „מענשען" און האט איהם אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין, אונטער די קאָלדרעס. דאַן איז ער אַוועק צום טויער, איז אַראָפּ דורך אַ פענסטער, איז אַרויס אונבעמערקט און איז דעם גאַנצען מהלך צו פוס געגאַנגען.

„און דו האָסט ניט מורא געהאַט איינער אליין ביינאַכט אין די ווילדע פעלדער אַרום מאָסקווע?" האָב איך אַ פרעג געטאָהן.

„וואָס איז דאָ וואָס מורא צו האָבען? נור וואָס הינד זיינען מיך באַפֿאהלען מחנות־וויז. איך האָב זיי אַליין אָנגעריייצט. מאָרגען וועל איך שוין מיטנעהמען דעם שווערד מיט זיך.‟

דער קוטשער און אַנדערע דינער זיינען אַריין און אַרויס. יעדער האָט אַ ויפֿין געטאָהן, קוקענדיג אויף אונז, האָט זיך אַוועקגעזעצט פֿון דער וויטענס, אַרום די ווענד, זיך שושקענדיג איינער מיט׳ן אַנדערען, אַזוי אַז זייער ריידען זאָל אונז ניט שטערען, בשעת מיר ביידע זיינען זיך געזעסען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, ריידענדיג מכח די נעבעל־שטערען אין לאַפּלאַסעס היפּאָטהעזע, מכח דעם געבוי פֿון שטאָף, דעם קאַמפּף צווישען פּאַפּסטענטהום אונטער באָניפֿאַץ דעם אַכטען און דער קייזערליכער מאַכט און אַזוי ווייטער.

פֿון צייט צו צייט פֿלעגט איינער פֿון די דינערס געשווינד אַריינלויפֿען און אַ זאָג טאָהן צו מיר, „פּעטינקאַ, גערה אויף אַ רגע׳לע אַרויס אין קאָרידאָר, זיי קענען זיך נאָך אַ פֿרעג טאָהן אויף דיר.‟

איך האָב געבעטען סאַשאַ׳ן ער זאָל מאָרגען קומען — און מיטן שווערד ויינעם, מחמת ער האָט געמוזט דורכמאַכען אַ שווערע מלחמה מיט די בייזע הינד. אַזוי ווי אַ פֿייל פֿון בויגען בין איך געלאָפֿען אין קורטשערס הויז, ווען מי האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז ער איז דאָ און נאָך פֿריהער ווי פֿאָריגען אָווענד. אַ שטיקעל מהלך איז ער געפֿאָרען מיט אַן איזוואָזטשיק. מיט אַ נאַכט בעפֿאָר האָט איהם אַ בעדיענער אונזערער אַוועקגעטראָגען דאָס גאַנצע קליין געלד, וואָס די קאָרטען שפּיעלער האָבען צוגעוואָרפֿען. אַלעקסאַנדער האָט גענומען עטליכע קאָפּיקעס אויף אַן איזוואָזטשיק און איז דעריבער געקומען פֿריהער.

ער האָט געוואָלט קומען די נעקסטע נאַכט אויך, אבער איבער געוויסע אורזאַכען וואָלט עס געווען צו ריזיקאַליש פֿאַר די דיענער און מיר האָבען זיך געזעגענט ביז צום נעקסטען הערבסט.

אַ קורצער „אָפֿיציעלער‟ בריוועל האָט מיר אויף מאָרגען מודיע געווען, אַז זיינע ביינאַכטיגע וויזיטען זיינען אַריבער בשלום. ווי פֿורכטבאַר וואָלט געווען די בעשטראָפֿונג, ווען מי וואָלט זיי אויסגעפֿונען! ס׳איז שרעקליך אפילו צו טראַכטען דעריבער, שמייסען פֿאַר׳ן גאַנצען קאָרפּוס ביז מי וואָלט איהם אוועקגעטראָגען אין אַן אונבאַוואוסטען צושטאַנד, אין אַ ליילעך און דאַן פאַרשיקען אין אַ באַטאַליאָן פֿון סאָלדאַטסקע זיהן—אַלעס וואַר מעגליך אין יענע צייטען.

וואָס די בעדיענער וואָלטען געליטען דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען אונז בעהאַלטען אויב דער פֿאָטער וואָלט זיך דערוואוסט, איז אויך שרעק־

ליך. אבער זיי האָבען געוואוסט ווי צו האַלטען מויל און ניט צו פֿער־ראַטהען איינער דעם צווייטען. אַלע האָבען זיי געוואוסט פֿון אַלעקסאַנ־דערס וויזיטען, אבער קיינער פון זיי האָט ניט דערמאהנט אַ וואָרט וועגען דעם. דער סוד איז געבליבען צווישען זיי און מיר—מעהר האָט קיין נפש אין גאנצען הויזגעזינד פֿון דעם ניט געוואוסט.

4.

דעם זעלבען יאָהר האָב איך געמאכט דעם אָנהויב אַלס אַ פֿאָרשער פֿון פֿאָלקס לעבען. דיעזע אַרבייט האָט מיך געבראַכט מיט אַ טריט נעהנ־טער צום מוזשיק. איך האָב אָנגעהויבען אויף איהם צו קוקען מיט אַנדערע אויגען. און אין סיביר האָט דאָס מיר שפּעטער פֿיעל געהאָלפֿען.

יעדען יאָהר, אין יולי, אין דעם טאָג „פֿון דער הייליגער יונגפֿרוי פֿון קאַזאַן" איז געמאַכט געוואָרען אַ גרויסער יריד אין ניקאָלסקאָיע. סוח־רים זיינען געקומען פון אַלערליי אַרומיגע שטעטלעך און טויזענדער מוזשי־קעס זיינען זיך צוזאַמענגעפֿאָהרען פֿון דרייסיג מייל אַרום. אונזער דאָרף האָט געקאָכט מיט לעבען. אקסאַקאָוו האָט דאָס יאָהר געהאַט ארויסגע־געבען אַ מערקווירדיגע בעשרייבונג פֿון די דאָרפֿס־ירידים פֿון זיד רוסלאנד און מיין ברודער, וועלכער איז דאַמאָלס געווען פֿאַרקאָכט אין דער פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע, האָט מיר געשריעבען איך זאָל מאַכען אַ סטאַטיסטישע בעשרייבונג פֿון אונזער יריד אום אויסצוגעפֿונען וויפֿיעל סחורות עס ווערען אריינגעפֿיהרט און פֿאַרקויפֿט.

איך האָב אָנגענומען דיעזע עצה און צו מיין גרויסער ערשטוינונג איז עס מיר ווירקליך געלונגען. מיין אָבשאַצונג איז געווען פּונקט אזוי געטריי ווי פֿיעלע עהנליכע שאַצונגען אין סטאַטיסטישע ביכער.

אונזער יריד האָט געדויערט איבער א מעת לעת. גלייך אין אַבענד איז דער אָפֿענער מאַרק פֿון'ם יריד געווען פול מיט לעבען. לאַנגע שורות מיט פּאַלאַטקעס, וואו מי האָט אויסגעלעגט ציין, טאַשמעס און פֿערשידענע בגדים פֿאַר פּויערטעס זיינען אויף גיך אויפֿגעשטעלט געוואָרען. די אכסניא איז אויף גיך אויסגעמעבלירט געוואָרען מיט טישען, שטולען און בענק און געלע זאַמד איז אויסגעשאָטען געוואָרען אויף דער פּאָדלאָגע. דריי שענקען זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרען און פֿריש אבגעשניטענע בעזימער צוגעבונ־דען צו הויכע דרענגלעך, האָבען זיך געלאָזען זעהען הויך אין דער לופֿט אום צו צוציהען מוזשיקעס פֿון וויט אַרום. רייהען און רייהען פֿון קליינע פּאַלאַטקעס מיט געשיר, שטיוועל, טעפּ, האָניג, לעקאַך און אַלע מיני קליי־

ניגקייטען האָבען זיך באַוויזען אַזוי ווי שוועמלאַך נאָך אַ רעגען. וועהרענד אין אַ בעזונדערן ווינקעל פֿון מאַרק זיינען אויסגעגראָבען געוואָרען טיעפֿע גריבער פֿאַר גרויסע קעסלען, אין וועלכע עס זיינען אָבגעקאָכט געוואָרען בושעלם הירוש, גרעטשיכע און גאַנצע שעפּסען אום צו באַזאָרגען די טויזענדע געסט מיט הייסע באָרשטש און קאַשע.

נאָך מיטאַג זיינען די פֿיער וועגען, וועלכע האָבען געפֿיהרט צום יאָהר־מאַרק, געווען געפּאַקט מיט הונדערטע פּאָוואָזקעס און גאַנצע בערג ליימענע טעפּ, פֿעסלאַך סמאָלע, תבואה און בהמות זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אויף ביידע זייטען וועג.

אין אַבענד פֿון דעם יום טוב האט מען אין אונזער קירכע מתפלל געווען מיט גרויס התלהבות.

אַ האַלב דוצען גלחים און אַנדערע כלי קודש פֿון די אַרומיגע דערפֿער האָבען אנטהייל גענומען. און זייערע זינגער, אונטערגעהאָלפֿען פֿון יונגע קופּצעס, האָבען געזונגען העךליכע תפילות, וועלכע מען האָט נור געקענט הערען ביי'ן קאַלוגער בישאָף. די קירכע איז געווען געפּאַקט. אַלע האָבען געדאַווענט מיט גרויס כונה. די קופּצעס האָבען קאָנקורירט איינער מיט'ן אַנדערען מיט די צאָהל ליכט, וועלכע זיי האָבען אָנגעצונדען פֿאַר די איקאָנעס, אַלס קרבן צו די הייליגע אום צו האָבען אַן ערפֿאָלג אויפֿ'ן יריד. די מאַסע איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך האָבען ניט געקענט צוקומען צום אַלטאַר. פֿערשידענע ליכט — דיקע און דינע, ווייסע און געלע, יע נאָך דער רייכקייט פֿון מנדב — זיינען אָבגעגעבען געוואָרען מיט שטילע תפילות „צו דער הייליגער יונגפֿרוי פֿון קאַזאַן, אונזער באַשיצערין“, „צו ניקאָלאַי דעם באַליבטען“, „צו פֿראָל און לאַווער“ די פֿערד־הייליגע — דאָס וואַר פֿון די, וועלכע האָבען געהאַט צו פֿאַרקויפֿען פֿערד), אדער סתם „צו די הייליגע“ אָהן ספּעציעלע נעמען.

קוים האָבען זיך געענדיגט די נאַכט תפילות, האָט זיך גלייך אָנגעהויבען „ערב יריד“ און האָב מיך געמוזט אַריינוואַרפֿען מיט לייב און לעבען אין מיין אַרבייט אַריין, אויספרעגענדיג הונדערטער מענשען וויפֿיעל זייערע סחורות זיינען ווערטה. איך האָב מיך אַליין געוואונדערט ווי גלאַט אַלעס איז געגאַנגען. נאַטירליך, האָט מען מיך אויך געפֿרעגט „צו וואָס טהוט איהר עס? איז עס ניט פֿאַרן אַלטען פּריניץ, וועלכער וויל פֿאַרגרעסערען די מאַרק ציגזען?“ אבער קוים האָב איך זיי פֿאַרזיכערט אַז דער אַלטער פּריניץ ווייס גאָר ניט דערפֿון און וועט אויך ניט וויסען (ער וואָלט דאָס געהאלטען פֿאַר אַן אונאַנשטענדיגע אַרבייט) איז ווידער אַלץ צוגעגאַנגען כשורה. איך האָב באַלד געכאַפּט דעם ריכטיגען גאַנג ווי צו שטעלען

די פּראַגען און נאָכדעם ווי איך האָב אויסגעטרונקען אַ האַלב דוצען גלעזער טהעע אין קרעטשמע מיט עטליכע קופּצעס (אָה, שרעקליך, ווען דער אַלטער וואָלט עס געוועזען דערהערען!) איז אַלעס געגאַנגען ווי געשמירט. וואַסילי איוואַנאָף, דער פאָרשטעהער פון ניקאָלסקאָיע, אַ שעהנער יונגער מוזשיק, מיט אַ פּיינעם אינטעליגענטען פנים און אַ בלאָנד ווידענער באָרד, האָט זיך גענומען פאַראינטערעסירען מיט מיין אַרבייט. „נו, אויב דו ברויכסט דאָס צו דיין בילדונג, נעהם זיך דערצו. שפּעטער וועסטו אונז דערציילען וואָס דו האָסט אויסגעפונען.״ דאָס וואַר זיין שלום און ער האָט געזאָגט די מוזשיקעס אַז עס איז „אָלל ראיט.״

בקצור, די אימפּאָרטירטע סחורה איז זעהר גענוי געשאַצט געוואָרען. אבער אויף מאָרגען האָט דער פּערקויף מיר געגעבען מאַנכע שוועריגקייטען, הויפּטזעכליך מיט די שניט סוחרים, וועלכע האָבען נאָך אַליין ניט געוואוסט וויפיעל זיי האָבען פּערקויפט. די יונגע פויערטעס האָבען פשוט געשטורמט די קראָמען. ווען איינע האָט געהאַט פאַרקויפט אַ שטיקעל לייוועגד פון איהר אייגענע מלאכה, איז זי באַלד געלאָפען קויפען אַ שטיקעל ציצענע סחורה, אָדער אַ רויטע קאָפּטיכעל פאַר זיך, אַ קאָלירטע פאַטשיילקע פאַר׳ן מאַן, א שטיקעל טול, אָדער באַנד און עטליכע קליינע מתנות פאַר דער באָבען, דעם זיידען און די קינדער וואָס זיינען געבליבען אין דער היים. די מוזשיקעס וואָס האָבען פאַרקויפט געשיר, האָניג לעקעך, בהמות אדער פלאַקס, האָבען גלייך געוואוסט וויפיעל זיי האָבען פאַרקויפט, בעזאָנדערס די אַלטע ווייבער. „אַ גוטער יריד, באַבושקאַ?״ גיב איך אַ פרעג. „נישט קשה, מיין קינד. צו וואָס זינדיגען! אַלץ איז כמעט אויספערקויפט.״ און פון זייערע קליינע איננאַהמען איז אין מיין ביכעל אויסגעוואַקסען צעהנדליגער טויזענדער רובעל. בלויז איין פונקט איז געבליבען אונבעשטימט. א גרויסער פּלאַץ איז אבגעגעבען געוואָרען פאַר הונדערטער פויערטעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער ברענענדער זון מיט שטיקלעך אייגען־געוועבטע לייוועגד, מאַנכעסמאָהל זעהר פיינע, וועלכע זיי האָבען געבראַכט צו פאַרקויפען. מאַסען קונים, מיט ציגיינערשע פנים׳ער און גנב׳ישע אויגען, זיינען ארומגעגאַנגען אין מאַרק און האָבען געקויפט. פון דיזע האָב איך קיין נענויען חשבון ניט געקענט דערגעהען.

איך האָב דאַמאָלס זעהר וועניג נאַכגעדענקט וועגען דיזע נייע ערפאַהרונג מיינע. איך האָב מיך פשוט געפיהלט גליקליך מיט מיין ערפאָלג. אבער דער ערנסטער געזונטער שכל פון דעם רוסישען מוזשיק, וועלכען איך האָב באַמערקט אין יענע עטליכע טעג, האָט אויף מיר געלאָזען אַן אייביגען איינדרוק. שפּעטער, ווען מיר האָבען פאַרשפּרייט סאָצי־

אַליסטישע אידעען „אין פֿאָלק", האָב איך מיך ניט געקענט אבוואונדערען, פֿאַרוואָס מאַנכע פֿון מיינע קאמעראַדען, וועלכע האָבען, דאַכט זיך, געהאַט אַ פֿיעל מעהר דעמאָקראַטישע ערציהונג, ווי איך, האָבען ניט געוואוסט ווי אַזוי צו ריידען צו די מוזשיקעס, אדער צו פֿאַבריק־אַרבייטער. זיי האָבען געפּרוּווט נאָכמאַכען דעם מוזשיק'ס לשון, געברויכענדיג אַ מאַסע „פּאָפּולערע פֿראַזען", אבער דערמיט האָבען זיי נאָך ערגער געמאַכט. דער מוושיק האָט זיי פשוט ניט פֿאַרשטאַנען.

מי ברויך דאָס גאָר ניט, ניט אין ריידען צו פויערים און ניט אין שרייבען פֿאַר זיי. דער מוזשיק פֿון וועליקאָראָסיע פֿאַרשטעהט דעם געבילדעטענ'ם שפּראַך אויסגעצייכענט גוט, אַזוי לאַנג ווי ער געברויכט ניט קיין פֿרעמדע ווערטער. וואָס דער פויער פֿאַרשטעהט ניט, איז אַבסטראַקטע אידעען, וועלכע ווערען ניט ערקלעהרט דורך איינפֿאַכע ביישפּיעלע. מיין ערפֿאַהרונג איז, אַז ווען איהר רעדט צום רוסישען מוזשיק איינפֿאַך, אָנהייבענדיג פֿון לעבעדיגע פֿאַקטען—און דאָס נעמליכע איז מיט די דאָרפֿס־לייט פֿון אַלע אומות,—גיבט עס ניט קיין אַלגעמיינער געדאַנקען אין דער גאַנצער וועלט פֿון וויסענשאַפֿט, סאָציאַלע און נאַטור־וויסענשאַפֿט, וועלכע מי זאָל ניט קענען געבען צו פֿאַרשטעהען דעם דורכשניטליכען אינטיליגענטען מענשען, אַזוי לאַנג ווי איהר אַליין פֿאַרשטעהט עס גרינדליך. דער הויפּט חלוק צווישען דעם אינטיליגענטען און ניט אינטיליגענטען מענשען, שיינט מיר, איז דאָס, וואָס דער פּראָסטער מענש קען ניט נאָכפֿאָלגען די גאַנצע רייהע שליסע. ער בעגרייפֿט דעם ערשטען שלוס און אפשר אויך דעם צווייטען, אבער ער ווערט מיעד ביי'ן דריטען, ווען ער כאַפּט זיך ניט גלייך, צו וואָס אייער אַרגומענט פֿיהרט. אבער ווי אָפֿט בעגעגנען מיר די זעלבע שווערינקייט אויך ביי אינטיליגענטע מענשען?

נאָך איין איינדרוק האָב איך געקראָגען פֿון יענער אַרבייט פֿון מיין יוגענד, אַן איינדרוק, וועלכען איך האָב דאַמאָלס ניט פֿאָרמולירט און וועלכער וועט פֿילייכט פֿיעלע ערשטוינען. און דאָס איז, נעמליך, דער גייסט פֿון גלייכהייט, וועלכער איז שטאַרק ענטוויקעלט אין רוסישען מוזשיק און, אין פֿאַקט, אין דער דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג אין אַלע לענדער. דער מוזשיק איז פֿעהיג צו זיין קנעכטזעליג אונטערוואָרפֿען צום לענדלאָרד און צום זשאַנדאַרם. ער וועט שקלאַפיש אָנבויגען דעם קאָפּ פֿאַר זיי. אבער ער האַלט זיי ניט פֿאַר העכערע מענשען און ווען דערזעלבער בעל הבית אָדער זשאַנדאַרם, זאָלען אין דער רגע אָנהויבען מיט איהם שמועסען מכח היי אָדער קאַטשקעס, רעדט שוין דערזעלבער מוזשיק, ווי מיט זיינס גלייכען. איך האָב קיינמאָהל ניט געזעהען אין דעם רוסישען פויער די אונ־

טערטהעניגקייט, וועלכע איז אַ צווייטע נאַטור ביי׳ן קליינעם טשינאָווניק, ווען ער רעדט מיט אַ העכער׳ען בעאַמטען, אָדער ביין דיענער, ווען ער שטעהט פֿאַר׳ן בעל הבית. דער מוזשיק וואַרפֿט זיך לייכט אונטער אונטער דעם שטאַרקער׳ען, אבער ער בוקט זיך צו איהם קיינמאָהל ניט ווי צו עטוואָס הייליגעס אדער העכערעס.

פֿון ניקאָלסקאָיע בין איך דאַמאָלס צוריקגעקומען קיין מאָסקווע אויף אַ נייעמאָדנעם אופֿן. אַזוי ווי קיין באַהן איז נאָך דאַן דאָרט ניט געווען, האָט אַ בעל עגלה, מיט׳ן נאָמען בוק געפֿיהרט די פּאַססאַזשירען אין ביידלעך, אונזערע האָבען נאַטירליך ניט געהאַט בדעה צו פֿאָהרען מיט דיזען בעל עגלה. ווי האָבען זיך געהאַט ברעה צו פֿאָהרען מיט אַ ביידעל אַהיים כדי צו שפּאָר׳ען דער שטיף־מאַמען אַן עקסטראַ נסיעה, האָב איך מיט פֿערגעניגען דאָס אָנגענומען.

אַן אלטע, פֿעטע קופּטשיכע און איך זעלבסט פֿון הינטען אין אַ קרעמער פֿון פֿאָרענט—דאָס וואַרען אַלע פּאַרשוינען פֿון ביידעל. מיר איז די רייזע זעהר געפֿעלען געווען,—קודם כל מחמות איך בין מיר געפֿאָהרען איינער אַליין (איך בין נאָך ניט אַלט געווען קיין זעבצעהן יאָהר) און דאַן ווידער האָט מיר די אַלטע געשטאָפּט מיט די בעסטע מאכלים פֿון איהר געוואַלדיג גרויסען קויבער. דאָס וואַר אַ הערליכע יאַזדאַ. ספּעציעל איז מיר געבליבען איין געוויסער אבענד פֿריש אין מיין זכרון ביז אויף היינטיגען טאָג. מיר זיינען אָנגעקומען אין איינעם פֿון די גרויסע דערפֿער און האָבען זיך אָבגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע. די אַלטע האָט זיך געהייסען דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר און איך בין מיר אַרויס הרויסען אַרומקוקען די געגענד. איין קליינע „ווייסע קרעטשמע”, וואו מי קריגט בלויז צו עסען און קיין געטרענקע, האָט זיך מיר געוואָרפֿען אין די אויגען און איך בין דאָרט אַריין. אַ סך מוזשיקעס זיינען דאַרט געזעסען אַרום קליינע טישלעך געדעקט מיט ווייסע סערוועטקעס און האָבען זיך געמיטליך געטרונקען טהעע. איך האָב גלייך געפֿאָלגט זייער ביישפּיעל.

אַלץ איז דאָרט געווען ניי פֿאַר מיר. דאָס וואַר אַ דאָרף פֿון „קאַזיאָנע מוזשיקעס”, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זיינען קיין קנעכט ניט געווען און זיינען געווען ניט שלעכט אָב, וואַהרשיינליך דאַרום, ווייל זיי האָבען זיך באַשעפֿטיגט מיט לייווענד־וועבעריי. לאַנגזאַמע ערנסטע געשפּרעכען און אַ לאַבעריי פֿון צייט צו צייט, האָבען זיך געהערט ביי די טישלעך און נאָך די געוועהנליכע פֿראַגען, האָב איך זיך גלייך אַריינגעלאָזען אין אַן ערנסטען שמועס מיט אַ דוצען מוזשיקעס מכוח דעם אוראָזשאַי אין אונזער געגענד און האָב געמוזט ענטפֿערען אַלערליי פֿראַגען זייערע. זיי האָבען

געוואָלט וויסען אלעס מעגליכע פֿון פעטערסבורג און בעזאָנדערס, וואָס עס הערט זיך מכוח דעם פּלאַן אָבצושאַפֿען פּאַנשטשיזנע. אין יענער אבסניה האָט מיך דורכגענומען אַ מאָדנער וואַרעמער געפֿיהל פֿון הערצליכע גוטמוטיגקייט, איינפֿאַכקייט און אַ נאַטירליכע שייכות פֿון גלייכהייט. אַזוי האָב איך נאַכהער תמיד געפֿיהלט בעת איך פֿלעג קומען צווישען מוזשיקעס אָדער ווען מיר איז אויסגעקומען צו פֿאַרברייגגען אין זייערע כאַטעס. דאַכט זיך, אין יענער נאַכט האָט אייגענטליך קיין שום אונגעוועהנליכע סבה ניט פּאַסירט; אין דאָך יענע פֿינסטערע וואַרעמע נאַכט אינ'ם דאָרף, יענע קליינע קרעטשמע, יענער שמועס מיט די מוזשיקעס און די שאַרפֿע אינטערעסע וואָס זיי האָבען גענומען אין הונדערטער עניניס וועלכע זיינען געווען ווייט פֿון זייערע געוועהנליכע צושטענדע, האָבען געמאַכט די אָרעמע ווייסע קרעטשמעלע פֿיעל מעהר אַנציהענד פֿאַר מיר פֿון דאַמאָלס אָן, ווי דער בעסטער רעסטאָראַנט אין דער וועלט.

ה.

שטורמיגע צייטען זיינען איצט געקומען אין דעם לעבען פֿון אונזער קאָר־פּוס. ווען זשיראַרדאָ איז אַוועק, איז אויף זיין פּלאַץ אָנגעקומען איינער פֿון אונזערע אָפיצירען, קאַפּיטאַן ב—. פֿון נאַטור איז ער אפילו ניט געווען קיין שלעכטער, אבער ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אריין די פֿיקסע אידעע, אַז מיר געבען איהם ניט אָפּ גענוג כבוד, אַז פֿאַר אַ מענשען מיט אַזאַ טשין ווי זיינער, מוז מען האָבען פֿיעל מעהר דרך ארץ, א.ז.וו. ער האָט זיך אָנגעהויבען אַרומקריגען מיט דעם העכסטען קלאַס איבער די מינדעסטע קלייניגקייט און—וואָס, נאָך אונזער מיינונג איז געווען נאָך ערגער—ער האָט אָנגעהויבען צו פֿאַרניכטען אונזערע פּריווילעגיעס, וועלכע זיינען געווען „אַזוי אַלט ווי די צייט זעלבסט", און וועלכע זיינען ביי אונז געווען זעהר טהייער, אפשר מאַקי דערפֿאַר אַליין וואָס זיי וואַרען אונבעדייטענד.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז עטליכע טעג לאַנג איז די גאַנצע שולע געווען אין אַ אָפֿענעם בונט, וועלכער האָט זיך געענדיגט דערמיט וואָס מי האָט אונז אַלעמען בעשטראָפֿט, און צוויי פֿון אונזערע בעליעבטע קאַמער־פּאַזשען אין גאַנצען אויסגעוויזען.

דאַן האָט דערזועלבער קאַפּיטאַן אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אין אונזער קלאַס צימער אַריין, בשעת מיר פֿלעגען פֿאַרפֿאַרטיגען אונזערע לעקציעס בעפֿאָר די קלאַסען האָבען זיך געעפֿענט. מיר זיינען אַזוי תמיד

געווען אונטער דער השגחה פֿון די לעהרער און האָבען זיך געשעצט גליקליך וואָס לכל הפּחות אין יענע שטונדען האָבען אונז די מיליטערישע בעאַמטע צו־רוה געלאָזען. מיר האָבען געגען דעם קאַפּיטאַן שטאַרק פּראָטעסטירט און איין מאָהל האָב איך דיזע אונצופֿרידענהייט אויסגעדריקט בפּרהסיא און האָב געזאָגט דעם קאַפּיטאַן, אַז דאָס בעלאַנגט צום א נספּעקטאָר, ניט צו איהם. וואָכענלאַנג בין איך פֿאַר די חוצפּה געזעסען אין קאַרצער און מי וואָלט מיך אודאי געווען אין גאַנצען ארויסגעוואָרפֿען פֿון קאָרפּוס, ווען ניט דער אינספּעקטאָר און דער אַלטער דירעקטאָר אַליין, וועלכע האָבען געאורטהיילט אַז נאָך אַלעם האָב איך נור געזאָגט הויך דאָס, וואָס אַלע האָבען שוין לאַנג צווישען זיך געמורמעלט.

קוים זיינען מיר פּטור געוואָרען פֿון די צרות, האָט זיך ווידער אריינגעמישט דער טויט פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטענס אלמנה און אונזער שטודיום איז ווידער געבליבען אין מיטען.

די קבורה פֿון געקרוינטע קעפּ ווערט תמיד אזוי אַראַנזשירט, אַז זי זאָל מאַכען אַ טיעפֿען איינדרוק אויפ'ן פֿאָלק. דער קייזערינס גוף איז געבראַכט געוואָרען פֿון צאַרסקאָיע סעלאָ, וואו זי איז געשטאָרבען קיין פּעטערסבורג און דאָ, בעגלייט פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע, פֿון די העכסטע יחסנים פֿון דער אימפּעריע און די צעהנדליגע טויזענדער טשינאָווניקעס און געזעלשאַפֿטען, מיט הונדערטע גלחים און כאָרען פֿאָראויס, האָט מען די מיטה געטראָגען פֿון וואָגזאַל דורך די הויפּט גאַסען פֿון שטאָדט. ביז מען איז צו צום פּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט און דאָ איז ערשט דער בר מנן געלעגען ענטפּלעקט עטליכע וואָכען. הונדערטע טויזענד גוואַרדייצעס זיינען צושטעלט געוואָרען אין די גאַסען און מאַסען מענשען, אָנגעטאָהן אין רייכסטע יום טוב'דיגע אוניפֿאָרמען זיינען געגאַנגען בעפֿאָר און נאָך דעם ארון אין טרויעריגע פּראָצעסיעס.

תּפילות זיינען געזונגען געוואָ־רען אין יעדען וויכטיגען ווינקעל און די טרויעריגע גלאָקען, די שטימען פֿון די אונגעהייערע כאָרען און די מוזיק פֿון די מיליטערישע קאַפּעלעס, האָבען זיך אַלע פֿעראייניגט אין איין טיעף איינדרוקספֿאָלען טרויער מאַרש, כדי דאָס פֿאָלק זאָל אין אמת'ן מיינען אז די גאַנצע שטאָדט וויינט אויף דעם טויט פֿון דער קייזערין.

אַזוי לאַנג ווי דער גוף איז געלעגען אויף דער ביהנע פֿון קרעפּאָסט האָבען אויך די פּאַזשען איהם געמוזט היטען אי ביי טאָג און ביי נאַכט. דריי קאַמער־פּאַזשען און דריי הויף־דאַמען זיינען שטענדיג געשטאַנען נאָהענט ביי דער טרונע, וועלכע איז געווען אויפֿגעשטעלט אויף אַ הויכען פּיעדעסטאַל און אַ צוואַנציג פּאַזשען זיינען געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, וואו

היילִיגע תּפילות זיינען געזונגען געוואָרען צוויי מאָהל אין טאָג, בעת דער קייזער און זיין גאַנצע פֿאַמיליע זיינען געוועזן דערביי.

אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז יעדע וואָך האָט מען פֿאַרנומען כמעט אַ האַלבען קאָרפּוס אין שלאָס אַריין, דאָרט צו וואוינען. אַלע צוויי שטונדען האָט מען זיך געביטען און ביי טאָג איז אונזער עבודה ניט געוועזן קיין שווערע. אבער ווען מיר האָבען געמוזט אויפֿשטיין אין מיטען נאַכט, זיך אָנטאָהן אין די יוניפֿאָרמס און דאַן מאַרשירען דורך די פֿינסטערע און אומעדיגע קאָרידאָרען פֿון דער קרעפּאָסט צו דער קאַטהעדראַל, צום קלאַנג פֿון די מעלאַנכאָלישע גלאָקען פֿון שלאָס, פֿלעגט מיך דורכנעהמען אַ קאַלטער שוידער, בעת איך פֿלעג אַ טראַכט טאָהן פֿון די אַרעסטאַנטען, וועלכע ליגען איינגעמויערט ערגעץ־וואו אין דיעזען רוסישען באַסטיל. „ווער ווייס", האָב איך געטראַכט, צו עס וועט אמאָהל אויך מיר אַליין ניט אויספֿאַלען דער בייזער גורל מיט זיי פֿעראייניגט צו ווערען.

די לויה איז ניט דורך אָהן אַ סבה, וועלכע וואָלט זיך געקענט ענדיגען זייער טרויעריג. אן אונגעהויערע גרויסע חופּה איז אויפֿגעשטעלט געוואָרען אונטער דעם געוועלב פֿון דער קאַטהעדראַל, איבער די טרונע. אַ גרויסע געגילטע קרוין האָט זיך ערהויבען איבער איהר און פֿון דיעזער קרוין איז אַרונטערגעהאַנגען אַ קאָלאָסאַלער פּורפּור מאַנטעל ביז צו די פיער דיקע זיילען וואָס שפּאַרען אונטער די געביידע. עס וואַר איינדרוקספֿאָל, אָבער מיר, ווייסע חברה'ניקעס, האָבען גלייך אויסגעפֿונען, אז די קרוין איז געוועזן געמאַכט פֿון געגילטע קאַרט־פּאַפּיער און האָלץ, דער מאַנטעל איז געוועזן פֿון סאַמעט בלויז אונטען, וועהרענד אויבען איז ער געוועזן פֿון רויטע מוסלין און דער אונטערשלאַג, אַנשטאַט הערמעלין־פֿעל איז געוועזן פֿון פֿלאַנעל מיט עקלעך פֿון שוואַרצע וועווערקעס. דער הערבען שילד, וועלכער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם רוסישען אַדלער, איינגעהילט אין שוואַרצע טוך, איז געוועזן פּשוט קאַרט־פּאַפּיער. אבער די מאַסע, וועלכע מי האָט אין געוויסע שטונדען, אויף דער נאַכט, ערלויבט פֿאַרביי צו געהען פֿאַרביי דער מטה און אויף גיך אַ קוש צו טאָהן די גאָלדענע פֿרינזען וואָס האָבען זי באַדעקט, האָט נאַטירליך ניט געהאַט קיין מעגליכקייט אויסצוגעפֿינען די פֿלאַנעלע הערמעלין־פֿעל אָדער די פּאַפּירענע הערבען און די געוואונשטע טהעאַטראַלישע ווירקונג איז געמאַכט געוואָרען אפילו דורך אזעלכע וואָלוועלע מיטלען.

ווען מי זאָגט אַ מאָליטווע אין אַ רוסישער קירכע, האַלטען אלע אַנוועזענדע אָנגעצונדענע וואַקסענע ליכט, וועלכע ווערען אויסגעלאָשען נאַכדעם, ווי געוויסע תּפילות זיינען געענדיגט. די קייזערליכע פֿאַמיליע

האָט אויך געהאַלטען אַזעלכע ליכט און זעהענדיג ווי אלע לעשען אויס זייערע ליכט, איבערקעהרענדיג זיי מיט׳ן פֿייער אַראָב, האָט דעם גרויספֿירשט קאָנסטאַנטינ׳ס יונגער זוהן אויך דאָסזעלבע געטאָהן. די שוואַרצע טול, וועלכע האָט אַרונטערגעהאַנגען פֿון אַ זייל אונטער איהם, האָט זיך אָנגעכאַפּט און אין איין רגע איז די גאַנצע וואַטען־מאַכעריי געווען אין פֿלאַמען, וועלכע זיינען געשטיעגען העכער און העכער.

די מאָליטוועס האָבען געסטאָפּט. אלע אויגען זיינען געווען געריכטעט אויף די פֿייערדיגע צונגען מיט טויט שרעק. ס׳האָט אָנגעהויבען צו פֿאַלען שטיקער ברענענדע געוואַנד, און אָט־אָט צינדען זיך אָן די שוואַרצע טולענע וואוּאַלען פֿון די אַנוועזענדע דאַמען.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געשטאַנען אַ צודולטער בלויז עטליכע סעקונדען, אבער ער איז גלייך צו זיך געקומען און האָט געזאָגט אין אַ רוהיגען טאָן: „נעהמט צו די טרונע!“ די קאַמער־פּאַזשען האָבען זיך גלייך בעדעקט מיט די דיקע גאָלדענע פֿרענזען און מיר זיינען אַלע צוגעגאנגען זי אויפֿהייבען. אבער דערווייל האָט זיך דער גרויסער פֿלאַם צובראָכען אויף עטליכע קלענערע, וועלכע האָבען גאַנץ פּאַמעלעך אויסגעברענט די טולען אַרום די וואַטען און האָבען זיך פֿאַרלאָשען.

צו וואָס איך האָב מיך מעהר צוגעקוקט, ווייס איך ניט: צום קרייבענדען פֿייער, אָדער צו די הערליכע שלאַנקע פֿיגורען פֿון די דריי דאַמען וועלכע זיינען געשטאַנען לעבען דער טרונע, פֿאַרדעקענדיג מיט זייערע זעהר לאַנגע שלעפּעס די טרעפּען פֿון דער אויבערסטער פּלאַטפֿאָרם. זייערע שוואַרצע וואוּאַלען האָבען אַרונטערגעהאַנגען פֿון זייערע שולטערן. ניט איינע פֿון זיי האָט זיך דעם מינדעסטען ריהר געטאָהן. זיי זיינען געשטאַנען ווי דריי פּרעכטיגע אויסגעטאָקטע סטאַטוען. נור אין די שוואַרצע אויגען פֿון איינע פֿון זיי, פֿריילין גאַמאַליאַ, האָבען טרערען געבלישצעט ווי פּערעל. זי איז געווען אַ קינד פֿון דער אוקראַאינאַ און די איינציגע ווירקליך שעהנע פֿרוי פֿון אַלע הויף־דאַמען.

אין קאָרפּוס איז אַלעס צוגעגאַנגען באָראָראָם. די קלאַסען וואַרען צושטערט. די יעניגע פֿון אונז, וועלכע זיינען צוריקגעקומען פֿון דער פּעטראָפּאַוולאָווסקאַיאַ, האָבען דערווייל פֿאַרנומען אַנדערע קוואַרטירען און אזוי ווי מי האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָהן, האָבען מיר דעם גאַנצען טאָג פֿאַרבראַכט אין שטיפֿעריי. שטיפֿענדיג, האָבען מיר געעפֿענט אַן אַלמער וועלכער האָט ענטהאַלטען אַ קאָלעקציאָן פֿון מאָדעלען פֿון פֿערשיעדענע מינים חיות פֿאַר די בעלעהרונג פֿון נאַטור געשיכטע. דאָס איז געווען דער אָפֿיציעלער צוועק, אבער מיר האָבען דאָס אין די אויגען קיינמאָל ניט

אָנגעזעהען. און איצט אַז מיר האָבען דאָס געקראָגען אין די הענד אַריין, האָבען מיר געמאַכט אַ תכלית דערפֿון. פֿון אַ מענשליכען שעדעל וואָס מיר האָבען דאָרט דערטאַפּט, האָבען מיר געמאַכט אַ פֿירכטליכע פֿיגור, מיט וועלכע מען זאָל דערשרעקען אונזערע חברה־לייט און די אָפּיצירען אין מיטען נאַכט. די געשטאָפּטע חיות גופא האָבען מיר אַוועקגעשטעלט אין די לעבערליכסטע פּאָזיציאָנען און גרופּען: מאנקעס האָבען געריטען אויף לייבען, שעפּסען האָבען זיך געשפּיעלט מיט לעמפּערטען, אַ פֿויגעל האָט געטאַנצט מיט אַ עלעפֿאַנט, א.ז.וו. שעהן איז געווען, ווען אין עטליכע טעג אַרום, בעת אַ פּייסישער פּרינץ (איך דענק, דאָס וואַר דער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען קייזער פֿרידריך) איז געקומען צו דער לויה פֿון דער רוסישער קייזערין, האָט בעזוכט אונזער שולע און מי האָט איהם געוויזען אַלעס מיט וואָס מי בילדעט אונז. דער דירעקטאָר האָט זיך שטאַרק באַריהמט מיט די פּראַכטפֿאָלע בילדונגס־מיטלען, וועלכע די שולע פֿאַרמעגט און האָט איהם צוגעפֿיהרט צו יענעם אונגליקליכען אַלמער. ווען דער דייטשער פּרינץ האָט דערלאַנגט אַ קוק אויף אונזער זאָאָלאָגישער קלאַסיפיקאַציאָן, איז איהם פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען און מיט אַ זויערן פּנים האָט ער גענומען שטעלען פֿיס נאַזאַד. דער דירעקטאָר האָט אויסגעזעהען שוידערהאַפֿטיג. דער לשון איז ביי איהם אבגענומען געוואָרען און ער האָט שיעור ניט געקראָגען די אַפּאָפּלעקציע אויף'ן אָרט. דעם פּירשט'ס סוויטע האָט זיך געמאַכט גלייך ווי זי וואָלט קיין זאַך ניט באַמערקט, ווערענד וויסע'חברה'ניקעס האָבען באַלד ניט געפּלאַצט פֿאַר געלעכטער, זיך איינהאַלטענדיג מיט אַלע כוחות ניט אויסצושיסען אַלע מיט אַ מאָהל.

6.

די שול יאָהרען פֿון דער רוסישער יוגענד אונטערשיידען זיך אַזוי פֿיעל פֿון די שול־יאָהרען פֿון דער איסט־איראָפּיאישער יוגענד, אַז איך מוז מיך לענגער אָבשטעלען אויף מיין שול־לעבען.

רוסישע קינדער הייבען זיך געוועהנליך אָן צו אינטערעסירען מיט פֿיעלע סאָציאַלע, פּאָליטישע און פֿילאָזאָפֿישע פֿראַגען, אפילו ווען זיי זיינען נאָך אין גימנאַזיע אָדער אין דער מיליטער שולע. אמת, דער פּאַזשען קאָרפּוס איז געווען דער ערגסטער פּלאַץ פֿאַר אַזאַ מין ענטוויקלונג. אבער אין יענע יאָהרען פֿון אַלגעמיינע לעבהאַפֿטיגקייט, זיינען הויכע אידעען אפילו אין איהר אריינגעדרונגען, מיט שלעפּענדיג מאַנכע פֿון אונז מיט זיך. אין דער

וועלכער צייט האָבען מיר זיך ניט צוריק געהאַלטען פֿון אַלערליי „בענעפֿיט נעכט" און אַנדערע שטוטשקעס.

בעת איך בין געווען אין פֿיערטען קלאַס, בין איך פּאַראינטערעסירט געוואָרען אין היסטאָריע און מיט דער הילפֿע פֿון נאָטיצען געשריעבען וועהרענד די לעקציעס און פֿון פערשיעדענע ביכער, האָב איך אָנגעשריבען אַ גאַנצען קורס פון היסטאָריע פון׳ם מיטעל אלטער פֿאַר מיין אייגענעם געברויך. נעקסטען יאָהר, איז מיין באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט געלענקט געוואָרען אויף דעם קאַמפּף צווישען פּאַבסט באָניפֿאַץ דעם אַכטען און דער קייזערליכער מאַכט און עס איז געוואָרען מיין גרעסטע אַמביציע אַריינגעלאָזען צו ווערען אין דער קייזערליכער ביבליאָטעק, אום דיזע גרויסע מחלוקה צו שטודירען.

דאס איז געווען געגען די רעגעלען פֿון דער לייברערי. שילער פֿון די קלענערע שולען זיינען אַהין ניט צוגעלאָזען געוואָרען. אבער אונזער גוטער הערר בעקער האָט אַלץ פֿאַרגלעט און איך בין ענדליך אריין אין קדשי־קדשים און האָב מיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליין לעז־טישעל אויף א רויט סאַמעטענע שטוהל, וועלכע איז דאַמאָלס געווען אַ טהייל פֿון דעם מעבעל פֿון׳ם לעזע צימער.

פֿון פֿאַרשיעדענע טעקסט־ביכער, מאַנכע ביכער פֿון אונזער אייגענע ביבליאָטהעק, בין איך שנעל דורכגעגאַנגען צו די קוועלען. ניט קענענדיג קיין לאַטיין, האָב איך פֿון דעסטוועגען ענדעקט א גאַנצען אוצר מיט אָריגינעלע קוועלען אין אַלט דייטשע און אַלט פֿראַנצויזישע ביכער און איך האָב געהאַט גרויס הנאה פֿון דער מאָדנער צוזאַמענשטעלונג און פֿון די שטאַרקע אויסדריקע פֿון דער אַלט פֿראַנצויזישער שפּראַך פֿון יענע צייט ביכער. פֿאַר מיר האָט זיך געעפֿענט א נייע געזעלשאַפֿטס־געביידע און אַ גאַנצע וועלט מיט קאָמפּליצירטע פֿאַרהעלטניסע. פֿון דאַן אָן בין איך געקומען צום שלוס, אַז די אָריגינעלע היסטאָרישע קוועלען זיינען פֿיעל בעסער ווי די ווערק פֿון די היינטוועלטיגע אַלגעמיינע כללים, אין וועלכע מי פּאַקט אַריין די אַבערגלויבענס פֿון דער מאָדערנער פּאָליטיק, אָדער גאָר בלויזע אַלגעמיינע פֿאָרמולעס, אַנשטאַט איבערצוגעבען דאָס אמת׳ע לעבען פֿון די פּעריאָדע. קיין זאַך גיט ניט דער אינטילעקטועלער ענטוויקלונג אַזאַ׳ן אַנשטויס ווי אַ געוויסע אונהאַבהענגיגע נאַכפֿאָרשונג און דיזע שטודיומס מיינע האָבען מיר נאַכהער זעהר פֿיעל געהאָלפֿען.

צום אומגליק האָב איך זיי געמוזט אויפֿגעבען, ווען איך בין אַריין אין צווייטען קלאס (דער קלאַס פֿאַר׳ן לעצטען). די פּאַזשען האָבען געמוזט אויסלערנען אין די לעצטע צוויי יאָהר אַזוי פֿיעל, ווי אין דריי באַ־

זונדערע קלאַסען אין אַלע מיליטער שולען און מיר האָבען געהאַט אַ מאַסע אַרבייט. נאַטירוויסענשאַפֿט, מאַטהעמאַטיק און מיליטער קענטניסע האָבען, זעלבסטפֿערשטענדליך, היסטאָריע אין גאַנצען פֿאַררוקט אין אַ זייט.

אין צווייטען קלאַס האָבען מיר זיך ערנסט גענומען צו פֿיזיקע. מיר האָבען געהאַט אַ אויסגעצייכענטען לעהרער, אַ זעהר געבילדעטען מאַן מיט אַ סאַרקאַסטישען גייסט, וועלכער האָט פֿיינט געהאַט סתם לערנען אויף אויסווייניג און האָט געשטרעבט אונז צו לערנען דענקען, ניט מיר זאָלען אויסזוברעווען פֿאַקטען. ער וואַר אַ גוטער מאַטהעמאַטיקער און ער האַט מיט אונז געלערענט פֿיזיקע אויף אַ מאַטהעמאַטישען באַזיס, אין דער זעלבער צייט ערקלערענדיג אויסגעצייכענט גוט די הויפּט אידעען פֿון פֿיזישער פֿאָרשונג און פֿיזישע אפּאַראַטען. מאַנכע פֿון זיינע פֿראַגען וואַרען אַזוי אָריגינעל און די ערקלערונגען אַזוי קלאָהר, אַז זיי האָבען זיך מיר איינגעקריצט אין מיין מוח אויף אימער און אייביג.

אונזער טעקסט בוך איבער פֿיזיקע איז ניט געווען קיין שלעכטער, אבער עס איז שוין געווען צימליך אַלט און אונזער לעהרער, וועלכער פֿלעגט געברויכען זיין אייגענע סיסטעמע אין לערנען, האָט אָנגעהויבען צו פֿאַרפֿערטיגען אַ קורץ געפֿאַסטע צוזאַמענשטעלונג פֿון זיינע לעקציעס. אין עטליכע וואָכען אַרום איז עס עפּעס אַזוי אויסגעקומען, אַז דיעזע אַרבייט איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען און דער לעהרער, אַלס אמת'ער פּעדאַגאָג האָט מיר אַנגפֿערטרויט די גאַנצע פֿערפֿאַסונג, נאָר וואָס ער פֿלעגט מגיה זיין די קאָרעקטור. ווען מיר זיינען געקומען צו קאַפּיטלעך איבער היץ, עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזמוס, האָבען זיי געמוזט אין גאַנצען אָריגינעל געשריעבען ווערען, מיט פֿיעלע ענטוויקלונגען און דאָס האָב איך געטאָהן און האָב אַזוי אַרום פֿאַרפֿאַסט כמעט אַ פֿאָלשטענדיגען טעקסט בוך איבער פֿיזיקע, וועלכעס וואַר אָבגעדרוקט פֿאַר די שולען.

אין צווייטען קלאַס האָבען מיר אָנגעהויבען לערנען כעמיע און פֿון דעם האָבען מיר אויך געהאַט אַן אויסגעצייכענטען לעהרער,—וועלכער האָט זיין זאַך הייס געליעבט און ער האָט זעלבסט געמאַכט אָריגינעלע פֿאָרשונגען אין דיעזער וויסענשאַפֿט. אין די יאָהרען 1859—61 האָט זיך אין עולם דערוועקט אַ שטאַרקער חשק צו לערנען נאַטור־וויסענשאַפֿט. גראָוו, קלאַאוזאס, זשול און סעגין האָבען באַוויזען, אַז היץ און אַלע פֿיזישע קרעפֿטען זיינען בלויז פֿערשידענע אַרטען בעוועגונגען. העלמהאָלץ האָט צו יענער צייט אָנגעהויבען צו מאַכען זיינע עפּאָכאַ־מאַכענדע נאַכפֿאָרשונגען וועגען קלאַנג. טינדאַל, האָט אין זיינע פּאָפּולערע לעקציעס, כמעט געמאַכט דעם צוהערער אָנטאַפּען מיט די הענד די אַטאָמען און די מאָלע־

קולען און מענדעליעיעף, לאָטהאַר מייער און ניולאַנדס, האָבען ענדעקט די פּעריאָדישע געזעץ פֿון די עלעמענטען. דאַרווין מיט זיין „אורשפּרונג פֿון מינים", האָט רעוואָלוציאָניזירט אלע ביאָלאָגישע וויסענשאַפֿטען. וועהרענד קאַרל פֿאָכט און מאַלעשאָט, נאַכפֿאָלגענדיג קלאָהד בערנאַר, האָבען געלעגט דעם פֿונדאַמענט פֿון אמת׳ער פּסיכאָלאָגיע. דאָס וואַר א צייט ווען די וויסענשאַפֿט האָט ערוואַכט און קיינער האָט ניט געקענט ווידערשטעהען דעם שטראָם, וועלכער האָט מיטגעשלעפּט די מוחות אין דעם קוואַל פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿטען. מאַסען פּרעכטיגע ביכער זיינען דאַן אַרויסגעגעבען געוואָרען אין רוסישער איבערזעצונג און איך האָב גלייך פֿארשטאַנען, אַז וואָס מי זאָל שפּעטער ניט שטודירען, דער פֿונדאַמענט מוז יעדענפֿאַלס זיין אַ שטודיום פֿון נאַטור־וויסענשאַפֿטען און זייערע מעטהאָדען. מיר האָבען זיך צוזאַמענגענומען זאַל׳בא פֿינפֿט אָדער זאַל׳באַ זעקסט, צוזאמענצושאפֿען א שטיקעל לאַבאָראַטאָריע פֿאַר זיך. מיט עלעמענטאַרע אפּאַראַטען, וועלכע שטעקלער׳ס פּראַכטפֿאָלער בוך רעקאָמענדירט פֿאַר אנפֿאַנגער, האָבען מיר אָנגעהויבען אונזער לאַבאָראַטאָריע אין אַ קליינעם שלאָף־צימער פֿון אונזערע צוויי קאַמעראַדען, די געברידער זאַסעצקי. זייער פֿאָטער, אַן אַלטער אויסגעדינטער אַדמיראַל, איז געווען מלא שמחה וואָס זיינע זיהן האָבען זיך באַשעפֿטיגט מיט אַזאַ ניצליכע לעהרע און ער האָט גאָר ניט געהאַט דאַגעגען וואָס מיר זיינען זיך צוזאַמענגעקומען זונטאַג און יום טובים אין זיין הויז. מיט דער הילפֿע פֿון שטעקלער׳ס בוך, האָבען מיר געמאַכט אַלע עקספּערימענטען סיסטעמאַטיש. איך בין זיך מתודה, אַז איין מאָהל האָבען מיר שיעור ניט אונטערגעצונדען די הויז און פֿיעלע מאָהל האָבען מיר פֿאַרגיפֿטעט די צימערען מיט אַלערליי גיפֿטיגע גאַזען. אָבער ווען מיר האָבען דאָס ביי׳ן מיטאָג דערצעהלט דעם אַדמיראַל, האָט ער זיך גאַנץ גלייכגילטיג געענטפֿערט, אַז דיזעלבע סיבה האָט שיעור ניט געטראָפֿען איהם אַליין, בעת ער האָט מיט זיינע חברים געמאַכט פּונש זיך משמח צו זיין, וועהרענד די מוטער האָט בלויז געזאָגט, זיך שטאַרק פֿאַרהוסטענדיג: „פֿאַרשטעהט זיך, אויב עס איז נויטיג פֿאַר אייער שטודיום צו בעריהרען אַזעלכע שרעקליך ריעכענדע שטאָפֿען, טאָ וואָס קען מען זיך העלפֿען!"

נאָך מיטאָג פֿלעגט זי זיך אַוועקזעצען ביי דער פּיאַנאָ און מיר פֿלעגען זינגען דועטען, טריאָס און כאָרוס־שטיקער פֿון דער אָפּעראַ ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. אַ ניט, פֿלעגען מיר גאָר דורכזינגען אַ גאַנצע איטאַליענישע אָדער רוסישע אָפּערא פֿון אָנהייב ביז׳ן סוף, — די מוטער און די טאָכטער אַלס פּרימאַדאָננאַס, און מיר האָבען ווי עס איז דורכגעגאַנגען די איבריגע ראָלען. כעמיע און מוזיק זיינען אַלזאָ געגאַנגען האַנד אין האַנד.

העבערע מאַטעמאַטיק האָט איך פֿאַרנומען פֿיעל פֿון מיין צייט. עטליכע פֿון אונז האָבען שוין געהאַט אָבגעמאַכט ניט אַריינצוטרעטען אין גוואַרדיע אַריין, וואו אונזער גאַנצע צייט זאָל זיין פֿאַרנומען מיט מיליטערישע דרילען און פּאַראַדען און מיר האָבען געהאַט בדעה אָנצוקומען נאָכ'ן עקזאַמען אין איינע פֿון די מיליטערישע אַקאַדעמיעס:—אַרטילעריע אָדער אינזשיניערסטווע. אום דאָס אויסצופֿיהרען, האָבען מיר זיך געמוזט פֿאָרפֿאַרטיגען אין העבערע געאָמעטריע און מאַטהעמאַטיק און צוליעב דעם האָבען מיר געמוזט נעהמען פּריוואַט לעקציעס און אַזוי ווי מי האָט אונז אונטעריכטעט אין עלעמענטאַרנע אַסטראָנאָמיע אונטער דעם נאָמען מאַטהעמאַטישע געאָגראַפֿיע, האָב איך מיך אַריינגעטאָן אין אַסטראָנאָמישע ביכער, בעזונדערס דעם לעצטען יאָהר וואָס איך בין געוועזן אין דער שולע. דאָס ניע־אויפֿהערענדע לעבען פֿון דער אַלל־וועלט, וועלכעס איך האָב פֿאַרשטאַנען אַלס לעבען און עוואָלוציאָן, איז פֿאַר מיר געוועזן אַן אונערשעפּליכע קוועלע פֿון העבערען פּאָעטישען געדאַנקען און ביסלעכווייז איז דער זין פֿון דעם מענשען'ס איינהייט מיט דער נאַטור, די לעבעדיגע און די ניט לעבעדיגע—די פּאָעזיע פֿון דער נאַטור—געוואָרען די פֿילאָזאָפֿיע פֿון מיין לעבען,

אויב דאָס לערנען אין די שולען וואָלט בעשטאַנען בלויז פֿון די געגענשטענדע וואָס איך האָב דערמאָהנט, וואָלט אויך אונזער צייט געווען כמעט גענצליך פֿאַרנומען. אבער מיר האָבען אויך געמוזט לערנען היסטאָריע, געזעץ—ד. ה. די הויפּט פּרינציפּען פֿון דעם רוסישען קאָדעקס,— און פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ווי אויך אַ קורס אין סטאַטיסטיקע. און מיר האָבען געמוזט אויסלערנען היבשע קורסען איבער מיליטערישע וויסענשאַפֿטען,—טאַקטיק, מיליטער געשיכטע (די מלחמות פֿין 1812 און 1815) מיט אַלע איינצעלהייטען, איבער אַרטילעריע און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון פֿעסטונגען.

וואַרפֿענדיג אַ ריק־בליק אויף דיזע בילדונג, דענק איך, אז אויסער די מיליטערישע שטודיום'ס, וואָלטען די אַלע געגענשטענדע, וועלכע מי האָט אונז געלערענט, ניט געווען צו פֿיעל פֿאַר דעם דורכשניטליכען שילער. די מייסטע פֿון אונז האָבען זייער אַרבייט ריכטיג דורכגעזעצט. מאַנכע לעהרען ווינען דאָס רוב פֿאַרנאַכלעסיגט געוואָרען, בעזאָנדערס געזעץ, ווי אויך מאָדערנע געשיכטע, פֿאַר וועלכע מיר האָבען לײדער געהאַט אן אַלטען שאַרבען אַלס לעהרער, וועמען מי האָט געהאַלטען אויף דער שטעלע נאָר אום איהם צו צאָהלען זיין פּענסיאָן אויף דער עלטער. און ווידער איז געווען גוט וואָס מי האָט אונז געגעבען די מעגליכקייט אויסצוקלייבען ד

לעהרען, וועלכע מיר האָבען געוואָלט און כאָטש מי איז זיך מיט אונז בע־גאַנגען זעהר שטרענג ביים עקזאַמען פֿון די פֿון אונז געוויילטע געגענ־שטענדע, האָט מען אבער דערפֿאַר גאַנץ ווענינ געקוקט אויף די איבריגע עקזאַמענס. אבער די הייפּט אורזאַכע פֿון אונזער פֿאַרהעלטניסמעסיגען ער־פֿאָלג אין דיזער שולע איז געווען דאָס, וואָס דאָס לערנען איז צוגעגאַנגען אַזוי פּראַקטיש און קאָנקרעט *) ווי מעגליך. קוים האָבען מיר געהאט אויס־געלערנט עלעמענטאַרע געאָמעטריע אויף פּאַפּיער, האָבען מיר דאָס גלייך איבערגע'חזר'ט אויפ'ן פֿעלד, מיט דרענגלעך און אינזשענירסקע מאָסען און דאַן מיט'ן קאָמפּאַס און אַנדערע אינסטרומענטען.

נאָך אַזאַ פּראַקטישע ערציהונג, איז עלעמענטאַרנע אַסטראָנאָמיע לייכט צוגעגאַנגען, בעת די מעסטונגען גופא זיינען פֿאַר אונז געווען אַן אונענדליכע קוועלע פֿון פֿאַרגעניגען.

די זעלבע קאָנקרעטע סיסטעמע איז אָנגעווענדעט ביי די פֿעסטונגען' אין ווינטער האָבען מיר געמאַכט אַזעלכע אויפֿגאַבען ווי די למשל: האָ־בענדיג אַ טויזענד מאַן און אַ צוויי וואָכען צייט, בוי אויף די שטאַרקסטע פֿעסטונג וואָס דו קענסט נאָר, צו בעשיצען יענעם בריק פֿאַר אַן אַנטלויי־פֿענדע אַרמעע. און מיר האָבען שטאַרק דיסקוטירט אונזערע פּלענער, ווען אונזער לעהרער האָט זיי קריטיקירט.

אין זומער האָבען מיר אָנגעווענדעט אונזערע קענטניסע אין פֿעלד. צו דיזע פֿראַקטישע איבונגען שרייב איך צו דעם פֿאַקט, וואָס די מייסטע פֿון אונז האָבען אַזוי לייכט ערלערענט פֿיעלע וויסענשאַפֿטליכע זאַכען צו זיבעצען אָדער אַכצען יאָהר.

דאָך האָבען מיר געהאַט גענוג צייט צו אַמוזירען זיך און אויף אַלע מיני שטיפֿעררייען. אונזער בעסטע צייט וואַר נאָכ'ן עקזאַמען, בעת מיר האָבען געהאַט אַ דריי, פֿיער וואָכען צימליך פֿרייע, בעפֿאָר מי איז אַרויס פֿון לאַגער, אָדער ווען מי איז צוריק געקומען פֿון לאַגער און נאָך אַ דריי פֿרייע וואָכען בעפֿאָר די לעקציעס האָבען זיך אָנגעהויבען.

די עטליכע פֿון אונז וואָס זיינען דאַן פֿאַרבליעבען אין דער שולע, האָבען געקענט נעהן און קומען ווען זיי האָבען געוואָלט. עסען און שלאָ־פֿען האָבען זיי אימער געקענט אין קאָרפּוס. איך האָב געאַרבייט אין דער ביבליאָטעק, אָדער האָב בעזוכט די בילדער גאַלעריען, שטודירענדיג איינ־ציגווייז אַלע בעסטע בילדער פֿון יעדער שולע באַזונדער. אָדער איך בין

*) קאָנקרעט, פֿאַרקערפּערט, ניט אַבסטראַקט, נור אָנגעווענדעט מיט פּראַקטישע ביי־שפּיעלע און אויף קערפּערליכע זאַכען. דער איבערזעצער.

אַרומגעגאַנגען אין די פֿאַרשיעדענע קאַזיאָנע פֿאַבריקען פֿון קאָטאָן, באַוועל, אייזען פּאָרצעליי און גלאָז, וועלכע זיינען אָפֿען פֿאַר אַלעמען. אַמאָל זיינען מיר אַרויס זיך שיפֿען אויף דער נעוואַ, פֿאַרברענגענדיג די גאַנצע נאַכט אויפֿ'ן טייך. אַמאָהל אויפֿ'ן פֿינלענדעשען זאַליוו מיט די פֿישערלייט —אַ מעלאַנכאָלישע צפֿון נאַכט, אין וועלכער עס קומען זיך צוזאַמען דער מאָרגענשטערען מיט דער גליהענדער רויטקייט פֿון'ם זונען אונטערגאַנג. דאַמאָלס קען מען לייענען אַ בוך אויף דער פֿרייער לופֿט אין מיטען נאַכט. אויף דעם אַלעם האָבען מיר געהאַט גענוג צייט.

נאָך דעם ווי איך האָב בעזוכט די פֿאַבריקען, האָב איך ליעב געקראָגען די שטאַרקע און פֿאָלקאָמענע מאַשינעריע. זיך צוקוקענדיג ווי אַ ריזיגע לאַפּע רוקט זיך אַרויס פֿון אַ הייזעל, גיט אַ כאַפּ אַריין אַ קלאָץ, וואָס עס שווימט אויף דער נעוואַ, שלעפּט איהם אַריין אינעווייניג און לייגט איהם אַרונטער אונטער אַ זעג, וועלכע צושניידט איהם אויף ברעטער, אָדער זעהענדיג, ווי פֿון אַ קאָלאָסאַלען פֿייערדיג־רויטען שטאַב אייזען ווערט אין דער מינוט געמאַכט אַ רעלסע, בלויז דורכגעהענדיג דורך צוויי צילינדערס,—האָב איך אָנגעהויבען פֿאַרשטעהען די פּאָעזיע פֿון מאַשינעריע. אין די היינטיגע פֿאַבריקען הרג'עט די מאַשינ־אַרבייט אַוועק דעם אַרבייטער דערפֿאַר, ווייל ער ווערט אויף זיין גאַנצען לעבען אַ קנעכט צו זיין מאַשין אַן עבד כנעני פֿאַרקויפֿט אויף אייביג. אין דעם איז נעמליך שולדיג די שלעכטע אָרגאַניזאַציאָן, און דאָס האָט לחלוטין גאָר ניט צו טאָהן מיט דער מאַשין גופא. איבער אַרבייט און טהוענדיג תמיד דיזעלבע זאַך, איז אימער שלעכט, צו די אַרבייט ווערט געטאָהן מיט'ן האַנד, צו מיט פּראָסטע כלים, צו מיט דער מאַשין. אבער אַרבייטענדיג מעסיג און ביי פֿערשידענע מלאכות קען איך גאַנין לייכט בעגרייפֿען דעם פֿערגעניגען, וואָס אַ מענש קען האָבען, וויסענדיג די מאַכט פֿון זיין מאַשין, דעם שכל פֿון איהר ווערק, די ערליכקייט פֿון איהרע בעוועגונגען און די פּינקטליכקייט, מיט וועלכער זי טהוט איהר זאַך. און איך רעכען, אַז דאָס וואָס וויליאַם מאָריס האָט אַזוי פֿיינד געהאַט די מאַשין, איז עס געווען דערפֿאַר, ווייל זיין גרויסהר פּאָעטישער גייסט האָט דאָך ניט בעגריפֿען די ערליכקייט און די מאַכט פֿון דער מאַשין.

מוזיק האָט אויך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין מיין ענטוויקלונג. פֿון איהר האָב איך געשעפּט נאָך מעהר נחת און ענטהוזיאַזמוס, ווי פֿון פּאָעזיע. די רוסישע אָפּערע האָט נאָך דאַמאָלס קוים עקזיסטירט. אָבער די איטאַליענישע אָפּערע, וועלכע האָט געהאַט אַ סך בעריהמטע קינסטלער, איז געווען די פּאָפּולערסטע אינסטיטוציאָן אין פּעטערסבורג. ווען די פּרימאַדאָנאַ

באָסיאָ איז קראַנק געוואָרען, זיינען טויזענדער מענשען, בעזונדערס די יונגע לייט, געשטאַנען ביי איהר האָטעל ביז שפּעט ביי נאַכט, וואַרטענדיג אויף די נייעס מכח איהר צושטאַנד. שעהן איז זי ניט געווען, אָבער בעת זי האָט געזונגען, האָט עס אויסגעזעהען אַזוי בעצויבערענד, אַז הונדערטע יונגע לייט האָבען זיך אין איהר שטערבליך פֿאַרליעבט. און ווען זי איז געשטאָרבען, האָט זי געהאַט די גרעסטע לויה וואָס פּעטערסבורג האָט נאָך יע געזעהען. די שטאָדט איז דאַמאָלס געווען צוטהיילט אויף צוויי לאַגערן: די ליעבהאַבער פֿון איטאַליענישער אָפּערע און די ליבהאַבער פֿון דער פֿראַנצויזישער אָפּערע, וועלכע האָט שוין דאַן אָנגעפֿאַנגען אַרויסצואווייזען דעם פֿארפּעסטעטען אָפֿענבאכישען שטרום, וועלכער האָט מיט עטליכע יאָהר שפּעטער ואַראַזשעט גאַנץ איירראָפּא. אונזער קלאַס איז אויך געווען צוטהיילט אויף צוויי טהיילען און איך האָב בעלאַנגט צו דעם איטאַליענישען לאַגער. אויף דער גאַליאָרקע און אויפ'ן באַלקאָן האָט מען אונז פֿאַרוועהרט געהן, אָבער אַלע לאָושען פֿון דער איטאַליענישער אָפּערע זיינען שוין געווען מיט מאָנאַטען צוריק פֿאַרקויפֿט און אַ סך פֿאַמיליעס פֿלעגען ווי גאַר איבערלאַזען בירושה צו זייערע קינדער. שבת־צו־נאַכט פֿלעגען מיר זיך אַרויפּכאַפּען אויף דער גאַליאָרקע, וואו מיר האָבען געמוזט שטעהען און שוויצען ווי אין אַ שוויץ־באָד, אום צו בעהאַלטען אונזערע מונדירען, האָבען מיר געטראָגען אונזערע וואַטאָווע מאַנטלען, מיט פּעלצענע קראַגענס, פֿעסט צוגעשפּילעט טראָץ דער שרעקליכער היץ. א חידוש וואָס מיר האָבען קיינער ניט געקראָגען קיין לונגען ענצינדונג, בעזאָנדערס נאָכדעם, ווי מיר האָבען זיך נאָך דערצו שטאַרק דערהיצט, אַפּלאָדירענדיג אונזערע ליעבלינגס־זינגער און נאָכדעם, ווי מיר פֿלעגען נאָכהער שטעהען ביים סטיידזש־טיר, אום האָטש נאָך איין קוק צו טאָהן אויף די פֿאַרגעטערטע ליעבלינגע אונזערע.

די איטאַליענישע אָפּערע איז עפּעס אין יענע יאָהרען אויסגעקומען ענג פֿאַרבונדען מיט דער ראַדיקאַלער בעוועגונג און די רעוואָלוציאָנערע דעקלאַמאַציאָנען פֿון „ווילהעלם טעלל" און די „פּוריטאַנער" זיינען אימער אַזוי שטורמיש אַפּלאָדירט געוואָרען, אַז אַלעקסאַנדער דעם צווייטען פֿלעגט אַוש דורכלויפֿען אַ שוידער איבער די ביינער. אויף דער זעקסטער גאַליאָרקע און אין דעם רויך־צימער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די בעסטע פּעטערסבורגער יוגענד מיט אַן אַלגעמיין אידעאַליסטישער פֿאַרגעטליכונג פֿון אַ נאָבלער קונסט. דאָס אַלעס מעג זיך אייך אויסווייזען קינדעריש, אָבער פֿיעלע העכערע אידעאַלען און ריינע בעגייסטערונג זיינען אין אונז אָנגעצונדען געוואָרען דורך דיעזע פֿאַרגעטליכונג פֿון אונזערע ליבלינגס אַרטיסטען,

7.

פֿעדען זומער פֿלעגען מיר ארויס אויפֿ'ן לאַגער אין פּעטערהויף צוזאַמען מיט די אַנדערע מיליטערישע שולען פֿון פּעטערסבורג. בכלל, איז דאָרט אונזער לעבען געווען אַ זעהער אנגענעהמענער און עס איז זי־בער געווען אויסגעצייכענט פֿאַר אונזער געזונד. מיר זיינען געשלאָפֿען אין גרויסע פּאַלאַטקעס, האָבען זיך געבאָדען אין ים און פֿלעגען זעהר פֿיעל פֿאַרברייננגען אויף דער פֿרייער לופֿט.

אין מיליטערישע שולען איז נאַטירליך דער הויפּט צוועק פֿון דעם לאַגער־לעבען געווען דאָס מיליטערישע מושטירען, וועלכעס מיר האָבען אַלע פֿיינט געהאַט, אַ חוץ, וואָס די מאַנעווערס, אין וועלכע מיר האָבען זיך בעטיהיליגט פֿלעגען אונז אביסעל לעבעדיג מאַכען. איין נאַכט, גראַד ווען מיר זיינען זיך געגאַנגען לייגען שלאָפֿען, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער פּלוצלינג איבעראַשט דעם גאַנצען לאַגער מיט אַלאַרם גלאָקען. אין עטליכע מינוט צייט איז דער גאַנצער לאַגער געווען אויף די פֿיס,—עטליכע טויזענט אינגלעך האָבען זיך פֿאַרזאַמעלט אַרום זייער פֿלאַג און די קאַנאָנען פֿון דער אַרטילעריע שולע האָבען געדונערט אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט.

דאָס גאַנצע מיליטערישע פּעטערהויף איז געקומען צו גאַלאָפּירען צום לאַגער, אָבער איבער אַ צופֿאַל איז גראַד דער קייזער געבליעבען אָהן אַ פֿערד. שלוחים זיינען צושיקט געוואָרען איבעראַל, אַרומלויפֿענדיג ווי די משוגעים און זוכענדיג אַ פֿערד פֿאַר איהם אָבער, עס איז ניט געווען און אַזוי ווי ער איז ניט געווען פֿון די גוטע רייטער, האָט ער ניט געוואָלט רייטען אויף אַ פֿרעמדען פֿערד. ער האָט געברענט פֿון כעס און האָט זיין גרימצאָרן גאַנץ אָפֿען אַרויסגעוויזען.

„דוראַק, דו איינער, האָב איך דען בלויז איין פֿערד?" האָב איך געהערט ווי דער קייזער האָט אַ געשריי געטאָהן אויפֿ'ן אָפֿיציער, וועלכער האָט איהם מודיע געווען, אַז זיין פֿערד איז אין אַן אַנדער לאַגער.

מיט דער אָנקומענדער פֿינסטערניש, דעם דונערען פֿון די קאַנאָנען, דער געקלאַפּערײ פֿון דער קאַוואַלעריע, זיינען מיר אינגלעך געוואָרען אַלץ מעהר אויפֿגערעגט און ווען אַלעקסאַנדער האָט געגעבען דעם באַפֿעהל: „מאַרש!" האָט אונזער רייהע געגומען געהן גלייך אויף איהם. ענג צו־זאַמענגעדריקט מיט אויסגעשטעלטע באַיאָנעטען, האָבען מיר וואַהרשיינליך מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ שרעקליכע מאַכט. און איך האָב געזעהען ווי

דער קייזער איז מיט שרעק אָבגעשפּרונגען אויף צוריק, מאַכענדיג אַ וואַרע פֿאַר אונזערע באַיאָנעטען. איך האב דאַמאָלס בעגריפֿען די בעדייטונג פֿון אַן ענגע רייהע סאָלדאטען מאַרשירענדיג אונטער די אויפֿרעגונג פֿון מוזיק און דעם מאַרש גופֿא. אָט איז פֿאַר אונז געשטאַנען דער קייזער, אונזער קאָמאַנדירער, וועלכען מיר אַלע האָבען פֿאַרגעטערט. און פֿון דעסטוועגען האָב איך געפֿיהלט, אז אין דיעזער בעוועגענדער מחנה וואָלט קיין איינ-ציגער פּאַוש אָדער קאַדעט ניט צוריקגעטרעטען אַפילו ניט קיין איין טריט צומאַכען פּלאַץ פֿאַר איהם. מיר זיינען געווען די מאַרשירענדע רייהע, ער איז אונז בלויז געווען אַ שטערונג און מיר וואָלטען זיכער איבער איהם אַריי-בערגעמאַרשירט. „צו וואָס שטעהט ער אונז אין וועג?" האָבען די פּאַזשען דערנאָך געטענה'ט. איינגלעך, מיט ביקסען אין די הענד, זיינען אין אַזאַ פֿאַל נאָך פֿיעל מורא'דיגער ווי אלטע סאָלדאַטען גופֿא.

נעכסטען יאָהר, בעת מיר האָבען זיך בעטהייליגט אין די גרויסע מאַנעווערס פֿון דער פּעטערסבורגער פֿעסטונג, האָב איך בייגעוואוינט עט-וואָס, וואָס איז עהנליך אויף אַ ריכטיגע מלחמה. צוויי טעג דורכאַנאַנד האָבען מיר געהאַלטען אין איין מאַרשירען אַהין און צוריק אַ שטח פֿון צוואַנציג מייל און האָבען ניט געהאַט דעם מינדעסטען בעגריף וואָס עס טהוט זיך אַרום אונז און צו וועלכען צוועק מי מאַרשירט אונז אַרום. עס האָבען זיך געהערט קאַנאָנען, אַמאָל נאָהענט און אַמאָל ווייט פֿון אונז. אָט הערען מיר אַ שטאַרקע שיסעריי אין די בערג און אין די וועלדער. אָפֿי-צירען לויפֿען אַרום ווי פֿערסס'טע, אָט האָבען זיי געבראַכט אַ באַפֿעהל מאַרשירען פֿאָרווערטס און אָט באַפֿעהלען זיי שוין גלייך זיך צוריק צו ציהען און מיר האָבען מאַרשירט, און מאַרשירט, ניט זעהענדיג דעם מינדעסטען זינען אין אַלע דיעזע קאָמישע באַוועגונגען. מחנות קאַ-וואַלעריע זיינען פֿאַרביי אויף דעם זעלבען וועג און האָבען נאָך טיפֿער גע-מאַכט די זאַמדיגע גריבער און מיר האָבען זיך אַלץ געמוזט שלעפּען דאָ אַהין, דא צוריק אויף דעם זעלבען שלאַך, ביז אונזער באַטאַליאָן האָט גע-בראָכען די גאַנצע דיסציפּלין און איז געוואָרען אַ צוואוואָרפֿענע מאַסע פּיל-גרימער אַנשטאַט אַ מיליטערישע איינגקייט. בלויז דער באַנער-טרעגער איז געבליבען אויפֿ'ן וועג. די איבריגע זיינען זיך פּשוט אַרומגעקראָכען ביי די זייטען וועג אין וואַלד. די בעפֿעלען און די בקשות פֿון די אָפֿי-צירען זיינען געווען אַרויסגעוואָרפֿען.

פּלוצלינג האָט זיך פֿון הינטען געהערט אַ געשריי: „דער קייזער קומט! דער קייזער!" די אָפֿיצירען זיינען געלאָפֿען אַהין און אַהער, אונז בעטענדיג מיר זאָלען אַריין אין די רייהען. קיינער האָט זיי ניט געהערט.

דער קייזער איז אָנגעקומען און האָט באַפֿוילען זיך צוריק צו ציהען. „נאַזאַר!" האָט געדונערט דער באַפֿעהל, „דער קייזער איז אונטער אונז. דרעהט זיך אום", האָבען די קאָמאַנדירען זיך געבעטען שטילערהייט. אבער דער באַטאַליאָן האָט זיי געהערט ווי די קאַץ, מיט'ן קייזער, מיט אַלע צוזאַמען. צום גליק, איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער ניט געווען קיין פֿאַנאַטישער מיליטעריסט און אונז זאָגענדיג עטליכע ערמוטהיגענדע ווערטער אונז צוזאָגענדיג רוהע, איז ער אַוועקגאַלאָפּירט.

איך האָב דאַן ערשט פֿאַרשטאַנען וויפֿיעל עס היינגט אָב, אין דער צייט פֿון קריעגס־פֿיהרונג, פֿון דעם גייסטיגען צושטאַנד פֿון די טרופּען און ווי ווייניג די דיסציפּלינע קען אויפֿטאָהן, ווען די סאָלדאַטען זיינען מיעד און איבערגעאַרבייט. וואָס העלפֿט די דיסציפּלינע, ווען פֿאַרמאַטערטע טרופּען זיינען געצוואונגען צו מאַכען אַ מעכטיגע אַנשטרענגונג צו צוקומען צום שלאַכט פֿעלד אין אַ בעשטימטע שטונדע.

עס איז אומזיסט די אַרבייט; נור ענטהוזיאַזמוס און צוטרויען קענען אין אַזעלכע מאָמענטען אַרויסרופֿען „דאָס אונמעגליכע" ביי די סאָלדאַטען און ס'איז תמיד דאָס אונמעגליכע, וועלכעס מוז אויפֿגעטאָהן ווערען אום צו האָבען ערפֿאָלג. ווי אָפֿט פֿלעג איך זיך דערמאָנען אָן דיעזער לעקציע שפּעטער, ווייענדיג אין סיביר, וואו מיר האָבען אויך געמוזט אויפֿטאָהן „אונמעגליכעס" אין דער צייט פֿון אונזער וויסענשאַפֿטליכער עקספּעדיציאָן.

אין דעם לאַגער האָבען מיר זיך אָבער זעהר ווייניג באַשעפֿטיגט מיט מושטירען. אונזער צייט האָבען מיר פֿאַרבראַכט מיט פּראַקטישע אַרבייט, מעסטענדיג די געגענד און בויענדיג פֿעסטונגען. נאָך עטליכע לעקציעס האָט מען אונז געגעבען אַ קאָמפּאַס און מען האָט אונז געהייסען מאַכען אַ פּלאַן פֿון אַ געוויסע אָזערע, שאָסייען, אדער פּאַרקס, אויסמעסטענדיג די ווינקלען מיט'ן קאָמפּאַס און דעם וועג מיט די פֿוסטריט. גאַנץ פֿריה, נאָך אַ שנעל אַריינגעכאַפּטען פֿריהשטיק, פֿלעגען מיר זיך אָנשטאָפּען די טיעפֿע קעשענעס פֿון די שינעלען מיט מוציא'ס ראַזעווע ברויט און פֿלעגען זיך אַוועקלאָזען אויף פֿיער, פֿינף שטונדען אין די פּאַרקס, מיילען ווייט, אויסלייגענדיג אויף אונזערע לאַנד־קאַרטען די שעהנע שאַטענדיגע וועגען, די טייכלעך און די אָזערעס. דיעזע אַרבייט האָט מען נאַכהער פֿערגליכען מיט ריכטיגע קאַרטען און די בעסטע האָבען געקראָגען מעדאַלען. פֿאַר מיר איז דיעזע אַרבייט געווען אַ העכסט אַנגענעהמע. די אונהאַבהענגיגע אַרבייט, די אָבזונדערונג אונטער די הונדערט־יעהריגע בוימער, דאָס לעבען אין וואַלד, וועלכעס איך האָב געקענט

געניסען אונגעשטערט און אין דער זעלבער צייט די אינטערעסע אין דער אַרבייט גופא—אַלעס וואָס האָט זיך טיעף איינגעקריצט אין מיין זכרון און ווען איך האָב נאַכהער געמאַכט מיינע סיבירישע עקספּעדיציעס און עטליכע קאַמעראַדען מיינע האָבען אויסגעפּאָרשט צענטראַל אַזיען, זיינען דיעזע פּראַקטישע לעקציעס אונזערע, אונז זעהר גוט צונוץ געקומען.

ענדליך, אין דעם לעצטען קלאַס, האָט מען געפּלעגט נעהמען גרופּען פון פיער שילער און זיי אַרויספיהרען יעדען צווייטען טאָג אין די אַרומליגענדע דערפּלאַך און דאָרט האָבען זיי געמוזט מאַכען גענויע מעסטונגען פון עטליכע קוואַדראַט מיילען. די אָפּיצירען פון דעם גענעראַל־שטאַב זיינען פון צייט צו צייט געקומען רעווידירען אונזער ארבייט און אונז אַרויסצוהעלפען. דיעזער לעבען צווישען די מוזשיקעס אין די דערפּער האָט געהאַט די בעסטע ווירקונג אויף אונזער אינטעלעקטועלער און מאָראַלער ענטוויקלונג.

אויך געאָמעטריע האָבען מיר אויף אַזאַ פּראַקטישען אופן גרינדליך אויסגעלערענט.

מיר האבען געהאַט גרויס הנאה פון דיעזער אַרבייט. און איין מאָל אין שטאָדט, געפונענדיג אַ קופּע ליים און שטיינדלעך אין אונזער גאָרטען האָבען מיר אָנגעהויבען בויען אַן אמת'ע קליינע פעסטונג מיט ריכטיג אויסגערעכענטע גלייכע און קרומע קאַנאָנען־פענסטערלעך. אַלעס איז זעהר נעט געמאַכט געוואָרען און מיר האָבען זיך זעהר געסטאַרעט צוקריגען עטליכע ברעטער און צוזאַמענצושטעלען אַ פּלאַטפאָרמע פאַר די קאַנאָנען, וועלכע מיר האָבען געהאַט אין אונזערע קלאַס־צימער. אבער ליידער. אונזערע הויזען האָבען אויסגעזעהען שרעקליך. „וואָס טהוט איהר דאָרט?" האָט אונזער קאַפּיטאַן אַ געשריי געטהאָן. „איהר קוקט דאָך אויס ווי ערד גרעבער" (מיט דעם זיינען מיר דוקא שטאָלץ געווען.) „וואָס וואָלט געווען ווען דער גרויס־פירסט זאָל איך טרעפען אין אַזאַ צושטאַנד?"

„מיר ווילען איהם ווייזען אונזער פעסטונג און בעטען ער זאָל אונז געבען ברעטער פאַר פּלאַטפאָרמעס."

אונזער פּראָטעסטירען איז געווען אומזיסט. אויף מאָרגען האָט מען אַרויסגעשיקט אַ מחנה אַרבייטער צו צונעהמען אונזער הערליכע געבײדע פונקט אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ פּראָסטע קופּע מיסט.

איך דערצייל אייך דאָס, כדי צו צייגען ווי ווייט קינדער און ערוואַקסענע שילער גאַרען אויסצופיהרען פּראַקטיש דאָס, וואָס זיי לערנען אין די שולען טהעאָרעטיש. און ווי נאַריש עס זיינען די לעהרער, וועלכע קענען ניט זעהען, וואָס פאַר אַ מעכטיגע הילפע זיי וואָלטען געקענט געפּי־

נען אין דיזען הינזיכט. ווי ווייט זיי וואָלטען געקענט העלפֿען זייערע שילער גרינדליך צו בעגרייפען דעם ריכטיגען זינן פֿון דעם, וואס זיי לערנען. אין אונזער שולע האָט מען זיך געסטאַרעט אונז צו ערציהען בלויז פֿיר קריעגס־פֿיהרונג. מיר וואָלטען געוויס געאַרבייט מיט דעם זעלבען חשק ביים אויסלייגען אַן אייזענבאַהן, ביים בויען אַ הויז אָדער פֿלאַנצענדיג אַ גאָרטען. אָבער דיזער גאַנצער חשק פֿונ'ם יונגוואַרג צו אמת'ער אַרבייט ווערט איגנאָרירט איינפֿאַך דאַרום, ווייל אונזער בעגריף פֿון דער שולע איז נאָך אַלץ די פלפולים־לעהרע און דאָס מאָנאַסטיר־לעבען פֿון די מיטעלע יאָהרהונדערטע.

די יאָהרען 1857—61 זיינען געווען זעהר רייך אין אינטעלעקטועלע קרעפֿטען אין רוסלאַנד. אַלץ וואָס מי האָט אין די לעצטע צעהן יאָהר זיך געשושקעט אין די אויערען, ביי סעקרעטנע פֿערזאַמלונגען, אַלע געדאַנקען פֿון יענעם דור, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער רוסישער ליטעראַטור, דורך טורגעניעוו, טאָלסטאָי, הערצען, באַקונין, אָגאַריעף, קאַוועלין, דאָסטאָיעווסקי, גריגאָראָוויטש, אָסט־אָווסקי און ניעקראַסאָוו, האָבען זיך איצט אָנגעהויבען אַרויסצואווייזען אין דער עפֿענטליכער פרעסע. אמת, די צענזור איז נאָך געווען זעהר שטרענג, אָבער דאָס וואָס מען האָט ניט געקענט זאָגען אָפֿען אין פּאָליטישע אַרטיקלען, איז אַריינגעשמוגעלט געוואָרען דורך ראָמאַנען, הומאָריסטישע סקיצען, אָדער דורך פֿאַרשטעלטע פרושים אויף אייראָפּייאישע עראייגניסע. און יעדער איינער האָט געלייענט צווישען די שורות און האָט פֿאַרשטאַנען.

ניט האָבענדיג קיין בעקאַנטשאַפֿט אין פּעטערסבורג אויסער די שול חברים און די עטליכע קרובים מיינע, בין איך געווען גאַנץ אויסער דער ראַדיקאַלער באַוועגונג פֿון יענע יאָהרען—אין פֿאַקט מיילען ווייט פֿון איהר און דאָך איז דאָס פֿילייכט געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿון דער באַוועגונג וואָס זי האָט געהאַט די מאַכט אַריינצודרינגען אין אַזאַ „שטאַטעטשנער" שולע ווי אונזער קאָרפּוס איז געוועזן און צו געפֿינען אַן אָבקלאַנג אין אַזאַ מין צירקעל ווי דער, פֿון מיינע מאָסקווער קרובים.

צו יענער צייט פֿלעג איך פֿאַרברענגען מיינע זונטאַגס און די יום טובים אין דער הויז פֿון מיינע אַ מוהמע, די פֿרינצעסין מירסקי. פרינץ מירסקי האָט תמיד געטראַכט פֿון זעלטענע מאָהלצייטען. וועהרענד זיין ווייב און זייער יונגע טאָכטער האָבען געפֿיהרט אַ זעהר פֿריילינען לעבען. מיין קוזינע איז געווען אַ שעהנע ניינצעניעהריגע מיידעל, זעהר ליבליך און זעהר גוטמוטהיג און כמעט אַלע איהרע פלימעניקעס זיינען געווען פֿאַרליעבט אין איהר. זי ווידער איז געווען פֿאַרליעבט אין איינעם פֿון

זיי און האָט געוואָלט מיט איהם חתונה האָבען. אבער חתונה צו האָבען מיט אַ קאָזין איז ביי די פּראַוואָסלאַוונע אַ גרויסע עבירה. אומזיסט האָט נעבאַך די אַלטע פּרינצעסין געאַרבייט אַרויסצוקריגען אַ ספּעציעלע ערלויבנים פון די העכסטע בישאָפען. זי האָט געבראַכט איהר טאָכטער קיין פּעטערסבורג מיט דער האָפנונג, טאָמער וועט זי זיך דאָ אויסקלייבען אַן אַנדערען געליבטען פאַר אַ מאַן. אבער אומזיסט. פון דעסטוועגען איז זייער רייכע הויז תמיד געווען געפּאַקט מיט בריליאַנטענע יונגע לייט פון דער גוואַרדיע און פון דיפּלאָמאַטישע טשינאָווניקעס.

ווער וואָלט עס געדיינקט, אַז אַזאַ הויז זאָל האָבען די מינדעסטע שייכות מיט רעוואָלוציאָנערע אידעען? און דאָך איז עס געווען גראַדע דיעזעס הויז וואו איך האָב מיך בעקענט מיט דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פון יענער צייט. דער בעריהמטער דענקער הערצען, האָט אָקאָרשט געהאַט אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אין לאָנדאָן זיין זשורנאַל „פּאָליאַרנאַיאַ זוועזדאַ", וועלכער האָט געמאַכט אַ פוראָר אין רוסלאַנד, אפילו אין קייזערליכען צירקעל און איז אין געהיים שטאַרק פאַרברייטעט געוואָרען אין פּעטערסבורג. מיין קוזינע האָט איהם ערגעץ געקראָגען און מיר האָבען איהם געלעזען צוזאַמען. איהר האַרץ האָט רעבעלירט געגען די שטערונגען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אויף דעם וועג פון איהר גליק און איהר גייסט איז דאַרורך געווען נאָך מעהר גענייגט צו דער מעכטיגער קריטיק, וועלכע דער גרויסער שרייבער האָט געשליידערט געגען דער רוסישער סאַמאָדערזשאַוויע און געגען דעם גאַנצען צופוילטען כיכטעם פון רעגירונג. מיט אַ געפיהל, עהנליך צו פאַרגעטערונג, האָב איך געפלעגט קוקען אויפ'ן מעדאַליאָן, וואָס איז געווען געדרוקט אויף'ן טאָוועל פון זשורנאַל און וועלכער האָט פאָרגעשטעלט די נאָבעלע קעפּ פון די פינף דעקאַבריסטען, וועלכע ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געהאַנגען נאָך דער רעבעליאָן פון 14 דעצעמבער, 1825,—בעזטוזשעוו, קאָהאָווסקי, פּעסטעל, רילעעוו און מוראַוויאָוו־אַפּאָסטאָל.

די שעהנקייט פון הערצען'ס סטיל,—אויף וועמען טורגעניעוו האָט מיט רעכט געזאָגט, אַז ער שרייבט מיט בלוט און טרערען און אַז קיין רוסישער שרייבער האָט נאָך ניט אַזוי געשריבען,—די ברייטקייט פון זיינע געדאַנקען און זיין פלאַמענדע ליעבע צו רוסלאַנד האָבען מיך ווי בכשוף'ט און איך פלעג לייענען און ווידער לייענען יענע בלעטלעך, אפילו מיט מעהר האַרץ ווי קאָפּ.

אין 1859 האָב איך אָנגעפאַנגען צו רעדיזשירען מיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע צייטונג. אין יענע יונגע יאָהרען, וואָס דען האָב איך געקענט

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904

ALEXANDER HERZEN.

זיין, אויב ניט אַ קאָנסטיטוציאָנאַליסט? — און מיין צייטונג האָט אַגיטירט פֿאַר אַ קאָנסטיטוציאָן אין רוסלאַנד. איך האָב געשריעבען וועגען די נאַרישע הוצאות פֿון קייזערליכען הויף, וועגען די מאַסען געלדער, וואָס זיינען געספּענט געוואָרען אין ניצא, אויסצוהאַלטען אַ גאַנצע מחנה מאַטראָזען און אָפֿיצירען אויף די שיפֿען, וואָס זיינען געשטאַנען צום דיענסט דער אַלטער קייזערין, וועלכע איז געשטאָרבען אין 1860; איך האָב געשריבען וועגען די גרוילטהאַטען פֿון די טשינאָווניקעס, פֿון וועלכע איך פֿלעג תמיד הערען ריידען, און איך האָב ניט אַנדערש געוואַלט, ווי נור אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג. איך האָב אָנגעשריעבען דריי קאָפּיעס פֿון מיין צייטונג און האָב זיי אריינגערוקט אין די שרייבטישלאַך פֿון דריי קאַמעראַדען, וועלכע איך האָב גערעכענט, אינטערעסירען זיך אין עפֿענטליכע אַנגעלעגענהייטען. איך האָב געבעטען מיינע „אַבאָנענטען", זיי זאָלען אַזוי גוט זיין און אַוועקלייגען זייערע אַנמערקונגען הינטער דעם אַלטען זייגער פֿון אונזער ביבליאָטהעק.

מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ בין איך אויף מאָרגען געגאַנגען זוכען הינטער'ן זייגער. יאָ, צוויי צעטלאַך זיינען דאָרט געלעגען. זיי האָבען אויסגעדריקט זייער פֿולע סימפּאַטהי צו מיין צייטונג און האָבען מיר געראַטהען ניט צו ריזיקירען צו פֿיעל. איך האָב אָנגעשריבען די צווייטע נומער צייטונג, נאַך מעהר דרינגענד אויפֿאָרדערנדיג אַלעמען צו פֿעראייניגען אַלע קרעפֿטען אין'ם נאָמען פֿון פֿרייהייט. אָבער, דעם מאָהל האָב איך שוין קיין ענטפֿער ניט געפֿונען הינטער'ן זייגער. די צוויי קאַמעראַדען זיינען צו מיר געקומען פּערזענליך.

„מיר ווייסען גאַנץ גוט", האָבען זיי געזאָגט, „דאָס דו ביסט דער יעניגער, וועלכער שרייבט די צייטונג און מיר ווילען מכח דעם ריידען. מיר שטימען כמעט איין מיט דיינע מיינונגען און מיר קומען צו דיר און זאָגען: לאָמיר זיין גוטע פֿריינד, דיין צייטונג האָט געטאָהן איהר זאַך, — זי האָט אונז צוזאַמענגעבראַכט; אָבער מעהר ברויך מען זי ניט. אין דער גאַנצער שוהלע זיינען בלויז פֿאַרהאַנען נאָך צוויי, וועלכע וועלען זיך דערמיט אינטערעסירען, און ווען מען זאָל זיך דערוויסען פֿון אַזאַ צייטונג, וועט דער סוף זיין אַ שרעקליכער פֿאַר אונז אַלעמען. לאָמיר צונויפֿשטעלען אַ קרוזשאָק און ריידען וועגען אַלעס; פֿיליכט, וועלען מיר נאָך קענען אריינברענגען עפּעס אין די מוחות פֿון נאָך אַ פּאָאָר סטודענטען".

דאָס וואַר אַזוי פֿערנינפֿטיג, אַז מיר איז בלויז אויסגעקומען דערמיט איינצושטימען און מיר האָבען אונזער פֿעראייניגונג געשלאָסען מיט אַ שטאַרקען תקיעת כף. פֿון דאַמאָלס אָן, זיינען מיר דריי געוועזן די בעסטע פֿריינד.

8.

די אָבשאַפֿונג פֿון דער פּאַנשטשיזנע איז דאַמאָלס געווען די שטאַרקסטע פֿראַגע, וועלכע האָט פֿעראינטערעסירט אַלע דענקענדע מענשען.

די רעוואָלוציאָן פֿון 1848, האָט געהאַט א וויטען אָבקלאַנג אין די הערצער פֿון די רוסישע מוזשיקעס און זייט 1850 זיינען די פּאָוסטאַניעס געוואָרען אַלץ עפֿטער און ערענסטער. ווען די קרימער מלחמה איז אויסגעבראָכען און מ׳האָט גענומען שלעפען רעקרוטען פֿון אַלע עקען פֿון רוסלאַנד, האָבען זיך די בונטען גענומען פֿערשפּרייטען מיט אַן אונערהערטער געוואַלט. פֿיעלע שקלאַפֿען־בעזיצער זיינען פֿון זייערע קנעכט דער׳הרג׳עט געוואָרען און גאַנצע רעגימענטען מיט אַרטילעריע האָבען געמוזט געשיקט ווערען געגען די בונטאָווש׳טשיקעס, וועלכע מען האָט פֿריהער געקענט איינשרעקען מיט עטליכע צעהנדליג סאָלדאַטען.

דיעזע פּאָוסטאַניעס פֿון איין זייט, און פֿון דער אַנדערער זייט, די טיעפֿע שנאה צו די פּאַנשטשיזנע, וועלכע איז ארויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט׳ן דור פֿון דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, האָבען אַלץ מעהר און מעהר געטריעבען צו דער בעפֿרייאונג פֿון רוסישען מוזשיק. דער קייזער, זייענדיג זעלבסט אַ געגנער פֿון פּאַנשטשיזנע און אונטערשטיצט, אָדער ריכטיגער, בעאיינפֿלוסט פֿון זיין פֿרוי, זיין ברודער קאָנסטאַנטין און פֿון דער גרויספירסטין העלענאַ פּאַוולאָוונאַ, האָט געמאַכט דעם ערשטען שריט אין דיעזער ריכטונג. ער האָט געוואָלט, אַז דער אָנהויב פֿון דיעזער רעפֿאָרמע, זאָל געמאַכט ווערען פֿון דעם אדעל, די פּעאָדאַללאָרדען גופא. אָבער אין קיין גובערניע פֿון רוסלאַנד האָט זיך די דוואָריאַנסטוואָ ניט געלאָזען איינריידען צו שיקען אַזא מין פּראָשעניע צום רוסישען קייזער. אין מערץ 1856, האָט ער אַליין געהאַלטען אַ רעדע פֿאַר׳ן מאָסקווער אַדעל, וואו ער האָט ערקלעהרט די נויטווענדיגקייט פֿון אַזאַ שריט. אויף זיין רעדע האָבען איהם די פּריצים געענטפֿערט מיט אַ טויטער שטילקייט. אַלעקסאַנדער, ווערענדיג גוט אין כעס, האָט געענדיגט דאן מיט די בעריהמטע ווערטער פֿון אַלעקסאַנדער הערצען:

„מיינע העררען, עס איז בעסער, אַז די בעפֿרייאונג זאָל קומען פֿון אויבען, ווי צו וואַרטען, ביז זי וועט קומען פֿון אונטען".

און אפילו דיעזע ווערטער האָבען קיין פּעולה ניט געהאַט און מ׳האָט זיך ענדליך געמוזט ווענדען צו די אַלט־פּוילישע גובערניעס, גראָדנא, ווילנא און קאָוונא, — וואו נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט שוין געהאַט

אָבגעשאַפֿט די לייבאייגענשאַפֿט (אויף׳ן פּאַפּיער) אין 1812. דער גענעראַל גובערנאַטאָר פֿון דיעזע גובערניעס, נאַזימאָף, האָט קוים מיט צרות געקראָגען די געווינשטע ביטע פֿון דעם פּוילישען אַדעל.

אין נאָוועמבער, 1857, איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען דער צאַרסקי פּריקאַז צו נאַזימאָף׳ן און אין דיעזען בעריהמטען פּריקאַז דריקט דער צאַר אויס זיין באַגעהר, צו בעפֿרייען די לייבאייגענע. מיט טרערען אין די אויגען האָבען מיר דאַן געלעזען דעם בריליאַנטענעם אַרטיקעל פֿון הערצען: „דו האָסט געזיעגט, אָה ריעז!“, אין וועלכען די לאָנדאָנער ניהיליסטען האָבען ערקלעהרט, אַז זיי וועלען פֿון דאַן אָן ניט מעהר בעטראַכטען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אַלס אַ שונא זייערען, נאָר זיי וועלען איהם אדרבה העלפֿען אין דער גרויסער בעפֿרייאונגס־אַרבייט.

די שטעלונג פֿון די רוסישע מוזשיקעס איז געוועזען אַ מערקווירדיגע. קוים האָט זיך פֿערשפּרייט די נייעס, אַז די לאַנג־ערוואַרטעטע בעפֿרייאונג קומט, און די פּאָוסטאַניעס האָבען כמעט מיט אַיין מאָהל אויפֿגעהערט. דאָס פֿאָלק האָט איצט געוואַרט און ווען אַלעקסאַנדער האָט דורכגערייזט דורך צענטראַל רוסלאַנד, זיינען די פּויערים איהם אומעטום געפֿאַלען צו די פֿיס און איהם געבעטען, ער זאָל זיי בעפֿרייען; אָבער אויף דיעזע בקשות האָט ער געקוקט מיט פֿעראַכטונג. עס איז מערקווירדיג — אַזוי שטאַרק איז די קראַפֿט פֿון די טראַדיציע — אַז צווישען די מוזשיקעס האָט זיך פֿערשפּרייט אַ סלוך, אַז נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט דאָס געפֿאָדערט פֿון׳ם צאַר, אין זייער פֿריעדענס פֿערהאַנדלונג, אַז די לייבאייגענע זאָלען בעפֿרייט ווערען. דיעזען סלוך האָב איך אָפֿט געהערט און כמעט ביי דער לעצטער מינוט, האָבען זי נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען, אַז זיי קענען בעפֿרייט ווערען אָהן די אויסלענדישע מעכטע. „זיי וועלען קיין זאַך ניט טהאָן סיידען גאַריבאַלדי זאָל קומען“, האָט אַ מוזשיק אַ מאָהל אַ זאָג געטהאָן אַ קאַמעראַד מיינעם, וועלכער האָט מיט איהם געשמועסט מכח די „קומענדע בעפֿרייאונג“.

אָבער נאָך דיעזע מינוטען פֿון אַלגעמיינער שמחה, זיינען געקומען יאָהרען פֿון אונזיכערהייט און אונרוה. ספּעציעל ערוועהלטע קאָמיטעטען אין דער פּראָווינץ און אין פּעטערסבורג האָבען דיסקוטירט די פֿאָרגעשלאָגענע בעפֿרייאונג פֿון די פּאַנשטשיזניקעס, אָבער אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט ענטשליעסען. אויף׳ן מויל פֿון דער פּרעסע האָט מען תמיד אַרויפֿגעלייגט אַ שלאָס, זי זאָל ניט בעשפּרעכען קיין איינצעלהייטען. טרויעריגע סלוכען האָבען זיך געלאָזט הערען אין פּעטערסבורג און זיינען דערגאַנגען ביז צו אונזער קאָרפּוס.

ס׳האָבען ניט געפֿעהלט קיין יונגע מענשען פֿון צווישען די פּריצים,

וועלכע האָבען ערנסט געאַרבייט פֿאַר אַ פֿאָלשטענדיגע אָבשאַפֿונג פֿון דער אַלטער קנעכטשאַפֿט, אָבער די שקלאַפֿען־פּאַרטיי האָט זיך אַלץ ענגער און נעהענטער צוגעדרענגט צום קייזער און אַלין מעהר מאַכט אויסגעאיבט אויף זיין גייסט. זיי האָבען איהם איינגעשושקעט אין אויער אריין, אַז דעם זעלבען טאָג, ווען די פּאַנשטשיזנע וועט אָבגעשאַפֿט, וועלען די מוזשיקעס אויס־קוילענען אַלע לאַנד־בעזיצער און רוסלאַנד וועט האָבען אַ נייעם פּוגאַטשאָוו בונט, פֿיעל שרעקליכער, ווי דער אין 1773. אַלעקסאַנדער, וועלכער איז זיך געווען אַ מענשעלע מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, האָט גלייך אָנגעהויבען צו פֿלאַטערן פֿאַר דער צוקונפֿט, אָבער צו שפּעט. די גרויסע מאַשין, אויס־צואַרבייטען אַ בעפֿרייאונגס־געזעץ, האָט זיך שוין געהאַט גענומען ריהרען. די קאָמיטעען האָבען אָבגעהאַלטען זייערע זיצונגען; מאַסען בעפֿרייאונגס־פּלענער, וואָס וואַרען צוגעשיקט צום קייזער, האָבען צירקולירט אין מאַנו־סקריפּט אָדער וואַרען אָבגעדרוקט אין לאָנדאָן. הערצען, אונטערשטיצט פֿון טורגעניעוו'ן, וועלכער פֿלעגט איהם מודיע זיין אַלעס, וואָס ס'געהט פֿאָר אין די רעגיערונגס־קרייזען, האָט אין זיין „קאָלאָקאָל" און אין זיין „פּאָליאַרנאַיאַ זוויעזדאַ" גענוי בעשפּראָכען אַלע פֿערשיעדענע פּלאַנען און טשערנישעווסקי אין דעם „סאָוורעמעניק".

די סלאַוואָפֿילען, בעזונדערס אַקסאַקאָוו און בעליאַיעוו, האָבען זיך געפּאָלזעוועט מיט די ערשטע מינוטען פֿון דער כלומרשט'דיגער פּרעס־פֿרייהייט און האָבען דעם ענין גענוי און גרינדליך דיסקוטירט אין דער גאַנצער עפֿענטליכער פּרעסע אין רוסלאַנד. דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע פּעטערסבורג האָט געהאַלטען מיט הערצען און בעזאָנדערס מיט טשערני־שעווסקי'ן. איך געדענק, ווי גוואַרדיע־אָפֿיצירען פֿלעגען זיך קאָכען פֿאַר טשערנישעווסקי'ן, דער פֿיהרער פֿון דער פֿאָרטגעשריטענער פּאַרטיי פֿון'ם בעפֿרייאונגס־קאַמפּף. די גאַנצע האַלטונג פֿון פּעטערסבורג, אין די פּאַלאַצען, ווי אין די גאַסען, איז געווען אַזעלכע, אַז צוריקגעהן וואַר שוין אונמעגליך. די פּאַנשטשיזנע האָט געמוזט אָבגעשאַפֿט ווערען. און נאָך אַ וויכטיגען פּונקט האָבען מיר געוואונען, — די בעפֿרייטע מוזשיקעס האָבען געזאָלט קריגען, אַ חוץ אַ היים, אויך די לאַנד, וועלכע זיי פֿלעגען פֿריהער בעאַר־בייטען פֿאַר זיך זעלבסט.

פֿון דעסטוועגען, האָט די פּאַרטיי פֿון'ם אַלטען אַדעלשטאַנד, דעם מוטה ניט פֿערלוירען. זיי האָבען אָנגעווענדעט אַלע כוחות אָבצולייגען די רעפֿאָרמע צו פֿערקלענערן די שטיקלאַך ערד פֿון די מוזשיקעס און אַרויפֿ־צולייגען אויף די בעפֿרייטע אַזעלכע שווערע צינזען פֿאַר זייער גרונט, אַז פֿון זייער גאַנצער עקאָנאָמישער בעפֿרייאונג וואָלט זיך אויסגעלאָזען אַ

חלום; און דאָס איז זיי ווירקליך געלונגען. אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ענטזאַגט די וויכטיגסטע פּערזאָן פון דער גאַנצער בעוועגונג, ניקאָלאַי מי־ליוטין (דעם קריעגס-מיניסטער'ס אַ ברודער) מיט די ווערטער: „ס'טהוט מיר זעהר לייד זיך צו שיידען מיט דיר, אָבער איך מוז, די פּריצים האַל־טען דיך פאַר איינעם פון די רויטהע".

די ערשטע קאמיטעס וואַרען אויך ענטזאַגט, און נייע קאָמיטעס האָבען רעווידירט די גאַנצע אַרבייט, האָבענדיג אין זינען די אינטערעסען פון די דוואָריאַנעס. די פּרעסע האָט מען ווידער אַ מאָהל פאַרמאַכט דאָס מויל.

ס'איז געוואָרען אומעדיג אויפ'ן האַרצען. מי האָט אָנגעהויבען פרעגען צי די בעפרייאונג וועט גאָר איבערהויפּט שטאַטפינדען. פיבער־האַפּט האָב איך פערפאָלגט דעם קאַמפּף, און יעדען זונטאָג, ווען מיינע קאַמעראַדען זיינען געקומען פון דער היים, פלעג איך ביי זיי אויספרעגען וואָס זייערע עלטערען זאָגען. אויפ'ן סוף 1860, איז די נייעס געוואָרען אַלין ערגער. „די וואַליועף" פּאַרטיי האָט געקראָגען די אויבער האנד. זיי גע־הען איבערקוקען די גאַנצע אַרבייט. די קרובים פון דער פירסטין, (דעם צאַר'ס אַ פריינדין) אַרבייטען שטאַרק אויף איהם, די בעפרייאונג ווערט אָבגעלייגט: זיי האָבען מורא פאַר אַ רעוואָלוציאָן.

אין יאַנואַר, 1861, האָט מען אָנגעהויבען הערען בעסערע סלוכען, און אלע האָבען געהאָפט, אז אין דעם טאָג פונ'ם קייזער'ס טראָהן-בעז־שטייגונג, דעם 19 פעברואַר, וועט מען הערען פרייליכע נייעס מכח די בעפרייאונג.

דער 19-טער איז געקומען, אָבער ער האָט מיט זיך קיין זאַך ניט מיטגעבראַכט. יענעם טאָג בין איך געווען אין פּאַלאַץ. אַלס פּאַזש, בעגליי־טענדיג פון פּאַלאַץ ארויס איינע פון די פּרינצעסעס, בין איך געשיקט גע־וואָרען אויפזוכען איהר מאַן. מי האט איהם ארויס גערופען פון צאַר'ס בי־בליאָטעק, און איך האָב איהם געזאָגט וועגען די פאַרלעגענהייט פון זיין פרוי, ניט האָבענדיג דעם מינדעסטען חשד מכח די וויכטיגע ענינים, וואָס זיינען פּילייכט אין צאַר'ס צימער גראַד דאַן בעשפּראָכען געוואָרען. אויסער עט־ליכע געציילטע פּערזאָנען האָט קיינער ניט געהאַט דעם מינדעסטען פער־דאַכט, אַז דער בעפרייאונגס-מאַניפעסט איז אונטער געשריבען געוואָרען דעם 19-טען פעברואַר, און אַז מי האָט איהם צוריק געהאלטען צוויי וואָ־כען, נאָר ווייל דער קומענדער זונטאַג איז געווען: דער אָנהויב פון דער מאַסליאַניצאַ וואָך, און מי האָט מורא געהאַט, אַז עס זאָל ניט קומען צו גרויסע אונרוהען, מחמת אין דער וואָך שכור'ן די מושיקעס מעהר ווי

אימער. אַפילו דער קאַרנאַוואַל יריד, וועלכער פֿלעגט תמיד אָבגעהאַלטען ווערען לעבען ווינטער פּאַלאַץ אין פּעטערסבורג, איז דעם יאָהר איבער געפֿיהרט געוואָרען אויף אַנאַנדער פּלאַץ, אויף אַזוי פֿיעל האָט מען זיך גע־שראָקען פֿאַר אַ פֿאָלקס־אויפֿשטאַנד. שרעקליכע אוקאַזען זיינען עקסטראַ אַרויס געלאָזען געוואָרען צו דער אַרמעע זי זאָל וויסען ווי זיך צו באַגיין אין דער צייט פֿון די פויערשע פּאָוסטאַניעס.

צוויי וואָכען שפּעטער, מערץ דעם 5־טען, בין איך געווען אין קאָר־פּוס, זיך פֿאַרפֿאַרטיגען צום מיליטער פּאַראַד אין דער רייט שולע. איך בין נאָך געבליבען אין בעט, ווען מיין דענשטשיק איוואַנאָף, איז ראַפּטאָם אַריין מיט דער טהעע־טאַס אין האַנד און האָט אויסגעשריען: „פּרינץ, פֿרייהייט! דער מאַניפעסט איז אויפֿגעקלעפּט אויף׳ן גאָסטינאַי דוואָר."

„האָסטו איהם אליין געזעהן?"

„יאַ! מענשען שטעהן אַרום; איינער לייענט, די אַנדערע הערען, עס איז פֿרייהייט!"

אין אַ מינוט בין איך געווען אָנגעטאָהן און אַרויס. אַ קאַמעראַד האָט מיך בעגעגענט אין טיהר.

„קראַפּאָטקין, פֿרייהייט!" האָט ער אַ געשריי געטאָהן, „אָט איז דער מאַניפֿעסט. מיין פֿעטער האָט נעכטען געהערט, אַז ער וועט פֿאָרגעלעזען ווערען ביים ערשטען קירכע־דיענסט אין דעם איזאַק־קלויסטער". איך בין אַלזאָ אַהין געגאַנגען. קיין סאַך מענשען זיינען דאָרט ניט געווען; בלויז מוזשיקעס. דעם מאַניפֿעסט האָט מען געלייענט און דערנאָך פֿערטהיילט. זיי האָבען גוט פֿערשטאַנען זיין בעדייטונג. ווען איך בין אַרויס פֿון קלויס־טער, האָבען צוויי פויערען, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים טויער, צו מיר געזאָגט מיט אַ קאָמישע מינע: „נו, פּרינץ? איצט — אַלעס פֿערטיג?" און מיין קאַמעראַד האָט נאָך געמאַכט די מימיקע, מיט וועלכע די מוזשיקעס האָבען איהם געוויזען די טיהר. אין דיזען מאַך מיט דער האַנד, אוועק שיי־קענדיג זייער מייסטער, זיינען געלעגען בעהאַלטען לאַנגע יאָהרען פֿון האָר־פֿענונג.

איך האָב געלייענט און ווידער געלייענט דעם מאַניפֿעסט. ער וואַר געשריבען אין אַ זעהר הויכען סטיל פֿון פֿילאַרעט, דעם הויפּט בי־שאָף פֿון מאָסקוואַ. די געמישאַכץ פֿון רוסיש מיט אַלט־סלאַוויאַניש האָט פֿאַרדעקט דעם זין. ט׳איז געווען פֿרייהייט; אָבער עס איז נאָך ניט געווען פרייהייט. די פויערים האָבען געמוזט פֿערבלייבען קנעכט נאָך גאַנצע צוויי יאָהר, ביז דעם 19־טען פֿעברואַר, 1863, ניט קוקענדיג אויף דעם אלעס. אין זאַך איז דאָך געווען קלאָר: די פּאַנשטשיזנע וואַר אָבגעשאַפֿט, און די

בעפּרייטע פּויערים װעלען קריגען זייער היים און זייער לאַנד. אמת, זיי װעלען מוזען בעצאָהלען פֿאַר דעם, אָבער דער אַלטער פּלעק פֿון שקלאַ־פֿעריי איז אָבגעװאַשען געװאָרען. זיי װעלען מעהר קיין שקלאַפֿען ניט זיין, די רעאַקציאָן האָט ניט אויסגעפֿיהרט.

מיר זיינען אַװעק צום פּאַראַד; און װען אלע מיליטירישע פֿאָר־שטעלונגען זיינען געװען געענדיגט, האָט אַלעקסאַנדער דער צװייטער, בלייבענדיג אין זאָטעל, אַ געשריי געטאָהן: „די אָפּיצירען צו מיר!" זיי האָבען איהם אַרום גערינגעלט, און ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ הויכען קול אַ רעדע װעגען די גרויסע עראייגנים פֿון טאָג.

„די אָפּיצירען... די פֿאָרשטעהער פֿון דעם אַדעל אין דער ארמעע"— דיעזע שטיקלאַך פֿראַזען האָבען מיר קוים דערהערט—„אַ סוף איז גע־מאַכט געװאָרען צו יאָהרהונדערטע פֿון אונגערעכטיגקייט... איך ערװאַרט שטיצע פֿון דװאָריאַנעס... די לאָיאַלע פריצים װעלען געהן האַנד אין האַנד מיט דעם קײזער"... א. ז. װ. ס'האבען זיך געהערט פֿייערדיגע הוראַס, װען ער האָט געענדינט.

מיר זיינען ניט געגאַנגען, זאָנדערן געלאָפֿען צוריק אין קאָרפּוס אַריין,—זיך איילענדיג צו דער איטאַליענישער אָפּעראַ; דעם נאָכמיטאַג האָט נעמליך געזאָלט געגעבען װערען די לעצטע פֿאָרשטעלונג פֿון סיזאָן: מיר האָבען ערװאַרטעט נאָך אַ שטיקעל שמחה אויך. אויף גיך, האָבען מיר פֿון זיך אַראָב געװאָרפֿען די יוניפֿאָרמס, און מיר האָבען זיך דערלאַנגט אַ לאָז אויף דער זעקסטער גאַלאָרקע אַרויף, װי די האָזען. דער טעהאַטער איז געװען געפּאַקט.

נאָכ'ן ערשטען אַקט איז דער רויך־צימער פֿון דער אָפּערא געװען פֿול מיט אויפֿגערעגטע יונגע לייט, און אַלע האָבען גערעדט איינער מיט'ן אַנדערען, סיי בעקאַנטע, סיי ניט בעקאַנטע. מיר האָבען גלייך בעשלאָסען צוריק צו געהן און אָנצוהויבען זינגען צוזאַמען מיט'ן פּובליקום „באָזשע צאַריאַ כראַני".

אָבער מיר האָבען דערהערט דעם קלאַנג פֿון מוזיק און מיר זיינען שנעל אַריין אין זאַאַל. די אָרקעסטראַ האָט שוין געהאַלטען אין שפּילען דיעזע נאַציאָנאַלע ליעד, און פֿון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט געװאַלדיגע הוראַס. איך האָב געזעהען, װי דער קאַפּעל־מייסטער באַװערי האָט גע־אַרבייט מיט זיין שטעקעלע, אָבער פֿון דער מעכטיגער אָרקעסטראַ האָט זיך ניט געהערט דער מינדעסטער קלאַנג. דאַן האָט באַװערי געסטאָפּט. אָבער די הוראַס האָבען נאָך אַלץ אָנגעהאַלטען. װיעדער האָט דער שטע־קעלע אָנגעהויבען װעהען אין דער לופֿט; די סמיקעס האָבען גענומען

לויפען איבער די פידלען און מיר האָבען געזעהען ווי די טרומפּייטער האָ־
בען געבלאָזען אין זייערע טרובעס, אָבער די קולות האָבען זיי אַלעמען
פאַרהילכט.

די זעלבע בעגייסטערונג האָט געהערשט אין די גאַסען. מאַסען
מוזשיקעס און געבילדעטע לייט זיינען געשטאַנען פאַר'ן פּאַלאַץ, שרייענ־
דיג הוראַ, און ווי נור דער צאַר האָט זיך געוויזען, זיינען איהם די הוראַ־
שרייערס נאָכגעלאָפען נאָך דער קאַרעטע. הערצען איז געווען גערעכט,
ווען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, בעת אַלעקסאַנדער האָט דערטרונקען דעם
פוילישען מיאַטיעזש אין בלוט, און „מוראַוויאָף דער תליון" האָט איהם
געוואָרגען אויף'ן תליה, האָט ער געשריבען: „אַלעקסאַנדער ניקאָלאַיעוויטש,
פאַר וואָס ביסטו ניט געשטאָרבען אין יענעם הערליכען טאָג? דיין נאָמען
וואָלט דאָך פערבליבען אין דער היסטאָריע אַלס דער נאָמען פון אַ העלד".

וואו זיינען אַהינגעקומען די מיאַטעזשען, פאַר וועלכע די שקלאַפּישע
נשמות האָבען מורא געהאַט? ערגערע אומשטענדען, ווי די, וועלכע זיינען
אַרויסגערופען געוואָרען דורך דעם אונבעשטימטען בטפּרייאונגס מאַניפעסט,
האָבען שוין ניט געקענט זיין. אַז דער אונקלאָהרער פּריקאַז האָט קיין
אויפשטאַנד ניט אַרויסגערופען, איז ווירקליך אַ וואונדער. און דאָך איז רוס־
לאַנד געבליבען רוהיג, רוהיגער ווי פריהער. מיט זייער געוויינליכען
געזונטען שכל האָבען די מוזשיקעס בעגריפען, אַז די שקלאַפעריי איז אָבגע־
שאַפט געוואָרען, אַז „פרייהייט קומט", און זיי האָבען אָנגענומען די קאָנ־
דיציאָנען, וועלכע מי האָט אויף זיי אַרויף געלייגט, כאָטש זיי זיינען געווען
זעהר שווער פאַר זיי.

איך וואַר אין ניקאָלסקאָיע אין אַווגוסט, 1861, און אין זומער, 1862,
און איך בין געווען ערשטוינט צו מערקען ווי רוהיג און קלוג די פויערים
האָבען עמפּפאַנגען די נייע קאָנדיציאָנען. זיי האָבען גוט געוואוסט, ווי שווער
ס'וועט זיי זיין צו צאָהלען די שווערע אויסלויף טאַקסע פאַר'ן לאַנד, וועל־
כעס האָט אייגענטליך געהייסען אַ פאַרגעלטונג צו די פּריצים פון דער
פריהעריגער פאַנשטשיזנע. אָבער זיי האָבען אויף אַזוי פיל געשעצט די
אָבשאַפונג פון זייער פערזענליכער שקלאַפעריי, אַז זיי האָבען זאָפאָרט
איינגעשטימט אויף די אונגעהייערע טאַקסע—ניט אָהן מורמלען, נאָר וואָס
האָבען זיי זיך געקענט העלפען?

די ערשטע עטליכע מאָנאַטען האָבען זיי געהאַלטען יום טוב צוויי
טעג אין וואָך, טעה'נדיג, אַז עס איז אַ עבירה צו אַרבייטען פרייטאָג; אָבער
ווען דער זומער איז געקומען, האָבען זיי זיך גענומען צו דער אַרבייט מיט
מעהר ענערגיע, ווי אימער.

ווען איך האָב געזעהען אונזערע ניקאָלסקאָיער מוזשיקעס פֿופֿצעהן מאָנאַט נאָך דער בעפרייאונג, האָב איך זיי ווירקליך בעוואונדערט. זייער מיט געבווירענע גוטסקייט און ווייכהערציגהייט איז ביי זיי געבליבען, אָבער יעדער שפור פֿון קנעכטזעליגקייט וואַד פֿארשוואונדען. זיי האָבען גערעדט צו זייערע מייסטערס, ווי צו זייער גלייכען, פונקט ווי זיי וואָלטען גאָר קיין מאָל קיין פריצים איבער זיי ניט געווען. און א חוץ דעם, האָבען זיך נאָך געיאַוועט צווישען זיי אַזעלכע, וועלכע האָבען געוואוסט, ווי צו קעמפּפֿען פֿאַר זייערע רעכטע. דער מאַניפֿעסט איז געווען אַ דיקער שווערער בוך, וועלכער איז מיר אַליין אָנגעקומען שווער צו פֿערשטעהן; אָבער, ווען וואַסילי איוואַנאָף, דער ניקאָלסקאָיער פֿאָרשטעהער, איז צו מיר איין מאָל געקומען איך זאָל איהם ערקלערען עטליכע ניט קלאָרע שטעלען דאַרין, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז ער, וועלכער האָט אפילו ניט געקענט ריכטיג לעזען, האָט דאָך ריכטיג פֿערשטאַנען די פֿאַרפּלאָנטערטע פאַראַגראַפֿען פֿון דעם געזעץ.

די הויז־דינער האָבען נעבעך אָבגעשניטען צום ערגסטען. זיי האָבען קיין לאַנד ניט געקראָגען, און זיי וואָלטען גאָר ניט געוואוסט וואָס מיט דעם לאַנד צו מאַכען, ווען זיי וואָלטען עס געקראָגען. אין אונזער געגענד האָבען זיי כמעט אַלע פֿאַרלאָזען זייערע הערען; צום ביישפּיל, אין מיין פֿאָטער׳ס הויז איז קיין איינציגער ניט פֿערבליבען. זיי זיינען אַוועק זוכען שטעלען אַנדערשוואו, און אַ סאַך האָבען געפֿונען ארבייט ביי די סחרים, די אויפֿגעקומענע, וועלכע האָבען שטאָלצירט מיט דעם און דעם פרינץ׳ס קוטשער, דעם און דעם גענעראַל׳ס קעכין. די וואָס האָבען געקענט אַ מלאכה, האָבען געקראָגען ארבייט אין שטאָט: אונזער קאַפּעלע, למשל, איז זיך געבליבען אַ קאַפּעלע, און האָט זיך געמאַכט אַ נישקשה׳דיגען לעבען אין קאַלוגאַ; מיט אונז זיינען זיי פֿערבליבען זעהר פֿריינדליך. אָבער די, וואָס האָבען קיין מלאכה ניט געהאַט, האָבען פֿיעל געליטען; און דאָך זיינען זיי דאָס רוב געווען צופֿרידען ווי ניט איז, אבי ניט בלייבען קנעכט ביי די פריצים.

וואָס אָנבעלאַנגט די לאַנד־בעזיצער, האָבען די גרעסערע פֿון זיי געטרייעט אין פעטערסבורג מיט אַלע כוחות צוריק צו ברענגען די אלטע צושטענדע אונטער אַזאַ אָדער אַזאַ נאָמען (ס׳איז זיי געלונגען ביז אַ געוויסען גראַד אונטער אלעקסאַנדער דעם דריטען); וועהרענד די גרויסע מעהרצאָהל פֿאָמיעסטשיקעס האָבען זיך אונטערוואָרפֿען אונטער דער אָבשאַפֿונג פֿון דער פֿאַנשטיזנע, ווי אונטער א מין אונפֿערמיידליכען אומגליק. דער יונגער דור האָט פֿערנומען פֿיעלע פֿון די שטעלען פֿון יענע מערק־

ווירדיגע סודיאַ'ס און פּריעדענס־ריכטער, וועלכע האָבען פּיעל בייגעשטייערט דערצו, וואָס די בעפרייאונג האָט זיך אויסגעלאָזען אַזוי שטיל און פּריעד־ליך. דער אַלטער דור וויעדער, האָט, דאָס רוב פון זיי, גלייך גענומען חשבון'ען, ווי פּיעל געלד זיי וועלען אריינקריגען פון די מוזשיקעס פאַר זייער גרונד, וועלכען מ'האָט געשעצט פּיעל העכער ווי עס איז ווירקליך ווערטה געווען צו יענער צייט. זיי האָבען שוין געפּלאַנעוועט ווי אַזוי צו פערשווענדען די גרויסע סומען אין סאַלאָנען און ביי די גרינע טישען פון די גרויסע שטעט. און ווירקליך האָבען זיי כמעט אַלע דאָס געלד פער־שווענדעט אַזוי שנעל, ווי זיי האָבען עס געקראָגען אין די הענד אַריין.

פאַר פּיעלע פּריצים איז די בעפרייאונג געווען אַ זעהר גוטער משא ומתן. צום ביישפּיעל, די לאַנד, וועלכע מיין פאָטער האָט אויספּערקויפט, זיך דערוויסענדיג פון דער בעפרייאונג פון די מוזשיקעס, צו עלף רובל דעם רוסישען אַקער, איז איצט, נאָך דער בעפרייאונג, גערעכענט גע־וואָרען צו פערציג רובל, — ד. ה. דריי און אַ האַלב מאָהל איבער דעם מאַרק־פּרייז, — און אַזוי איז עס געווען אין דער גאַנצער געגענד און אין מיין פאָטער'ס אימעניע פון טאַמבאָוו, אין די סטעפּעס, האָט דער „מיר", די דאָרפס־קאָמונע, געדונגען זיין גאַנצע לאַנד אויף צוועלף יאָהר, איהם צאָהלענדיג צוויי מאָהל אַזוי פּיעל, ווי ער האָט געפּלעגט קריגען פריהער דורך די שקלאַפען־ארבייט.

עלף יאָהר נאָך יענער מערקווירדיגער צייט, בין איך אַוועק אין טאַמבאָוו, וועלכע איך האָב גע'ירש'נט פון פאָטער. איך האָב מיך דאָרט אויפגעהאַלטען עטליכע וואָכען און פאַר מיין אָבפאָהרען, איז אונזער דאָרפס־גלח — אַן אינטעליגענטער מאַן מיט אונאַבהענגיגע אידעען—איין אָווענד אַרוים אויף אַ שפּאַציער אַרום דאָרף. דער זאָנענאונטערגאַנג איז געווען אַ הערליכער; פון די סטעפּעס האט זיך געטראָגען אין דער לופט אַ באַלזאַם ריח. דער גלח האָט בעגעגענט אַ מיטעל־יעהריגען מוזשיק — אַנטאָן סאַוועליעף — זיצענדיג אויף אַ בערגעל אויסערען דאָרף און לייענענדיג פון אַ תהלים־ביכעל. דער מוזשיק האָט קוים געקענט ריכטיג לייענען דאָס אַלט סלאַוויאַנישע און אָפטמאָהל פלעגט ער אָנהויבען פון סוף און בלע־טערן צום אָנהויב צו, ווייל אַזוי איז איהם דאָס לייענען בעסער געפעלען. איצט האָט ער גראַדע געלעזען די קאַפּיטלאַך, וואָס הויבען זיך אָן מיט די ווערטער: „פרייט זיך".

„וואָס לייענסטו?", האָט דער גלח אַ פרעג געטהאָן.

„נו, היילינגער, איך וועל דיר זאָגען", האָט ער געענטפערט „פערצעהן יאהר צוריק איז דער אַלטער פּרינץ אַהער געקומען. עס איז געווען אין

ווינטער. איך בין גראַד דאַמאָלס צוריקגעקומען אַהיים כמעט אַ דערפֿרוירענער. ס'איז געווען אַ שרעקליכער שניי־שטורם. קוים האָב איך מיך גענומען אויטטהאָן, ווי איך דערהער פּלוצים אימיצען קלאַפּען אין פֿענסטער: דאָס איז געווען דער וואָיט, וועלכער האָט אַ געשריי געטהאָן: „שנעל צום פּר׳נץ! ער ברויך דיך!" מי־ זיינען אַלע — מיין ווייב און די קינדער, — געבליבען אַזוי ווי דער דונער וואָלט אונז געטראָפֿען".

„וואָס קען ער דיר ברויכען?" האָט דאָס ווייב אויסגעשריען מיט אַנגסט. איך האָב מיר איבערגעצלס'ט און בין אַוועק. דער שטורם האָט מיר כמעט די אויגען פֿון קאָפּ אַרויסגעשניטען, אַריבערגעהענדיג איבער'ן בריק. נו, געענדיגט האָט עס זיך נאָך מיט חסד. ווען דער אַלטער פּרינץ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין אַבענד־שלאָף, האָט ער מיך געפֿרעגט, צו איך קען טינקעווען און האָט מיר געהייסען קומען מאָרגען און פֿערקלעפּען די ווענט. איך בין דאַן אַוועק אַהיים אַ גליקליכער און ווען איך בין צו צום בריק, האָב איך דאָרט געטראָפֿען מיין ווייב. זי א׳ז דאָרט געשטאַנען די גאַנצע צייט אין שטורם מיט׳ן קינד אויף די הענד, וואַרטענדיג אויף מיר אין היילע ציטערנים. „וואָס הערט זיך סאַוועליטש?" האָט זי אויסגעשריען, „גאָט זיי דאַנק, מיט חסד; מי מוז דאָרט פֿאַרריכטען די וואַנד". דאָס, פֿאָטער, איז געווען פֿאַר'ן אַלטען פרינץ און איצט איז דאָ ניט לאַנג אָנגע־קומען דער יונגער פּרינץ. איך בין אַועק זיך זעהען מיט איהם און האָב איהם געטראָפֿען אין גאָרטען מיט דיר, פֿאָטער, און מיט׳ן וואָיט ביי'ם סאַמאָוואַר. „וועסט טרינקען טהעע מיט אונז?", גיט ער ביי מיר אַ פֿרעג און הייסט דעם אַלטען עקאָנאָם — א:י איז דאָס געווען אַ טערראָר בעת דער אַלטער פּרינץ האָט געלעבט — דערלאַנגען אַ בענקעל און מיר זיצען אַלע ביי'ם טיש און פּלוידערען גאַנץ פֿריינדליך און דער פרינץ גיסט אָן פֿאַר אַלעמען טהעע. נו, הייליגער באַטיושקאַ, דער אָװענד איז אַזוי שעהן, ס'שמעקט מיט באַלזאַם פֿון די סמעפּעת און איך זיץ מיר דאָ און לייען: „פֿרייט זיך! פֿרייט זיך!".

אָט דאָס איז געווען די בעדייטונג פֿון דער אָבשאַפֿונג פֿון לייב־איינענשאַפֿט פֿאַר די מזושיקעס.

אין יוני, 1861, בין איך ערוועהלט געוואָרען וואַך־מייסטער פֿון דעם פּאַזשען־קאָרפּוס. אמת, מאַנכע פֿון אונזערע אָפֿיצירען האָבען זיך דערמיט ניט שטאַרק געפֿרייט, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז די דיס־ציפּלינע זאָל ניט צופֿיעל ליידען פֿון מיין וואַכמייסטערשאַפֿט! אָבער, וואָס האָט מען געקענט העלפֿען? אַלס וואַך־מייסטער האָט מען געוויעהנליך ערוועהלט דעם בעסטען שילער פֿון קלאַס און איך בין געווען דער

בעסטער עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד. דיעזע שטעלע האָט זיך גערעכענט פֿאַר אַ זעהר ווינשענסווערטהע, ניט בלויז דערפֿאַר וואָס דער וואַך־מייסטער איז געווען אַ פּריווילעגירטע פּערזאָן אין דער שוהלע און איז געוואָרען בעהאַנדעלט ווי אַן אָפֿיציר, נאָר בעזאָנדערס דערפֿאַר, ווייל ער איז אויך געווען דעם קייזערס קאַמער־פּאַזש און צו זיין פּערזענליך בעקאַנט מיט׳ן קייזער, האָט בעדייטעט, אַ טריט נעהענטער צו אַ העכערען אַמט. פֿאַר מיר איז אָבער געווען אַם וויכטיגסטען דאָס, וואָס איך בין דאַדורך פֿריי געוואָרען פֿון דער שווערער אַרבייט, וואָס די פּאַזשען האָבען געמוזט טהאָן אין דער שוהלע גופֿא און אויך וואָס איך האָב בעקומען אַ בעזונדערעס צימער, וואו איך האָב מיר געקענט רוהיג שטודירען.

אמת, איין וויכטיגע שטערונג איז דאָ דערביי געווען: איך האָב מיך תמיד שרעקליך געלאַנגווייליגט, שפּרייזענדיג אַהין און צוריק איבער די צימער, ווי פֿיעל מאָהל אַ טאָג, און איך פֿלעג דאַרום לויפֿען אויף גיך, וואָס דאָס וואַר שטרענג פֿערבאָטען, און איצט, אַלס וואַכמייסטער, וועל איך מוזען געהן זעהר סטאַטעטשנע, מיט׳ן דיענסטבוך אונטערן פּאַכווע! איך האָב זאָגאַר אָבגעהאַלטען אַ קאָנסוליאום מיט עטליכע פֿריינד מיינע מכוח דיעזע וויכטיגע אַנגעלעגענהייט און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז פֿון צייט צו צייט, וועל איך נאָך דאָך האָבען די געלעגענהייט צו לויפֿען אַזוי גיך, ווי די פֿיס וועלען מיך טראָגען. וואָס אָנבעלאַנגט צו מיין שייכות מיט אַלע אַנדערע שיהלער, דאָס האָט שוין אָבגעהאַנגען פֿון מיר גופֿא, זיי צו מאַכען פֿאַר אינטימע חברים, און דאָס האָב איך עבען געטהאָן.

די קאַמער־פּאַזשען האָבען אָפֿט געמוזט זיין אין פּאַלאַץ ביי גרויסע און קליינע שמחות, בעלער, גאַלאַ־מאָהלצייטען א. ז. וו. אין די וואָכען פֿון קריסטמעס, נייאָהר און פּסח, זיינען מיר גערופֿען געוואָרען אין הויף אַריין כמעט יעדען טאָג און מאַנכע מאָהל צוויי מאָהל אין טאָג. און אַ חוץ דעם האָב איך נאָך געמוזט, אַלס וואַכמייסטער, רעפּאָרטען צום קייזער יעדען זונטאג, ביי׳ם פּאַראַד אין דער רייטשוהלע, אַז אַלעס געהט גוט אין דעם פּאָלק פֿון די פּאַזשען, אפֿילו ווען אַ דריטעל פֿון זיי האָט געליטען פֿון אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט. „זאָל איך ניט מעלדען היינט, אַז ניט אַלעס איז אין אָרדענונג?" האָב איך געפֿרעגט דעם פּאָלקאָווניק, ביי אַזאַ אַנגעלעגענהייט. „נאָט איז מיט דיר", האָט ער געענטפֿערט, „אַזו וואָס זאָגט מען איהם נור, ווען עס איז א בונט".

דאָס הויף־לעבען האָט אָן ספק אין זיך ראָמאַנטישעס. די עלעגאַנטע מאַניערען, — ווי אָבערפֿלעכליך זיי זאָלען ניט זיין — די שטרענגע עטיקעטע און די בריליאַנטענע אומגעבונג מאַכען אויף אייך אַ שטאַרקען איינדרוק.

אַ קבלת פנים אין הויף געהט צו זעהר פאַראַדנע. און אפילו ווען די קייזערין עמפפֿאַנגט עטליכע דאַמען, איז עס אויך אַנדערש בעת די אויפֿנאַהמע פֿינדעט שטאַט אין אַ רייך פֿערפּוצטען זאַאַל אין פּאַלאַץ, — די געסט ווערען אַריינגעפֿיהרט פֿון קאַמער־הערען אין גאָלד־געשטיקטע אוניפֿאָרמען, נאָך דער בעל הבית׳טע געהען נאָך בריליאַנט־געקליידעטע פּאַזשען און אַ סוויטע דאַמען, און יעדע זאַך געהט צו מיט הייליגער ערנסטקייט אַנטהייל צו נעהמען אין די צערעמאָניעס פֿון הויף, בעדינענדיג די הויפּט־פּערזענליכקייטען, האָט בעדייטעט מעהר, ווי איינפֿאַכע נייגעריגקייט פֿאַר אַ אינגעל אין מיינע יאָהרען. און ווידער האָב איך דאַן געקוקט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען ווי אויף אַ מין העלד; אַ מענשען וועלכער האָט ניט געקעהרט פֿאַר די הויף־צערעמאָניעס און פֿלעגט אין יענער צייט אָנהויבען זיין טאָג אַרבייט, אום 6 אוהר אין דער פֿריה, קעמפּפֿענדיג זעהר שווער מיט אַ מעכטיגע רעאַקציאָנערע פּאַרטיי, אום דורכצופֿיהרען אַ סעריע רעפֿאָרמען, אָנהויבענדיג מיט דער אָבשאַפֿונג פֿון דער פּאַנשטשיזנע.

אָבער ביסלעכווייז, צוזעהענדיג אַלץ מעהר די הויף־ספּעקטאַקעלם און וואַרפֿענדיג אַ בליק פֿון צייט צו צייט אויף די סצענעס הינטער די קוליסען, האָב איך אויסגעפֿונען ניט נאָר די נוצלאָזיגקייט פֿון דיזע סצענעס און די זאַכען וואָס זיי האָבען געזאָלט בעהאַלטען, זאָנדערן אויך, אַז דיזע קליינינקייטען האָבען אויף אַזוי פֿיעל בעשעפֿטיגט דעם קייזערליכען הויף, אַז עס איז זיי פּשוט ניט איבערגעבליעבען קיין צייט פֿאַר די פֿיעל וויכטיגערע אַנגעלעגענהייטען. די ווירקליכקייט איז אָפֿט פֿערלאָרען געגאַנגען אין דעם פּאַראַדירען; און ווידער איז די שכינה, מיט וועלכע מיין כוח הדמיון האָט אַרומגערינגעלט אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ביסלעכווייז פֿערשוואונדען, אַזוי, אַז ביי׳ן סוף יאָהר האָב איך שוין אין גאַנצען אויפֿגעהערט צו שעצען די פֿאַרבלענדענדע פֿאַנטאַזיע פֿון דער ניצליכער טהעטיגקייט אין די קרייזען פֿונ׳ם קייזערליכען הויף.

ביי יעדען וויכטיגען יום טוב, ווי אויך אין די געבורטסטעג ביי דעם קייזער און די קייזערין, אין דעם קאָראָנאַציאָנס־טאָג און ביי אַנדערע עהנליכע געלעגענהייטען, האָט מען אין פּאַלאַץ עמפּפֿאַנגען פֿיעל געסט. טויזענדער גענעראַלען און אָפֿיצירען פֿון יעדען ראַנג, ביז צום קאַפּיטאַן, ווי אויך ציווילע טשינאָווניקעס, זיינען געווען אויסגעשטעלט אין שורות אין די אונגעהייערע זאַלען פֿונ׳ם פּאַלאַץ, אום זיך צו בוקען ביי׳ם דורכגאַנג פֿון דעם קייזער און זיין פֿאַמיליע, בעת זיי זיינען אַוועק אין קירכע אריין. אַלע מיטגליעדער פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע פֿלעגען קומען אין אַזעלכע טעג אין פּאַלאַץ אַריין, פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען אין זאַאַל אין פּלוידערן

געמיטליך, ביז דער מאָמענט איז געקומען אָנצוטאָהן אויף זיך די מאַסקע פֿון היילינגטהום. דאַן האָט זיך די קאָלומנע צוזאַמענגעשטעלט. דער קייזער דערלאַנגענדיג די האַנד דער קייזערין, האָט געעפֿענט דעם מאַרטש. נאָך איהם איז נאָכגעגאַנגען דער קאַמער־פּאַזש, נאָך איהם ווידער דער גענעראַל־אַדיוטאַנט, דער אַדיוטאַנט, וואָס איז געווען יענעם טאָג אויף סלוזשבע, און דער מיניסטער פֿונ׳ם קייזערליכען הויף. די קייזערין, אָדער ריכטיגער די אונגעהייערע שלעפּע איהרע, איז אַטענדעט געוואָרען פֿון איהרע צוויי קאַמער־פּאַזשען, וועלכע האָבען די שלעפּע אויפֿגעהויבען ביים אומדרעהען זיך, און ווידער נאַכהער אויסגעשפּרייט אין איהר גאַנצער שעהנהייט. דער נאָסלעדניק און אַלע אַנדערע גרויס־פֿירסטינס און פּרינצעסינס זיינען געווען אויסגעשטעלט לויט נאָך זייער יחוס נאָך, — נאָך יעדע גרויספֿירסטין איז נאָכגעגאַנגען אַ קאַמער־פּאַזש. דאַן איז געגאַנגען אַ גרויסע פּראָצעסיע פֿון הויף־דאַמען, אַלטע, יונגע, אַלע אָנגעטאָהן אין רוסישע קאָסטיומען. בעת די פּראָצעסיע איז דורך, האָב איך געקענט זעהען ווי יעדער פֿון די עלטסטע מיליטערישע און ציווילע טשינאָווניקעס, איידער ער האָט זיך גענייגט פֿאַר׳ן קייזער, האָט זיך נעסטאַרעט באַמערקט צו ווערען, און ווען דער צאַר האָט איהם ווירקליך אַ שמייכעל געטאָהן, אָדער אַ ביסעל אַ נייג געטאָהן דעם קאָפּ, אָדער צופֿעליג אַ וואָרט געזאָגט, פֿלעגט ער זיך אַרומקוקען אויף זיינע שכנים פֿול מיט גאוה און גליק.

פֿון דער קירכע איז די פּראָצעסיע צוריקגעגאַנגען אויפֿ׳ן זעלבען אופן און דאַן האָט יעדער געהיילט צוריק אין זיין געשעפֿט אַריין. אַ חוץ די עטליכע געצעהלטע פֿערעהרער און עטליכע יונגע דאַמען, האָט אפילו ניט איינער פֿון צעהן געקוקט אַנדערש אויף דעם, ווי אויף אַ לאַנגווייליגע פֿפליכט. צוויי אָדער דריי מאָל די׳רכ׳ן ווינטער, זיינען גרויסע באַלען גע־געבען געוואָרען אין פּאַלאַץ, און טויזענדער מענשען זיינען איינגעלאַדען געוואָרען. נאָכדעם, ווי דער קייזער האָט געעפֿענט דעם באַל, האָט מען געגעבען יעדען איינציגען די פֿולע פֿרייהייט זיך צו אַמוזירען ווי ער האָט געוואָלט. אין די גרויסע העל־אילומינירטע זאַ׳לען איז געווען גענוג פּלאַץ פֿאַר יונגע מיידלאך ענטרונען צו ווערען פֿון די עלטערן און פֿון די טאַנ־טעס זייערע, און אַ סך האָבען ווירקליך הנאה געהאַט פֿון די טענץ און פֿון דעם מאָהלצייט.

9.

מיינע פּפֿליכטען אויף דיעזע בעלער זיינען געווען אַביסעל שווערליך. אַלעקסאנדער דער צווייטער, ניט ער פֿלעגט טאַנצען, און ניט ער פֿלעגט זיך אַוועקזעצען; ער פֿלעגט האַלטען אין איין אַרומגיין צווישען זיינע געסט. און די פּפֿליכט פֿון זיין קאַמער־פּאַזש איז געווען נאָכצופֿאָלגען איהם אויף אַזאַ אופֿן, דאָס ער זאָל ניט זיין ניט צו וויט פֿון איהם און ניט צו נאָהענט. אָט דיזעס צו ערגרייכען, איז גאָר ניט געווען אַזאַ לייכטע זאַך, און דער אימפּעראַטאָר האָט דאָס אויך גאָר ניט געפֿאָדערט. ער וואָלט פֿיעל בעסער געוואָלט, מי זאָל איהם גלייכער לאָזען אַליין, נור אַזוי איז שוין געווען דער מנהג, און ער, דער רוסישער צאַר, האָט זיך עס געמוזט אונטערוואַרפֿען איהם. דאָס ערגסטע פֿלעגט זיין, ווען ער פֿלעגט אַריינגעהן אין אַ געדיכטען צירקעל פֿון דאַמען. דאַן איז עס גאָר ניט געווען אַזוי גרינג זיך צו מאַכען אַ וועג דורך דיעזען לעבענדיגען גאָרטען, וועלכער פלעגט עפֿענען אַ דורכגאנג פֿאַר דעם אימפּעראַטאָר, אָבער פֿלעגט זיך גלייך צומאַכען הינטער איהם. אָנשטאָט אַליין צו טאַנצען, פֿלעגען הונדערטער דאַמען און מיידלאַך שטעהן דאָרט, שטארק צוזאַמען געדריקט, יעדע פֿון זיי האָפֿענדיג און וואַרטענדיג מיט אַ קלאַפּענדע האַרץ, טאָמער וועט איינער פֿון די גרויס־פֿירסטען איהר בעמערקען און איינלאַדען איהר צו טאַנצען אַ פּאָלקאַ אָדער אַ וואַלץ.

דער איינפֿלוס פֿון דעם קייזערליכען הויף אויף די פּעטערסבורגער געזעלשאַפֿט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען אַ גרויספֿירסט פֿלעגט וואַרפֿען אַן אויג אויף אַ מיידעל, פֿלעגען איהרע עלטערען אָנווענדען אַלע זייערע קרעפֿטען, אַז זייער טאָכטער זאָל זיך ביז צום וואַהנזין פֿאַרליבען אין דיזען פֿירסט, כאָטש זיי האָבען גוט געוואוסט אַז דיעזער פֿירסט קען קיין מאָל ניט חתונה האָבען געזעצליך מיט זייער טאָכטער—די רוסישע גרויס־פֿירסטען איז פֿאַרווערט חתונה צו האָבען מיט דעם צאַר׳ס אונטערטהאַנען. דער געשפּרעך, וואָס איך האָב אמאָל געהערט אין אַזאַ יאָגענאַנטע אנשטענדיגע פֿאַמיליע איבער דעם, ווי דער נאַטשאַלניק האָט געטאַנצט מיט זייער טאָכטער, זיבצעהן יאָהר אַלט, און איבער די האָפֿנונגען, וואָס איהרע עלטערען האָבען אויסגעדריקט ביי דיעזע געלעגענהייט, האָט איבערשטיגען אַלעס, וואָס איך האָב זיך אַמאָהל געקענט פֿאָרשטעלען.

יעדעס מאָהל, ווען מיר זיינען געווען אין פּאַלאַץ, האָבען מיר דאָרט געהאַט אַן איבערביים אָדער אַ מיטאָג, און די דינער פֿלעגען אונז איבערגעבען שטיקלאַך נייעס פֿון דעם, וואָס גייט פֿאָר אין דוואָרעץ, גאָר ניט

פֿרעגענדיג ביי אונז, צו מיר ווילען עס וויסען אָדער ניט, זיי האָבען געוואוסט פֿון אַלעס, וואָס עס גייט פֿאָר אין די פֿערשידענע פּאַלאַצען.

דעם אמת געזאָגט, זיינען אין דעם יאָהר, פון וועלכען איך רייד דאָ, געווען פֿיעל וויינינגער סקאַנדאלעזע געשיכטען, ווי זיי זיינען עס געוואָרען אין די זיעבציגער יאָהרען.

די ברידער פֿון דעם צאַר האָבען דאַן נור וואָס חתונה געהאַט און זיינע זיהן זיינען נאך געווען אַלע זעהר יונג, אָבער די פֿערהעלטניסע פֿון דעם אימפּעראַטאָר זעלבסט צו אַ געוויסע פּרינצעסין, וועלכע טורגעניעוו האָט אַזוי וואונדערבאר גוט אָבגעמאָלט אין דעם ראָמאַן „רים״, אונטער דעם נאָמען אַירינאַ, זיינען געווען בעקאַנט צו די אַלע דינער אין דוואָרעץ און זיי האָבען איבער דעם גערעדט פֿיעל פרייער, ווי מי האָט זיך עס ערלויבט אין דער פעטערסבורגער העכערער געזעלשאַפֿט. דאָך איין שיינעם טאָג, ווען מיר זיינען אַריין אין צימער, וואו מיר פֿלעגען זיך אָנטאָהן, האָט מען אונז געזאָגט, דאָס יענע פרינצעסין איז גענצליך אויפֿגעגעבען געוואָרען פֿון דעם אימפעראַטאָר. אַ האַלבע שטונדע שפּעטער האָבען מיר געזעהן דיזע דאַמע אין קירכע, מיט אויגען געשוואָלען פֿון וויינען און שלינגענדיג איהרע טרערען וועהרענד דעם גאָטעסדינסט. די אַלע אַנדערע דאַמען האבען זיך אומישנע געהאַלטען אויף אַ געוויסע ווייטקייט פֿון איהר, כדי אַלע זאָלען זעהען איהר ערנידריגונג. די דינער האָבען דאָס אַלעס גלייך געוואוסט און האָבען געמאַכט זייערע אייגענע פירושים אויף דאָס, וואָס איז געשעהען. עס איז ווירקליך געווען עטוואָס עקעלהאַפֿטעס, אָבשטויסענדעס אין דעם געשפּרעך פֿון דיזע לאַקייען, וועלכע זיינען געווען מיט אַ טאָג פֿריהער פֿערטיג צו קריכען אויף די קניע פֿאַר דיזעלבע דאַמעס.

די סיסטעמע פֿון שפּיאָנסטוואָ, וועלכע איז איינגעפֿיהרט אין פּאַלאַין, און איבערהויפּט ארום דעם אימפּעראַטאָר אַליין, וואָלט אויסגעזעהען כמעט אומגלויבליך פֿאַר די, וואָס זיינען ניט איינגעווייהט אין דיזען סוד. די פֿאָלגענדע פּאַסירונג וועט אייך געבען אַ בעגריף דערפֿון. איינער פֿון די גרויספירסטען האט געקראָגען שטאַרק אָנגעלערענט פֿון אַ פעטערסבורגער הער. דיזער האָט פֿערבאָטען דעם גרויס־פֿירסט אַריינצוגיין אין זיין הויז. אבער איינמאָל, קומענדיג צוריק אַהיים אונערוואַרטעט, האָט ער דעם תכשיט געפֿונען אין זיין סאַלאָן. ער האָט אויף איהם אויפֿגעהויבען זיין שטעקען. דער יונגער מאַן איז אראָבגעלאָפֿען, ווי אַן אָבגעפּאַרעטער פֿון אַלע טרעפּ, און ווען ער האָט שוין געהאַלטען ביין אַריינשפּרינגען אין זיין קאָטש, האָט דער נאָכיאָגער איהם געכאַפּט און האָט איהם אַראָבגעלאָזען אַ געזונדען לאפּ מיט׳ן שטעקען. דער פּאָליציי־סקער, וואָס איז געשטאַנען ביין טיהר

און חאָט דאָס צוגעזעהען, האָט דאָס באַלד מיטגעטהיילט זיין טשיף, גענעראַל טרעפּאָוו. דיזער וויעדער איז גלייך אַוועקגעלאָפּען צום אימפּעראַ-טאָר, אום צו זיין דער ערסטער צו רעפּאָרטירען דיזען „טרויעריגען צופאַל." דער אימפּעראַטאָר האָט געשיקט רופען דעם גרויס-פירסט, איהם דורך צו שטראָפען. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט אַן אַלטער טשינאָווניק, וואָס האָט געהערט צו די „דריטע אָטדיעלעניע", און וועלכער איז געוועזן אַ פריינד אין אַ הויז פון איינעם פון מיינע חברים, האָט דערציילט דעם גאַנצען געשפּרעך, וואָס דער אימפּעראַטאָר האָט נעהאט מיט זיין זוהנ'דל. „דער אימפּעראטאָר", האָט ער אונז דערציילט, איז געוועזן זעהר בייז און ביין סוף האָט ער געזאָגט צו דעם גרויס-פירסט: „דו זאָלסט אַביסעל בעסער פּאַר-שטיין, ווי צו פיהרען דיינע קליינע ליעבּעס-געשעפטען."

ווען מי האָט דעם טשינאָווניק געפרעגט, ווי אַזוי ער קען וויסען, וואָס עס האָט פּאַסירט אונטער פיער אויגען, צווישען צאַר און זיין זוהן, האָט ער געענטפערט זעהר חאַראַקטעריסטיש: „די ווערטער און די מיינונ-גען פון זיין מאַיעסטעט מוז אונזער דעפּאַרטאַמענט וויסען, און ווי אנדערש וואָלט אַזאַ דעליקאַטנע אינסטיטוציאָן, ווי די שטאַאטס-פּאָליציי, געקענט געפיהרט ווערען? זייט זיכער, דאָס דער אימפּעראַטאָר איז די אם מייסטען שפּיאָנירטע פּערזאָן אין גאַנץ פּעטערסבורג".

דאָ איז קיין בעריהמעריי ניט געוועזן אין דיעזע ווערטער. יערער מיניסטער, יעדער גענעראַל-גובערנאַטאָר, איידער ער איז אַריין אין דעם אימפּעראַטאָר'ס קאַבינעט מיט זיין רעפּאָרט, האָט געהאַט פריהער אַ גע-שפּרעך מיט דעם לייב-דינער פון דעם אימפּעראַטאָר, אום צו וויסען ווי דער צאַר איז אופגעליגט, פיהלט יענעם טאָג. און וועדליג דעם געמיטה צושטאַנד פון דעם צאַר, פלעגט ער אָדער פאָרברייגגען פּאַר איהם זיין פאַרוויקעלטע, קאָמפּליצירטע אַנגעלעגענהייט, אָדער ער פלעגט עס גאָר ניט דערמאָנען, אָבלייגענדיג דאָס אויף אַ מזל'דיגערן טאָג. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פון איסט סיביר, ווען ער פלעגט קומען נאָך פּעטערסבורג, פלעגט פריהער שיקען זיין אַדיוטאַנט, מיט אַ שעהנע מתנה פּאַר דעם אימפּעראַטאָר'ס לייב-דינער. „עס זיינען דאָ טעג", פלעגט ער זאגען, „ווען דער אימפּעראַטאָר קען אַריינקומען אין אַ ווילדען כעס, און באַפעהלען צו אונטערזוכען יעדען איינצעלנעם, מיר ניט אויסגענומען, ווען איך זאָל פאַר איהם אין אַזעלכע טעג פאָרלייגען מיינע דאקלאדען. און ווידער עס זיינען דאָ אַנדערע טעג, ווען אַלעס געהט אָב גאַנץ גלאַטלאַך. דאַרום איז דער לייב-דינער אַ מאַן, גאָר ניט אָבצושאַצען".

צו וויסען פון טאָג צו טאָג, ווי דער אימפּעראַטאָר פיהלט, דענקט,

איז נעווען אַ וויכטיגער טהייל פֿון די קונסט, צו בלייבען ביי אַ הויכען טשין אָדער שטעלע—אַ קונסט, וועלכע שפּעטער, גראַף שוואוואלאָוו און גענעראַל טרעפּאָוו האָבען פערשטאַנען ביז צור פֿאָלקאָמענהייט. אויך דער גראַף איגנאַטיעוו, אורטהיילענדיג פון דעם, וואָס איך האָב פֿון איהם געזעהען, איז געווען דער באַזיצער פון דיעזע קונסט, און זאָגאַר אָהן די צו־הילפֿע פֿון דעם לייב־דינער.

אין דעם אָנפאַנג פֿון מיין דיענסט אַלס פאַזש, האָב איך איינפֿאַך געשפּירט אין זיך אַ געפֿיהל פֿון פֿאַרגעטערונג צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, דעם בעפֿרייער פֿון די פאַנסטשיזניקעס. די פֿאַנטאַזיע טראָגט אַמאָל אַוועק א יונגען מאַן פֿיעל ווייטער פֿון די ווירקליכקייט, וואָס איז אַרום איהם, און איך האָב צו יענער צייט אַזוי געפֿיהלט צו אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, דאָס אויב אימיצער וואָלט געמאַכט אַ פֿערזוך אויף זיין לעבען אין מיין אַנוועזענהייט, וואָלט איך איהם איינפֿאַך געשיצט מיט מיין קערפער. איך בין געווען פֿערטיג מיך מקריב צו זיין פֿאַר איהם, ווען נייטיג. איין טאָג, אָנפֿאַנג יאַנואַר, 1862, האָב איך איהם געזעהען פֿאַרלאָזען די פּראָצעסיאָן און אַוועק געהן שנעל אַליין צום פּלאַץ, וואו א טהייל פֿון אַלע רעגימענטען פֿון פעטערסבורגער גאַריזאָן האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר אַ פּאַראַד. דיעזער פאַראַד פֿלעגט געוועהנליך שטאַטפֿינדען דרויסען, אָבער יענעם טאָג צוליב דעם פֿראָסט, איז ער געהאַלטען געוואָרען אין האַל, און אַלעקסאַנדער דער צווייטער, וואָס פֿלעגט געוועהנליך גאַלאָפּירען מיט דער פֿולסטער שנעלקייט אין פֿראָנט פֿון די סאָלדאַטען, ווען ער האָט געהאַלטען איבערזיכט איבער זיי, האָט בעדאַרפֿט מאַרשירען אין פֿראָנט פֿון די רעגימענטער. איך האָב געוואוסט, דאָס מיינע האָף־פֿפֿליכטען ענדיגען זיך אַזוי שנעל, ווי דער אימפּעראַטאָר נעהמט אויף זיך די ראָליע פֿון דעם קאָמאַנדיר פֿון די טרופּען, און דאָס איך האָב בעדאַרפֿט נאָכגעהן נאָך איהם ביז דעם פּלאַץ, וואו ער נעהמט אויף זיך די קאָמאַנדע און ניט ווייטער. אַרום קוקענדיג זיך, האָב איך דערזעהען, דאָס ער איז כמעט גאַנץ אַליין; זיינע אַדיוטאַנטען זיינען געווען אַוועק, און פֿון זיין גאַנצע סוויטע איז קיין איינציגער מענש ניט געווען. „איך וועל איהם ניט לאָזען אַליין“, האָב איך בעשלאָסען ביי זיך און בין איהם נאָכגעגאַנגען.

צו אַלעקסאַנדער האָט זיך זעהר געאיילט יענעם טאָג, אָדער ער האָט געהאַט אַנדערע אורזאַכען צו ווינשען, אַז די פּאַראַדע זאָל שוין זיין פֿאָראיבער—איך ווייס עס ניט, אָבער ער איז אזוי געלאָפֿען, ער האָט געמאַכט אַזעלכע גרויסע טריט—ער איז געווען אַ זעהר הויך געוואַקסענער מאַן—דאָס מיר איז זעהר שווער געווען ניט צו פֿערליערען איהם פֿון אויג,

ווי שנעל איך בין איהם נאָכגעלאָפֿען. ער האָט זיך געהיילט, אזוי ווי ער וואָלט אַנטלאָפֿען פֿון אַ געפֿאַהר. זיין אויפֿרעגונג איז אויך אויף מיר איבער געגאַנגען, און יעדען מאָמענט בין איך געווען פֿערטיג צו פֿערלויפֿען איהם אויף פֿריהער, בעדויערענדיג נור דאָס, וואָס איך האָב מיין אוניפֿאָרם שווערד, און ניט מיין אויגענעם, וועלכער האָט געקאָנט דורך שניידען קופּער און איז געווען אַ פֿיעל בעסערע וואַפֿע. נור, ווען ער איז שוין פֿאַרביי געגאַנגען דעם לעצטען באַטאַליאָן, האָט ער אָנגעהויבען גיין לאַנגזאַמער, און אַריין גייענדיג אין אַן אַנדער זאַל, האָט ער זיך אומגעדרעהט און האָט געטראָפּען מיינע אויגען, וואָס האָבען געקוקט מיט די אויפרעגונג פֿון יענעם משוגענעם געיעג. דער יונגער אַדיוטאַנט איז געלאָפֿען מיט זיין גאַנצען כוח, און איז דאָך געבליבען צוויי זאַלען הינטער שמעליג. איך בין געווען פֿערטיג צו קריגען גוט אויסגעזידעלט: אָנשטאָט דעם אָבער, האָט דער אימפּעראַטאָר געזאָגט צו מיר, אַרויס ווייזענדיג פּילייכט זיינע אייגענע אינערליכע געדאַנקען, „דו דאָ? בראַוועך יונגע!" און ווי ער איז אזוי לאַנגזאַם אַוועק, האָט ער געקוקט אין די פּוסטקייט אויף קיינעם ניט און אויף קיין זאַך ניט מיט זיין צוטראָגענעם, רעזועלהאַפֿטען בליק, וועלכען איך האָב אָנגעהויבען אָפֿט צו באַמערקען.

דאַמאָלס האָב איך אַלזאָ שטאַרק געהאַלטען פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. אָבער עטליכע קליינע צופֿעלע, ווי אויך דער רעאַקציאָנערער כאַראַקטער פֿון זיין שפּעטערער פּאָליטיק, האבען מיר געמאַכט אַלץ מעהר און מעהר צווייפֿלען אין איהם. יעדען יאָהר, אם זעקסטען יאַנואַר, ווערט אין רוסלאַנד געפּראַוועט אַ האַלב קריסטליכע און האַלב געצענדינערישע צערעמאָניע צו הייליגען די וואַסערען. דאָס ווערט אויך געפּראַוועט אין פּאַלאַץ. אויף'ן נעוואַ ווערט אויפֿגעשטעלט אַ פּאַוויליאָן געגענאיבער דעם פּאַלאַץ, און די קייזערליכע פֿאַמיליע מיט די גלחים פֿאָראויס געהן אַרויס פֿון הייף, און געהן אריבער איבער'ן הערליכען ברעג טייך צום פּאַוויליאָן. דאַ זינגט מען אַ תפילה צו גאָט, און דער צלם ווערט אַריינגעשטאָכען אין טייך אריין. טויזענדער מענשען שטעהן ביים ברעג און אויף'ן אייז פֿון נעוואַ ביי־צו־וואָהנען די צערעמאָניע פֿון דער ווייטענס. וועהרענד די תפלות, מוזען אַלע שטעהן מיט הוילע קעפּ. דעם יאָהר, אזוי ווי דער פֿראָסט איז געווען אַ ברענענדיגער, האָט אַן אַלטער גענעראַל געטראָגען אַ פּאַרוק, און אַנטהוענדיג דעם מאַנטעל, האָט ער דעם פּאַרוק אַריבערגערוקט איבער'ן סאַמע מיטען קאָפּ, ניט ווייסענדיג פֿון גאָרניט. דער גרויספֿירסט קאָנסטאַנטין האָט דאָס גראַד דערזעהען און האָט די גאַנצע צייט געכאַטשעט; באַלד האָבען עס די יונגע פֿירסטען אויך דערזעהען און האָבע אויך גענומען

לאַכען, קוקענדיג אויף׳ן אַלטען גענעראַל, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט, ניט וויסענדיג וואָס די שמחה איז. קאָנסטאַנטין האָט ענדליך אַ שושקע געטהאָן דעם קייזער, וועלכער האָט אויך געקוקט אויפ׳ן פּאַרוק און געלאַכט.

אין עטליכע מינוט אַרום, בעת די פּראָצעסיע איז געגאַנגען צוריק אין פּאַלאַץ אריין, האָט זיך אַן אלטער מוזשיק, אויך מיט אַ היילע קאָפּ, דורכגעשטופּט דורך די טאָפּעלע רייהע פון די סאָלדאַטען, וועלכע זיינען געגאַנגען אויף ביידע זייטען פּראָצעסיע, און איז געפאַלען אויף די קניע גלייך פאַר׳ן קייזער׳ס פּיס, אויסשטרעקענדיג אַ פּראָשעניע און וויינענדיג מיט טרערען אין די אויגען: „באַטושקאַ, בעשיין אונז!” דורות פון אונטערדריקונג פון רוסישען פאָלק האָט מען געקענט הערען אין דיעזען געוויין; אָבער אַלעקסאַנדער דער צווייטער, וועלכער האָט נאָר וואָס געלאַכט פון א פּאַרוק אין דער צייט פון די הייליגע תפלות, איז זיך איצט פאַרבייגעגאַנגען פאַר׳ן מוזשיק און האָט צומאָל ניט א קוק געטהאָן אויף איהם. איך בין דאַן געוועזען גלייך הינטער איהם, און אלעס וואָס איך האָב אין איהם בעמערקט, וואַר, דאָס ער האָט אַ צאַפּעל געטהאָן פון שרעק ביין פּלוצליכען ערשיינען פון׳ם מוזשיק, אָבער זאָנסט האָט איהם די אַלטע ליידענדע מענשען-פיגור ניט געקימערט. די לייב-אַדיוטאַנטען זיינען דערביי ניט געוועזען; דעם גרויספירסט קאָנסטאַנטין האָט עס אויך אזוי פיעל געאַרט, ווי דעם ברודער זיינעם; ס׳איז אפילו ניט געווען קיין מענש, וואַס זאָל פון דעם אַלטען פויער צונעמען די פּראָשעניע, און איך האָב זי צוגענומען, כאָטש איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל קריגען געזידעלט דערפאַר. צונעמען פּראָשעניעס האָב איך קיין רעכט ניט געהאַט, אָבער איך האָב געוואוסט, מיט וועלכע יסורים ס׳איז אָנגעקומען דעם אונגליקליכען מוזשיק, איידער ער האָט זיך דורכגעשלאָגען ביז קיין פּעטערסבורג, און דורך די רייהען פון ד. סאָלדאַטען און זשאַנדאַרמען ביז צום סאַמע קייזער, ווי אַלע מוזשיקעס וואָס דערלאַנגען פּראָשעניעס דעם צאַר, וועט מען אויך איהם אַריינזעצען אויף וועד וויים ווי לאַנג.

אין דעם טאָג פון דער בעפרייאונג פון די לייב-אייגענע, האָט מען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען פּשוט פאַרגעטערט אין פּעטערסבורג. אָבער עס איז העכסט זאָנדערבאַר, אַז אַ חוץ אין יענעם מאָמענט פון אַלגעמיינער בעגייסטערונג, האט איהם די שטאָט ניט ליעב געהאַט. זיין ברודער ניקאָלאַי— קיינער וויים ניט פאַרוואָס און פאַר ווען—איז מינדעסטענס געווען בעליבט ביי די קליינע סוחרים׳לעך און ביי די איזוואָזשטשיקעס; אָבער ניט אַלעקסאַנדער, ניט זיין ברודער קאָנסטאַנטין, דער פיהרער פון דער רעפאָרם

פַּארטיי, און ניט זיין דריטער ברודער, מיכאַאיל, איז עס געלונגען בעליעבט צו ווערען ביי אירגעד וועלכע קלאַסע מענשען אין פּעטערסבורג. דער קייזער האָט אין זיך געהאַט צופֿיעל פֿון זיין פֿאטער׳ס דעספּאָטישען כאַ־ ראקטער, וועלכער פלעגט פֿון צייט צו צייט דורכדרינגען דורך זיינע געוועהנליך גוטמוטהיגע מאַניערען. ער פֿלעגט זעהר לייכט אין כעס ווערען און אָפֿט בעהאַנדעלט די הויף־לייט אויף דער שענדליכסטער אַרט. ער איז ניט געווען אַ מענש, אויף וועמען מי זאָל זיך קענען פֿאַרלאָזען, ניט אין פּאָליטיק און ניט אין זיינע פּערזענליכע געפֿיהלען, און ער איז געווען אַ נוקם ונוטר. איך נלויב קוים, אַז ער איז געווען עכט איבערגעבען צו דעם בעסטען פֿריינד זיינעם. עטליכע פֿון די לייט, וועלכע זיינען מיט איהם געווען אין ענגע שייכות, וואַרען פֿון די ערגסטע מענשען, — פֿירסט אַדעלבערג, צום ביישפּיל, וועלכער האָט פֿון איהם איינגעמאָנט זיינע אונגעהייערע הובות, עטליכע מאָל איינס גאָכ׳ם אַנדערע, און אנ־ דערע פּערזאָנען, וועלכע וואַרען בעקאַנט פֿאַר זייערע שרעקליכע גנבות.

אין דעם אנהויב פֿון 1862 אָן, האָט ער אנגעהייבען אַרויסווייזען זיין פֿאָטערס דעספּאָטישע אַקטען. מי האָט געוואוסט, אַז ער רעכענט נאָך אלין איינצופֿיהרען עטליכע וויכטיגע רעפֿאָרמעס אין דער געריכטליכער אָרגאַניזאַציאָן און אין דער אַרמעע, אַז די שרעקליכע קערפּערליכע בע־ שטראָפֿונגען האַלטען ביים אבגעשאַפֿט ווערען, און אַז ער געהט בעוויליגען אַ מין לאָקאַלע זעלבסט רעגירונג, און אפשר נאָך אַ מין קאָנסטיטוציאָן אויך. אָבער דער מינדעסטער אויפֿרוהר איז דורך זיין בעפֿעהל אונטערדריקט געוואָרען מיט דער שרעקליכסטער גרויזאַמקייט, יעדע בעוועגונג פֿלעגט ער בעטראַכטען אַלס א פּערזענליכע בעליידיגונג, אַזוי אַז מי האָט פֿון איהם יעדע רגע געקענט ערוואַרטען די רעאַקציאָנערסטע אוקאַזען. די אונרוהען וועלכע זיינען אויסגעבראָכען אין די אוניווערזיטעטען פֿון פּעטערסבורג, מאָסקווע און קאַזאַן, אין אָקטאָבער, 1861, זיינען אַלין שטרענגער און שטרענגער אונטערדריקט געוואָרען. די אוניווערזיטעט פֿון פּעטערסבורג איז אין גאַנצען געשלאָסען געוואָרען, און אַפּילו די פרייע קורסען וואָס דאָס רוב פּראָפֿע־ סאָרען האָבען געעפֿענט אין ראַטהויז, האָט מען אויך גלייך צוגעמאַכט, און מאַנכע פֿון די בעסטע פּראָפֿעסאָרען האָבען פֿאַרלאָזען די אוניווערזיטעט.

גלייך נאָך דער אָבשאַפֿונג פֿון דער פּאַנסטשיזנע, האָט זיך אָנגע־ הויבען א גרויסע בעוועגונג צו עפֿענען זונטאַגס־שוהלען; זיי וואַרען אומעטום געעפֿענט פֿון פּריוואַט פּערזאָנען און געזעלשאַפֿטען—אַלע לעהרער זיינען געווען פֿרייווילליגע—און די מושיקעס און די אַרבייטער, אַלט און יונג, זיינען געלאָפֿען אין דיעזע שוהלען מאַסענווייז. אָפֿיצירען, סטודענטען, אַפּילו

עטליכע פּאַזשען זיינען געוואָרען לעהרער; און עס זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען אַזעלכע פּראַקטפאָלע מעטהאָדען, אַז אין ניין אָדער אין צעהן לעקציעס האָבען מיר געהאַט אויסגעלערענט דעם מוזשיק לייענען. אָבער פּלוצלונג זיינען אַלע זונטאַגס־שוהלען, וואו די מאַסען וואָלטען זיך געקענט אויסלערנען אין עטליכע יאָהר לייענען אָהן שום הוצאות פון דער רעגירונג, צוגעמאַכט געוואָרען. אין פּוילען, וואו עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאַטריאָטישע פּאָוסטאַניעס, זיינען די קאָזאַקען אַרויס געשיקט געוואָרען צו צוטרייבען די מאַסען מיט די נאַגייקעס, און צו אַרעסטירען הונדערטער מענשען אין די קירכען, מיט זייער געוויינליכער ברוטאַליטעט.

אַם ענדע פון 1861 זיינען פּאָליאַקען דערשאָסען געוואָרען אין די גאַסען פון וואַרשאָ, און אום צו אונטערדריקען די עטליכע בונטען פון די מוזשיקעס, האָט מען זיך בענוצט מיט דעם שוידערהאַפטען שמייסען דורך די דאָפּעלטע רייהען זעלנער — די בעליבטע שטראָף פון ניקאָלאַי דעם ערסטען. שוין אין 1862, האָט מען געקענט אַרויסזעהען דעם דעספּאָט, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געוואָרען אין די יאָהרען 1870—81.

פון דער גאַנצער קייזערליכער פאַמיליע, איז די קייזערינע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ זיכער געווען די סימפּאַטישסטע פּערזאָן. זי וואַר אויפריכטיג, און ווען זי האָט געזאָגט עפּעס אַנגענעהמעס צו אַ מענשען, האָט זי עס געמיינט מיט'ן גאַנצען האַרצען. ביי אַ געוויסע געלעגענהייט האָט זי מיר געדאַנקט פאַר אַ קליינע העפליכקייט מיינע, און איהר מינע האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק. זי איז זיכערליך ניט געווען גליקליך אין איהר פאַמיליען לעבען. זי וואַר אויך ניט בעליבט ביי די האָף־דאַמען, וועלכע האָבען זי געהאלטען פאַר צו שטרענג, און האָבען ניט געקענט פאַרשטעהן פאַרוואָס זי עסט זיך אַזוי פיעל אָפּ די האַרץ פון איהר מאַן'ס לייכטזיניגע ליבעס. איצט ווייס מען, אַז זי האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער בעפרייאונג פון די לייב־אייגענע.

אָבער אין יענער צייט האָט מען דאָס גאָר ניט געוואוסט. דער גרויס־פירסט קאָנסטאַנטין און די גרויס־פירסטין העלענאַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע איז געווען די הויפּט שטיצע פון ניקאָלאַי מיליוטין אין הויף, וואַרען בעטראַכט אלס די צוויי פיהרער פון דער רעפאָרם פּאַרטיי אין פּאַלאַץ גופא. די קייזערין וואַר דאַמאָלס מעהר בעריהמט דערמיט, וואָס זי האָט אַזוי ענטשלאָסען געאַרבייט, אַז מ'זאָל איינפיהרען גימנאַזיעס פאַר מיידלעך; און דיעזע גימנאַזיעס זיינען פון אָנהויב אָן אָרגאַניזירט געוואָרען עכט דעמאָ־

קראַטיש און מיט זעהר רייכע פּראָגראַמעס. איהר פֿריינדשאַפֿט צום גרויסען פּעדאַגאָג, אושינסקי, האָט איהם מציל געוועזן פון דעם גורל, וועלכער איז בעפֿאלען אַלע בעריהמטע מענער פֿון יענער צייט—נעמליך: אויסווייזונג פֿון רוסלאַנד.

זייענדיג זעלבסט גוט געבילדעט, האָט זי געזעהען מיט אַלע קרעפֿ־טען איהר עלטסטען זוהן גרינדליך צו בילדען. די גרעסטע מענער פֿון אַלע צווייגען פֿון וויסענשאַפֿט האָט זי אויסגעזוכט אַלס לעהרער פאַר איהם, און זי האָט זאָגאַר איינגעלאַדען צוליב דיעזען צוועק קאַוועלין, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער איז אַן אינטימער פֿריינד פֿון אַלעקס. הערצען. ווען ער האָט איהר דערמאָנט פון דיעזער פֿריינדשאַפֿט, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט גאָר ניט צו הערצען, נאר וואָס ער געברויכט אַזאַ גוואַלטיגע שפּראַך געגען די אַלטע קייזערינע, די אלמנה.

דער נאַסליעדניק איז געווען אַ קראַסאַוועץ, ער איז ביי זיך גאָר ניט גרויס געווען, און פֿלעגט זיך מיט אונז אָפֿט אונטערהאַלטען ווי דער בעסטער קאַמעראַד. (איך געדענק אַפילו ווי איך האָב איהם ביי דער אויפֿ־נאַהמע פון די דיפּלאָמאַטען אין דעם טאָג פֿון ניי־יאָהר געטרייט צו ערקלערען ווי איינפֿאַך און שעהן עס זעהט אויס די אוניפֿאָרם פֿון דעם אַמעריקאַנער געזאַנדטען אין פֿערגלייך מיט די פּאָפּוגאַי־קאָלירטע אוניפֿאָר־מען פֿון די אַנדערע דעפּוטאַטען). פֿון דעסטוועגען האָבען די נאָהענטע בעקאַנטע זיינע איהם בעצייכענט אַלס געפֿעהרליכען עגאָאיסט, אַלס מענש, וועלכער וואַר ניט אימשטאַנד מיט קיינעם פֿריינדשאַפֿט צו שליסען. דאָס האָט מען געקענט אין איהם לייכט דערקענען, נאָך מעהר ווי ביי זיין פֿאָטער. וואָס אָנבעלאַנגט זיין בילדונג, איז אַלע מיהע פון זיין מוטער געווען אַרויס געוואָרפען. אין אויגוסט, 1861, איז ער זעהר מיאוס דורכגעפֿאַלען ביי זיינע עקזאַמענס, וועלכע דער צאַר האָט בייגעוואוינט, און איך געדענק, בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט איינמאָל ביי אַ פּאַראַד, וועלכען דער צאַרעוויטש האָט אומגעלומפּערט קאָמאַנדירט, אַ געשריי געטאָהן אין דער היץ, כדי אַלע זאָלען הערען: „אַפּ'לו דאָס האָסטו אויך ניט אויסגעלערנט!" ווי בעקאַנט, איז ער געשטאָרבען צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט פֿון אַ רוקען־מארך קראַנקהייט.

זיין ברודער, אַלעקסאַנדער, וועלכער איז געוואָרען צאַרעוויטש אין 1865, און דערנאָך געקרוינט אַלס אַלעקסאַנדער דער דריטער, איז געווען פּונקט דער הפוך פֿון זיין ברודער ניקאָלאַי אַלעקסאַנדראָוויטש. ער האָט מיך שטאַרק דערמאָנט אָן פּאַוועל דעם ערשטען, מיט זיין פּנים, זיין פֿיגור און דעם שטאָלץ פֿון זיין אייגענע גרויסקייט, און איך פֿלעג זאָגען, אַז אויב

ער וועט אַ מאָל אַרויף אויף'ן טהראָן, וועט ער זיין אַ צווייטער פּאַוועל אין דעם גאַטשינער פּאַלאַץ און וועט האָבען דעם זעלבען סוף וואָס זיין זיידע האָט געהאַט פֿון זייגע אייגענע הויפֿלייט.

לערנען האָט ער ניט געוואָלט כאָטש צוהאַק איהם. מי האָט געזאָגט, אַז מחמת דעם, וואָס אלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געהאַט גרויסענע צרות פֿון זיין ברודער קאָנסטאַנטין, וועלכער איז געווען געבילדעטער פֿאַר איהם, האָט ער דאַרום זיין גאַנצע מיה אַוועקגעלייגט אויף'ן נאַסלעדניק און האָט דערוויל פֿאַרנאַכלעסיגט זיינע איבעריגע זיהן. דאָך צווייפֿעל איך, אַז דאָס וואַר די אורזאַכע פֿון אַלעקסאַנדער דעם דריטען'ס גראָבקייט. ער האָט ניט אַנדערש געמוזט זיין אַ גרויסער שונא צו בילדונג גלייך פֿון קינדהייט אָן: אין פֿאַקט, זיין ספּעלען, וועלכעס איך האָב געזעהען אין די טעלעגראַמען צו זיין כלה אין קאָפּענהאַגען, וואַרען אונבעשרייבליך שלעכט.

מי זאָגט, אַז די לעצטע יאָהרען פֿון זיין לעבען האָט ער זיך פֿיעל געבעסערט אין זיינע מאַניערען, אָבער אין 1870, און אויך פֿיעל שפּעטער, איז ער געווען אַן אמת'ער קינד פֿון פּאַוועל דעם ערשטען. איך האָב אין פּעטערסבורג געקענט אַן אָפֿיציר פֿון שוועדישער אָבשטאַמונג, וועלכער וואַר געשיקט אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען צו בעשטעלען ביקסען פֿאַר רוסלאַנד. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געמוזט רעפּאָרטען וועגען זיין שליחות צו אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש. אין פֿערלויף פֿון זייער געשפּרעך, ווערענדיג שטאַרק אין כעס, האָט ער גענומען שטאַרק זידלען דעם אָפֿיציר און ווען ער האָט איהם געענטפֿערט מיט ווירדע, איז דער קייזערליכער יורש אריין אין אַזאַ שרעקליכען צאָרן, אַז ער האָט דעם אָפיציר מיאום בעלייִדיגט. דער אָפֿיציר, וועלכער האָט בעלאַנגט צו יענעם טיפּ זעלבסטבעוואוסטע, אָבער זעהר לאָיאַלע עדעל־לייט אין רוסלאַנד, איז באַלד ארויס פֿון פּאלאַץ און האט געשריבען אַ בריף, אַז וויבאלד דער צאַרעוויטש וועט ניט אַריינשיקען זיין ענטשולדיגונג אין פֿערלויף פֿון 24 שטונדען, וועט ער זיך דערשיסען. דאָס וואַר אַ מין יאַפּאָנעזער דועל. אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש האָט קיין ענטשולדיגונג ניט געשיקט, און דער אָפֿיציר האָט געהאַלטען וואָרט. איך האָב איהם געזעהען ביי איין אינטימען פֿריינד מיינעם, בעת ער האָט ערוואַרטעט יעדע מינוט צו קריגען אַ בריף פֿון צאַרעוויטש. מאָרגען אין דער פֿריה וואַר ער טויט. דער צאַר איז געווען זעהר בייז אויף זיין זוהן און האָט איהם בעפֿוילען נאָכצוגעהן נאָך דער מטה ביז צום קבר. אָבער, אַפּילו דיזע שרעקליכע לעקציע האָט ניט אויסקורירט דעם יונגען פּרינץ פֿון די ראַמאַנאָווּשע חוצפּה און ווילדקייט.

דריטער טהייל.

סיביר.

אין מיטען מיי, 1862, עטליכע וואָכען פֿאַר אונזערע עקזאַמענס, האָט מען מיר געהייסען אויסמאַכען אַ ליסטע פֿון די רעגימענטען, אין וועלכע מיר האָבען געוואָלט אַריינטרעטען. מיר האָבען זיך געטעגט אויסקלייבען אירגענד וועלכען גוואַרדייסקען פאָלק. איך האָב גענומען אַ ליסטע פֿון אונזער קלאַס, און איך בין אומגעגאַנגען פון איין קאַמעראַד צום צווייטען. יעדער האָט שוין פֿריהער געהאַט אָבגעמאכט ביי זיך, אין וועלכען פאָלק זיך אָנצושליסען, דאָס רוב האָבען שוין געטראָגען די אָפֿיצער־סקע היטעל פֿון יענעם פאָלק.

„איהר מאַיעסטעט'ס הוזאַרען", „די פּרעאָבראַזשענסקע לייב־גוואַרדיע", „די קאַוואַלערעיסקאַיאַ גוואַרדיאַ", האָט מען מיר געהייסען פֿאַרשרייבען איינס נאָך'ס אַנדערען.

„און דו, קראַפּאָטקין? די אַרטילעריע? די קאַזאַקען?" האָט מען מיך פֿון אַלע זייטען געפֿרעגט; איך האָב שוין ניט געקענט מעהר פֿאַרטראָגען די אַלע פֿראַגען און איבערגעבענדיג די ליסטע צו אַ קאַמעראַד, האָב איך מיך בעגעבען אין צימער אום זיך נאָך אַמאָל צו בעדענקען וועגען מיין ענדליכען בעשלוס.

ניט אַריינצוטרעטען אין אַ גוואַרדייסקען פאָלק און אַוועק געבען מיין לעבען צו פּאַראַדען און אויף באַלען, האָב איך שוין פריהער געהאַט בעשלאָסען. איך האָב געטרוימט פֿון אוניווערזיטעט,—שטודירען, פֿיהרען דעם סטודענט'ס לעבען. דאָס האָט געהייסען, פֿאַרשטעהט זיך, גענצליך

זיך אָבצורייסען פון פאָטער, וועלכער האָט געהאט גאַנץ אַנדערע אַמביציעס, און זיך צו פלאָגען מיט פריוואַט לעקציעס אלס אַ לעבענסמיטעל; טשוזענדער רוסישע סטודענטען לעבען אַזוי, און דאָס האָט מיך גאַנץ וועניג נעשראָקען. אָבער ווי אַזוי קומט מען איבער די ערשטע התכלה פון אזאַ נייעם אַרט לעבען? אין עטליכע וואָכען א מוזיךפאַרלאָזען די שולע, אָנטאָהן מיינע אייגענע קליידער, זיך פערזאָרגען מיט מיין אייגענע לאָזשי, און איך האָב ניט געוואוסט וואו מי נעהמט אַפילו די פאָר רובעל מיט וואָס אָנצוהויבען מיין סקראָמנע קאַריערע. דאַן, ווען ניט די אוניווערזיטעט האָב איך אַפּט געטראַכט, אז איך וואָלט קענען אָנקומען צו די אַרטילערי אַקאַדעמיע. דאָס וואָלט מיך אויף צוויי יאָהר בעפרייט פון די בעלעסטיגענדע סלווזשבע און אַ חוץ די מיליטערישע וויסענשאַפטען, וואָלט איך קענען שטודירען מאַטהעמאַטיק און פיזיקע. אָבער דער ווינד פון רעאַקציאָן האָט זיך געהאַט פאַרנאַנדער געבלאָזען, און די אָפיצירען וואַרען אין די אַקאַדעמיעס בעהאַנדעלט ווי חדר־אינגלאַך. אין צוויי אַקאַדעמיעס האָבען זיי געהאַט רעוואָלטירט און פון איינער האָבען זיי געהאַט אַרויסגעטרעטען אַלע מיט איין מאָל.

מיינע רעיונות האָבען זיך מעהר און מעהר פאַרנומען מיט סיביר. די געגענד פון'ם טייך אַמור האָט זיך דאָ ניט לאַנג אָנגעשלאָסען אָן רוסלאַנד. איך האָב געהאַט געלעזען אַ מאַסע וועגען דיזען מיסיסיפּי פון דעם מזרח, די בערג, וועלכע ער לעבערט דורך, די רייכע פפלאַנצונגען פון זיין שכן דעם אוזורי טייך, און מיינע רעיונות זיינען אַוועק ווייטער,—אַזש אין די טראָפישע געגענדען, וועלכע הומבאָלד האָט בעשריבען און ביז צו די גרויסע סברות פון ריטטער, וועלכע איך פלעג האָלט האָבען צו לייענען. און האָב איך מיר געטראַכט: עס איז דאָ אין סיביר אַ גרויסער פעלד, וואו מי קען פיליכט דורכפיהרען די גרויסע רעפאָרמען, וועלכע זיינען שוין דאָ, אָדער די וואָס קומען ערסט אָן. רעפאָרמער איז דאָרט דאָ וועניג און איך וועל האָבען אַ פרייען פעלד, אויף וועלכען צו ארבייטען נאָך מיין געשמאַק נאָך. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס וואָלט מיך אָבגעטהיילט פון מיין ברודער אַלעקסאַנדער.

אָבער ער וואַר געצוואונגען צו פאַרלאָזען די מאָסקווער אוניווערזיטעט נאָך די לעצטע סקאַנדאַלען, און אין אַ יאָהר אָדער צוויי אַרום, האָב איך געטראַכט, (און אַזוי איז'ס אויך געווען), וועלען מיר דאָך ווי עס איז צוזאַמענקומען. מיר איז נאָך אַלזאָ געבליבען אויסצוקלייבען אַ רעגימענט פון דער אַמור געגענד. די איזורי האָט מיך אַמיינסטען פאַראינטערעסירט; אָבער, ליידער! אויף דיזען טייך איז בלויז געשטאַנען איין פיעכאָטנער

פאָלק קאָזאַקען. אַ קאָזאַק אָהן אַ פֿערד,—דאָס איז שוין געווען צו מיאוס פאַר אַזאַ אינגעל ווי איך בין נאָך דאַמאָלס געווען, און איך האָב בעשלאָסען אריינצוטרעטען אין „די רייטענדע קאָזאַקען פֿון דעם אַמור".

מיין בעשלוס זיך אָנצושליסען אָן די קאָזאַקען פֿון אַמור האָב איך אויפֿגעשריבען אויף דער ליסטע, און מיינע קאָלעגען זיינען געבליבען שטעהן ערשטוינט. „עס איז אַזוי ווייט", האָבען זיי געזוגט, און מיין פֿריינד דאַאוראָף האָט אַ כאַפּ געטאָהן דאָס אָפּיצירסקע ביכעל און האָט פֿאָרגעלעזען: „די אוניפֿאָרמע שוואַרץ, מיט אַ פּראָסט רויטען קאָלנער, אָהן לענטעס, די פֿוטערנע מיץ געמאַכט פֿון הינטישע אָדער אַגדערע פֿעל; הויזען, גרויע", אלע אָפֿיצירען זיינען געבליבען שטעהן געפלעווט.

„גיב נור אַ קוק אויף די אוניפֿאָרמע!" האָט ער אויסגעשריען. „מוחל די מיץ!—מי קען זי שוין פּאַלאָזשים מאַכען פֿון וועלפֿענע אָדער בערענע פֿעל; אָבער די הויזען! גרוי, פּונקט ווי די הויזען פֿון אַ פּראָסטען סאָלדאַט!" די אַלגעמיינע שטוינונג איז געוואָרען נאָך שרעקליכער.

איך האָב זיך געוויצעלט און בין אַוועק צום קאַפּיטאַן.

„אודאי, קראַפּאָטקין מוז דאָך תמיד מאַכען שפּאַס!" האָט ער אויסגערופֿען. „האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז די ליסטע מוז היינט אַוועקגעשיקט ווערען צום גרויס־פּירסט."

ווען איך האָב איהם פֿערזיכערט אַז דאָס איז מיין ערנסטער בעשלוס און ניט קיין שפּאַס, האָט זיך אויף זיין פּנים בעוויזען דער אויסדרוק פֿון וואונדער און מיטלייד.

דאָך האָב איך שיעור ניט איבער געביטען מיין בעשלוס, ווען איך האָב אויף'ן צווייטען טאָג בעמערקט די ווירקונג, וואָס ער האָט געמאַכט אויף קלאַסאָווסקי'ן. ער האָט מיך געוואָלט זעהען אין אוניווערזיטעט, און האָט מיר צוליב דעם געגעבען לעקציאָנס אין לאַטיין און גריכיש. און איך האָב ניט געסמייעט איהם דערצעהלען וואָס מיך האָט אייגענטליך צוריק געהאַלטען פֿון אוניווערזיטעט. איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך זאָל איהם אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת, וואָלט ער מיר אָנגעבאָטען צו טהיילען מיט מיר דאָס ביסעל, וואָס ער האָט געהאַט.

דאַן האָט דער פֿאָטער טעלעגראַפֿירט צום דירעקטאָר, אַז ער פֿאַרביט מיר צו פֿאָהרען אין סיביר; און די אַנגעלעגענהייט איז געמעלדעט געוואָרען צום גרויס־פֿירסט, וועלכער וואַר דער הויפּט פֿון די מיליטערישע שולען. איך בין גערופֿען געוואָרען אין זיין ביוראָ אריין און האָב געפּרואווט זיין געהילפֿע איינריידען, אַז מיך אינטערעסירען די מאָדנע פּפלאַנצונגען פֿון אַמור און די געגענד, ווייל איך האָב גערעכענט, אַז ווען איך

זאָל זאָגען אַז ווילען וויל איך אריין אין אוניווערזיטעט, נאָר, אַז איך קען עס ניט ערפֿאָדערען, וואָלט מיר מסתמא אימיצער פֿון דער קייזערליכער פֿאַמיליע אָנגעבאָטען אַ סטיפּענדיום,—און דאָס האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט.

עס איז אונמעגליך צו זאָגען, וואָס דער סוף וואָלט געווען פֿון דעם אַלעס, אָבער אַן עראייגניס פֿון גרויסער וויכטיגקייט—די גרויסע שרפה אין פּעטערסבורג—האָט גאַנץ אינדירעקט אַן ענדע געמאַכט צו אַלע שוועריקייטען.

דעם מאָנטאַג נאָך דעם רוסישען שבועת—דער טאָג פֿון דעם הייליגען גייסט, וועלכער איז יענעם יאָהר אויסגעקומען דעם 26-טען מאַי —האָט אויסגעבראָכען אַ אימה׳דיגער פֿייער אין דעם זאָגענאַנטען אַפּראַקסין דוואָר. דיעזער דוואָר וואַר אַ גרויסער פּלאַץ, מעהר ווי אַ האַלבע קוואַדראַט מייל, וועלכער וואַר אין גאַנצען באַדעקט מיט קליינע קרעמלעך, —הילצערנע בודקעס—וואו אַלע מיני אַלטוואַרג איז פֿאַרקויפֿט געוואָרען. אַלטע מעבעל און בעט-געוואַנט, אַלטע קליידער און גענוצטע ביכער, האָבען זיך געשאָטען אין דיעזען מאַרק אריין פֿון אַלע עקען שטאָט, און זיינען אַריין געפּאַקט געוואָרען אין די בודקעס, אין די דורך-גענג, אפילו אויף די דעכער. דיעזע זאַמלונג פֿון ברען מאַטעריאַל האָט הינטער זיך דעם מיניסטעריום דעם אינערען מיט זיינע ארכיווען, וואו אלע דאָקומענטען וועגען די בעפֿרייאונג פֿון די לייב-אייגענע זיינען געלעגען; אין פֿראָנט פֿון דיעזען אַלטען מאַרק איז וויעדער געווען די שטאַאטס-באנק. אַ שמאָלע געסעל, וועלכע האָט אויך געהאַט אַ רייהע שטיינערנע סטאָרקעס, האָט אָבגעטהיילט דעם אַפּראַקסין דוואָר פֿון אַ פֿליגעל פֿון דער פּאַזשען געביידע, וועלכע וואַר פֿאַרנומען מיט גראָסעריעס און אויל קראָמען אין איהר אונטערשטען עטאַזש, און מיט די אָפֿיצערסקע דירות אין אויבערשטען עטאַזש אַנטקעגען דעם מיניסטעריום, אויף׳ן אַנדערען זייט קאַנאַל זיינען געווען אונגעהויערע האָלץ געשעפֿטען. אַלע דיעזע בודקעס און דאָס גאַנצע געהילץ פֿון געגענאיבער האָבען זיך אָנגעהאַפּט כמעט אין דער זעלבער רגע, אום פֿיער אַ זייגער נאָכמיטאָג.

וואָלט געווען אַ ווינט אין יענעם טאָג, וואָלט אַודאי אַ האַלבע שטאָט אָבגעברענט געוואָרען מיט דער שטאַאטס-באנק, דעם מיניסטעריום, דעם גאָסטינאי דוואָר (אויף נעווסקי פּראָספּעקט), די פּאַזשען געביידע און דער נאַציאָנאַל-ביבליאָטהעק.

יענעם נאָכמיטאָג בין איך געווען אין קאָרפּוס, שפּייזענדיג אין׳ם הויז פֿון אן אָפֿיציר אונזערען, און מיר זיינען צוגעשפּרונגען צום פּלאַץ אַזוי

שנעל ווי מי האָט דערזעהען דורכ׳ן פֿענסטער די ערשטע וואָלקענס רויך אַרויסזעצענדיג גלייך נעבען אונזער הויז. די סצענע וואַר אַ שוידערהאַפֿטע. פונקט, ווי אַן אונגעהייערע שלאַנג, קנאַקענדיג און פֿייפֿענדיג, האָט זיך דער פֿייער געוואָרפֿען אין אַלע זייטען, רעכטס און לינקס, האָט זיך אַרומ־געוויקעלט אַרום די כאַטקעס, און האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעהויבען אין אַ שרעקליכע הויכע זייל, און זיך ווידער אַ וואָרף צו טהאָן מיט זיינע פֿייפֿענדע צונגען אויף פֿרישע הייזלעך און זייער אינהאַלט. עס איז געוואָרען אַן עכטער שטורעם־ווינד פֿון פֿייער און רויך, און ווען די ברענענדע פֿעדערען פֿון די מאַסען אַלטע בעט־געוואַנט האָבען אָנגעהויבען פֿליהען אין אַלע זייטען, האָט מען שוין ניט געקענט מעהר פֿערבלייבען אויף דעם ברענענדיגען מאַרק. מי האָט איהם געשלייך געמוזט איבערלאָזען צו די פֿלאַמען.

די נאַטשאַלסטוואָ האָט גאָר אין גאַנצען פֿאַרלאָרען דעם קאָפּ. אין יענער צייט איז נאָך צום מאָל ניט געווען קיין איין פּאָזשאַרנע דאַמפּף־מאַשין אין גאַנץ פּעטערסבורג, און פּראָסטע אַרבייטס מענשען וואַרען עס, וועלכע האָבען פֿאָרגעשלאָגען, מי זאָל ברייננגען די אינדזשין פֿון די אייזען־פֿאַבריקען פֿון קאָלפּינא, צוואַנציג מייל ווייט פֿון דער הויפּט שטאָט. ווען די דאמפּף־מאַשין איז אַריין אין וואָקזאַל, האָבען זי די אַרבייטער זעלבסט אַוועק געשלעפּט צום פֿייער. פֿון די פֿיער שפּריץ־רעהרען איז איינע צושניטען געוואָרען פֿון אַן אונבעקאַנטע האַנד, און די איבעריגע דריי האָבען געגאָסען אויף׳ן מיניסטעריום אָהן אויפֿהער.

די גרויס־פֿירסטען זיינען געקומען אַ קוק טהאָן און זיינען גלייך אַוועק צוריק. שפּעט אין אָווענד איז אויך דער צאַר ערשינען, בעת די באַנק איז שוין געווען אויסער געפֿאַהר, און האָט געזאָגט, וואָס יעדער איינציגער האָט פֿריער געוואוסט, אַז איצט מוז מען זעהען צו רעטען דעם קאָרפּוס. עס איז געווען קלאָהר פֿאַר יעדען איינעם, אַז ווען דיעזע נעבענדע זאָל זיך אָנכאַפּען, ווועט די נאַציאָנאַל ביבליאָטעק און אַ האַלבער נעווסקי פּראָספּעקט אַוועק אין פֿייער.

עס וואַר די מאַסע, דאָס פֿאָלק גופא, וועלכע האָט אָבגעהאַלטען דעם פֿייער, ער זאָל זיך ניט פֿאַרשפּרייטען ווייטער און ווייטער. אין אַ געוויסען מאָמענט האָט מען געמיינט, אַז אָט צינד זיך אָן די באַנק. די זאַכען וואָס מי האָט אַרויסגעראַטעוועט פֿון די קראָמען האָט מען אַוועק געלייגט אין דער סאַדאָוואַיאַ גאַס, און גאַנצע בערג זיינען געלעגען ביי די ווענד פֿון דער באַנק. די הויפֿענס, וואָס זיינען געלעגען אין מיט׳ן גאַס האָבען זיך פֿיעל מאָל אָנגעצונדען, אָבער דאָס פֿאָלק, וועלכעס איז דאָרט געשטאַנען און האָט זיך געבראָטען אונטער דער אונערטרעגליכער היץ,

האָט תמיד אָבגעהאַלטען די פּלאַמען, זיי זאָלען ניט צוקומען צו די בערג זאַכען, וועלכע זיינען געלעגען אויף דער אַנדער־ער זייט. זיי האָבען געשאָל־טען די גאַנצע נאַטשאַלסטוואָ, ניט קריגענדיג אפילו קיין פּומפּ ערגעץ ניט. „וואס טהוען זיי דארט אַלע ביין מיניסטעריום, ווען אט־אט כאַפּט זיך אן די באַנק און דאס פּינדלינג הויז? זיי האבען אַלע פּערלווירען די קעפּ זייערע!" „וואו איז דער פּאליציי־הויפּט? פּאַרוואס שיקט ער ניט אַ פּאזשאַרנע ברי־גאַדע צו דער באַנק?" האבען זיי געשריען פון אַלע זייטען. איך האב געקענט דעם פּאליציי שעף פּערזענליך, דען איך האב איהם געהאַט געזעהען אין אונזער אינספּעקטאר'ס הויז, וואוהין ער פלעגט קומען מיט זיין ברודער, דעם בעקאַנטען ליטעראַטור קריטיקער, אַננענקאָף, און איך האב מיך זעלבסט פּאַרגעשלאגען איהם אויפּצוזוכען. און איך האב איהם ווירקליך געפונען, זיך אַרומדרעהענדיג צוועקלאז אין גאַס; און ווען איך האב איהם געמעל־דעט, ווי די זאך האַלט, אונגלויבליך ווי עס שיינט, האט ער מיר, אַ אינגלינג, געגעבען דעם זאַקאז, אַריבערצוברינגען אַ פּייער בריגאַדע פון מיניסטעריום צו דער שטאַאַטס־באַנק. נאַטירליך, האב איך איהם געזאגט, אַז אויף מיין בעפעהל וועט קיינער זיך ניט וועלען אַ ריהר טאהן, און איך האב איהם געבעטען ער זאל מיר געבען אַ געשריבענעם אָרדער. אבער גענעראַל אַננענקאף האט ניט געהאַט, אדער ער האָט געזאגט, אַז ער האט ניט קיין שטיקעל פּאַפּיער, און איך האָב געמוזט בעטען איינעם פון אונ־זערע אָפיצירען, ער זאָל מיט מיר געהן און איבערגעבען דעם בעפעהל פון'ם פּאָליציי שעף. ענדליך, האָבען מיר קוים מיט צרות איינגערעט אַ קאַפּיטאַן פון אַ פּייער בריגאַדע — וועלכער האָט געשאָלטען די גאַנצע וועלט און אַלע זיינע עלטסטע—ער זאָל אַריבער פּיהרען זיינע לייט צו דער באַנק.

דער מיניסטעריום גופא האט ניט געברענט; אָבער די אַרכיוועןאון די פּאַפּירען האָבען יאַ געברענט; און פּיעלע אינגלעך, מייסטענס פּאַזשען און קאַדעטען, ווי אויך אַ מאסע שרייבערלעך, האָבען אַרויסגעטראָגען גאַנ־צע פּעק פון דער געביידע און האָבען זיי אריינגעפּאַקט אין דראָשקעס. אָפּטמאָל פלעגט אַ פּעקעל אַרויספאַלען, און דער ווינד האָט צוטראָגען און צווייט די בלעטלעך איבער'ן גאַנצען מאַרק. אויף דער אנדערער זייט קאנאַל האָט מען געקענט זעהען אַ פּאַרבאַהאַלטענעם פּייער דורכזועצענדיג דורך די מאַסען געהילץ גאַנץ געמיטליך.

די שמאָלע גאַסען, וואס האבען אבגעטהיילט דעם פּאַזשען קאָרפּוס פון דעם אַפּראַקסין דוואר זיינען געווען אין א טרויעריגען צושטאַנד. די קרעמלעך זיינען געווען פול מיט שוועבעל, אויל, טערפּענטין און אַנדערע

ברענשטאָפֿען, און אונגעהייערע פֿלאַמען האבען ארויסגעזעצט פֿון דארטען און האָבען זיך אָפּט ארויפֿגעכאַפּט אויף'ן דאַך פֿון דער קארפּוס געביידע. די פֿענסטער און געזימסען האָבען זיך שוין גענומען טלייען, וועהרענד די פּאַזשען און די קאַדעטען, האָבענדיג אויסגערייניגט די צימער, האָבען געגאָסען וואַסער דורך אַ קליינע פּומפּ מאַשין, וועלכע מי האָט יעדען מאָל אָנגעפֿיהלט פֿון אַלט־פֿרענקישע פֿעסלאַך. עטליכע פֿייערלייט זיינען געשטאַנען אויף'ן גליהענדען דאַך און האָבען געשריען „וואַסער! וואַסער!" דאָס וואַר הערצרייסענד. איך האָב דאָס שוין מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען און בין אוועק אין דער סאַדאָוואַיאַ גאַס, וואו איך האָב מיט פּשוט'ער געוואַלט געצוואונגען דעם דרייווער פֿון איינעם פֿון די פֿעסער, וואָס בעלאַנגען צו אַ פּאָליציייסקער פֿייער בריגאַדע, אַריינצופֿאָהרען אין הויף אַריין און אנפֿילען אונזער פּומפּ מאַשין מיט וואַסער. אָבער, ווען איך האָב דאָס פּרובירט טאָהן אַ צווייטען מאָל, האָט זיך דער פֿוהרמאַן ענטשיערען ענטזאַגט. „מי וועט מיך ברענגען פֿאַר'ן מיליטער געריכט", האָט ער געטענה'ט, „ווען איך וועל אייך האָרכען". פֿון אַלע זייטען האָט מען צו מיר געשריען: „געה און זוך אימיצען אויף,—דעם פּאָליציי שעף, דעם גרויספֿירסט, אַבי וועמען,—און זאָג זיי, אַז אָהן וואַסער איז דער קאָרפּוס פֿאַרלוירען." „אפשר זאָל מען דאָס גאָר רעפּארטען דעם דירעקטאָר אונזערען?" האָט זיך אימיצער געוויצעלט. „געהט שוין, געהט! איהר וועט זיי מיט ליכט ניט געפֿינען. נעהם און טהו עס אַליין".

איך בין ווידער אַ מאָל אַוועק אויפֿזוכען דעם גענעראַל אַנענקאָף, און ענדליך האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אודאי אויף'ן הויף פֿון דער באַנק. דאָרט זיינען עטליכע אָפֿיצירען געשטאַנען אַרום אַ גענעראַל, אין וועלכען איך האָב דערקענט דעם פּעטערסבורגער גענעראַל־גובערנאַטאָר, פּרינץ סוואָראָף. אָבער דער טויער איז געווען פֿאַרמאַכט און אַ בעאַמטער פֿון באַנק האָט מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזען. קוים מיט צרות בין איך אַריין אין הויף און גלייך צו צו סוואָראָף'ן, וועלכער איז געשטאַנען און האָט געשריבען אַ צעטעל אויף זיין אַדיוטאַנט'ס פּלייצע.

ווען איך האָב איהם רעפּאָרטעט ווי עס האַלט, איז זיין ערסטע פֿראַגע געווען: „ווער האָט דיך געשיקט?" „קיינער ניט—די קאַמעראַדען," האָב איך געענטפֿערט. „אזוי זאָגסטו, דער קאָרפּוס האַלט שמאָהל?" „יאַ". ער איז גלייך אַרויסגעלאָפֿען און כאַפּענדיג אין גאַס אַליידיגע העט באָקס, האָט ער זיך מיט איהר צוגעדעקט דעם קאָפּ און איז גלייך אַריין אין געסעל. ליידיגע פֿעסלאַך, שטרוי, הילצערנע קעסטלאַך, און אַנדערע חפצים האָבען פֿאַרלייגט די געסעל. צווישען די פֿלאַמען פֿון די אויל קראָמען

אויף איין זייט און די געביידען פֿון אונזער קאָרפּוס אויף דער אַנדערער זייט. פּרינץ סואוואָראָף האָט געהאַנדעלט ראַש און ענטשלאָסען. „אין גאָרטען געפֿינט זיך אַ ראָטע סאָלדאַטען", האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, „נעהם דיר אַן אָבטהיילונג און זאָלען זיי אָברייניגען די גאַס—ואָפֿאָרט. באַלד וועט מען אהער ברייננגען אַ וואַסער־קישקע פֿון דעם דאַמפּף אינדזשין. שפּריץ דורכאַנאַנד. איך פֿערלאָז זיך אין גאַנצען אויף דיר".

די סאָלדאַטען אַרויס צו נעהמען פֿון גאָרטען איז ניט געווען אַזוי לייכט; זיי האָבען זיך דאָרט צוגעכאַפּט צו די פּעסלאַך און די קעסטלאַך, האָבען אָנגעשטאָפּט פֿולע קעשענעס מיט קאַווע און צוקער, און האָבען זיך גאַנץ געשמאַק פֿאַרבראַכט די שעהנע נאַכט אונטער די בוימער, קנאַקענדיג ניס. קיינער האָט זיך פֿון אָרט ניט גערידזורט, ביז אַן אָפֿיציר האָט זיי ניט באַפֿאָהלען. מי האָט ענדליך אָבגערייניגט די גאַס און די פּומפּ האָט גענומען גיעסען לעבעדיג. חברה איז געווען איבער גליקליך, און אַלע צוואַנציג מינוט האָבען מיר אומגעביטען אַנדערע מענשען ביי דער וואַסער־קישקע, דען די היץ איז געווען אונערטרעגליך.

אַ זייגער דריי אָדער פּיער אין דער פּריה האָט מען שוין געקענט זיין זיכער, אַז דער פֿייער האָט גענומען ווערען קלענער; דער קאָרפּוס וואַר אויסער געפֿאַהר, און נאָך דעם ווי מיר האָבען געהאַט געלאָשען אונזער דורשט מיט אַ האַלב דוצען גלאָז טהעע, אין אַ קליינע קרעטשמע דערביי, זיינען מיר אַוועק געלאָפֿען אויף דעם ערשטען בעסטען בעטעל, וואָס מיר האָבען געפֿונען לעער אין דעם שפּיטאָל פֿון קאָרפּוס.

איך בין אויף מאָרגען אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿריה און בין אַוועק זעהען דעם פּלאַץ פֿון דער שרפה. צוריקגעהענדיג אין קאָרפּוס אריין, האָב איך בעגעגענט דעם גרויס־פֿירסט מיכאַאיל, וועלכען איך האָב בעגלייט, ווי דאָס וואַר מיין פּפֿליכט. די פּאַזשען מיט פּנים'ער שוואַרץ פֿון רויך, מיט געשוואָלענע רויטע אויגען, מאַנכע מיט אָבגעסמאַליעטע האָר, האָבען אויפֿגעהויבען די קעפּ פֿון געלעגער. מי האָט זיי קוים געקאָנט דערקענען. אָבער זיי וואַרען שטאָלץ מיט דעם געדאַנק, אַז זיי האָבען ניט מורא געהאַט פֿאַר די ווייסע הענטלעך זייערע און האָבען געאַרבייט אַזוי שווער, ווי יעדער איינער.

דיעזער בעזוך פֿון'ם גרויס־פֿירסט האָט אָבגעראַמט אַלע שוועריגקייטען; ער האָט מיר געפֿרעגט פֿאַר וואָס מיר איז גראַד איינגעפֿאַלען די פֿאַנטאַזי זיך אַוועקצולאָזען אַזש קיין סיביר,—צי איך האָב דאָרט פֿריינד, צי דער גענעראַל־גובערנאַטאָר קען מיך; און זיך דערוויסענדיג, אַז איך האָב דאָרט קיין קרובים און קיין בעקאַנטע, האָט ער אויסגעשריען: „טו ווי

אַזוי פֿאַהרסטו אַהין? זיי קענען דאָך דיר אַוועקשיקען אין אַן איינזאַמען קאָזאַקען דערפֿעל. וואָס וועסטו דאָרטען טהאָן? איך וועל ליעבערסט שרייבען צום גענעראַל־גובערנאַטאָר און וועל דיך רעקאָמענדירען".

נאָך אַזאַ מין פֿאָרשלאַג בין איך געוועזען זיכער, אַז דער פֿאָטער וועט זיך שוין געוויס ניט שטעלען אין וועג—און אַזוי איז טאַקי געוועזען. מיר איז ערלויבט געוואָרען אָבצופֿאָהרען קיין סיביר.

דיעזע שריפה האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג ניט נאָר אויף דער פּאָליטיק פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, נאָר אויך אויף דער היסטאָריע פֿון רוסלאַנד פֿאַר יענעם טהייל פֿון'ם יאַהרהונדערט. אַז עס איז ניט געוועזען אַ בלויזער צופֿאַל, האָט יעדער פֿאַרשטאַנען. שבועות, און דער טאָג פון'ם הייליגען גייסט זיינען גרויסע יום טובים אין רוסלאַנד, און אין מאַרק איז קיין נפש ניט געוועזען צו יענער צייט אַ חוץ די וועכטער; און דאַן האָבען זיך די געהילץ־שטעלען גראַד אָנגעצונדען אין דעם זעלבען מאָמענט ווי דער אַפּראַקסין מאַרק, און אין אַנדערע פּראָווינץ שטעט האָבען זיך אויך גלייך נאָך דעם פּעטערסבורגער פֿייער געטראָפֿען פֿיעלע גרויסע שריפות. די מעשה איז געוועזען אַ געמאַכטע, אָבער פֿון וועמען? דיעזע פֿראַגע בלייבט אונפֿערענטפֿערט ביז אויף'ן היינטיגען טאָג.

קאַטקאָף, וועלכער האָט געברענט מיט אַ פּערזענליכען צאָרן געגען אַלעקס. הערצען, און בעזאָנדערס געגען באַקונין, מיט וועלכען ער האָט שוין אַמאָל געמוזט געהען אויף אַ דועל, האָט גלייך אויף'ן צווייטען טאָג נאָך'ן פֿייער, בעשולדיגט די פּאָליאַקען און די רוסישע רעוואָלוציאָנערען, אַז זיי זיינען עס געוועזען די אונטערצינדער; און מיט דיעזע מיינונג זיינען די פּעטערסבורגער און מאָסקווער איינוואוינער געוועזען איינפֿערשטאַנען.

פּוילען האָט זיך דאַן פֿאַרטיג געמאכט פֿאַר דער רעוואָלוציאָן, וועלכע איז אויסגעבראָכען דעם קומענדען יאַנואַר, און די אונטעראירדישע רעוואָליציאָנערע רעגירונג האָט געהאַט געשלאָסען אַ בונד מיט די לאָנדאָנער ניהיליסטען; זיי האָבען געהאַט זייערע לייטע אין דעם רעכטען צענטער פֿון דער פּעטערסבורגער נאַטשאַלסטוואָ. ניט לאַנג נאָך דער שריפה האָט אַ רוסישער אָפֿיציר געשאָסען אויף'ן גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון פוילען, אויף אַ גרויס־פֿירסט; און ווען דער גרויס־פֿירסט קאָנסטאַנטין איז נאָמינירט געוואָרען אויף זיין פּלאַץ, האָט מען אויף איהם אויך גלייך געשאָסען (אַם 26 יוני). דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט אין אויגוסט מיט'ן מאַרקיז וויעלעפּאָלסקי, דער פּוילישער פֿיהרער פֿון דער רוסישער פֿעראייניגונגס־פּאַרטיי. נאַפּאָלעאָן דער דריטער האט די פּאָליאַקען תמיד איינגעגעבען האָפֿנונג, אַז זיי קענען זיך בעפרייען פֿון רוסישען יאָך דורך אַ בעוואַפֿענטען אויפֿשטאַנד

אורטהיילענדיג פֿון דעם געוועהנליך ענגהערציג מיליטערישען שטאַנדפּונקט, וואָלט זיך די רעוואָלוציאָנערען געלוינט אָנצופֿיהרען אַ קאַמפּף געגען דער רעגירונג מיט אַזעלכע מיטלען ווי אָנצוצינדען די באַנק פֿון רוסלאַנד און עטליכע מיניסטעריומס, און אַרויפֿצוויאָגען אַן אימה אויף די הויפּט־שטאָדט; אָבער ס'איז ניט געווען דער מינדעסטער ברעקעל בעוויז וואָס זאָל אונ־טערשטיצען אַזאַ מין ווילדע השערה.

די פּאָרטגעשריטענע פּאַרטייען האָבען דאַן איינגעזעהען, אַז יעדע האָפֿנונג אויף אַלעקסאַנדער'ס רעפֿאָרמאַטאָרישע איניציאַטיווע איז אומזיסט. יעדער האָט געזעהען, ווי ער געהט אַלץ מעהר און מעהר אַריבער אין דעם לאַגער פֿון די רעאַקציאָנערען. מענער מיט געדאַנקען האָבען פֿאָראויסגע־זעהען, דאָס די בעפֿרייאונג פֿון די מוזשיקעס, אונטער די בעדינגונגען פֿון אָבצאָהלונגען, וועלכע זיינען געווען אַרויפֿגעלייגט אויף זיי, האָט געמיינט זייער זיכערע פֿאַראָרמונג און רואינירונג. דאַרום זיינען רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציאָנען אַרויסגעלאָזען געוואָרען אין סט. פּעטערסבורג, אין וועלכע דאָס פֿאָלק און די אַרמיי זיינען אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרען צו אַן אַלגעמיינעם אויפֿשטאַנד, וועהרענד די געבילדעטע קלאַסען זיינען אויפֿגעפֿאָדערט געוואָ־רען צו פֿערלאַנגען דורכאויס אַ נאַציאָנאַלע קאָנווענציאָן. אונטער אַזעלכע אומשטענדען, קען זעהר זיין, איז עס געווען דער פּלאַן פֿון איינינע רע־וואלוציאנערען צו צושטערען די רעגירונג'ס מאַשין.

ענדליך, דער אונבעשטימטער כאַראַקטער פֿון די בעפֿרייאונג האָט פֿעראורזאַכט אַ גרויסע צוטומלענעש און קאָכענעש צווישען די מוזשיקעס, וועלכע בילדען אימער אַ בעטרעכטליכען טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג אין אַלע רוסישע שטעדט. און דורך די גאַנצע געשיכטע פון רוסלאַנד, יעדעס מאָל, ווען אַזאַ קאָכענעש האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, איז דער רעזולטאַט געווען אַנאָנימע בריף, וואָס פֿלעגען פֿאָראויס זאָגען גרויסע פֿייערען, און וועלכע האָבען טאַקי אויך באַלד שטאַטגעפֿונען.

עס איז געווען מעגליך, דאָס דער געדאַנק אונטערצוצינדען דעם אַפּראַקסין מאַרק איז אַריינגעקומען אין די קעפּ פֿון די איינצעלנע מענער אין דעם רעוואָלוציאָנערען לאַגער, אָבער ניט די שטרענגסטע אונטערזו־כונגען, ווי אויך ניט די מאַסען אַרעסטען, וואָס האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָבען ניט אַרויסגעבראַכט דעם קלענסטען בעוויז, אַז עס איז טאַקי אַזוי געווען. וואָלט עטוואָס עהנליכעס אויסגעפֿונען געוואָ־רען, וואָלט די רעאַקציאָנערע פּאַרטיי זיכער ניט פֿאַרפֿעהלט אַרויסצושלאָגען גוטען קאַפּיטאַל דערפֿון. פֿיעלע מעמואַרען און גאַנצע ביכער פֿון קאָרעס־פּאָנדענצען פֿון יענער צייט זיינען אָבגעדרוקט געוואָרען, אָבער אין זיי

קען מען ניט געפֿינען אפילו אַ וואונק, וואָס זאָל אונטערשטיצען דיזען פערדאַכט.

פונקט פֿאַרקעהרט, ווען אַזעלכע פֿייערען האָבען אויסגעבראָכען אין איינינגע שטעט אויף די וואָלגאַ, און איבערהויפט אין סאַראַטאַוו, און ווען אַ מיטגליד פון סענאַט, זשדאַנאָוו, איז געשיקט געוואָרען פֿון דעם צאַר צו מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג איז ער געקומען צוריק, פֿעסט איבערצייגט, דאַס דעד פייער אין סאַראַטאָוו איז די אַרבייט פֿון די רעאַקציאָנערע פאַרטיי. דיזע פאַרטיי האָט גערעכענט, אַז עס איז נאָך מעגליך צו צווינגען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אָבצולייגען די ענדליכע אַבשאַפֿונג פֿון פאַנשטשיזנע, וואָס האָט בעדאַרפֿט שטאַטפֿינדען דעם 19־טען פֿעברואַר, 1863. זיי האָבען געוואוסט די שוואַכקייט פֿון זיין כאַראַקטער, און גלייך נאָך דעם גרויסען פֿייער אין פעטערסבורג האָבען זיי אָנגעפאַנגען אַ גוואַלדיגען קאַמפף פֿאַר די אָבלייגונג און די רעוויזיע פֿון דעם בעפֿרייאונגס־געזעץ אין אַלע זיינע פראַקטישע אָנווענדונגען. מי האַט גערעדט אין די קרייזען פֿון אַדוואָקאַטען, וואָס האָבען געוואוסט גענוי די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, דאָס דער סענאַטאָר זשדאַנאָוו האָט ווירקליך געבראַכט בעווייזע פֿון די שולד פֿון די רעאַקציאָנערען אין סאַראַטאָוו, אָבער דאָס ער איז געשטאָרבען אויף׳ן וועג צוריק נאַך פעטערסבורג און דאָס זיין פאָרטפֿעל איז פֿאַרשוואונדען געוואָרען. מי האָט איהם קיינמאָהל ניט ווידער געפֿונען.

ווי די מעשה איז אָבער ניט געווען, ווער עס זאָל ניט זיין דער פֿעראורזאַכער פֿון דעם אַפראַקסין פֿייער, די רעזולטאַטען זיינע זיינען געווען זעהר טרויעריגע: אלעקסאַנדער דער צווייטער איז נאָך דעם איבערגעגאַנגען אין די זייט פון די רעאַקציאָנערען—און וואָס איז געווען נאָך פיעל ערגער—די עפֿענטליכע מיינונג פֿון יענעם טהייל פֿון די געזעלשאַפֿט פֿון פעטערסבורג און איבערהויפט פֿון מאָסקווע, וואָס האָט געהאַט דעם גרעסטען איינפֿלוס אויף די רעגירונג, האָט מיט אַמאָל אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך איהר ליבעראַליזמוס, און האָט זיך אומגעקעהרט מיט׳ן רוקען ניט נור געגען די זעהר ראַדיקאַלע סעקציאָן פֿון די רעפֿאָרם פאַרטיי, נור זאָגאַר געגען איהר זעהר געמעסיגטען פליגעל.

איינינגע טעג נאָך דעם פֿייער, בין איך אַוועק זונטאַג זעהען מיין קאזין, דעם אַדיוטאַנט פֿון דעם אימפעראַטאָר. אין זיין הויז פֿלעג איך מיך אָפֿט טרעפֿען מיט אָפֿיצירען, טשינאָווניקעס, וואָס האָבען שטאַרק סימפאַטיזירט מיט טשערנישעווסקי. ער אַליין איז געווען אַ פֿלייסיגער און אַ שטענדיגער לעזער פֿון דעם „סאָוורעמעניק", דער אָרגאַן פֿון די דאַמאָלס פֿאָרגעשריטענע רעפֿאָרם פאַרטיי. ער האָט געבראַכט איינינגע נומערען

פֿון דעם „סאָווּרעמעניק”, און אַוועקליינענדיג זיי אויף׳ן טיש, ביי וועלכען איך בין געזעסען, האָט ער צו מיר געזאָגט: „פֿון היינט אָן און ווייטער האָב איך ניט מעהר צו טאָהן מיט דיעזען אויפֿרייצענדען, פֿאַרפֿיהרערישען זשורנאַל”. און דיעזע ווערטער האָבען אויסגעדריקט די מיינונג פֿון גאַנץ פּעטערסבורג.

עס איז געוואָרען ניט אַנשטענדיג צו ריידען וועגען רעפֿאָרמען. די גאַנצע לופֿט איז פֿול געווען פֿון אַ רעאַקציאָנערען גייסט. דער „סאָווּרעמעניק” און עהנליכע זשורנאַלען זיינען אונטערדריקט געוואָרען; די זאָנטאג׳ס סקולס זיינען צוגעשלאָסען געוואָרען, און מאַסען אַרעסטען האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען. פּעטערסבורג איז געווען אין אַ בעלאַגערונג׳ס צושטאַנד.

צוויי וואָכען שפּעטער, דעם 25־טען יוני, די צייט, אויף וועלכע מיר, די פּאַזשען און קאַדעטען, האָבען אזוי לאַנג געוואַרט, איז ענדליך געקומען. דער אימפּעראַטאָר האָט אונז געגעבען אַ סאָרט מיליטערישען עקזאַמען—און מיר זיינען יענעם טאָג אויפֿגעהויבען געוואָרען צו דעם טשין פֿון אָפֿיצירען.

ווען דער פּאַראַד איז געווען פֿאָראיבער, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער אויסגערופֿען אויף׳ן קול: „די נייע אָפֿיצירען צו מיר!” און מיר האָבען זיך פֿערזאַמעלט ארום איהם. ער איז געבליבען זיצען אויף זיין פֿערד.

דאָ האָב איך איהם ערסט דערזעהען אין אַ גאַנץ נייע בעלייכ־טונג. דער מאַן, וואָס האָט דעם קומענדען יאָהר געשפּילט די ראָלע פֿון אַ בלוט דורשטיגען אונטערדריקער פֿון דעם אויפֿשטאַנד אין פּוילען, איז יעצט געווען קלאָר פֿאַר מיר אין זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטען פֿאַר אונז.

ער האָט אָנגעהויבען מיט אַ רוהיגען טאָן: „איך גראַטולירע איך; איהר זייט אָפֿיצירען”. ער האָט גערעט וועגען מיליטער־פּפֿליכט, און וועגען לאָיאַליטעט, ווי מי רעט געוועהנליך ביי אַזעלכע פֿעלע. „אָבער, אויב אימיצער פֿון אייך”, האָט ער פֿאָרטגעזעצט, שאַרף אויסריידענדיג יעדען וואָרט, זיין געזיכט איז פּלוצלונג פֿול געוואָרען מיט צאָרען „אָבער אויב אימיצער פֿון אייך—פֿון וואָס גאָט זאָל אייך אויסהיטען—זאָל אונטער וועלכע עס איז אומשטענדען אַרויסווייזען אונטרייהייט צו דעם צאַר, צו דעם טראָהן און צו דעם פֿאָטערלאַנד, ווייסט—איך זאָג עס אייך—דאָס ער וועט בע־האַנדעלט ווערען מיט די גאַנצע גרויזאַמקייט פֿון געזעץ, אָהן די קלענסטע רחמנות”.

זיין שטימע האָט זיך ענטזאַגט מעהר צו ריידען. זיין געזיכט איז

געוועזן ווי אָנגעצונדען, פֿול מיט דיזען בלינדען צאָרן, וועלכען מיר איז אויסגעקומען צו באַמערקען אויף די פּנים'ער פֿון די פּריצים, ווען זיי האָ־בען געהייסען די קנעכט צו שמייסען די מושיקעס, ביז בלוט זאָל שפּריצען. ער האָט פּלוצלונג אַ דריק געטאָהן מיט די שפּאָרען אין די זייטען פֿון זיין פֿערד און איז אַרויסגעפֿאָהרען פֿון אונזער צירקעל.

אויף מאָרגען, דעם 26־טען יוני, זיינען אויף דעם באַפֿעהל פֿון דעם אימפּעראַטאָר דריי אָפֿיצירען דערשאָסען געוואָרען אין פּוילען און איין סאָלדאַט איז פֿאַרשמיסען געוואָרען אויף טויט.

„די רעאַקציאָן איז אין איהר פֿולען גאַנג", האָב איך גערעדט צו זיך אַליין, ווען מיר זיינען געגאַנגען צוריק אין קאָ־פּוס.

איידער איך האָב פֿאַרלאָזען פּעטערסבורג האָב איך נאָך איין מאָל געזעהען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. עטליכע טעג נאָך די עקזאַמענס, זיינען אַלע ניי געמאַכטע אָפֿיצירען געבראַכט געוואָרען אין פּאַלאַץ אום פֿאַרגעשטעלט צו ווערען פֿאַר'ן קייזער. מיין זעהר ניט אנציהענדער יוני־פֿאָרם מיט די גרויע הויזען, האָט זיך יעדען איינעס געוואָרפֿען אין די אויגען. אַזוי ווי די אַמור קאָזאַקען זיינען דאַן געוועזן אין יונגסטען פֿאָלק, איז מיר אויסגעקומען צו שטעהען גאַנץ צום סוף פֿון דער ליניע פֿון הונדערטער אָפֿיצירען, וואָס וואַרען דאָרט. אַלעקסאַנדער האָט מיך געפֿונען און געפֿרעגט: „דו געהסט אַלזאָ קיין סיביר? איז דער פֿאָטער ענדליך בע־שטאַנען דערויף?" איך האָב איהם געענטפֿערט אַז יאַ. „און דו האָסט ניט מורא אַזוי וויט צו געהן?" איך האָב גאַנץ וואַרם ערווידערט: „ניין, איך וויל אַרבייטען. עס מוז אין סיביר זיין פֿיעל צו טאָהן אום איינצופֿיהרען די גרויסע רעפֿאָרמען, וועלכע געהען דאָרט געמאַכט ווערען". ער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגען, האָט זיך פֿאַרטראַכט און ענדליך האָט ער געזאָגט: „נו, געה; מי קען זיין ניצליך אומעטום!" און אויף זיין פּנים האָט זיך בעוויזען אַזוי פיעל מידקייט, אַזוי פיל פֿאַרצווייפֿלונג, אַז איך האָב גלייך ביי זיך געטראַכט: „ער איז אויסגעשפּיעלט; ער וועט עס אַלעס שנעל אויפֿגעבען".

פּעטערסבורג האָט אָנגענומען אַ פינסטערען פּנים. זעלנער האָבען ארומגעמאַרשירט אין די גאַסען, קאָזאַקען האָבען בעוואַכט דעם פּאַלאַץ, די פֿעסטונג איז געוועזן געפּאַקט מיט אַרעסטאַנטען. וואו איך בין געגאַנגען, האָב איך געטראָפֿען דעם זעלבען צושטאַנד—די רעאַקציאָן האָט טריאומ־פֿירט. איך האָב פֿאַרלאָזען פּעטערסבורג אָהן בעדויערען.

איך בין יעדען טאָג געלאָפֿען צו דער נאַטשאַלסטווא און זיי געבעט־טען מיר גיך איבערצוגעבען מיינע פּאַפּירען און אַזוי שנעל, ווי איך האָב

זיי באַקומען בין איך גלייך אָבגעפאָהרען קיין מאָסקווע זיך צוזעהען מיט מיין ברודער אַלעקסאַנדער.

2.

די פינף יאָהר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סיביר, וואַרען פיר מיר אַן אמת׳ע בילדונג אין לעבען און מענשליכען כאַראַקטער. איך בין צוזאַמען געקומען מיט די פערשיעדענסטע סאָרטען מענשען: די בעסטע און די ערגסטע; אַזעלכע וואָס זיינען געשטאַנען אַם העכסטען שטאַפּעל פון דער געזעלשאַפט און אַנדערע ווידער, וואָס זיינען געלעגען אויף׳ן סאמע אָבגרונד,—די טרעמפּס און די ערגסטע פאַרברעכער. איך האָב געהאַט גענוג געלעגענהייטען צו בעאָבאַכטען די זיטען און מנהגים פון די מוזשיקעס און זייער טעגליכען לעבען, און נאָך מעהר געלעגענהייט האָב איך געהאַט איינצוזעהען ווי ווייניג דער שטאַאט האָט זיי געקענט העלפען, אפילו ווען ער זאָל ווירקליך זיין בעלעבט מיט׳ן ווילען. ענדליך, האָבען מיינע ווייטע רייזען, אין וועלכע איך האָב דורכגעמאַכט פופציג טויזענד מייל אין וואָגענס, אויף פאַראַכאָדען, שיפלעך, אָדער מיינסטענס רייטענדיג, געהאַט אַ וואונדערבאַרע ווירקונג, שטאַרקענדיג מיין געזונדהייט.

דאָס האָט מיך אויך געלערענט ווי ווייניג דער מענש ברויכט, אַזוי שנעל ווי ער קומט אַרויס פון דעם בעצויבערטען צירקעל פון אונזער „הייליגער" ציוויליזאַציאָן. מיט עטליכע פונט ברויט און אַ פעקעלע טהעע אין סאַקוואָיאַזש, אַ קעסעלע און אַ העקעל הענגענדיג ביים זאָטעל, און אונטערען זאָטעל אַ בלענקעט, וואָס מי זאָל קענען אויסשפּרייטען, ביי אַ פייער געמאַכט פון שפּענדלאַך, אויף אַ בעט פון פריש געשניטענע יאַלאָווע צווייגלעך, פיהלט זיך דער מענש מאָדנע אונאבהענגיג. אפילו בעת ער געפינט זיך איינער אַליין צווישען אומבעקאַנטע בערג, געדיכט באַדעקט מיט וועלדער אָדער מיט שנעע.

אַ בוך וואָלט מען קענען אָנשרייבען איבער דיעזען טהייל פון מיין לעבען, אָבער דאָ מוז איך דאָס אַלעס שנעל פאָרביי לויפען, אַזוי ווי עס בלייבט מיר זעהר פיעל צו זאָגען איבער די שפּעטערע פעריאָדען.

סיביר איז ניט דאָס פאַרפרוירענע לאַנד, בעגראָבען אין שנעע און באַפעלקערט מיט בלויז פאַרברעכער, ווי מי שטעלט זיך עס פאָר, אפילו אין רוסלאַנד גופא. צו דרום זייט איז זי אַזוי רייך אין נאַטירליכע פּראָדוקטען, ווי די זידליכע טהיילען פון קענעדע, צו וועלכע זי איז אין דער פיזישער געשטאַלט זעהר עהנליך; און אַ חוץ די האַלבע מיליאָן איינוואוינער

האָט זי אַ בעפֿעלקערונג פֿון איבער 4 מיליאָן רוסען. די זידליכע טהייל
פֿון וועסט־סיביר איז אויף אזוי פֿיעל רוסיש, ווי די פּראָווינץ וואָס ליגט
צו צפון זייט פֿון מאָסקווע. אין 1862, איז די העכערע נאַטשאַלסטוואָ פֿון
סיביר געווען פֿיעל מעהר אויפֿגעקלערט און אין אַלע הינזיכטען פֿיעל בע־
סער, ווי אין אירגענד וועלכער פּראָווינץ פֿון רוסלאַנד גופא. אַ היבשע פּאָר
יאָהר האָט די שטעלע פֿון גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון מזרח סיביר פֿאַרנומען
אַ מערקווירדיגע פּערזאָן, פּירסט נ. נ. מוראַוויאָף, וועלכער האָט פֿאַראייניגט
די אַמור געגענד מיט רוסלאַנד. ער וואַר זעהר אינטעליגענט, זעהר טהעטיג,
העכסט ליעבליך, און האָט ווירקליך געשטרעבט פֿאַר דאָס וואוילזיין פֿון
לאַנד. ווי אַלע טהעטיגע רעגירונגס מענשען, אַזוי איז ער אויך געווען אין
האַרצען אַן עכטער דעספּאָט; אָבער ער האָט געהאַט פֿאָרטגעשריטענע
אידעען, און אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק וואָלט איהם נאָך ניט אין גאַנצען
צופֿרידען געשטעלט. ביז צו אַ געוויסען גראַד איז עס איהם געלונגען פּטור
צו ווערען פֿון די פֿריהערדיגע טשינאוניקעס, וועלכע האָבען געהאַלטען
סיביר פֿאַר אַ שמאַלץ גרוב, פֿון וועלכען מי קען אין גיכען פֿעט ווערען,
און ער האָט ארומגעקליבען א שטאַב יונגע אָפֿיצירען, גאַנץ עהרליכע, און
פֿיעלע פֿון זיי בעלעבט מיט די זעלבע פּראַכטפֿאָלע געדאַנקען ווי ער גופא.
אין זיין אייגענעם צימער, האָבען די יונגע טשינאָווניקעס, מיט דעם פֿאַר־
טריבענעם באַקונין אין מיטען (ער איז אַנטלאָפֿען פֿון סיביר אין 1861),
דיסקוטירט מכח די שאַנסען צו שאַפֿען „אַ פֿעראייניגטע שטאַאַטען אין
סיביר, פּעדערירט איבער׳ן פּאַציפֿישען אָקעאַן מיט די פֿאַראייניגטע שטאַ־
אַטען פֿון אַמעריקאַ".

ווען איך בין אָנגעקומען אין אירקוטסק, די הויפּט שטאָדט פֿון
איסט־סיביר, האָט די וואַליע פֿון רעאַקציאָן, וועלכע איך האָב געזעהען
אויפֿהויבענדיג זיך אין פּעטערסבורג, נאָך ניט דערגרייכט דיעזע ווייטע
געגענד. איך בין זעהר גוט אויפֿגענומען געוואָרען פֿון דעם יונגען גענעראַל־
גובערנאטאָר קאָרסאַקאָוו, און ער האָט מיר געזאָגט, דאָס ער איז העכסט
גליקליך צו האָבען ארום זיך מענער מיט פֿאָרטגעשריטענע מיינונגען. וואָס
אָנבעלאַנגט דעם קאָמאַנדיר קיוקעל—אַ יונגער גענעראַל נאָך קיינע פֿינף
און דרייסיג יאָהר אַלט, און וועמעס פּערזענליכער אַדיוטאַנט איך בין גע־
וואָרען,—האָט ער מיך גענומען אין אַ צימער אין זיין הויז, וואו איך האָב
געפֿונען, צוזאַמען מיט די בעסטע רוסישע זשורנאַלען, אַ פֿאָלשטענדיגע
זאַמלונג פֿון די לאָנדאָנער רעוואָלוציאָנערע אויסגאַבען פֿון הערצען. מיר
זיינען באַלד געוואָרען די וואַרעמסטע פֿריינד.

גענעראַל קיוקעל האָט צו יענער צייט פֿאַרנומען פֿאַר אַ קורצע

ווילע די שטעלע פֿון גובערנאַטאָר פֿון טראַנסבאַיקאַליאַ. אין עטליכע וואָכען שפּעטער זיינען מיר איבער דעם שעהנעם טייך אָנגעקומען אין די קליינע שטאָדט טשיטאַ, די הויפּט שטאָדט פֿון יענער פּראָווינץ.

קיוקעל, אונטערשטיצט פֿון אַן אינטעליגענטען און פּראַקטישען מאַן, פּאָלקאָווניק פּעדראַשענקאָ, און פֿון נאָך אַ פּאָר גוט מיינענדע טשינאָווניקעס, האָט געאַרבייט דעם גאַנצען טאָג לאַנג און זעהר אָפּט אַ גוטע שטיק אין די נאַכט אַריין. איך בין געוואָרען דער סעקרעטאַר פֿון צוויי קאָמיטעס—פֿאַר די רעפֿאָרם פֿון די געפֿענגניסע און די גאַנצע סיסטעמע פֿון פֿאַרשי-קונג, ווי אויך פֿאַר די אויסאַרבייטונג פֿון אַ פּלאַן פֿון מוניציפּאַלע זעלבסט-רעגירונג—און איך האָב זיך גענומען צו דער ארבייט מיט דעם גאַנצען ענטהוזיאַזמוס און חשק פֿון אַ יונגען מאַן פֿון נייְנצעהן יאָהר. איך האָב געלעזען זעהר פֿיעל וועגען די היסטאָרישע ענטוויקלונג פֿון דיעזע אינסטי-טוציאָנען אין רוסלאַנד און פֿון זייער איצטיגען צושטאַנד אין אויסלאַנד; די מיניסטעריום'ס פֿון אינערען און פֿון רעכט האָבען אַרויסגעלאָזען אויסגעצייכענ-טע אָבהאַנדלונגען איבער דיעזע געגענשטענדע; אָבער דאָס וואָס מיר האָבען געטאָהן אין טראַנסבאַיקאַליאַ איז ניט געווען נור טהעאָרעטישעס.

איך האָב ערשטענס דיסקוטירט די פֿראַגע אין אַלגעמיין און נאָכ-הער יעדע איינצעלהייט מיט פּראַקטישע מענער, מיט די וואָס זיינען געווען גוט בעקאַנט מיט די ווירקליכע באַדירפֿניסע און די מעגליכקייטען פֿון יענער געגענד. צוליב דיעזען צוועק האָב איך מיך צוזאַמען געטראָפֿען מיט אַ גרויסע צאָהל מענשען. דאַן, די שליסע, צו וועלכע מיר זיינען געקומען, זיינען איבערדיסקוטירט געוואָרען מיט גענעראַל קיוקעל און פּעדראַשענקאָ. און ווען איך האָב די רעזולטאַטען געבראַכט אויף'ן פּאַפּיער אין די ערשטע פֿאָרמע, איז יעדער פּונקט ווידער אַ מאָל דיסקוטירט געוואָרען אין די קאָמיטעס.

איינע פֿון דיעזע קאָמיטעס, אום אויסצואַרבייטען דעם פּלאַן פֿאַר די מוניציפּאַלע זעלבסט-רעגירונג, איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פֿון די איינוואָהנער פֿון טשיטאַ, וועלכע זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פֿון די גאַנצע באַפֿעלקערונג מיט אַ ניט קלענערע פֿרייהייט, ווי די פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַאַטען. אין קורצען, אונזער אַרבייט איז געווען זעהר ערנסט, און זאָגאַר נאָך איצט, צוריק בליקענדיג אויף אונזער דאַמאָלסדיגע ארבייט דורך די פּערספּעקטיווע פֿון אַזוי פֿיעל יאָהר, קען איך זאָגען מיט פֿולען פֿאַרטרויען, דאָס אויב די מוניציפּאַלע זעלבסט-רעגירונג וואָלט דאַן באַוויליגט געוואָרען פֿון דער רעגירונג, וואָלטען די שטעדט פֿון סיביר פֿיעל אַנדערש אויסגעזעהען, ווי זיי זיינען עס ביי היינטיגען טאָג. אָבער פֿון

דער גאַנצער האָראָוואַניע אונזערער איז גאָר ניט אַרויסגעקומען, וו איהר וועט עס באַלד זעהען.

צו דיזע צוויי הויפּט־אַרבייטען ווינען נאָך צוגעקומען צופעליגע באַשעפטיגונגען. מי האָט בעדאַרפט זעהען, עס זאָל ווערען געלד פאַר פאַרשידענע וואָלטהעטיגע אַנשטאַלטען; עס איז נויטיג געווען צו געבען אַן עקאָנאָמישע בעשרייבונג פון דער פּראָווינץ צו אַ געוויסע אויסשטעלונג, אָדער אַן אַנדער אַרבייט. „עס איז אַ גרויסע עפּאָכע, אין וועלכע מיר לעבען; אַרבייט, מיין טהייערער פריינד! געדענק, דאָס דו ביסט דער סעקרעטאַר פון אַלע עקזיסטירענדע און צוקונפטיגע קאָמיטעס", פלעגט קיוקעל מאַנכעס מאָל צו מיר זאָגען — און איך האָב געאַרבייט מיט אַ דאָפּעלטען פליים.

דאָרט, אין אונזער פּראָווינץ, איז געווען אַן אויעזדני נאַטשאַלניק — אַ פּאָליציי־טשינאָווניק, וואָס האָט זעהר פיעל רעכטע. פון אַ זעהר אונבעשטימטען חאַראַקטער — וואָס איז געווען אַן איינפאַכער טייוועל. ער האָט בערויבט די מושיקעס און האָט זיי געשמיסען רעכטס און לינקס — אפילו פרויען, וואָס דאָס איז געווען געגען געזעץ. און ווען מי פלעגט אַריינפאַלען אין זיינע הענד, פלעגט מען ביי איהם אָבליגען גאַנצע מאָנאַטען, און די מענשען פלעגט ער האַלטען אַזוי לאַנג אין געפענגניס, ביז זיי פלעגען איהם גוט אונטערקויפען. קיוקעל וואָלט שוין לאַנג געשלאָגען כפרות מיט דיזען מענשען, אָבער דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט עס ניט צוגעלאָזען, ווייל דיזער קערל האָט געהאַט מעכטיגע פריינד אין פּעטערסבורג. נאָך פיעל אונענטשלאָסענהייט, איז ענדליך געבליבען ביי אונז, דאָס איך זאָל אַוועקפאָהרען אהין און מאַכען אַן אונטערזוכונג און צוזאַמענקלייבען בעווייזע געגען דיזען מאַן. דאָס איז גאָר ניט געווען אַזוי לייכט, ווייל די מושיקעס, טעראָריזירט פון איהם, און וויסענדיג גוט דעם רוסישען שפּריכוואָרט, אַז „גאָט איז ווייט, וועהרענד דיין עלטסטער איז דיין נאָהענטער שכן", האָבען ניט געהאַט דעם מוטה אויפצוטרעטען אָפען געגען איהם. ואָגאַר די פרוי, וואָס ער האָט געשמיסען, האָט געציטערט צו געבען אַ געשריבענע ערקלערונג. נור נאַכדעם, ווען איך בין דאָרט אָבגעווען גאַנצע צוויי וואָכען, און האָב געוואונען דעם צוטרויען פון די בויערען, איז מיר געלונגען אויסצוגעפינען און צו קריגען בעשטעטיגט די אַלע גרוילטהאַטען פון דיזען מאָנסטער. די בעווייזע געגען איהם ווינען געווען איינפאַך פערניכטענדע, און ער איז אַראָב געוואָרפען געוואָרען פון זיין שטעלע. מיר האָבען זיך איינע די אַנדערע גראַטולירט, דאָס מיר ווינען פּטור געוואָרען פון אַזאַ פּעסט. ווי גרויס איז אָבער געווען מיין וואונדער, ווען איניגע מאָנאַטען

שפּעטער, האָב איך מיך דערוואוסט, דאָס דער זעלבער מאַן איז באַרופען געוואָרען צו נאָך אַ העכערע שטעלע אין קאַמטשאַטקאַ. דאָרט האָט ער געקאָנט רויבען די בויערען פריי פון אירגענד וועלכע קאָנטראָלע, און האָט טאַקי אַזוי געטאָהן. איינינע יאָהר שפּעטער איז ער צוריק געקומען נאָך פּעטערסבורג אַ רייכער מאַן. די אַרטיקלען, וועלכע ער שרייבט פאַר די רעאַקציאָנערע פּרעסע זיינען, מוז איך צוגעבען, פול פון אַ הויכען „פּאַטריאָטישען" גייסט.

די כוואַליע פון די רעאַקציאָן, ווי איך האָב שוין אויבען געזאָגט, האָט נאָך ניט דערגרייכט סיביר, און די פּאָליטישע פאַרשיקטע זיינען נאָך אַלץ בעהאַנדעלט געוואָרען מיט דעם גרעסטען ריקזיכט, ווי אין מוראַוויאָף׳ס צייטען. אין יאָהר 1861, ווען דער פּאָעט מיכאַילאָוו איז פּעראורטהיילט געוואָרען צו קאַטאָרושנע אַרבייט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען אויפרוף, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען, און איז אַוועקגעשיקט געוואָרען נאָך סיביר, האָט דער גובערנאַטאָר פון דער שטאָדט טאָבאָלסק געגעבען אַ מאָהלצייט צו זיין עהרע. אין דיעזען מאָהלצייט האָבען אַלע טשינאָווניקעס אַנטהייל גענומען. אין טראַנסבאַיקאַליאַ האָט מען איהם ניט געשטעלט צו דער אַרבייט, מי האָט איהם אָפּיציעל ערלויבט צו זיין קראַנק און בלייבען אין דעם האָספּיטאַל־געפענגניס פון אַ קליין דערפעל. זייענדיג זעהר שוואַך—ער האָט געהאַלטען ביין שטאַרבען פון שווינדזוכט, און איז ווירקליך געשטאָרבען מיט איינינע מאָנאַטען שפּעטער—האָט גענעראַל קיוקעל געגעבען איהם די ערלויבניס צו זיין אין דעם הויז פון זיין ברודער, אַ מינע־אינזשענער; ניט אָפּיציעל איז דאָס געווען בעקאַנט איבער גאַנץ סיביר. אָבער איין געוויסען טאָג האָבען מיר זיך דערוואוסט פון אירקוטסק, דאָס צוליב אַ געהיימע מסירה, קומט דער זשאַנדאַרמסקי־גענעראַל אַליין נאָך טשיטאַ, אום צו מאַכען אַ שטרענגע אונטערזוכונג אין דיעזע אַנגעלעגענהייט. אַן אַדיוטאַנט פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אונז געבראַכט די נייעס. מי האָט מיר אין גרויס איילעניש אַוועקגעשיקט, אום צו וואַרנען מיכאַילאָוו, דאָס ער מוז גלייך צוריק געהן אין האָספּיטאַל אַזוי לאַנג, ווי דער זשאַנדאַרמסקי־גענעראַל וועט בלייבען אין טשיטאַ. אַזוי ווי יענער האָט זיך יעדע נאַכט, וואָס ער האָט געשפּיעלט אין קיוקעל׳ס הויז אין קאָרטען, געפונען אימער אַ געווינער, און אַזוי ווי עס האָט זיך איהם ניט געוואָלט מאַכען איצט אַ רייזע פון אַ נייינציג מייל אין אַזאַ קאַלטע געגענד, וואו מיכאַילאָוו איז געווען, איז ער פאַרבליבען מיט אונז נאָך אַ שטיק צייט, און שפּעטער איז ער צוריק געפאָהרען נאָך אירקוטסק.

דער שטורם האָט אָבער דאָך געהאַלטען אין קומען אַלץ נעהענטער

און ער האָט געמאַכט אַ תל פֿון אַלעס באלד נאָך דעם, ווי דער אויפֿ־שטאַנד האָט אויסגעבראָכען אין פוילען.

אין דעם יאָהר 1863, אין יאַנואַר, האָט פוילען רעוואָלטירט געגען רוסישען יאָך. רעוואָלוציאָנערע קאַמפּף׳ס אַרמייען האַבען זיך געבילדעט איבעראַל און עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ ביטערע בלוטיגע מלחמה, וועלכע האָט געדויערט אַכצעהן מאָנאַטען. די פּאָליטישע פּפֿליכטלינגע אין לאָנדאָן האָבען זיך געבעטען ביי די פוילישע רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעס אָבצולייגען אויף אַ צייט דיעזע באַוועגונג. זיי האָבען פֿאָראויסגעזעהען, דאָס זי וועט דערטרונקען ווערען אין אַ ים פֿון בלוט, און דערמיט וועט אויך זיין אַן ענדע צו די רעפֿאָרם־פּעריאָדע אין רוסלאַנד, אָבער עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפֿען. די אונטערדריקונג פֿון די נאַציאָנאַלע מאַניפֿעסטאַציאָן, וואָס האָט פּאַסירט אין וואַרשוי, אין 1861, און די גרויזאַמע, גאַנץ ניט פֿער־דינטע ראַכע פֿון רוסלאַנד געגען די מאַניפֿעסטאַנטען, האָט געבראַכט די פּאָליאַקען אין אמת׳ע פֿערצווייפֿלונג. דער גורל איז געפֿאַלען.

נאָך קיין מאָל האָט פוילען׳ס בעפֿרייאונג געהאַט אַזוי פֿיעל סימ־פּאַטיזירער אין רוסלאַנד, ווי צו יענער צייט. איך רייד דאָ ניט נור פֿון די רעוואָלוציאָנערען, זאָגאַר צווישען די מעהר געמעסיגטע עלעמענטען פֿון דער רוסישער געזעלשאַפֿט האָט מען געטראַכט, און מ׳ האָט עס אויך געזאָגט גאַנץ אָפֿען, דאָס עס וואָלט געווען אַ טובה פֿאַר רוסלאַנד, אַז פוילען זאָל זיין איהר פֿריינדליכער שכן אָנשטאָט אַ פֿיינדליכער אונטער־טהאַן. פוילען וועט קיין מאָל ניט פֿאַרלירען איהר נאַציאָנאַלען חאַראַקטער; ער איז צו שטאַרק ענטוויקעלט. זי האָט און וועט האָבען איהר אייגענע ליטעראַטור, איהר אייגענע קונסט, איהר אייגענע אינדוסטריע. רוסלאַנד קען האַלטען פוילען אין אונטערטהעניגקייט נור דורך געוואַלט און אונ־טערדריקונג, און דאָס מוז ברייגנען אונטערדריקונג אויך אין רוסלאַנד גופא. אפילו די פֿרידליכע סלאַוויאַנאָפֿילען זיינען געווען פֿון דיעזע מיינונג. און וועהרענד איך בין נאָך געווען אַ שילער אין קאָרפוס, האָט די פעטערס־בורגער געזעלשאַפֿט בעגריכט מיט פֿרייד דעם „חלום", וועלכען דער סלאַוויאַנאָפֿיל איוואַן אַקסאַקאָוו האָט געהאַט דעם קוראַזש צו דרוקען אין זיין צייטונג. זיין חלום איז בעשטאַנען אין דעם, דאָס די ר׳סישע טרופּען האָבען פֿערלאָזען פוילען, און האָט גערעדט איבער די אויסגעצייכענטע רעזולטאַטען פֿון אַזאַ פּאַסירונג.

ווען עס האָט אויסגעבראָכען דער פוילישער מיאַטעזש אין 1863, האָבען אייניגע רוסישע אָפֿיצירען ענטזאַגט זיך צו מאַרשירען געגען פוילען, וועהרענד אַנדערע האָבען אָפֿען געשטעלט זיך אויף זייער זייט, און זיי

זיינען געשטאָרבען אָדער אויף דער הליה אָדער אויף׳ן שלאַכט־פֿעלד. געלדער פֿאַר דעם אויפֿשטאַנד זיינען געזאַמעלט געוואָרען איבער גאַנץ רוסלאַנד—כמעט עפֿענטליך אין סיביר—און אין די רוסישע אוניווערזיטעטען האָבען די סטודענטען פֿאַרזאָרגט מיט אַלעם נויטהיגען די פֿון זייערע חברים, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערען.

דאַן, אין דיעזע גאַנצע קאָכענעש, האָט מען פֿאַרברייט די נייעס איבער רוסלאַנד, דאָס אין די נאַכט פֿון דעם צעהנטען יאַנואַר, זיינען איינִיגע רעוואָלוציאָנערע באַנדעס בעפֿאַלען די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געווען איינגעקוואַרטירט אין די דערפֿער, און זיינען ערמאָרדעט געוואָרען אין זייערע בעטען, האָטש מיט אַ טאָג פֿאַר דעם האָבען די פֿאַרהעלטניסע צווישען די רוסישע סאָלדאַטען און די פּוילישע בעפֿעלקערונג אויסגעזעהען גאַנץ פֿריינדליכע. די נייעס איז געווען אַביסעל איבערטריבען, אָבער אונגליקליכער ווייזע, איז אויך געווען פֿיעל וואַהרעס אין דעם, און דער איינדרוק, וואָס דיעזע נייעס האָט געמאַכט אין רוסלאַנד, איז געווען אַ שרעקליכער. די אַלטע אַנטיפּאַטהיע צווישען די צוויי נאַציאָנען, אַזוי פֿערוואַנד אין זייער אָבשטאַמונג, אָבער אויך אַזוי אונגלייך אין זייערע נאַציאָנאַלע כאַראַקטערע, האָבען זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט.

ביסלעכווייז איז דער ביטערער געפֿיהל געגען זיי אין רוסלאַנד פֿאַרשוואונדען געוואָרען. דער העלדישער קאַמפּף פֿון די אייביג־בראַווע פּאָליאַקען און די אונבאַזיגבאַרע ענערגיע, מיט וועלכע זיי זיינען ענטגעגענגעשטאַנען אַזאַ גרויסע אַרמעע, האָט געוואונען סימפּאַטהיע פֿאַר דיעזע העלדישע נאַציאָן. אָבער עס איז געוואָרען בעקאַנט, דאָס דער פּוילישער רעוואָלוציאָנערען קאָמיטעט פֿאָדערענדיג די פֿרייהייט פֿון פּוילען האָט אויך געפֿאָדערט, אַז מאַלאָראָסיע און די אוקריינאַ, וועמעס בעפֿעלקערונג האָט איינפֿאַך געהאַסט די פּאָליאַקען, אַז אויך דיעזע זאָלען צוריקגעגעבען ווערען צו פּוילען. נאָך מעהר, נאַפּאָלעאָן דער דריטער האָט אָנגעהויבען צו סטראַשען רוסלאַנד מיט אַ נייעם קריג—אַ פּוסטער סטראַשונאָק, וועלכער האָט מעהר געשאַדט די פּאָליאַקען, ווי אַלע אַנדערע זאַכען צוזאַמען גענומען. און ענדליך, די ראַדיקאַלע עלעמענטען אין רוסלאַנד האָבען איינגעזעהען מיט פֿערדרוס, דאָס די בלויז־נאַציאָנאַלע פֿראַקציאָן אין פּוילען האָט געקראָגען די אויבערהאַנד, דאָס די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט ניט אָנגעהויבען דענקען גאָר פֿון צוריק צו געבען די לאַנד צו די פּאַנסטשיזניקעס—אַ געפֿעהרליכער טעות, מיט וועלכען די רוסישע רעגירונג האָט ניט פֿאַרפֿעהלט זיך צו באַנוצען, אום צו ווייזען זיך אין די ראָליע פֿון א בעשיצער פֿון די מוזשיקעס געגען זייערע פּוילישע בעלי בתים. „געה נאָך פּוילען; ווענד דאָרט אָן דיין

רויטע פראָגראַמע געגען די פּוילישע לאַנד־איגענטהימער", האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער געזאָגט צו נ. מיליוטין. און מיליוטין מיט פּרינץ טשערקאַסקי האָבען ווירקליך געטאָהן זייער בעסטעס אַוועקצונעהמען דאָס לאַנד פֿון די לענדלאָרדס און אַוועקצוגעבען איהר צו די בויערען.

די אונגליקליכע רעזולטאַטען פֿון דיעזער רעוואָלוציאָן פֿאַר פּוילען זיינען בעקאַנט. זיי געהערען שוין איצט צו דער געשיכטע. וויפֿיעל טויזענדער זיינען אומגעקומען אויף די שלאַכטפֿעלדער, וויפֿיעל הונדערטע זיינען אויפֿגעהאַנגען געוואָרען, און וויפֿיעל צעהנדליגע זיינען פֿארשיקט געוואָרען נאָך פֿאַרשיעדענע פּראָווינצען פֿון רוסלאַנד און נאָך סיביר, איז נאָך ביז איצט ניט בעקאַנט. נור אפילו די אָפֿיציעלע רעכענונג, וואָס איז געווען געדרוקט אין רוסלאַנד איניגע יאָהר צוריק, צייגט, דאָס אין די ליטווישע פּראָווינצען אַליין — ניט ריירענדיג שוין פֿון סאַמע פּוילען — האָט יענער שרעקליכער מאָנסטער, מיכאַאיל מוראַוויאָוו, צו וועלכען די רוסישע רעגירונג האָט ניט לאַנג אויפֿגעבויט אַ מאָנומענט אין ווילנא, אויפֿגעהאַנגען אויף זיין איגענע אויטאָריטעט 128 פּאָליאַקען און האָט פֿאַרשיקט אין רוסלאַנד און אין סיביר 9324 מענער און פֿרויען. די אָפֿיציעלע ליסטען, אויך פֿאַרעפֿענטליכט ניט לאַנג אין רוסלאַנד, גיבען אָן די צאָהל פֿון 18672 מענער און פֿרויען, וואָס זיינען פֿאַרשיקט געוואָרען אין סיביר, פֿון וועלכען צעהן טויזענד פֿיער הונדערט זיעבען זיינען פֿאַרשיקט געוואָרען נאָך מזרח סיביר. איך האָב זיי דאָרט געזעהען, און בין געווען אַן עדות פֿון זייערע שרעקליכע ליידען. אַלעס צוזאַמען זיינע ביז אַ זיבצעהן טויזענד מענער און פֿרויען פֿאַרטריבען געוואָרען פֿון פּוילען נאָך פֿאַרשיעדענע פּראָווינצען פֿון רוסלאַנד.

פֿאַר רוסלאַנד זיינען די רעזולטאַטען פֿון דיעזע רעוואָלוציאָן געווען פּונקט אַזוי טרויעריג. מיט איהר האָט גענומען אַן ענדע צו די רעפֿאָרם־פּעריאָדע. אמת, דאָס געזעץ פֿון די זעמסטוואָס און די רעפֿאָרם פֿון די סודען זיינען אויסגעפֿיהרט געוואָרען אין 1864 און 1866. אָבער דיעזע געזעצע זיינען שוין געווען פֿערטיג אין 1862. און נאָך מעהר, אין דער לעצטער מינוט, האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער בעסער אָנגענומען דעם פּלאַן פֿון זעלבסט רעגירונג, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פֿון דער רעאַקציאָנער פּאַרטיי, אַנשטאָט דעם פֿיעל בעסערען פּלאַן, וואָס מיליוטין האָט אויסגעאַרבייט. און גלייך ווי די ביידע רעפֿאָרמעס זיינען אַריין אין קראַפֿט, איז זייער וויכטיגקייט פֿיעל פֿערקלענערט געוואָרען, און אין פֿיעלע פֿעלע גענצליך פֿאַרניכטעט געוואָרען דורך די שפּעטערע געזעצע, וואָס זיינען צוגעגעבען געוואָרען צו זיי.

ערגער פֿון אלעס איז געווען, דאָס די עפֿענטליכע מיינונג האָט געמאַכט אַ שריט צוריק. דער טאָגעס העלד איז געוואָרען קאַטקאָוו, דער פֿיהרער פֿון די שקלאַפֿעריי־פּאַרטיי. ער האָט איצט געשפּיעלט די ראָלע פֿון אַ רוסישען פּאַטריאָט און האָט נאָך זיך נאָכגעשלעפּט די גאַנצע פּעטערס־בורגער און מאָסקווער געזעלשאַפֿט. נאָך יענער צייט, אַלע די, וואָס האָבען נור געהאַט דעם מוטה צו ריידען פֿון רעפֿאָרמען, זיינען פֿון קאַטקאָוו צוגעצעהלט געוואָרען צו די „פֿערעטהער פֿון רוסלאַנד".

די רעאַקציאָנערע כוואַליעס האָבען אויך אין גיכען דערגרייכט אונ־זערע ווייטע מקומות. איין שעהנעם טאָג אין מאָנאַט מערץ, האָט אונז אַ ספּעציעלער שטאַפֿעט געבראַכט אַ פּאַפּיר פֿון אירקוטסק. אין דעם דאָקו־מענט האָט מען גענעראַל קיוקעל געגעבען אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל תיכף ומיד פֿאַרלאָזען די גובערנאַטאָרסקי שטעלע זיינע אין טראַנסבאַיקאַליאַ און זאָל זיך בעגעבען קיין אירקוטסק, און דאָרט וואַרטען אויף ווייטערע בעפֿעהלע, און דאָס ער איז אויך אויס שטאַבס־קאָמאַנדיר.

פֿאַרוואָס? וואָס זאָל דאָס בעדייטען? קיין איינציגער וואָרט. אפילו דער גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַ פּערזענליכער פֿריינד פֿון קיוקעל האָט מורא געהאַט צו צוגעבען די מינדעסטע ערקלערונג צו דיעזען זאָנדערבאַרען אוקאַז. איז עס מעגליך, אַז קיוקעל וועט געפֿיהרט ווערען צווישען צוויי זשאַנדאַרען קיין פּעטערסבורג און באַגראַבען ווערען אין יענעם שוידער־האַפֿט גרויסען קבר, די פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט? מעגליך. און שפּעטער האָבען מיר ווירקליך אויסגעפֿונען, אַז אַזוי האָט דער אוקאַז גע־לויטעט. און דאָס וואָלט אויך דורכגעפֿיהרט געוואָרען, ווען ניט דאָס ענערגישע אויפֿטרעטען פֿון קניאַז ניקאָלאַי מוראַוויאָוו, „דער זיעגער פֿון אַמור", וועלכער האָט פּערזענליך געבעטען ביים צאַר ער זאָל דיעזען מאַן שוינען.

אונזער אַבשיעד פֿון קיוקעל און פֿון זיין בעצויבערענדער פֿאַמיליע איז געווען פּונקט ווי אַ לויה. מיר איז געווען זעהר שווער אויף'ן האַרצען. איך האָב אין איהם ניט נאָר געהאַט פֿאַרלאָרען אַ טהייערען פּערזענליכען פֿריינד, נאָר איך האָב אויך געפֿיהלט, אַז מיט דיעזען אָבשיעד געהט צו איהר פֿריהצייטיגער קבורה אַ גאַנצע עפּאָכע פֿול מיט לאַנגע און הערצענס־געליבטע האָפֿענונגען,—„פֿול מיט חלומות", ווי ס'איז דערנאָך געוואָרען די מאָדע זיך אויסצודריקען.

אַזוי איז געווען, אַ נייער גובערנאַטאָר איז אָנגעקומען,—אַ גוט־הערציגער, „לאָמיך געמאַכט" מענשעל מיט פֿרישער ענערגיע, זעהענדיג, אַז דאָ טאָר מען קיין צייט גיט פֿאַרלירען, האָב איך געקאָנטשעט אונזערע

פּלענער, ווי צו רעפֿאָרמירען די סיסטעמע פֿון פֿאַרשיקונג און פֿון מוניצי־פּאַלער זעלבסט רעגירונג. דער גובערנאַטאָר האָט געמאַכט עטליכע ענדערונגען לפֿנים וועגען, און האָט ענדליך אַלעס אונטערגעשריבען און אַוועקגעשיקט. אָבער אין פּעטערסבורג האָט מען מעהר קיין רעפֿאָרמען ניט געבראַכט. דאָרטען ליגען אונזערע פּראָיעקטען נאָך עד היום, ווי אויך הונדערטער אַנדערע פֿון אַלע טהיילען רוסלאַנד. עטליכע „געבעסערטע" טיורמעס, וועלכע זיינען פֿיעל שרעקליכער ווי די אַלטע ניט געבעסערטע, זיינען אויפֿגעבויט געוואָרען אין די הויפּט־שטעדט, מיט וועלכע מי זאָל זיך קענען בעריהמען פֿאַר די גרויסע לייט פֿון אויסלאַנד אין דער צייט פֿון די פּריזען קאָנגרעסען; אָבער די איבריגע, און די גאַנצע פֿאַרשיקונגס־סיסטעמע, האָט דושאָרדוש קעננאַן געפֿונען אין דעם זעלבען צושטאַנד אין יאָהר 1886, ווי איך האָב זיי געלאָזען אין 1862. נאָר יעצט, נאַכדעם ווי 34 יאָהר זיינען אריבער, פֿיהרט די נאַטשאַלסטוואָ אין די רעפֿאָרמירטע קאָורטס אין אַ כלומרש'דיגע זעלבסט־רעגירונג אין סיביר, און קאָמיטעס זיינען בעאויפֿטראַגט געוואָרען צו מאַכען אַן אונטערזוכונג אין דער פֿאַרשיקונגס־סיסטעמע.

ווען קעננאַן איז צוריק געקומען פֿון סיביר אין לאָנדאָן, האָט ער גלייך אויף'ן צווייטען טאָג נאָך זיין קומען אויסגעפֿונען סטעפּניאַק, טשאַי־קאָווסקי, מיך און נאָך איינעם אַ רוסישען פּליכטלינג. אָוונד־צייט האָבען מיר זיך אַלע צוזאַמענגעטראָפֿען אין אַ קליינעם האָטעל, לעבען טשערינג קראָס. מיר האָבען געזעהען איהם פֿאַר'ן ערסטען מאָל, און ניט האָבענדיג צופֿיל פֿאַרטרויען אין די אונטערנעהמענדע ענגלענדער, וואָס האַבען זיך פֿריהער פֿאָרגענומען צו דערוויסען זיך וועגען די געפֿענגניסע אין סיביר אָהנע זאָגאַר צו לערנען אַ וואָרט רוסיש, האָבען מיר אויך אנגעהויבען צו עקזאַמינירען קעננאַן. צו אונזער שטוינען, ניט נור האָט ער גערעדט אַן אויסגעצייכענטען רוסיש, נור ער האט געוואוסט יעדע זאַך וועגען סיביר, וואָס איז ווערט געווען צו וויסען. איינער אָדער דער צווייטער פֿון אונז איז געווען בעקאַנט מיט די גרעסערע טהייל פֿון אַלע פּאָליטישע פֿאַרשיקטע אין סיביר, און מיר האָבען פֿאַרוואָרפֿען קעננאַן מיט פֿראַגען: וואו איז דער און דער? האָט ער חתונה געהאַט? איז ער גליקליך אין זיין פֿאַרהייראַטען לעבען? איז ער נאָך אימער יונג אין גייסט? מיר האָבען באַלד געזעהען, אַז קעננאַן ווייס פֿון יעדען איינעם פֿון זיי.

ווען דיעזע פֿראַגענעש איז געווען פֿאַריבער, און מיר זיינען שוין געווען פֿערטיג זיך צו צוגעהן, האָב איך איהם געפֿרעגט: „ווייסט איהר מר. קעננאַן, אויב זיי האָבען שוין אויסגעבויט דעם וואַכט־טהורם פֿאַר די

פאזשארנע קאמאנדע אין טשיטאַ!" סטעפניאַק האט מיר צוגעווארפען אַ בליק אזוי ווי ער וואלט אויף מיר פאריבעל געהאט פאר דעם מיסברויך פון קענאַן'ס גוטסקייט צו אונז. קענאַן אָבער האט אָנגעפאַנגען צו לאַבען, און איך באַלד צוזאַמען מיט איהם. אין מיטען פון אונזער הערצליכען געלעכטער, האבען מיר געווארפען איינער דעם אַנדערען פראַגען און ענטפערס: „וואָס ווייסט איהר וועגען דעם?" „און אויך איהר?" „אויפגעבויט?" און אַזוי ווייטער, ביז סטעפניאַק האט זיך דאָ אַריינגעמישט און מיט זיין בייזע גוטמיטהיגקייט האט ער געזאָגט: „זאָגט דאָך אונז וויינינגסטענס, פון וואָס איהר לאַכט!" דאַן האט אונז קענאַן דערציילט די געשיכטע פון דעם וואַכט־טהורם, וועלכע זיינע לעזער מוזען אודאי געדענקען. אין 1859, האט די בעפעלקערונג געוואָלט בויען אַ וואַכט־טהורם; זיי האבען געזאַמעלט געלד צו דיעזען צוועק, אָבער די אָבשאַצונגען וויפיל דאָס וועט דאַרפען קאָסטען האָבען געדאַרפט פריהער געשיקט ווערען קיין פעטערסבורג. און אַזוי זיינען זיי אַוועקגעשיקט געוואָרען נאָך דעם מיניסטעריום דעם אינערען. ווען זיי זיינען אָבער געקומען צוריק צוויי יאָהר שפעטער, מיט אַ פולער הסכמה, איז דער פרייז אויף די האָלץ און אַרבייט שטאַרק געשטיגען. דאָס איז געווען אין 1862, ווען איך האָב מיך געפונען אין טשיטאַ. נייע אָבשאַצונגען זיינען געמאַכט און ווידער אַוועק געשיקט געוואָרען נאָך פעטערסבורג, און די זעלבע געשיכטע האט פאסירט: מאַטעריאַל און אַרבייט איז ווידער טהייער געוואָרען. אַזוי האָט עס זיך געצויגען פאַר גאַנצע 25 יאָהר, ביז ענדליך, די בעפעלקערונג פון טשיטאַ, פאַרלירענדיג יעדע געדולד האָט אוועקגעשיקט אָבשאַצונגען פונקט דאָפעלט. אויך צו דיעזע האָט מען מסכים געווען אין פעטערסבורג. און אויף אַזאַ אויפן האָט טשיטאַ ענדליך געקראָגען אַ וואַכט־טהורם.

מי האָט זעהר אָפט געזאָגט, אז אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט בעגאַנגען אַ גרויסען פעהלער און האָט זיך אַליין רואינירט דערמיט, וואָס ער האָט געמאַכט, אַז פיעל האָפנונגען זאָל געבאָרען ווערען, וועלכע ער האָט שפעטער ניט געוואָלט פאַרווירקליכען. פון דאָס וואָס איך האָב איצט דערצעהלט—און די געשיכטע פון די קליינע טשיטאַ, איז די געשיכטע פון גאַנץ רוסלאַנד—קען מען זעהען, אַז ער האָט געטאָהן נאָך פיעל ערגערעס. נאָכגעבענדיג אויף אַ רגע דעם שטראָם פון די עפענטליכע מיינונג, האָט ער געמאַכט אלעמען אין רוסלאַנד זיך נעהמען צו דער אַרבייט אַרויס צו קומען פון דער וועלט פון חלומות און אָנצוריהרען מיט די פינגער די רעפאָרמען, וואָס זיינען נייטהיג געווען. ער האָט זיי געמאַכט פיהלען, וואָס מי קען טהאָן גלייך, און ווי לייכט דאָס איז צו טהאָן. ער האָט ווי געמאַכט

אויפֿאָפּפֿערען זייערע אידעאַלען, וואָס האָבען ניט געקענט גלייך פֿאַרווירק־ליכט ווערען, און צו פֿאָדערען נור דאָס, וואָס איז געווען פּראַקטיש מעגליך צו יענער צייט. און ווען זיי האָבען שוין אויסגעדריקט זייערע אידעען אין געזעצע, וועלכע האָבען נור געפֿאָדערט זיין אונטערשריפֿט אום זיי זאָלען ווערען אַ ווירקליכקייט, דאַן האָט ער דיזע אונטערשריפֿט ענטזאַגט. קיין רע־אַקציאָנער האָט קיין מאָל ניט געקענט זאָגען, דאָס אַלעס, וואָס איז איבער־געבליבען — די ניט רעפֿאָרמירטע טריבונאַלען, די אַבוועזענהייט פֿון שטאַאַט־רעגירונג, אָדער די סיסטעמע פֿון פֿאַרשיקונג—איז גוט, און איז ווערט אויפגעהאלטען צו ווערען. און דאָך אויס פֿורכט עטוואָס צו טאָהן, איז אַלעס געבליבען, ווי עס איז געווען; פֿאַר גאַנצע פֿינף און דרייסיג יאָהר זיינען די, וואָס האָבען געהאַט דעם מוטה צו ריידען פֿון די נויטווענדיגקייט פֿון אַן אומענדערונג, בעהאַנדעלט געוואָרען אלס פֿאַרדעכ־טיג. און אינסטיטוציאָנען, איינשטימיג אַנערקענט אלס שלעכטע, האָט מען געלאָזט בלייבען, נור מי זאָל ניט הערען דעם פֿאַרהאַסטען וואָרט „רעפֿאָרמען".

זעהענדיג, אז אין טשיטאַ קען מען קיין זאַך מעהר ניט אויפֿטאָהן אויף'ן וועג פֿון רעפֿאָרם, האָב איך מיט צופֿרידענהייט אָנגענומען דעם פֿאָרשלאַג צו בעזוכען דעם טייך אַמור דעם זעלבען זומער פֿון 1863.

די שרעקליך גרויסע שטרעקע אויף דעם לינקען ברעג פֿון אַמור און פֿאַזע דעם ברעג פֿון דעם פּאַציפֿישען אקעאַן, אַזוי ווייט ווי דער זאליוו פֿון וולאַדיוואָסטאָק איז פֿאַראייניגט געוואָרען מיט רוסלאַנד, פֿון גראַף מו־ראַוויאָוו, כמעט געגען דעם ווילען פֿון די פּעטערסבורגער נאַטשאַלסטוואָ, ווען ער האָט באַגריפֿען דעם סמיעלען פּלאַן צו פֿאַרנעהמען דעם גרויסען טייך, וועמעס זידליכע פּאָזיציאָן און פֿרוכטבאַרע לענדער האָבען פֿאַר די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר אימער צוגעצויגען צו זיך די סיביריאַקעס; און גלייך בעפֿאָר יאַפּאַן האָט אויפֿגעעפֿענט איהרע טהירען פֿאַר אייראָפּאַ, ווען מוראַוויאָוו האָט בעשלאָסען צו פֿאַרנעהמען פֿאַר רוסלאַנד אַ שטאַרקע פּאָ־זיציאָן אויף'ן פּאַציפֿישען ברעג און זיך צו פֿעראייניגען מיט די פּעראייניגטע שטאַאַטען, איז גאַנץ פּעטערסבורג געווען געגען איהם: דער קריגס מיניסטע־ריום האָט ניט געהאַט קיין מענשען אהין צו שיקען; דעם פֿינאַנץ מיניסטער האָט געפֿעהלט געלד אויף אַזעלכע זאַכען. און ספּעציעל דער מיניסטעריום דער אויסערען איז איצט ווי תמיד געווען שטאַרק דאַגעגען אַזעלכע „דיפּלאָמאַטישע פֿאַרפּלאָנטערונגען". מוראַוויאָוו האָט דאַרום געמוזט האַנד־לען אויף זיין אייגענע פֿעראַנטוואָרטליכקייט, און זיך פֿאַרלאָזען אויף די קליינע מיטלען, וועלכע די שוואַך בעוואָהנטע מזרח סיביר האָט געקענט

צושטעלען פֿאַר דיעזע הערליכע אונטערנעהמונג. נאָך מעהר; אַלעס האָט געמוזט געטאָהן ווערען אויף גיך, און מיט דער מאַכט פֿון דער „אָבגע־טאָהנענע זאַך" זיך צו שטעלען געגען די פּראָטעסטען פֿון די מעריב־אייראָ־פּעאישע דיפּלאָמאַטען, וועלכע וואָלטען געוויס אויפֿגעהויבען געוואָרען.

סתם צו פֿאַרנעהמען די לאַנד אָהנע זי צו בעפֿעלקערען, וואלט ניט געטויגט, און זיין פּלאַן איז געווען צו באַזעצען איבער די גאַנצע לענג פֿון דעם גרויסען טייך און זיין זידליכע אָבטהיילונג, די אוזורי—פּולע 2500 מייל—אַ גאַנצע מחנה פֿון זעלבסט־ערנעהרענדע קאָלאָניעס, און אזוי אַרום צו גרינדען אַ רעגולערע פֿאַרבינדונג צווישען סיביר און דעם ברעג פֿון דעם פּאַציפֿישען אָקעאַן. פֿאַר דיעזע קאָלאָניעס האָט מען געברויכט מענשען, און אַזוי ווי די שיטערע באַפֿעלקערונג פֿון מזרח סיביר האָט זיי ניט געקענט צושטעלען, איז מוראַוויאָוו געצוואונגען אָנצונעהמען אונגעוועהנליכע מיטלען. בעפֿרייטע פֿאַרברעכער, וועלכע, נאָכדעם ווי זיי זיינען געהאַט אָבגעזעסען ווייער צייט, זיינען געוואָרען שקלאַפֿען אין די קייזערליכע מינען, האָט מוראַוויאָוו אָרגאַניזירט אַלס טראַנסבאַיקאַליאַנער קאזאַקען, וועלכע ער האָט באזעצט ביי די ברעגעס פֿון טייך אמור און אוזורי, בילדענדיג אזוי נייע געמיינדעס קאזאַקען. דאַן האָט ער אויסגעווירקט די באַפֿרייאונג פֿון טויזענד קאטאָרזשניקעס, (מיינסטענס רויבער און מער־דער), וועלכע האָבען געזאָלט באַזעצט ווערען אַלס פֿרייע קאָלאָניסטען אויף׳ן נידעריגען טהייל פֿון אַמור. ער איז זעלבסט געקומען זיך מיט זיי צו געזעגענען, און האָט צו זיי געזאָגט די פֿאָלגענדע ווערטער: „געהט, מיינע קינדער, זייט דאָרט פֿריי, בעאַרבייט די לאַנד, מאַכט פֿון איהר אַ טהייל פֿון רוסלאנד, הויבט אָן אַ נייע לעבען", און זאָ ווייטער. די רוסישע מוזשיטשקעס געהן כמעט אימער מיט מיט זייערע מאַנען, וועלכע ווערען פֿאַרשיקט קיין סיביר אויף קאַטאָרגאַ. אַ סך פֿון די נייע קאָלאָניסטען האָ־בען דאַרום אויך מיט געהאַט זייערע פֿאַמיליען מיט זיך. אָבער די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין ווייבער, האָבען זיך גאַנץ סמיעלאָ געווענדעט צו מוראַוויאָו׳ן: „וואָס איז לאַנד אַרבייט אָהן אַ ווייב? מען האָט אונז גע־ברויכט חתונה צו מאַכען". מוראַוויאָוו האָט זאָפֿאָרט געגעבען אַ בעפֿעהל אַרויסצולאָזען אַלע קאַטאָרזשניצעס—אונגעפֿעהר הונדערט—און האָט זיי געהייסען זיך אויסקלייבען מאַנען. אָבער עס איז געווען זעהר ווייניג צייט. די הויכע וואַסערען פֿון טייך זיינען שנעל ארונטערגעגאַנגען. די פּליטען האבען גלייך געמוזט אבגעהן. און מוראַוויאוו בעפֿעהלענדיג אַלעמען זיך צו צושטעלען פּארענווייז ביים ברעג, האט ער זיי געבענטשט, זאגענדיג: „איך מאַך אייך אַלעמען חתונה, קינדער, זייט גוט איינער צום אַנדערען. מענער,

איהר זאָלט ניט בעהאַנדלען שלעכט אייערע ווייבער — און זייט גליקליך".

אַזוי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז, האָב איך מיך אַלץ ענערגישער גע־נומען צו וויסענשאַפּטליכע ארבייטען און פֿאָרשונגען. אין דעם יאָהר 1864, בין איך אַוועק מיט אַ קאָמפּאַניע פֿון צוועלף אונבעוואָפֿענטע קאַזאַקען, וואָס האָבען זיך באַשעפֿטיגט מיט מסחר, אויסצוגעפֿינען אַ דירעקטע פֿערבינ־דונג צווישען טראַנסבאַיקאַליאַ און דעם מיטעל-אמור. אין דעם אָבמאַך צווישען רוסלאַנד און כינאַ זיינען נור געווען דערמאָנט סוחרים. איך האָב דאַ־רום זיך איינגעקוויפּט פֿאַרשידענע סחורות, און האָב מיך פֿאַרשטעלט אַלץ אַ סוחר. דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט מיר געגעבען אַ פּאַספּאָרט אויף דעם נאָמען פֿון אַ „צווייטע גילדע קופּעץ, פּיאָטער אַלעקסעיעוו און זיינע וחברים". און ער האָט מיר געוואָרענט, דאָס אויב די כינעזער זאָלען מיך אַרעסטירען און נעהמען מיך צו פּעקינג, און פֿון דאָרט איבער די וויסטע גאָבי צו דעם רוסישען גרענעץ—אין אַ שטייג, אויף אַ קעמעלס רוקען,—דאָס איז געווען דער שטייגער פֿון די כינעזער אין דעם פֿיהרען פֿון די אַרעסטאַנטען—טאָר איך זיי ניט זאָגען מיין ריכטיגען נאָמען. דער רייזע צו בעזוכען אַ לאַנד, וועלכע קיין אייראָפּעער האָט נאָך ניט געזעהען, איז ביי מיר געווען אַזוי גרויס, דאָס איך האָב אָנגענומען אַלע באַדינגונגען. מיר האָבען ענטדעקט אַ דירעקטען וועג און נאָך זעהר פֿיעלע אינטערעסאַנטע זאַכען, ווי צום ב"ש, די וואולקאַנען פֿון יואין האָלדנאָסט. אויף אַזאַ אופן זיינען מיר געוועזען די פּיאָנערען פֿון דער מאַנדזשוריער אייזענבאַהן. איך קען ניט זאָגען, דאָס איך בין געווען אַ שאַרפֿער ביזנעס-מאַן, ווייל איך האָב מיך איינמאָל איינגעשפּאַרט (אין אַ געבראָכענעם כינעזיש) צו פֿאָדערען פֿאַר אַ טאַשען-זייגער פֿינף און דרייסיג רובעל, פֿאַר וועלכע דער כינעזי־שער קויפֿער אַליין האָט מיר אָנגעבאָטען פֿינף און פֿערציג. דערפֿאַר אָבער האָבען די קאַזאַקען געמאַכט נישט-קשה'דיגע געשעפֿטען, און די אויסגאַ־בען פֿון אונזער רייזע זיינען געדעקט געוואָרען.

דערנאָך בין איך אַוועק מיט פּאָלקאָווניק טשערנאַיעוו'ס עקספּעדיציע אויף דעם ערסטען דאַמפּף-שיף, וועלכער האָט געשוואומען אויף די וואַסערען פֿון דעם גרויסען טייך מאַנדזשוריאַ, און באַלד האָבען מיר דערגרייכט די הויפּט-שטאָדט פֿון מאַנדזשוריאַ, קירין. דעם קומענדיגען יאָהר האָב איך אויסגעפֿאָרשט די מעריב-געגענדען, וואו איך האָב מיך ווידער אָנגעשטויסען אויף אַ וויכטיגען וואולקאַנישען פּלאַץ לעבען דעם כינעזישען גרענעץ. ענדליך אין 1866, האָב איך אונטערגענומען אַ לאַנגע רייזע אום צו ענדעקען אַ דירעקטען וועג צווישען די גאָלד-מינען פֿון

דרום־סיביר אין די טראַנסבאַיקאַליאַ. פֿאַר פֿיעלע יאָהרען האָבען די מיטגלידער פֿון די סיבירישע עקספּעדיציע געזוכט אַזאַ וועג. זיי האָבען געשטרעבט אַריבער צו געהן די שרעקליכע בערג; קומענדיג אַהינצו און זעהענדיג דיעזע בערג זיך ציהען פֿאַר הונדערטע פֿון מייליען, האָבען זיי זיך אַלע צוריק געקעהרט, אויסער איינעם, וואָס איז געטויטעט געוואָרען פֿון אַ געבירטיגען פֿון יענער געגענד. מיט מיר האָט פּאַסירט עטוואָס זעלטענעס: וועהרענד איך האָב געמאַכט פֿאָרבערייטונגען פֿאַר די רייזע, האָט מיר אימיצער געצייגט אַ לאַנד־קאַרטע, וועלכע אַ געבירטיגער האָט אויסגעקריצט אויף אַ שטיקעל קאָרע. דיעזע קליינע לאַנד־קאַרטע האָט מיך אַזוי איבעראַשט מיט איהר וואַהרשיינליכע טרייהייט צום אמת, דאָס איך האָב באַשלאָסען אין גאַנצען צו פֿאַרלאָזען זיך אויף איהר, און האָב נאָך איהר נאָך אָנגעהויבען מיין רייזע. דיעזעס מאָל איז דער וועג געפֿונען געוואָרען. גאַנצע דריי מאָנאַטען האָבען מיר געוואַנדערט אין כמעט אַ גענצליך אונבאַפֿעלקערטע געגענד פֿון בערג און וויסטענייען, ביז מיר האָבען ענדליך דערגרייכט טשיטאַ. מי זאָגט מיר, דאָס דיעזער וועג איז איצט פֿון גרויסען ווערטה פֿאַר דעם איבערפֿיהרען פֿון פֿיה פֿון צפון־זייט צו די גאָלד־מינען. וואָס מיר אָנבעלאַנגט, האָט די רייזע מיר זעהר פֿיעל געהאָלפֿען אויסצוגעפֿינען דעם שליסעל צו די פֿאָרמע און דעם בוי פֿון די בערג פֿון סיביר. אָבער איך שרייב ניט אַ רייזע בוך, און מוז מיך דאַרום דאָ אָבשטעלען.

די יאָהרען, וועלכע איך האָב פֿאַרבראַכט אין סיביר, האָבען מיר געגעבען פֿיעלע ניצליכע לעהרען, וועלכע איך וואָלט אַנדערשוואו ניט געקענט קריגען. איך האָב גלייך בעגריפֿען, אַז עס איז אונמעגליך צו ברענגען די מאסען פֿון פֿאָלק נוצען דורך דער רעגירונגס מאַשין. מיט דיעזער פֿאַנטאַזיע האָב איך מיך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָבגעזעגענט. דאַן האָב איך אָנגעהויבען צו פֿאַרשטעהען דעם מענשען און זיין חאַראַקטער, און אויך די אינערליכע ספּרוזשינע פֿון דעם מענשליכען לעבען און פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט. די אויפֿבויענדע אַרבייט פֿון די אומבעוואוסטע מאַסען, וועלכע ווערען אַזוי זעלטען דערמאָנט אין ביכער, און די וויכטיגקייט פֿון דיעזער אויפֿבויענדער ארבייט אין דעם וואוקס פֿון די געזעלשאַפֿטליכע פֿאָרמען, זיינען פֿאַר מיר פֿאָלשטענדיג ענטפּלעקט געוואָרען. בייצו וואָהנען, למשל, די אַרט און ווייזע, ווי אַזוי די דוכאָבאָרצעס האָבען אויסגעוואַנדערט אין די אַמור געגענד, צו באַמערקען די גרויסע נוצען וואָס זיי האָבען געהאַט פֿון זייערע קאָמוניסטישע ברידערליכע אָרגאַניזאַציאָנען, און צו בעגרייפֿען, וואָס פֿאַר אַ וואונדערבאַרען ערפֿאָלג זייער קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט,

אין מיטען פֿון דעם אונגעהייערען דורכפֿאַל פֿון די שטאַאַטליכע קאָלאָניזאַ־ציעס, דאָס קען מען פֿון ביבער ניט לערנען, דאָס מוז מען זעלבסט דורכלעבען. און דאַן ווידער צו לעבען צווישען די ווילדע אַזיאַטען, צו צוזעהען, ווי עס אַרבייטען זיך אויס קאָמפּלעצירטע פֿאָרמען פֿון דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זיי גופא האָבען געשאַפֿען וויט פֿון דעם איינפֿלוס פֿון אירגענד וועלכער ציוויליזאַציאָן, איז געווען גלייך, ווי איך וואָלט צוזאַמענגעקליבען גאַנצע ימים מיט ליכטיגקייט, וועלכע האָבען שפּעטער בעלויכטען מיין לעבען. פֿון דירעקטער בעאָבאַכטונג איז מיר קלאָהר געוואָרען די ראָליע, וועלכע די אומבעוואוסטע מאַסען שפּיעלען אין אַלע וויכטיגע היסטאָרישע עראייגניסע, און אפילו אין מלחמות, און איך האָב געגומען קריגען אידעען עהנליך צו די, וועלכע טאָלסטאָי דריקט אויס איז זיין וועלטבעריהמטען ווערק „קריעג און פֿריעדען" מכח די פֿיהרער און די מאַסען.

וייענדיג ערצויגען אין אַ לייב־אייגענטהימער׳ס פֿאַמיליע, האָב איך אָנגעהויבען מיין טהעטיגעס לעבען, ווי אַלע יונגע לייט פֿון מיין צייט, מיט דער פֿולער איבערצייגונג, אַז מי מוז שטענדיג בעפֿעהלען, קאָמאַנדעווען, זידלען, שטראָפֿען און דעסגלייכען. אָבער ווען מיר איז אויסגעקומען, גאַנץ פֿריה אין לעבען, צו פֿערוואַלטען וויכטיגע אונטערנעהמונגען און צו האָבען עסקים מיט מענשען, און בעת יעדער טעות וואָלט זיכער ברענגען ערנסטע פֿאָלגען, האָב איך אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן דעם חלוק פֿון באַפֿעהלען און דיסציפּלינירען ביז דעם פּרינציפּ פֿון געגענזייטיגע איינפֿערשטענדניס. דיס־ציפּלינע ווירקט זעהר גוט אין א מיליטערישען פּאַראַד, אָבער אין ווירקליכען לעבען האָט עס קיין שום ווערדע ניט, און דער צוועק קען ערייכט ווערען נור דורך די גרעסטע אַנשטרענגונגען פֿון פֿיעלע צו דער זעלבער זאַך שטרעבענדע ווילענס. כאָטש אפילו איך האָב נאָך דאַן ניט געהאַט אויסגעדריקט מיינע בעאָבאַכטונגען אין ווערטער פֿון פּאַרטיי־קעמפּפֿע, פֿון דעסטוועגען קען איך יעצט בעהויפּטען, אַז אין סיביר האָב איך שוין גע־האַט פֿאַרלאָרען דאָס לעצטע ביסעל גלויבען אין שטאַאַט דיסציפּלין, וואָס איך האָב נאָך פֿריהער געהאַט. איך האָב שוין געהאַלטען ביין ווערען אַנאַרכיסט.

פֿון 19, ביז מיין 25סטען יאָהר האָב איך געהאַט אויסצואַרבייטען וויכטיגע רעפֿאָרם פּלענער, האָב געמוזט האָבען משא ומתן מיט הונדער־טער מענשען אויף׳ן אַמור, פֿאַרפֿאַרטיגען און מאַבען ריזיקאַלנע עקספּעדי־ציעס מיט לעבערליך קליינע מיטלען, א. ז. וו., און אויב אַלעס דאָס האָט זיך געענדיגט מיט מעהר אָדער וויניגער ערפֿאָלג, האָב איך עס צו פֿער־

דאַנקען דעם פֿאַקט, וואָס איך האָב גלייך פֿארשטאַנען, אַז אין וויכטיגע אַרבייט איז דאָס קאָמאַנדירען און דיסציפּלינירען נוצלאָז. אומעטום ברויך מען האָבען מענשען מיט איניציאַטיווע. אָבער קוים איז דער אָנהויב געמאַכט געוואָרען, מוז די אונטערנעהמונג געפֿיהרט ווערען, בעזאָנדערס אין רוסלאַנד, אויף אַ קאָמונאַלער אַרט, מיט אַלגעמיינער צושטימונג. איך ווינש נור, אַז אַלע די, וואָס אַרבייטען אויס פּלענער פֿון שטאַאַט דיסציפּלינע, זאָלען פֿריהער קענען דורכגעהן די שולע פֿון ווירקליכען לעבען, איידער זיי געהען פֿאַרפֿאַסען זייערע אוטאָפּיעס. דאַן וואָלט מען פֿיעל וועניגער געהערט פּון פּלענער פֿון מיליטערישע אָרגאַניזאַציאָן אין דער געזעלשאַפֿט.

דאָך איז דאָס לעבען אין סיביר מיר געוואָרען, וואָס אַ מאָל, אַלץ לאַנגוויילינגער, חאָטש מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז געווען מיט מיר פֿון 1864, אין אירקוטסק, וואו ער האָט קאָמאַנדירט אַ עסקאַדראָן קאָזאַקען. מיר זיינען געווען גליקליך צו לעבען צוזאַמען; האָבען אַ מאַסע געלעזען און האָבען דיסקוטירט אַלע פֿילאָזאָפֿישע, וויסענשאַפֿטליכע און סאָציאָלאָגישע טאַגעספֿראַגען; אָבער מיר האָבען ביידע געגאַרט נאָך אינטעלעקטועלען לעבען, און אין סיביר איז קיין סימן דערפֿון ניט געווען. ווען ראַפֿאַעל פּומפּעל און אַדאָלף באַסטיאַן זיינען אַמאָל דורכגעפֿאָהרען אירקוטסק—און דאָס וואַרען די איינציגע צוויי וויסענשאַפֿט׳ס מענער, וואָס האָבען דיעזע שטאָדט בעזוכט פֿאַר מיין צייט—איז דאָס שוין געווען אַ גרויסער יום טוב. דאָס וויסענשאַפֿטליכע, און בעזאָנדערס דער פּאָליטישער לעבען פֿון מזרח אייראָפּאַ, פֿון וועלכען מיר האָבען געהערט דורך די צייטונגען, האָט אונז שטאַרק צוגעצויגען, און איבער וואָס מיר זאָלען ניט ריידען, זיינען מיר רק צוריקגעקומען צו דער פֿראַגע: ווי אַזוי זיך צוריק צו קעהרען קיין רוסלאַנד. ענדליך האָט דער בונט פֿון די פּוילישע פֿאַרשיקטע פֿון 1866, אונז געעפֿענט די אויגען, אין בעצוג צו דער פֿאַלשער שטעלונג, וועלכע מיר האָבען ביידע געהאַלטען אַלס אָפֿיצערען אין דער רוסישער אַרמעע.

איך בין געווען וויט אַוועק אין די וויטים בערג, בעת די פּוילישע סיבירניקעס, וועלכע וואַרען באַשעפֿטיגט אויסגראָבענדיג אַ נייען וועג אין די פֿעלזען ארום דער אָזערע בייקאַל, האָבען געמאַכט אַ פֿערצווייפֿעלטען פֿערזוך צו צוברעכען זייערע קייטען, און צו אַנטלויפֿען קיין כינאַ דורך מאָנגאָליאַ. טרופּען זיינען געגען זיי ארויסגעשיקט געוואָרען, און אַ רוסישער אָפֿיצער,—וועלכען איך וועל רופֿען פּאָטאַלאָף—איז דער׳הרג׳עט געוואָרען פֿון זיי. איך האָב דערפֿון געהערט אויף מיין צוריקרייזע קיין אירקוטסק, וואו ביז 50 פּאָליאַקען האָבען געזאָלט גע׳משפּט ווערען אין מיליטער

געריכט. אזוי ווי די מיליטער געריכטען זיינען אָפֿען אין רוסלאַנד, האָב איך זעהר גענוי נאָכגעפאָלגט די טרייעל, און גענומען פינקטליכע נאָטיצען פֿון דער פֿארהאַנדלונג, וועלכע איך האָב אַוועק געשיקט קיין פּעטערסבורג, און וועלכע וואַרען דאָרט פֿאַרעפֿענטליכט צו דער גרויסער אומצופֿרידענהייט פֿון אונזער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

עלף טויזענד פּאָליאַקען, מענער און פֿרויען, זיינען איבער געשיקט געוואָרען אויף מזרח סיביר אַליין, אַלס פֿאָלגע פֿון דעם פּוילישען מיאַטעזש פֿון 1863. זיי וואַרען מיינסטענס סטודענטען, אַרטיסטען, עקס־אָפֿיצערען, נאָבעלייט, און ספּעציעל גוטע פֿאַך לייט פֿון דער אינטיליגענטער און הויך ענטוויקעלטער בעפֿעלקערונג פֿון וואַרשאָ און אַנדערע שטעדט. א מאַסע פֿון זיי האָט מען געהאַלטען ביי דער קאַטאָרזשנע אַרבייט, און די איבעריגע וואַרען באַזעצט איבער דאָס גאַנצע לאַנד און דערפֿלעך, וואו זיי האָבען קיין שום בעשעפֿטיגונג ניט געקענט געפֿינען, און זיינען דאַרום געשטאָרבען פֿון הונגער. די קאַטאָרזשניקעס האָבען געאַרבייט אין טשיטאַ, בויענדיג די שיפֿען פֿאַר'ן אַמור,—די וואַרען די גליקליכסטע—אָדער אין די קייזערליכע אייזען גיסערייען, אָדער אין די זאַלץ ווערקע. פֿון די לעצטע האָב איך באַגעגענט מאַנכע אויף דער לענאַ, שטעהענדיג נאַקעט אַרום אַן אונגעהייערען קעסעל, מישענדיג מיט לאַנגע שאָוועלס, אין אַ העלישער היץ, וועהרענד די טויערען פֿון דער הייזעל וואַרען גאַנץ אָפֿען, אום אַריינצולאָזען אַ שטאַרקען שטראָם פֿון אייז קאַלטער לופֿט. נאָך צוויי יאָהר אַרבייט זיינען דיזע מאַרטירער געווען זיכער צו שטאַרבען פֿון שווינדזוכט.

אָט צו יענער צייט, ווען דער סטרייק פֿון די פּוילישע סיבירניקעס האָט אויסגעבראָכען, איז מיין ברודער אַלעקסאַנדער געווען אין אירקוטסק. זיין סקאַדראָן איז געשיקט געוואָרען צו מאַכען „רוהע" צווישען די אונגליקליכע סטרייקער. גליקליכער ווייזע האָט דער קאָמאַנדיר פֿון דעם רעגימענט, צו וועלכען מיין ברודער האָט געהערט, געקענט אַלעקסאַנדערען זעהר גוט, און האָט באַפֿוילען אַן אַנדער אָפֿיציר צו קאָמאַנדירען דעם סקאַדראָן. ווען ניט דאָס, וואָלט אַלעקסאַנדער זיך זיכער ענטזאַגט אויסצופֿיהרען דעם באַפֿעהל. און פֿאַר אזא אונגעהאָרכזאַמקייט, וואָלט ער אָדער באַשטראָפֿט געוואָרען מיט'ן טוידט אָדער אין דעם גינסטיגסטען פֿאַל וואָלט מען איהם געמאַכט צו דינען אַלס אַ פּראָסטען סאָלדאַט. וואָלט איך צו יענער צייט געווען אין אירקוטסק, וואָלט איך געטאָהן דאָס זעלבע.

מיר האָבען דאַן דאַרום בעשלאָסען צו פֿאַרלאָזען דעם מיליטער דינסט און זיך צוריק קעהרען אין רוסלאַנד. דאָס איז ניט געווען אַזאַ

ליכטע זאַך, איבערהויפּט, ווייל אַלעקסאַנדער האָט חתונה געהאַט אין סיביר. אָבער ענדליך זיינען מיר אַלע געוועזן רייזע־פֿערטיג און אין אָנפֿאַנג פֿון דעם יאָהר 1867, זיינען מיר געוועזן אויף'ן וועג צוריק נאָך פּעטערסבורג.

פּעטערסבורג.

אין'ם הערבסט פֿון דעמזעלבען יאָהר האָבען מיר: איך, און מיין ברודער און זיין פֿאַמיליע, זיך באַזעצט אין פּעטערסבורג. איך בין אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט; איך בין געזעסען צוזאַמען מיט יונגע לייט, כמעט נאָך אינגלאַך, פֿיעל אינגער פֿאַר מיר, אויף איין בענקעל. דאָס, נאָך וואָס מיין האַרץ האָט אזוי געגאַרט מיט פֿינף יאָהר פֿריהער, איז ענדליך ערפֿיעלט געוואָרען —איך האָב געקענט שטודירען. און ווייל איך האָב געדענקט, אַז אַ גרינדליכע קענטניס אין מאַטעמאַטיק איז דער פֿונדאַמענט פֿון אַלע אַנדערע וויסענשאַפֿטען, האָב איך מיך אָנגעשלאָסען אָן דעם פֿיזיקאָ־מאַטעמאַטישען פֿאַקולטעט. מיין ברודער איז אַריין אַלס סטודענט אין די מיליטערישע אַקאַדעמיע פֿון יוריספּרודענץ, וועהרענד איך האָב פֿאַרלאָזען די מיליטערדינסט גאַנץ און גאָר — צו די גרויסע אונצופֿרידענהייט פֿון מיין פֿאָטער, וועלכער האָט אמת געהאַסט דעם אנבליק פֿון אַ ציווילנעם מונדיר. איצט האָבען מיר ביידע געמוזט אַרבייטען פֿאַר אונזערע לעבענס־מיטעל.

דער שטודיום און וויסענשאַפֿטליכע אַרבייטען האָבען פֿאַרשלונגען מיין גאַנצע צייט פֿאַר די נעכסטע פֿינף יאָהר. אַ סטודענט אין דעם מאַטעמאַטישען פֿאַקולטעט האָט זעהר פֿיעל צו טאָהן, אָבער מיין פֿריהערינגער שטודירען פֿון די העכערע מאַטעמאַטיק, האָט מיר געלאָזען גענוג צייט זיך אָבצוגעבען מיט געאָגראַפֿיע. איבערהויפּט האָב איך אין סיביר ניט פֿאַרלאָרען די געוואוינהייט צו אַרבייטען פֿיעל און שווער.

דער רעפּאָרט פֿון מיין לעצטע עקספּעדיציע האָט זיך געהאַלטען אין דרוקען. אָבער צו דערזעלבער צייט האָט זיך פֿאַר מיין גייסט אויפֿגעהויבען אַ גאַנץ נייע גרויסע פּראָבלעמע. די רייזען, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין סיביר, האָבען מיר איבערצייגט, דאָס די בערג, וועלכע זיינען צו יענער צייט געמאָלט געוואָרען אויף די לאַנד־קאַרטען פֿון נאָרד־אַזיען, זיינען געוועזן איינפֿאַך פֿאַנטאַסטישע. פֿון די גרויסע הויכע לאַנד־פֿלעכען, וואָס זיינען אַזאַ שטאַרקער חאַראַקטער־צוג פֿון גאַנץ אַזיען, האָבען די צייכנער פֿון די לאַנד־קאַרטען, ווי עס שיינט, ניט אָנגעהויבען צו וויסען. איך האָב מיר דאַרום געמאַכט עס צו מיין אויפֿגאַבע צו ענדעקען די אמת'ע

הויפט-פרינציפען אין דעם געבוי פֿון די בערג אין אַזיען און זייער שיכות צו די טייכען. דיזע אַרבייט האָט בעשעפֿטיגט מיין גייסט יאָהרען לאַנג. פֿאַר אַ גרויסע שטיק צייט האָבען די אַלטע לאַנד-קאַרטען און נאָך מעהר די שלוס-פֿאָלגונגען פֿון אַלעקסאַנדער הומבאָלדט, מיר איינפֿאַך געשטערט אין מיינע אונטערזוכונגען. ענדליך האָב איך געזעהען, אַז די פֿאַקטען זיינען געגען הומבאלדט'ס טהעאָריען. אָנפֿאַנגענדיג דאַרום פֿון אָנפֿאַנג, קלייבענ-דיג פֿאַקטען, איינעם נאָך דעם אַנדערען, נעהמענדיג די אַלע בעאָבאַכטונגען —ניט קיין טהעאָריען—פֿון פֿערשיעדענע רייזענדע, האָב איך געזוכט אויסצו-געפֿינען, וואָס פֿאַר אַ טהעאָריע וועט אַם בעסטען פּאַסען פֿאַר דיזע אַלע פֿאַקטען. דיזע פֿאָרברייטענדע אַרבייט האָט מיר גענומען מעהר, ווי צוויי יאָהר; און דאַן האָבען געפֿאָלגט מאָנאַטען פֿון שטאַרקען, אָנגעשטרענגטען דענקען, אום אויסצוגעפֿינען, צו וואָס דיזע שרעקליכע מאַסע פֿון בעאָ-באַכטונגען פֿיהרט, ביז, ענדליך, אין איין געוויסען טאָג, איז דאָס גאַנצע געוואָרען פלוצלינג אַזוי קלאָר, אַזוי פֿאַרשטענדליך פֿאַר מיר, אַזוי ווי דאָס וואָלט באַלייכט געוואָרען פֿון אַ בליץ, פֿול שיין, און אַ גאַנץ נייע טהעאָ-ריע מיט אַלע איהרע וויסענשאַפֿטליכע פֿאָלגען איז מיר געשטאַנען קלאָר פֿאַר די אויגען.

עס זיינען ניטאָ פֿיעלע פֿריידען אין דעם מענשליכען לעבען, וואָס קענען זיך פֿערגלייכען מיט די ענטציקונג פֿון די פלוצלינגע געבורט פֿון אַ נייע טהעאָריע, וואָס באַלייכט דעם גייסט נאָך אַ לאַנגע צייט פֿון געדול-דיגע פֿאָרשונג. וואָס עס האָט אויסגעזעהען אַזוי אומפֿערשטענדליך, אַזוי פֿול מיט ווידערשפּריכע, האָט מיט אַמאָל יעדער פֿאַקט באַזונדער פֿאַרנומען זיין ריכטיגען פלאַץ אין דעם האַרמאָנישען גאַנצען. פֿון אַ ווילדען מיש-מאַש פֿון פֿאַקטען און פֿון הינטער דעם טומאַן פֿון בויך-סברות—וועלכע מוזען פֿאַרוואָרפֿען ווערען אַזוי שנעל, ווי זיי ווערען געבאָרען · ערשיינט אַ גרויסאַרטיגעס בילד; ווי דער קייט פֿון די אַלפען בערג, קומט ער אַרויס אין זיין גאַנצען פראַכט פֿון די וואָלקענס, וועלכע האָבען איהם פֿאַר-שטעלט מיט אַ מינוט פֿריהער, גלענצענדיג אין דער זון אין זיין גאַנצער איינפֿאַכהייט און פֿערשיעדענהייט, אין זיין גאַנצער מאַכט און שעהנהייט.

און ווען די שלוס-פֿאָלגונג ווערט אויסגעפרובירט דורך די אָנ-ווענדונג צו איהר פֿון הונדערטע פֿון בעזונדערע פֿאַקטען, וועלכע האָבען נאָך גאָר ניט לאַנג ווידערשפּראָכען איינע די אַנדערע, און יעדער פֿון זיי פֿאַרנעהמט אין דער נייער טהעאָריע זיין געוויסען פלאַץ, ווערט דער איינדרוק פֿון דעם בילד נאָך פֿיעל וויכטיגער, פֿיעל פּאַסענדער; די שלוס-פֿאָלגונג געווינט אין מאַכט און ווירקונג. איהר פֿונדאַמענט ווערט פֿעסטער און דער

גייסטיגער אויג זעהט שוין די וויטערע פֿאָלגען, וואָס דיעזע נייע טהעאָריע מוז מיט זיך בריינגען.

דער, וואָס האָט איינמאָל אין זיין לעבען פֿאַרזוכט די פֿרייד פֿון וויסענשאַפֿטליכע באַשאַפֿונג, וועט עס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסען. ער וועט גאַרען מיט זיין גאַנצען האַרצען דאָס נאָך אַ מאָהל און נאָך אַ מאָהל דאָס דורך צו מאַכען; און עס מוז איהם גענוג זיין האַריץ וועה טאָהן צו פֿיהלען, דאָס דיעזער סאָרט פֿון גליק איז נור דער גורל פֿון איניגע פֿון אונז, וועהרענד דאָס האָבען געקענט פֿיהלען די מעהרסטע—אין אַ קלענערען אָדער גרעסערן מאַסשטאַב—ווען די וויסענשאַפֿטליכע מעטאָדען און די פֿרייע צייט וואָלטען ניט געווען באַגרענצט נור פֿאַר אַ קליין הייפֿעלע מענשען.

דיעזע ארבייט בעטראַכט איך אַלס מיין הויפּט־ביטראַג צו דער וויסענשאַפֿט. מיין ערסטער וואונש איז געווען אַרויסצוגעבען אַ דיקען בוך, אין וועלכען די נייע אידעען פֿון די בערג און הויכע פֿעלזען פֿון נאָרד אזיען זאָלען באַוויזען ווערען דורך אַ פּאָדראָבנע אונטערזוכונג פֿון יעדע בעזונדערע געגענד. אָבער אין 1873, ווען איך האָב געזעהען, אז איך דאַרף באַלד אַרעסטירט ווערען, האָב איך בלויז פֿאַרטיג געמאַכט אַ לאַנד־קאַרט, וועלכע האָט ענטהאַלטען אין זיך מיינע אַנזיכטען צוזאַמען מיט אַן אַרטיקעל, אין וועלכען איך האָב עס קורץ ערקלעהרט. ביידע זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין עפֿענטליכקייט פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון מיין ברודער, וועהרענד איך בין שוין געווען אַ געפֿאַנגענער אין די פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט. פּיטערמאַן, אַ געלעהרטער, וואָס האָט צו יענער צייט געהאַלטען און מאַכען אַ קאַרטע פֿאַר אַזיען, און האָט געוואוסט פֿון מיין אַרבייט, האָט אָנגענומען מיין פּלאַן פֿאַר זיין קאַרטע, און פֿון יענער צייט האָבען עס אָנגענומען אלע געאָגראַפֿען. די לאַנד־קאַרטע פֿון אַזיען, ווי זי ווערט פֿערשטאַנען איצט, ערקלערט, גלויב איך, די הויפּט פֿיזיקאַלישע ציגע פֿון דיעזע וועלט־טהייל, ווי אויך די פֿאַרשיעדענהייט פֿון איהר קלימאַט, פּפֿלאַנצונגען, חיות, און זאָגאַר איהר געשיכטע. זעהר יוניג געאָגראַפֿען וואָלטען איצט געקענט זאָגען, ווער עס איז געווען דער באַשעפֿער פֿון דיעזע נייע טהעאָריע. אָבער פֿאַר די וויסענשאַפֿט איז עס בעסער, אַז נייע אידעען זאָלען ערשיינען אהן אַ נאָמען צוגעטשעפּעט צו זיי. די פֿיעלע פֿעהלער, וואָס זיינען אונפֿערמיידליך ביי די ערסטע שלוס־פֿאָלגונג, זיינען דאַן לייכטער צו פֿאַריכטען.

צו דער זעלבער צייט האָב איך זעהר פֿיעל געאַרבייט פֿאַר די רוסישע געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט, אַלס דער סעקרעטאר פֿון איינע פֿון איהרע אַבטהיילונגען, פֿון פֿיזישע געאָגראַפֿי. אין 1869—71 האָבען די

מוטהיגע נאָרוועגישע זעע־לייט כמעט גאַנץ אונערוואַרטעט אויפֿגעמאַכט א וועג צו דעם קאַראַ־ים, צו אונזער גרויסע פֿאַרוואונדערונג. האָבען מיר זיך דערוואוסט אין איין געוויסען טאָג, דאָס אין דעם ים, וואָס ליעגט צווישען דעם אינזעל נאָוואַיאַ זעמליאַ און דעם סיבירישען ברעג, און וועלכען מיר האָבען אימער געהאַלטען, אַלס אַן „אייז־קעלער", אייביג פֿול מיט אייז, זיינען אַריין עטליכע קליינע נאָרוועגישע שיפֿען, און האָבען אונטערזוכט איהם אין אַלע זיינע געגענדען. זאָגאַר דער איבער־ווינטערונגס פּלאַץ פֿון דעם בעריהמטען האָלענדער באַרענץ, וועלכען מיר האָבען גערעכענט צו זיין פֿאַרבאַהאַלטען פֿון דעם מענשליכען אויג מיט אייז־פֿעלדער, אַלט הונדערטער יאָהרען, איז בעזוכט געוואָרען פֿון דיעזע מוטהיגע נאָר־וועגער.

אונזערע אַלטע מאַטראָזען האָבען ערקלערט דעם געלונגענעם פֿער־זוך פֿון די נאָרוועגער מיט דעם, וואָס די סעזאָנען זיינען געווען אויסנעהמליך גינסטיגע א. ז. וו. אָבער אַ קליינע צאָהל פֿון אינז האָט איינגעזעהען דאָס די נאָרוועגער מיט זייערע מוטהיגע מאַטראָזען, וואָס פֿיהלען זיך, ווי אין דער היים צווישען די אייז, האָבען איינפֿאַך געהאַט דעם מוטה דורך צו שטעכען דעם שווימענדען אייז, וועלכער פֿאַרצאַמט געוועהנליך דעם וועג צום קאַראַ־ים, וועהרענד די קאָמאַנדירען פֿון די גרויסע רעגירונגס־שיפֿען, געשטערט פֿון זייער פֿעראַנטוואָרטליכקייט, האָבען דאָס איינפֿאַך קיינמאָל ניט ריזיקירט.

אין אַלגעמיינע אינטערעסע אין די פֿאָרשונגען פֿון דעם נאָרד־פּאָל איז אויפֿגערעגט געוואָרען דורך דיעזע ענדעקונגען. אויך אונזער רוסישע געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבען צו ריהרען, און עס איז בעשטימט געוואָרען אַ קאָמיטע אויסצואַרבייטען אַ פּלאַן פֿאַר אַן עקספּע־דיציע אין די אייז געגענדען און אָנצואווייזען די וויסענשאַפֿטליכע אַרבייט, וואָס וואָלט דערפֿון אַרויסקומען. ספּעציאַליסטען האָבען זיך אונטערגענומען צו שרייבען, יעדער פֿון זיין פֿאַך, קאַפּיטלען פֿון דיעזען רעפּאָרט, אָבער ווי עס פּאַסירט זעהר אָפֿט, זיינען נור איינציגע קאַפּיטלען—באָטאַניק, געאָ־לאָגיע און מעטעאָראָלאָגיע—געווען פֿערטיג, ווען מי האָט עס בעדאַרפֿט האָבען און דער סעקרעטאַר (ד. ה. איך אַליין) האָב געמוזט פֿערטיג מאַ־כען דאָס איבעריגע. איך האָב געהאַט צו שרייבען איבער זעהר פֿיעל זאַכען, וועלכע זיינען מיר געווען כמעט ווי אומבעקאַנט, אָבער די מאַסע אַרבייט, וואָס אַ יונגער געזונטער מאַן קען אויספֿיהרען אין א קורצע צייט, ווען ער שטרענגט נור אָן אַלע זיינע קרעפֿטען, איז גאָר ניט משער צו זיין—און אַזוי איז מיין רעפּאָרט געווען פֿערטיג.

ער האָט זיך געענדיגט מיט די זעהר וואַרים אויסגעדריקטע מיינונג פֿאַר אַ גרויסע אַרקטישע עקספּעדיציע, וועלכע זאָל אין רוסלאַנד אויפוועקען אַ שטענדיגען אינטערעס צו אַלעס, וואָס בעלאַנגט צו יענע אייז־געגענדען, און דערווייל איז רעקאָמענדירט געוואָרען אויסצוריכטען אַן עקספּעדיציע אויף אַ שיף, וואָס מיר זאָלען דינגען אין נאָרוועגען, און זעהען אונטערזוכען די געגענד, וואס עס ליגט צו נאָרד צו פֿון נאָוואַיאַ זעמליאַ. די וואַהרשיינליכע עקזיסטענץ פֿון אַזאַ לאַנד איז אָנגעדייטעט געוואָרען פֿון אַ רוסישען אָפֿיציר פֿון די פֿלאָטע, באַראָן שילינג, אין אַ קליינעם אָבער זעהר וועניג באַקאַנטען אַרטיקעל איבער די שטרעמונגען פֿון דעם אַרקטישען אָקעאַן. ווען איך האָב געלעזען דיעזען אַרטיקעל, ווי אויך ליטקעס רייזע צו נאָוואַיאַ זעמליאַ, און איך האָב מיך בעקאַנט געמאַכט מיט די אַלגעמיינע לאַגע פֿון דיעזע טהייל פֿון אַרקטישען אָקעאַן, האָב איך גלייך געזעהען, אַז עס מוז וואו צו נאָרד צו עקזיסטירען לאַנד; דיעזע לאַנד, ווי בעקאַנט, איז אויך אין אַ פּאָאַר יאָהר שפּעטער ענדעקט געוואָרען פֿון אַן עסטרייכישע עקספּעדיציע, און האָט געקראָגען דעם נאָמען פֿראַנץ־דזשאָזעף־לאַנד.

דער רעפּאָרט האָט פֿאַר מיר געבראַכט גאַנץ אונערוואַרטעטע רעזולטאַטען. מי האָט מיר פֿאָרגעשלאָגען די פֿיהרערשאַפֿט פֿון דיעזע פֿאָרגעשלאָגענע עקספּעדיציע. נאַטירליך וואָלט איך עס מיט פֿאַרגעניגען אָנגענומען, ווען אין מיט'ן וואָלט זיך ניט אַריינגעמישט דער מיניסטער פֿון פֿינאַנסען מיט זיין פֿערבאָט. ער האָט געענטפֿערט, אַז די רעגירונגס־קאַסע קען איצט ניט אַרויס געבען די 50 טויזענד רובעל, וואָס די רייזע האָט בעדאַרפֿט קאָסטען. זייט יענער צייט האָט רוסלאַנד קיין אַנטהייל ניט גענומען אין די אויספֿאָרשונג פֿון די אַרקטישע ימים, חאָטש עס איז נאָך ביז איצט געבליבען פֿיעלעס צו ענדעקען.

אַנשטאָט זיך אָנצושליסען צו אַן עקספּעדיציע, האָט מיר די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אַרויסגעשיקט אויף אַ טור נאָך פֿינליאַנדיען און שוועדען, אום צו מאַכען דאָרט געאָגראַפֿישע אונטערזוכונגען. אַלערליי ווערטפֿאָלע מאַטעריאַלען איבער די געאָגראַפֿי פֿון רוסלאַנד זיינען דורכגעגאַנגען דורך מיינע הענד, און גאַנץ לאַנגזאַם איז מיר געקומען דער געדאַנק צו שרייבען אַ געאָגראַפֿי פֿון רוסלאַנד. איך האָב מיר פֿאָרגענומען צו טאָהן אַן אַרבייט, וועלכע איז נאָך ביז איצט אין רוסלאַנד ניט אויסגעפֿיהרט געוואָרען. אָבער צו דעם מוז דער שרייבער האָבען גענוג צייט און זיין פֿריי פֿון אַלע זאָרג. און זעהר אָפֿט האָב איך געטראַכט, ווי גוט עס וואָלט געוועזען ווען איך וואָלט געקראָגען די שטעלע פֿון סעקרעטאַר פֿאַר די געאָגראַפֿישע,

געזעלשאַפֿט; און נון, אין 1871, ווען איך האָב געמאַכט מיינע אונטערזוכונגען אין פֿינלאַנד, ערהאַלט איך פֿון די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט אַזאַ טעלעגראַמע: „די געזעלשאַפֿט בעט אייך אָנצונעהמען די שטעלע פֿון אַ סעקרעטאַר". צו דער זעלבער צייט האָט מיר דער אַוועקגעהענדער סעקרעטאַר שטאַרק געבעטען אָנצונעהמען דיזען פֿאָרשלאַג.

מיינע האָפֿנונגען זיינען פֿאַרווירקליכט געוואָרען. אָבער דערווייל זיינען שוין גאָר אַנדערע געדאַנקען און אַנדערע ווינשע אַריין אין מיין מוח. איך האָב זיך ערנסט איבערלייגט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער איך זאָל געבען און האָב צוריק טעלעגראַפֿירט: „איך דאַנק אייך, אָבער איך קען די שטעלע ניט אָנעהמען".

עס פּאַסירט זעהר אָפֿט, דאָס מענשען שלעפּען זיך אונטער אַ געוויסען פּאָליטישען, סאָציאַלען אָדער אַן עהנליכען יאָך נור איינפֿאַך דערפֿאַר, ווייל זיי האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט זיך צו פֿרעגען, אויב די לאַגע אין וועלכע זיי געפֿינען זיך און די אַרבייט, וואָס זיי טהוען אויף, זיינען ריכטיג גוטע. זיי פּרעגען זיך ניט, אויב זייערע באַשעפֿטיגונגען זיינען ווירקליך פּאַסענד צו זייערע אינערליכע ווינשע און פֿעהיגקייטען. און אויב זיי גיבען זיי דיזע באַפֿרידיגונג, וואָס יעדער האָט דאָס רעכט צו ערוואַרטען פֿון די אַרבייט, וואָס ער טהוט. מיט אַקטיווע מענשען, קען זיך עס איבערהויפּט טרעפֿען צו זיין אין אַזאַ לאַגע. יעדער טאָג ברייגנגט מיט זיך אַ פֿרישע הורבע אַרבייט. און דער מענש וואַרפֿט זיך אַריין אין זיין בעט שפּעט ביי נאַכט, ניט האָבענדיג אויסגעפֿיהרט דאָס, וואָס ער האָט געדענקט אויפֿצוטאָהן, און אויף מאָרגען אין דער פֿריה היילט ער זיך צו ענדיגען דאס, וואָס ער האָט פֿאַרזאַמט צו טאָהן נעכטען. דער לעבען געהט, און עס בלייבט איהם גאָר קיין צייט ניט, זיך איבער צו לייגען, איבער צו דענקען די ריכטונג, וואָס זיין לעבענסגאַנג נעהמט אָן. אזוי איז געוועזען מיט מיר.

אָבער איצט, וועהרענד מיין רייזע אין פֿינלאַנדיען, האָב איך געהאַט אַ ביסעל פֿרייע צייט. ווען איך בין אַריבער געפֿאָהרען אין אַ פֿינלענדישען צוויי־רעדערדיגען וואָגען אַ פֿעלד, אַ וויסטע וואָס איז ניט געוועזען פֿון גרויסען אינטערעס פֿאַר אַ געאָלאָגיסט אָדער, ווען איך בין געגאַנגען צו פֿוס מיט'ן האַמער אויף'ן פּלייצע פֿון איין זאַמד־גרוב צו די צווייטע, האָב איך געקענט דענקען. און אין מיט'ן פֿון דיזע גאַנץ אונצווייפֿעלהאַפֿט־אינטערעסאַנטע געאָלאָגישע אַרבייט, האָט איין אידעע, וואָס האָט אַפּעלירט צו מיין אינערען „איך" פֿיעל שטאַרקער, ווי די געאַלאָגיע האָט געאַרבייט אין מיין געדאַנק.

איך האָב געזעהען, וואָס פאַר אַן אונגעהייערע מאַסע אַרבייט דער פינלענדישער בויער מוז אויפטאָהן, אום ריין צו מאַכען די לאַנד און אום אויף צו ברעכען די האַרטע ערד. און איך האָב געזאָגט צו זיך זעלבסט: „איך וועל שרייבען די פיזישע געאָגראַפיע פון דיעזען טהייל פון רוסלאַנד און וועל דערצעהלען דעם בויער פון די בעסטע מיטלען צו קולטיווירען די ערד. „דאָ וואָלט אַן אַמעריקאַנער וואָרצעל־אויסציהער געווען פון אַן אונ־שעצבאַרען ווערטה. געוויסע מעטאָדען פון פעט מאַכען דאָס לאַנד האָט שוין די וויסענשאַפט אָנגעצייגט... אָבער וואָס פאַר אַ זין האָט עס צו ריידען צו דיעזען בויער פון אַמעריקאַנער מאַשינען, אַז ער האָט קוים ברויט גענוג צו עקזיסטירען פון איין שניט ביז דעם צווייטען; ווען די רענט, וואָס ער האָט צו צאָהלען פאַר דיעזע האַרטע שטיקעל ערד, ווערט אַלץ שווערער, וואָס מעהר ערפאָלג ער האָט אַרויסצוקריגען עטוואָס פון דיעזע האַרטע ערד. ער בייסט זיין האַרטע קאָרן־ברויט, וואָס ער באַקט צוויי מאָל אַ יאָהר; צו דעם האָט ער אַ שטיקעל שרעקליך געזאַלצענע פיש און אַביסעל וועיער־מילך. ווי אַזוי קען איך האָבען די חוצפה צו ריידען צו איהם פון אַמערי־קאַנער מאַשינען, ווען אַלעס דאָס, וואָס ער קען פאַרקויפען, מוז ער פאַרקויפען אום צו באַצאָהלען טעקסעס און רענט? ער דאַרף מיר האָבען, איך זאָל לעבען מיט איהם, העלפען איהם צו קריגען די לאַנד פריי. דאַן וועט ער לעזען ביכער, און וועט דערפון נוצען ציהען. אָבער ניט איצט.

און מיינע געדאַנקען האָבען זיך איבערגעטראָגען פון פינלאַנדיען צו אונזערע אייגענע בויערען פון ניקאָלסקאָיע, וועלכע איך האָב ניט לאַנג געזעהען. איצט זיינען זיי שוין פריי, און זייער פרייהייט האַלטען זיי זעהר טהייער. אָבער זיי האָבען ניט קיינע פעלדער. אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן האָבען די לאַנד אייגענטהימער געקראָגען אַלע פעלדער פאַר זיך. ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, פלעגען די סאַוואוכינס אַרויסשיקען זעקס פערד צו פאַשען זיך ביי נאַכט און די טאָלקאַטשאָווס האָבען געהאַט זיעבען. איצט אָבער, האָבען דיעזע פאַמיליען בלויז דריי פערד. אַנדערע פאַמיליען וואָס האָבען פריהער געהאַט דריי, האָבען איצט איינעם אָדער גאָר קיין פערד. וואָס קען מען אויפטאָהן מיט אַ האַלב גע׳פגר׳טען פערדעל? קיינע פעלדער, קיין פאַשע, קיינע פערד! ווי קען איך ריידען צו זיי וועגען גראָז פאַרזייען? זיי זיינען אַלע שוין גאַנץ רואינירט, און אין עטליכע יאָהר וועט זיי איינפאַך אויסקומען צו געהן מיט דער טאָרבע צוליעב די נאַרישע און שווערע נאַלאָגען. ווי גליקליך זיינען זיי דאָס געווען, ווען איך האָב זיי געזאָגט, דאָס מיין פאָטער האָט זיי געגעבען די ערלויבנים אָבצושניידען די גראָז אין זיין

Published by the "Liberty Group,"
London, 1904.

M. Bakounine

וואַלד! „אייערע ניקאָלסקע מוזשיקעס פֿרעסען אַרבייט מיט די אויגען", דאָס איז דער געוויינליכער ווערטעל וועגען זיי אין אונזער געגענד, אָבער וואָס איז די פעולה? די לאַנד איז פֿון זיי אַוועקגענומען געוואָרען, און זיי האָבען ניט וואָס צו אַרבייטען. און דאָס זעלבע איז איבער גאַנץ רוסלאַנד, און מיר האָבען ניט אויפֿגעהערט צו האָבען הונגער־יאָהרען זייט יענער צייט.

וויסענשאַפֿט איז אַ טהייערע זאַך. איך האָב קענען געלערענט איהרע פֿריידען און האָב זיי געשעצט פֿיל'יכט מעהר, ווי פֿיעלע פֿון מיינע חברים. אָבער וואָס פֿאַר אַ רעכט האָב איך צו דיעזע העכסטע פֿריידען, ווען אַלעס אַרום מיר איז אַזוי פֿול מיט עלענד און נויט און אַ שרעקליכער קאַמפּף פֿאַר אַ צו ווערימטע שטיקעל ברויט? ווי קען איך געניסען דיעזע פֿריידען, וויסענדיג, אַז זיי ווערען גענומען געראַדע פֿון די מיילער פֿון די, וואָס פֿאַרזייען און שניידען דעם קאָרן און האָבען אַליין ניט קיין ברויט פֿאַר זייערע קינדער?

די וויסענשאַפֿט איז אַן אונגעהייערע קראַפֿט. א מענש מוז וויסען, אָבער מיר ווייסען שוין גענוג! ווי ווען נור דאָס, וואָס מיר ווייסען שוין, זאָל ווערען דער אייגענטהום פֿון אַלע? וואָלט דען ניט די וויסענשאַפֿט פראָגרעסירט מיט ריזען־שריטע, און וואָלטען דען ניט געמאַכט געוואָרען אזעלכע פֿאָרטשריטע אין די באַשאַפֿינג פֿון זאַכען, וועלכע מיר קענען זיך יעצט גאָר ניט פֿאָרשטעלען?

די מאַסען ווילען וויסען, זיי ווילען לערנען; זיי קענען לערנען. דאָרט אויף דעם שפּיץ פֿון יענעם גרויסען באַרג שטעהט אַ פֿינלענדישער בויער, פֿאַרטיפֿט אין בעטראַכטונג פֿון דיעזע פראַכטפֿאָלע סצענע, וואָס שפּרייט זיך אויס פֿאַר זיינע אויגען. ניט איינער פֿון דיעזע בויערען, אָרעם און אונטערדריקט ווי זיי זיינען, וועט פֿאַרבייגעהן דיעזען פּלאַץ, אָהנע זיך אָבצושטעלען אויף אַ מינוט צו באַוואונדערען דיעזע סצענע. אָדער אָט דאָרט אויף'ן ברעג פֿון טייך שטעהט אַן אַנדער בויער און זינגט עטוואָס, וואָס איז אזוי שעהן, דאָס דער בעסטער מוזיקער וואָלט איהם מקנא געוועזן זיין מעלאָדיע פֿאַר איהר זיסקייט און קראַפֿט. ביידע פֿיהלען טיף, ביידע טראַכטען, ביידע דיינקען, זיי זיינען פֿערטיג צו פֿאַרגרעסערען זייער וויסען, נור גיב זיי די מיטעל צו קריגען אַ ביסעל פֿרייע צייט. דאָס איז די ריכטונג, אין וועלכע איך מוז אַרבייטען! דאָס זיינען די מענשען, פֿאַר וועלכע איך דאַרף אַרבייטען. אַלע דיעזע קלינגענדע פֿראַזען פֿון מאַכען די מענשהייט פּראָגרעסירען, וועהרענד די פּראָגרעס־מאַכער אַליין האַלטען זיך ווייט פֿון די, וועמען זיי פּרעטענדירען צו בילדען, זיינען בלויז סאָפֿיזמען, וועלכע מענשען האָבען אויסגעטראַכט, אום צו בערוהיגען זייער געוויסען.

און אַזוי האָב איך טעלעגראַפירט „ניין" צו די געאָגראַפישע געזעלשאַפט.

פעטערסבורג האָט זיך שטאַרק אומגעביטען, זייט איך בין אַוועק פון דאָרט אין 1862, „אָה, יאַ, איהר קענט דעם פעטערסבורג פון טשערנישעווסקי", האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט דער פאָעט מאַיקאָוו. אמת, איך האָב געקאָנט דעם פעטערסבורג, פון וועלכען טשערנישעווסקי איז געווען דער ליבלינג, אָבער ווי זאָל איך בעשרייבען די שטאָט, וואָס איך האָב געפונען ביי מיין צוריק קומען? פיליבכט אַלס די שטאָט פון פרייליכע הייזקעס, פון מוזיק-האָלס, ווען אונטער דעם וואָרט פעטערסבורג וואָלט מען נור פערשטאַנען די אויבערשטע 400, וועלכע האָבען אין זייער אויפיהרונג נאָכגעקאָפּירט די אויפיהרונג פון קייזערליכען הויף.

אין פאַלאַץ און אין זיינע קרייזען זיינען ליבעראַלע אידעען געווען אין חרם. אַלע פראָמינענטע מענער פון די זעכציגער יאָהרען, זאָגאר אַזעלכע מעסיגע ליבעראַלען, ווי גראַף מוראַוויאָוו און מיליוטין זיינען בעהאַנדעלט געוואָרען אַלס פערדעכטיגע. נור דמיטרי מיליוטין איז געבליבען ביי זיין שטעלע אַלס קריגס-מיניסטער, ווייל די רעפאָרמען, וועלכע ער האָט בעדאַרפט דורכפיהרען אין דער אַרמיי, האָבען געמוזט נעדויערען, ביז זייער פאָלשטענדיגע פאַרווירקליכונג, פיעלע יאָהרען. פון אַלע אַנדערע אַקטיווע רעפאָרמעס איז קיין זכר ניט געבליבען; די ריכטיגע רעגיערער פון רוסלאַנד זיינען יעצט געווען גענעראַל שוואַלאָף, דער הויפּט פון דער שטאַאַטס-פאָליציי און גענעראַל טרעפאָוו, דער הויפט פון דער פעטערסבורגער פאָליציי. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געווען זייער ווערקצייג; זיי האָבען געהערשט דורך שרעק. טרעפאָוו האָט אַזוי איבערגעשראָקען אַלעקסאַנדערן מיט די אויסזיכט פון אַ רעוואָלוציאָן, וואָס געהט אויסברעכען אין פעטערסבורג, דאָס ווען דער אַלמעכטיגער פאָליציי-שעף איז אַמאָל געקומען עטליכע מינוטען שפעטער, ווי געוועהנליך, מיט זיין רעפאָרט, האָט דער אימפעראַטאָר געפרעגט מיט אַנגסט: „איז אַלעס רוהיג אין פעטערסבורג?"

באַלד נאָך דעם, ווי אַלעקסאַנדער האָט געגעבען אַ „טשיסטע אָטסטאַווקע" אַ געוויסע פרינצעסין, איז ער געוואָרען אַ גרויסער פריינד פון גענעראַל פלאָרי, דעם פליגעל-אַדיוטאַנט פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, פון דעם מאַן, וואָס איז געווען די נשמה אין דעם שטאַאַטס-שטרייך פון דעם צווייטען דעצעמבער 1852. מי האָט זיי אימער געפונען צוזאַמען, און פלאָרי האָט איינמאָל דערציילט די פאַריזער פון די גרויסע עהרע, וועלכע דער רוסישער צאַר האָט איהם איינמאָל געצייגט. ווען אַלעקסאַנדער איז אַמאַל געפאָהרען

איבער דעם נעווסקי פּראָספּעקט, האָט ער דערזעהען פלאָרי שפּאַצירענדיג, און ער האָט איהם אויפגעפאָדערט צו זעצען זיך מיט איהם אין קאָליאַסקע, וואָס האָט געהאַט פּלאַץ נור פאר אַן איינציגע פּערזאָן. און דער פראַנ־צויזישער גענעראַל האָט דערציילט די געשיכטע לאַנג און ברייט, ווי ער און דער צאַר, האַלטענדיג זיך פּעסט איינער ביין אַנדערן, האָבען אַ העלפט פון זייערע קערפּערס געהאנגען אין דער לופטען צוליב די שמאָלקייט פון דעם געזעס.

שוואוואַלאָף האָט זיך זעהר גוט באַנוצט מיט דעם גייסטיגען צושטאַנד פון זיין הער. ער האָט אַרויסגעלאָזען איין רעאַקציאָנערען געזעץ נאָכן צווייטען, און ווען אַלעקסאנדער האָט אמאָל געצייגט אביסעל ווידערווילען צו אונטערשרייבען זיי, פלעגט שוואוואַלאָף אנהויבען ריידען פון די קומענדע רעוואָלוציאָן, פון דעם טרויעריגען שיקזאַל פון לואי דעם זעכצעהנטען, און „אום צו רעטען די דינאַסטיע״, פלעגט ער איהם בעטען צו אונטערשריי־בען דיעזע געזעצע פון אונטערדריקונג. נאָך אַלעמען פלעגט אלעקסאנדער זעהר אָפט באַפאַלען ווערען פון טרויער און חרטה. ער פלעגט ווערען מעלאַנכאָליש, און אין אַ טרויעריגען טאָן פלעגט ער ריידען פון דעם ברי־ליאנטענעם אָנפאנג פון זיין רעגירונג, און פון דעם רעאַקציאָנערען כאַראַק־טער, וואָס זי האָט יעצט אָנגענומען. דאַן פלעגט שוואוואַלאָף אָרגאַניזירען אַ בערען־יאַגד. יעגער, פריילינבע האָף־לייט און קאָטשען, פול מיט באַלעט־טענצערקעס פלעגען אַוועקגעשיקט ווערען צו די וועלדער פון נאָווגאָראָד. אַ פּאָר בערען פלעגען געטויטעט ווערען פון דעם אימפּעראַטאָר, וועלכער איז געווען אַ גוטער שיסער; ער פלעגט לאָזען די בערען צוקומען צו זיך גאַנץ נאָהענט, און דאָרט אין די אויפרעגונג פון די יאגד, פלעגט שוואוואַלאָף קריגען זיין אונטערשריפט צו אירגענד וועלכען פּלאַן פון אונטערדריקונג אָדער רויב אין די אינטערעסע פון זיינע קליענטען.

אַלעקסאנדער דער צווייטער איז זיכער ניט געווען אַ גאַנץ גע־וועגליכער מענש. אָבער צוויי פאַרשידענע מענשען האָבען אין איהם געלעבט.

דיעזע צוויי פאַרשידענע מענשען אין דעם אינערען פון אַלעקסאנ־דער דעם צווייטען זיינען געווען ביידע שטארק ענטוויקעלט, ביידע קעמפּ־פענדיג איינער מיט דעם אַנדערען. און דיעזער אינערליכער קאַמפּף איז געוואָרען אַלץ געוואלטיגער, וואָס עלטער ער איז געוואָרען. ער האָט גע־קאָנט זיין בעצויבערענד אין זיין האַלטען זיך איין מינוט; אין די נעקסטע מינוט אַרויסווייזען אַ שרעקליכע ברוטאַליטעט. ער איז געווען אַ מענש פון אַ רוהיגען, פערנינפטיגען קוראַזש, ווען ער איז געווען פנים אל פנים מיט

א ווירקליכע געפֿאהר, אָבער ער האָט געלעבט אין אייביגע ציטערניש פֿאַר געפֿאַהרען, וועלכע ער האָט זיך אויסגעמאָהלט אין זיין פֿאַנטאזיע. ער איז זיכער ניט געוועזען קיין פֿייגלינג, ער פֿלעגט באַגעגענען אַ בער געזיכט צו געזיכט. איין מאָל ווען דער בער איז ניט גלייך דער'הרג'עט געוואָרען פֿון די ערשטע קויל, און דער מאַן, וואס איז געשטאַנען הינטער איהם, לויפֿענדיג איהם העלפֿען, איז אומגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון דעם צורייצטען און פֿאַרוואונדעטען בער, איז אלעקסאנדער געקומען איהם צו הילף, און האָט געטויטעט דעם בער, זייענדיג נור איינינע טריט וויים פֿון איהם; און דאָך איז ער זיין גאנצען לעבען פֿאַרפֿאָלגט געוואָרען פֿון די שרעקליכע בילדער פֿון זיין אייגענע פֿאַנטאזיע און פֿון אן אונרוהיגען געוויסען. ער איז געוועזען זעהר גוט צו זיינע פֿריינד, אָבער זייט ביי זייט מיט דיעזע גוטסקייט האָט ער ארויסגעוויזען אַ שרעקליכע גרויזאַמקייט, אונטערדריקענדיג דעם אויפֿשטאנד אין פוילען, און שפּעטער אין 1880, וואָס קיינער וואָלט עס ניט גע־האַלטען פֿאַר מעגליך. אַזוי האָט ער געלעבט אַ צוויי־פֿאַכען לעבען, און אין דער צייט פֿון וועלכע איך רייד, האָט ער לוסטיג אונטערשריעבען די רעאַקצי־אָנערסטע פּאַסרעגעלען, און נאַכהער האָט ער געקראָגען חרטה און האָט ווירקליך געוויינט דאַריבער. צו ענדע פֿון זיין לעבען איז דיעזער אינערלי־כער קאַמפּף געוואָרען נאָך שטאַרקער און האָט אָנגענומען אן אמת טראַ־גישען כאַראַקטער.

אין 1872, איז שוואַלאָף נאָמינירט געוואָרען אַלס געזאַנדטער, אָבער זיין פֿריינד, גענעראל פּאָטאַפּאָוו האָט פונקט אזוי געהאַנדעלט, ווי זיין פֿאָרגעגנגער ביז דעם אָנפֿאַנג פֿון דעם רוסיש־טערקישען קריעג און 1877, וועהרענד דיעזע גאַנצע צייט איז אָנגעגאַנגען אויף א גרויסארטיגען שטייגער די באַרויבונג פֿון די שטאַאַטס־קאַסע, ווי אויך פֿון שטאַאַטס־לענדער. עטליכע אַזעלכע „געשעפֿטען" זיינען אויפֿגעדעקט געוואָרען און גע'משפט געוואָרען עפֿענטליך פֿון דעם סענאט, נאָך דעם, ווי פּאָטאַפּאָוו איז משוגע געוואָרען און טרעפּאָוו האָט פֿערלאָרען זיין שטעלע, און זייערע געגנער אין קייזערליכען פּאַ־לאַץ האָבען געוואָלט ווייזען אלעקסאַנדערען, מיט וואָס פֿאַר א חברה־לייט ער האָט געהאַט צ' טהאָן. אין איינעם פֿון דיעזע פּראָצעסען האָט מען זיך דער־וואוסט, דאָס אַ פֿריינד פֿון פּאָטאַפּאוו האָט אויף'ן שענדליכסטען אופֿן באַרויבט די בויערען פֿון אַ דאָרף אין דער ליטע פֿון זייער לאַנד, און נאַכהער, בעפֿאָלמעכטיגט פֿון זיינע פֿריינד און מיניסטעריום, האָט ער די בויערען, וואָס האָבען געמאַכט אנקלאגען, אַרעסטירט, געשמיסען און פֿיעלע פֿון זיי געשאָסען. דאָס איז איינע פֿון די העכסט עקעלהאַפֿטע גע־שיכטען זאָגאַר אין רוסלאנד, וואו עס איז פֿול מיט אַזעלכע רויבערייען

אפילו נאָך אין דער יעצטיגער צייט. נור נאָך דעם, ווען וויעראַ זאסוליטש האָט געשאָסען אין טרעפּאָוו, זיינען ערשט בעקאַנט געוואָרען זיינע און זיינע פריינדם רויבערייען. ווען ער האָט פאַרלאָרען זיין פלאַץ, דענקענדיג, דאָס ער האַלט ביין שטאַרבען, האָט טרעפּאָוו געלאָזען אַ צוואה, פון וועלכע עס איז בעקאַנט געוואָרען, דאָס דיעזער מענש, וואָס האָט געמאַכט גלויבען אַלעקסאנדערן, דאָס ער איז ארים, חאָטש ער האָט געהאַט אַזאַ גוט באַ־צאָהלטע שטעלע יאָהרען־לאַנג, האָט אין דער ווירקליכקייט איבערגעלאָזען צו זיינע יורשים אַ געוואלדיגען פאַרמעגען. איינינע הויף־לייט האָבען דאָס רעפּאָרטירט צו אלעקסאנדער דעם צווייטען און טרעפּאָוו האָט פאַרלאָרען זיין קרעדיט. אָט דאַן ערסט זיינען פאַרן סענאַט פאָרגעבראַכט געוואָרען איינינע פון די רויבערייען פון די שוואוואַלאָף - פּאָטאַפּאָוו - טרעפּאָוו באנדע.

די רויבערייען, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין אלע מיניסטעריומס, ספּע־ציעל אין פערבינדונג מיט די אייזענבאַהנען און מיט אלערליי אינדוסטריע־לע אונטערנעמונגען, זיינען געווען ווירקליך שרעקליך; די פלאָטע, ווי אלעקסאַנדער האָט אַמאָל אַליין געזאָגט צו איינעם פון זיינע זיהן, איז געווען „אין די קעשענע פון דעם־און־דעם". מי האָט קיין געשעפט ניט געקאָנט אויפנעהמען, אָהנע צו באַצאָהלען אַ גרויסען פּראָצענט צו די פאַרשידענע בעאמטע פון פאַרשידענע מיניסטעריומס. צו אַ פריינד מיינעם, וואָס האָט געוואָלט מאַכען זיך אַ געשעפט אין פּעטערסבורג, האָט מען געזאָגט גאַנץ אָפען אין מיניסטעריום, דאָס ער וועט דאַרפען צאָהלען 25 פּראָצענט פון די פאַרדינסט צו א געוויסע פערזאָן, פופצעהן צו א צווייטע, צעהן צו אַ דריטע און פינף צו אַ פערטע. דיעזער האַנדעל איז געמאַכט געוואָרען גאַנץ אָפען, און אלעקסאַנדער האָט דאָס אלעס געוואוסט. פון זיינע באַמערקונגען אויף די רעפּאָרטען פון דעם גענעראַל קאָנטראָלער, זעהט מען, אַז ער האַט אלעס געוואוסט. אָבער אין דיעזע גנבים האָט ער געזעהען זיינע באַשיצער פון די רעוואָלוציאָן, און ער האָט זיי געהאלטען, ביז זייערע רויבערייען זיינען געוואָרען אַן עפענטליכער סקאַנדאַל.

די יונגע גרויס־פירשטען, מיט די אויסנאַהמע פון דעם, וואָס איז נאַכהער געוואָרען אַלעקסאנדער דער דריטער, האָבען נאָכגעטאָהן אין אַלעמען דעם טאַטען. זייערע הוליאַנקעס, וואָס זיי פלעגען מאַכען אין אַ קליינעם רעסטאָראַן אויף דעם נעווסקי פּראָספּעקט, זיינען געווען אַזעלכע שענדליכע און אַזוי אַלגעמיין בעקאַנט, דאָס איין נאַכט האָט טרעפּאָוו זיך שוין געמוזט אַריינמישען, און האָט געוואָרנט דעם אייגענטהימער פון דעם רעסטאָראַן, דאָס ער וועט איהם פאַרשיקען נאָך סיביר, אויב ער וועט

אַריינלאָזען אין זיין רעסטאָראַן דעם גרויס-פּירשט. „שטעלט אייך פּאָר מיין
לאַגע,“ האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט דער רעסטאָראַטאָר, ווען ער האָט
מיר געוויזען דעם צימער, וואו דער גרויס-פּירשט פּלעגט פאַרברייינגען;
„פּון איין זייט האָב איך געמוזט באַליידיגען אַ מיטגליד פּון די קייזערליכע
פּאַמיליע, וועלכער האָט געקאָנט מאכען מיט מיר, וואָס ער האָט נור
געוואָלט, און פּון דער אנדערער זייט האָט מיר טרעפּאָוו געסטראַשעט מיט
סיביר! נאַטירליך, האָב איך געפּאָלגט טרעפּאָוו, ער איז דאָך, ווי איהר
ווייסט, אַלמעכטיג יעצט!“ דער צווייטער זוהן איז משוגע געוואָרען און דער
דריטער גרויס-פּירשט איז פּאַרשיקט געוואָרען נאָך טורקעסטאַן, נאָך דעם
ווי ער האָט גע׳גנב׳עט די דימענטען פּון זיין מוטער.

די אימפּעראַטריצע מאַריאַ אַלעקסאנדראָווּנאַ, פּאַרלאָזען פּון איהר
מאַן וואַהרשיינליך פּול מיט צאָרן און פּאַרדרוס איבער די ריכטונג, וואָס דער
לעבען אין פּאַלאַץ האָט אָנגענומען, איז געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר
רעליגיעז, און באַלד איז זי גענצליך געווען אין די הענד פּון אַ הויף-פּריס־
טער, אַ פּאָרשטייער פּון כמעט אַ גאַנץ נייעם טיפּ אין רוסלאנד — דעם
יעזואיטישען. דיעזער נייער מין פּון דעם שעהן-פּאַרקאַמטען, דורך און דורך
פּאַרדאָרבענעם אין יעזואיטישען פּריסטערטהום האָט געמאַכט זעהר שנעל־
לען פּאָרטשריט צו יענער צייט. שוין דאַן האָבען זיי געאַרבייט שווער און
מיט ערפּאָלג צו ווערען אַ מאַכט אין שטאַאַט און ארויפצוליגען זייערע
לאַפּעס אויף די קינדער-שולען.

עס איז פּיעלע מאָל באַוויזען געוואָרען, דאָס די דאָרף-פּריסטער אין
רוסלאַנד זיינען אַזוי פּערנומען פּון זייערע פּפליכטען, דאָס זיי האָבען גאָר
קיין צייט ניט צו באַשעפּטיגען זיך אַלס לעהרער אָדער אויפפּאַסער אין די
שולען. און דאָך האָט דער העכערער פּריסטערטהום, באַנוצענדיג זיך מיט
די פּיינדשאַפּט פּון אַלעקסאַנדערן געגען דעם זאָגענאַנטען רעוואָלוציאָנערען
גייסט, אָנגעפּאַנגען זיין טאַקטיק אַריינצוקריגען די שולען אין זיינע הענד.
„קיינע שולען, אויב ניט געפּיהרט פּון גייסטליכע,“ איז געוואָרען זייער מאָטאָ.
גאַנץ רוסלאַנד האָט געשמאַכטעט נאָך וויסען, אָבער זאָגאר די לעכערליך־
קליינע סומע פּון אכט מיליאָן רובעל, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פּאַר
קינדער-שולען, איז ניט אַוועק אויף דעם גאַר, ווערהענד אַ סומע צוויי
מאָל אַזוי גרויס איז געגעבען געוואָרען דעם סינאָד, כדי ער זאָל גרינ־
דען שולען אונטער די אויפזיכט פּון די דאָרף גלחים—שולען די מייסטע
פּון וועלכע האָבען עקזיסטירט — און נאָך ביז היינטיגען טאָג—נור אויף׳ן
פּאַפּיר.

גאַנץ רוסלאַנד האָט געגאַרט נאָך אַ טעכנישע בילדונג, אָבער דער־

מיניסטעריום האָט נור געעפֿענט קלאַסישע גימנאַזיעס, ווייל דאָס פֿיעל לערנען פֿון לאַטיין און גריכיש איז בעטראַכט געוואָרען אַלס דער בעסטער מיטעל, וואָס זאָל אָבהאַלטען די שילער פֿון צו לעזען און דענקען. אין די־זע גימנאַזיעס האָבען נור צוויי אָדער דריי פּראָצענט פֿון די שילער אויסגעפֿיהרט צו ענדיגען אַן אַכט־יאָהריגען קורס—מי האָט אויסגעזיפּט די אַלע, וואָס האָבען געהאַט אין זיך צו פֿיעל גייסט, און מי האָט זיי קיינ־מאָל ניט דערלאָזען צו ענדיגען די גימנאַזיע. צו דער זעלבער צייט האָט דער מיניסטעריום אָנגעפֿיהרט אַ קאַמפּף מיט אַלערליי פּריוואַט שולען. טעכנישע ערציהונג—אין אַ לאַנד, וואָס האָט זיך אזוי גענויטיגט אין אינ־זשינערען, געבילדעטע לאַנד־אַרבייטער און געאָלאָגען—איז בעהאַנדעלט געוואָרען, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער רעוואָלוציאָנאַריזמוס אַליין. דאָס איז געווען פֿאַרווערט, פֿאַרפֿאָלגט. און נאָך ביז היינטיגען טאָג ווערען יעדען יאָהר צוויי, דריי טויזענד יונגע לייט ניט אויפֿגענומען אין העכערע טעכ־נישע שולען, ווייל עס איז ניטאָ קיין פּלעצער פֿאַר זיי. די אוניווערזיטעטען זיינען געווען אָנגעפֿילט מיט יונגע לייט, וואָס זיינען ניט פֿעהיג געווען צו אַ העכערע ערציהונג און זאָגאַר אין די קלאַסישע גימנאַזיעס זיינען פֿאַרשיעדענע מאַסרעגעלען אנגענומען געוואָרען, אום צו פֿאַרקלענער׳ען דעם צאָהל פֿון די שילער.

אַ געפֿיהל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג האָט באַהערשט אַלע די, וואָס האָבען געוואָלט זיין עפּעס ניצליך אין דעם עפֿענטליכען לעבען; די בויערען זיינען רואינירט געוואָרען פֿון די שרעקליכע טאקסעס, און ווען זיי האָבען שוין איינפֿאַך גאָר ניט געהאַט, און האָבען רעבעלירט, האָט מען זיי איינפֿאַך געשאָסען. דאָס איז געווען דער אָפּיציעלער פּעטערסבורג. דאָס איז געווען דער איינפֿלוס, וועלכען ער האָט געהאַט אויף רוסלאַנד.

ווען מיר האָבען געהאַלטען ביים פֿאַרלאָזען סיביר, פֿלעגען מיר אָפֿט ריידען, מיין ברודער און איך, פֿון דעם גייסטיגען לעבען, וואָס מיר וועלען געפֿינען אין פּעטערסבורג, און פֿון די אינטערעסאַנטע בעקאַנטשאַפֿ־טען, וואָס מיר וועלען מאַכען אין די ליטעראַרישע קרייזען. מיר האָבען ווירקליך געמאַכט אַזעלכע בעקאַנטשאַפֿטען אי צווישען די ראַדיקאַלע, אי צווי־שען די געמעסיגטע שרייבער; אָבער איך מוז מיך מודה זיין, אַז ניט דאָס האָבען מיר ערוואַרטעט. מיר האָבען געפֿונען גענוג אויסגעצייכענטע גוטע מענער—רוסלאַנד האָט אימער גענוג אַזעלכע מענער—אָבער זיי זיינען ניט געווען אין אָנקלאַנג מיט אונזער אידעאַל פֿון פּאָליטישע שרייבער. די

בעסטע שרייבער—טשערנישעווסקי, מיכאַילאָוו, לאַווראָוו—זיינען פאַרשיקט געוואָרען, אָדער אין פעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט, ווי פּיסאַרעוו. אַנדערע, זעהענדיג אַלעס אין פינסטערן קאָליר, האָבען אומגעענדערט זייערע אידעען, און האָבען זיך גענייגט צו אַ פּעטערליכען אבסאָליטיזמוס. ווערהרענד די גרעסערע צאָהל, האָטש זיי זיינען נאָך געבליבען ביי זייערע אַלטע איבער־ציינונגען, איז געוואָרען אַזוי פאָרזיכטיג, אַרויסזאָגענדיג זיי, דאָס זייער פאָרזיכטיגקייט איז געווען כמעט עהנליך צו פערראַטה.

ווען די רעפאָרם־פּעריאָדע איז געווען אויף איהר העכסטען שטאַ־פעל, איז כמעט יעדער פּאָרטגעשריטענער ליטעראַט געשטאַנען אין וועלכע פערבינדונג מיט גערצען, טורגעניעף. יעצט האַבען דיזע מענשען נור געטראַכט ווי טיעפער צו פאַרגראָבען זייערע פריעהערדיגע סימפּאַטיען, אום עס זאָל גאָר ניט מעגליך זיין צו פאַרדעכטיגען זיי אין עטוואָס. איינער אָדער צוויי פון די ליבעראַלע זשורנאַלען, וועלכע מי האָט נאָך געלאָזט אָטהעמען, ווייל זייערע רעדאַקטערע האָבען געהאַט בעזאָנדערע דיפּלאָמאַ־טישע טאַלאַנטען, האָבען געהאַט אויסגעצייכענטע אַרטיקלען, וואָס האָבען געציינט קלאָהר דעם אימער וואַקסענדען עלענד און די פאַרצווייפעלטע לאַגע פון די גרויסע מאַסע בויערען. זיי האָבען אַזוי קלאָהר, ווי מעגליך אָנגעדייטעט אויף די שטערונגען, וואָס ליגען אין דעם וועג פון יעדען פּראָגרעסיווען אַרבייטער. די גרויסע מאַסע פון אַזעלכע פאַקטען איז געווען גענוג צו טרייבען איינעם צו פערצווייפלונג. אָבער קיין אייציגער האָט געהאַט דעם קוראַזש פאָרצושלאָגען אירגענד וועלכע רפואה אָדער אָנצו־דייטען אויף אירגענד וועלכע טהעטיגקייט, אויף אירגענד וועלכען אויסגאַנג פון די האָפנונגסלאָזע לאַגע. איינינע שרייבער האָבען נאָך געהאָפט, אַז אַלעקסאַנדער דער צווייטער וועט נאָך ווידער אַמאָהל אָנעהמען אויף זיך די ראָליע פון אַ רעפאָרמער; אָבער ביי די מאַיאָריטעט פון די שרייבער, ציטערענדיג, אַז זייערע זשורנאַלען זאָלען ניט אונטערדריקט ווערען, אַז זייערע מיט אַרבייטער זאָלען ניט פאַרשיקט ווערען, איז דער געפיהל פון מורא געווען דער הערשענדער. פורכט און האָפנונג האָבען זיי גלייך פאַראַליזירט.

וואָס ראַדיקאַלער זיי זיינען געווען מיט אַ יאָהר צעהן פריהער, דאָס מעהר האָבען זיי זיך יעצט געשראָקען. מיין ברודער און איך זיינען גאַנץ פריינדליך אויפגענומען געוואָרען אין אַ פּאָר ליטעראַרישע קרייזען, און מיר פלעגען פון צייט צו צייט זיין ביי זייערע פריינדליכע צוזאַמענקינפטע. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען דער געשפּרעך פלעגט פאַרלירען זיין אויבער־פלעכליכען כאַראַקטער, אָדער ווען מיין ברודער, וואָס האָט געהאַט אַ

גרויסען טאַלאַנט אויפֿצוהויבען ערנסטע פֿראַגען, פֿלעגט אָנהויבען א מעהר ערנסטען געשפּרעך איבער דאָס, וואָס טהוט זיך אין דער היים אָדער אין אויסלאַנד, פֿלעגט אימער עטוואָס פּאסירען, דאָס ער האָט געמוזט אויפֿהערען: „וואָס דענקט איהר, מיינע הערען, פֿון דער לעצטער דראַמע?" אָדער „ווי שמעקט אייך די פֿיש?" פֿלעגט פֿרעגען אין דער הויך אַ גאַסט אין עלטערע יאָהרען—און דער ערנסטער געשפּרעך האָט געקראָגען אָבגעשניטענע יאָהרען.

אויסער די ליטעראַרישע קרייזען, איז נאָך די לאַגע געווען פֿיעל ערגער. אין די זעכציגער איז רוסלאַנד און איבערהויפּט פּעטערסבורג, געווען פֿול מיט מענער פֿון פֿאָרטגעשטריטענע מיינונגען, וועלכע האָבען אויסגעזעהען צו זיין בערייט צו בריינגען וועלכען עס איז אָפּפֿער פֿאַר זייערע אידעען. „וואָס איז פֿון זיי געוואָרען?" האָב איך מיר אליין געפֿרעגט. איך האָב איינינע פֿון זיי אויסגעפֿונען. אָבער אַלעס, וואָס זיי האָבען מיר געהאַט צו זאָגען, איז געווען: „פֿאָרזיכטיג, יונגער מאַן!" „אייזען איז שטאַרקער פֿאַר שטרוי" אָדער „מיט'ן שטערן ווערסטו אַ וואַנד ניט דורכברעכען" און נאָך אַזעלכע שפּריכווערטער. דאָס איז געווען דער קווינטעסענץ פֿון זייער גאַנצע פֿהילאָזאָפּיע יעצטיגע; „מיר האָבען עטוואָס געטאָהן אין אונזער לעבען, פֿאָרדער פֿון אונז ניט מעהר." אָדער „האָב געדולד, אַזוי קען עס לאַנג ניט אָנהאַלטען," פֿלעגען זיי אונז אימער זאָגען, ווען מיר, די יוגענד, זיינען געווען באַרייט ווידער אויפֿצונעהמען דעם קאַמפּף, צו זיין טהעטיג, צו ריזיקירען, אויפֿצואָפּפֿערען אַלעס, ווען נייטיג, און האָבען זיי נור געבעטען אום אַ ראַטה, אום אירגענד וועלכע גייסטיגע אונטערשטיצונג.

טורגענעוו האָט אויסגעמאָלט אין זיין ראָמאַן „דים" איינינע פֿון די געוועזענע רעפֿאָרמערס פֿון די העכערע געזעלשאַפֿט, און זיין בילד איז אַ טרויעריגע. איבערהויפּט האָט מאַדאַם קאָחאַנאָווסקי זיי זעהר גוט האַראַקטעריזירט אין איהרע נאָוועלען. „די פֿרייד פֿון לעבען"—פֿיליכט די פֿרייד צו האָבען געבליבעןביין לעבען—איז געוואָרען זייער גאָט, אַזוי שנעל, ווי די נאַמענלאָזע מאַסע האָט זיך ענטזאַגט צו צו הערען „צו דיעזע גאַנצע סענטימענטאַליטעט." זיי האָבען זיך צוגעאיילט צו געניסען די רייכטהימער, וואָס האָבען זיך געשאָטען אין די הענד פֿון „פּראַקטישע" מענשען.

פֿילע נייע וועגען צום רייכטהום האָבען זיך געעפֿענט זייט די אָבשאַפֿונג פֿון פּאַנשטשיזנע. אייזענבאַהנען זיינען שנעל געבויט געוואָרען אין רוסלאַנד. צו די ניט־לאַנג געעפֿענטע פּריוואַט־בענק זיינען די לאַנד־

אייגענטהימער געגאַנגען פֿאַר׳משכּן׳ען זייער לאַנד. די ניי־געגרינדעטע געריכט־הייזער האָבען געגעבען רייכטהימער פֿאַר פֿיעלע אַדוואָקאַטען. קאָמפּאַניעס פֿון פֿערשידענע אונטערנעהמונגען זיינען אויסגעוואַקסען, ווי שוועמלאַך. מענשען, וועלכע וואָלטען פֿריהער געלעבט אויף׳ן לאַנד און געווען צופֿרידען מיט ווייניג, האָבען מיט אַ מאָל אָנגעהויבען צו לעבען אַזוי רייך, ווי אין די פֿריהעריגע צייטען וואָלט עס נור מעגליך געווען פֿאַר אַ גרויסען פּאָמעשטשיק.

אפילו דער געשמאַק פֿון דער „געזעלשאַפֿט" איז געזונקען אַלץ נידעריגער און נידעריגער. די איטאַלעגישע אָפּעראַ, פֿריהער אַ פּלאַץ פֿון ראַדיקאַלע דעמאָנסטראַציאָנען יעדעם מאָל, ווען מ׳י האָט געשפּילט „ווילהעלם טעל", איז יעצט געווען גענצליך פֿאַרלאָזען; די רוסישע אָפּעראַ איז בעזוכט געוואָרען פֿון בלויז איינינע ענטהוזיאַסטען.ביידע האָט מען אויסגעפֿונען צו זיין לאַנגווייליג, און די סמעטענע פֿון דער פּעטערסבורגער געזעלשאַפֿט האָט זיך געשפּאַרט אין סעקאָנד הענדיגע טהעאַטערע, וואו עס האָבען געשפּילט גאַנץ צווייטפּעלהאַפֿטע „סטאַרס" פֿון פּאַריז.

עס מוז געזאָגט ווערען, דאָס די פּאָליטישע לופֿט איז געווען אַזעלכע, דאָס די בעסטע מענשען האָבען געהאַט אורזאַכען, אָדער ווענינסטענס, גאַנץ וויכטיגע פּרעטענזיעס, צו האַלטען זיך רוהיג. נאָכדעם, ווי קאַראָקאָזאָוו האָט געשאָסען אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אין אַפּריל 1866, איז די שטאַאַט פּאָליציי געוואָרען אַלמעכטיג. יעדער, וואָס איז נור געווען פֿאַרדעכטיגט אין „ראַדיקאַליזמוס", מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט געטאָהן אָדער ניט געטאָהן, האָט געהאַט צו לעבען אין די אייביגע פֿורכט אַרעסטירט צו ווערען אין אַ וועלכע עס איז נאַכט פֿאַר די סימפּאַטהיע, וואָס ער האָט אַרויסגעצייגט צו איינעם, וואָס איז געווען „פֿאַרמישט" אָדער פֿאַר אַן אונשולדיגען בריף, וואָס מ׳י האָט געפֿונען ביי אַ פֿערדעכטיגען, אָדער איינפֿאַך פֿאַר זיינע געפֿעהרליכע מיינונגען. און די ארעסטירונג פֿאַר פּאָליטישע מיינונגען איז אַ זעהר ערנסטע זאַך; דאָס מיינט: יאָהרען לאַנג פֿאַרשפּאַרט צו בלייבען אין פּעטראָפּאַוולאָווסקי קרעפּאָסט, פֿאַרשיקט צו ווערען נאָך סיביר, אָדער זאָגאַר געמאַרטערט צו ווערען אין די קאַזעמאַטען פֿון קרעפּאָסט.

דיעזע קאַראָקאָזאָוו בעוועגונג בלייבט נאָך ביז היינטיגען טאָג אביסעל דונקעל אפילו אין רוסלאַנד. איך בין צו יענער צייט געווען אין סיביר און ווייס נור פֿון דיעזע באוועגונג פֿון הערען־זאָגען. ווי עס שיינט, זיינען אין דיעזע באַוועגונג געווען פֿאַראייניגט צוויי ערליי שטרעמונגען: איינע פֿון זיי איז געווען דער אָנפֿאַנג פֿון יענע גרויסע באוועגונג צום פֿאָלק, וועלכע

איז שפעטער געוואָרען אַזוי וויכטיג און פֿאַרברייטעט. די צווייטע שטרעמונג איז געווען הויפּטזעכליך אַ פּאָליטישע. גרופּען פֿון יונגע מענער, איינעע פֿון וועלכע עס זיינען געווען גאַנץ נאָהענט פֿון צו ווערען פּראָפֿעסאָרען אין אוניווערזיטעטען אָדער מענשען פֿון גרויסע בעדייטונג, אלס געשיכטע־שרייבער און פֿעלקער־פֿאָרשער, זיינען צוזאַמענגעקומען אַרום 1864, האָבענדיג בדעה צו ברייגגען וויסען און קענטניסע צום פֿאָלק, טראָץ די אָפּאָזיציאָן פֿון דער רעגירונג. זיי זיינען אַוועק אַלס איינפֿאַכע בעלי מלאכות אין אינדוסטריעלע שטעט, און האָבען דאָרט געגרינדעט קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטען און ניט פֿאָרמאַלע שולען, דענקענדיג דאָס מיט געדולד און פֿיל טאַקט וועט זיי געלינגען צו ערציהען דאָס פֿאָלק און אויף אזאַ וועג באַשאַפֿען די מיטעלפּונקטען, פֿון וועלכע בעסערע און העכערע בעגריפֿע זאָלען איינדרינגען צווישען די מאַסען. זייער לוסט און פֿלייס זיינען געווען גרויס; גרויסע רייכטהימער זיינען פֿארברויכט געוואָרען אין דיעזע אונטער־נעהמונג. און איך בין גענייגט צו דענקען, דאָס אין פֿערגלייך מיט אַלע עהנליכע באוועגונגען, וואָס האָבען זיך אָנגעפֿאַנגען שפּעטער, איז דיעזע געשטאַנען אויף דעם פראַקטישטען פֿונדאַמענט. די איניציאַטאָרס פֿון דיעזע באַוועגונג זיינען גאָר אָן ספק געשטאַנען זעהר נאָהענט צו די ארבייטענדע מאַסען.

פֿון דער אַנדערער זייט, האָט דיעזע באַוועגונג אָנגענומען אַן אויס־שליסליך פּאָליטישען האראַקטער, אין וועלכע עס האָבען געאַרבייט קאַראָ־קאָזאָוו, אישוטין און זייערע פֿריינד. צווישען די יאָהרען 1862 און 1866, האָט די פֿיהרונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אָנגענומען אַ זעהר רעאַקציאָנערען האראַקטער. זיינע ראַטהגעבער זיינען געווען בעקאַנט אַלס די ביטערסטע פֿיינד פֿון יעדען פֿאָרטשריט; זיינע רעפֿאָרמען, וועלכע ער האָט געמאַכט אין אָנפֿאַנג פֿון זיין רעגירען, האָט ער נאַכהער פּאַראַליזירט דורך די שפּעטערע געזעצע. דאָס אַלעס האָט געווים געבראַכט קאַראַקאָזאָוו און זיינע פֿריינדע אויף דעם געדאַנק, דאָס די וויטערע רעגירונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען קען נאָך ברייגגען אַ שטאַרקערע רעאַקציאָן און וועט פֿאַרניכטען דאָס ביסעלע, וואָס איז אַזוי שווער ערקעמפּפֿט געוואָרען. אין דער זעלבער צייט האָט מען דאַמאָלס געלייגט גרויסע האָפֿנונגען אויף די ליבעראַלע נייגונגען פֿון זיין טהראָן־פֿאָלגער, און דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס אין אַ שעהנעם טאג האט קאַראַקאָזאָוו געשאסען אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, ווען ער איז ארויסגעקומען פֿון זיין זומער־גאַרטען צו נעהמען זיין קאָטש. דער שאס האָט ניט געטראָפֿען און קאַראַקאָזאָוו איז אַרעסטירט געוואָרען אויף'ן שטעל.

קאַטקאָוו, דער פיהרער פֿון דער רעאַקציאָנערער פּארטיי און אַ גרויסער קינסטלער אַרויסצושלעפּען פֿאַר זיך גרויסע פּראָפּיטען פֿון יעדען פּאָליטישען טומעל, האָט גלייך ערקלעהרט, אַז קאראָקאָזאָוו איז בלויז איינער פֿון אלע אַנדערע ליבעראַלען און ראַדיקאַלען, וועלכע זיינען געווען מיט איהם אין איין פּערשווערונג—וואָס דאָס איז געווען ניט וואהר—ער האָט געגעבען אָנצוהערעניש אין זיין צייטונג, מאַכענדיג גאַנץ מאָסקווע גלויבען אין דעם, דאָס קאראָקאָזאָוו איז בלויז געווען אַ ווערקצייג אין די הענד פֿון דעם גרויס-פּירסט קאָנסטאנטין, דעם פּיהרער פֿון דער ליבעראַלער פארטיי אין די העכערע קרייזען. עס איז זיך לייכט פּאָרצושטעלען, וויפּיל געלד האָבען די צוויי הערשער—שואוואַלאָוו און טרעפּאָוו—געמאַכט ביי דיעזע געשיכטע.

מיכאַאיל מוראַוויאָוו, וועלכער האָט געקראָגען וועהרענד דעם אויפֿ-שטאַנד אין פוילען דעם נאָמען „תליון", האָט ערהאַלטען אַ בעפֿעהל צו מאַכען אַ זעהר שטרענגע און גרינדליכע אונטערזוכונג, און צו ענדעקען דורך אַלע מעגליכע מיטעל די פֿאַרשווערונג, וועלכע מי האָט גערעכענט, עקזיסטירט. ער האָט געמאַכט פֿערהאַפֿטונגען אין אַלע קלאַסען פֿון די געזעלשאַפֿט, האָט באַפֿוילען הונדערטע פון הויז-זוכונגען און האָט זיך באַריהמט, דאָס ער וועט „געפֿינען מיטעל צו מאַכען די פֿערהאַפֿטעטע ריידענדיג". ער איז געווים ניט געווען דער מאַן, וואָס זאָל זיך פֿון עפּעס אָבשרעקען, אפילו ניט פֿון מארטערען געפֿאַנגענע, און פעטערסבורג איז געווען כמעט איינשטימיג, דאָס קאַראָקאָזאָוו אי שרעקליך גע-קוועלט געוואָרען, אום אַרויסצוקריגען פֿון איהם עפּעס, אָבער עס איז ניט געלונגען.

שטאַאַטס-געהיימניסע ווערען זעהר גוט געהיט אין קרעפּאָסטען, איבערהויפּט אין יענע גרויסע מאַסע פֿון שטיין, וואָס איז אַנטקעגען דעם ווינטער פּאַלאַץ, וועלכע האָט זיך אָנגעזעהען אזויפּיל שוידערליכקיי-טען, וואָס זיינען נור ערסט ניט לאַנג אויפֿגעדעקט געוואָרען פֿון די געשיכטספֿאָרשער. ער היט נאָך אַלץ מוראַוויאָוו'ס געהיימניסע. דאָך קען פֿילייכט דאָס פֿאָלגענדע ווארפֿען אַביסעל ליכט אויף דעם געגענשטאַנד:

אין 1866, בין איך געווען אין סיביר. איינער פֿון אונזערע סיבירי-שע אָפֿיצירען, וואָס האָט געמאַכט אַ רייזע פֿון רוסלאַנד נאָך אירקוטסק צו ענדע פֿון יענעם יאָהר, האָט זיך אויף די פּאָסט-סטאַציאָן צוזאַמען געטראָ-פֿען מיט צוויי זשאַנדאַרען. אונזער אירקוטסקער אָפֿיציר, וועלכער איז גע-ווען זעהר אַ פֿריינדליכער מענש, געפֿינענדיג די זשאַנדאַרען ביים טיי-טיש אין אַ קאַלטע ווינטער נאַכט, האָט זיך צוגעזעצט צו זיי און מיט זיי גע-

פלוידערט, ווערענד מי האָט אומגעביטען די פֿערד. איינער פֿון דיזע מענער האָט געקאָנט קאַראָקאָזאָוו.

„ער איז געווען חיטרע, דער קאַראָקאָזאָוו," האָט איין זשאַנדאַר געזאָגט. „ווען ער איז געווען אין פֿעסטונג, האָט מען צוויי פֿון אונזערע—מי האָט אונז אומגעביטען יעדע צוויי שטונדען—באַפֿוילען ניט צו לאָזען איהם שלאָפֿען. און אַזוי האָבען מיר איהם געהאַלטען זיצענדיג אויף אַ קליין בּיינקעל, און אַזוי שנעל, ווי ער האָט אָנגעהויבען דרעמלען, האָבען מיר איהם אַ טרייסעל געטאָהן צו האַלטען איהם וואַכענדיג... וואָס קענט איהר טאָהן? אַזוי האָט מען אונז געהייסען... אָבער זעהט נור, ווי חיטרע ער איז געווען; ער פֿלעגט זיצען מיט פֿאַרלייגטע פֿיס, שאָקלענדיג איינע פֿון זיי, אום צו מאַכען אונז גלויבען, דאָס ער איז וואַכעדיג און אַליין, כאַפֿענדיג דערווייל אַ דרעמעל, אָבער מיר האָבען עס באַלד אויסגעפֿונען און דאָס דערציילט די, וואס זיינען אונז געקומען איבערבייטען..." „און ווי לאַנג האָט דאָס אָנגעהאַלטען?" האָט מיין פֿריינד געפֿרעגט. „אָה, פֿילע טעג—מעהר, אַלס אַ וואָך!"

דער נאַאיווער חאַראַקטער פֿון דיזע בעשרייבונג איז שוין אַ בעווייז פֿון איהר ריכטיגקייט: דאָס האָט ניט געקאָנט ווערען אויסגעטראַכט. און דאָס קאַראָקאָזאָוו איז געמאַרטערט געוואָרען איז כמעט קיין צווייפֿעל אין דעם.

ווען קאַראָקאָזאָוו איז געהאַנגען געוואָרען, איז איינער פֿון מיינע חברים פֿון דעם פּאושען־קאָרפּוס געווען דערביי. „ווען מי האָט איהם ארויסגענומען פֿון פֿעסטונג," האָט מיר מיין חבר דערצעהלט, „זיצענדיג אויף אַ הויכע פּלאַטפֿאָרמע אין אַ וואָגען, וואָס האָט זיך זעהר געטרייסעלט אויף דעם פּראָסטען ברוק פֿון פֿעסטונג, איז מיין ערסטער איינדרוק געווען, אַז זיי האָבען אַרויסגעטראָגען אַ גומענע ליאַלקע אויפֿצוהענגען; דאָס קאַראָקאָזאָוו איז שוין לאַנג טוידט. שטעל דיך פֿאָר, דאָס דער קאָפּ, די הענד, דער גאַנצער קערפּער איז געווען אבסאָלוט לויז, אַזוי ווי קיינע ביינער וואָלטען ניט געווען אין קערפּער אָדער אַזוי ווי מי וואָלט איהם צובראָכען אַלע ביינער. דאָס איז געווען אַ שרעקליכע זאַך צו זעהן און צו דענקען, וואָס דאָס מיינט. ווען צוויי סאָלדאַטען האָבען איהם אַראָבגענומען פֿון וואָגען, האָב איך געזעהען, דאָס ער באַוועגט זיינע פֿיס, און דאָס ער מאַכט שטאַרקע אַנשטרענגונגען צו געהן אַליין און אַרויפֿצוגיין אויף די טרעפּ פֿון די תליה. אַלזאָ איז דאָס ניט געווען קיין ליאַלקע, און ער האָט אויך ניט געקאָנט זיין אין אָהנמאַכט. אַלע אָפֿיצירען זיינען געווען שטאַרק ערשטוינט איבער דעם, און זיי האָבען עס זיך ניט געקאָנט ערקלערען."

ווען איך האָב געזאָגט צו מיין פריינד: „פּילייכט איז עס דערפון, ווייל קאַראקאָזאָוו איז שרעקליך געמאַרטערט געוואָרען?" האָט ער אונטערבראָכען, „יאַ, מיר האָבען אַלע געטראַכט ביי זיך דאָסזעלבע".

ניט שלאָפען פאַר וואָכען לאַנג—דאָס אַליין איז שוין גענוג צו ערקלערען דעם צושטאַנד, אין וועלכען דיעזער מאָראַליש־שטאַרקער מאַן איז געווען, וועהרענד זיין עקזעקוציע. איך וועל נאָך צוגעבען, דאָס איך האָב די אָבסאָלוטע געוויסהייט, דאָס אַדריאַן מיכאַילאָוו איז געמאַרטערט געוואָרען אין די פעסטונג אין 1880. האָט זיך מוראַוויאָוו נור באַנוגענד מיט דיעזען איינציגען פאַל? האָט איהם ווער געשטערט ווייטער צו געהן אָדער ניט? איך וויים עס ניט, אָבער אזוי פיל וויים איך, איך האָב אָפט געהערט פון הויכע בעאַמטע אין פעטערסבורג, דאָס אין קאַראקאָזאָוו׳ס פאַל האָט מען געברויכט אַלע מיטלען, אום ער זאָל עפּעס מודה זיין. ער איז אָבער געבליבען שטום ביז צו זיין ענדע.

מוראַוויאָוו האָט פאַרשפּראָכען אויסצוראָטען אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטען אין פעטערסבורג. און אלע די, וואָס האָבען אַמאָל געהאַט אַ ראַדיקאַלע פערגאַנגענהייט, האָבען יעצט געלעבט אונטער דעם שרעק אַריינצופאַלען אונטער דעם דעספּאָטס קלויען. מעהר פון אַלעם האָבען זיי זיך ווייט געהאַלטען פון די אינגערע, אום ניט אַריין געשלעפּט צו ווערען אין אַ פּאָליטישען פּלאָנטער, און אויף אַזאַ אופן איז אויסגעגראָבען געוואָרען אַ גראָבען ניט נור צווישען די „פעטער" און „זיהן", ווי טורגענעוו האָט עס בעשריבען אין זיין נאָוועלע—ניט נור צווישען די צוויי דורות, נור אויך צווישען מענער, וואס זיינען אַלט געווען אַריבער דרייסיג און מענער, וואָס זיינען געוואָרען ערסט צוואַנציג. די רוסישע יוגענד איז דאַרום געווען געשטעלט אין די לאַגע ניט נור צו בעקעמפּפען אין זייערע „פאָטערס" די פערטהיידיגער פון פּאַנשטשיזנע, נור זיי זיינען אויך אין גאַנצען פאַרלאָזען געוואָרען פון זייערע עלטערע ברידער, וועלכע האָבען ניט געוואָלט פעראייניגען זיך מיט זיי אין זייערע נייגונגען צום סאָציאַליזמוס, און האָבען זיך זאָגאַר ענטזאָגט צו העלפען זיי אין זייער קאַמפּף פאַר בלויז פּאָליטישע פרייהייט. איז דען אַמאָל געווען אין דער געשיכטע, פרעג איך מיך אַליין, אַזאַ יונגע פעראייניגטע מחנה, פאַרטאָהן אין אַ קאַמפּף געגען אַזאַ מעכטיגען שונא, פאַרלאָזען פאַלשטענדיג פון פאָטערס און זאָגאַר פון עלטערע ברידער, חאָטש דיעזע יונגע מענער האָבען דאָך נור געזוכט צו פאַרווירקליכען אין לעבען די גייסטיגע ירושה פון די זעלבע פאָטערס און ברידער? איז דען אַמאָל אויפגענומען געוואָרען אַ קאַמפּף אין מעהר טראַגישע צושטענדע, ווי דיעזע?

דער איינציגער ליכטיגער פונקט, וועלכען איך האָב געזעהען דאַן אין פעטערסבורג, איז געווען די באַוועגונג, וואָס איז אָנגעגאנגען צווישען די יוגענד פֿון ביידע געשלעכטער. פֿאַרשידענע שטרעמונגען האָבען זיך פֿאראייניגט, אום צו באַשאַפען די מעכטיגע אַגיטאַציאָן, וואָס האָט באַלד אָנגענומען אַן אונטעראירדישען רעוואָלוציאָנערען חאַראַקטער, און האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון גאַנץ רוסלאַנד פֿאַר די נעקסטע פֿינף יאָהר. איך וועל פֿון דעם ריידען אין אַ שפעטערען קאַפיטעל, אָבער דאָ מוז איך דערמאָהנען די באַוועגונג, וועלכע איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען כמעט גאַנץ אָפֿען, פֿון אונזערע פֿרויען, אום צו קענען געניסען אַ העכערע בילדונג. פעטערסבורג איז צו יענער צייט געווען דער מיטעל־פונקט פֿון דיעזע באַוועגונג.

יעדען נאָכמיטאָג האָט מיין ברודער'ס יונגע ווייב, צוריק קומענדיג פֿון די פֿרויענ'ס פעדאַגאָגישע קורסען, געהאט אונז עטוואָס צו דערציילען וועגען די לעבעדיגקייט, וואָס האָט דאָרט געהערשט. פלענער זיינען געמאַכט געוואָרען צו עפענען אוניווערזיטעטען און אַ מעדיצינישע אַקאַדעמיע פֿאַר פֿרויען. דעבאַטען זיינען אָנגעגאַנגען איבער פֿערשידענע ערציהונגס מעטאָדען, און הונדערטע פֿון פֿרויען האָבען גענומען אַ וואַרימע אינטערעסע אין דיעזע פֿראַגען. געזעלשאַפֿטען פֿון איבערזעצער, בוכדרוקער און בוכבינדער זיינען געגרינדעט געוואָרען, כדי עס זאָל געשאַפֿען ווערען אַרבייט פֿאַר דיא אָרמסטע פֿרויען, וואָס קומען נאָך פעטערסבורג צו קריגען אויך זייער חלק פֿון אַ העכערע ערציהונג, אַ שטאַרקער לעבען האָט געהערשט אין דיעזע פֿרויען־צענטערס, אין אַ מערקווירדיגען קאָנטראַסט מיט דאָס, וואָס איך האָב געטראָפֿען ערגעץ אַנדערס.

זייט די רעגירונג האָט געוויזען איהר ענטשלאָסענהייט ניט צו צולאָזען קיינע פֿרויען צו די עקזיסטירענדע אוניווערזיטעטען, האָבען זיי אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו עפֿענען זייערע אייגענע. אין מיניסטעריום האָט מען זיי ערקלערט, דאָס די מיידלאַך, וואָס האָבען געענדיגט אַ גימנאַזיע, זיינען נאָך ניט פֿערטיג צו לעקציעס פֿון אוניווערזיטעט. „זעהר גוט" האָבען זיי געענטפֿערט, „לאָזט אונז עפֿענען שולען, וועלכע זאָלען אונז פֿאַרפֿערטיגען צום אוניווערזיטעט, און מאַכט אונז די פראָגראַמע אַזוי שווער, ווי איהר ווילט אַליין. מיר בעטען אויך קיין געלד פֿון שטאַאַט, נור גיט אונז די ערלויבנים, און עס וועט שוין אַלעס געטאָהן ווערען". נאַטירליך, האָט מען זיי ניט ערלויבט. דאַן האָבען זיי אָנגעפֿאַנגען פריוואַט קורסען און לעקציעס אין פריוואַט־הייזער אין אַלע עקען פֿון פעטערסבורג. פֿילע פראָפֿעסאָרען, אין סימפאַטהיע מיט דיעזע באַוועגונג, האָבען פֿרייוויליג אָנגע־

נומען צו געבען לעקציעס. חאָטש זיי אַליין זיינען געווען אָרעמע לייט, דאָך האָבען זיי געווארנט די אָרגאַניזירער, דאָס מי זאָל זיי ניט דאַכטען פון באַצאָהלען זיי, אויב מי וויל זיי ניט באַליידיגען. נאַטור־וויסענשאַפט־ליכע עקסקוירשענס פלעגען געמאַכט ווערען יעדען זומער אין די נאַכבאַר־שאַפט פון פעטערסבורג אונטער די פיהרערשאַפט פון פראָפעסאָרען און די פרויען זיינען געווען די מעהרצאָהל פון זייערע שילער. אין די קורסען פון אַקושאָרקעס האָבען די פרויען פערלאַנגט, מי זאָל בעהאַנדלען יעדען געגענשטאַנד אויף אַ פיעל גרינדליכערען אופן, ווי עס איז געפאָדערט גע־וואָרען אויף דער פראָגראַמע. זיי האָבען זיך באַנוצט מיט יעדע מעגליכקייט, מיט יעדע עפענונג אין דער פעסטונג צו שטורמען איהר. זיי האָבען נע־קראָגען אַ צוטריט צו די אנאַטאָמישע לאַבאָראַטאָריע פון דעם אַלטען דר. גרובער און דורך זייער וואונדערבאַרע אַרבייט האָבען זיי געוואונען דיעזען ענטהוזיאַסט פון אַנאַטאָמיע אויף זייער זייט. ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט פון אַ פראָפעסאָר, וואָס האָט ניט דאַגעגען צו לאָזען זיי אַרבייטען אין זיין לאַבאָראַטאָריע זונטאַגס און ביי נאַכט אין די וואָכען טעג, האָבען זיי זיך דערמיט באַנוצט, אַרבייטענדיג פיל און ערנסט. ענדליך, טראָץ די אָפּאָזיציאָן פון דעם מיניסטעריום, האָבען זיי אויסגעפיהרט, דאָס די פאַרפערטיגענדע קורסען צום אוניווערזיטעט, אונטער דעם נאָמען „פעדאַגאָגישע קורסען", זיינען אויפגעעפענט געוואָרען פאַר זיי.

אַזוי טריט ביי טריט, האָבען זיי אַלץ געקראָגען מעהר רעכט. אזו שנעל, ווי עס איז באַקאַנט געוואָרען, דאָס אין אַן אירגענד וועלכען דייטשען אוניווערזיטעט ערלויבט אַ פראָפעסאָר די פרויען צו הערען זיינע לעקציעס, האָבען זיי שוין געקלאַפּט אין זיין טיהר, און זיי זיינען אויפגענומען געוואָרען. זיי האָבען שטודירט געזעץ און געשיכטע אין היידעלבערג, מאַטעמאַטיק אין בערלין, וועהרענד אין צוריך האָבען מעהר ווי אַ הונדערט מיידלאַך געשטודירט אין אוניווערזיטעט און אין פאָליטעכניקום. דאָרט האָבען זיי געוואונען עטוואָס, וואָס איז מעהר ווערט ווי אַ דאָקטאָר־דיפלאָם: זיי האָבען געוואונען די אַכטונג פון די העכסט־געלערנטע פראָפעסאָרען, וועלכע האָבען עס געזאָגט גאַנץ עפענטליך עטליכע מאָל. איינע פון די רוסישע מיידלאַך, וועלכע האָט שטודירט מאַטעמאַטיק אין בערלין — סאָפיע קאָוואַלעווסקאַיאַ — איז גע־וואָרען אַ מאַטעמאַטיקער מיט אַ גרויסען נאָמען און איז נאַכהער געוואָרען פראָפעסאָר אין אַן אוניווערזיטעט אין סטאָקהאָלם. זי איז געווען די ערסטע פרוי פון אונזער יאָהרהונדערט, וואָס האָט פאַרנומען אַ פראָפע־סאָר־שטעלע אין אַן אוניווערזיטעט פאַר מענער, זי איז געווען אַזוי יונג,

דאָס אין שווערען האָט קיינער איהר געוואָלט רופען אַנדערש, ווי סאָפיע, אָדער סאָניאַ.

טראָץ דעם אָפענעם האַס, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געהאַט צו געבילדעטע פרויען—ווען ער פלעגט טרעפען שפּאַצירענדיג אַ מיידעל אין ברילען און אין אַ רונדען גאַריבאַלדישען הוט, פלעגט ער אָנפאַנגען צו ציטערען, דענקענדיג, דאָס זי מוז געוויס זיין אַ ניהיליסטקע, וואָס וויל איהם שיסען—טראָץ די ביטערע געגנערשאַפט פון די שטאַאַטס־פּאָליציי, וועלכע האָט בעטראַכט יעדע סטודענטקע אַלס אַ רעוואָלוציאָנער; טראָץ די געמיינע בעשולדיגונגען, וועלכע קאַטקאָוו פלעגט ריכטען געגען די גאַנצע באַוועגונג אין כמעט יעדען נומער פון זיין גיפטינע צייטונג, האָבען די פרויען דאָך אויסגעפיהרט, אַז מי זאָל פאַר זיי עפענען קורסען פון העכערע בילדונג. ווען איינינע פון זיי האָבען געקראָגען אין אויסלאַנד דאָקטאָר־דיפּלאָמען, האָבען זיי געצוואונגען די רעגירונג אין 1872 צו לאָזען זיי עפענען אַ מעדיצינישע אַקאַדעמיע אויף זייערע אייגענע הוצאות. און ווען די רוסישע פרויען זיינען צוריק גערופען געוואָרען פון צוריך, כדי זיי זאָלען זיך ניט אָנשטעקען מיט די רעוואָלוציאָנערע אידעען פון די פּאָליטישע פליכטלינגע, האָבען זיי געצוואונגען די רעגירונג צו לאָזען זיי עפענען אין רוסלאַנד פיער פרויען־אוניווערזיטעטען, וועלכע האָבען באַלד געהאַט טויזענד סטודענטקעס. עס זעהט אויס כמעט אונגלויבליך, אָבער עס איז אַ פאַקט, דאָס אונגעאַכטעט אויף אַלע פערפאָלגונגען וואָס די מעדיצינישע אַקאַדעמיע פאַר פרויען האָט געהאַט אויסצושטיין, און יעצטיגע צושליסונג, זיינען יעצט דאָ אין רוסלאַנד מעהר, ווי זעכס הונדערט און זיבציג פרויען, וואָס זיינען געענדיגטע דיפּלאָמירטע דאָקטוירים.

עס איז, אָהן צווייפעל, געוועזן אַ גרויסאַרטיגע באַוועגונג—ערשטוינענד אין איהר ערפאָלג און באַלעהרענד אין אַ הויכען גראַד. מעהר פון אַלעס, איז דאָס אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די אונענדליכע איבערגעבענהייט פון אַ מאַסע פון פרויען פון פאַרשידענע מלאכות און פעהיגקייטען; זיי האָבען שוין געאַרבייט אַלס באַרמהערציגע שוועסטער אין דעם קרימער קריג, אַלס אָרגאַניזירער פון שולען שפּעטער, אַלס די איבערגעבענסטע לעהרערינען אין די דערפער; אַלס געבילדעטע אַקושערקעס און פעלדשעריצעס צווישען די בויערען, דאַן זיינען זיי אַוועק אַלס נויערסעס און דאָקטאָרס אין די פיבער־האָספּיטאַלען אין דער צייט פון דעם טערקישען קריג אין 1878, און האָבען געוואונען די באַוואונדערונג פון די מיליטער־קאָמאַנדירען און פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען זעלבסט. איך קען צוויי פרויען, וועלכע די שטאַאַט־פּאָליציי זוכט זעהר שטאַרק, וועלכע האָבען

גערינגט אַלס נויטשעס אין דער צייט פֿון דער מלחמה אונטער פֿאַלשע נע־מען, האָבענדיג דערצו פֿאַלשע פּאַספּאָרטען, איינע פֿון זיי, דער גרעסערער „פֿאַרברעכער", איז זאָגאַר באַשטימט געוואָרען אַלס די הויפּט-נויטס פֿון אַ גרויסען האָספּיטאַל פֿאַר פֿאַרוואונדעטע סאָלדאַטען, וועהרענד איהר פֿריינ־דין איז שיעור ניט געשטאָרבען פֿון אַ טיפֿוס. אין קורצען, פֿרויען האָבען גענומען אירגענד וועלכע שטעלע, האָט עס געמעגט זיין ווי נידעריג, ווען זי האָט נור אויף וועלכען אופֿן עס איז געקענט ניצליך זיין צום פֿאָלק. ניט נור איינעגע האָבען עס געטאָהן, נור הונדערטע, טויזענדע. זיי האָבען ערקעמפֿט זייערע רעכטע אין דעם וואַהרען זין פֿון וואָרט.

אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער צוג פֿון דיעזע באַוועגונג איז געווען דער, דאָס דער גראבען צווישען די צווייטע דורות—צווישען די עלטערע און אינגערע שוועסטער—האָט ניט עקזיסטירט. די וועניגע, וואָס זיינען גע־ווען די פֿיהרער פֿון די באַוועגונג אין איהר אָנפֿאַנג, האָבען קיינמאָל ניט אָבגעבראָכען די קייט, וואָס האָט זיי פֿאַראייניגט מיט זייערע אינגערע שוועסטער, חאָטש די אינגערע זיינען געווען פֿאָרטגעשריטענער אין זייערע אידעאַלען, ווי די עלטערע פֿרויען. די עלטערע שוועסטער האָבען פֿאַר־פֿאָלגט זייערע צוועקען אין די העכערע ספֿערען. זיי האָבען זיך געהאַלטען נאַנץ ווייט פֿון אירגענד וועלכע פּאָליטישע אגיטאַציאָן; אבער זיי האָבען קיינמאל בעגאַנגען דעם פֿעהלער צו פֿאַרגעסען דאס זייער אמת׳ע מאַכט איז געווען אין די מאַסע פֿון די אינגערע פֿרויען, אַ גרויסע צאָהל פֿון וועלכע האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע קריי־זען. דיעזע פֿיהרערינס זיינען געווען די אַנשטענדיגקייט זעלבסט—איך האָב זיי געהאַלטען נאָך פֿאַר צו אַנשטענדיג—אָבער זיי האָבען ניט אָבגעבראָ־כען זייערע פֿערבינדונגען מיט זייערע אינגערע שוועסטער—סטודענטקעס, וואָס האָבען זיך געקליידעט ווי אמת׳ע ניהיליסטקעס, מיט קורצע האָר אָהן קרינאָלינעס, און וואָס האָבען אַרויסגעצייגט זייער דעמאָקראַטישען גייסט אין זייער גאַנצע אויפֿיהרונג. די עלטערע פֿרויען האָבען קיין אַנטהייל גענומען אין זייערע אַנגעלעגענהייטען, עס פֿלעגט אויך אָפֿטמאָל קומען צו מיספֿערשטענדניסע, אָבער זיי האָבען זיך קיין מאָל ניט אָבגעוואָרפֿען פֿון זיי—אַ גרויסע זאַך, דענק איך, אין יענע צייטען פֿון שרעקליכע פֿער־פֿאָלגונגען.

עס האָט אויסגעזעהען, אזוי ווי זיי וואלטען געזאָגט צו זייערע אינ־גערע און מעהר דעמאָקראַטישע שוועסטער: „מיר וועלען טראָגען אונזערע סאַמעטענע קליידער און אונזערע מאַנטלען, וויל מיר האָבען צו טהאָן מיט

נאַרען, וועלכע זעהען אין אַ סאַמעטענע קלייד אַ צייכען פֿון „פּאָליטישע
זיכערהייט", אָבער איהר, מיידלאַך, בלייבט פֿריי אין אייערע געשמאַקען און
נייגונגען". ווען די פֿרויען, וואָס האָבען שטודירט אין ציריך, האָבען גע־
קראָגען אַ באַפֿעהל פֿון די רוסישע רעגירונג צוריק צו קומען, האָבען דיעזע
אַגשטענדיגע לײדיס ניט געמאַכט קריג אויף די יונגע רעוואָלוציאָנערקעס.
זיי האָבען איינפֿאַך געזאָגט צו די רעגירונג: „דו ווילסט עס ניט האָבען?
נו, טו עפֿען אוניווערזיטעטען פֿאַר פֿרויען אין דער היים; אויב ניט, וועלען
אונזערע מיידלאַך געהן נאָך אויסלאַנד נאָך אין אַ גרעסערע צאָהל, און נאַ־
טירליך וועלען זיי קומען אין באַריהרונג מיט די רוסישע פֿליכטלינגע." ווען
מי האָט זיי פֿאָרגעוואָרפֿען, דאָס זיי פֿלאָדען רעוואָלוציאָנערען, און מי האָט
זיי געסטראַשעט מיט דעם צומאַכען פֿון זייער אַקאַדעמיע, האָבען זיי גע־
ענטפֿערט: „יאַ, פֿילע סטודענטען ווערען רעוואָלוציאָנערען, אָבער איז דאָס
אַן אורזאַכע צו שליסען אַלע אוניווערזיטעטען?" ווי ווייניג זיינען עס דאָ
אַזעלכע פּאָליטישע פֿיהרער, וואָס זאָלען האָבען דעם מאָראַלישען כּוח ניט
אָבצושרייסלען זיך און ניט צו קעמפֿפֿען געגען דעם מעהר־פֿאָרטגעשריטע־
נעם פֿליגעל פֿון זייער אייגענע פּאַרטיי!

די הויפּט־מאַכט פֿון זייער קלוגע און גאַנץ ריכטיגע שטעלונג איז
בעשטאַנען אין דעם, דאָס קיין איינצוגע פֿון די פֿרויען, וואָס זיינען געווען
די זעעלע פֿון דער באַוועגונג, זיינען געווען בלויז באַשעפֿטיגט מיט זיך
זעלבסט, מיט זייער אייגענע פֿראַגע, אַלס פֿרויען. די סימפּאַטהיען פֿון די
מעהרסטע פֿון זיי זייגען געווען מיט די מאַסען. איך געדענק די לעבעדיגע
אינטערעסע, וואָס די פֿריילײן סטאַסאָוואַ, די אַלטע פֿיהרערין פֿון די אַגי־
טאַציאָן, האָט גענומען אין די זונטאַג־שולען פֿון 1861, די פֿריינדשאַפֿטען,
וועלכע זי און איהרע פֿריינד האָבען געמאַכט צווישען די פֿאַבריק־מיידלאַך;
די אינטערעסע, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען פֿאַר דעם שווערען לעבען
פֿון דיעזע מיידלאַך, אויסערען שול; די קעמפֿפֿע וועלכע זיי האָבען פֿאַר
זיי דורכגעמאַכט מיט זייערע קאַרגע בעלי בתים. קורץ און גוט, די רעכטע,
צו וועלכע די פֿרויען האָבען געשטרעבט, זיינען ניט נור געווען די אינדי־
ווידועלע רעכטע צו אַ העכערע ערציהונג, נור אויך צו פֿיל מעהר—צו דאָס
רעכט צו זיין ניצליך צווישען פֿאָלק, צווישען די מאַסען. און דאָס איז געווען
דער כּוח פֿון זייער מאַכט. דאַרום זייגען זיי אויך געווען ערפֿאָלגרייך אין
אַזאַ הויכען גראַד!

מיין רייזע נאָך׳ וועסט-אייראפא.

פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר איז מיין פֿאָטער'ס געזונדהייטס-צושטאַנד געוואָרען אַלץ ערגער און ערגער; און ווען איך און מיין ברודער אַלעקסאַנדער זיינען געקומען צו איהם צו באזוך אין 1871, האָט אונז דער דאָקטאָר געזאָגט, אז אונזער פֿאָטער וועט שוין לאַנג ניט אָנהאַלטען. ער האָט נאָך אַלץ געלעבט אויף דעם אַלטען שטייגער אין די „סטאַראַיאַ קאָנושענאַיאַ", אָבער אַלעס אַרום איהם האָט זיך שטאַרק אומגעענדערט אין דעם אַמאָליגען אַריסטאָקראַטישען געגענד. די רייכע פּאָמעסטשיקעס זיינען צופּאָהרען. נאָך דעם, ווי זיי האָבען פֿאַרשאַלאַטאַנעוועט דאָס אוסלייז-געלד, וואָס זיי האָבען געקראָגען ביי די בעפרייאונג פֿון די לייב-אייגענע, און נאָך דעם, ווי זיי האָבען פֿאַרזעצט זייערע אימעניעס אין די נייע בענק, וועלכע זיינען רייך געוואָרען דורך זייער הילפֿלאָזיגקייט, האָבען זיי זיך ענדליך צוריקגעצויגען אָדער אויף'ן לאַנד אָדער אין פּראָווינציעלע שטעדט, אום פֿאַרזונקען צו ווערען דאָרט אין גענצליכע פֿאַרגעסענהייט. זייערע הייזער זיינען פֿאַרנומען געוואָרען פֿון די ניי-אופֿגעקומענע—רייכע קופּצעס, אייזענבאַהן-בויער און דאָס גלייכען,—וועהרענד כמעט אין יעדע איינע פֿון די רייכע פֿאַמיליעס, וואָס זיינען פֿאַרבליבען, האָט אַ נייער יונגער לעבען אָנגעהויבען צו ווייזען זיך אויף די חורבות פֿון דעם אַלטען. אַ פּאָר אַלטע גענעראַלען, וועלכע האָבען געשאָלטען דעם נייען לעבען מיט די נייע פּיהרונגען, און האָבען זיך לייכטער געמאַכט דערמיט, וואָס זיי האָבען פֿאָראויסגעזאָגט אַ שלעכטען סוף פֿאַר רוסלאַנד, אָדער אזוי אַ וויטער קרוב—דאָס איז געווען די גאַנצע קאָמפּאַניע וואָס, מיין פֿאָטער האָט געהאַט אין זיין הויז. פֿון די פּיעלע, פּיעלע פֿון אונזערע קרובים זיינען נור אַ פּאָר פֿאַמיליען געבליבען אין מאָסקווע, און אויך דיעזע זיינען מייסטיינס צוגעשטאַנען צו דעם שטראָם פֿון נייעס לעבען; די מוטערס האָבען דיסקוטירט מיט זייערע טעכטער און זיהן איבער אַזעלכע געגענשטענדע, ווי שולען פֿאַר'ן פֿאָלק און אוניווערזיטעטען פֿאַר פֿרויען. מיין פֿאָטער האָט געקוקט אויף זיי מיט פֿעראַכטונג. מיין שטיף-מוטער און מיין אינגערע שוועסטער, וועלכע האָבען זיך ניט אומגעביטען, האָבען געטאָהן זייער בעסטעס צו טרייסטען איהם; אָבער זיי האָבען זיך אַליין געפֿיהלט ווי ניט אין דער היים אין מיטען דעם שטראָם פֿון דעם נייעס לעבען.

מיין פֿאָטער איז פֿון אייביג אָן געווען אונפֿריינדליך און זעהר אונ-

גערעכט צו מיין ברודער אַלעקסאַנדער. אָבער אַלעקסאַנדער איז געווען גאַנץ אונפֿעהיג צו האַלטען אַ כעס אויף אימיצען. ווען ער איז אַריין אין דעם קראַנקען צימער מיט דעם טיפֿען, פֿריינדליכען בליק פֿון זיינע גרויסע בלויע אויגען און מיט אַ שמייכעל, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין אונענדליכע גוטסקייט, און ווען ער האָט גלייך אויסגעפֿונען, וואָס מי באַדאַרף טהאָן, אום צו מאַכען דעם קראַנקען אביסעל בעקוועמער אין זיין קראַנקען־שטוהל, און האָט עס געטאָהן אַזוי נאַטירליך, אַזוי ווי ער וואָלט ערסט אַ שטונדע צוריק פֿאַרלאָזען דאָס הויז, איז מיין פֿאָטער געוואָרען איינפֿאַך ערשטוינט. ער האָט איהם אָנגעקוקט, ניט זייענדיג פֿעהיג צו פֿאַרשטיין. אונזער בעזוך האָט געבראַכט לעבען אין די לאַנגווייליגע, פֿינסטערע הויז. מיין שטיף־מוטער, פּאַולינאַ, און אפילו די דינער אַליין זיינען געוואָרען עפּעס לעבעדיגער, און מיין פֿאָטער האָט געפֿיהלט די אומענדערונג.

איין זאַך האָט איהם דאָך געמאַכט אונרוהיג. ער האָט ערוואַרטעט אונז צו זעהען קומען אַלס זיהן, וואָס זאָלען זיך ערקלערען, אַז זיי האָבען חרטה, און וועלכע זאָלען איהם בעטען צו אונטערשטיצען זיי. אָבער, ווען ער האָט פּרובירט צו ברייננגען דעם געשפּרעך אויף דעם ענין, פֿלעגען מיר איהם אָבשטעלען מיט אַזאַ פֿרייליכען „זאָרג־זיך־ניש־טאַטע, מיר גייען־אָן גאַנץ־גוט", דאָס ער איז נאָך מעהר ערשטוינט געוואָרען. ער האָט ערוואַרטעט אַ סצענע פֿון דעם אַלטען שטיגער—זיינע זיהן איהם בעטענדיג פּערצייהונג—און געלד; פֿילייכט האָט עס איהם אויך פֿערדראָסען, דאָס עס איז ניט געקומען דערצו, אָבער דערפֿאַר האָט ער אויף אונז געקוקט מיט אַ גרעסערע אַכטונג. מיר זיינען אַלע דריי געווען זעהר גערירהרט, נעהמענדיג אָבשייד פֿון איהם. ער האָט אויסגעזעהען אַזוי ווי ער וואָלט כמעט געציטערט צוריק צו קעהרען זיך צו זיין פֿינסטערע איינזאַמקייט צווישען די חורבות פֿון אַ סיסטעם, וועלכע ער האָט געלעבט און געשטרעבט אויפֿצוהאַלטען. אָבער אַלעקסאַנדער האָט געמוזט צוריק געהן צו זיין דינסט און איך בין אַוועק נאָך פֿינלאַנדיען.

ווען איך בין געוואָרען צוריק גערופֿען אַחיים, האָב איך געאיילט נאָך מאָסקווע, אום צו געפֿינען די בעגרעבנים צערעמאָניע איבער מיין פֿאָטער'ס קערפּער, נור וואָס אנגעפֿאַנגען אין די זעלבע אַלטע קירכע וואו מיין פֿאָטער איז געטויפֿט געוואָרען, און וואו די לעצטע תפילות זיינען געזאָגט געוואָרען איבער זיין מוטער. ווען די לויה איז אָנגעגאַנגען איבער די גאַסען, וואו יעדע הויז איז מיר געווען אַזוי גוט באַקאַנט פֿון מיין קינדערהייט אָן, האָב איך באַמערקט, דאָס די הייזער אין דרויסען האָבען זיך

װעניג װאָס געענדערט, אָבער איך האָב געװאוסט, דאָס אינעװעניג האָט זיך איבעראַל אָנגעפּאַנגען אַ נייעס לעבען.

קיינע צװעלף מאָנאַטען זיינען ניט אַװעק זייט מיין פּאָטערס טױדט און אין אַ הויז, אַ טריט פּון מיין פּאָטערס, האָב איך פּאַרבאַהאַלטען סטעפּניאַק אָנגעטאָהן, װי אַ מוזשיק, און אַנטליופענדיג פון אַ דאָרף-פּריזאָן, װאו ער איז אַרעסטירט געװאָרען פאַר סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צװישען די בויערען. אַ פּאָר טיהרען װייטער, האָבען מיר געהאַלטען אונזערע געהיימע פערזאַמלונגען אין די הויז פון נאַטאַליע אַרמפעלד, די „פאַרברעכערין" פון קאַרע, װעלכע דזשאָרדזש קענאַן האָט אזוי ריהרענד באַשריבען אין זיין בוך איבער סיביר.

דעם קומענדען יאָהר, אין אָנפּאַנג פּריהלינג, האָב איך געמאַכט מיין ערסטע רייזע נאָך װעסט-אייראָפּאַ. אַריבער געהענדיג דעם רוסישען גרענעץ, האָב איך געשפירט נאָך פּיעל שטאַרקער, װי איך האָב מיך עס פאָרגעשטעלט, װאָס יעדער רוס פּיהלט, װען ער פאַרלאָזט זיין פּאָטערלאַנד. אַזוי לאַנג, װי דער אַ יזענבאַהן לויפט אויף'ן רוסישען באָדען, דורך די זעהר קאַרג-באַפּעלקערטע פּראָװינצען, פּיהלט זיך, אַזוי װי איהר געהט איבער אַ װיסטע. הונדערטע פון מיילען זיינען באדעקט מיט נידריגע פּלאַנצונגען, װעלכע פאַרדינען גאָר ניט דעם נאָמען, „װעלדער." דאָ און דאָרט געפינט דער אויג אַ קליינעס, עלענדען דערפעל, פאַרגראָבען אין שנעע, אָדער אין אונפּראַקטישען, בלאָטיגען, שמאָלען און צודרייטען דאָרפס-װעג. אָבער אַלעס ענדערט זיך פּלוצלונג אום, אַזוי שנעל, װי איהר געפינט זיך איבערן גרענעץ, אין פּרייסען, מיט זיינע ריינע, זויבערע דערפער, גערטנער און געברוקירטע װעגען. דיעזער געפיהל פון קאָנטראַסט װערט אַלץ שטאַרקער, װאָס טיפער איהר קומט אין דייטשלאַנד. אפילו דער לאַנגװייליגער בערלין האָט אויסגעזעהען לעבעדיג אין פערגלייך מיט אונזערע רוסישע שטעדט.

און דער קאָנטראַסט פון דעם קלימאַט! ערסט צװיי טעג, װי איך האָב פאַרלאָזען פּעטערסבורג טיף אין שנעע, און אין מיטען דייטשלאַנד, געה איך אַרום אָהן אַ אויבער-ראָק אונטער דעם װאַרעמען זונען-שיין, באַװאונדערענדיג די קנאָספּענדע בלומען. דאַן איז געקומען דער רהיין, און שפּעטער די שװייץ, באָדענדיג זיך אין די שטראַהלען פון אַ ליכטיגע זון, מיט איהרע קליינע זויבערע האָטעלען, װאו מי האָט דערלאַנגט אָנבייסען דרויסען, אין דעם אַנגעזיכט פון די שנעע-באַדעקטע בערג. איך האָב קיינ

מאָל ניט באַגריפֿען אזוי קלאָהר, וואָס מיינט די פּאָזיציאָן פֿון רוסלאַנד אויף דרום-זייט, און ווי די געשיכטע פֿון דער רוסישער נאַציאָן איז בעאיינפֿלוסט געוואָרען פֿון איהר קלימאַט. נור דאַן האָב איך ערסט ריכטיג פֿערשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ צו-ציהונגס-קראַפֿט די צפֿון-לענדער האָבען פֿאַר די רוסישע בעפֿעלקערונג און פֿאַר וואָס זי מאַכט אַזעלכע קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכען דעם שוואַרצען ים און דעם אונאויפֿהערליכען דרוק פֿון די סיבירישע קאָלאָניסטען צו צפֿון-זייט, ווייטער אין מאַנטשוריאַ.

צו יענער צייט איז צוריך געוועזען פֿול מיט רוסישע סטודענטען, פֿרויען און מענער. די באַריהמטע אָבער-שטראַסע, לעבען פּאָליטעכניקום, איז געוועזען אַ ווינקעל פֿון רוסלאַנד, וואו די רוסישע שפּראַך האָט געהערשט איבער אַלע אַנדערע. די רוסישע סטודענטען האָבען געלעבט, ווי די מייסטע רוסישע סטודענטען—איבערהויפּט פֿרויען—כמעט אויף גאָר ניט. טהיי און ברויט, אַביסעל מילך און אַ דינער פּענעץ פֿלייש, געקאָכט איבער אַ ספּי-ריט-לאָמפּ, צווישען היציגע דיסקוסיאָנען איבער די לעצטע נייעס פֿון דער סאָציאַליסטישער וועלט אָדער איבער דעם לעצטען געלייענטען בוך—דאָס איז געוועזען זייער געוויינליכע נאַהרונג. די, וואָס האָבען געהאַט מעהר געלד. וויפֿיל עס איז געוועזען נייטיג פֿאַר אַזאַ אַרט לעבען, האָבען עס אַוועקגע-געבען פֿאַר די „געמיינשאַפֿטליכע אַנגעלעגענהייטען"—די ביבליאָטעק, דער רוסישער זשורנאַל, וואָס מי האָט געהאַלטען ביים אַרויסגעבען און די אונ-טערשטיצונג פֿון פֿאַרשידענע אַרבייטער-צייטונגען פֿון דער שווייץ. וואָס אָנגעהערט זייער קליידונג, איז זי געוועזען אַזעלכע, דאָס ווייניגער האָט זי שוין ניט געקאָנט קאָסטען. פּושקין האָט געשריבען אין אַ גוט באַקאַנטען פֿערז: „וואָס פֿאַר אַ הוט פּאַסט דען ניט אַ מיידעל פֿון זעכצעהן יאָהר?" אונזערע מיידלאַך אין צוריך האָבען אויסגעזעהען צו שטעלען מיט שטאָלץ דיזע פֿראַגע צו די באַפֿעלקערונג פֿון די אַלטע שטאָדט: „קען דען זיין אַן איינפֿאַכקייט אין קליידונג, וועלכע פּאַסט ניט אַ מיידעל, ווען זי איז יונג, אינטעליגענט און פֿול מיט ענערגיע?"

ביי אַלעם דעם האָט דיזע קליינע געמיינדע נעאַרבייט שווערער ווי אירגענד וועלכע אַנדערע סטודענטען האָבען אַמאָל געאַרבייט זייט אוני-ווערזיטעטען עקזיסטירען און די פּראָפֿעסאָרען פֿון צוריך זיינען קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען, צייגענדיג דעם פֿאָרטשריט, וואָס די רוסישע פֿרויען, סטודענטען האָבען געמאַכט, אַלס ביישפּיל פֿאַר די מענער-סטודענטען.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן, אָרער קורץ: „די אינטערנאַציאָנאַלע" איז דאַמאָלס געווען אין איהר רעכטען בליהען. גרויסע האָפנונגען האָבען ערוואַכט אין די יאָהרען 1840—48 אין די הערצער פון די אייראָפּעאישע אַרבייטער. נור יעצט פאַנגען מיר אָן צו בעגרייפען, וואָס פאַר אַ גרויסע מאַסע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז פאַרשפּרייט געוואָרען אין יענע יאָהרען פון די סאָציאַליסטען פון אַלע שולען — די קריסטליכע סאָציאַליסטען, שטאַאַטס־סאָציאַליסטען, פוריעריסטען, סאַנט־סימאָניסטען, אָווניסטען און אַנדערע. נור יעצט פאַנגען מיר אָן צו פאַרשטעהן די טיפקייט פון דיעזע באַוועגונג און מיר געפינען אויס, וויפיל דאָס, וואָס מיר האָבען געהאַלטען פאַר אָריגינעלעס, איז שוין געזאָגט און ענטוויקעלט געוואָרען—גאַנץ אָפט מיט אַ וואונדערבאַרע גרינדליכקייט—וועהרענד יענע יאָהרען. די רעפּובליקאַנער האָבען פערשטאַנען דאַן אונטער דעם נאָמען „רעפּובליק" עטוואָס גאַנץ אַנדערעס, ווי די דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציאָן פון די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט, וועלכע געהט יעצט אונטער דיעזען נאָמען. ווען מי האָט דאַמאָלס גערעדט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון אייראָפּאַ, האָט מען אונטער דעם פערשטאַנען די ברודערשאַפט פון די אַרבייטער—אַז די קריגס־וואַפען זאָלען אומגעוואַנדעלט ווערען אין ניצליכע ווערקצייג, און דאָס דיעזע ווערקצייג זאָלען פאַרבּרויכט ווערען פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַר דעם בענעפיט פון אַלע. מי האָט ניט גערעדט פון די הערשאַפט פון גלייכהייט בלויז אין פערהעלטניס צום געזעץ, נור הויפּט־זעכליך פון די עקאָנאָמישע גלייכהייט.

דער דורכפאַל פון דעם יוני־אויפשטאַנד אין פּאַריז; די באַזיגונג פון אונגאַרען דורך די אַרמייען פון ניקאָלאַי דעם ערסטען און פון איטאַליען דורך די פראַנצויזען און עסטרייכער און די פירכטערליכע רעאַקציאָן, וואָס האָט זיך נאַכרעם פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ, האָבען גענצליך פאַרניכטעט יענע באַוועגונג. איהר ליטעראַטור, איהרע ערפאָלגען, אפילו איהרע פּרינציפּען פון אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציאָן און אַן אַלוועלטליכע ברידערליכקייט זיינען איינפאַך פערגעסען, פאַרלאָרען געוואָרען, וועהרענד די נעקסטע צוואַנציג יאָהר.

דאָך, דער איינפערשטענדניס צווישען עטליכע פון די ענגלישע אַרבייטער און איניגע דעלעגאַטען פון די פראַנצויזישע אַרבייטער ביי די לאָנדאָנער אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג אין 1866, איז געוואָרען גאַנץ אונערוואַרטעט דער אָנפאַנג פון אַ מעכטיגע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּאַ און האָט איינגעשלאָסען עט־ליכע מיליאָן אַרבייטער. די האָפנונגען, וואָס זיינען געווען טויטט פאַר גאַנ־

צע צוואַנציג יאָהר, האָבען מיט אַמאָל ווידער אויפֿגעוואַכט, ווען עס איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אַן אויפֿרוף צו די אַרבייטער זיך צו פֿאַראייניגען „אָהן אונטערשיעד פֿון גלויבען, געשלעכט, נאַציאָנאַליטעט, ראַסע אָדער פֿאַרב", צו ערקלערען, דאָס „די בעפריייאונג פֿון די אַרבייטער מוז קומען פֿון זיי אַליין" און דורך אַ שטאַרקע, פֿעראייניגטע אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן צו זעהן אָנטרייבען די ענטוויקלונג פֿון דער מענשהייט—ניט אין דעם נאָמען פֿון ליבע, נור אין דעם נאָמען פֿון גערעכטיגקייט, און דעם נאָמען פֿון אַ מאַכט, וואָס געהערט צו אַ קערפֿערשאַפֿט פֿון מענשען, וועלכע ווערען געפֿיהרט פֿון קלאָרען בעוואוסטזיין איבער זייערע צוועקען און שטרעבונגען.

צוויי סטרייקס אין פּאַריז, אין 1868 און 1869, מעהר אָדער וועניגער אונטערשטיצט דורך קליינע בייטרעגע פֿון ענגלאַנד, דייטשלאַנד און שפּאַניען, קליין ווי זיי זיינען געוועזען אַן און פֿיר זיך, זיינען זיי דאָך געוואָרען דער אָנפֿאַנג פֿון אַ מעכטיגע באַוועגונג, וועלכע האָט ערקלערט די סאָלידאַריטעט פֿון אַלע אַרבייטער פֿון אַלע נאַציאָנען, טראָץ די קריגערייען צווישען זייערע רעגירונגען. די אידעע פֿון אַ אינטערנאַציאָנאַלע פֿעראייניגונג פֿון אַלע טריידס און פֿון אַ קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל מיט די הילפֿע פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלע אונטערשטיצונג, האָט בעגייסטערט די גלייכגילטיגסטע אַרבייטער. די באַוועגונג האָט זיך פֿאַרשפּרייט מיט די שנעלקייט פֿון אַ פֿלאַקערענדען פֿייער איבער פֿראַנקרייך, איטאַליען און שפּאַניען, אַרויסרופֿענדיג אין לעבען אַ גרויסע צאָהל פֿון אינטעליגענטע, טהעטיגע און איבערגעגעבענע אַרבייטער און צוציהענדיג צו זיך פֿילע יונגע און אַלטע מענער פֿון די רייכערע און געבילדעטע קלאַסען; און דיעזע מאַכט, וועלכע האָט זיך פֿריהער גאָר קיינעם ניט גע'חלם'ט, איז געוואָרען שטאַרקער פֿון טאָג צו טאָג. ווען דיעזע באַוועגונג וואָלט מיט אַמאָל ניט אָבגעהאַלטען געוואָרען אין איהר ענטוויקלונג פֿון די אונגליק־ברענגענדע פֿראַנצויזיש־דייטשע מלחמה, וואָלטען וואַהרשיינליך פּאַסירט אין אייראָפּאַ גרויסע בעגעבענהייטען, וועלכע וואָלטען אומגעענדערט דעם גאַנצען אויסזעהען פֿון אונזער ציוויליזאַציאָן און וואָלטען אונצווייפֿעלהאַפֿט געגעבען אַ נוטען שטויס פֿאָרווערטס דעם מענשליכען פּראָגרעס. אָבער דער פֿערניכטענדער זיג פֿון דייטשלאַנד איבער פֿראַנקרייך האָט מיט זיך געבראַכט גאַנץ אונאָרמאַלע פֿערהעלטניסע אין אייראָפּא, און זי האָט אָבגעשטעלט פֿאַר אַ פֿערטעל יאָהרהונדערט די נאַטירליכע ענטוויקלונג פֿון פֿראַנקרייך.

צו יענער צייט זיינען פֿאַרשידענע פּלענער איבער די לייזונג פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע געוועזען אין די קעפּ פֿון די אַרבייטער: קאָאָפּעראַציאָן,

פּראָדוקטיווע אַסאָסיאַציאָנען, אונטערשטיצט פּון שטאַאַט, פּאָלקס־באַנקען, אומזיסטע קרעדיט און נאָך און נאָך אַזעלכע פּלענער.

יעדער פּון דיזע פּלענער איז פּאָרגעבראַכט געוואָרען פּאַר די סעקציאָנען פּון די אַסאָסיאיישענס, דאַן פּאַר די לאָקאַל׳ע, נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, וואו זיי זיינען גרינדליך דיסקוטירט געוואָרען. יעדער יעהרליכער קאָנגרעס פּון אַ פּערבאַנד האָט בעדייטעט אַ שריט פּאָרווערטס אין די ענטוויקלונג פּון די אידעען וועגען די גרויסע סאָציאַלע פּראַגע, וועלכע שטעהט נאָך יעצט פּאַר אונז אונגעלייזט.

די מאַסע געדאַנקען, וואָס זיינען אויסגעשפּראָכען און פּאַרברייטעט געוואָרען אויף יענע קאָנגרעסען—אַלע דער רעזולטאַט פּון דעם קאָלעקטיווען געדאַנק פּון די אַרבייטער—איז נאָך ביז יעצט ניט גענוגענד אבגעשעצט געוואָרען. אָבער עס וועט גאָר ניט זיין איבערטריבען, ווען מיר וועלען בעהויפּטען, דאָס אַלע פּלענער פּאַר די סאָציאַלע איבערבויאונג, וועלכע טראָגען יעצט דעם נאָמען: „דער וויסענשאַפּטליכער סאָציאַליזמוס" אָדער „אַנאַרכיזמוס" האָבען זייער אָנפאַנג אין די דיסקוסיאָנען און די רעפּאָרטען פּון די קאָנגרעסען פּון די "אינטערנאַציאָנאַלע". די איינציגע געבילדעטע מענער, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו די באַוועגונג, האָבען נור געבראַכט אין אַ טהעאָרעטישע פּאָרמע די געדאַנקען און שטרעבונגען, וועלכע זיינען פריהער אויסגעדריקט געוואָרען פּון די אַרבייטער אַליין אין די סעקציאָנען און נאַכהער אויף די קאָנגרעסען.

דער קריג פּון 1870—71, האָט געשטערט די ענטוויקלונג פּון דיזע פּעראייניגונג, האָט איהר אָבער ניט אָבגעהאַלטען אין גאַנצען. אין אַלע אינדוסטריעלע מיטעל־פּונקטען אין דעם שווייץ האָבען עקזיסטירט פּילע און זעהר לעבעדיגע סעקציאָנען פּון די אינטערנאַציאָנאַל, און טויזענדע פּון אַרבייטער פּלעגען קומען צו זייערע פערזאַמלונגען, אויף וועלכע עס איז ערקלערט געוואָרען אַ קאַמפּף געגען די עקזיסטירענדע סיסטעם פּון פּריוואַט אייגענטהום אין לאַנד, און אין פּאַבריקען, און אויך דער באַלדיגער סוף פּון די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמע. לאָקאַלע קאָנגרעסען זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פּאַרשידענע טהיילען פּון לאַנד און ביי יעדע אַזעלכע פּערזאַמלונג זיינען דעבאַטירט געוואָרען די שווערסטע פּראָבלעמען פּון די יעצטיגע סאָציאַלע איינריכטונג מיט אַזאַ זאַך־קענטניס, און מיט אַזאַ טיפען בעגריף, פּאַר וועלכען די מיטעל־קלאַסע האָט זיך מעהר געשראָקען, ווי פּאַר די גרויסע צאָהל אנהענגער, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו די סעקציאָנען פּון די „אינטערנאַציאָנאַלע". עס זיינען פּאַרשוואונדען געוואָרען די אייפּערזיכטיגקייטען און די פּאָראורטהיילע, וואָס זיינען ביז דאַן געווען אין

די שווייץ צווישען די איידעלע טריידס (די זייגער מאַכער, די גאָלד שמידען) און די גרעבערע (וועבער און אַנדערע) און וועלכע האָבען זעהר פֿיל גע־שטערט אַ פֿעראייניגטע טהעטיגקייט. די אַרבייטער האָבען באַהויפּטעט יעדעם מאָל מיט אַלץ גרעסערע און אַ גרעסערע פֿעסטקייט, דאָס פֿון די אַלע שפּאַלטונגען, וואָס עקזיסטירען אין די היינטיגע געזעלשאַפֿט, איז די וויכטיגסטע די, וואָס איז דאָ צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, צווישען די, וואָס זיינען די אייגענטהימער פֿון אַל׳ דאָס גוטס אין דער וועלט, און די, וואָס ניט נור, וואָס זיי ווערען געבאָרען אָרימע לייט, נור, וועלכע זיינען פֿערדאַמט אויף זייער גאַנצען לעבען צו פראַצעווען פֿאַר די אייניגע גליקליכע.

איטאַליען, בעזאָנדערס מיטעל און נאָרד איטאַליען, איז געווען פֿול מיט גרופּען און סעקציאָנען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל; די פֿעראייניגונג פֿון איטאַליען האָבען זיי געהאַלטען פֿאַר אַ פוסטע פֿאַנטאַזיע, חאָטש אפילו געאַרבייט דאַפֿיר האָבען די רעפֿאָרמער שוין אַ היבש שטיקעל צייט. די אַרבייטער וואַרען אויפֿגעפֿאָרדערט צו מאַכען זייער אייגענע רעוואָלוציאָן— צו פֿאַרנעהמען די לאַנד פֿאַר די בויערען און די פֿאַבריקען פֿאַר די אַרביי־טער גופא, און צו פֿאַרניכטען די אונטערדריקענדע צענטראַליזירטע אָרגאַ־ניזאַציאָן פֿון׳ם שטאַאַט, וועמעס היסטאָרישע אויפֿגאַבען עס איז תמיד געווען צו בעשיצען און אויפֿצוהאַלטען די עקספּלאָאַטאַציאָן פֿון איין מענשען דורך׳ן אַנדערען.

אין שפּאַניען האָבען עהנליכע אָרגאַניזאַציאָנען בעדעקט קאַטאַלאָ־ניען, וואַלענציא, און אַנדאַלוזיאַ; זיי וואַרען אונטערשטיצט און פֿעראיי־ניגט מיט די מעכטיגע אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען פֿון באַרצעלאָנאַ, וועלכע האָבען שוין דאַמאָלס געהאַט איינגעפֿיהרט דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס טאָג צווישען די בוי־אַרבייטער. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט ניט ווייניגער ווי 80 טויזענד גוט־שטעהענדע שפּאַנישע מיטגלידער; ער האָט אין זיך געהאַט אַלע טהעטיגע און דענקענדע עלעמענטען פֿון דער באַפֿעלקערונג; און דורך דעם, וואָס ער האט זיך ענטשיעדען ענטזאַגט זיך צו מישען אין די פּאָליטישע אינטריגען פֿון 1871—72, האָט זיך דער אינטערנאַציאָנאַל געוואונען אַ שטאַרקע סימפּאַטהיע צווישען דעם המון. פֿון די פֿערהאַנדלונגען פֿון זיינע פראָווינציעלע און נאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, און פֿון די מאַניפֿעסטען וועלכע זיי האָבען אַרויס געלאָזען, האָט מען גע־קאָנט דייטליך זעהען זעהר שטרענג לאָגישע קריטיק פֿון דער יעצטיגער געזעל־שאַפֿט, ווי אויך די וואונדערבאַרע קלאָהרע דאַרלייגונג פֿון דעם אַרבייטער׳ס אידעאַלען.

אין בעלגיען, האָלאַנד, און אפילו אין פּאָרטוגאַל, האָט זיך דיזעלבע באַוועגונג פּערשפּרייט אויף אַזוי וויט, אַז עס זיינען שוין געווען אַריינגע־טראָטען אין דיזען פּערבאַנד די גרויסע מעהרצאָהל און די בעסטע עלע־מענטען פּון די בעלגישע קוילען גרעבער און וועבער.

אין ענגלאַנד האָבען זיך אין דער באַוועגונג אָנגעשלאָסען די אייביג קאָנסערוואַטיווע טרייד־יוניאָנס, ווענינגסטענס אין פּרינציפּ, און אָהנע זיך אויסצושפּרעכען פּאַר'ן סאָציאַליזמוס, וואַרען זיי יעדאָך בערייט צו שטיצען זייערע ברידער פּון'ם קאָנטינענט אין דירעקטען קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל, ספּעציעל אין סטרייקס.

אין דייטשלאַנד, האָבען זיך די סאָציאַליסטען פּעראייניגט מיט די היבש צאָהלרייכע אָנהענגער פּון לאַסאַל'ען און עס איז געלעגט געוואָרען דער ערסטער פּונדאַמענט פּאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. עסטרייך און אונגאַרען האָבען נאָכגעפּאָלגט אויף'ן זעלבען וועג; און אָבוואָהל קיין אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן איז אין פּראַנקרייך צו יענער צייט ניט מעגליך געווען, נאָך דעם פּאַל פּון דער קאמונע און די רעאַקציאָן, וועלכע האָט נאָכגעפּאָלגט (דראַקאָניש בלוטיגע געזעצען זיינען געמאַכט געוואָרען געגען די אָנהענגער פּון אינטערנאַציאָנאַל), איז פּון דעסטוועגען יעדער איבערצייגט געווען, אז דיזע רעאַקציאָנערע פּעריאָדע קען ניט לאַנג אָנ־האַלטען; און אַז פּראַנקרייך וועט זיך אין קורצען ווידער אָנשליסען אָן דער אַסאָסיאַציאָן און וועט זיך שטעלען אין די פּאָדערשטע רייהע.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין צוריך בין איך אַריין אין איינע פּון די סעקציאָנען פּון'ם אינטערנאַציאָנאַל. איך האָב מיך אויך אָנגעפּרעגט ביי מיינע רוסישע פּריינד, וואו קען איך קריעגען גענויע אויסקינפּטע וועגען דיזע גרויסע באַוועגונג פּון די איבעריגע לענדער. „לעז", האָבען זיי מיר געענטפּערט, און מיין שוועגערין, וועלכע האָט דאמאָלס שטודירט אין צוריך, האָט מיר געבראַכט אַ מאַסע ביכער און צייטונגען פּון די לעצטע צוויי יאָהר. איך האָב פּאַרבראַכט גאַנצע טעג און נעכט לעזענדיג, און דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיעפּען איינדרוק, אז קיין זאַך וועט איהם ניט אויסמעקען פּון מיין זכרון; דער שטרוים ניי־ערוואַכטע גע־דאַנקען איז אין מיין גייסט פּערבונדען מיט אַ קליין, ריין הדר'ל אין דער אָבערשטראַסע, פּון וואַנען איך האָב דורך'ן פּענסטער געקענט וואַרפּען אַ בליק אויף די בלויע אָזערע, און איבער די בערג אַריבער, וואו די שווייצאַרען האָבען געקעמפּפט פּאַר זייער פּרייהייט, און אויף די הויכע שפּיצען פּון דער אַלטער שטאָדט, — יענע סצענע פּון אַזוי פּיל רעגיליעזע מלחמות.

די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור איז קיין מאָל אין ביכער ניט רייך געווען. זי ווערט געשריבען פאַר אַרבייטער, ביי ווענען אַ גראָשען איז אַ מ.־בעה, און די הויפּט קראַפֿט איהרע ליגט אין קליינע פּאַמפֿלעטען און צייטונגען. נאָך מעהר, דער וואָס שטרעבט צו ערלערנען דעם סאָציאַליזמוס, קען אין ביכער ניט פֿיל אויסגעפֿינען; זיי ענטהאַלטען די טהעאָריעס און די וויסענשאַפֿטליכע אַרגומענטען צום גונסטען פֿון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען, אָבער זיי גיבען אייך קיין בעגריף ניט, ווי אַזוי די אַרבייטער נעהמען אויף די סאָציאַליסטישע אידעען, און ווי אַזוי דיזע אידעען קענען פֿאַרווירקליכט ווערען. אַלעס, וואָס מי קען טאָהן, איז נעהמען גאַנצע פּעק צייטונגען און זיי דורכזעהן,—די נייעס עבען אַזוי, ווי די לייט אַרטיקעל, די ערשטע נאָך פֿילייכט בילכער, ווי די לעצטע. אַזאַ מין לעזען ענטפּלעקט פֿאַר אייך אַ ציעמליך נייע וועלט פֿון סאָציאַלע פֿערהעלטניסע און מעטאָדען פֿון דענקען און טהון; עס גיט אייך אַ מעגליכקייט אויסצוגעפֿינען דאָס, וועלכעס מי קען אַנדערסוואו ניט געפֿינען, — נעמליך, די טיפֿקייט און די מאָראַלע קראַפֿט פֿון דער באַוועגונג, די שטופֿע, ביז ווי ווייט די מענשען זיינען אָנגעהויכט מיט די נייע טהעאָריעס, זייער בערייטוויליגקייט זיי מוציא מבוח על הפועל צו זיין אין זייער טעגליכען לעבען און צו ליידען פֿאַר זיי. אַלע דיסקוסיאָנען וועגען די אומפּראַקטישקייט פֿון׳ם סאָציאַליזמוס און די נויטיגע לאַנגזאַמקייט פֿון עוואָלוציאָן האָבען אַ קנאַפּען ווערטה, ווייל די שנעלקייט פֿון עוואָלוציאָן קען נור דאַן געאורטהיילט ווערען, ווען מי שטודירט גענוי די מענשליכע וועזען פֿון וועמעס עוואָלוציאָן מי רעדט. ווי אַזוי קענען מיר זיך משער זיין אַ סומע ניט האָבענדיג קיין בעגריף פֿון די טהיילען, פֿון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט?

וואָס מעהר איך לעז, אַלץ מעהר געפֿין איך אויס, אַז פֿאַר מיר איז דאָס אַלעס געווען אַ נייע וועלט, מיר אַליין אומבעקאַנט, און גענצליך אומבעקאַנט צו די געלערענטע פּראָפֿעסאָרען פֿון סאָציאָלאָגישע טהעאָריען, — אַ וועלט, מיט וועלכע איך האָב מיך געקענט בעקענען נור לעבענדיג אין דעם אַרבייטער פֿערבאַנד און זיך צוזאַמענקומענדיג מיט די אַרבייטער אין זייער טעגליכען לעבען. איך האָב מיך דאַרום ענטשלאָסען צו פֿאַרברײנגען עטליכע מאָנאַט אין אַזאַ לעבען. מיינע רוסישע פֿריינדע האָבען מיר צוגעגעבען מוטה, און אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אָבגעפֿאָהרען פֿון צוריך קיין ושענעוואַ, וועלכע איז דאַן געווען אַ גרויסער צענטער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג.

דער פּלאַץ, וואו די ושענעוואַ סעקציאָנען פֿלעגען זיך פֿאַרזאַמלען, וואַר דער גרויסער מאַזאָניק טעמפּעל אוניק. איבער צוויי טויזענד פּערזאָן

האבען זיך געקענט צוזאַמענקומען אין דעם גרויסען זאַל, ביי די אַלגעמיינע פֿערזאַמלונגען, און יעדען אבענד פֿלעגען שטאַטפֿינדען מיטינגס פֿון סעקציאָנען און קאָמיטעס אין זייטיגע צימער, אָדער קלאַסען אין היסטאָריע, פֿיזיקע, אינזשיניערסטוואָ און דערגלייכען. דאָרטען וואַרען די אַרבייטער אונטעריכטעט פֿון די עטליכע, זעהר וועניגע מיטעל־קלאַס מענשען, וועלכע האָבען זיך אָנגעשלאָסען אין דער באַוועגונג, גרעסטענטהיילס פֿראַנצויזישע פֿליכטלינגע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. דאָס וואַר אַ פֿאָלקס אוניווערזיטעט און אַ פֿאָלקס מאַרק צוזאַמען.

איינער פֿון די הויפּט פיהרער פֿון דער בעוועגונג אין דיעזען טעמפּעל וואַר אַ רוסע, ניקאָלאַי אוטין,—אַ שאַרפֿזיניגער, טהעטיגער און פֿעהיגער מאַן; און די אמת׳ע זעלע פֿון דער בעוועגונג איז געווען אַ העכסט סימפּאַטהישע רוסישע דאַמע, וועלכע איז געווען בעקאַנט אומעטום צווישען די אַרבייטער אַלס מאַדאַם אָלגאַ, זי וואַר די אַרבייטענדע קראַפֿט אין אַלע קאָמיטעס.ביידע, אי אוטין, אי מאדאַם אָלגאַ האָבען מיר זעהר הערצליך אויפֿגענומען, האָבען מיר בעקאַנט געמאַכט מיט אַלע טהעטיגע מענשען אין די פֿראַקציאָנען פֿון די פֿערשידענע טריידס, און האָבען מיך איינגעלאַדען צו די קאָמיטע זיצונגען. איך האָב זיי בייגעוואוינט, אָבער איך האָב ליעבער געוואָלט צוזאַמענקומען מיט די אַרבייטער גופא. בעשטעלענדיג אַ גלאָז זויערען ווייִן ביי אַ טישעל אין׳ם גרויסען זאַל, פֿלעג איך דאָרט זיצען יעדען אָבענד צווישען די אַרבייטער, און איך האָב מיך באַלד בעפֿריינדעט מיט פֿילע פֿון זיי, און בעזאָנדערס מיט אַ מויערער פֿון עלזאַס, וועלכער איז אַוועק פֿון פֿראַנקרייך נאָך׳ן קאָמונע אויפֿשטאַנד. ער האָט געהאַט קינדער, אין דעם עלטער פֿון די צוויי קינדער, וועלכע מיין ברודער האָט מיט עטליכע מאָנאַט פֿריהער אַזוי פלוצלונג פֿאַרלאָרען, און דורך די קינדער בין איך שנעל געוואָרען אַ הויז פֿריינד אין דער פֿאַמיליע און איהרע פֿריינד. אַזוי אַרום, וואר איך אימשטאַנדע זיך צו באַקענען מיט דער בעוועגונג פֿון אינעווייניג און אויסצוגעפֿינען דעם אַרבייטערס מיינונג איבער איהר.

די אַרבייטער האָבען געלייגט די גרעסטע האָפֿנונגען אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער בעוועגונג. יונג און אַלט פֿלעגען זיי אָנפֿילען דעם טעמפּעל אוניק נאָך זייער לאַנגען טאָג אַרבייט, אום צו כאַפּען עטליכע ברעקלעך פֿון דעם אונטעריכט, וואָס זיי האָבען דאָרט געקראָגען, אָדער צוהערען זיך צו די רעדנער, וועלכע האָבען זיי צוגעזאָגט אַ העריליכע צוקונפֿט, וואָס וועט זיין געגרינדעט אויף דעם אַלגעמיינעם בעזיץ פֿון אַלעם דעם וואָס דער מענש ברויכט אום צו פּראָדוצירען רייכטהימער, און אויף־

דער פֿערברידערליכקייט פֿון די מענשען, אָהן אונטערשיעד צו וועלכען לאַנד, צו וועלכער ראַסע אָדער נאַציאָנאַליטעט זיי בעלאַנגען. אַלע האָבען געהאָפֿט, אַז אָט־אָט קומט אָן אַ גרויסע רעוואָלוציאָן, פֿריעדליך אָדער ניט פֿריעדליך, וועלכע וועט אין גאַנצען אומענדערען די עקאָנאָמישע לאַגע. קיינער האָט ניט געוואָלט קיין קלאַסען קריג, אָבער אַלע האָבען זיי געזאָגט, אַז אויב די הערשענדע קלאַסען וועלען דורך זייער בלינדע האַרטנעקיגקייט דאָס מאַכען אונפֿערמיידליך, דאַן מוז דער קאַמפּף אויסגעקעמפּפֿט ווערען, אַבי דאָס זאָל ברענגען וואוילזיין און פֿרייהייט פֿאַר די אונטערדריקטע מענשהייט.

מי האָט געמוזט לעבען צווישען די אַרבייטער אום צו קענען בעגרייפֿען די ווירקונג, וועלכע דער פֿלעגליבער וואוקס פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אויף זייער גייסט—דעם פֿערטרויען, וועלכען זיי האָבען איהם געשענקט, די ליבשאַפֿט, מיט וועלכער זיי האָבען פֿון איהם גערעדט, די אָפּפֿער, וועלכע זיי האָבען פֿאַר איהם געבראַכט. יעדען ליבען טאָג, וואָך איין, וואָך אויס, יאָהר איין און יאָהר אויס, האָבען טויזענדער אַרבייטער אוועקגעגעבען זייער צייט און זייער געלד, אָפֿט הונגערענדיג, אַבי נור אויפֿצוהאַלטען זייער גרופּע, צו פֿערזיבערען די עקזיסטענץ פֿון די צייטונגען, צו דעקען די אויסגאַבען פֿון די קאָנגרעסען, צו אונטערשטיצען די קאַמעראַדען, וועלכע האָבען געליטען צוליב דעם אינטערנאַציאָנאַל—און אפילו אום אימשטאַנד צו זיין בייצוואוהנען די פֿערזאַמלונג און די דעמאָנסטראַציאָנען. נאָך אַ זאַך, וועלכע האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק, וואַר דער ערהאַבענער איינפֿלוס, וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אויסגעאיבט אויף זיינע מיטגלידער, די מיינסטע פֿון די פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַליסטען האָבען כמעט אין גאַנצען אויפֿגעהערט טרינקען און רויכערען: „צו וואָס זאָל איך האָדעווען דיעזע שוואַכקייט אין מיר?" האָבען זיי געטענה'עט. דאָס נידריגע און קליינליכע איז פֿערשוואונדען אום צו מאַכען פלאַץ פֿאַר די גרויסאַרטיגע, ערהאַבענע בעגייסטערונג.

דער זייטיגער מענש קען קיין מאָל ניט באַגרייפֿען ווי וויט דער אַרבייטער איז זיך מקריב אום אויפֿצוהאַלטען די אַרבייטער באַוועגונג. מי האָט געברויכט ניט ווייניג מאָראַלען מוטה זיך אָפּען אָנצושליסען אָן אַ סעקציאָן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל, און אויסצושטעהן די אונצופֿרידענהייט פֿון'ם באָס, וועלכער האָט נור געזוכט אַ געלעגענהייט אייך אין גאַנצען ארויסצוואָגען פֿון שאַפּ. נור אפילו שוין אונטער די בעסטע אומשטענדען, פֿאָדערט דאָס בעלאַנגען צו אַ טרייד יוניאָן אָדער צו אירגענד וועלכער פֿאָרטגעשריטענער פּאַרטיי, פֿיעלע אָפּפֿער. די עטליכע פּענים, וואָס ער

גיט אַוועק פֿאַר די זאַכע, לאָזען זיך אויך שטאַרק פֿיהלען אין דער מאָגערער קעשענע פֿון דעם אייראָפּייעשען אַרבייטער, און פֿיעלע פענים האָבען געמוזט יערע וואָך אַוועקגעגעבען ווערען. בעזוכען פֿערזאַמלונגען פֿאַלט דעם פֿאַרהאָרעוועטען אַרבייטער אויך ניט וועניג שווער. פֿאַר אונזער איינעם קען זיין איז עס אַ פֿאַרגעניגען צו פֿאַרברייגגען אַ פּאָר שעה ביי אַ פֿערזאַמלונג, אָבער פֿאַר אַ מענשען, ביי וועמען דער טאָג אַרבייט הויבט זיך אָן פֿון פֿינף אָדער זעקס אוהר אין דער פריה, מוזען אַזעלכע שטונדען אָבגעריסען ווערען פֿון זיין נויטוועגדיגער רוהע.

איך האָב תמיד געפֿיהלט דיעזע איבערגעבענהייט אַלס אַ פֿאָרוואורף. איך האָב געזעהען ווי געגאַרט די אַרבייטער האָבען צו לערנען, און ווי וועניג עס וואַרען די, וואָס האָבען זיך פֿרייוויליג אונטערגענומען זיי צו העלפֿען. איך האָב געזעהען ווי נויטיג די אַרבייטער מאַסען האָבען געברויכט די הילפֿע פֿון די מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אי בילדונג אי פֿרייע צייט, און זייער שטרעבען צו פֿאַרשפרייטען און צו ענטוויקלען די אָרגאַניזאַציאָן; אָבער געצעהלט וואַרען די, וועלכע האָבען זיך אָבגערופֿען אויף דיעזען הילפֿס־רוף אויסער בעת זיי האָבען געוואָלט אַרויסשלאָגען פּאָליטישען קאַפּיטאַל פֿון דיעזער הילפֿלאָזיגקייט גופה! מעהר און מעהר האָב איך אָנגעהויבען פֿיהלען אַז איך בין געצוואונגען צו טהיילען מיין שיקזאַל מיט זיי. סטעפּניאַק זאָגט אין זיין „קאַריערע פֿון אַ ניהיליסט", אַז יעדער רעוואָלוציאָנער האָט אַ מאָמענט אין זיין לעבען, ווען אַ געוויסער אומשטאַנד, מעגליך גאַנץ אומבעדייטענד אין זיך זעלבסט, האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל שווערען זיך איבערצוגעבען צו דער זאַכע פֿון רעוואָלוציאָן.

איך ווייס דיעזען מאָמענט; איך האָב איהם דורכגעלעבט נאָך איינער פֿון די פֿערזאַמלונגען פֿון׳ם טעמפּעל אוניק, בשעת איך האָב מעהר ווי תמיד דערפֿיהלט, ווי טרויעריג עס זיינען די געבילדעטע מענשען, וועלכע קענען זיך ניט ענטשליסען צו טהיילען זייער בילדונג, זייער ענערגיע, זייער וויסען מיט די אומגליקליכע, וועלכע נויטיגען זיך אין דעם אַזוי שטאַרק. „אָט זיינען מענשען", האָב איך מיר געזאָגט, „וועלכע זיינען בעוואוסט אין זייער קנעכטשאַפט וועלכע שטרעבען זיך צו בעפֿרייען דערפֿון; אָבער וואו זיינען די העלפֿער? וואו זיינען די, וועלכע זאָלען קומען דינען די מאַסען—ניט זיי געברויכען פֿאַר זייערע אייגענע שמוציגע צוועקען?"

ביסלעכווייז אָבער האָט אין מיין קאָפּ זיך גענומען אַריינ׳גנב׳ענען אַ שטיקעל ספק אין בעצוג אויף די אַגיטאַציאָן, וועלכע איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען אין׳ם טעמפּעל אוניק. איין אויף דער נאַכט, איז אַ בעוואוסטער

אַדוואָקאַט פֿון זשענעוואַ געקומען אויף'ן מיטינג און האָט ערקלערט, אַז די אורזאַכע פֿאַרוואָס ער האָט זיך שוין בעפֿאָר ניט אָנגעשלאָסען אין'ם אינטערנאַציאָנאַל וואַר, מחמת ער האָט אַפֿריהער געמוזט זיינע אייגענע עסקים אין אָרדנונג ברענגען; און יעצט אַזוי שנעל, ווי דאָס איז באַזאָרגט געוואָרען, איז ער געקומען אנטהייל נעמען אין דער אַרבייטער באַוועגונג. דיזע ציניִשע ערקלערונג האָט מיר אַריינגעיאָגט אַ שוידער אין לייב, און ווען איך האָב מיך מכח דעם דורכגערעדט מיט מיין פֿריינד, דעם מויערער, האָט ער מיר ערקלערט, אַז דיעזער הער, דורכפֿאַלענדיג ביי די לעצטע וואַהלען, בעת ער האָט גערעכענט אויף די הילפֿע פֿון דער ראַדיקאַלער פאַרטיי, האָפֿט יעצט ערווילט צו ווערען מיט די הילפֿע פֿון די אַרבייטער. „דערווייל פאָלזעווען מיר זיך מיט דעם, וואָס זיי קענען אונז לייסטען", האָט מיין פֿריינד געענדיגט, „אָבער, ווען די רעוואָלוציאָן קומט, וועט אונזער ערסטע אַרבייט זיין מיט זיי צו שלאָגען כפרות".

דאַן איז געקומען אַ גרויסע פֿערזאַמלונג, צוזאַמענגערופֿען אויף גיך, צו פראָטעסטירען געגען „די פֿערלוימדונגען" פֿון'ם „זשורנאַל דע זשענעוואַ," דיעזער אָרגאַן פֿון די געלד־קלאַסע פֿון זשענעוואַ האָט זיך ערלויבט טרעפֿען, אַז אין'ם אַרבייט'ס טעמפעל קומט פֿאָר עפעס אַ טרעוואָגע, און אַז די בוי־אָרגאַניזאַציאָנען געהן ווידער אַמאָל אַרויסרופֿען אַן אַלגעמיינעם סטרייק, פונקט אַזוי ווי זיי האָבען עס געטאָהן אין 1869. די פֿיהרער פֿון'ם טעמפעל האָבען דיעזע פראָטעסט פֿערזאַמלונג איינבערופֿען. טויזענדער אַרבייטער האָבען אָנגעפֿיעלט דעם זאַאַל, און אוטין האָט זיי אויפֿגעפֿאָרדערט צו פאַסען אַ רעזאָלוציאָן, וועלכע איז מיר פֿאָרגעקומען קאָמיש אין איהר צוזאַמענשטעלונג. זי האָט ענטהאַלטען אַ שטאַרקען פראָטעסט געגען דעם זשורנאַל דערפֿאַר, וואָס יענער האָט געוואַגט „באַליידיגען" די אַרבייטער דערמיט, וואָס זיי ווילען אַרויסרופֿען אַ סטרייק. „וואו ליגט דאָ די פֿערלוימדונג?" האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט. „איז עס דען אַ פֿאַרברעכען צו סטרייקען?" אוטין האָט אין גיכען געענדיגט זיין רעדע מיט דיעזע ווערטער: „אויב איהר שטימט איין מיט דיעזער רעזאָלוציאָן, בירגער, שיק איך זי גלייך אַוועק אין די פרעסע." ער האָט שוין געוואָלט פֿאַרלאָזען די פלאַטפֿאָרמע, אָבער אימיצער פֿון דער מאַסע האָט פֿאָרגעשלאָגען, אַז ס'וואָלט ניט געשאַדעט די פֿראַגע צו דיסקוטירען; און דאַן האָבען זיך אויפֿגעהויבען די פֿאָרשטייער פֿון די בילדינגס טריידס, איינער נאָך'ן אַנדערען, און האָבען ערקלערט, אַז דער אַרבייטס לוין איז אין דער לעצטער צייט אַזוי קליין, אַז מי קען קוים מאַכען אַ לעבען; אַז מיט'ן אָנהויב פֿריהלינג איז דער סיזאָן פֿון זייער אַרבייט, און מיט דעם וואָלטען זיי זיך געברויכט

פּאָלזעווען און פֿאָרדערען אַ העכערען לוין; און אויב מי וועט זייער פאָר־דערונג ניט נאָכגעבען, דיינקען זיי אַרויסצורופֿען אַן אַלגעמיינעם סטרייק.

מיך האָט עס געברענט, און אויף'ן צווייטען טאָג האָב איך אוטין'ען שטאַרק פֿאָרגעוואָרפֿען פֿאַר זיין אויפֿפֿיהרונג. „אַלס אַ פֿיהרער", האָב איך איהם געזאָגט, „האָסטו אייגענטליך געזאָלט וויסען אַז עס איז ווירקליך גערעדט געוואָרען מכח א סטרייק." אין מיין אונשולדיגקייט האָב איך גאָר ניט פֿאַרדעכטיגט די אמת'ע כונה פֿון די פֿיהרערס, און טאַקי אוטין אַליין האָט מיר געגעבען צו פֿאַרשטעהן, אַז אַ סטרייק צו יענער צייט וואָלט געווען אַן אומגליק פֿאר די עלעקשען פֿון דעם אַדוואָקאַט, דעם הערען א—.

ווי אַזוי עס ראַימען זיך די פּאָליטישע דריידלאַך פֿון די פֿיהרער מיט זייערע ברענענדע רעדעס, וועלכע איך האָב געהערט פֿון דער פלאַטפֿאָרמע האָב איך בשום אופן ניט געקענט פֿאַרשטעהן. מיר איז גע־וואָרען אומעדיג אויף'ן האַרצען, און איך האָב גערעדט מיט אוטין'ען וועגען מיין בעגעהר בעקאַנט צו ווערען מיט דער צווייטער סעקציאָן פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל אין זשענעוואַ, וועלכע האָט געהייסען די באַקוניסטישע; דער נאָמען „אַנאַרכיסט" איז דאַמאָלס נאָך וועניג געברויכט געוואָרען. אוטין האָט מיר גלייך רעקאָמענדירט צו ניקאָלאַי זשוקאָפסקין, וועלכער האָט בעלאַנגט צו יענער סעקציאַן, און מיר קוקענדיג גלייך אין די אויגען אַריין, האָט ער מיט אַ זיפֿץ אַ זאָג געטאָהן: „נו, דו וועסט שוין צו אונז ניט צוריק קומען; דו וועסט שוין ביי זיי בלייבען".

גלייך די האַרץ וואָלט איהם געזאָגט.

פֿערטער טהייל.

איך בין פריהער אַוועק אין נייישאַטעל און דאַן האָב איך פערבראַכט אַן אַכט טאָג צווישען די וייגערמאַכערס אין די זשורא בערג. אַזוי אַרום האָב איך געמאַכט מיין ערשטע בעקאַנטשאַפֿט מיט יענער באַריהמטער זשורא פֿעדעראַציאָן, וועלכע האָט פֿאַר די נעקסטע עטליכע יאָהר געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פֿון סאָציאַליזמוס, אַריינברייננגענדיג אין איהם די ניט רעגירונג, אָדער די אַנאַרכיסטישע טענדענץ.

אין 1872, האָט די זשורא פֿעדעראַציאָן רעבעלירט געגען די אויטאָריטעט פֿון'ם אַלגעמיינעם פֿערוואַלטונגס-ראַטה פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל. דער אינטערנאַציאָנאַל איז אין זיין תוך גופא געוועזן אַן אַרבייטער בעוועגונג; אַזוי האָבען איהם די אַרבייטער פֿאַרשטאַנען, ניט אַלס אַ פּאָליטישע פּאַרטיי. למשל, אין אָסט בעלגיע האָבען זיי געהאַט אַ ספּעציעלען פּאַראַגראַף אין זייער קאָנסטיטוציאָן, לויט וועלכען עס וואַר פֿאַרבאָטען אַריינצונעהמען אין די סעקציאָנען אַ מיטגליעד וואָס איז ניט קיין האַנד אַרבייטער; אפילו פֿאָרלייט זיינען ניט אַריינגענומען געוואָרען אַלס מיטגלידער.

נאָך מעהר, די אַרבייטער זיינען געוועזן אין פּרינציפּ פֿעדעראַליסטיש. יעטווידע נאַציאָן, יעדע געגענד, און אפילו יעדע לאָקאַלע סעקציאָן

האָבען געמוזט האָבען די פֿאָלשטענדיגע פֿרייהייט זיך צו ענטוויקד־
לען לויט נאָך זייערע אייגענע אומשטענדען נאָך. אָבער די מיטעל־קלאַסע
רעוואָלוציאָנערען פֿון דער אַלטער שוהלע, וועלכע זיינען אַריין אין׳ם אינ־
טערנאַציאָנאַל, זייענדיג אָנגעזאַפּט מיט די אידעען פֿון די צענטראַליזירטע,
פּיראַמידאַלע סעקרעטנע אָרגאַניזאַציאָנען פֿון די פֿריהערדיגע צייטען, האָ־
בען אַריינגעבאַפּט די זעלבע אידעען אין׳ם אינטערנאַציאָנאַל, גופא. אַ חוץ
דעם פֿעדעראַלען און נאַציאָנאַלען פֿערוואַלטונגס־ראַטה, איז נאָך נאָמינירט
געוואָרען אַן אַלגעמיינער ראַטה אין לאָנדאָן, וועלכער האָט געזאָלט דיענען
אַלס אַ מין פֿאַרמיטלער צווישען די פערשידענע נאַציאָנען. מאַרקס, ענגעלס
וואַרען זיינע לייטענדע גייסטער. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויס געשטעלט,
אַז שוין דער פֿאַקט אַליין, אַז ס׳איז פֿאַראַנען אַזאַ צענטראַלע קאָמיטע, איז
געוואָרען די אורזאַכע פֿון אַ גרויסער אומבעקוועמליכקייט. דער אַלגעמיינער
ראַטה האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט זיין ראָלע אַלס קאָרעספּאָנדענץ ביוראָ;
ער האָט געשטרעבט צו בעהערשען די גאַנצע בעוועגונג, גוט צו הייסען
אָדער צו פֿאַרדאַמען די טהעטיגקייט פֿון די לאָקאַלע פֿעדעראַציאָנען און
סעקציאָנען, און אפילו פון איינציגע מיטגלידער. בעת דער קאָמונע אויפֿ־
שטאַנד איז ענטשטאַנען אין פּאַריז — און „די פֿיהרער זעלבסט האָבען גע־
מוזט געפֿיהרט ווערען", אָהנע צו וויסען וואו זיי וועלען לאַנדען די נעקסטע
24 שטונדען — האָט דער אַלגעמיינער פֿערוואַלטונגס־ראַטה ניט אַנדערש
געוואָלט אָנפֿיהרען די קאָמונע פֿון לאָנדאָן אויס. ער האָט געפֿאָרדערט טעג־
ליכע בעריכטען מכוח די עראייגניסע, האָט געגעבען באַפֿעהלע, האָט גוט
געהייסען דאָס און פֿאַרבאָטען דאָס אַנדערע, און האָט אַזוי אַרום קלאָהר
געמאַכט פֿאַר דער וועלט דעם אונזין פֿון אַ הערשענדער קערפּערשאַפֿט,
אפילו אין דער אַסאָסיאַציאָן גופֿא.

דיעזערווידערשפּרוך האָט זיך נאָך דייטליכער אַרויסגעשטעלט ביי
דער סעקרעטנער קאָנפֿערענץ פֿון 1871, בעת דער אַלגעמיינער ראַטה האָט
בעשלאָסען אָנצואווענדען די קראַפֿט פֿון׳ם אינטערנאַציאָנאַל אין׳ם וואַהל־
קאַמפּף. דאָס האָט פֿיעלע געטריבען נאָכצודענקען מכוח די איבלען פֿון
אירגענד וועלכע רעגירונג, ווי דעמאָקראַטיש איהר אורשפּרונג זאָל ניט זיין.
דאָס איז געווען דער ערשטער פֿונק פֿון אַנאַרכיזמוס. די זשורא פֿעדעראַ־
ציאָן איז געוואָרען דער הויפּט פּונקט פֿון דער אָפּאָזיציאָן געגענאיבער דאָס
אַלגעמיינע ראַטה־קאָמיטע.

די פרעמדקייט צווישען די פֿיהרער און די אַרבייטער וועלכע איך
האָב באַמערקט אין זשענעוואַ אין׳ם טעמפּעל אוניק, האָט אין די זשורא
בערג ניט עקזיסטירט. עס זיינען געווען מענשען וועלכע וואַרען אינטעלי־

גענטער, און ספעציעל, טהעטיגער פֿאַר די אַנדערע, אָבער קיינע פֿיהרער ווארען זיי ניט. זשיימס גיליאם, איינער פֿון די ברייט געבילדעסטע מענשען, וואָס איך האָב ווען באַגעגענט, איז געווען אַ בעל מגיה און דער מענעדזשער פֿון אַ קליינע דרוקעריי. ער האָט דערביי אזוי ווייניג פֿאַרדינט, אַז ער האָט געמוזט אויפֿזיצען נעכט און איבערזעצען דייטשע ראָמאנען אין'ם פֿראַנצויזישען און דאַפֿיר האָט ער געקראָגען אַכט פֿראַנק פֿאַר זעכצען זייטלעך!

בעת איך בין אַנגעקומען אין ניישאַטעל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער קען אפילו ניט אָבשפּאָרען קיין שטונדע צייט פֿאַר אַ פֿריינדליכען געשפּרעך. גראַד יענעם אָוענד האָט די דרוקעריי ארויסגעגעבען אַ לאָקאַלע צייטונג, און אַ חוץ זיינע געוויינליכע אַרבייט אַלס בעל מגיה און מיט-רעדאַקטאָר, האָט ער נאָך געמוזט שרייבען די אַדרעסען, פֿון אַ וועלכע טויזענד פערזאָן און אַליין אַרויפֿקלעפּען די ראַפּערס.

איך האָב געוואָלט העלפֿען שרייבען אַדרעסען, אָבער דאָס וואַר ניט מעגליך מחמת ער האָט זיי געשריבען אָדער פֿון זכרון, אָדער קאָפּירט פֿון שטיקלעך פּאַפּיער וועלכע קיינער אויסער איהם אַליין איז ניט געווען בריה גענוג איבערצולעזען. „ווייסטו וואָס?" האָב איך איהם געזאָגט, „איך וועל אַריינקומען צו דיר נאכמיטאָג און אַרויפֿקלעפּען די אַדרעסען און דו וועסט מיר געבען דאָס ביסעל צייט, וואָס איך וועל דיר אזוי אַרום איינשפּאָרען.

מיר האָבען זיך איינער דעם אַנדערען פֿערשטאַנען. גיליאָם האָט מיר וואַרים געדריקט די האַנד, און דאָס וואר דער אָנהויב פֿון אַן איביגער פֿריינדשאַפֿט. מיר האָבען דעם גאַנצען נאָכמיטאָג פֿאַרבראַכט אין דער דרוקעריי, ער שרייבענדיג און איך קלעפּענדיג די אַדרעסען, און אַ פֿראַנצויזישער קאָמונאַר האָט מיטגעהאלטען מיט אונז ביידען, בעת ער האָט געהאַלטען אין זעצען אַ ראָמאַן, אונטערהאַפּענדיג זיין געשפּרעך מיט די שורות, וועלכע ער האָט אויסגעזועצט און וועלכע ער פֿלעגט איבערזאָגען אויף'ן קול.

„דער קאַמפּף אין די גאַסען", פֿלעגט ער זאָגען, „איז געוואָרען זעהר שטאַרק"... „מיין טהייערע מערי, איך ליעב דיך"... די אַרבייטער וואַרען ווילד פֿון כעס און האָבען געקעמפּפֿט ווי די לייבען ביין מאָנטמאַרטר... „און ער איז פֿאַר איהר געלעגען אויף די קניע"... „און דאָס האָט אָנגעהאַלטען פֿיער טעג. מיר האבען געוואוסט, אַז גאַליפֿע דערשיסט אַלע געפֿאַנגענע, — נאָך שוידערהאַפֿטער וואַר דער קאמפּף", און אַזוי ווייטער, דערציילענדיג און אַרויסהאַפּענדיג דעם זאַץ פֿון קאַסטען אַרויס אין דערזועלבער צייט.

עס וואַר שוין שפּעט אין אָבענד, בעת גיליאָם האָט פֿון זיך אַראָבגעוואָרפֿען די אַרביטער בלוזע און איז מיט מיר אַרוים אויף אַ שעה צוויי זיך דורכריידען; נאָכהער האָט ער זיך גלייך ווידער געמוזט נעהמען צו דער אַרבייט אַלס רעדאַקטאָר פֿון'ם „בולעטין" פֿון דער זשוראָ פֿעדעראַציאָן.

אין ניישאַטעל בין איך אויך באַקאַנט געוואָרען מיט מאַלאָן. ער איז געבוירען געוואָרען אין אַ דערפֿעל און אַלס קינד איז ער געווען אַ פּאַסטוך. נאָכהער איז ער געקומען קיין פּאַריז, האָט זיך אויסגעלערענט אַ מלאכה,—קאָרב־פֿלעכטעריי, און ווי דער בוכבינדער וואַרלין און דער סטאָליאַר פּינדי, מיט וועלכע ער איז געווען צוזאַמען אין'ם אינטערנאַציאָנאַל, איז ער אויך בעריהמט געוואָרען אַלס איינער פֿון די פֿיהרער פֿון דער אַסאָסיאַציאָן בעת זי וואַר פֿערפֿאָלגט פֿון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען אין 1869. זיי אַלע דריי זיינען זעהר בעליעבט געוואָרען ביי די פּאַריזער אַרבייטער, און ווען די קאָמונע איז אויסגעבראָכען זיינען זיי ערווילט געוואָרען צום קאָמונע־ראַטה מיט אַ גרויסע צאָהל שטימען. מאַלאָן איז אויך געווען מעיר פֿון איינעם פֿון די פּאַריזער דיסטריקטען. יעצט אין שווייצאַריע האָט ער זיך פֿאַרדינט זיין חיונה אַלס קאָרב־פֿלעכטער. פֿאַר עטליכע פּעניס אַ מאָנאַט האָט ער געדונגען אַ קליין שטיקעל שטעלבעל אויס'ן שטאָדט, אויף אַ באַרג, און זיצענדיג דאָ ביי דער אַרבייט, האָט ער אין דער זעלבער צייט געקענט געניעסען דאָס פּראַכטפֿאָלע בילד פֿון דער ניישאַטעל אָזערע. ביי נאַכט פֿלעגט ער שרייבען בריעף, אַ בוך איבער די קאָמונע, קורצע אַרטיקלען פֿאַר די אַרבייטער צייטונגען, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרען אַ שרייבער.

איך פֿלעג איהם געהן זעהן יעדען טאָג, און אויסהערען, וואָס דיעזער ברייט־פּנים־דיגער, פֿלייסיגער, עטוואָס פּאַטעטישער, רוהיגער און העכסט גוטהערציגער קאָמונאַר, האָט מיר געהאַט צו דערצעהלען מכוח דעם אויפֿשטאַנד, אין וועלכען ער האָט אַ גרויסען אַנטהייל גענומען, און וועלכען ער האָט נאָר וואָס בעשריבען אין אַ בוך, „די דריטע ניעדערלאַגע פֿון דעם פֿראַנצויזישען פּראָלעטאַריאַט.

איין מאָל אין דער פֿריה, אַזוי ווי איך האָב אַרויפֿגעקלעטערט אויף'ן באַרג און בין צוגעקומען צו זיין ווערקשטעל, איז ער מיר אַנטגעגען געלאָפֿען מלא שמחה מיט דיעזע ווערטער: „איהר ווייסט, פּינדי לעבט! אָט איז אַ בריעף פֿון איהם: ער איז דאָ אין שווייצאַריען". פֿון פּינדי'ן האָט מען קיין זאַך ניט געהערט זייט מי האָט איהם געזעהען דעם לעצטען מאָל ביי די טולעריען, דעם 25טען אָדער דעם 26טען מאַי, 1871, און מי האָט

איהם געהאַלטען פֿאַר טויט, אָבער ער איז גאָר געלעגען פֿאַרבאַהאַלטען אין פאריז, און בעת מאַלאָן'ס פֿינגער האָבען פֿלינק געפֿלאָכטען די וויטקעס און פֿאַרטיג געמאַכט דעם עלעגאַנטען קאָרב, האָט ער מיר מיט אַ רוהיגער שטימע, וועלכע האָט בלויז ווען ניט ווען אַ ציטער געטאָהן, דערצעהלט וויפֿיעל מענשען די ווערסיילער טרופּען האָבען דערשאָסען אויף דעם פֿערדאַכט, אַז זיי וואַרען פֿיגדי, וואַרלין, ער (מאַלאָן) זעלבסט, אָדער אַנאַנדער פֿיהרער. ער האָט מיר דערצעהלט פֿון'ם טויט פֿון וואַרלין—דער בוכבינדער, וועמען די פאריזער אַרבייטער האָבען פשוט פֿאַרגעטערט—און פֿון'ם אַלטען דעלעקלוז, וועלכער האט ניט געוואָלט איבערלעבען דיעזע נייע נידערלאַגע, און פֿון אַסאַך אנדערע; פֿון די שוידערהאַפֿטע סצענעס, וועלכע ער האָט בייגעוואָהנט אין דער צייט פֿון דער בלוטיגער האָבצייט, וועלכע די רייכע פֿון פאַריז האָבען געפֿייערט צוריק קומענדיג פֿון ווערסייל, און אויך ווי דער גייסט פֿון נקמה האָט זיך פֿאַנאַנדער געפֿלאַקערט אין אַ מאַסע מענשען אונטער דער לייטונג פֿון ראַאול ריגאָל און האָבען געטויטעט די פערזאַנען, וועלכע די קאָמונע האָט געהאַלטען אלס משכון.

זיינע ליפּען האָבען געציטערט בעת ער האָט גערעדט פֿון די העלדישקייט פֿון די קינדער; און ער איז כמעט אין גאַנצען צוזאַמענגעבראָכען ווען ער האָט מיר דערצעהלט פֿון יענעם אינגעל, אויף וועמען די סאָלדאַטען האָבען שוין געהאַט אויסגעשטעלט די ביקסען, און וועלכער האָט געבעטען דעם אָפֿיציר ער זאָל איהם בלויז ערלויבען עטליכע מינוט צייט אָבצוגעבען זיין מוטער, וועלכע האָט געוואָהנט דערביי, דעם זילבערנעם זיגערעל, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. דער אָפֿיציר האָט רחמנות געהאט אויף איהם און האָט איהם געלאָזען געהן, וואַהרשיינליך האָפֿענדיג, אז ער וועט מעהר ניט צוריק קומען, אָבער אין אַ פֿערטעל שעה ארום איז דער אינגעל צוריק געקומען, און זיך אַוועקשטעלענדיג צווישען די טויטע קערפּער לעבען וואַנד, האָט ער א זאָג געטאָהן: „אָט בין איך". צוועלף קוילען האָבען דורכגעלעכערט דעם גוף פֿון דיעזען העלדישען קינד.

איך האָב, דענק איך, נאָך קיין מאָל ניט אַזוי פֿיעל געליטען, ווי בעת איך האָב געלעזען יענעם שרעקליכען בוך, „לע ליוור רוזש דע לאַ וושיסטיס ריראַל", (דאָס רויטע בוך פֿון די דאָרפֿישע יוסטיץ) וועלכע האָט ניט ענטהאַלטען קיין זאַך אַ חוץ אויסציגע פֿון די בריעף, וועלכע די פאַריזער קאָרעספּאָנדענטען פֿון די לאָנדאָנער צייטונגען האָבען צוגעשיקט אין די לעצטע טעג פֿון דעם מאָנאַט מאי 1871, בעשרייבענדיג די שוידערהאַפֿטיקייטען מיט וועלכע די אַרמעע, אונטער גאַליפֿע, האָט בעהאַנדעלט די פאַריזער

העלדען, און אַ חוזק עטליכע אויסציגע פֿון דער פּאַריזער „פֿיגאַראָ", וועלכע האָט אַרויסגעוויזען דעם בלוטדורשטיגסטען גייסט געגענאיבער די קאָמונאַרען. אַ טיעפֿע פֿערצווייפֿלונג אין דער מענשהייט האָט מיך ערגריפֿען, ווען איך האָב געלעזען יענע בלעטלעך, און דיעזע פֿאַרצווייפֿלונג וואָלט אין מיר פֿערבליבען, ווען איך וואָלט ניט געזעהען, אַז אין דער בעזיגטער פּאַרטיי, און די, וועלכע האָבען דיעזע אַלע שרעקען דורכגעלעבט, איז ניטאָ דער מינדעסטער האַס, נאָר אדרבא, זיי האָבען דעם גרעסטען פֿערטרויען אין דעם ענדליכען טריאומפף פֿון זייערע אידעען. זייער רוהיגער, ווען אויך טרויעריגער, בליק דורכדרינגענדיג די טיעפֿע צוקונפֿט, זייענדיג בערייט צו פֿאַרגעסען דעם אומא׳דיגען חלום פֿון דער פֿערגאַנגענהייט. דיעזען בליק האָב איך געזעהען אין מאַלאָן, און, אין פֿאַקט, אין כמעט אַלע אַנטרונענע קאָמונאַרען, וועלכע איך האָב בעגעגענט אין זשענעוואַ, און וועלכע איך זעה נאָך יעצט אין לואיזע מישעל, לעפֿראַנסיי, עליזע רעקלו, און אַנדערע פֿריינד.

פֿון נײשאַטעל בין איך אַוועק קיין סאָנוויליער. אין א קליינעם טאָהל, צווישען די זשורא בערג, געפֿינט זיך אַ רייהע שטעטלעך און דערפֿער, וואו די גאַנצע פֿראַנצויזיש־שפּרעכענדע בעפֿעלקערונג איז דאַמאָלס געווען באַשעפֿטיגט אין די פֿערשידענע צווייגען פֿון זייגערמאַכעריי; גאַנצע פֿאַמיליעס פֿלעגען אַרבייטען צוזאַמען אין קליינע ווערקשאָפּס. אין איינער פֿון זיי האָב איך געטראָפֿען אַן אַנדער פֿיהרער, אדהעמר צוויטצגעבל, מיט וועלכען איך בין אויך נאַכהער גוט בעפֿריינדעט געוואָרען, ער איז געזעסען צוזאמען מיט אַ דוצען יונגע לייט וועלכע האָבען געגראווירט די קאָפּערטלעך פֿון גאָלדענע און זילבערנע זייגערלעך. מי האָט מיך איינגעלאַדען צו נעהמען פּלאַץ אויף אַ באַנק אָדער אַ טישעל, און מיר וואָרען גלייך פֿאַרטיעפֿט אין אַ לעבעדיגען געשפּרעך איבער סאָציאַליזמוס, רעגירונג אָדער ניט רעגירונג, און די קומענדע קאָנגרעסען.

איין אָוועגד האָט געוועהט אַ שרעקליכער שנעע־שטורם; עס האָט אונז די אויגען פֿאַרשאַטען און פֿאַרגליווערט די בלוט אין די אָדערען, בעת מיר האָבען מיט מאַטערניש דורכגעבראָדשעט אונזער וועג צום נעקסטען דאָרף. אָבער ניט קוקענדיג אויף׳ן שטורם, זיינען ביז פֿופֿציג זייגערמאַכערס, מייסטענס אַלטע לייט, אָנגעקומען פֿון די ארומיגע שטעטלעך און דערפֿלאַך,—מאַנכע פֿון זיי אַ מהלך פֿון זיבען מייל, -אַנטהייל צו נעהמען אין אַ קליינע געשעפֿטזיצונג וועלכע איז צוזאַמענגערופֿען געוואָרען אויף יענעם אָבענד.

שוין די אָרגאַניזאַציאָנען גופא פֿון דעם זייגערמאַכער־פֿאַך, וועלכער

גיט אַרבייטער אַ מעגליכקייט זיך צו קענען איינס דאָס אנדערע און צו אַרבייטען ביי זיך אין דער היים, וואו זיי קענען זיך פֿריי דורכרעדען,— דאָס אַליין ערקלערט, פֿאַר וואָס זיי שטעהען אויף אַ העכערער אינטעלעקטועלער שטופֿע ווי די בעלי מלאכות, וועלכע פֿאַרברענגען זייער גאַנצען לעבען פֿון קינדהייט אָן אין די פֿאבריקען.

ביי די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען פֿאַר זיך, געפֿינט מען תמיד מעהר אונאַבהענגיגקייט און אָריגינאַליטעט. אָבער אַ חוץ דעם איז נאָך געווען אַ צווייטע אורזאַכע פֿאַרוואָס יעדער פֿעדעראַציאָנס מיטגליעד באַזונדער האָט געשטרעבט צו בילדען אַן איגענע אונאַבהענגיגע מיינונג אין יעטווידער פֿראַגע; נעמליך: דער פֿאַקט וואָס איז ניט געווען קיין אָבזונדערונג צווישען די פֿיהרער און די מאַסען פֿון דער זשורא פֿעדעראַציאָן. דאָ האָב איך געזעהען, אַז די אַרבייטער זיינען ניט געווען אַ בלינדע מאַסע, פֿון וועלכער עטליכע מענשען האָבען אַרויסגעשלאָגען פּאליטישען קאַפּיטאַל; זייערע פֿיהרער זיינען געווען די טהעטיגערע קאַמעראַדען, זייערע,—איניציאַטאָרס אָנשטאָט פֿיהרער. דער קלאָהרער איינבליק, דער געזונטער פֿאַרשטאַנד, די פֿעהיגקייט פֿאַנאַנדער צו פּלאָנטערען קאָמפּליצירטע סאָציאַלע פֿראַגען, וועלכע איך האָב באַמערקט צווישען דיעזע אַרבייטער, בעזאָנדערס די מיטעליעהריגע מענשען, האָבען אויף מיר געמאַכט אַ טיעפֿען איינדרוק; און איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז אויב די זשורא פֿעדעראַציאָן האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דער ענטוויקלונג פֿון סאָציאַליזמוס, איז עס ניט בלויז צוליב די וויכטיגקייט פֿון די אידעען פֿון ניט רעגירונג און פֿעדעראַליזאַציאָן, פֿון וועלכע זי איז געווען די פֿאָרקעמפּפֿערין, נאָר אויך דערפֿאַר, וואָס דער געזונדער פֿערשטאנד פֿון די זשורא איינוואָהנער האָבען דיעזע אידעען אזוי שטאַרק אויסגעדריקט. אָהן זייער הילף, וואָלטען דיעזע רעיונות אפשר געבליבען אונבעגרייפֿבאַר פֿאַר אַ צייט לאַנג.

אמת, די טהעאָרעטישע אַנזיכטען פֿון אַנארכיזמוס, לויט ווי זיי האָבען דאַמאָלס אָנגעהויבען ערקלערט צו ווערען אין דער זשורא פֿעדעראַציאָן, ספּעציעל פֿון באַקונין; די קריטיק פֿון שטאַאַט סאָציאַליזמוס— די מורא פֿאר אַן עקאָנאָמישען דעספּאָטיזמוס, וואָס איז פֿיעל געפֿעהרליכער פֿאַר׳ן פּאָליטישען דעספּאָטיזמוס—און דער רעוואָלוציאָנערער האַראַקטער פֿון דער אַגיטאַציאָן, האָבען אַ שטאַרקען איינפֿלוס געהאַט אויף מיינע געדאַנקען. אָבער נאָך מעהר האָבען אויף מיר געווירקט דאָס ברידערליכע צוזאַמענלעבען פֿון די דאָרטיגע אַרבייטער, די אונאַבהענגיגקייט פֿון׳ם געדאַנקען און זיין פֿרייער אויסדרוק, וועלכע איך האָב באַמערקט זיך ענט־

וויקלענדיג צווישען זיי און זייער אונבעשרייבליכע איבערגעבענהייט צו דער זאַכע. דאָס האָט אַפּעלירט צו מיינע געפֿיהלען פֿיעל שטאַרקער, ווי די קריטיק און די טהעאָריען צו מיין מוח. און ווען איך בין אַוועק פֿון די בערג, נאָכדעם ווי איך בין געווען צוזאַמען אַ וואָך מיט די זייגערמאַכערס, זיינען מיינע אַנשויאונגען איבער׳ן סאָציאַליזמוס געווען פֿאַרטיג. איך בין געווען אַן אַנאַרכיסט.

מיין שפּעטערדיגע רייזע קיין בעלגיום, וואו איך האָב ווידער אַמאָל געקענט פערגלייכען די צענטראַליזירטע פּאָליטישע אַגיטאַציאָן פֿון בריסעלס מיט דער עקאָנאָמישער און אונאבהענגיגער אַגיטאַציאָן, וועלכע איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען אונטער די קליידער־אַרבייטער אין ווערוויער, האָבען מיינע אַנזיכטען נאָך פֿעסטער געמאַכט. דיעזע אַרבייטער וואַרען פֿון די העכסטע סימפּאַטישע מענשען, וועלכע איך האָב ווען בעגעגענט אין מערב אייראָפּאַ.

באַקונין וואַר דאַמאָלס אין לאָקאַרנא. איך האָב איהם ניט געזעהען, און יעצט פֿאַרדריסט עס מיך זעהר שטאַרק, דען בעת איך בין צוריק גע־קומען קיין שווייצאַריען, וואַר ער שוין טויט. ער וואַר עס, וועלכער האָט געהאָלפֿען דער זשורא פֿעדעראַציאָן קלאָהר צו מאַכען זייערע אידעען און צו פֿאָרמולירען זייערע שטרעבונגען; ער האָט עס זיי ערמונטערט מיט זיין מעכטיגען, ברענענדען, אונווידערשטאַנדבאַרען רעוואָלוציאָנערען ענטהוזיאַזמוס. קוים האָט ער געזעהען, ווי אַ קליין ציימונגעל, אַרויסגעגעבען פֿון גילאָם פֿון די זשורא בערג (אין לאָקל), האָט אַרויסגעלאָזען אַ נייעם טאָן פֿון אונאַבהענגיגע געדאַנקען אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, איז ער גלייך געקומען קיין לאָקל, האָט גערעדט גאַנצע טעג, און אויך גאַנצע נעכט, צו זיינע נייע פֿריינד מכוח די היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פֿון אַ נייער ווענדונג אין דער ריכטונג פֿון אַנאַרכיע; ער האָט פֿאַר דיעזע ציימונג אָנגעשריבען אַ סעריע טיעפֿזיניגע און בריליאַנטענע אַרטיקלען איבער דעם היסטאָרישען פֿאָרטשריט פֿון דער מענשהייט צו פֿרייהייט; ער האָט אַריינגעגאָסען נייעם ענטהוזיאַזמוס אין זיינע נייע פֿריינד, און ער האָט בעשאַפֿען יענעם צענטער פֿון פּראָפּאַגאַנדא, פֿון וועלכען דער אַנאַרכיזמוס האָט זיך שפּעטער פֿאַרשפּרייט איבער אַנדערע טהיילען פֿון אייראָפּאַ.

נאָכדעם ווי ער איז אַוועק קיין לאָקאַרנאָ—וואו ער האָט אָנגעהויבען אַן עהנליכע באַוועגונג אין איטאַליען, און דורך זיין סימפּאַטישען און בעגאַבטען פֿריינד, פֿאַנעלי, אויך אין שפּאַניען—איז שוין די אַרבייט זיינע אין די זשורא בערג ווייטער געטריבען געוואָרען פֿון דער זשורא פֿעדעראַציאָן גופא. דער נאָמען „מיכעל" איז דאָרט זעהר אָפֿט דערמאָנט גע־

וואָרען—דאָך ניט אַלס פֿון אַן אָבגעפֿאָהרענעם הויפּט־מאַן, וועמעס וואָרט איז געזעץ—וואָנדערען, אַלס דער נאָמען פֿון אַ פּערזענליכען פֿריינד, פֿון וועלכען יעדער איינציגער האָט געשפּראָכען מיט ליבשאַפֿט, אין'ם גייסט פֿון קאַמעראַדענשאַפֿט. וואָס מיך האָט נאָך מעהר געוואונדערט, וואַר דער פֿאַקט, אַז באַקונין האָט זיך דאָ געלאָזט פֿיהלען מעהר דורך זיין מאָראַלישען איינפֿלוס, ווי דורך זיין אינטעלעקטועלע אויטאָריטעט. ריידענדיג פֿון'ם אַנאַרכיזמוס, אָדער מכוח די שטעלונג פֿון דער פֿעדעראַציאָן, האָב איך זיי קיין מאָהל ניט געהערט זאָגען, „באַקונין האָט אַזוי געזאָגט", אָדער „באַקונין דענקט אַזוי", גלייך ווי דאָס וואָלט ענטשיעדען די פֿראַגע. זיין שרייבען און זיינע רעדעס זיינען ניט געהאַלטען געוואָרען פֿאַר קיינע געזעצע—ווי עס איז לײדער אַזוי אָפֿט דער פֿאַל אין פּאָליטישע פּאַרטייען. אין אַלע אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען, אין וועלכע דער אינטעלעקט איז דער איינציגער ריכטער, האָט יעדער איינציגער געברויכט זיינע אייגענע אַרגומענטען אין דער דיסקוסיאָן. דער אַלגעמיינער טאָן איז פֿילייכט געגעבען געוואָרען פֿון באַקונין, אָדער אפשר האָט איהם באַקונין אַליין געליהען פֿון זיינע זשורא פֿריינד. אַזוי צי אַזוי, האָט זיך דאָך אין יעדען אינדיווידיאום'ס אַרגומענטען געהערט זיין אייגענער אינדיווידועלער כאַראַקטער. נור איינמאָל בלויז האָב איך געהערט באַקונין'ס נאָמען דערמאָנט אַלס אַן אויטאָריטעט מיט זיך גופא, און דאָס האָט אויף מיר אַזאַ טיעפֿען איינדרוק געמאַכט, אַז אפילו יעצט געדענק איך נאָך גענוי דעם פּלאַץ, וואו דער געשפּרעך האָט שטאַטגעפֿונען און אַלע אומשטענדען דאַביי. עטליכע יונגע לייט האָבען זיך אַריינגעלאָזען אין אַ שמועס, וועלכער וואַר ניט אַנשטענדיג פֿאַר'ן איידעלען געשלעכט, און איינע פֿון די פֿרויען האָט אויסגעשריען: „אַ שאָד וואָס מיכעל איז דאָ ניטאָ: ער וואָלט שוין דיך צורעכט געמאַכט!" די קאָלאָסאַלע פֿיגור פֿון דעם רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט אַלעס אויפֿגעאָפּפֿערט פֿאַר די רעוואָלוציאָן און האָט בלויז פֿאַר איהר אַליין געלעבט באָרגענדיג פֿון איהר בעגריף די העכסטע און זיבערסטע לעבענס־אַנשויאונגען, האָט זיי ניט אויפֿגעהערט צו בעגייסטערען.

צוריק געקומען פֿון דיעזער רייזע בין איך מיט קלאָרע סאָציאַלאָגישע אידעען, וועלכע איך האַלט נאָך ביז אויף'ן היינטיגען טאָג, שטרעבענדיג מיט אַלע מיינע קרעפֿטען זיי צו ענטוויקלען אין אַלץ מעהר דייטליכע, אַלץ מעהר פֿערשטענדליכע פֿאָרמען.

דאָך איז געווען איין פּונקט אין'ם אַנאַרכיזמוס, וועלכען איך האָב ניט געקענט פֿאַרשטעהן בעפֿאָר איך האָב ניט פֿאַרבראַכט אויף איהם פֿיעלע שלאָפֿלאָזע נעכט, נאָכדענקענדיג וועגען איהם. איך האָב דייטליך

געזעהען, אַז די אונגעהייערע אומוועלצונג, וועלכע וועט איבערליפֿערען אַלעס דאָס, וואָס איז נויטיג פֿאַר דאָס לעבען אין די הענד פֿון דער געזעלשאַפֿט—צו דאָס זאָל זיין דער פֿאָלקס־שטאַאט פֿון די כאָץ. דעמאָקראַטען אָדער די יוניאָנס פֿון פֿרייוויליג צוזאַמענגעשטעלטע גרופּען, וועלכע די אַנאַרכיסטען פּרעדיגען—אַז אַזאַ געוואַלטיגע ענדערונג מוז קומען דורך אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט זיין פֿיעל גרינדליכער, ווי אירגענד וועלכע רעוואָלוציאָן אין דער היסטאָריע. און וואָס נאָך מעהר, איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ און אַזאַ צוזאַמענשטויס וועט די אַרבייטער קלאַסע האַבען געגען זיך ניט דעם צופֿוילטען דור פֿון אַריסטאָקראַטען געגען וועלכע די פֿראַנצויזישע פּויערים און רעפּובליקאַנער האָבען געקעמפּפֿט אין׳ם לעצטען יאָהרהונדערט—און אפילו יענער קאַמפּף וואַר אַ שרעקליכער פֿערצווייפֿעלטער—זאָנדערען די מיטעל קלאַסע, וועלכע איז פֿיעל מעכטיגער, אינטעלעקטועל ווי פֿיזיש, און וועלכע האָט אויף איהר זייט די גאַנצע העפֿטיגע מאַשינעריע פֿון דעם מאָדערנעם שטאַאט. נאָר איין זאַך האָב איך גלייך באַמערקט: אַז קיין רעוואָלוציאָן האָט ווען עס איז שטאַטגעפֿינען בעפֿאָר די נייע אידעאַלען האָבען ניט אַפֿריהער דורכגעדרונגען טאַקי די קלאַסען גופא, געגען וועמעס עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּריווילגיעס דער קאַמפּף האָט געזאָלט אויסברעכען. איך האָב בייגעוואָהנט די אָבשאַפֿונג פֿון פּאַנשטשיזנע אין רוסלאַנד, און איך האָב געוואוסט, אַז ווען די פּריצים גופא וואָלטען ניט אָנגעהויבען איינזעהען די גרויזאַמע אונגערעכטיגקייט פֿון זייערע פּריווילעגיעס (אַלס אַ רעזולטאַט פון די פֿריהערדיגע עוואָלוציאָן און רעוואָלוציאָנען פֿון מעריב איראָפּאַ), וואָלט די בעפֿרייאונג פֿון די רוסישע קנעכט, ניט אזוי לייכט דורכגעפֿיהרט געוואָרען, ווי זי וואַר דורכגעפֿיהרט אין 1861. און איך האָב געזעהען, אַז דער אידעאַל צו בעפֿרייען די אַרבייטער פֿון׳ם היינטיגען לוין־סיסטעם האָט אויך אָנגעהויבען איינצודרינגען אין די מיטעל קלאַסען גופא. אפילו די היציגסטע פֿערטהיידיגער פֿון דעם יעצטיגען עקאָנאָמישען לעבען האָבען שוין אויפֿגעהערט צו געברויכען דאָס וואָרט רעכט, בשעת זיי האָבען גערעדט פֿון זייערע פּריווילעגיעס. אדרבא, זיי האָבען ניט געלייקענט, אַז עפּעס אַ מין ענדערונג איז נויטווענדיג; זיי האָבען בלויז געוואָלט וויסען צו די נייע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פֿון די סאָציאַליסטען וועט ווירקליך זיין בעסער, ווי די היינטיגע; צו אַ געזעלשאַפֿט, אין וועלכער די אַרבייטער וועלען האָבען די אויבערהאַנד וועט זיין ביכולת צו אַראַנזשירען די פּראָדוקציאָן בעסער ווי די איינציגע קאַפּיטאַליסטען, געלייטעט פֿיר דעם בענעפֿיט פֿון זייערע אייגענע אינטערעסען, קענען זיי היינט צו טאָג אָנפֿיהרען.

איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פֿאַרשטעהן, אַז רעוואָלוציאָנען —דאָס הייסט פּעריאָדען פֿון צוגעאײַלטער שנעלער עוואָלוציאָן און שנעלע ענדערונגען—ליגען עבען אזוי פֿיעל אין דער נאטור פֿון דער מענשליכער געזעלשאַפֿט, ווי די לאַנגזאַמע עוואָלוציאָן, וועלכע געהט יעצט אונאויפֿהערבאַר פֿאָר צווישען די ציוויליזירטע ראַסען פֿון דער מענשהייט. און יעדעס מאָהל, בעת אַזאַ פּעריאָדע פֿון צוגעאײַלטער עוואָלוציאָן און רעקאָנסטרוקציאָן (איבערבויאונג) קומט פֿאָר אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, קען אויסברעכען אַ ציוויל-קריג. די פֿראַגע איז דאַן ניט, ווי אַזוי אויסצומיידען רעוואָלוציאָנען, נאָר ווי אַזוי צו ערייכען די גרעסטע רעזולטאַטען מיט דעם מעגליכסט קלענסטען קריעג, מיט דער קלענסטער צאָהל אָפּפֿער, און מיט וואָס ווײַניגער געגענזייטיגער ביטערקייט. אום דאָס צו ערייכען גיבט עס בלויז איין מיטעל נעמליך, אַז דער אונטערדריקטער טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט זאָל האָבען פֿאַר זיינע אויגען דעם קלאָהרסטען בעגריף פֿון דעם צוועק, צו וועלכען ער שטרעבט, און ווי אַזוי איהם אויסצופֿיהרען, און ער מוז זיין דורכגעדרונגען מיט דעם ענטהוזיאַזמוס, וועלכער איז נויטיג אום צו ערייכען דיעזען צוועק; אויף אַזאַ'ן אופן וועלען די מאַסען זיכערליך צוקריגען צו זייער זאַבע די בעסטע און די פֿרישעסטע אינטעלעקטועלע קרעפֿטען דער פּריוויליגירטע קלאַסע.

די פּאַריזער קאָמונע וואַר א שרעקליכער עקזעמפּעל פֿון אַן אויפֿשטאַנד מיט ניט גענוג בעשטימטע אידעאַלען. ווען די אַרבייטער זיינען אין מערץ, 1871, געוואָרען די בעלי בתים פֿון דער גרויסער שטאָדט, האָבען זיי ניט אָנגעגריפֿען די אייגענטהומס-רעכטע פֿון די מיטעל קלאַסען. אדרבא, זיי האָבען נאָך דיעזע רעכטע בעשיצט. די פֿיהרער פֿון דער קאָמונע האָבען מיט זייערע אייגענע קערפּער געהיט די נאַציאָנאַלע באַנק, און ניט קוקענדיג אויף'ן קריזיס, וועלכער האָט פּאַראַליזירט די איגדוסטרי און האָט דאַרום אָבגענומען דעם לעצטען ביסען ברויט פֿון אַ גרויסע מאַסע אַרבייטער, האָבען זיי דאָך, פֿארטהיידיגט די רעכטע פֿון די פֿאַבריק אייגענטהימער, די וועהרהייזער און די פּאַריזער וואָהנונגען. דאָך, ווען די בעוועגונג איז געבראָכען געוואָרען, האָבען די מיטעל קלאַסען ניט געאַכטעט אויף די סקראָמנע פֿאָרדערונגען פֿון די קאָמונאַרען. איבער לעבענדיג די צווי מאָנאַט אין ציטערניש, טאָמער וועלען די ארבייטער אָנגרייפֿען זייערע אייגענטהומ'ס רעכטע, האָבען די רייכע פּאַריזער זיך אָן זיי נוקם געווען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען ווירקליך דעם אַנגריף געמאַכט. כמעט דרייסיג טויזענד פֿון זיי וואַרען אויסגעשלאָכטעט, ווי בעוואוסט—ניט אין קאַמפּף, נור נאָכדעם, ווי זיי האָבען די מלחמה געהאַט פֿאַרשפּיעלט. ווען זיי וואָלטען אָנגענומען

מיטעל אָבצושאַפֿען פּריוואַט אייגענטהום, וואָלט אויך די נקמה ניט געקענט זיין שרעקליכער, ווי זי איז געוועזען.

מיין שלום דערפֿון וואר אַלזא, אַז אויב עס גיבט פּעריאָדען אין דער מענשליכער ענטוויקלונג, ווען אַ צוזאַמענשטויס איז אונפֿערמיידליך, און ציוויל קריעג ברעכט אויס אונאבהענגיג פֿון דעם ווילען פֿון געוויסע פּערזאָנען, זאָלען דיזע צוזאַמענשטויסונגען, לכל הפּחות, שטאַטפֿינדען ניט מיט אונבעשטימטע שטרעבונגען, זאָנדערען אויף פֿעסט בעשטימטע פֿראַגען. ניט אויף קליינליכע פּונקטען, וועמעס אונוויכטיגקייט פֿאַרקלענערט סיי־ווי־סיי ניט די געוואַלט פֿון׳ם קאַמפּף, זאָנדערען אויף ברייטע אידעען, וועלכע בעגייסטערען די קעמפּפֿער מיט דער הערליכקייט פֿון׳ם האָריזאָנט, וועלכען זיי בעלייכטען. אויף אַזאַ׳ן אופן וועט דער קאַמפּף אָבהענגען אַסאַך ווייניגער פֿון דער ווירקזאַמקייט פֿון די קאַנאָנען און ביקסען, ווי פֿון דער קראַפֿט פֿון דער שאַפֿענדער זשעניע, וועלכע ווערט גערופֿען אין׳ם לעבען ביי דער אַרבייט פֿון דער איבערבויאונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ מלחמה וועט אָבהענגען הויפּטזעכליך פֿון די קאָנסטרוקטיווע קרעפֿטען דער געזעלשאַפֿט, וועלכע וועלען אין דעם מאָמענט אָנעהמען אַ פֿרייען וועג; פֿון דער בעגייסטערונג. וועלכע וועט זיין אַ פֿיעל הערליכערע און וועט אַזוי אַרום געווינען מעהר סימפּאַטהיע אפילו פֿון די, וועלכע זיינען, אַלס קלאַס, געגען אַזאַ ענדערונג. אַ קאַמפּף פֿאַר אַזעלכע אידעאַלען וועט רייניגען די סאָציאַלע אַטמאָספֿערע זעלבסט, און די צאָהל אָפּפֿער וועט זיכערליך זיין פֿיעל קלענער, ווי בעת דער קריעג איבער ווייניגער וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען, ביי וועלכע די נידריגערע אינסטינקטען פֿון׳ם מענשען לאָזען זיך פֿאַנאַנדער.

מיט דיזע אידעען האָב איך זיך צוריק געקעהרט קיין רוסלאַנד.

אין דער צייט פֿון מיין רייזע האָב איך אָנגעקויפֿט אַ מאַסע ביכער און קאָלעקציאָנען פֿון סאָציאַליסטישע צייטונגען. אין רוסלאַנד זיינען אַזעלכע ביכער שטרענג פֿאַרבאָטען פֿון׳ם צענזאָר; און מאַנכע פֿון די קאָלעקציאָנען פֿון די צייטונגען און בעריכטען פֿון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען האָט מען ניט געקענט קריגען פֿאַר קיין געלד, אפילו ניט אין בעלגיאום. „זאָל איך זיי איבערלאָזען וועהרענד מיין ברודער און מיינע פֿריינד וואָלטען זיי געגארט האָבען אין פּעטערסבורג?” האָב איך זיך געפֿרעגט; און איך האָב בעשלאָסען, אַז איך מוז זיי אונבעדינגט אריינפֿיהרען אין רוסלאַנד.

קיין פּעטערסבורג בין איך געפֿאָהרען אויף וויען און וואַרשאָ. טויזענדער אידען מאַכען אַ לעבען אַלס מויליכערס ביי דעם פּוילישען

גרענעץ, און איך האָב מיר געטראַכט, אַז ווי באַלד איך זאָל נאָר פּאַטשאַפּען איינעם פֿון זיי, וואָלטען מיינע ביכער גאַנץ בשלום אַריבערגעקומען דעם גרענעץ. דאָך זיך אָבשטעלען אויף אַ קליינע סטאַנציע, בעת אַלע אַנדערע פּאַרשוינען פֿאָהרען ווייטער, און דאָרט צו זוכען מויליכערס, איז ניט געווען קיין פּלאַן; איך האָב דאַרום זיך אָבגעקירעוועט אָן אַ זייט מיט אַן אַנדער באַהן און בין אַריין אין קראַקאָוו. „די הויפּטשטאָדט פֿון אַלט פּוילען איז נאָהענט פֿון גרענעץ", האָב איך ביי זיך געטראַכט, „און איך וועל דאָרט אויפֿזוכען אַ אידעל, וואָס וועט מיר רעקאָמענדירען אַ מויליכער."

אָנגעקומען אין די אַמאָהל בעריהמטע און בריליאַנטענע שטאָדט בין איך אין אַבענד צייט און מאָרגען גאַנץ פֿריה, האָב איך זיך געלאָזען איבער'ן שטאָדט זוכען דעם סוחר. צו מיין ערשטוינען, האָב איך אָבער געזעהען אידען אומעטום אין אַלע ווינקלען פֿון די אַלטע גאַסען, ווי אין דעם זאָנסט פּוסטען מאַרק; וואו נאָר מיין אויג האָט אַ בליק געטאָהן האָב איך געזעהען ווי אידעלעך מיט לאַנגע זשופּעצעס און געקרייזעלטע פּאות, דרעהען זיך אַרום און זוכען אַ פּריין'ל אדער אַ סוחר'ל, וועלכער וועט זיי אפשר שיקען אויף אַ שליחות, פֿאַר וועלכע זיי וועלען כאַפּען אַ פּאָאָר קרייצער.

איך האָב געזוכט איין אידען, און אָט האָב איך צופֿיעל פֿון זיי. צו וועמען זאָל איך מיך ווענדען? איך האָב אַרומגעוואַנדערט די גאַנצע שטאָדט, און דאַן אין מיין פֿערצווייפֿלונג, האָב איך בעשלאָסען מיך אָנצופֿערטרויען דעם אידעל, וועלכער איז געשטאַנען ביים טויער פֿון מיין האָטעל — אַן אונגעהייערער אַלטער פּאַלאַץ, וואו יעדער זאַאַל האָט געפֿלעגט אַמאָהל, אין די אַלטע גוטע צייטען, געפּאַקט ווערען מיט עלעגאַנט געקליידעטע טענצער, אָבער וועלכער האָט יעצט געדינט דעם פֿיעל פּראָזאַאישערען צוועק צו געבען עסען און אָבדאַך פֿאַר עטליכע פֿאַרביירייזענדע.

„דאָס מאַכט מען גאַנץ לייכט, מיין הער", האָט ער מיר געענטפֿערט, „אָט וועל איך אַהערברייננגען דעם אַגענט פֿון די אוניווערזאַל קאָמפּאַניע פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַלען עקסטשענוש פֿון (לאָמיך עס אָנרופֿען) שמאַטעס און ביינער. זיי פֿיהרען אָן די גרעסטע שמוגלער־געשעפֿטען אין דער וועלט. און ער וועט אייך אודאי ניט ענטזאַגען". און אַ האַלבע שעה אַרום איז ער ווירקליך געקומען מיט'ן פֿאָרשטעהער פֿון דער קאָמפּאַניע — אַ העכסט עלעגאַנטער יונגערמאַן, וועלכער האָט גערעדט פּראַכטפֿאָל רוסיש, דייטש און פּויליש.

ער האָט אָנגעקוקט מיין פּעקעל, האָט עס אָבגעוואויגען מיט די הענד, געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ סאָרט ביכער דאָס זיינען.

„אַלע שטרענג פֿאַרבאָטענע פֿון דער רוסישער צענזור און דעריבער מוזען זיי איבערגעשמוגעלט ווערען".

„ביכער", האָט ער געזאָגט, „זיינען ניט אַקוראַט אין אונזער ליין האַנדעל, אונזער געשעפֿט איז מהייערע ווידען סחורה; אויב איך זאָל מיינע מענשען צאָהלען פֿון געוויכט, וועדליג דעם טאַריף פֿון אונזערע סחורות, וואָלט איך מוזען פֿערלאַנגען אַ זעהר הויכען פּרייז פֿון אייך. און דאַן גלייך איך איבערהויפּט ניט צו האָבען אַ עסק מיט ביכער, דעם אמת זאָגענדיג. דער מינדעסטער אונגליק, און באַלד מאַכען זיי דערפֿון אַ פּאָליטישע אַפּערע, און דאַן קאָסט עס אונזער קאָמפּאַניע אַ שלל מיט געלד בעפֿאָר מיר קענען זיך ריינוואַשען פֿון׳ם עסק".

איך האָב וואַהרשיינליך געמאַכט אַ זעהר טרויעריגע מינע דערביי, דען דער יונגערמאַן, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די וועלטליכע שמאַטעס און ביינער קאָמפּאַניע, האָט גלייך אַ זאָג געטאָהן: „האָט קיין שבירות הלב ניט. ער, דער האָטעל מעקלער, וועט עס שוין צורעכט מאַכען אויף אַן אַנדער אופן".

„אָה, יאַ, ס׳איז דאָ צעהנדליגע מיטלען ווי אזוי צו באַזאָרגען אַזאַ קליינינגקייט, פֿון דעם פּריין וועגען". האָט לוסטיג אונטערגעהאַפּט דער אידעל און איז אַוועק.

אין אַ שעה אַרום איז ער צוריק געקומען מיט אַנאַנדער יונגערמאַן. דיעזער האָט גענומען דעם פּעקעל, האָט איהם אוועקגעלייגט ביין טיהר. און האָט געזאָגט: „שוין רעכט. אויב איהר פֿאָהרט אָב מאָרגען, וועט איהר אייער פּעקעל קריגען אויף דיעזער און דיעזער סטאַנציאָן אין רוסלאַנד", און ער האָט מיר ערקלעהרט, ווי אַזוי דער עסק ווערט אַראַנזשירט.

„ווי פֿיל וועט עס מיך קאָסטען?"

„ווי פֿיל קענט איהר צאָהלען?" וואַר זיין ענטפֿער.

איך האָב אויסגעליידיגט מיין טייסטער אויף׳ן טיש און האָב געזאָנט: „דאָס נעהם איך זיך אויף דער רייזע. דאָס איבעריגע איז דיינס. איך וועל פֿאָהרען דריטע קלאַסע."

„אָ וואַ! אָ וואַ!" האָבען ביידע אידען אויסגעשריען. „וואָס רעט איהר, מיין הער! אַזאַ פּריץ זאָל פֿאָהרען דריטע קלאַס! קיין מאָל ניט! ניין, ניין, דאָס, זעהט איהר געהט ניט... 5 טהאַלער איז גענוג פֿאַר אונז, און דאַן אַ טהאַלער פֿאַר׳ן מעקלער, אויב איהר באַשטייט דאַרויף,—אַזוי פֿיעל ווי איהר ווילט אַליין. מיר זיינען ניט קיין ים גזלנים, זאָנדערען

עהרליכע סוחרים״. און ווי האָבען זיך גאַנץ פראָסט ענטזאָגט צו נעהמען מעהר געלד.

איך האָב אָפֿט געהערט וועגען די עהרליכקייט פֿון די אידישע מוליכערס ביי דער גרענעץ; אָבער איך האָב קיינמאָהל ניט ערוואַרטעט צו קריעגען אַזאַ בעווייז. שפּעטער בעת אונזער, קרושאָק האָט אימפּאָרטירט מאַסען ביכער פֿון אויסלאַנד, אָדער נאָך שפּעטער, בעת פֿיל רעוואָלוציאָנערען און אויסגעוויזענע ווינען אַריבער דעם גרענעץ, אַריינקומענדיג אָדער אַנטלויפֿענדיג פֿון רוסלאַנד, האָט ניט פּאַסירט קיין איין פֿאַל, אין וועלכען די מוליכערס זאָלען אונז פֿעראַטהען, אָדער זיך פּאָלזעווען מיט אַ גוטער געלעגענהייט צו רייסען א פּאַס פֿאַר אַ וויכטיגע שטיקעל אַרבייט.

אויף צומאָרגענס בין איך אַוועק פֿון קראַקאָוו. און אויף דער בעשטימטער סטאַנציע איז צו אַ שווייצאַר צו מיין וואַגאָן, און האָט אויסגעשריען אויף׳ן קול, אַזוי אַז דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט אַרומשפּאַצירט אויף׳ן פּלאַטפֿאָרם, זאָל קענען הערען, „אָט איז אייער פּעקעל, וואָס אייער עקסעלענץ האָט דאָ אַמאָהל איבערגעלאָזען״, און האָט מיר דערלאַנגט מיין טהייער ביסעל סחורה.

איך בין אַזוי גליקליך געווען דערמיט, אַז איך האָב מיך אפילו אין וואַרשאָ ניט אָבגעשטעלט, און בין אַוועק גלייך קיין פּעטערסבורג צו ציינגען מיין ברודער דעם אוצר, וואָס איך פֿיהר פֿאַר איהם.

אונטער די געבילדעטע יוגענד פֿון רוסלאַנד האָט זיך ענטוויקעלט אַ מעכטיגע בעוועגונג. פּאַנשטשיזנע איז געווען אָבגעשאַפֿט. אָבער אין די צוויי הונדערט און פֿופֿציג יאָהר פֿון איהר עקזיסטענץ איז פֿערשפּרייט געוואָרען אַ גאַנצער נעץ פֿון מנהגים, פֿון הויזליכע שקלאַפֿעריי; מענשליכע אינדיווידואליטעט האָט קיין ראָליע ניט געשפּיעלט. דער פֿאָטער איז געווען אַ דעספּאָט איבער זיין ווייב און קינדער, וועלכע האָבען היפּאָקריטיש געבויגען זייערע קעפּ מיט אונטערטהעניגקייט. אין גאַנץ אייראָפּאַ האָט ביי׳ן אָנפֿאַנג פֿון דיעזען יאַהר־הונדערט געהערשט שרעקליכער דעספּאָטיזמוס אין דער פֿאַמיליע — די ווערק פֿון טהעקערעי און דיקענס זיינען געניגענדע עדות דאַפֿיר. אָבער אין קיין פּלאַץ אין דער וועלט האָט דיעזע טיראַניי ניט ערדייכט אַזאַ אונגעהייערע שטופֿע, ווי אין רוסלאַנד. דאָס גאַנצע רוסישע פֿאַמיליען־לעבען, די שייכות צווישען דעם קאָמאַנדירער און דעם אונטערגעאָרדענטען, דעם נאַטשאַלניק און דעם סאָלדאַט, דעם אַרבייטס־געבער און דעם אַרבייטער, האָבען אויף זיך געטראָגען דעם זיעגעל פֿון דיעזע טיראַניי. אַ גאַנץ בעזונדערער אַרט דענקען, בעזונדערע מנהגים, אַבערגלויי־

בענס און מאָראַלישע פֿייגהייט, ערצויגען דורך אַ פֿוילע עקזיסטענץ, זיינען געראָפֿען געוואָרען אין׳ם לעבען. אפילו די בעסטע מענשען פֿון יענער צייט האָבען אָבגעגעבען כבוד דיזע פּראָדוקטען פֿון דער פֿאַנטאַזיע.

דאָס געזעץ האָט גאָר גיט געקאָנט מאָהן דאַגעגען. נור א שטאַרקע סאָציאַלע בעוועגונג, אָנגרייפֿענדיג די כאַמע וואָרצלען פֿון דעם איבעל, האָט געקאָנט ענדערן די מנהגים פֿון אַלטעגליכען לעבען, און אין רוסלאַנד האָט דיזע בעוועגונג — דער אויפֿשטאַנד פֿון דעם אינדיווידואום — אָנגענומען אַ פֿיעל מעכטיגערען כאַראַקטער און איז געוואָרען פֿיעל גרינדליכער אין איהר קריטיק, ווי אין אירגענד וועלכען לאַנד פֿון מערב אייראָפּא אָדער אַמעריקא. „ניהיליזמוס", האָט דאָס טורגעניעף אַ נאָמען געגעבען אין זיין עפּאָכע־מאַכענדען ראָמאַן „אָטצי אי דיעטי" (פֿאָטערס און זיהן).

אין מעריב אייראָפּא ווערט דיזע בעוועגונג שלעכט פֿערשטאַנען. די פּרעסע, צום ביישפּיעל, מישט צוזאַמען ניהיליזמוס מיט טעראָריזמוס. דער רעוואָלוציאָנערער אויפֿשטאַנד, וועלכער איז אויסגעבראָכען אין רוסלאַנד קורץ בעפֿאָר אַלעקסאַנדער דעם צווייטען׳ס טויט, ווערט תמיד בעצייכענט מיט דעם וואָרט „ניהיליזמוס". דאָס איז אָבער אַ טעות. צו פֿערמישען צוזאַמען ניהיליזמוס מיט טעראָריזמוס איז פּונקט אַזוי ניט ריכטיג, ווי צוזאַמענצומישען אַזאַ פֿילאָזאָפֿישע בעוועגונג, ווי פּאָזיטיוויזמוס מיט אַ פּאָליטישע בעוועגונג, ווי למשל, רעפּובליקאַניזמוס. דער טעראָריזמוס איז אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך ספּעציעלע אומשטענדען פֿון דעם פּאָליטישען קאַמפּף אין אַ געוויסען היסטאָרישען מאָמענט. ער האָט געלעבט און ער איז געשטאָרבען. עס קען זיין, ער זאל נאָך אַ מאָהל אויפֿלעבען און ווידער אַמאָהל שטאַרבען. אָבער דער ניהיליזמוס האָט אַרויפֿגעלייגט זיין סטעמפּעל אויף׳ן גאַנצען לעבען פֿון די געבילדעטע קלאַסען פֿון רוסלאַנד, און דיזער סטעמפּעל וועט נאָך בלייבען אַ צייט לאַנג. דער ניהיליזמוס איז עס, וועלכער גיט אַ גרויסע טהייל פֿון דער געבילדעטער קלאַסע פֿון רוסלאַנד אַ געוויסען זאָנדערבאַרען כאַראַקטער, וועלכען אונז רוסען טהוט לייד ניט צו געפֿינען אין דעם לעבען פֿון מעריב אייראָפּא. עס איז דער ניהיליזמוס, ווידער אַ מאָהל, אין זיינע פֿאַרשידענאַרטיגע פֿאָרמען, וועלכער גיט פֿיעלע פֿון אונזערע שרייבער יענע מערקווירדיגע ערנסטקייט, יענע געוואָהנהייט אויסצודריקען אַלעס, וואָס עס איז דאָ אויף׳ן האַרצען, וועלכע ערשטוינט די לעזער פֿון מעריב אייראָפּא.

קודם כל, האָט דער ניהיליסט ערקלעהרט קריעג געגען געזעלשאַפֿט־ליכע ליגענס פֿון דער ציוויליזירטער מענשהייט. פֿאָלשטענדיגע עהרליכקייט וואַר זיין הויפּט כאַראַקטעריסטיק, און אין דעם נאָמען פֿון דיזער עהרליכ־

קייט, האָט ער אַליין אויפֿגעגעבען און האָט אויפֿגעפֿאָרדערט אַנדערע, זיי זאָלען אויפֿגעבען יענע אַבערגלויבענס, מנהגים און זיטען, וועלכע דער פֿערשטאַנד האָט ניט געקענט רעכטפֿערטיגען. ער האָט זיך ענטזאַגט איינצובויגען דעם קאָפּ פֿאַר אירגענד וועלכע אויטאָריטעט, אַ חוץ זיין אייגענעם שׂכל, און אַנאַליזירענדיג יעדע סאָציאַלע אינסטיטוציאָן און יעדען מנהג, האָט ער רעבעלירט געגען אַלע פֿאַלשע געדאַנקען.

נאַטירליך האָט ער פֿאַרוואָרפֿען די אַבערגלויבענס פֿון זיינע עלטערן; און אין זיין פֿילאָזאָפֿישען בעגריעף איז ער געווען א פּאָזיטיוויסט, אַ פֿרייד־ענקער, א ספּענסעריסט, אָדער אַ וויסענשאַפֿטליכער מאַטעריאַליסט. און האָטש ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעגריפֿען דעם איינפֿאַכען אויפֿריכטיגען רעליגיעזען גלויבען, האָט ער אָבער ביטער געקעמפּפֿט געגען די געמיינע היפּאָקריטסטווא, וועלכע טהוט אָן אַ פֿאַלשע רעליגיעזע מאַסקע, די יעניגע, וואָס בענוצען זי פֿאַר זייערע אייגענע מאַטעריעלע צוועקען.

דער לעבען פֿון די ציוויליזירטע איז פֿול מיט קליינע קאָנווענציאָנעלע ליגענס. מענשען, וועלכע האָבען זיך פֿיינט איינער דעם אַנדערען, בעגריעסען פֿון דעסטוועגען מיט אַ בלומרשט גליקליכען שמייכעל אויף'ן פּנים ביי יעדע געלעגענהייט. אָבער דער ניהיליסט בלייבט קאַלט און שמייכעלט נאָר צו די, וועלכע ער האָט ווירקליך ליעב. אַלע פֿאָרמעס פֿון אויסערליכע חעפֿליכקייט, וועלכע זיינען הוילע צבוע'טסטווע, וואַרען איהם דערווידער, און אַלס אַ פּראָטעסט געגען די גלאַטע ליעבליכקייט פֿון זיינע עלטערן, האָט ער דוקא געשטרעבט זיך אַרויסצואווייזען פּראָסט און אונהעפֿליך. ער האָט געזעהען, ווי זיי האָבען גערעדט אַלס אידעאַליסטישע געפֿיהלס־מענשען, און אין דער זעלבער צייט האָבען זיי בעהאַנדעלט זייערע פֿרויען, זייערע קינדער און זייערע פּאָדאַנעס, ווי אמת'ע באַרבאַרען; און ער איז אַרויס אין קאַמפּף געגען אַזאַ מין אידעאַליזמוס, וועלכער האָט זיך, נאָך אַלעם, זעהר גוט געפּאַסט פֿאַר די ניט־אידעאַליסטישע אומשטענדען פֿון'ם רוסישען לעבען.

זייער שטענדיגער געשפּרעך מכוח שעהנהייט, מכוח אידעאַלען, קונסט צוליעב די קונסט גופא, עסטעטיק און דערגלייכען, — ווען יעדע שטיקעל קונסט איז געקויפֿט געוואָרען מיט דעם געלד, וועלכעס זיי האָבען אויסגעסאָקט פֿון הונגעריגע פּויערים אָדער פֿון עקספּלואַטירטע אַרבייטער, און בעת די זאָגענאַנטע „פֿאַרגעטליכונג פֿון דאָס שעהנע" וואַר בלויז אַ מאַסקע צוצודעקען די נידעריגע שאַרלאַטאַנסטווע זייערע,— האָט דעם ניהיליסט אָבגעעקעלט, און די קריטיק איבער קונסט, וועלכע טאָלסטאָי,

איינער פֿון די גרעסטע קינסטלער פֿון׳ם יאהר־הונדערט, האָט אימער אַזוי מעכטיג אויסגעאיבט, האָט דער ניהיליסט אויסגעדריקט מיט דער אַלגעמיי־נער בעהויפּטונג, „אַ פּאָאָר שטיוועל זיינען פֿיעל וויכטיגער ווי אַלע אייערע מאַדאָנאַס און אַלע אייערע שעהנע פֿראַזען וועגען שעקספּיער".

חתונה צו האָבען אָהן ליעבען און צו זיין אינטים צווישען זיך אָהן אמת׳ע פֿריינדשאַפֿט האָט אויך דער ניהיליסט פֿיינד געהאַט. די ניהיליסטקע, וועלכע די עלטערען האָבען געוואָלט צווינגען צו זיין אַ ליאַלקע אין אַ ליאַלקעס הויז, און התונה האָבען צוליעב אייגענטהום און געלד, איז בעסער ענטלאָפֿען פֿון די עלטערען און זייער לוקסוס. זי האָט זיך אָנגעטהאָן אין אַ פּראָסטע וואָלענע קליידעל, האָט זיך אָבגעשוירען די האָאָר, און איז אַריין אין גימנאַזיום, אום דאָרט צו געווינען איהר פּערזענליכע אונאַבהענגיגקייט. די פֿרוי, וועלכע האָט איינגעזעהען, אַז איהר פֿערהייראַטעטער לעבען איז קיין לעבען ניט, אַז צווישען די, וועלכע דאָס געזעץ האָט געמאַכט פֿאַר מאַן און ווייב, עקזיסטירט ניט קיין ליעבע און קיין פֿריינדשאַפֿט, האָט זיך ענטשלאָסען צו צורייסען די קייטען, וועלכע בינדען זיי איבער געוואַלט צוז־אַמען און אָפֿט זעהען מיר זי מיט איהרע קינדער אין דער גרעסטער אָרעמקייט, אין איינזאַמקייט און צרות און דאָך צופֿריעדען, וואָס זי לעבט ניט מעהר אַלס שקלאַף און היפּאָקריט.

דיעזע ליעבע פֿיר אויפֿריכטיגקייט, האָט דער ניהיליסט אָנגעווענדעט אין אַלע קליינינגקייטען פֿון דעם אַלטעגליכען לעבען. ער האָט פֿאַרוואָרפֿען די קאָנווענציאָנעלע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטליכען געשפּרעך, און האָט זיינע מיינונגען אויסגעדריקט פּראָסט און שאַרף, אדרבא, זיך געבענדיג די מיה וואָס גרעבער „אַריינצוזאָגען".

אין אירקוטסק פֿלעגען מיר זיך צוזאַמענקומען איין מאָהל אַ וואָך אין אַ קלוב און כאַפּען אַ טענצעל. אין אָנהויב האָב איך דעם קלוב רעגעלמעסיג בעזוכט, אָבער נאַכהער, האָבענדיג אַרבייט, האָב איך איהם פֿערלאָזען. איין מאַהל, נאָכדעם ווי איך בין דאָרט שוין ניט געהאַט געווען עטליכע וואָכען, האָט איינע פֿון די דאַמען אַ פֿרעג געטהאָן אַ יונגען פֿריינד מיינעם, פֿאַרוואָס איך קום מעהר ניט אין קלוב.

„ער פֿאָהרט זיך יעצט דורך ווען ער ברויך בעוועגונג", וואַר דער אונהעפֿליכער ענטפֿער פֿון מיין יונגען פֿריינד.

„אָבער מיט דער און דער פֿריילין זעהט ער זיך יאַ פֿון צייט צו צייט", האָט זיך ווידער אַריינגעמישט אַנאַנדער פֿריילין.

„יאַ, אָבער זי איז אַ פֿלייסיג מיידעל," האָט מיין פֿריינד גראָב אַ זאָג געטהאָן. „ער העלפֿט איהר אַרויס אין דער דייטשער שפּראַך".

און דיזער אונצווייפעלהאַפט גראָבער פאָרוואורף האָט פון דעסט־וועגען ניט פערפעהלט זיין ווירקונג, און דאַס רוב אירקוטסקער מיידלאַך האָבען זיך גלייך גענומען צום לערנען, פאַרשיטענדיג מיין ברודער, מיין פריינד און מיך מיט פראַגעס, וועלכע ביכער מיר וואָלטען זיי ראַטהען צו לעזען און שטודירען.

מיט דערזעלבער אָפענהערציגקייט האָט דער ניהיליסט גערעדט צו זיינע בעקאַנטע, און האָט זיי געזאָגט, אַז זייער גאַנצער רחמנות אויף'ן „אָרעמען פאָלק" איז ניט מעהר ווי צבוע'טסטוואָ, אזוי לאַנג, ווי זיי גופא לעבען אין וואוילטאָג פון דעם ניט דערצאָהלטען לוין פון די דאָזיגע אַרבייטער; און מיט דערזעלבער פרייהייט פלעגט דער ניהיליסט ערקלערען דעם הויכען טשינאָווניק, אַז ער קען ניט מאָהן וואָס אַ האָר איז ווערטה פאַר די, איבער וועלכע ער הערשט, אז ער איז אן איינפאַכער גנב א. ז. וו.

מיט דערזעלבער שטרענגקייט פלעגט ער אָנזידלען די פרוי, וועלכע האָט איהם דערצעהלט עפעס אַ רכילות אָדער האָט שטאָלצירט מיט איהרע שעהנע מאַנערען און מאדישע קליידער. ער פלעגט גאַנץ פשוט אַ זאָג טאָהן דער שעהנער פרויליין: „ווי שעהמט איהר זיך עס ניט אָנצופלוידע־רען אַזאַ בארג מיט נאַרעשקייטען און אָנצוטאָהן אויף'ן קאָפּ אַזאַ מאַבעריי פאַלשע האָר?" אין דער פרוי האָט ער געוואָלט געפינען אַ קאמעראַד, אַ מענשליכע פערזענליכקייט,—ניט אַ ליאַלקע אָדער אַ „מוסלינענע מיידעל,"—און ער האָט זיך אבסאָלוט ענטזאגט אַנטהייל צו נעהמען אין דעם גאַנ־צען פלאָנטער פון עטיקעטע, העפליכקייט און נאַרישע קאָמפּלימענטען, מיט וועלכע די מענער בענוצען זיך געגענאיבער „דעם שוואַכערען געשלעכט." ווען אַ פרוי איז אַריין צו איהם אין צימער, איז ער ניט אויפגעשפרונגען ווי אַן אָבגעבריחטער פון'ם בענקעל, אויסער ווען ער האָט בעמערקט, אז זי איז מיד אָדער אַז ס'איז ניטאָ קיין אַנדער פלאַץ אין צימער. ער האָט זי בעהאַנדעלט פונקט ווי זיינעם אַ חבר פון'ם זעלבען געשלעכט; אָבער קוים האט אַ פרוי — וועלכע האָט זיך געמעגט זיין אַ ווילד פרעמדע—אַרויס־געוויזען דעם מינדעסטען וואונש צו לערנען עטוואָס, וואָס ער האָט גע־וואוסט און זי ניט, פלעגט ער געהן אַזש אין דעם עק שטאָדט איהר צו העלפען יעטווידען אָוונד.

צוויי גרויסע שריפטשטעלער, טורגעניעף און גאָנטשאַראָף, האָבען פרובירט פאָרשטעלען דיזען נייעם טיפּ אין זייערע ראָמאַנען. גאָנ־טשאַראָף, נעהמענדיג אַ ווירקליכען אָבער ניט רעפּרעזענטאַטיווען טיפּ פון דיזען קלאַס מענשען, האָט געמאַכט אַ קאַריקאַטורע פון ניהיליזמוס. טור־געניעף איז געווען אַ גרויסער אַרטיסט און האָט זעלבסט בעוואונדערט דעם

ניהיליסט אויף אַזוי פֿיל, אַז זיין בילד איז ווירקליך אַרויסגעקומען אַן עכט לעבעדיגער; אָבער אפילו זיין ניהיליסט, באַזאַראָף, האָט אונז ניט צופֿרידען געשטעלט. מיר האָבען איהם געפֿונען צו גרויזאַם און שטרענג. בעזאָנדערס אין די פֿערהעלטניסע צו זיינע אַלטע עלטערען, און, נאָך מעהר, דערמיט, וואָס ער האָט שיינבאַר פֿערנאַכלעסיגט זיין פֿפֿליכט אַלס בירגער. די רוסישע יוגענד האָט זיך ניט געקענט בענוגענען מיט דער הוילער נעגאַטיווער זייט פֿון טורגעניעף׳ס העלד. דער ניהיליזמוס, פֿעסט שטעלענדיג די רעכטע פֿון׳ם אינדיווידואום און אָבשאַפֿענדיג יעדען מין היפּאָקריטסטוואָ אין דער געזעלשאַפֿט, איז בלויז געווען דער ערשטער טריט צו אַ העכערען טיפּ פֿון מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען עגאַל פֿריי, אָבער וועלכע לעבען פֿאַר אַ גרויסע זאַכע. אין די ניהיליסטען פֿון טשערנישעווסקי, ווי זיי ווערען געשילדערט אין דעם פֿיעל ווייניגער אַרטיסטישען ראָמאַן, „טשטאָ דיעלאַט?" האָבען זיי דערזעהען בעסערע בילדער פֿון זיך.

„ביטער איז דאָס ברויט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פֿון קנעכט," האָט אונזער פּאָעט נעקראַסאָוו געשריבען. דער יונגער דור האָט זיך ווירקליך ענטזאָגט צו עסען דאָס דאָזיגע ברויט און צו געניסען דאָס רייכטהום וועלכעס איז אָנגעזאַמעלט געוואָרען פֿון זייערע עלטערען דורך די פּראַצע פֿון שקלאַפֿען, סײַ פֿון לייב־קנעכט סײַ פֿון די לוינקנעכט פֿון דעם יעצטיגען אינדוסטריעלען סיסטעם.

מיט שטוינען האָט גאַנץ רוסלאַנד געלעזען אין דעם בעשולדיגונגס־אַקט, וועלכער איז פֿאָרגעבראַכט געוואָרען אין געריכט געגען קאַראַקאָזאָוו און זיינע פֿריינד, אַז דיעזע יונגע לייט, אייגענטהימער פֿון גרויסע מאַיאָנטקעס, פֿלעגען וואָהנען צו דריי און צו פֿיער אין איין צימער, און פֿלעגען קיין מאָל זיך ניט פֿערגינען אויסצוגעבען מעהר ווי צו פֿינף רובעל אַ חודש אויף אַלע זייערע הוצאות, און אין דערזעלבער צייט האָבען זיי אַוועקגעגעבען זייער רייכטהום פֿאַר קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפֿטען, ווערקשטעלען, (וואו זיי אַליין פֿלעגען אַרבייטען), און דאָסגלייכען. מיט פֿינף יאָהר שפּעטער האָבען טויזענדער און טויזענדער פֿון דער רוסישער יוגענד—די בעסטע טהייל פֿון איהר—געטאָן פּונקט דאָס זעלבע. זייער קריגסרוף איז געווען: „וו נאַראָד!" (אין פֿאָלק! אַליין זיין דאָס פֿאָלק) אין די יאָהרען 1860—1865, איז כמעט אין יעדער רייכער פֿאַמיליע אָנגעגאַנגען אַ ברענענדער קאַמפּף צווישען די עלטערען, וועלכע האָבען זיך געקלאַמערט ביי די אַלטע מנהגים, און די זיהן און טעכטער, וועלכע האָבען פֿערטהיידיגט זייער רעכט צו לעבען לויט נאָך זייערע אידעען. יונגע לייט האָבען פֿערלאָזען דאָס מיליטער דיענסט, די קאַנטאָרען, די פֿאַבריקען און זיינען אַוועק

אין די אוניווערזיטעט שטעדט. מיידלאַך, ערצויגען אין די העכסט אַריסטאָ־קראַטישע פֿאַמיליעס, זיינען אַנטלאָפֿען, אָהן אַ גראָשען ביי דער נשמה, קיין פּעטערסבורג, קיין מאָסקווע און קיין קיעוו, גאַרענדיג צו לערנען אַ פּראָפֿעסיאָן, וועלכע זאָל זיי בעפֿרייען פֿון דעם הויזליכען יאָך, און אַמאָל אפשר פֿון'ם יאָך פֿון אַ מאַן. נאָך אַ שווערען און ביטערען קאמפף האָבען אַ סאַך פֿון זיי ווירקליך געוואונען דיעזע פערזענליכע פֿרייהייט. יעצט האָבען זיי דאָס געוואָלט אויסנוצען, ניט פֿון זייער אייגענעם פֿאַרגעניגען וועגען, זאָנדערען אום צו פֿאַרשפּרייטען אין פֿאָלק די קענטניס, וועלכע האָט זיי זעלבסט בעפֿרייט.

אין יעדען רוסישען שטעטעל, אין יעדען קוואַרטאַל אין פּעטערסבורג, האָבען זיך געבילדעט קליינע גרופּען פֿאַר זעלבסט־בעסערונג און זעלבסט־בילדונג; די ווערק פֿון די עקאָנאָמיסטען, פֿון די פֿילאָזאָפֿען, די היסטאָרישע פֿאָרשונגען פֿון דער יונגער רוסישער היסטאָרישער שולע, זיינען מיט קאָפּ געלעזען געוואָרען אין דיעזע גרופּען, און נאָך די פֿאָרלעזונגען זיינען פֿאָרגעקומען די טיעפֿסטע דעבאַטען. דער צוועק פֿון דעם אַלעם איז געווען צו לייזען די גרויסע פֿראַגע, וועלכע איז ענטשטאַנען פֿאַר זייערע אויגען. מיט וואָס האָבען זיי זיך געקענט ניצליך מאכען פֿאַר די מאַסען? בישלעכוויז זיינען זיי געפֿאַלען אויף'ן שכל, אַז דאָס איינציגע מיטעל דערצו איז זיך צו באַזעצען צווישען פֿאָלק, צו לעבען מיט די מאַסען גופא. יונגע לייט זיינען אַוועק אין די דערפֿער אַלס דאָקטוירים, פֿעלדשער, לעהרער, שרייבער, אפילו אַלס לאַנד־אַרבייטער קאָוואַליעס, האָלץ־העקער, אַבי צו לעבען צוזאַמען מיט'ן מוזשיק. מיידלאַך האָבען געמאַכט עקזאַמען אַלס לעהרערינס, אַלס העבאַמען און קראַנקען־וועכטערקעס, און האָבען זיך הונדערטערווייז אַוועקגעלאָזען איבער די דערפֿער, זיך גענצליך איבערגעגעבענדיג דעם ארעמען טהייל פֿון דער בעפֿעלקערונג.

דיעזע מענשען האָבען ניט געהאַט אין זינען דעם מינדעסטען אידעאַל פֿון סאָציאַלע אומבויאונג, אָדער אירגענד וועלכען געדאַנק פֿון רעוואָלוציאָן, בעת זיי זיינען אַוועק „אין פֿאָלק". זיי האָבען פּשוט געוואָלט לערנען די מוזשיקעס לעזען, זיי געבען מעדיצינישע הילף, און אין פֿיעלע אַנדערע הינזיכטען זיי העלפֿען זיך אַרויסרייסען פֿון זייער פֿינסטערניס און אומגליק, און אין דערזעלבער צייט אויסצוגעפֿינען זיינע, דעם פֿאָלק'ס, אידעאַלען פֿון אַ בעסערען סאָציאַלען לעבען.

בעת איך בין צוריקגעקומען פֿון שווייצאַריע האָב איך געטראָפֿען דיעזע בעוועגונג אין איהר פֿולען גאַנג.

איך האָב גלייך מיטגעטהיילט מיינע פֿריינד מיינע מיינונגען מכוח

די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אַסאָסיאַציאָן און אויך פֿערטהיילט מיינע ביכער צווישען זיי. אין אוניווערזיטעט האָב איך קיין פֿריינד ניט געהאַט; איך וואַר עלטער ווי דאָס רוב שילער, און צווישען יונגע לייט איז דער חלוק פֿון עטליכע יאָהר אַ בעדייטענדע שטערונג פֿאַר אַ פֿאָלשטענדיגע קאַמעראַדשאַפֿט. און מי מוז זיך ניט פֿארגעסען, אַז זייט 1861, בעת די נייע געזעץ מכוח דעם איינלאַס אין די אוניווערזיטעטען איז אַריין אין קראַפֿט, זיינען די מיינסט ענטוויקעלטע און דענקונג'ס־פֿעהיגע שילער דורך אַלערליי מיטלען ארויסגעשטויסען געוואָרען פֿון די גימנאַזיעס און זיינען אין אוניווערזיטעט ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען. פֿאָלגליך, זיינען דאָס רוב פֿון מיינע חברים געוועזן גוטע חדר־אינגלעך, פֿלייסיג, אָבער אַ חוץ אין די עקזאַמענס האָבען זיי זיך אין קיין שום זאַך ניט אינטערעסירט. בעפֿריינדעט בין איך געוועזן בלויז מיט איינעם פֿון זיי: לאָמיך איהם אָנרופֿען דמיטרי קעלניטץ. ער איז אַ געבאָרענער פֿון זיד רוסלאַנד, און האָטש זיין נאָמען וואַר אַ דייטשער, האָט ער קוים גערעדט אַ ביסעל דייטש. ער וואַר זעהר אינטעליגענט, שטאַרק בעלעזען און פֿלעגט תמיד ערנסט נאכדענקען איבער יעדען בוך בעזונדער. ער האָט ליעב געהאַט וויסענשאַפֿט און האָט זי טיף רעספּעקטירט, אָבער פונקט ווי פֿיעלע פֿון אונז, איז ער אויך שנעל געקומען צום שלוס, אַז אום צו ערייכען די קאַריערע פֿון אַ וויסענשאַפֿט'ס־מאַן מוז מען קודם כל אריינקומען אין'ם לאַגער פֿון די אויבערייטער און הערשער, און אַז פֿאַר איהם איז דאָ אַנדערע און פֿיל נייטיגערע אַרבייט. ער האָט בעזוכט די אוניווערזיטעט צוויי יאָהר לאַנג, און איז דאַן אַרויס, זיך גענצליך איבערגעבענדיג דער בעוועגונג. געלעבט האָט ער אַבי ווי; איך וויס אפילו ניט, צו האָט ער צומאָל געהאַט אַ שטענדיגע לאָזשי. טהייל מאָל פֿלעגט ער אַריינפֿאַלען צו מיר און אַ פֿרעג טאָהן: „האָסטו עפּעס שרייב פּאַפּיר?" און קריגענדיג פּאַפּיר, פֿלעגט ער זיך זעצען אין אַ ווינקעל און אַרבייטען אַ שטונדע אָדער צוויי זעהר פֿלייסיג, מאַכענדיג אַן איבערזעצונג. דאָס ביסעל, וואָס ער האָט פֿארדינט איז געוועזן נאָך מעהר ווי גענוג צופֿרידען צו שטעלען אַלע זיינע בעשרענקטע בעדירפֿניסע. דאַן פֿלעגט ער איילען אין אַן אנדערען עק שטאָדט זיך צו זעהען מיט אַ קאַמעראַד אָדער אַרויסצוהעלפֿען אַ פֿריינד אין נויט. ער וואַר אָהן צווייפֿעל אַ בעגאַבטער מענש. אין מזרח איראָפּאַ וואָלט זיך אַזאַ מאַן זיכער אַרויפֿגעאַרבייט אַלס אַ פּאָליטישער אָדער סאָציאַליסטישער פֿיהרער. אָבער קעלניץ'ן איז אַזאַ מין אידעע קיינמאָל אויף'ן געדאַנק ניט געקומען. צו זיין אַ פֿיהרער איז ניט געוועזן זיין אַמביציע, און פֿאַר איהם איז קיין אַרבייט ניט געוועזן צו קליין אָדער צו אומבעדייטענד. דאָך איז דיעזע מדה געוועזן ניט ביי איהם

בלויז; אַלע די, וועלכע האָבען פֿאַרבראַכט אַ פּאָאַר יאָהר אין די סטודענטען קרוזשאָק פֿון יענע צייטען האָבען געהאַט דיזעלבע נאָבעלע אייגענשאַפֿטען אין זיך.

גלייך נאָך דעם ווי איך בין צוריק געקומען קיין רוסלאַנד, האָט מיך קעלניץ איינגעלאַדען אַריינצוטרעטען אין א גרופּע, וועלכע וואַר בעקאַנט אונטער די יונגע לייט אַלס דער „טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק.“ אונטער דיזען נאָמען האָט ער געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער היסטאָריע פֿון דער סאָציאַלער בעוועגונג אין רוסלאַנד, און אונטער דיזען נאָמען וועט ער בלייבען בעוואוסט אין דער געשיכטע. „זיינע מיטגלידער,“ האָט מיר קעלניץ געזאָגט, „זיינען ביז יעצט געוועזען מייסטענטהיילס קאָנסטיטוציאָנאַליסטען; אָבער זיי זיינען אויסגעצייכענטע מענער, וועלכע זיינען בעריים אויסצוהערען יעדע עהרליכע אידעע; זיי האָבען מאַסען פֿריינד איבער גאַנץ רוסלאַנד, און איהר וועט זעהען, וואָס איהר קענט דאָרטען אויפֿטאָהן.“ טשאַיקאָווסקי'ן און נאָך עטליכע מיטגלידער פֿון דיזען קרוזשאָק האָב איך שוין געקענט פֿון פֿריהער. באַלד פֿון מיין ערשטע צוזאַמענקונפֿט מיט טשאַיקאָווסקי'ן, זיינען מיר געוואָרען די שטאַרקסטע פֿריינד און אונזער פֿריינדשאַפֿט האַלט שוין אָן זיבען און צוואַנציג יאָהר.

דער אָנפֿאַנג פֿין דיזען קרוזשאָק איז געווען אַ גאַנץ קליינע גרופּע פֿון מענער און פֿרויען, — סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ וואַר איינע פֿון זיי, — וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט מיט דעם צוועק פון זעלבסטבילדונג; צווישען זיי איז אויך געווען טשאַיקאָווסקי. אין 1869, האָט ניעטשאַיעף געפּרואווט אָרגאַניזירען אַ סעקרעטנע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציאָן צווישען די יוגענד, וועלכע איז געווען בעגייסטערט מיט'ן אידעאַל צו געהן אין פֿאָלק, און אום צו ערייכען דיזען ציעל האָט ער זיך בענוצט מיט די מיטלען פֿון אַלטע קאָנספּיראַטאָרס, און האָט זיך אפילו ניט ושענירט צו געברויכען פֿאַלשקייט בעת ער האָט געוואָלט צווינגען זיינע חברים, ווי זאָלען איהם נאָכפֿאָלגען, אַזעלכע מעטהאָדען קענען אין רוסלאַנד קיין קיום ניט האָבען, און אין קורצען איז זיין פֿעראיין צובראָכען געוואָרען. אַלע מיטגלידער זיינען ארעסטירט געוואָרען, און איניגע פֿון די בעסטע און נאָבעלסטע פֿון דער רוסישער יוגענד זיינען פֿאַרשיקט געוואָרען אין סיביר, נאָך אידער זיי האָבען עטוואָס אויפֿגעטאָהן. דער קרוזשאָק פֿאַר זעלבסט בילדונג, פֿון וועלכען איך רעד דאָ, איז געגרינדעט געוואָרען אין אָפּאָזיציאָן צו ניעטשאַיעפֿים מעטהאָדען. די עטליכע פֿריינד האָבען גערעכענט, און אויך גאַנץ קאָרעקט, אַז דער פֿונדאַמענט פֿון יעדער אָרגאַ־

ניזאַציאָן מוז זיין אַ מאָראַליש-ענטוויקעלטע אינדיווידואַליטעט, וואָס פאַר אַ פּאָליטישען כאַראַקטער זי זאָל נאַכהער נים אָנעהמען, און וואָס איהר פּראָגראַם אין שפּעטערע עראייגניסע זאָל נים זיין. דאָס איז געוועזן די אורזאַכע, וואָס דער טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק, בּיסלעכווייז אויסברייטענדיג זיין פּראָגראַם, האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרשפּרייט איבער רוסלאַנד, האָט ערייכט אַזעלכע וויכטיגע רעזולטאַטען און נאַכהער, ווען די גרויזאַמע פערפאָלגונגען פון דער רעגירונג האָבען אַרויסגערופען אַ רעוואָלוציאָנערען קאַמפף, האָט ער געשאַפען יענע מערקווירדיגע מענער און פרויען, וועלכע זיינען געפאַלען אין דעם שרעקליכען קאַמפף, וואָס זיי האָבען געקעמפפט געגען די סאַמאָדערזשאַוויע.

אָבער צו יענער צייט,—דאָס הייסט, אין 1872,—האָט דער קרוזשאָק אין זיך ניט געהאַט קיין רעוואָלוציאָנערעס. וואָלט ער געבליבען אַ בלויזער זעלבסטבילדונג׳ס פעראיין, וואָלט ער גאַנץ שנעל פאַרגליווערט געוואָרען, ווי אַ מאָנאַסטיר. אָבער די מיטגלידער האָבען געפונען פאַסענדע אַרבייט. זיי האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען גוטע ביכער. זיי האָבען געקויפט די ווערק פון לאַסאַל, פון בערווי (איבער די לאַגע פון די אַרביי-טער קלאַסען אין רוסלאַנד,) פון מאַרקס, רוסישע היסטאָרישע ווערק, און אַזוי ווייטער,—גאַנצע אויסגאַבען,—און האָבען זיי צוטהיילט צווישען די סטודענטען אין דער פּראָווינץ. אין עטליכע יאָהר איז ניט געוועזן קיין איין וויכטיגע שטעטעל אין די אַכט און דרייסיג גובערניעס פון דער רוסישער אימפּעריע, ריידענדיג מיט דער אָפּיציעלער שפּראַכע, וואו דיעזער קרוזשאָק זאָל ניט האָבען אַ גרופּע קאַמעראַדען, וועלכע זאָלען זיך ניט בעטהייליגען אין דער פערטהיילונג פון דיעזע מין ליטעראַטור. בּיסלעכווייז פאָלגענדיג דעם אַלגעמיינעם שטרוים דער צייט, און ערמונטערט פון די נייעס, וועלכע זיינען אָנגעקומען פון מעריב אייראָפּאַ מכוח דעם שנעלען פאָרטשריט פון דער אַרבייטער בעוועגונג, איז דער קרוזשאָק געוואָרען וואָס אַ מאָהל אַלץ אַ גרעסערער צענטער פון סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די געבילדעטע יוגענד, און אַ נאַטירליכער פערמיטלער צווישען די מיטגלידער פון פּראָווינציעלע פעראיינען; און דאַן, אין איין שעהנעם טאָג, איז די מחיצה צווישען די סטודענטען און די אַרבייטער אַוועקגענומען געוואָרען און דירעקטע פערבינדונגען זיינען עטאַבלירט געוואָרען מיט די אַרבייטער פון פּעטערסבורג און אין עטליכע אַנדערע געגענדען. דאַמאָלס בין איך עס אַריין אין דיעזען קרוזשאָק, אין פריהילינג פון יאָהר 1872.

אַלע געהיימע געזעלשאַפטען ווערען פורכטבאַר פערפאָלגט אין

רוסלאַנד, און די אויסלענדישע לעזער וועלען געוויס ערוואַרטען איך זאָל זיי געבען אַ בעשרייבונג פֿון מיין איינטריט און פֿון מיין שבועה, וועלכע איך האָב געגעבען. אומזיסט אייער ערוואַרטונג, דען עס איז גאָר ניטאָ וואָס צו בעשרייבען, און עס קען אויך ניט זיין; מיר וואָלטען געווען די ערשטע צו לאַכען פֿון אַזעלכע צערעמאָניעס, און קעלניין וואָלט זיכער ניט לאָזען פֿערביי־געהן די געלעגענהייט, ניט אַריינצוזאָגען איינעם פֿון זיינע בייסענד־סאַרקאַסטישע וויצען, וועלכע וואָלטען יעדע צערעמאָניע אַוועקגע'הרג'עט. עס איז אפילו קיין קאָנסטיטוציאָן ניט געווען. דער קרוזשאָק האָט אַריינגענומען בלויז אַזעלכע, וועלכע וואַרען גוט בעקאַנט און וואַרען אונטער פֿערשיעדענע אומשטענדען אויסגעפּרואווט; מענשען, אויף וועלכע מען האָט זיך פֿאָלשטענדיג געקענט אָנפֿערטרויען. איידער מ'האָט אַריינגענומען אַ קאַנדידאַט, האָט מען גוט דורכגעלופֿטערט זיין כאַראַקטער, מיט דער בעוואוסטער ניהיליסטישער ערנסטקייט און אָפֿענהערציגקייט. דער מינדעסטער שפור פֿון לייכטזינניגקייט אָדער פֿאַלשקייט, וואָלט גלייך פֿערמאַכט טהיר און טויער פֿאַר איהם. דער קרוזשאָק האָט ניט געזוכט קיין גרויסע צאָהל מיטגליעדער, און האָט ניט געשטרעבט צו קאָנצענטרירען אין זיינע הענד אַלע טהעטיגקייט, וועלכע איז אָנגעגאַנגען אונטער די יוגענד, אָדער אָנצושליעסען אין איין אָרגאַניזאַציאָן די מאַסענהאַפֿטע פֿעראיינען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין די הויפּט־שטעדט און אין די פּראָווינצען. מיט דאָס רוב פֿון זיי זיינען מיר געשטאַנען אין פֿריינדליכע בעציהונגען; מיר האָבען זיי געהאָלפֿען און זיי האָבען אונז געהאָלפֿען, אָבער זייער אויטאָנאָמי האָבען מיר קיין מאָהל ניט געטשעפּעט.

דער קרוזשאָק האָט ליעבער געוואָלט בלייבען אַן ענג־פֿערבונדענע גרופּע פֿון אינטימע פֿריינד; און איך האָב נאָך קיינמאָהל אין מיין לעבען ניט בעגעגענט אזא קאָלעקציאָן פֿון מאָראַלישע הויכע מענער און פֿרויען ווי יענע צוויי צעהנדליג מענשען, מיט וועלכע איך בין בעקאַנט געוואָרען ביי די ערשטע פֿערזאַמלונג פֿון דעם טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק. נאָך יעצט פֿיהל איך מיך שטאָלץ מיט דעם, וואָס איך בין אַריינגענומען געוואָרען אין יענער פֿאַמיליע.

ווען איך בין אַריין אין טשאַיקאָווקי קרוזשאָק, האָבען די מיטגליעדער היים דיסקוטירט די ריכטונג, וועלכע זייער טהעטיגקייט זאָל אָננעהמען. אַ סך זיינען געווען דאַפֿיר, מ'זאָל ווייטער אָנפֿיהרען די ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די געבילדעטע יוגענד; אָבער אַנדערע ווידער האָבען געדענקט, אַז דער איינציגער ציעל פֿון דיעזער אַרבייט זאָל זיין, צו פֿערפֿערטיגען מענער, וועלכע זאָלען זיין פֿעהיג אויפֿצואוועקען די

לעטאַרגישע אַרבייטס־מאַסען און אַז זייער הויפּט־טהעטיגקייט זאָל זיין צווישען די פּויערים און די שטאָדט־אַרבייטער. דיעזע דיסקוסיאָנען זיינען אָנגעגאַנגען אין אַלע גרופּען, וועלכע זיינען דאַמאָלסט אָרגאַניזירט געוואָרען הונדערטערווייז אין פּעטערסבורג און אין די פּראָווינצען; און אומעטום האָט די צווייטע פּראָגראַם גובר געווען די ערשטע.

וואָלט אונזער יוגענד אָנגענומען דעם סאָציאַליזמוס אין זיין אַבסטראַקטען זינען בלויז, וואָלטען זיי זיך אפשר בענוגענט מיט אַ פּשוט׳ע פּרינציפּען־ערקלערונג, און פֿאַר איין וועגס אויך אַריינגערעכענט אין נדן אַלס אַ ווייטען ציעל די קאָמוניסטישע אַנייגנונג פֿון דער פּראָדוקציאָנס־מאַשינערי,—און דערווייל וואָלטען זיי מסתמא אָנגעפֿיהרט אירגענד וועלכע פּאָליטישע אַגיטאַציאָן. אַ סאַך מיטעל־קלאַסע סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער אין מעריב־אייראָפּא און אַמעריקא געהען ווירקליך אויף אַזאַ מין וועג. אָבער אונזער יוגענד איז צוגעלאָזען געוואָרען צום סאָציאַליזמוס אויף אַ גאַנץ אַנדערען אופֿן. זיי זיינען ניט געווען קיין טהעאָרעטיקער פֿון סאָציאַליזמוס, זאָנדערען זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען ווייל זיי האָבען אַליין געלעבט ניט בעסער ווי די אַרבייטער גופא לעבען, ניט מאַכענדיג קיין חלוק צווישען „מיין און דיין“ אין זייער קרוישאָק און זיך ענטזאַגענדיג צו געניעסען פֿאַר זיך אַליין די עשירות, וואָס זיי האָבען גע׳ירש׳נט פֿון זייערע עלטערען. זיי האָבען געטהאָן אין בעצוג צום קאַפּיטאַליזמוס דאָסזעלבע, וואָס טאָלסטאָי וויל, עס זאָל געטהאָן ווערען אין בעצוג צום קריעג, בעת ער פֿאָדערט אויף די פֿעלקער, זיי זאָלען ניט בלויז קריטיקירען דאָס בלוטיגע שלאַכטפֿעלד, נאָר זיי זאָלען זיך לגמרי ענטזאַגען, יעדער איינציגער פֿאַר זיך, צו דיענען אַלס סאָלדאַט און צו טראָגען געוועהר. פּונקט אַזוי האָט זיך אונזער רוסישע יוגענד, יעדער מאַן, אָדער פֿרוי פֿאַר זיך, ענטזאַגט זיך צו בענוצען מיט די פּערזענליכע פּריווילעגיעס פֿון זייערע ירושות. עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך געווען נויטיג, אַז זיי זאָלען ווערען אַ טהייל פֿון פֿאָלק גופא, בשר מבשרו, פֿלייש פֿון זיין פֿלייש, טויזענדער און טויזענדער יונגע מענער און פֿרויען האָבען שוין געהאַט פֿערלאָזען זייערע היימען און יעצט האָבען זיי געפּרוווט לעבען אין די דערפֿער און אין די אינדוסטריעלע שטעדט אונטער אַלע מעגליכע בעדינגונגען.

דאָס וואַר ניט קיין אָרגאַניזירטע באַוועגונג, דאָס איז געווען איינע פֿון יענע מאַסען באַוועגונגען, וועלכע פּאַסירען אין געוויסע פּעריאָדען בעת דער מענשליכער געוויסען ווערט פּלוצים ערוואַכט. איצטער, בעת די קליינע גרופּען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרען, בערייט צו מאַכען סיסטעמאַטישע פּראָבען צו פֿערשפּרייטען די אידעען פֿון רעבעליאָן און פֿרייהייט אין רוס־

לאַנד, וואַרען זיי געצוואונגען אָנצופֿיהרען דיעזע פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די מאַסען, סיי פֿון די פּויערים, סיי פֿון די לוין־אַרבייטער און די שטודענט. מאַנכע שרייבער האָבען געטריט צוצושרייבען דיעזע בעוועגונג „אין פֿאָלק" צום אויסלענדישען איינפֿלוס: „אויסלענדישע אַגיטאַטארס זיינען אומעטום", האָבען זיי גע'טענה'ט. און עס איז ווירקליך אמת, אַז אונזער יוגענד האט זיך צוגעהערט צו די מעכטיגע שטימע פֿון באַקונין, און אַז די אַגיטאַציאָן פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אַ צויבערענדע ווירקונג אויף אונז. אָבער די בעוועגונג האָט געהאַט אַ פֿיעל טיפֿערען וואָרצעל: זי האָט אָנגעהויבען נאָך איידער „אויסלענדישע אַגיטאַטאָרס" האָבען גענומען ריידען צו דער רוסישער יוגענד, און אפילו נאָך איידער דער אינטערנאַציאָנאַל איז געגרינדעט געוואָרען. אָנגעפֿאַנגען האָט זי זיך אין די גרופּען פֿון קאַראַקאָזאָוו אין 1866; טורגעניעף האָט זי געזעהען קומענדיג, און נאָך אין 1859, האָט ער שוין שוואַכלעך אָנגעדייטעט אויף איהר. איך האָב געטאָהן אַלעס מעגליכע צו פֿערברייטען דיעזע בעוועגונג אין דעם טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק; אָבער איך האָב בלויז מיטגעאַרבייט מיט'ן שטרוים, וועלכער וואַר אונענדליך שטאַרקער, ווי וועלכע־ניט־איז אינדיווידועלע אַנשטרענגונג.

נאַטירליך האָבען מיר אָפֿט גערעדט מכוח די נויטווענדיגקייט אָנצופֿאַנגען אַ פּאָליטישע אַגיטאַציאָן געגען אונזער אבסאלוטע רעגירונג. מיר האָבען שוין דאַן געזעהען ווי די מושיקעס ווערען אַריינגעשליידערט אין דעם אָבגרונד פֿון אונפֿערמיידליכען אונגליק, דורך די נאַרישע פּאָדאַטקעס און דורך דעם נאָך נאַרישערען אויספֿערקויף פֿון זייערע בהמות אום צו דעקקען די ריקשטעהענדע צינזען. מיר „בעלי חלומות" האָבען געזעהען די אַנקונפֿט פֿון דער פֿאָלשטענדיגער רואינע פֿון אַ גאַנצער בעפֿעלקערונג, וועלכע איז שוין ליידער צו יענער צייט דורכגעפֿיהרט געוואָרען אין צענטראַל רוסלאַנד ביז צו דער שוידערליכסטער שטופֿע, וואָס דאָס האָט די רעגירונג אַליין מודה געווען. מיר האָבען געוואוסט ווי רוסלאַנד איז אין יעדער ריכטונג בערויבט געוואָרען אויף'ן שענדליכסטען אופֿן. מיר האָבען געוואוסט, און מיר האָבען אויסגעפֿונען מיט יעדען טאָג מעהר, פֿון דער געזעצלאָזיגקייט פֿון די טשינאָווניקעס, און די כמעט אונגלויבליכע בעסטיאַליטעט פֿון פֿיעלע פֿון זיי. מיר האָבען דורכאַנאַנד געהערט פֿון פֿריינד, ביי וועמען די פּאָליציי האָט אין מיטען נאַכט איינגעבראָכען און געמאַכט אביסקעס, פֿון אַנדערע וועלכע זיינען פּלוצלונג פֿערשוואונדען פֿון די טורמעס, און וועלכע—ווי מיר האָבען שפּעטער אויסגעפֿונען—זיינען פֿערשיקט געוואָרען אין ווייטע דערפֿלאַך פֿון טיעף רוסלאַנד. מיר האָבען דעריבער

געפֿיהלט די נויטווענדיגקייט פֿון אַ פּאָליטישען קאַמפּף געגען דיזע שרעקליכע מאַכט, וועלכע דערשטיקט די בעסטע אינטעלעקטועלע קרעפֿטען פֿון דער נאַציאָן. אָבער מיר האָבען נים געזעהען דעם מינדעסטען באָדען, אַ לעגאַלנעם אָדער נים לעגאַלנעם, פֿאַר אַזאַ מין קאַמפּף. אונזערע עלטערע ברידער האָבען נים געוואָלט אונזערע סאָציאַליסטישע אידעאַלען, און מיר האָבען זיי נים געקענט אויפֿגעבען. ניין, אפילו ווען עטליכע פֿון אונז וואָלטען עס שוין געטאָהן, וואָלט עס אויך נים געהאָלפֿען. דער יונגער דור, אים אַלגעמיינעם, איז בעהאַנדעלט געוואָרען אַלס פֿערדעכטיגער, און דער עלטערער דור האָט מורא געהאַט מיט זיי צו האָבען דעם מינדעסטען מגע ומשא.

יערער יונגער מאַן מיט דעמאָקראַטישע אידעען, יעדע יונגע פֿרוי, וועלכע האָט פֿערפֿאָלגט אַ קורס אין בילדונג, איז געווען גערעכענט אַלס אַ פֿערדעכטיגער ביי דער פּאָליציי, און איז פֿון קאַטקאָוו'ן פֿערשריען געוואָרען אַלס אַ שונא פֿון דעם שטאַאַט. קורצע האָאָר און בלויע ברילען ביי אַ מיידעל, אַ „דושאָמפּער" אנשטאָט אַ פּאַלטאָ אין ווינטער ביי אַ סטודענט, זיינען שוין געווען גענוג פֿאַר די פּאָליציי צו האַלטען אַן אויג אויף זיי אַלס פּאָליטישע. אַזעלכע מיני זאַכען האָבען געשמעקט מיט ניהיליסטישע איינפֿאַכקייט און דעמאָקראַטיזמוס. ווען אַ סטודענט'ס לאָזשי איז אָפֿט בעזוכט געוואָרען פֿון אַנדערע סטודענטען, האָט אויך די פּאָליציי דאָס געהאַלטען פֿאַר איהר פּפֿליכט דאָרט אָבצושטאַטען רעגעלמעסיגע וויזיטען און צו מאַכען אָביסקעס. דיזע אָביסקעס זיינען שוין דערנאָך געוואָרען אַזוי אָפֿט ביי געוויסע סטודענטען, אַז קעלניץ האָט איינמאָהל געזאָגט, אין זיין מילד-הומאָריסטישען שטייגער, צום פּאָליציי אָפֿיציר, וועלכער האָט דורכגעלופֿטערט זיין צימער: „צו וואָס ברויכט איהר איבערקוקען אַלע אונזערע ביכער יעדען מאָהל, ווען איהר קומט? אַ מעהר שרייבט זיך איין מאָהל פֿאַר אַלע מאָהל אויס אַ ליסטע און דאַן וועט איהר בלויז ברויכען קומען איין מאָהל אין מאָנאַט און זעהען צו זיי ליגען אַלע אויף די ריכטיגע פּאָליצעס; און פֿון צייט צו צייט קענט איהר צושרייבען די קעפּלעך פֿון די נייע ביכער, וואָס קומען צו." דער מינדעסטער חשד איז געווען גענוג אויסצורייסען אַ יונגען מאַן פֿון גימנאַזיע, איהם אַריינצוואַרפֿען אין טורמע און ענדליך איהם צו פֿאַרשיקען אין די ווייטע מקומות, ערגעץ אין די אוראַל בערג—„פֿאַר אַן אומבעשטימטען טערמין", ווי זיי פֿלעגען זיך אויסדריקען אין זייער ביוראָקראַטיש-גראָבען לשון. אפילו אין דער צייט, בעת דער טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק האָט קיין זאַך נים געטאָהן אַ חוץ, וואָס ער האָט פֿאַרטהיילט ביכער, וועלכע זיינען אַלע געווען אַרויסגעגעבען מיט דער



W. N. TCHIKOVSKY.

ערלויבנים פֿון דער צענזור, איז טשאַיקאָווסקי צוויי מאָהל אַרעסטירט געוואָ־
רען און איז אָבגעזעסען פֿיער אָדער זעקס חדשים אין טורמע;
דאָס צווייטע מאָהל גראַד אין אַ קריטישע צייט פֿון זיין קאַריערע
אַלס בעמיקער. זיינע פֿאָרשונגען זיינען דאַן נור וואָס אַרויסגעגעבען געוואָ־
רען אין דעם בולעטין פֿון דער אַקאַדעמיע פֿון וויסענשאַפֿטען, און ער האָט
געזאָלט אָבלייגען זיין לעצטען עקזאַמען אין אוניווערזיטעט. מי האָט איהם
ענדליך אַרויסגעלאָזען, מחמת די פּאָליציי האָט ניט געקענט אויסזוכען גע־
ניגענדע בעווייזע געגען איהם, אַז מי זאָל איהם קענען פֿערשיקען אויף די
אוראַלס. „אָבער אויב מי וועט דיך נאָך איין מאָהל אַרעסטירען". האָט די
פּאָליציי איהם מתרה געווען, „וועט מען דיך פֿערשיקען אויף סיביר". דער
פֿאַקט איז, אַז ביי אַלעקסאַנדער דעם צווייטען איז דאָס געווען אַ זעהר
בעליעבטע פֿאַנטאַזיע צו גרינדען ערגעץ וואו אין די סטעפּעס אַן עיר
מקלט, וועלכער זאָל זיין בעוואַכט טאָג און נאַכט פֿון קאָזאַקען, וואו אַלע
פֿערדעכטיגע יונגע לייט זאָלען קענען פֿערשיקט ווערען, אַזוי אַז מי זאָל
דאָרט מאַכען פֿון זיי אַ שטאָדט, פֿון וועלכע צעהן אָדער צוואַנציג טויזענד
איינוואוינער. בלויז די סכנה וואָס אַזאַ שטאָדט וואָלט אַ מאָהל
געקענט ברענגען, האָט איהם אָבגעהאַלטען דיעזען עכט אַזיאַטישען פּלאַן
אויסצופֿיהרען.

איינער פֿון אונזערע לייט, אַן אָפֿיציר, האָט בעלאַנגט צו אַ גרופּע
יונגע מענשען, וועלכע האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט דער אַמביציע צו
דיענען אין די פּראָווינציעלע זעמסטוואָס. דיעזען מין אַרבייט האָבען
זיי געהאַלטען פֿאַר אַ הייליגע מיסיאָן און זיי האָבען זיך פֿערפֿערטיגט
דערצו און האָבען גאַנץ ערנסט שטודירט די עקאָנאָמישע צושטענדע פֿון
צענטראַל-רוסלאַנד. אַ סך יונגע מענשען האָבען זיך מיט דיעזע האָפֿנונ־
גען אַרומגעטראָגען אַ צייט לאַנג. אָבער אַלע דיעזע פּלענער זיינען פֿער־
שוואונדען גלייך ביי דער ערשטער בעריהרונג מיט דער ווירקליכער רעגי־
רונג'ס מאַשינערי.

נאָכדעם, ווי די רעגירונג האָט בעוויליגט אַ זעהר בעשרענקטע
פֿאָרמע פֿון זעלבסט-רעגירונג פֿאַר עטליכע פּראָווינצען אין רוסלאַנד, האָט
זי באַלד חרטה געקראָגען און גענומען טרייען פֿון דער גאַנצער רעפֿאָרמע
צו מאַכען אַ תל. די פּראָווינציעלע זעלבסט-רעגירונג האָט זיך געמוזט בע־
נוגענען מיט דער בלויזער אַרבייט פֿון שטאַאַט-בעאַמטע, וועלכע זאָלען
קאָלעקטירען די צוגעקומענע לאָקאַלע צינזען און זיי אויסגעבען אויף די לאָ־
קאַלע בעדירפֿניסע פֿון'ם שטאַאַט. אויף יעדע פּראָבע פֿון די דיסטריקט-
בעאַמטע צו נעהמען די איניציאַטיווע אין אירגענד וועלכע רעפֿאָרמע—שולען,

לעהרער, אוניווערזיטעטען, היגיענישע איינריכטונגען, אַגריקולטורנע אויסבעסערונגען א. ז. וו.—האָט די צענטראַלע רעגירונג געקוקט מיט פֿערדאַכט, מיט שנאה,—און די „מאָסקווער גאַזעט" האָט יעדע זאַך פֿערשריען אַלס „אָבגעזונדערטקייט", אַלס די אָרגאַניזירונג פֿון „אַ שטאַאַט אין'ם שטאַאַט," אַלס רעבעליאָן און געגען די אויטאָקראַטי.

ווען מי זאָל וועלען דערצעהלען די ווירקליכע היסטאָריע פֿון דעם לעהרער־סעמינאַריום פֿון טווער, למשל, אָדער פֿון אַנדערע עהנליכע אַנשטאַלטען פֿון יענע יאָהרען, מיט אַלע קליינליכע רדיפות, אוקאַזען, רעגעלען, מיט וועלכע זיי זיינען געפּלאַגט געוואָרען, וואָלט עס קיינער פֿון די לעזער פֿון מערב־אייראָפּאַ, און שפּעציעל קיינער פֿון די אַמעריקאַנער לעזער, ניט אָנגעהויבען גלויבען. ער וואָלט אַוועקגעוואָרפֿען דעם בוך און געזאָגט: „עס קען ניט זיין אמת; עס איז צו נאַריש, אַז מי זאָל עס קענען גלויבען". און דאָך איז עס אַזוי געווען. גאַנצע גרופּען ערוועהלטע פֿאָרשטעהער פֿון מעהרערע זעמסטוואָס זיינען אַראָבגעזעצט געוואָרען פֿון זייער דיענסט און פֿערטריבען געוואָרען פֿון די פּראָווינצען אין זייערע גיטער, אָדער זיינען איינפֿאַך אויסגעוויזען געוואָרען פֿון לאַנד, נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען געוואַגט בעטען ביים צאַר, אויף דער אונטערטהעניגסטער אַרט, מכח געוויסע רעכטע, וועלכע האָבען בעלאַנגט צו די זעמסטוואָס נאָך'ן געזעץ נאָך. „די ערוועהלטע מיטגליעדער פֿון די פּראָווינציעלע דומעס מוזען זיין איינפֿאַכע מיניסטערשע טשינאָווניקעס און מוזען געהאָרכען דעם מיניסטער דער אינערען". דאָס איז געווען די טהעאָריע פֿון דער פּעטערבורגער רעגירונג. וואָס אָנבעטרעפֿט די ווייניגער פּראָמינענטע מענשען—לעהרער, דאָקטוירים און נאָך אַזעלכע, אין דעם דיענסט פֿון די לאָקאַלע געמיינדע־ראַטהס—זיי זיינען אַראָבגעזעצט געוואָרען פֿון דער פּאָליציי אין 24 שטונדען, אָהן ווייטערע צערעמאָניעס, אַ חוץ אַן אוקאַז פֿון דער מעכטיגער „טרעטיע אָטדעלעניע" פֿון דעם קייזערליכען הויף.

בלויז מיט איין יאָהר צוריק האָט אַ געוויסע דאַמע, וועלכע האָט זיך זעלבסט אינטערעסירט מיט בילדונג, און וועמענס מאַן איז ניט נאָר געווען אַ גרויסער לאַנד־אייגענטהימער, נאָר אויך אַ הויכער בעאַמטער אין איינעם פֿון די זעמסטוואָס, געהאַט איינגעלאַדען צו איהר געבורטסטאָגס־פּעסט אַכט שוהל־מייסטער. „מעהר ווי די פּראָסטע מוזשיקעס זעהען זיי דאָך נעבעך קיינמאָהל קיין מענשען אין די אויגען ניט אָן", האָט זי זיך געטראַכט. אויף מאָרגען נאָך דער פּאַרטי, איז דער זשאַנדאַרם פֿון'ם דאָרף געקומען צו דער דאַמע אין הויף און געפֿאָדערט זי זאָל איהם געבען די נעמען פֿון די אַכט לעהרער, אום זיי צו רעפּאָרטען צו דער פּאָליציי. די

דאַמע האָט זיך ענטזאַגט אַרויסצוגעבען די נעמען. „זעהר שעהן", האָט ער געענטפֿערט, „איך וועל זיי שוין פֿון דעסטוועגען אויסגעפֿינען, און מיר מאַכען איין פּראָטאָקאָל. לעהרער טהאָרען ניט צוזאַמענקומען און איך מוז זיי רעפּאָרטען, ווען זיי טהוען עס יאַ". די הויכע שטעלונג פֿון דער דאַמע האָט גראַד אין דיעזען פֿאַל בעשיצט די לעהרער, אָבער אויב זיי וואָלטען זיך צונויפֿגעקומען אין די צימער פֿון איינעם פֿון זייערע אייגענע קאָלעגען וואָלט די שטאַאַטס-פּאָליציי זיך אַליין מטריח געווען זיי אָבצושטאַטען אַ וויזיט, און אַ העלפֿט פֿון זיי וואָלטען אַראָבגעוואָרפֿען געוואָרען פֿון זייערע שטעלען פֿון דעם מיניסטער דער בילדונג; און נאָך מעהר, קוים וואָלט אימיצער פֿון זיי זיך אויסגערעדט דעם מינדעסטען וואָרט בשעת דעם אָביסק, וואָלט ער זיכער פֿערשיקט געוואָרען ערגעץ אין די אוראַלען. אָט דאָס פּאַסירט היינט צו טאָג, דריי און דרייסיג יאָהר נאָך דעם ווי די פּראָווינציאַל-געריכטען און געמיינדע-ראַטהס זיינען געעפֿענט געוואָרען; אָבער עס איז געווען פֿיעל ערגער אין די זעכציגער יאָהרען. אונטער אַזעלכע אינסטיטוציאָנען וואָס פֿאַר אַ באָדען האָט א פּאָליטישער קאַמפּף געקענט האָבען?

בעת איך האָב גע'ירש'נט פֿון מיין פֿאָטער זיין טאַמבאָווער אימע־ניע, האָב איך אַ לאַנגע צייט געטראַכט זיך דאָרט צו בעזעצען, און צו ווידמען מיין ענערגיע פֿאַר דער אַרבייט אין דער לאָקאַלער זעמסטוואָ, אַ סך פּויערים און די אָרימע גלהים פֿון דער נאַכבאַרשאַפֿט האָבען מיך געבעטען איך זאָל עס טהאָן. וואָס מיך גופא אָנבעלאַנגט, וואָלט איך געווען צופֿרידען מיט אַבי וואָס, ווי קליין די זאַך זאָל ניט זיין, אַבי עס זאָל העלפֿען ערהויבען דעם אינטעלעקטועלען שטאַנד און דעם וואָהלזיין פֿון די מושיקעס. אָבער איין מאָל בעת אַ סך פֿון מיינע ראַטהגעבער זיינען געווען צוזאַמען האָב איך געפֿרעגט: „ווען איך זאָל, למשל, וועלען עפֿענען אַ שוהלע, אַן עקספּערימענט-פֿאַרם, אַ קאָאָפּעראַטיוו אונטערנעהמונג, און אין דער זעלבער צייט וואָלט איך זיך אונטערנעהמען צו בעשיצען דעם פּויער פֿון אונזער דאָרף, וועלכען מ'האָט געטאָהן אַן עולה, וואָלט די נאַטשאַלסטוואָ עס מיר ערלויבט?" „קיין מאהל אין לעבען!" האָבען זיי אַלע מיט איין מאָל געענטפֿערט.

אַן אַלטער גרויער גלח, אַ מאַן וועלכען די גאַנצע נאַכבאַרשאַפֿט האָט שטאַרק געשעצט, איז צו מיר געקומען מיט עטליכע טעג שפּעטער, מיט צוויי איינפֿלוסרייכע פֿיהרער פֿון די געגען-פּראַוואָסלאַווגע סעקטעס, און האָט מיר געזאָגט: „אָט רעדט מיט דיעזע צוויי מענשען. אויב איהר קענט עס דורכפֿיהרען, געהט מיט זיי, און, מיט די ביבעל אין דער האַנד,

פּרעדיגט צו די פּויערים... נו איהר ווייסט שוין וואָס צו פּרעדיגען... קיין פּאָליציי אין דער וועלט וועט אייך ניט אויסגעפינען, כל זמן זיי וועלען אייך היטען... ווייטער קען איך אייך קיין זאַך ניט טהאָן, דאָס איז וואָס איך, אַן אַלטער מאַן ראַטה אייך"

איך האָב זיי געזאָגט פּאַרוואָס איך קען אַזאַ ראָליע ניט אָננעהמען. אָבער דער אַלטער איז געווען גערעכט. אַן ענגליכע בעוועגונג פּערשפּרייט זיך יעצט אין רוסלאַנד צווישען די מוזשיקעס. אַזעלכע ענועים ווי מי האָט אָנגעטאָהן די פּרידענס־ליעבענדע דוכאָבאָרצעס, און אַזעלכע אָבלאַוועס ווי מי האָט געמאַכט אויף די ניט־פּראַוואָסלאַווגע פּויערים אין זיד־רוסלאַנד אין 1897, בעת קינדער זיינען געַ'גנב'עט געוואָרען אום מי זאָל זיי קענען ערציהען אין די עכט־אָרטהאָדאָקסישע מאָנאַסטירען, אַזעלכע מיטלען וועלען בלויז דיעזער בעוועגונג צוגעבען אַ קראַפט, וועלכע זי האָט ניט געקענט עררייכען מיט פּינף און צוואַנציג יאָהר צוריק.

אַזוי ווי די פּראַגע פון אַ קאָנסטיטוציאָן איז תמיד פּאָרגעבראַכט געוואָרען אין אונזערע דיסקוסיאָנען, האָב איך איינמאָל פּאָרגעשלאָגען פּאַר'ן קרוזשאָק זי פּאָרצונעהמען גאַנץ סעריאָזנע, און צו זוכען אַ ריכטיגען פּלאַן פּאַר אַזאַ מין אַגיטאַציאָן. איך בין אימער געווען מיט דער מיינונג, אַז ווען דער קרוזשאָק האָט געפּאַסט אַ בעשלוס איינשטימיג, ברויך יעדער מיטגליעד אַוועקצולייגען אָן אַ זייט זיין פּערזענליכען געפיהל און זיך איבערגעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען צו דער אָנגענומענער אַרבייט. „אויב איהר בעשליסט צו אַגיטירען פּאַר אַ קאָנסטיטוציאָן", האָב איך געזאָגט, „איז מיין פּלאַן דער: איך וועל מיך פון אייך אָבטהיילען, לפּנים וועגען, און אָנהאַלטען פּערבינדונגען בלויז מיט איינעם פון אייך, טשאַיקאָווסקי, למשל, —דורך וועמען איך וועל אויסגעפינען ווי איהר געהט אָן מיט דער אַרבייט, און וועמען איך וועל מיטטהיילען אין אַלגעמיינעם וואָס איך טהו אויף. איך וועל אַרבייטען צווישען די האָפלייט און די הויכע טשינאָווניקעס. צווישען זיי האָב איך פּיעל בעקאַנטע און קען אַ מאַסע פון זיי, וועלכע האַסען די יעצטיגע פּערהעלטניסע מיט'ן גאַנצען האַרצען. איך וועל זיי צוזאַמענברייגנען און, אויב מעגליך, זיי פּעראייניגען אין אַ מין אָרגאַניזאַציאָן; און דאַן וועט מסתמה קומען אַ צייט, ווען עס וועט זיך יאַווען אַ געלעגענהייט אויפצודרינגען אַלע דיעזע קרעפטען אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטען און איהם צווינגען צו געבען אַ קאָנסטיטוציע. עס וועט זיכער קומען אַ צייט, ווען דיעזע חברה, דערזעהענדיג אַז זיי זיינען שוין צו ווייט פּערקראָכען, וועלען מוזען אין זייערע אייגענע אינטערעסע מאַכען אַ פעסט־ענטשלאָסענעם שריט. אויב עס איז נויטיג, וועלען מאַנכע פון אונז, וועלכע זיינען

געווען אָפּיצירען, אָנהייבען צו פֿיהרען אַ פּראָפּאַגאַנדאַ אין דער אַרמעע גופא; אָבער דיזע אַרבייט מוז זיין אין גאַנצען אָבגעזונדערט פֿון אייערע, כאָטש אפילו מיר וועלען אַלע אַרבייטען אין דערזעלבער ריכטונג. איך האָב די זאַך ערנסט בעטראַכט. איך וויים וואָס פֿאַר אַ פֿערבינדונג איך האָב און אויף וועמען איך קען מיך פֿערלאָזען, און מאַנכע פֿון די אונצופֿרידענע קוקען שוין יעצט אויף מיר אַלס אַ מיטעלפונקט, פֿון וואַנען אַזאַ מין טהעטיגקייט זאָל זיך אָנפֿאַנגען. דיזען וועג געה איך מיר ניט אַליין אויסקלייבען; נאָר אויב איהר דיינקט, אַז ער איז גוט, וועל איך מיך דערצו איבערגעבען מיט לייב און לעבען".

דער קרוזשאָק האָט דיזען פֿאָרשלאַג ניט אָנגענומען. זיך קענענדיג איינער דעם אַנדערען אַזוי אויסגעצייכענט גוט, האָבען מיינע קאַמעראַדען מסתמה געטראַכט, אַז אויב איך וואָלט אַוועק אין דיזע ריכטונג, וואָלט איך אויפֿהערען צו זיין געטריי צו זיך אַליין. צוליעב מיין אייגענעם פּערזענליכען גליק, צוליעב מיין אייגענעם פּערזענליכען לעבען, קען איך ניט פֿיהלען דאַנקבאַר גענוג וואָס דיזער פֿאָרשלאַג מיינער איז ניט אָנגענומען געוואָרען. איך וואָלט אַוועק אויף אַ וועג, וועלכער איז געווען ניט דער, וועלכען מיין נאַטור וואָלט מיך דיקטירט, און איך וואָלט ניט געווען געפֿונען דעם פּערזענליכען גליק, וועלכען איך האָב געפֿונען אויף אַנדערע וועגען. אָבער אין זעקס אָדער זיבען יאָהר אַרום, ווען די טעראָריסטען זיינען געשטאַנען אין זייער שרעקליכען קאַמפּף געגען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, האָב איך שטאַרק בעדויערט, וואָס קיינער האָט ניט געהאַט אונטערנומען דיזע אַרבייט, וועלכע איך האָב פֿאָרגעשלאָגען אָנצופֿיהרען אונטער די הויכגעשטעלטע און אונצופֿרידענע האָפֿלייט פֿון פּעטערבורג. ווען מי וואָלט זיך דאָרטען אַביסעל מעהר צוזאַמענגערעדט, און ווען דיזע פֿערשטענדניס וואָלט זיך געהאַט פֿערשפּרייט און פֿערצווייגט איבער די גאַנצע אימפּעריע, וואָלטען די אונגעהייערע אָפּפֿער ניט געפֿאַלען אומזיסט. יעדענפֿאַלס האָט די אונטעראירדישע אַרבייט פֿון דער עקזעקוטיווער קאָמיטע געזאָלט אונבעדינגט אונטערשטיצט ווערען דורך אַ גרינדליכע אַגיטאַציאָן אין דעם ווינטער-פּאַלאַץ.

ניט איינמאָל איז אין אונזערע דיסקוסיאָנען פֿאָרגעקומען די פֿראַגע מכח די נויטווענדיגקייט פֿון אַ פּאָליטישען קאַמפּף, און געענדיגט האָט זי זיך תמיד מיט גאָרנישט. די קאַלטקייט און די גלייכגילטיגקייט פֿון די רייכערע קלאַסען וואַרען האָפֿנונגסלאָז, און די פֿערפֿאָלגונג פֿון די יונגע לייט האָט נאָך ניט געהאַט דערגרייכט די שטופֿע פֿון די פֿערפֿאָלגונגען, וועלכע האָבען זיך מיט זעקס יאָהר שפּעטער געענדיגט אין דעם

קאַמפּף פון די טעראָריסטען אונטער דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט. מערקווירדיג,—און דאָס איז איינע פון די העכסט טראַגישע איראָניעס פון דער היסטאָריע,—דאָס דיזעלבע יוגענד, וועלכע אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אין זיין בלינדען פחד און ווילדען משוגעת, הונדערטערווייז פערשיקט אויף קאַטאָרגע און פעראורטהיילט צו אַ לאַנגזאַמען טויט אין גלות, דיזעלבע יוגענד וואַר עס, וועלכע האָט איהם בעשיצט אין 1871—1878. אפילו די לעהרער גופא פון די סאָציאַליסטישע גרופען האָבען געשטרעבט צו פערהיטען דעם צאַר'ס לעבען פון אַ צווייטען אַנגריף נאָך קאַראקאָזאָוו. „ברענגט צושטאַנד אַ גרויסע סאָציאַליסטישע מאַסענבעוועגונג צווישען די אַרבייטער און די פויערים אין רוסלאַנד", איז געווען די פּאַראָלע פון יענע צייטען, „דעם צאַר מיט זיינע יועצים לאָזט צורוה. אָט זאָל זיך נאָר אָנהויבען אַזאַ מאַסענבעוועגונג, זאָלען נאָר די פויערים אָנהויבען צו פאָרדערען מי זאָל אָבשאַפען די אויסלייזונגס־צינזען, וועט איהר שוין זעהן ווי די סאַמאָדערזשאַווגע רעגירונג וועט לויפען זוכען הילפע ביי די געלד־קלאַסען און ביי די לאַנד־בעזיצער און דער צאַר וועט אַליין מוזען צוזאַמענרופען אַ פּאַרלאַמענט,—אָקוראַט ווי דער פויערען־אויפשטאַנד פון פראַנקרייך, אין 1789, האָט געצוואונגען דעם קעניג צוזאַמענרופען די נאַציאָנאַלפערזאַמלונג; אַזוי וועט עס אויך זיין אין רוסלאַנד".

אָבער עס איז געווען מעהר ווי דאָס. אייניצעלע פערזאָנען און גרופען, צוזעהענדיג ווי די הערשאַפט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען מוז זינקען אַלס טיפער און טיפער אין רעאַקציאָן, און אין דערזעלבער צייט זיך טרייסטענדיג מיט דער האָפנונג פון'ם נאַסלעדניק'ס „ליבעראַליזם",—אויף אַלע נאַסלעדניקעס זאָגט מען, אַז זיי זיינען בלומרשט ליבעראַל,—האָבען זיי זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט'ן געדאַנקען אַז ס'וואָלט זיין גוט צו פאָלגען קאַראַקאָזאָוו'ס ביישפּיעל. דאָך האָבען אָבער די אָרגאַניזירטע פעראיינען זיך געשטעלט מיט אַלע כוחות געגען אַזאַ מין טהעטיגקייט. איך קען שוין יעצט אויסזאָגען דעם פאָלגענדען פאַקט, וועלכער איז נאָך ביז יעצט קיין מאָל ניט פערעפענטליכט געווען. ווען אַ יונגער מאַן איז געקומען פון זיד־רוסלאַנד קיין פעטערסבורג מיט דעם פעסטען בעשלוס צו טויטען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, און עטליכע מיטגלידער פון'ם טשאַיקאָווסקי קרייז האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי ניט נאָר געזעהען מיט אַלע מעגליכע אַרגומענטען איהם אָבצוהאַלטען פון דיזער טהאַט, נאָר זיי האָבען איהם אויך מודיע געווען, אַז זיי וועלען איהם היטען און מיט געוואַלט שטערען די אויספיהרונג פון זיין טהאַט. וויסענדיג גענוי, ווי ווייניג דער ווינטער־פּאַלאַץ וואַר צו יענער צייט בעוואַכט, קען איך

פאָזיטיוו זאָגען, אַז זיי האָבען גערעטעט דעם לעבען פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. אַזוי פֿעסט איז די יוגענד דאַמאָלס געווען געגען דעם קאַמפּף, אין וועלכען זיי האָבען זיך אזוי געוואַלטיג בעטייליגט שפּעטער, בעת דער בעכער פֿון זייערע ליידען איז געוואָרען איבערפֿול.

די צוויי יאָהר וואָס איך האָב געאַרבייט מיט'ן טשאַיקאָווסקי קרוזשאָק. איידער איך בין אַרעסטירט געוואָרען, האָבען איבערגעלאָזען אַ טיעפֿען רושם אויף מיין גאַנצען לעבען און אויף אַלע מיינע געדאַנקען. אין דער צייט פֿון דיעזע צוויי יאָהרען האָב איך געפֿיהלט, אַז איך לעב אויף דער וועלט,—דאָס איז געווען יענע פֿולע רייכקייט אין'ם מענשענס לעבען, בעת מ'פֿיהלט יעדע מינוט, ווי די פֿעדעמלעך פֿון אונזער גאַנצען אינערליכען וועזען שלאָגען מיט אימפּעט און רעגונג, און בעת דער לעבען איז ווירקליך אינטערעסאַנט. איך בין געווען אין דער פֿאַמיליע פֿון מענער און פֿרויען, וועלכע וואַרען אַזוי איינג פֿעראייניגט דורך זייער אַלגעמיינעם שטרעבען, און אַזוי ברייט און איידעל אין זייערע געגענזייטיגע פֿערהעלטניסע, אַז איך קען יעצט ניט דערמאָנען ניט אַ מאָל איין איינציגען מאָמענט פֿון צוויסטיגקייט אין דעם לעבען פֿון'ם קרוזשאָק. די וואָס האָבען עפּעס מיטגעמאַכט אין דער פּאָליטישער אַגיטאַציאָן, וועלען פֿערשטעהן צו שעטצען דעם ווערט פֿון דיעזער בעהויפּטונג.

איידער איך האָב אין גאַנצען אויפֿגעגעבען מיין וויסענשאַפֿטליכע קאַריערע, האָב איך עס געהאַלטען פֿאַר מיין פּפֿליכט צו ענדיגען דעם בעריכט פֿון מיין רייזע אין פֿינלאַנד פֿאַר די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט, ווי אויך אַנדערע אַרבייטען, וואָס איך האָב געהאַט צו ענדיגען אין אַן אַנדער צווייג דער וויסענשאַפֿט; און מיינע נייע קאַמעראַדען האָבען די ערשטע איינגעשטימט מיט מיר, אַז איך מוז קודם כל דיעזע אַרבייט ענדיגען. עס וואָלט ניט זיין שעהן, האָבען זיי געזאָגט, צו לאָזען אין מיטען. איך האָב מיר דעריבער אַ נעהם געטאָהן פֿעסט צו דער אַרבייט צו ענדיגען מיינע געאָגראַפֿישע און געאָלאָגישע ביכער. די פֿערזאַמלונגען פֿון אונזער פֿעראיין זיינען געווען אָפֿט, און איך האָב זיי קיינמאָל ניט פֿערפֿעהלט בייצוואוינען. מיר האָבען דאַמאָלס געפֿלעגט זיך צוזאַמענקומען אין אַ פֿאָרשטעטעל פֿון פּעטערסבורג, אין אַ קליין הייזעל, פֿון וועלכער סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ, אונטערן נאָמען און פּאַספּאָרט פֿון אַן אַרבייטער פֿרוי, איז בלומרשט געווען די בעל'הבית'טע. זי האָט געשטאַמט פֿון אַ הויך אַריסטאָקראַטישער משפחה, און איהר פֿעטער איז פֿאַר אַ געוויסע צייט געווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון פּעטערסבורג; אָבער מיט דער צושטימונג פֿון איהר מוטער, וועלכע האָט זי פּשוט פֿערגעטערט, איז זי אַוועק פֿון דער היים,

איז אַריין אין גימנאַזיע, און מיט די דריי שוועסטער קאָרנילאָף—די טעכטער פֿון אַ רייכען פֿאַבריקאַנט—האָט זי געגרינדעט דעם קליינעם קרוזשאָק פֿון זעלבסט-בילדונג, פֿון וועלכען עס איז נאָכהער געוואָרען אונזער טשאַיקאָווסקי פֿעראיין. יעצט, אין די ראָליע פֿון אַן אַרבייטער׳ס ווייב, אין איהר ציצען קליידעל און מענערשע שטיוועל, איהר קאָפּ איינגעהילט אין אַ פֿאַטשיילקע, טראָגענדיג אויף די פּלייצעס צוויי עמער וואַסער פֿון דער נעוואַ. וואָלט קיין מענש אין איהר ניט דערקענט יענע מיידעל, וועלכע האָט מיט עטליכע יאָהר פֿריהער געגלענצט אין איינעם פֿון די העכסטע אַריסטאָקראַטישע זאַאַלען פֿון דער הויפּטשטאָדט. זי איז געווען אַן אַלגעמיינער ליעבלינג, און יעדער פֿון אונז, אַריינקומענדיג אין הויז, האָט געהאַט אַ שפּעציעלען שמייכעל פֿאַר איהר,—אפילו בעת זי פּלעגט אונז גוט אויסזידלען פֿאַרוואָס מיר טראָגען אַזוי-פֿיעל בלאָטע מיט אונזערע מוזשיצקע שטיוואַלעס, מיט וועלכע מיר פּלעגען קריכען ביז איבער די קניע אין די קליינשטעטעלדיגע גאַסען. די ריינקייט פֿון „איהר" הייזעל איז ביי איהר געווען אַ מין הייליגע אויפֿגאַבע, אַ מין האָנאָר. ווען זי האָט זיך מיט אונז געקריגט, האָט זי זיך געפּלעגט אָנטאָהן אַ כוח און געבען איהר מיידעלשען, אונשולדיגען און זעהר אינטעליגענטען פּנים׳על דעם שטרייננגסטען אויסדרוק, וואָס זי האָט נאָר געקענט. אין איהר מאָראַלישען בעגריף איז זי געווען זעהר שטרענג. בשעת זי וואַר אונצופֿרידען מיט אימיצענס אויפֿיהרונג, פּלעגט זי אויף איהם וואַרפֿען אַ שאַרפֿען בליק פֿון אונטער איהרע ברעמען; אָבער אין דיעזען בליק האָט איהר געקענט זעהען איהר אָפֿענהערציגע, איידעלע נאַטור, וועלכע האָט בעגריפֿען אַלעס, וואָס איז מענשליך אין׳ם מענשען. בלויז אין איין זאַך איז זי געווען אונערביטליך. „אַ יובאָטשניק", האָט זי איין מאָהל אַ זאָג געטאָהן, רײדענדיג פֿון אַ פֿרויען נאָכלויפֿער, און דער אויסדרוק און די מינע מיט וועלכע זי האָט עס געזאָגט, אָהנע זיך אָבצושטעלען אויף אַ רגע פֿון איהר אַרבייט, זיינען אויף אייביג איינגעקריצט אין מיין זכרון.

פּעראָווסקאַיאַ איז געווען אַ פֿאָלקס-מענש ביז אין דעם טיעפֿסטען גרונד פֿון איהר האַרצען, און אין דערזעלבער צייט אַ רעוואָלוציאָנער, אַ קעמפּפֿער פֿון העכסטען גראַד. זי האָט ניט געברויכט צו בעפּוצען די אַרבייטער און די מוזשיקעס מיט איינגעבילדעטע מעלות אום זיי צו ליעבען און פֿאַר זיי צו אַרבייטען. זי האָט זיי ליעב געהאַט אַזוי ווי זיי שטעהען און געהען, און איין מאָהל רופֿט זי זיך אָב צו מיר בזה הלשון: „מיר האָבען אָנגעהויבען אַ גרויסע זאַך. צוויי דורות וועלען פֿילייכט אונטערגעהן אין דיעזער אונטערנעהמונג און דאָך מוז זי דורכגעפֿיהרט ווערען." קיין איינע

פֿון די פֿרויען פֿון אונזער קרוזשאָק וואָלט זיך ניט צוריקגעצויגען אפילו ווען דער זיכערער טויט אויף דער תליה זאָל איהר שטעהן פֿאַר די אויגען. גלייך וואָלטען זיי דעם מלאך המות אין פּנים געקוקט. אבער קיינע פֿון זיי האָט דאַמאָלס, אין יענעם צושטאַנד פֿון אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ, ניט געטראַכט פֿון אַזאַ סוף. פּעראָווסקאַיאַ'ס בעוואוסטער פּאָרטרעט איז פּראַכטפֿאָל; ער בעצייכענט אַזוי דייטליך איהר ערנסטען מוטה, איהר שאַרפֿע אינטעליגענץ און איהר ליעבליכע נאַטור. דער בריעף וואָס זי האָט געשריבען צו איהר מוטער עטליכע שעה איידער זי האָט בעטרעטען דעם שאַפֿאָט, איז דער העכסטער אויסדרוק פֿון אַ ליעבענדער נשמה וועלכען אַ פֿרויען האַרץ האָט יע דיקטירט.

דער פֿאָלגענדער צופֿאַל קען ווייזען ווער די איבריגע פֿרויען פֿון'ם קרוזשאָק זיינען געווען. איין מאָל ביי נאַכט בין איך אַוועק מיט קופּריאַנאָף צו באַרבאַרא ב. ווען מיר האָבען געהאַט עטוואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען. עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט, נאָר זעהענדיג אַז ביי איהר אין צימער לייכט זיך נאָך, זיינען מיר אַרויף, זי איז געזעסען ביין טישעל און האָט קאָפּירט די פּראָגראַם אונזערע. וויסענדיג, ווי ענטשלאָסען זי וואַר, איז אונז אייגעפֿאַלען דער געדאַנקען צו געברויכען איינעם פֿון יענע נאַרישע וויטצען, וועלכע מענער האַלטען פֿאַר אַ חכמה.

„ב." האָב איך זיך אָבגערופֿען צו איהר, „מיר קומען עס טאַקי צו איך. מיר געהן עבען דורכפֿיהרען אַ צימליך משוגע'נעם פּלאַן צו בעפֿרייען אונזערע פֿריינד פֿון'ם קרעפּאָסט." אָהנע צו פֿרעגען די מינדעסטע פֿראַגע האָט זי רוהיג אַוועקגעלייגט די פֿעדער און געזאָגט: „נו לאָמיר געהן". און געזאָגט האָט זי עס מיט אַזאַ'ן איינפֿאַכען הערצליכען טאָן, אַז איך האָב גלייך דערפֿיהלט די נאַרעשקייט פֿון אונזער שפּאַס, און האָב איהר תיכף דערצעהלט דעם אמת. זי איז צוריקגעפֿאַלען אויף איהר בענקעל, מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט אַ שטימע פֿול פֿערצווייפֿלונג האָט זי אונז געפֿרעגט: „אַזוי, עס איז בלויז געווען אַ שפּאַס? צו וואָס מאַכט איהר אַזעלכע שפּאַסען?" איך האָב דאַן פֿערשטאַנען די גרויזאַמקייט פֿון מיין טהאַט.

אַ צווייטער אַלגעמיינער ליעבלינג אין אונזער קרוזשאָק וואַר סערגיי קראַווטשינסקי, וועלכער איז שפּעטער בעריהמט געוואָרען אין ענגלאַנד און אין אַמעריקאַ, אונטער'ן נאָמען סטעפּניאַק. מיר פֿלעגען איהם אָפֿט רופֿען „די בייבי", ווייל איהם האָט קיין מאָהל ניט געאַרט דאָס מינדעסטע פֿאַר זיך אַליין. אָבער דיעזע אונפֿאָרזיכטיגקייט זיינע איז געווען דער

רעזולטאט פֿון דעם, וואָס ער האָט זיך פֿאַר קיין זאַך ניט געשראָקען, וואָס דאָס איז נאָך אַלעם די בעסטע טאַקטיק פֿאַר דעם יעניגען, נאָך וועלכען די פּאָליציי יאָגט זיך שטאַרק נאָך. ביי די אַרבייטער איז ער אין גיכען בעקאַנט געוואָרען פֿאַר זיין פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער זיין ערשטען נאָמען סערגיי, און דעריבער האָט איהם די פּאָליציי שטאַרק געזוכט; אָבער עס זאָל איהם כאָטש אַ טשעפּע טהאָן! בעהאַלטען וועט ער זיך פֿאַר זיי? און איך געדענק ווי מי האָט איהם איין מאָהל דערפֿאַר נישקשה׳דיג אָנגעזידעלט אויף אַ מיטינג אונזערען. האָבענדיג זיך פֿאַרשפּעטיגט צום מיטינג, וואָס דאָס פֿלעגט מיט איהם ניט פּאַסירען זעלטען און האָבענדיג דורכצומאַכען אַ שפּאָרען מהלך, האָט ער זיך איין מאָל געלאָזט לויפֿען הענדום־פֿענדום אין סאַמע מיטען דער פּאַראַדנער גאַס. אַנגעטאָהן ווי אַ מוזשיק אין אַ קורצען פעלצעל. „ווי אזוי טהוט מען דאָס אַזאַ זאַך?" האָט מען איהם געפֿרעגט מיט כעס. „דאָס האָט דאָך געקענט אויפֿוועקען אַ חשד ביי דער פּאָליציי און מי וואָלט דיך פּשוט אַרעסטירט אַלס אַ געוויינליכען גנב." אבער הלואי וואָלטען אַלע געווען אַזוי פֿאָרזיכטיג, ווי ער איז געווען, אין אַנגעלעגענהייטען, וועלכע האָבען געקענט אַנדערע אין געפֿאַר ברענגען.

דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין אינטים בעקאַנט געוואָרען מיט איהם איז געווען איבער סטאַנלי׳ס בוך, „ווי אַזוי איך האָב געפֿונען ליווינגסטאָן." איין אָוענד, ווען אוניער מיטינג האָט זיך פֿערצויגען ביז צוועלף ביי נאַכט, און מיר האָבען שוין געהאַלטען ביים פֿונאַנדערגעהן, איז אַריין איינע פֿון די קאָרנילאָף׳ס מיט אַ בוך אונטערן אָרעם און האָט געפֿרעגט, צי עס ניטאָ אַמאָל אימיצער צווישען אונז, וועלכער זאָל זיך קענען אונטערנעהמען איבערצוזעצען, ביז אַכט אַ זייגער אין דער פֿריה, זעבצעהן געדרוקטע זייטלעך פֿון סטאַנלי׳ס בוך. איך האָב אַ קוק געטאָהן אויף די גרויס פֿון די זייטלעך, און האָב געזאָגט, אַז איך וואָלט מיך אונטערנומען די איבערזעצונג פֿאַרטיג צו מאַכען איבער נאַכט, אויב אימיצער זאָל מיר צוהעלפֿען. סטעפּניאַק האָט זיך פֿאָרגעשלאָגען, און אום פֿיער אין דער פֿריה זיינען די זעבצעהן זייטלעך פאַרטיג געוואָרען. דאַן האָבען מיר אויסגעליידיגט אַ טאָפּ קאַשע וואָס מי האָט פֿאַר אונז איבערגעלאָזען אויף׳ן טיש, און מאַרש אַהיים. פֿון יענער נאַכט אָן זיינען מיר געוואָרען די בעסטע פֿריינד.

איך האָב תמיד האָלט געהאַט מענשען וועלכע זיינען פֿעהיג צו אַרבייטען, און וועלכע טהוען זייער אַרבייט ריכטיג. סערגיי׳ס איבערזעצונג און זיין פֿעהיגקייט שנעל צו אַרבייטען האָבען דאַרום גלייך געוואונען מיין

סימפּאַטהי צו איהם. אָבער שפּעטער ווען אין בין מיט איהם נעהנטער בעקאַנט געוואָרען, האָב איך גענומען פֿיהלען אמת'ע ליעבשאַפֿט פֿאַר זיין עהרליכע, אָפֿענהערציגע נאַטור, פֿאַר זיין יוגענדליכע ענערגיע און געזונדען פֿערשטאַנד, פֿאַר זיין הויכע אינטעליגענץ, איינפֿאַכקייט און געטרייקייט, ווי אויך פֿאַר זיין מוטה און אויסדויער. ער האָט פֿיעל געלעזען און געדענקט, און מכח דעם רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער פֿון'ם קאַמפּף, וועלכען ער האָט אונטערנומען האָבען מיר געהאַט עהנליכע אַנשויאונגען. ער איז געווען מיט צעהן יאָהר אינגער פֿאַר מיר, און האָט פֿילייכט ניט אין גאַנצען בעגריפֿען די שווערקייט פֿון דעם קומענדען רעוואָלוציאָנערען קאַמפּף. ער האָט אונז נאַכהער דערצעהלט, מיט פֿיעל שפּאַס, ווי ער פֿלעגט אַמאָל אַרבייטען צווישען די מוזשיקעס אין די דערפֿער. „איין מאָהל," זאָגט ער, „געה איך מיר אַזוי שפּאַצירען אויף'ן וועג מיט נאָך אַ קאָמעראַד, און עס יאָגט אונז אָן אַ פּויער מיט אַ שליטען. איך האָב איהם גענומען זאָגען, אַז ער דאַרף ניט צאָהלען קיין פּאָדאַטקעס, אַז די טשינאָווניקעס בערויבען דאָס פֿאָלק, און איך האָב איהם געוואָלט איבערצייגען מיט פסוקים פֿון דער תורה, אַז זיי מוזען רעוואָלטירען. דער מוזשיק האָט גענומען אונטערשמייסען דעם פֿערדעל, אָבער מיר נאָך איהם; ער האָט נאָך מעהר געשמיסען די אָרעמע באַשעפֿענעס; אָבער מיר האָבען זיך געלאָזען נאָך שנעלער לויפֿען; די גאַנצע צייט האָב איך ניט אויפֿגעהערט אַגיטירען פֿאַר איהם מכוח די פּאָדאַטקעס און דעם אויפֿשטאַנד פֿון פֿאָלק. ענדליך האָט דאָס פֿערד גענומען גאַלאָפּירען; אָבער מיר זיינען נאָכגעלאָפֿען מיט די לעצטע כוחות אונזערע און אַלץ אַגיטירט, ביז מיר זיינען געבליבען אָהן אָטהעם."

סטעפּניאַק איז געווען אין קאַזאַן אַ שטיקעל צייט, און איך האָב זיך מיט איהם דורכגעשריבען. ער האָט אייביג פֿיינד געהאַט צו שרייבען בריף מיט ציפֿערען, און איך האָב פֿאָרגעשלאָגען אַנאַנדער מיטעל, אַ מיטעל, וועלכער איז אָפֿט געברויכט געוואָרען אין קאָנספּיראַציעס. איהר שרייבט זיך אַ געוועהנליכען בריף וועגען עפּעס, אָבער אין דיעזען בריף האָבען בלויז געוויסע ווערטער אַ בעדייטונג,—דאָס פֿינפֿטע וואָרט, צום ביישפּיל. מיר האָבען געמוזט שרייבען לאַנגע בריף פֿון זעקס, זיבען זייטלעך אום איבערצוגעבען איין זייטעל נייטיגע ידיעות, און מיר האָבען געמוזט אויסשאַרפֿען אונזער פֿאַנטאַזיע אום אָנצופֿילען די בריף מיט אַלערליי מעשיות, אין וועלכע מיר פֿלעגען אַריינשמוגלען אַלערליי ווערטער. סערגיי, פֿון וועלכען מי האָט ניט געקענט קריגען קיין ציפֿער־בריף, האָט זיך צוגעכאַפּט צו דיעזען מין קאָרעספּאָנדענץ, און ער פֿלעגט מיר שיקען בריף מיט לאַנגע

געשיכטען, וועלכע פּלעגען זיך ענדיגען מיט שוידערענדע און העכסט דראַמאַטישע סצענעס. ער האָט מיר נאָכהער דערצעהלט, אַז דיעזע אַרט קאָרעספּאָנדענץ האָט איהם פיעל געהאָלפען צו דער ענטוויקלונג פון זיין ליטעראַרישען טאַלאַנט. ווען אַ מענש האָט טאַלאַנט, העלפּט איהם יעדוועדע זאַך מיט.

אין יאַנואַר אָדער פעברואַר, 1874, בין איך געווען אין מאָסקווע, אין איינע פון די הייזער, אין וועלכע איך האָב פערבראַכט מיין קינדהייט. איין מאָל, פאַרטאָג, האָט מען מיר מודיע געווען, אַז אַ מוזשיק וויל מיך זעהן. איך בין אַרויס און דערזעהן סטעפּניאַק'ן, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט אַנטלאָפען פון טווער. ער וואַר שטאַרק געבויט, און ער צוזאַמען מיט נאָך איין עקס־אָפיציר, ראָגאַטשאָף, אויך אַ שטאַרק געבויטער מאַן, האָבען זיך אַרויסגעלאָזען אין די דערפער אַלס האָלץ־זעגער. די אַרבייט איז געווען זעהר אַ שווערע, אָבער זיי האָבען ביידע די אַרבייט ליעב געהאַט, און קיינעם וואָלט קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז דיעזע צוויי האָלץ־זעגער זיינען עקס־אָפיצירען. אַזוי האָבען זיי זיך אַרומגעשלעפּט פון דאָרף צו דאָרף צוויי וואָכען לאַנג, און האָבען פּראָפּאַגאַנדירט רעכטס און לינקס אָהן שום פּחד. אַמאָל פּלעגט סערגיי, וועלכער האָט געקענט אויף אויסווענינג כמעט דעם גאַנצען נייעם טעסטאַמענט, ריידען צו די מוזשיקעס אַלס אַ גלח, זיי איבערצייגענדיג פון דער ביבעל גופא, אַז זיי מוזען מאַכען אַ רעוואָלוציאָן. אַמאָל האָט ער זיך בענוצט מיט די אַרגומענטען פון די עקאָנאָמיסטען. די פויערים האָבען זיך צוגעהערט צו זיי גלייך ווי זיי וואָלטען געווען אמת'ע אַפּאָסטאָלס דירעקט געשיקט פון גאָט אַליין; זיי האָבען זיי אַרומגעפיהרט פון הויז צו הויז און האָבען זיך ענטזאַגט צו נעהמען געצאָהלט פון זיי. אין פערלויף פון פערצעהן טאָג האָבען זיי געמאַכט אַ גרויסען רושם אין די אַרומיגע דערפער. זייער נאָמען איז געוואָרען פערשפּרייט וויט און ברייט. די מוזשיקעס, יונג און אַלט, האָבען זיך גענומען שושקענען אין די אויערען מכוח די „דעלעגאַטען", זיי האָבען גענומען ריידען אין דער הויך וועגען די לאַנד וועלכע וועט באַלד צוגענומען ווערען פון די לענדלאָרדס, ווען דער צאַר וועט געבען פענסיעס דערפאַר. די אינגערע לייט זיינען געוואָרען חוצפה'דיגער געגענאיבער דער פּאָליציי, טענה'נדיג: וואַרט נאָר אַקאָרשט, מיר וועלען זיך באַלד אַ נעהם טאָהן; אָבער די בעריהמטהייט פון די האָלץ־זעגער איז דערגאַנגען ביז צו די אויערען פון דער פּאָליציי, און מי האָט זיי אַרעסטירט. עס איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אַ בעפעהל זיי אַוועקצופיהרען צום נעהענטסטען נאַטשאַלניק, צעהן מייל וויט פון דאַנען.

מי האָט זיי גענומען אונטער דער וואַך פֿון עטליכע מוזשיקעס, און אויף׳ן וועג איז זיי אויסגעקומען פֿערבייצוגעהן אַ דאָרף, וועלכער האָט גראַד געפּראַוועט אַ יום טוב. „וואָס, אַרעסטאַנטען? זעהר גוט! קומט נאָר אַריין, פֿעטערעל״, האָבען די מוזשיקעס געשריען. מי האָט זיי דאָרט אָבגעהאַלטען דעם גאַנצען טאָג, און אַרומגעשלעפּט פֿון הויז צו הויז, אַלע האָבען זיי געמוזט טרינקען דאָס אייגען־געמאַכטע ביער וויפֿיעל עס קען נאָר אַריין אין זיי; און די וועכטער האָבען זיך ניט געלאָזען צוויי מאָהל בעטען. זיי האָבען געזויפֿען און האָבען געצוואונגען די אַרעסטאַנטען מיטצוטרינקען מיט זיי. „צום גליק״, האָט סערגיי געזאָגט, „האָבען זיי דערלאַנגט דאָס ביער אין אַזעלכע טיעפֿע הילצערנע בעכער, אַז איך האָב געקענט צולייגען די מויל צום ראַנד פֿון די כלי פונקט ווי איך וואָלט געטרונקען, אָבער קיינער האָט ניט געקענט מערקען וויפֿיעל איך האָב אַראָבגעשלונגען״. פֿאַרנאַכט זיינען די וועכטער שוין געווען טויט שכור, און אַזוי ווי זיי האָבען גיט געוואָלט קומען פֿאַר׳ן נאַטשאַלניק אין אַזאַ צושטאַנד, האָבען זיי בעשלאָסען צו נעכטיגען דאָרטען. סערגיי האָט נאָך אַליין גערעדט מיט זיי; און אַלע האָבען זיך צוגעהערט און באַרויערט, וואָס אַזאַ גוטער מענש איז אַריינגעפֿאַלען. בעת זיי זיינען געגאַנגען שלאָפען, האָט אַ יונגער מוזשיק איינגערוימט אַ סוד סערגייען אין אויער אַריין, „ווען איך געה צומאַכען דעם טויער וועל איך איהם ניט פֿאַרשפּאַרען״. די צוויי אַפּאָסטעלס האָבען פֿערשטאַנען דעם וואונק, און אַזוי שנעל ווי אַלע זיינען איינגעשלאָפען, האָבען זיי געמאַכט פּליטה זיי האָבען זיך געלאָזט לויפֿען מיט אַלע כוחות, און אום פֿינף אַ זייגער אין דער פֿריה זיינען זיי געווען צוואַנציג מייל ווייט פֿון דעם דאָרף, ביי אַ קליינער סטאַנציאָן, וואו זיי זיינען מיט דער ערשטער באַהן אַוועק גלייך קיין מאָסקווע. סערגיי איז דאָרט פֿערבליבען, און שפּעטער, ווען מיר אַלע אין פּעטערסבורג זיינען שוין געווען אַרעסטירט, איז דער מאָסקווער קרוזשאָק, אונטער דעם גייסט פֿון איהם און וואָינעראַלסקי, געוואָרען דער צענטער פֿון אַגיטאַציאָן.

דאַ און דאָרט האָבען זיך בעזעצט קליינע גרופּעס פּראָפּאַגאַנדיסטען אין די שטעדטלעך און דערפֿער, זיך בעשעפֿטיגענדיג מיט אַלערליי מלאכות. אין קוזניעס און אויף קליינע פֿערמס האָט איהר געקענט זעהן יונגע לייט פֿון די רייכערע קלאַסען אַרבייטענדיג פֿלייסיג און שווער, אַבי צו זיין אימשטאַנדע צו קומען אין בעריהונג מיט די אַרבייטס־מאַסען. אין מאָסקווע איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ מאַסע יונגע מיידלאַך פֿון רייכע פֿאַמיליעס, וועלכע האָבען געהאַט שטודירט אין דעם ציריכער אוניווערזיטעט און האָבען געגרינדעט אַ בעזונדערע אָרגאַניזאַציאָן, זיינען אַריין

אין די באַנוועל-פֿאַבריקען, וואו זיי פֿלעגען פּראַצעווען פֿון 14 ביז 16 שטונדען אַ מעת לעת, און פֿלעגען וואוינען אין די פֿאַבריק קאַזאַרמעס, פֿיהרענדיג דאָסזעלבע מיזעראַבלע לעבען, ווי די רוסישע פֿאַבריק-מיידלאַך. דאָס איז געווען אַ הערליכע בעוועגונג, אין וועלכע עס האָבען זיך בעטייליגט ווי וועניג, פֿון צוויי ביז דריי טויזענד פּערזאָן, און צווי אָדער דריי מאָל אַזויפֿיעל האָבען סימפּאַטיזירט און אונטערשטיצט די טהעטיגע פּיאָנערען מיט אַלע מעגליכקייטען. מיט מעהר ווי העלפֿט פֿון דיעזער מחנה האָט זיך אונזער פּעטערסבורגער קרוושאָק רעגעלמעסיג איבערגעשריבען,—נאַטירליך, אימער אויף ציפֿער לשון.

די ליטעראַטור, וועלכע מי האָט געקענט אין רוסלאַנד אַרויסגעבען אונטער דער שטרענגער צענזור—אַ צענזור, וועלכער האָט אונטערדריקט דעם שוואַכסטען שפּור פֿון אַ סאָציאַליסטישען געדאַנקען—האָט אונז ניט לאַנג בעפֿרידיגט, און מיר האָבען געגרינדעט אַן אייגענע דרוקעריי אין אויסלאַנד. פּאַמפֿלעטקעס פֿאַר די אַרבייטער און פּויערים האָבען געמוזט געשריבען ווערען זעהר אָפֿט, און אונזער קליינער „ליטעראַטור-קאָמיטעט,״ פֿון וועלכען איך בין געווען אַ מיטגליד, איז געווען פֿערלייגט ביז איבער׳ן קאָפּ מיט אַרבייט. סערגיי האָט אָנגעשריבען צוויי אַזעלכע בראָשורקעס, נאַטירליך פֿערשטעלט און פֿערדעקט מיט כלומרשט׳דיגע צויבער-מעשיות, וועלכע זיינען שטאַרק פֿערברייט געוואָרען אין פֿאָלק, ווייל אַנדערס האָט פּען דעם סאָציאַליזמוס ניט געקענט אַריבערשמוגלען איבער דעם ביטערען גרענעץ פֿון דער צענזור. די ביכער און בראָשורען, וועלכע זיינען געדרוקט געוואָרען אין אויסלאַנד זיינען טויזענדערוויז אַריינגעפֿיהרט געוואָרען אין רוסלאַנד, זיינען אָבגעלייגט געוואָרען אין געוויסע פֿלעצער און פֿון דאָרטען צושיקט צו די לאָקאַלע גרופּען, וועלכע האָבען זיי פֿאַנאַנדערגעטהיילט צווישען די פּויערים און די פֿאַבריק-אַרבייטער. אַלעס דאָס האָט נאַטירליך געפֿאָדערט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָן, און אויך פֿיעלע נסיעות און אַ קאָלאָסאַלע קאָרעספּאָנדענץ, בעזאָנדערס אום צו בעשיצען אונזערע מיטהעלפֿער און בוכלאַגערס פֿון דער פּאָליציי. מיר האָבען געהאַט ספּעציעלע ציפֿערען פֿאַר די פֿערשידענע פּראָווינציעלע גרופּען, און אָפֿט נאָכדעם ווי זעקס אָדער זיבען שעה צייט זיינען פֿערבראַכט געוואָרען, דיסקוטירענדיג אַלע איינצעלהייטען, האָבען די פֿרויען, וועלכע האָבען זיך ניט געוואָלט פֿערלאָזען אויף אונזער פּינקטליכקייט אין דער ציפֿער-קאָרעספּאָנדענץ, פֿערבראַכט גאַנצע נעכט פֿערשרייבענדיג גרויסע בויגענס פּאַפּיר מיט קאַבאַליסטישע פֿיגורען און צייכענס.

ביי אונזערע פֿערזאַמלונגען האָט תמיד געהערשט די ברידערליכסטע

הערצליכקייט. פֿאָרזיצענדע און אַנדערע פֿאָרמאַליטעטען זיינען אַזוי פֿאַר־האַסט ביים רוסע, אַז מיר האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַט אויף די מי־טינגס אונזערע; און כאָטש אפילו אונזערע דעבאַטען זיינען אָפֿטמאָלס געוועזן זעהר היציגע, בעזאָנדערס, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט מכוח „פּראָ־גראַמעס”, פֿון דעסטוועגען זיינען מיר תמיד אויסגעקומען אָהן די פֿאָרמאַ־ליטעטען פֿון די מעריב־לענדער. אַלעס, וואָס מי האָט געברויכט איז געווען אַ פֿאָלשטענדיגע ערנסקייט, אַן אַלגעמיינער וואונש צו שליכטען אַלע שוועריגקייטען ווי אַם בעסטען, און אַן אָפֿען אויסגעשפּראָכענע פֿעראַכטונג פֿאַר אַלעם דעם, וועלכעס האָט אַרויסגעוויזען דעם מינדעסטען טעאַטראַ־לישען עפֿעקט. ווען אימיצער פֿון אונז האָט געסמייעט אַרויסצואווייזען זיין אָראַטאָרישע רעדנער־קראַפֿט ביי אַ מיטינג, האָבען איהם באַלד עטליכע פֿריינדליכע ווימצען דערמאָנט, אַז זיין טרחה איז ניט אַם פּלאַץ. מיר האָבען אָפֿט געמוזט צובייסען ביי די מיטינגס, און דיעזע מאָהלצייטען זיינען תמיד בעשטאַנען פֿון געבייטעלט ברויט מיט אוגערקעס, אַ שטיקעל קעז, און אַ היבש ביסעל וואַסערדיגע טהעע צו לעשען דעם דורשט אונזערען, ניט דאַ־רום ווייל ס'האָט אונז אויסגעפֿעהלט געלד; ס'איז אימער געווען גענוג, און דאָך האָבען מיר קיינמאָל ניט געהאַט צופֿיעל אום אימשטאַנד צו זיין צו דעקען די אַלץ גרעסערע און גרעסערע הוצאות פֿאַר דרוקען, טראַנס־פּאָרטירען ביכער, בעהאַלטען פֿריינד, וועלכע די פּאָליציי האָט געזוכט, און פֿאַר נייע אונטערנעהמונגען.

אין פּעטערסבורג האָט עס אונז ניט לאַנג גענומען בעפֿאָר מיר האָבען עטאַבלירט אַ ברייטע בעקאַנטשאַפֿט אונטער די ארבייטער. סער־דוקאָף, אַ יונגער מאַן מיט גרויסאַרטיגער בילדונג, האָט געקראָגען אַ סך פֿריינד צווישען די אינזשענירען, פֿון וועלכע דאָס רוב האָבען געאַרבייט אין דער רעגירונגס־פֿאַבריק פֿון דער אַרטילעריע דעפּאַרטאַמענט, און ער האָט אָרגאַניזירט אַ קרוזשאָק פֿון וועלכע דרייסיג מיטגלידער, וועלכע פֿלעגען זיך צוזאַמענקומען פֿאַר פֿאָרלעזונגען און דיסקוסיאָנען. די אינזשע־נירען אין פּעטערסבורג קריגען אַ נישקשה'דיגען געהאַלט, און די אונפֿערהייראַטע זיינען ניט שלעכט אָב. זיי זיינען אין גיכען בעקאַנט גע־וואָרען מיט דער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער ליטעראטור פֿון יענער צייט,—באָקל, לאַסאַל, מילל, דרייפּער, שפּיעלהאַגען; און אין זייער אַנזיכט האָבען זיך דיעזע אינזשענירען וועניג אונטערשידען פֿון סטודענטען. בעת קעלניץ, סערגיי און איך זיינען אַריינגעטראָטען אין די בעוועגונג, האָבען מיר זייער קרוזשאָק אָפֿט בעזוכט און מיר פֿלעגען האַלטען פֿאַרשידענע פֿאָר־טרעגע פֿאַר זיי. דאָך זיינען אונזערע האָפֿנונגען, אַז דיעזע יונגע מענשען

וועלען מיט דער צייט ווערען הייסע פּראָפּאַגאַנדיסטען צווישען די וועניגער פּריווילעגירטע אַרבייטער, ניט פערווירקליכט געוואָרען. אין אַ פרייע לאַנד וואָלטען זיי געווען די געוועהנליכע וואָרט־פיהרער אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען; אָבער אַקוראַט ווי די פריווילעגירטע זייגערמאַכער פון זשענעוואַ, האָבען זיי אויך געקוקט אויף די „פּראָסטערע" אַרבייטער פון אויבען אַראָב, און צו ווערען מאַרטירער פאַר די סאָציאַליסטישע זאַכע האָבען זיי זיך הפּנים ניט שטאַרק געאײַלט. ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען און נאָכדעם ווי זיי זיינען אָבגעזעסען צו דריי, פיער יאָהר אין די טורמעס בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהאַט די חוצפה צו דענקען סאָציאַליסטיש, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געהאַט מיט זייערע אייגענע ליידען אויסגעמאָסטען די פולע טיפעניש פון רוסישען דעספּאָטיזמוס, ערשט דאַן זיינען אַ סך פון זיי געוואָרען היציגע פּראָפּאַגאַנדיסטען, דער הויפּט פון אַ פּאָליטישער רעוואָלוציאָן.

מיין האַרץ אין געווען ספּעציעל מיט די וועבער און די באַנוועל אַרבייטער. אין פּעטערסבורג זיינען פאַראַן טויזענדער זייערע, וואָס אַרבייטען דאָרט אין ווינטער און קעהרען צוריק זומער אין די דערפער, וואו זיי בעאַרבייטען די פעלדער, אויף וועלכע זיי זיינען געבאָרען געוואָרען. האַלב פּויער און האַלב פאַבריק־אַרבייטער, פלעגט דיעזער סאָרט פּראָלעטאַריער דאָס רוב בלייבען ביים סאָציאַלען גייסט פון דעם רוסישען מוזשיק. די בעוועגונג האָט זיך פערשפּרייט ווי ווילד־פייער צווישען זיי. מיר האָבען געמוזט צוריקהאַלטען זייער פייערדיגען גייסט; אַז ניט וואָלטען זיי געבראַכט צו שלעפּען צו אונז אויף די לאָזשעס הונדערטע מיט אַ מאָל, יונגע און אַלטע. די מעהרסטע פון זיי האָבען געלעבט אין קליינע גרופּען, אָרטעלען, צעהן אָדער צוועלף זייערע פלעגען זיך דינגען אַ דירה צוזאַמען און עסען צוזאַמען, און צום סוף חודש פלעגט יעטוועדער בעצאָהלען זיין חלק הוצאה. אין דיעזע לאָזשים פלעגען מיר אָפט געהן, און די וועבער האָבען אונז אין גיכען בעקאַנט געמאַכט מיט אַנדערע אַרטעלען, פון שטיינהאַקער, טשעסליאַרעס, און דאָס גלייכען. אין מאַנכע פון דיעזע אַרטעלען זיינען סערגיי, קעלניץ און נאָך צוויי פון אונזערע פריינד, געווען ווי ביי זיך אין דער היים, און פלעגען פערברייננגען גאַנצע נעכט ריידענדיג איבער סאָציאַליזמוס. אַ חוץ דעם, האָבען מיר געהאַט אין פערשידענע קוואַרטאַלען פון פּעטערסבורג בעזונדערע דירות, וועלכע זיינען אויפגעהאַלטען געוואָרען פון אונזערע מענשען, און אַהין פלעגען קומען צעהן, צוועלף אַרבייטער יעדען אויף דער נאַכט זיך לערנען שרייבען און לעזען, און דערנאָך זיך דורכשמועסען אַביסעל מכוח אַנדערע זאַכען. פון צייט צו צייט

SOFIA PEROVSKAIA.

פֿלעגט איינער פֿון אונז אַוועק אין די דערפֿער פֿון אונזערע נייע פֿריינד, און פֿערבריינגען מיט זיי צוזאַמען אַ פּאָר וואָכען, פּראָפּאַגאַנדירענדיג דאָרט פֿראַנק און פֿריי צווישען די מושיקעס.

פֿערשטעהט זיך, אַז אַלע די וואָס האָבען געהאַט עסקים מיט דיזען קלאַס אַרבייטער האָבען געמוזט זיין אָנגעטהאָן פּונקט אַזוי ווי זיי אַליין; ד. ה. אין מושיטשקע קליידער. דער אָבגרונד צווישען די פּויערים און די געבילדעטע איז אַזוי גרויס אין רוסלאַנד, און די בעריהרונג איז צווישען זיי אַזוי זעלטען, אַז ניט נאָר אין דאָרף ציהט אויף זיך דער שטעדטיש געקליידעטער די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט, נאָר אפילו אין שטאָדט ווען מי זעהט איינעם, וועמעס שפּראַך און קליידער זיינען ניט די פֿון אַן אַרבייטער, אומגעהן מיט אַרבייטער, ווערט באַלד דער פֿערדאַכט פֿון דער פּאָליציי ערוועקט און מי הויבט איהם אָן נאָכצושפּירען. „צו וואָס ברויך ער אַרומצוגעהן מיט „נידריגע" מענשען, אויב ער האָט ניט דערביי עפּעס אַ בייזע מחשבה?" מיר איז אָפֿט אויסגעקומען נאָך אַ גרויסאַרטיגען מיטאָג אין אַ פֿירשטליכע הויז, אָדער גאָר אין'ם ווינטער־פּאַלאַץ פֿון'ם קייזער, וואוהין איך האָב מיך אָפֿט בעגעבען אום זיך צו זעהען מיט אַ פֿריינד, צו כאַפּען אַ דראָשקע, און אַוועקצולויפֿען אויף אַן אָרעמען סטודענט'ס לאָזשי ערגעץ אין אַ פּאָרשטעדטעל, אויף גיך אומבייטען מיין פֿראַק גאַרדעראָבע אויף אַ ציצענע העמד, מושיטשקע סטיוועל, אַ קורץ פּעלצעל, און פּלוידערענדיג מיט די פּויערים אויף'ן וועג, זיך צו בעגעבען צו מיינע נייע פֿריינד, די אַרבייטער, ערגעץ אין אַ שמוציגע הינטער־געסעל. איך האָב זיי דערצעהלט, וואָס איך האָב געזעהן פֿון דער אַרבייטער בעוועגונג אין אויסלאַנד. זיי האָבען זיך נייגיריג צוגעהערט; ניט אַ וואָרט האָבען זיי פֿערלוירען; און דאַן איז געקומען די פֿראַגע: „וואָס קענען מיר טהאָן אין רוסלאַנד?" „אַגיטירט, אָרגאַניזירט" האָבען מיר געענטפֿערט, „דער וועג איז ניט קיין דרך המלך, ער איז פֿול דערנער," און מיר האָבען זיי פֿאָרגעלעזען אַ פּאָפּולערע געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן. יעדער איינער האָט בעוואונדערט ה. שאָוועל, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אין פֿראַנקרייך פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿערטהיילענדיג פֿערבאָטענע ביכער, און אַלע האָבען זיי געברענט מיט חשק צו פֿאָלגען זיין ביישפּיל. „רייד זיך דורך מיט אַנדערע," האָבען זיי געראַטהען, „ברינגט זיי צוזאַמען און ווען מיר וועלען זיין גענוג גרויס אין צאָהל, וועלען מיר דאַמאָלס זעהן וואָס מי קען טהאָן." זיי האָבען פֿאָלקאָמען פֿערשטאַנען, און מיר האָבען בלויז געברויכט איינצוהאַלטען זייער פֿייערדיגען ענטהוזיאַזמוס.

צווישען זיי האָב איך פֿערבראַכט מיינע גליקליכסטע שטונדען. דער

טאָג פֿון ניי־יאָהר פֿון 1874, דער לעצטער אָווענד, וועלכען איך האָב פֿערבראַכט אין רוסלאַנד אין פֿרייהייט, איז בעזאָנדערס איינגעקריצט אין מיין זכרון. איין אָווענד בעפֿאָר, בין איך געווען אין אַן ערהאַבענע געזעלשאַפֿט. ערמונטערענדע, נאָבעלע ווערטער זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען יענע נאַכט וועגען דעם בירגער׳ס פּפֿליכט, דאָס וואָהל־זיין פֿון׳ם לאַנד און דאָס גלייכען; אָבער אונטער אַלע דיעזע ריהרענדע רעדען האָט זיך געהערט איין און דערזעלבער טאָן: ווי היט מען דאָ די איגענע פּערזאָן. דאָך האָט קיינער ניט געהאַט דעם מוטה צו זאָגען אָפֿען, אַז ער איז בערייט צו טהאָן בלויז דאָס, וואָס וועט ניט ברייננגען אין געפֿאַהר זיין איגענע הויט. סאָפֿיזמען—סאָפֿיזמען אָהן אַ סוף—וועגען די לאַנגזאַמקייט פֿון עוואָלוציאָן, די אונטהעטיגקייט פֿון די נידריגע קלאַסען, די נוצלאָזיגקייט פֿון אָפּפֿער, זיינען אָנגערעדט געוואָרען, אום צו רעכטפֿערטיגען די בעהאַלטענע געדאַנקען. און אַלעס דאָס איז געווען צוזאַמענגעמישט מיט פֿערזיכערונגען פֿון יעדענם בעריטווילליגקייט צו ברייננגען אָפּפֿער. איך בין אַוועק אַהיים; אַ געוואַלדיגע טרויעריגקייט האָט מיך בעהערשט אין מיטען פֿון דיעזע אַלע ריידרייען.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה בין איך אַוועק אויף אַ וועבער פֿערזאַמלונג, וועלכע האָט שטאַטגעפֿונען אין אַן אונטעראירדישען פֿינסטערען חדר. איך בין געווען אָנגעטהאָן ווי אַ מוזשיק און האָב מיך פֿערלאָרען אין דער מאַסע פֿון די איבעריגע פּויערשע פּעלצלעך. מיין חבר, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט די אַרבייטער, האָט מיך פֿאָרגעשטעלט איינפֿאַך: „באָראָדין, אַ פֿריינד". „דערצעהל אונז, באָראָדין", האָט ער געזאָגט, „וואָס דו האָסט געזעהן אין אויסלאַנד". און איך האָב גערעדט וועגען די אַרבייטער־בעוועגונג אין מעריב־איירָאָפּאַ, איהרע קעמפּפֿע, איהרע שוועריגקייטען און איהרע האָפֿנונגען.

דאָס פּובליקום איז בעשטאַנען מייסטענטהיילס פֿון מיטעליעהריגע מענשען, וועלכע וואַרען שטאַרק פֿעראינטערעסירט. זיי האָבען מיך געפֿרעגט פֿראַגען, אַלעס צום פּונקט, וועגען די קלענסטע איינצעלהייטען פֿון די אַרבייטער־יוניאָנס, די ציעלען פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע אַסאָסיאַציאָן, און איהרע שאַנסען אויף ערפֿאָלג. נאַכהער זיינען געקומען פֿראַגען מכוח רוסלאַנד גופא; וואָס דאָ קען געטהאָן ווערען און מכוח די אויסזיכטען פֿון אונזער פּראָפּאַגאַנדאַ. איך האָב קיינמאָל ניט פֿערקלענערט די געפֿאַהר פֿון אונזער אַגיטאַציאָן און האָב אָפֿען אַרויסגעזאָגט, דאָס וואָס איך האָב געדענקט. „אונז וועט מען מסתמה פֿערשיקען נאָך סיביר אין אַ שענעהם טאָג, און אייך—אַ סך פֿון אייך—וועט מען אָבהאַלטען מאָנאַטען לאַנג אין

געפענגנים, דערפאַר וואָס איהר האָט אויסגעהערט אונזערע רעדעס". דיזע פינסטערע אויסזיכט האָט זיי ניט אָבגעשראָקען. „נו, וואָס איז? אין סיביר זיינען דאָך אויך דאָ מענשען—ניט בלויז בערען." „דאָרט וואו מענשען לעבען, קענען דאָך אַנדערע אויך לעבען". „דער טייוועל איז ניט אַזוי שוואַרץ, ווי מ׳מאָלט איהם". „אַז מ׳ געהט אין דער מלחמה, מוז מען קענען פולווער שמעקען", האָבען זיי געענטפערט, בעת מיר האָבען זיך מיט זיי געזעגענט, און נאַכהער, ווען עטליכע פון זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרען, האָבען זיי כמעט אַלע זיך געהאַלטען בראַוו און האָבען קיינעם פון אונז ניט אַרויסגעגעבען.

אין די צוויי יאָהר פון וועלכע איך רייד דאָ יעצט זיינען פיעלע פערהאַפטונגען געמאַכט געוואָרען אי אין פעטערסבורג, אי אויף דער פראָווינץ. עס איז ניט אַוועק איין מאָנאַט מיר זאָלען ניט פערלירען איינעם פון אונזער מיטע, אָדער ניט הערען פון דיזער אָדער יענער פראָווינציאָנעלער גרופע, אַז קאַמעראַדען זיינען פערשוואונדען געוואָרען. אַם ענדע פון 1873, זיינען די אַרעסטען געוואָרען וואָס אַ מאָל אַלץ אָפטער און אָפטער. אין נאָוועמבער איז איינע פון די פאָרשטעדטלעך פון פעטערסבורג איבערפאַלען געוואָרען פון דער פאָליציי. מיר האָבען פערלאָרען פעראָווסקאַיאַ און דריי אַנדערע פריינד, און אַלע אונזערע פערבינדונגען מיט די אַרבייטער פון יענעם שטעדטעל האָבען געמוזט אָבגעהאַקט ווערען. מיר האָבען געגרינדעט אַ נייעם פעראיין ווייטער אַרויס פון שטאָדט, אָבער אויך דיזען האָבען מיר שנעל געמוזט אויפגעבען. די פאָליציי איז געוואָרען זעהר וואַכזאַם, און די ערשיינונג פון אַ סטודענט אין אַן אַרבייטס־קוואַרטאַל איז גלייך געוואָרען פערדעכטיג. איבעראַל צווישען די אַרבייטער האָבען זיך געפונען שפיאָנען, וועלכע האָבען זיי שטאַרק געהיט. דימיטרי קעלניץ, סערגיי און איך, אין אונזערע קורצע פעלצלעך, און מיט אונזער פויערשען אויסזעהען, זיינען ווי עס איז דורך אונבעמערקט, און מיר האָבען ווייטער, ווי פריהער בעזוכט די געפעהרליכע מקומות. אָבער דימיטרי און סערגיי, וועלכע זיינען בעריהמט געוואָרען אין די אַרבייטער־קוואַרטאַלען, זיינען שטאַרק געזוכט געוואָרען פון דער פאָליציי, און ווען מען וואָלט זיי צופעליג געפונען אין דער צייט פון אַן אָביסק אויף אַ פריינד׳ס לאָזשי, וואָלט מען זיי גלייך אַרעסטירט. עס זיינען געווען צייטען, ווען דימיטרי האָט געמוזט אַרומגעהן אַ גאַנצען טאָג און זוכען אַ פּלאַץ, וואו ער זאָל קענען נעכטיגען, מיט מעהר אָדער וויינינגער זיכערהייט. „קען איך ניט שלאָפען דאָ ביי דיר היינטיגע נאַכט?" פלעגט ער אַ פרעג טהאָן, אַריינפאַלענדיג שפעט אין אָווענד צו אַ קאַמעראַד. „אונמעגליך. מיין לאָזשי ווערט שטאַרק שפיאָנירט די

לעצטע צייט. געה בעסער צו נ.״ „אָט קום איך עבען פֿון איהם, און ער זאָגט אַז זיין נאַכבאַרשאַפֿט איז פֿול מיט שפּיאָנען״. „טאָ געה זשע אַריבער צו מ. ער איז אַ גוטער פֿריינד מיינער און אויסער פֿערדאַכט. אָבער עס איז ווייט פֿון דאַנען און דו מוזט נעהמען איין איזוואָזטשיק. אָט איז געלד״. אָבער דימיטרי האָט אויס פּרינציפּ קיינמאָל קיין איזוואָזשטשיק ניט גענומען. ער פֿלעגט זיך לאָזען געהן אַזש אין יענעם עק שטאָדט אום צו געפֿינען אַ נאַכטלעגער, אָדער אַ ניט, איז ער אַריין צו אַ פֿריינד, וועלכער האָט יעדע מינוט ערוואַרטעט אַן אָביסק ביי זיך.

אין יאַנואַר 1874, איז אַן אַנדער גרופּע בעפֿאַלען געוואָרען פֿון דער פּאָליציי — אונזער הויפּט פֿעסטונג פֿון פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די וועבער. מאַנכע פֿון אונזערע בעסטע קרעפֿטע זיינען פֿערשוואונדען געוואָרען הינטער די טויערען פֿון דער געהיימער דריטער אָטדעלעניע.

אונזער צירקעל איז געוואָרען וואָס אַמאָל קלענער. אַלגעמיינע פֿערזאַמלונגען זיינען געוואָרען שווערער. מיר האָבען געמאַכט פֿערצווייפֿעלטע אַנשטריינגונגען צו בילדען נייע גרופּען פֿון יונגע לייט, וועלכע זאָלען קענען פֿאָרטזעצען די אַרבייט בעת מיר וועלען אַלע זיין אַרעסטירט.

טשאַיקאָווסקי איז דאַמאָלס געוועזן אין זיד רוסלאַנד און מיר האָבען געצוואונגען דימיטריען און סערגייען צו פֿערלאָזען פּעטערסבורג—בוכשטעבליך מיט געוואַלט זיי אַרויסגעטריבען פֿון שטאָדט. פֿון גאַנצען קרוזשאָק זיינען בלויז געבליבען פֿינף אָדער זעקס אונזערע. איך האָב גערעכענט, אַזוי שנעל ווי איך וועל איבערגעבען מיין בוך דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט, אָבצופֿאָרען אין זיד־וועסט רוסלאַנד, און דאָרט צו גרינדען אַ לאַנד־פֿעראיין, עהנליך צו דעם פֿעראיין, וועלכער איז געוועזן אַזוי מעכטיג אין אירלאַנד אַם ענדע פֿון די זעכציגער יאָהרען.

נאָך צוויי מאָנאַט, מעהר אָדער וועניגער שטילע, האָבען מיר אויסגעפֿונען אין מיט'ן מערץ, אַז כמעט דער גאַנצער קרוזשאָק פֿון די אינזשענערען איז אַרעסטירט געוואָרען און מיט זיי אַ יונגער מאַן מיט דעם נאָמען ניזאָווקין, אַ געוועזענער סטודענט, וועלכען זיי האָבען אונגליקליכער ווייזע געשאָנקען צופֿערטרויען; מיר זיינען געוועזן זיכער, אַז אום זיך ריין צו וואַשען, וועט דיעזער חברה'מאַן אונז אַלעמען אַרויסגעבען. אַ חוץ דימיטריען און סערגייען האָט ער אויך געקענט סערדאָקאָווען, דעם גרינדער פֿון קרוזשאָק, און מיך. אין עטליכע טעג אַרום זיינען צוויי וועבער—זעהר אונפֿערטרויליכע חברה־לייט, וועלכע האָבען אפילו געהאַט אויסגעשווינדעלט געלד פֿון זייערע קאָמעראַדען, און וועלכע האָבען מיך געקענט

אונטער דעם נאָמען באַראָדין—אַרעסטירט געוואַרען. מיר האָבען געוואוסט,
אַז זיי וועלען געווים ארויסשיקען די פּאָליציי אויף'ן שליאַד פֿון באַראָדין,
דעם מאַן, וועלכער איז געגאַנגען אָנגעטאָהן ווי אַ מוזשיק, און האָט
אָפּט געדעדט ביי די וועבער־פֿערזאַמלונגען. אין אַ וואָך צייט זיינען אַלע
מיטגלידער פֿון אונזער קרוזשאָק אַרעסטירט געוואָרען, אַ חוץ סערדאָקאָוו
און איך.

פֿאַר אונז ביידען, סערדאָקאָווען און מיר, איז אַלזאָ קיין אַנדער
ברירה ניט געבליבען, ווי צו ענטלויפֿען פֿון פּעטערסבורג—וואָס דאָס האָ־
בען מיר גראַדע ניט געוואָלט. די גאַנצע אונגעהייערע אָרגאַניזאַציאָן אונזע־
רע צו דרוקען בראָשורען און זיי אַריינצושמוגלען קיין רוסלאַנד; דער
גאַנצער פּלאָנטער פֿון קרייזען, פֿאַרמס און קאָלאָניעס מיט וועלכע מיר
האָבען זיך קאָרעספּאָנדירט כמעט אין פֿערציג (פֿון די פֿופֿציג) גובערניעס
פֿון אייראָפּעאישען רוסלאַנד, און וועלכע זיינען לאַנזאַם אויפגעבויט געוואָ־
רען אין פֿערלויף פֿון די לעצטע צוויי יאָהר; און ענדליך אונזערע אַרביי־
טער־גרופּען פֿון פּעטערסבורג און אונזערע פֿיער פֿערשידענע צענטערס
פֿאַר פּראָפּאַגאַנדאַ אונטער די אַרבייטער פֿון דער הויפּט שטאָדט—ווי האָ־
בען מיר דאָס אַלעס געקענט לאָזען אין מיטען, איידער מיר האָבען גע־
פֿונען אַנדערע מענשען, וועלכע זאָלען קענען אָנפֿיהרען אונזער אַרבייט?
מיר האָבען בעשלאָסען אַריינצונעהמען אין אונזער קרוזשאָק צוויי נייע
מיטגלידער, און זיי איבערגעבען די אַרבייט. מיר האָבען זיך יעדען אָווענד
בעגעגענט אין פֿערשידענע טהיילען פֿון שטאָדט. און אַזוי ווי מיר האָבען
קיינמאָל ניט געהאַלטען קיין געשריבענע נעמען אָדער אַדרעסען, האָבען
מיר זיי געמוזט אויסלערנען הונדערטע נעמען און אַדרעסען און אַ דוצען
ציפֿער־לשונות, זיי איבערזאָגענדיג איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז אונ־
זערע נייע פריינד האָבען זיי געהאַט אויסגעלערענט אויף אויסווייניג. יעדען
אָוועגד האָבען מיר אַזוי אַרום איבערגעקוקט די גאַנצע לאַנדקאַרטע פֿון
אייראָפּאַ, זיך בעזאָנדערס אָבשטעלענדיג אויף די גרענעצען פֿון די מעריב
לענדער, וועלכע זיינען געוועזען בעזעצט מיט מענער און פֿרויען, וואָס האָבען
זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם וואָס זיי פֿלעגען אָבנעהמען די ביכער פֿון די
מויליכערס, און אויף די מזרח גובערניעס, וואו מיר האָבען געהאַט אונזע־
רע הויפּט־קאָלאָניעס. דאַן האָבען מיר אויך געמוזט, אימער פֿערקליידע־
טערהייד, נאַטירליך, אַרומפֿיהרען אונזערע נייע קאַמעראַדען צו אונזערע
סימפּאַטיזירער, און פֿאָרשטעלען זיי פֿאַר די אַרבייטער, וועלכע וואַרען נאָך
ניט אַרעסטירט.

מיר האָבען געמוזט פֿון צייט צו צייט נעלם ווערען פֿון אונזער

וואָהנונג און זיך בעזעצען אונטער אַ פּריש געבאַקענעם נאָמען און אַ שפּאָגעל נייע דירה. סערדאָקאָוו איז אַוועק פון זיין לאָזשיע, און ניט האָבענדיג קיין פּאַספּאָרט, האָט ער זיך בעהאַלטען ביי פּערשידענע פריינד. איך האָב אויך געזאָלט אַזוי טהאָן, אָבער אַ מאָדנער אומשטאַנד האָט זיך אַריינגעמישט. איך האָב גראַד דאַמאָלס געהאַט געענדיגט מיין בוך איבער די אייזיגע שיכטען פון פינלאַנד און רוסלאַנד, און דאָס האָט געזאָלט פאָרגעלעזען ווערען ביי אַ מיטינג פון דער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. די איינלאַדונגען זיינען שוין געווען ארויסגעשיקט, אָבער אַזוי ווי גראַד אין יענעם טאָג האָבעןביידע געאָלאָגישע געזעלשאַפטען פון פעטערסבורג געהאַט אַ געמיינשאַפטליכע פערזאַמלונג, האָבען זיי געבעטען די געאָגראַפישע געזעלשאַפט זי זאָל אָבלייגען מיין רעפּאָרט אויף אַ וואָך. זיי האָבען געוואוסט אַז איך וועל פאָרברייננגען געוויסע אידעען וועגען די פערשפּרייטונג פון דער אייז־פּלעכע אַזוי ווייט ווי מיטעל רוסלאַנד; און אונזערע געאָלאָגען, מיט דער אויסנאַהמע פון מיין פריינד און לעהרער, פרידריך שמידט, האָבען געהאַלטען עס פאַר אַ צו פאַנטאַסטישע טהעאָריע, און האָבען געוואָלט גרינדליך דיסקוטירען דריבער. איך האָב אַלזאָ ניט געקענט אָבפאָהרען ביז אין אַ וואָך אַרום.

פרעמדע מענשען פלעגען אַרומקריכען אַרום מיין הויז, פלעגען צו מיר אַריינקומען מיט אַלערליי משונה׳דיגע תירוצים: איינער האָט, למשל, געוואָלט קויפען אַ וואַלד פון מיין גוט אין טאַמבאָוו, וואו עס איז גאָר קיינמאָל קיין וואַלד ניט געווען. איך האָב אויף׳ן גאַס איינמאָל דערזעהן איינעם פון די צוויי אַרעסטירטע וועבער, וועלכע איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, און אַזוי האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין הויז ווערט געוואַטשט. דאָך האָב איך זיך געמוזט מאַכ׳ען ווי ניט מיך מיינט עס, מחמת איך האָב געמוזט פאָרקומען פאַר די געאָגראַפישע געזעלשאַפט דעם קומענדען פרייטאָג צו נאַכט.

דער מיטינג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען. די דיסקוסיאָנען זיינען געווען זעהר לעבהאַפטע, און איין פונקט לכל הפחות, אין געוואונען געוואָרען. עס איז אַנערקענט געוואָרען, אַז אַלע אַלטע טהעאָריעס וועגען די מבול־פעריאָדע אין רוסלאַנד וואַרען גענצליך פאַלש, און אַז מי מוז גאָר אויף דאָס נייע אָנהויבען צו אונטערזוכען דיזע פראַגע, און פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. איך האָב געהאַט דעם פערגעניגען צו הערען אונזער גרעסטען געאָלאָג באַרבאָ־דע־מאָרני, זאָגען: "יאָ אייז־שיטע, ניט אייז־שיכטע, מיר מוזען צוגעבען מיינע הערען, אַז אַלעס וואָס מיר האָבען פריהער געוואוסט וועגען די אַרבייט פון דעם שווימענדען אייז האָט יעצט לחלוטין קיין שום

באָרען ניט אין ווירקליכער פאָרשונג". און באַלד אויף'ן זעלבען מיטינג בין איך פאָרגעשלאָגען געוואָרען אַלס פרעזידענט פון דער פיזיש-געאָגראַפישער סעקציאָן, וועהרענד איך האָב זיך אַליין געפרעגט צו איך וועל נאָך די זעלבע נאַכט ניט ברויכען צו נעכטיגען אין דער טורמע פון דער „טרעטיע אָטדעלעניע".

עס וואָלט גלייכער געווען פאַר מיר גאָר ניט צוריקצוקעהרען אויף מיין לאָזשיע, אָבער איך בין געווען טויט מיעד נאָך די אַנשטרענגונג פון די לעצטע עטליכע טעג, און בין אַוועק אַהיים. יענע נאַכט איז קיין אָביסק ניט געווען. איך האָב דורכגעקוקט אַלע פאַפירען, האָב פערברענט אַלעס, וואָס האָט געקענט פערוויקלען אַנדערע, האָב צוזאַמענגעפאַקט מיינע זאַכען און בין געווען פאַרטיג צו וואַנדערען ווייטער. אַז מי האָט מיך געהיט האָב איך געוואוסט, נאָר איך האָב געהאָפט, אַז די פאָליציי וועט מיר ניט אָבשטאַטען איהר בעזוך ביז שפעט אין דער נאַכט, און אַז איך וועל קענען פאַרנאַכט זיך דורכ'גנב'ענען אונבעמערקט. ווען עס איז געוואָרען דונקעל און איך האָב מיך געלאָזען געהן אויף דרויסען, האָט מיר איינע פון די דינסט-מיידלאַך געזאָגט: „געהט בעסער דורך די הינטער טהיר". איך האָב פער-שטאַנען דעם וואונק און בין שנעל אַרונטער פון די טרעפען און אַרויס פון הויז. בלויז איין איינציגער איזוואָשציק איז געשטאַנען לעבען טויער. איך בין אַריינגעשפרונגען אין די דראָשקע און בין אַוועק אויף נעווסקי פראָספעקט. אָנפאַנגס האָט קיינער ניט נאָכגעפאָלגט, און איך האָב גע-מיינט, אַז איך בין שוין זיכער; אָבער איך האָב באַלד דערזעהן אַ צווייטע דראָשקע יאָגענדיג זיך נאָך אונז מיט אַלע כוחות; אונזער פערד האָט זיך עפעס אָבגעהאַלטען און דער יאָגעדיגער פערד איז אונז פערביי-געפאָהרען.

ווי ערשטוינט בין איך געוואָרען בעת איך האָב דערזעהן אין דער דראָשקע איינעם פון די אַרעסטירטע וועבער! לעבען איהם איז געזעסען נאָך אימיצער. ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד פונקט ווי ער וואָלט מיר עפעס וועלען זאָגען. איך האָב געהייסען מיין איזוואָזשציק סטאָ-פען. „אפשר האָט מען איהם אַרויסגעלאָזען פון טורמע", האָב איך זיך געטראַכט, „און ער האָט מיר עטוואָס וויכטיגעס מיטצוטהיילען". אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט, האָט דער מאַן, וואָס איז געזעסען לעבען איהם—אַ שפיאָן—אַ געשריי געטאָהן: „הער באָראָדין, הער קראָ-פאָטקין, איך אַרעסטיר אייך!" ער האָט געגעבען אַ סיגנאַל די גאָראָדאָוואָים, וועלכע זיינען דאָרטען געווען מאַסענהאַפט, איז בעת מעשה אַריינגעשפרונ-גען אין מיין דראָשקע און האָט מיר געוויזען אַ פאַפיער אונטערגע'חתמ'ט

פון דער פעטערסבורגער פּאָליציי. „איך האָב אַן אוקאַז אייך צו ברייננגען פאַר׳ן גענעראַל־גובערנאַטאָר צו מאַכען אַן ערקלעהרונג״, האָט ער געזאָגט. זיך שטעלען דאַגעגען וואַר אונמעגליך,—עטליכע פּאָליציסטען זיינען געשטאַנען פון הינטען,—און איך האָב געהייסען מיין איזוואָזשטשיק זיך אומדרעהען און פאָהרען צום גובערנאַטאָר. דער וועבער איז געבליבען אין זיין דראָשקע און איז נאָך נאָך אונז.

יעצט איז עס געוואָרען קלאָהר, אַז די פּאָליציי האָט געוויינערט צעהן טעג לאַנג, איידער זי האָט מיך פערהאַפטעט, מחמת זי איז ניט געווען פעסט איבערצייגט, אַז באָראַדין און איך וואַרען איין און די זעלבע פערזאָן. מיין ענטפער אויף׳ן וועבער׳ס מאַך מיט׳ן האַנד האָט געסעטעלט די פראַגע.

גראָד ווען איך האָב פערלאָזען מיין וואוינונג, האָט מיר אַ יונגער מאַן פון מאָסקווע געבראַכט איין בריעף פון אַ פריינד, וואָנאַראַלסקי, און א צווייטען בריעף פון דימיטרי, אַדרעסירט צו אונזער פריינד פּאָליאַקאָוו. דער ערשטער בריעף האָט מיר אָנגעזאָגט די פרעהליכע בשורה, אַז אין מאָסקווע איז געגרינדעט געוואָרען אַ סעקרעטנע דרוקעריי און אַז חברה איז דאָרטען זעהר טהעטיג. איך האָב איהם איבערגעלעזען און פערברענט. אַזוי ווי דער צווייטער בריעף האָט ניט ענטהאַלטען קיין זאַך, אַ חוץ פריינדליכע פלוידעריי, האָב איך איהם מיטגענומען מיט זיך. יעצט, אַז איך וואַר אַרעסטירט, האָב איך גערעכענט, אַז עס איז בעסער אויך פון דיעזען בריעף פטור צו ווערען, און, בעטענדיג דעם דעטעקטיוו, ער זאָל מיר נאָך אַמאָל ווייזען דאָס פּאַפּיער, האָב איך דערווייל אַרויסגעוואָרפען דעם בריעף פון דראָשקע. אָבער אַזוי שנעל ווי מיר זיינען צו צום גענעראַל גובערנאַטאָרס הויז האָט דער וועבער דערלאַנגט דעם בריעף דעם דעטעקטיוו מיט די ווערטער: „איך האָב געזעהן ווי דיעזער הער האָט פערלאָרען אַ בריעף אויף׳ן וועג און איך האָב איהם אויפגעהויבען.

יעצט האָט זיך אָנגעהויבען אַ וואַרטעניש אויף׳ן פּראָקוראָר, דעם פאָרשטעהער פון געזעצליכער אויטאָריטעט. שטונדען לאַנג האָבען מיר געוואַרט, איידער מיר האָבען שוין דערלעבט צו זעהן דיעזען שטרויענעם מאַן, דעם כלומרשט׳דיגען פערטרעטער פון גערעכטיגקייט. מי האָט מיך צוריק געפיהרט צו מיין וואוינונג און מיינע פּאַפּירען זיינען טיכטיג דורכגעזוכט געוואָרען; דאָס האָט געדויעט ביז דריי אַזייגער אין דער פריה. אָבער זיי האָבען ניט געפונען דעם מינדעסטען ברעקעל פּאַפּיער, וואָס זאָל קענען וואַרפען א חשד אויף מיר אַליין אָדער אויף אימיצען אַנדערש.

פֿון מיין לאָזשי האָט מען מיך אָבגעפֿיהרט צו די דריטע אָטדיעלע־ניע, דיעזע מעכטיגע אַנשטאַלט, וועלכע האָט געהערשט אין רוסלאַנד פֿון׳ם אָנהויב פֿון ניקאָליי דעם ערשטענס מלוכה ביז אויף היינטיגען טאָג,—אַן אמת׳ער שטאַאט אין׳ם שטאַאט". אָנגעהויבען האָט זי זיך אונטער פּעטער דעם ערשטען אין דעם סעקרעטנעם דעפּאַרטאַמענט, וואו מי פֿלעגט מאַ־טערען מיט די בלוטיגסטע ענוים אַלע געגנער פֿון דעם גרינדער פֿון דער רוסישער מיליטערישער אימפּעריע; דיעזער דעפּאַרטאַמענט האָט פֿאָרט־געזעצט זיין היילגע מיסיאָן אין דעם סעקרעטנעם קאַנצעל אונטער דער הערשאַפֿט פֿון די אימפּעראַטריצעס, בשעת דער מאַרטער־הדר פֿון דעם מעכטיגען מיניטש האָט ארויפֿגעיאָגט אַ פּחד אין גאַנץ רוסלאַנד; און אונטער דעם אייזערנעם דעספּאָטיזמוס פֿון ניקאָליי דעם ערשטען האָט דיעזע אַבטהיילונג געקראָגען איהר יעצטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמע. ניקאָליי האָט נעמליך פֿערשטאַרקט די דריטע סעקציאָן מיט אַ גאַנצען קאָרפּוס זשאַנדאַרמען. — און דער הויפּט פֿון זיי איז געוואָרען אַ פּערזאָן פֿאַר וועלכען מי האָט אין רוסלאַנד מעהר מורא ווי פֿאַר׳ן קייזער גופא.

אין יעדער רוסישער פּראָווינץ, אין יעדער שטאָדט, ניין, אפילו אין יעדען וואָקזאל, זיינען דאָ זשאַנדאַרען, וועלכע רעפּאָרטען גלייך צו זייערע אייגענע גענעראַלען אָדער פּאָלקאָווניקעס, און זיי ווידער קאָרעספּאָנדירען זיך מיט דעם זשאַנדאַרמסקי שעף; דיעזער זעהט זיך יעדען טאָג מיט׳ן צאַר און גיט איהם איבער אַלע נייעס, וועלכע ער האַלט פֿאַר נייטיג. אַלע טשינאָווניקעס פֿון לאַנד שטעהען אונטער די אויפֿזיכט פֿון די זשאַנ־דאַרמען; עס איז די פֿפֿליכט פֿון די גענעראַלען און די נאַטשאַלניקעס צו היטען דאָס עפֿענטליכע און דאָס פּריוואַטע לעבען, פֿון יעדען רוסישען אונטערטהאַן,—אפילו פֿון די גובערנאַטאָרען, מיניסטאָרען און גרויספֿירשטען. זיי גיבען אַבטונג אויף׳ן קייזער גופא, און אַזוי ווי זיי ווייסען סודות פֿון׳ם פּאַלאַץ און היטען יעדען טריט וואָס דער צאַר מאַכט אויסערען פּאַלאַץ, ווערען דיעזע שעפֿען די אינטימסטע אינטריגאַנטען פֿון די קייזערליכע פּאַלאַצען.

אין דער צייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס הערשאַפֿט, איז די דריטע אָטדיעלעניע געוועזען אַלמעכטיג. די זשאַנדאַרמסקע נאַטשאַלניקעס האָבען געמאַכט טויזענטער אָביסקעס, אָהנע זיך אויף דאָס מינדעסטע צו קימערען וועגען די עקזיסטענץ פֿון געזעץ אָדער געריכטסהייזער אין רוסלאַנד. זיי האָבען אַרעסטירט וועמען זיי האָבען געוואָלט, זיי האָבען געהאַלטען אין טורמעס אַזוי לאַנג, ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט און האָבען פֿערשיקט הונדערטער אומשולדיגע מענשען אויף נאָרד־רוסלאַנד אָדער אויף

סיביר, נאָר ווייל אַזוי האָט בּפֿעוילען אַ קאַפּריזנער נאַטשאַלניק; די אונ־טערשריפֿט פֿון'ם מיניסטער איז בלויז געווען אַ פֿאָרמאַליטעט, מחמת ניט ער האָט זיי געקענט קאָנטראָלירען און ניט ער האָט געוואוסט וואָס ס'טהוט זיך אַרום איהם.

עס איז געווען אַ זייגער פֿיער אין דער פֿריה, בעת מיין פֿערהער האָט זיך אָנגעפֿאַנגען. „איהר ווערט בעשולדיגט", האָט מען זיך צו מיר ערנסט געווענדעט, „אַז איהר בעלאַנגט צו אַ סעקרעטנער געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט געהאַט אַלס צוועק אומצושטירצען די יעצטיגע רעגירונג, און צו מאַכען קאָנספּיראַציעס געגען די היילינע פּערזאָן פֿון זיין קייזערליכע מאַיעסטעט. זייט איהר שולדיג אין דיעזען פֿערברעכען?"

„ביז מי וועט מיך ניט ברענגען פֿאַר אַ געריכט, וואו איך וועל קע־נען ריידען אָפֿען, וועל איך אייך קיין ענטפֿער ניט געבען".

„שרייב", האָט דער פּראָקוראָר דיקטירט צו אַ שרייבערעל, „ער ערקלעהרט זיך ניט שולדיג". „דאָך", האָט ער ווידער אָנגעהויבען אין אַ ווײַלע אַרום, „איך מוז אייך שטעלען געוויסע פֿראַגען. קענט איהר איינעם מיט'ן נאָמען ניקאָלאַי טשאַיקאָווסקי?"

„אויב איהר ווילט דוקא פֿרעגען, טאָ שרייבט „ניין" אויף אַלע פֿראַ־גען וואָס איהר ווילט מיר שטעלען".

„אָבער, אַז מי זאָל אייך, למשל, פֿרעגען, צו איהר קענט דעם הערען פּאָליאַקאָוו, פֿון וועלכען איהר האָט נאָר וואָס גערעדט?"

„קוים שטעלט איהר מיר דיעזע פֿראַגע, ברויכט איהר שוין ניט צו וואַרטען אויף מיין ענטפֿער. שרייבט „ניין". און אויב איהר פֿרעגט מיך, צו איך קען מיין ברודער, מיין שוועסטער אָדער מיין שטיף־מוטער, שרייבט „ניין". איהר וועט פֿון מיר קיין אַנדער תשובה ניט קריגען: דען, אַז איך זאָל ענטפֿערען „יאָ" אין בעצוג אויף אירגעד וועלכע פּערזאָן, וועט איהר דאָך גלייך זוכען פּלענער איהר שלעכטס צו טאָהן, איהר וועט נעהמען מאַכען אָביסקעס און דערנאָך וועט איהר זאָגען, אַז איך האָב איהם ארויסגעגעבען".

אַ לאַנגע ליסטע מיט פֿראַגען איז מיר פֿאָרגעלעזען געוואָרען, און יעדעס מאָל האָב איך געדולדיג געענטפֿערט: „שרייבט ניין". דאָס האָט געדויערט אַ שטונדע, און אין דיעזער צייט בין איך דערגאַנגען, אַז אַלע אַרעסטירטע האָבען זיך געהאַלטען פֿעסט, אַ חוץ די צוויי וועבער. די וועבער האָבען בלויז געוואוסט, אַז איך בין צוזאַמענגעקומען מיט אַ צעהנדי־ליג אַרבייטער, און די זשאַנדאַרמען האָבען קיין זאַך ניט געוואוסט מבוח אונזער קרוזשאָק.

„וואָס טהוט איהר, פרינץ?" האָט מיר אַן אָפיציר געזאָגט, מיך אַריינפיהרענדיג אין מיין קאַזעמאַט אַריין, „פון אייער ענטזאַגונג צו ענט־פערען וועלען זיי מאַכען אַ שרעקליכע וואַפּע געגען אייך".

„האַב איך ניט קיין רעכט דאַרויף, וואָס?"

„יאַ. אָבער—פערשטעהט איהר מיך... איך האָף, אַז דיעזעס צימער וועט אייך זיין בעקוועם."

דאָס צימער איז מיר געווען זעהר בעקוועם, און איך בין פעסט איינגעשלאָפען. אויף מאָרגען אין דער פריה האָט מיך אַ זשאַנדאַרם אויפ־געוועקט און האָט מיר אַריינגעבראַכט טהעע. נאָך איהם איז גלייך נאָך נאָך אימיצער, וועלכער האָט מיר גאַנץ גלייכגילטיג אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין; „אָט דאָ האָט איהר אַ שטיקעל פּאַפּיער און אַ בלייפעדער; שרייבט אייער בריעף". דאָס וואַר אַ סימפּאַטיזירער, וועלכען איך האָב געקענט מיט'ן נאָמען; ער האָט געפלעגט איבערגעבען אונזער קאָרעספּאָנ־דענץ מיט די אַרעסטאַנטען פון דער דריטער אָטדיעלעניע.

פון אַלע זייטען האָב איך געהערט געקלאַפּערייען אין די וועגט. דאָס האָבען די אַרעסטאַנטען זיך דורכגערעדט איינער מיט דעם אַנדע־רען דורך די לייכטע קלעפּ אין וואַנד. אָבער אַזוי ווי איך בין געווען אַ „גרינער", האָב איך קיין זאַך ניט פערשטאַנען פון זייער שטום-לשון, וועל־כער איז געקומען פון אַלע זייטען מיט אַמאָל. אַלע ווענד האָבען גערעדט.

איין זאַך האָט מיך בעאונרוהיגט.

אין דער צייט פון מיין אָביסק, האָב איך דערהערט ווי דער פּראָ־קוראָר האָט שטילערהייט געזאָגט צום זשאַנדאַרם, אַז מי מוז גלייך געהן מאַכען אַ צווייטען אָביסק ביי מיין פריינד פּאָליאַקאָף, צו וועמען דימיטרי'ס בריעף וואַר אַדרעסירט. פּאָליאַקאָף איז געווען אַ יונגער סטודענט, אַ זעהר בעגאַבטער זאָאָלאָג און באָטאַניקער, מיט וועלכען איך האָב געמאַכט מיין וויטע עקספּעדיציע אין סיביר. געבאָרען וואַר ער פון אַן אָרימער קאַזאַקען־פאַמיליע אויף'ן גרענעץ פון מאָנגאָליע, און נאָכדעם ווי ער האָט דורכגע־מאַכט די גרעסטע שווערינקייטען, איז ער געקומען קיין פּעטערסבורג, איז אַריין אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט זיך בעריהמט געמאַכט אַלס טאַ־לאַנטפאָלער זאָאָלאָג, און יעצט האָט ער גראַד געברויכט דורכמאַכען זיין לעצטען עקזאַמען. מיר זיינען געווען די בעסטע פריינד זייט יענער לאַנגער רייזע, און מיר האָבען זאָגאַר געוואוינט צוזאַמען אַ היבשע צייט אין פּעט־ערסבורג, אָבער ער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט מיין פּאָליטישער טהעטיגקייט.

איך האָב מבוח איהם גערעדט צום פּראָקוראָר. „איך גיב אייך מיין עהרען וואָרט,” האָב איך געזאָגט, „אַז פּאָליאַקאָף האָט קיינמאָל קיין אַנטהייל ניט גענומען אין די מינדעסטע פּאָליטישע אַנגעלעגענהייט. מאָרגען מוז ער אָבלייגען זיין עקזאַמען, און איהר וועט אויף אייביג צוברעכען די וויסענשאַפטליכע קאַריערע פון אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט מיטגעמאַכט די גרעסטע שווערינקייטען, און האָט יאָהרען לאַנג געקעמפּפט געגען אַלערליי הינדערניסע, אום צו עררייכען זיין יעצטיגע פּאָזיציאָן. איך ווייס, אַז אייך אַרט דאָס אַלעס גאָר ניט, אָבער אין אוניווערזיטעט ווערט ער גערעכענט אַלס איינער פון די צוקונפטיגע שטערען פון דער רוסישער וויסענשאַפט.”

דער אָביסק איז פון דעסטוועגען געמאַכט געוואָרען, נאָר פאַר די עקזאַמענס האָט מען איהם ערלויבט דריי טעג צייט. אין אַ קורצע צייט אַרום בין איך גערופען געוואָרען פאַר׳ן פּראָקוראָר, וועלכער האָט מיר מיט טריאומף געוויזען אַ קאָנווערט אַדרעסירט אין מיין האַנדשריפט, און אינווייניג איז געווען אויך אין מיין האַנדשריפט אַזאַ צעטעלע: „זייט אַזוי גוט און טראַגט אַוועק דעם פּעקעל צו וו. ע. און בעט מי זאָל איהם האַלטען ביז וואַנען מי וועט איהם ניט פאָדערן”. די פּערזאָן צו וועמען דער צעטעלע איז אַדרעסירט, איז ניט דערמאָנט געוואָרען דאַרין. „דיזען בריעף”, האָט מיר דער פּראָקוראָר געזאָגט, „האָבען מיר געפונען ביי פּאָליאַקאָף׳ן און יעצט, פּרינץ, ליעגט זיין גורל אין אייערע הענד, אויב איהר וועט מיר זאָגען, ווער וו. ע. איז, וועלען מיר איהם אַרויסלאָזען פריי; אָבער אויב איהר ענטזאַגט זיך, וועלען מיר איהם האַלטען אַזוי לאַנג ביז איהר וועט אונז ניט זאָגען דעם נאָמען פון יענער פּערזאָן”.

קוקענדיג אויף׳ן קאָנווערט, וועלכער וואַר אַדרעסירט מיט שוואַרצען שטיפט, און אויף׳ן בריעף, וועלכער וואַר געשריבען מיט אַ געוועהנליכען בלייפעדער, האָב איך מיך גלייך דערמאָנט די אומשטענדען, אונטער וועלכע זיי וואַרען געשריבען. „איך בין זיכער”, האָב איך גלייך אויסגעשריען, אַז דער קאָנווערט איז ניט געפונען געוואָרען צוזאַמען מיט׳ן צעטעלע! איהר האָט עס אַריינגעלייגט דעם בריוועל אין קאָנווערט אַריין”.

דער פּראָקוראָר איז געוואָרען רויט. „ווילט איהר מיר איינריידען,” האָב איך ווייטער געזאָגט, „אַז איהר, אַ פּראַקטישער מענש, האָט ניט בעמערקט, אַז זיי זיינען געשריבען מיט פערשידענע שטיפטען? און יעצט ווילט איהר זיי צוזאַמענפּאָרען! אויב אַזוי מיין הער, וועל איך אייך זאָגען, אַז דער בריעף איז ניט געווען צו פּאָליאַקאָף׳ן.”

ער איז אויף אַ רגע געבליבען אָבהענדיג. אָבער גלייך האָט ער

צוריקגעקראָגען זיין חוצפה און האָט אַ זאָג געטהאָן: „פּאָליאַקאָף האָט אַליין מודה געווען, אַז דיעזער בריעף אייערער איז געשריבען געוואָרען צו איהם."

יעצט האָב איך געוואוסט, אַז ער זאָגט ליגען. פּאָליאַקאָף וואָלט מודה געווען אויף אַלעס וועגען זיך גופא, אָבער ער וועט ליבער געהן אויף סיבּי־איידער אימיצען אַנדערס אַרויסגעבען. און קוקענדיג דעם פּראָקוראָר גלייך אין די אויגען, האָב איך געענטפערט: „ניין מיין הער, ער האָט דאָס קיינ־מאָל ניט געזאָגט, און איהר ווייסט זעהר גוט, אַז אייערע ווערטער זיינען ניט אמת."

ער איז געוואָרען ווילד, אָדער ער האָט אַזוי געמאַכט דעם אָנשטעל. „נו, אויב איהר וועט דאָ אויפוואַרטען איין וויילינקע, וועל איך ברייג־גען פּאָליאַקאָף'ס געשריבענע בעשטעטיגונג דערויף. ער איז אין צוויטען צימער אויף'ן דאָפּראָס".

„כ'וועל וואַרטען ווי לאַנג איהר ווילט אַליין".

איך בין געזעסען אויף'ן סאָפאַ און האָב אויסגערויכערט אַ מאַסע סיגאַרעטלעך. די בעשטעטיגונג איז ניט געקומען, און זי איז טאַקי קיינמאָל ניט געקומען.

פערשטעהט זיך, אַז ס'איז גאָר אַזאַ בעהויפּטונג ניט געווען. איך האָב בעגעגענט פּאָליאַקאָף'ן אין 1878, אין זשענעוואַ, פון וואַנען מי־ האָבען געמאַכט אַ הערליכען שפּאַציער־פאַהרט צו דעם אַלעטש אייז־באַרג. עס איז איבריג צו זאָגען, אַז זיינע ענטפערס זיינען געווען אַזוי, ווי איך האָב ערוואַרטעט: ער האָט געלייקענט, אַז ער הויבט ניט אָן צו וויסען פון'ם בריעף אָדער פערזאָן ועמען די בוכשטאַבען וו. ע. מיינען. מיר פלעג־גען זיך אויסלייהען מאַסען ביכער איינער דעם אַנדערען, און דעם בריעף האָבען זיי געפונען אין אַ בוך, וועהרענד דעם קאָנוועוערט האָבען זיי אַרויס־גענומען פון דער קעשענע פון אַן אַלטען ראַק. איהם האָט מען אָבגעהאַל־טען אין טורמע עטליכע וואָכען, און דאַן האָט מען איהם פריגעלאָזען, אַ דאַנק זיינע וויסענשאַפטליכע פריינד, וועלכע האָבען זיך פאַר איהם אָנגענומען. וו. ע. האָט מען ניט געטשעפּעט, און ער האָט מיר איבערגעגעבען מיין פעקעל פּאַפּירען.

מיך האָט מען ניט צוריקגענומען אין דער צעלע אַריין, דען אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אַריין דער פּראָקוראָר מיט אַ זשאַנדאַרמסקען אָפיי־ציר. „אונזער פערהער", האָט ער געזאָגט, „איז צו ענדע; מי וועט איך אַריבערפיהרען אין אַן אַנדער אָרט".

נאַכהער פלעג איך מיר מיט איהם תמיד רייצען, יעדעס מאָהל,

ווען איך האָב איהם געזעהן: „נו, און וואָס הערט זיך עפּעס מכוח פּאָ־ליאַקאָף'ס בעהויפּטונג?"

אַן איזוואָזשטיק איז געשטאַנען ביים טויער. מען האָט מיר געהייסען אַריין אין דראָזשקע, און אַ פֿעטער זשאַנדאַרמסקער אָפֿיציר, אַ טשערקעס, האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען מיר. איך האָב צו איהם גערעדט, אָבער ער האָט בלויז געשנאָרכט. די דראָזשקע איז אַריבער איבער דעם צ׳יעפּנאַי־מאָסט (הענג בריק), איבער דעם פּאַראַד פּלאַץ, און האָט זיך אַוועקגעלאָזט פּאַזע די קאַנאַלען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט וועלען אויסמיידען די עפֿענט־ליכע גאַסען. „פֿאָהרען מיר צו דער ליטאָווסקע טורמע?" האָב איך אַ פֿרעג געטאָהן דעם אָפֿיציר, וויסענדיג, אַז פֿיעלע מיינע קאָמעראַדען גע־פֿינען זיך שוין דאָרטען. ער האָט ניט געענטפֿערט. די סיסטעמע פֿון אַב־סאָלוטען שטיל שווייגען, וועלכע איז אָנגעהאַלטען געוואָרען די נעקסטע צוויי יאָהר, האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אָט אין דיעזער דראָזשקע. אָבער ווען מיר זיינען אַריבער דעם פּאַלאַץ־בריק האָב איך פֿערשטאַנען, אַז דאָס פֿאָהרען מיר אין די פּעטראָפּאַוולאָווסקאַיאַ קרעפּאָסט.

איך האָב בעוואונדערט דעם שעהנעם טייך, וויסענדיג, אַז איך וועל איהם שוין אַזוי גיך ניט זעהן. די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזען. דיקע גראָע וואָלקענס זיינען געהאַנגען אין מעריב זייט, איבער דעם פֿינלענדי־שען ים, וועהרענד לייכטע וואָלקענס האָבען געשוועבט אין דער הויך, אַרויסווייזענדיג דאָ און דאָרט פֿלעקען פֿון דעם בלויען הימעל. דאַן האָט זיך די קאַרעטע אומגעדרעהט לינקס און איז אריין אין אַ דונקעל געוועלב־טען דורכגאַנג, דעם טויער פֿון דער פֿעסטונג.

„יעצט וועל איך דאָ שוין מוזען בלייבען א פּאָר יאָהר", האָב איך בעמערקט צום אָפֿיציר.

„ניין, פֿאַרוואָס אַזוי לאַנג" האָט דער טשערקעס געענטפֿערט. „אייער דיעלאָ איז שוין כמעט געענדיגט, און קען אין אַ צוויי וואָכען אַרום פֿאָרגעבראַכט ווערען פֿאַר'ן געריכט".

„מיין דיעלאָ," האָב איך געענטפֿערט, „איז אַ זעהר איינפֿאַכע; אָבער איידער מי וועט מיך בריינגען פֿאַר'ן געריכט, וועט מען דאָך זעהן צו אַרעסטירען אַלע סאָציאַליסט'ען אין רוסלאַנד, און זייער צאָהל איז גרויס, זעהר גרויס; אין צוויי יאָהר וועט איהר ניט פֿאַרטיג ווערען". איך האָב נאָך דאַן אַליין ניט פֿערשטאַנען, ווי פּראָפֿעטיש מיין בעמער־קונג וואַר."

די דראָזשקע האָט זיך אָבגעשטעלט ביין טהיר פֿון מיליטערישען פֿעסטונגס־קאָמאַנדיר, און מיר זיינען אַריין אין זאַאַל. גענעראַל קאָרסאַקאָוו,

אַ מאָגערער אַלטער מאַן, איז אַריין מיט אַ זויערען פּנים. דער אָפּיציר האָט צו איהם געדערט שטילערהייט, און דער אַלטער האָט געענטפּערט „גוט, גוט", קוקענדיג אויף איהם מיט אַ מין פּעראַכטונג און דאַן אומדרעהענדיג זיין געזיכט צו מיר. מי האָט געקענט זעהען פֿון זיין מינע, אַז די גאַנצע מעשה איז איהם עפּעס ניט אַזוי שטאַרק געפֿעלען, און אַז ער שעהמט זיך מיט זיין ראָליע. אָבער ער האָט מסתמא ביי זיך אַ טראַכט געטהאָן: „נו, איך בין דאָך אַ סאָלדאַט, און איך טהו בלויז מיין פּפליכט."
מיר זיינען דערנאָך ווידער אַריין אין די דראָזשקע, אָבער מיר האָבען זיך גלייך ווידער אָבגעשטעלט ביי אַן אַנדער טהויער, וואו מי האָט אונז אָבגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט, ביז אַן אָטריאַד סאָלדאַטען האָט איהם געעפֿענט פֿון אינוועניג. געהענדיג ווייטער צו פֿוס דורך שמאָלע קאָרידאָרען, זיינען מיר געקומען צו אַ דריטען אייזערנעם טהויער, דורך וועלכען מיר זיינען אַריין אין אַ קליינעם חדר וואו עס איז געווען אי פֿינסטער, אי דעמפּיג.
עטליכע אָפֿיצירען פֿון דער פֿעסטונג זיינען אַרומגעגאַנגען שטילערהייט אין זייערע פעלץ־שטיוועל, ניט אויסריידענדיג אַ וואָרט. דער גובערנאַטאָר האָט אונטערגעצייכענט דעם טשערקעס׳ס בוך, איינשרייבענדיג, אַז ער האָט ערהאַלטען אַ נייעם אַרעסטאַנט, און האָט מיר געהייסען אויסטהאָן אַלע מיינע קליידער און אָנטהאָן די אַרעסטאַנטסקע גאַרדעראָבע,—אַ גרין פֿלאַנעלענעם כאַלאַט, אונגעהייער גרויסע און דיקע וואָלענע זאָקען, און געלע לאַפּטשעס, וועלכע זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב זיי כמעט ביי יעדען טריט פֿערלאָרען. איך האָב תמיד פֿיינט כאַלאַטען און לאַפּטשעס, און די דיקע זאָקען האָבען מיך פּשוט אָנגעעקעלט. איך האָב געמוזט אויסטהאָן אפילו די זיידענע אונטערוועש, וועלכע וואָלטען מיר זעהר צוניץ גע־קומען אין דעם דעמפּיגען קאַזעמאַט; אָבער דאָס האָט מען מיר ניט געקענט ערלויבען. איך האָב נאַטירליך אָנגעהויבען פּראָטעסטירען און געוואַלדיגען דערויף, און אונגעפֿעהר אין אַ שטונדע אַרום האָט מען מיר צוריק־געגעבען מיינע וועש אויף׳ן בעפֿעהל פֿון גענעראַל קאָרסאַקאָוו.
מען האָט מיך דאַן דורכגעפֿיהרט דורך אַ פֿינסטערען קאָרידאָר, וואו איך האָב געזעהן בעוואַפֿענטע סאָלדאַטען געהענדיג הין און צוריק אויף קאַראַאול, און איך בין אַריינגעלאָזען געוואָרען אין אַ צעלע; אַ שווערע דעמבאָווע טהיר האָט זיך צוגעמאַכט הינטער מיר, אַ שליסעל האָט זיך אַ דרעה געטהאָן אין שלאָס, און איך בין געבליבען אַליין אין אַ האַלב פֿינסטערען חדר.

פינפטער טהייל.

די פֿעסטונג; דאָס אַנטלויפֿען.

דאָס איז אַלזאָ געווען די שרעקליכע קרעפּאָסט וואו אַזוי פֿיעל פֿון דער אמת'ער קראַפֿט פֿון רוסלאַנד איז פֿערלאָרען געגאַנגען אין פֿערלויף פֿון די צוויי לעצטע יאָהרהונדערטע. דאָס וואַר אַלזאָ די פֿעסטונג וועמעס בלויזער נאָמען ווערט אין פעטערסבורג אַרויסגערעדט מיט אימה און שרעק.

דאָ האָט פעטער דער ערשטער געפייניגט זיין זוהן אַלעקסיי און האָט איהם מיט זיין אייגענער האַנד ערמאָרדעט; דאָ איז די פּרינצעסין טאַראַקאָנאָוואַ געהאַלטען געוואָרען אין אַ חדר, וועלכער איז אין דער צייט פֿון אַ פֿערפֿלייצונג אָנגעפֿילט געוואָרען מיט וואַסער—און די ראַטען זיינען אַרומגעקראָכען אויף איהר, אום ניט דערטרונקען צו ווערען; דאָ האָט דער שרעקליכער מיניטש געמאַטערט זיינע פֿיינד, און יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט לעבעדיג בעגראָבען די יעניגע, וועלכע האָבען געסמייעט צו זאָגען עפּעס געגען די ערמאָרדונג פֿון איהר אייגענעם מאַן. און פֿון די צייט פֿון פעטער דעם ערשטען פֿאַר גאַנצע הונדערט און זיבעציג יאָהרען, זיינען די זכרונות פֿון דיעזער שטיינענער מאַסע, וועלכע הויבט זיך אויף פֿון דער נעוואַ אין פֿראָנט פֿון דעם ווינטער־פּאַלאַץ, פֿול מיט מאָרד און מאַרטירעטהום, פֿול מיט לעבעדיג בעגראָבענע מענשען, צו אַ לאַנגזאַמען טוידט פֿעראורטהיילטע, אָדער געטריבען צום וואַהנזין אין דאָס איינזאַמקייט פֿון די פֿינסטערע און דעמפּיגע קאַזעמאַטען.

דאָ זיינען די דעקאַבריסטען, וועלכע זיינען געווען די ערשטע אויפֿצוהויבען דעם באַנער פֿון רעפּובליקאַנישער הערשאַפֿט און פֿון די

אַבשאַפֿונג פֿון שקלאַפֿעריי אין רוסלאַנד, דאָ האָבען זיי מיטגעמאַכט זייער ערשטע ערפֿאַהרונג אַלס מאַרטירער, און זייערע שפּורען קען מען נאָך ביז היינטיגען טאָג געפֿינען אין דער רוסישער באַסטיל. אָט דאָ האָבען געשמאַכטעט די רוסישע פּאָעטען רילייעף און שעווטשענקאָ, דאָסטאָיעווסקי, באַקונין, טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו און פֿיעלע אַנדערע פֿון די בעסטע שרייבער פֿון אונזער צייט. דאָ איז קאַראַקאָזאָוו געמאַטערט און געהאַנגען געוואָרען.

דאָ ערגעץ אין אַ ווינקעל שמאַכטעט נאָך היינט ניעטשאַיעוו, וועלכער איז איבערגעגעבען געוואָרען צו רוסלאַנד פֿון דער שווייץ, אַלס אַ פּראָסטער פֿערברעכער, און ווערט דאָ בעהאַנדעלט אַלס אַ געפֿעהליכער פּאָליטישער אַרעסטאַנט, וועלכער וועט שוין קיינמאָל די ליכטיגע שיין פֿיר זיינע אויגען ניט אָנזעהן. אין דער זעלבער שרעקליכער אָבטהיילונג, זאָגט מען, געפֿינען זיך צוויי אָדער דריי מענער, וועלכע אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אַריינגעזעצט אויף זייער גאַנצען לעבען, דערפֿאַר ווייל זיי האָבען געוואוסט אַזעלכע זאַכען וואָס אַנדערע טהאָרען ניט וויסען, געוויסע געהיימניסע פֿון רוסישען הויף, אוינעם פֿון זיי מיט אַ גרויע לאַנגע באָרד, האָט מיינער אַ בעקאַנטער דאָ נישט לאַנג דאָרט בעגעגענט.

אַלע דיעזע שאָטענס האָבען אַרויסגעשוואומען פֿון מיין פֿאַנטאַזיע. אָבער מיינע געדאַנקען האָבען זיך ספּעציעל אָבגעשטעלט אויף באַקונין, וועלכער, כאָטש ער איז געוועזען אָבגעשלאָסען אין אַן עסטרייכישער פֿעסטונג נאָך אין 1848, צוויי יאָהר לאַנג געשמיט צו דער וואַנד, און איז דאַן איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פֿון ניקאָליי דעם ערשטען און איז ווידער דאָ אין דער פֿעסטונג אָבגעהאַלטען געוואָרען נאָך זעקס יאָהר, איז דאָך, נאָך אַלעם דעם, ווען דעם אייזערנעם צאַר'ס טויט האָט איהם בעפֿרייט, אַרויס פֿרישער און פֿיעל ענערגישער ווי זיינע קאַמעראַדען, וועלכע זיינען געוועזען פֿריי. „ער האָט אַלעם דורכגעלעבט", האָב איך צו זיך געזאָגט, „און איך מוז עס אויך דורכלעבען: איך וועל דאָ ניט אונטערגעהן!"

מיין ערשטע בעוועגונג איז געוועזען צוצוגעהן צום פֿענסטער, וועלכער איז געוועזען אַזוי הויך, אַז איך האָב איהם קוים געקענט דערגרייכען מיט דער אויפֿגעהויבענער האַנד. עס איז געוועזען אַ לאַנגע, נידריגע עפֿנונג, אויסגעשניטען אין וואַנד פֿינף פֿוס דיק, און בעשיצט פֿון אייזערנע שטאַבעס מיט אַ דובלטאָווער אייזערנער ראַהם. אויף אַ מהלך פֿון צוועלף אַרשין פֿון'ם פֿענסטער, האָב איך געזעהען די אויסערע וואַנד פֿון קרעפּאָסט, אונגעהייער דיק, און אויף דיעזער האָב איך געקענט זעהן אַ גרויסע קאַראַאול-שטיבעל. נאָר ווען איך האָב געקוקט אַרויף-צו-צו האָב איך קוים, קוים געקענט דערזעהן אַ ברעקעל הימעל.

איך האָב גלייך גענומען רעווידירען דאָס צימער, וואו איך האָב געזאָלט פֿערברייינגען מי יודע ווי פֿיעל יאָהרען. פֿון דער פּאָזיציאָן פֿון'ם קוימען פֿון דער מינץפֿאַבריק האָב איך בערעכענט, אַז איך בין אין דרומית־מערבית ווינקעל פֿון'ם פֿעסטונג, אין דער אָבטהיילונג וועלכע געהט אַרויס אויף די ניעוואַ. דיעזער צימער מיינער איז געווען אַ קאַזעמאַט, וואו עס האָט אייגענטליך געזאָלט שטעהן אַ גרויסע קאַנאָנע, אין דער פֿענסטער —אַ קאַנאָנען לאָך. די שטראַלען פֿון דער זון האָבען אַהער קיינמאָל ניט געקענט אַריינשיינען; אפילו אין זומער זיינען זיי פֿערלאָרען געגאַנגען אין די דיקקייט פֿון די וואַנד. אינוויינינג אין דער צעלע איז געווען אַן אייזערנע בעטעל, אַ קליין טישעל, און אַ דעמבאָווער ביינקעל. די פּאַדלאָגע איז געווען בעדעקט מיט געפֿאַרבטען פילץ, און די וואַנד מיט געלע פּאַפּיר. אום אָבער צו פֿערטויבען דעם מינדסטען קלאַנג, האָט מען די פּאַפּיר ניט ארויפֿגעקלעפּט אויף די וואַנד גופא, זאָנדערען אויף גראָבע ליינוואַנד, אין הינטער די ליינוואַנד האָט זיך בעמערקט אַ דראָטענע גראַטע, און הינטער די גראַטע איז געווען אויסגעלייגט פילץ; נאָר הינטער די פילץ האָב איך געקענט צוקומען צו דער שטיינערנע וואַנד. אין צימער האָט זיך אויך געפֿונען אַ וואַש־טישעל, און אַ דיקע דעמבאָווע טהיר, אין וועלכע עס איז געווען אַן עפֿנונג מיט אַ שלאָס, דורכצולאָזען דאָס עסען, און אַ קליינער שפּאַלט, מיט אַ שייבעל און אַ לאָדענדעל פֿון יענער זייט. דאָס וואַר דער „יודאָס" דורך וועלכען מי זאָל קענען נאָכשפּיאָנירען דעם אַרעסטאַנט יעדען מאָמענט. דער דיעזשורני, וועלכער איז געשטאַנען אין קאָרידאָר, פֿלעגט אָפֿט אויפֿהויבען דעם ברעטעל און אַריינקוקען אינוויינינג,—סקריפּענדיג מיט זיינע שטיוועל, בעת ער איז צוגעקומען צום טהיר. איך האָב געפּרואווט ריידען צו איהם, דאַן האָט די אויג, וועלכע האָט דורכגעקוקט דורך די שייבעל אָנגענומען אַ שרעקליכען אויסדרוק, און דער לאָדענדעל האָט זיך גלייך אַרונטערגעלאָזען, נאָר אום אין אַ מינוט אַרום ווידער געעפֿענט צו ווערען; אָבער איך האָב קיינמאָל קיין וואָרט ניט אַרויסגעקראָגען פֿון דעם דיעזשורני.

טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום. איך האָב צוגעשלעפּט מיין ביינקעל צום פֿענסטער און האָב אַרויפֿגעקוקט אויף'ן שטיקעל הימעל וואָס איך האָב געקענט זעהן; איך האָב מיך אָנגעשטריינגט צו הערען דעם מינדעסטען גערויש פֿון דער ניעווע, אָדער פֿון דער שטאָדט פֿון יענער זייט טייך, אָבער אומזיסט. דיעזע טוידטע שטילקייט האָט מיך אָנגעהויבען צו דריקען, איך האָב געפּרואווט זינגען, פֿריהער שטיל, דערנאָך העכער און העכער.

„מוז איך זיך אַלזאָ אויף אייביג אָבגעזעגענען מיט דער ליעבע?" האָב איך ניט ווילענדיג אַרויסגעזונגען פֿון מיין ליעבלינג־אָפּעראַ, גלינקאַס „רוסלאַן און לודמילאַ".

„מיין הערר, זינגט ניט, איך בעט אייך," האָט מיר אַ באַסאָווע שטימע אַ זאָג געטהאָן דורך דעם לאָך אין טהיר.

„איך וועל יאַ זינגען".

„איהר טאָרט ניט".

„איך וועל אָבער דאָך זינגען".

דאַן איז אַריין דער פֿערוואַלטער, און ער האָט מיר געגומען איינ־ריידען, אז איך מוז ניט זינגען, ווייל אַז ניט וועט ער עס מוזען רעפּאָרטען צום פעסטונג־קאָמאַנדיר, א. ז. וו.

„אָבער מיין האַלז וועט דאָך מיר פֿערלייגט ווערען און מיינע לונגען וועלען צו גרונד געהן, ווען איך וועל ניט ריידען און ניט זינגען," האָב איך געגומען איינווענדען.

„טאָ זעהט ליעבערסט צו זינגען אין דער שטיל, אַזוי ווי צו זיך אַליין," האָט דער אַלטער ווי געבעטען זיך ביי מיר.

אָבער ער האָט דאָס אַלעס גאָר ניט בעדאַרפֿט. אין עטליכע טעג אַרום האָב איך פֿערלוירען דעם גאַנצען חשק צו זינגען. איך האָב נאָך געפּרופֿט זינגען אויס פּרינציפּ, אָבער עס איז ניט געגאַנגען.

„די הויפּט זאַך איז" האָב איך זיך געטראַכט, „צו ערהאַלטען מיין פֿיזישע קראַפֿט. איך וועל ניט קראַנק ווערען. לאָז זיך מיר דוכטען, אַז איך מוז צוברענגען אַ פּאָר יאָהר אין אַ כאַטקע ערגעץ וויט אין דער נאָרד, אין אַן עקספּעדיציאָן צום נאָרד־פּאָאָל. איך וועל מאַכען פֿיעל בעוועגונג, גימנאַסטיקע, און וועל מיך ניט לאָזען ברעכען פֿון די אומשטענדען מיינע. צעהן טריט פֿון איין ווינקעל צום צווייטען איז שוין באַוועגונג. ווען איך וועל זיי מאַכען הונדערט און פֿופֿציג מאָהל וועל איך האַבען איבערגעגאַנגען אַ מהלך פֿון אַ וויאָרסט" (צוויי דריטעל מייל). איך האָב מיך ענטשלאָסען צו געהן יעדען טאָג זיעבען וויאָרסט: צוויי אין דער פריה, צוויי בעפֿאָר מיטאָג, צוויי נאָך מיטאָג און איינעם פֿאַר'ן שלאָף, ווען איך זאָל אַוועקליי־גען אויף'ן טישעל צעהן פּאַפּיראָסען, און יעדען מאָהל ווען איך געה פֿערביי, זאָל איך איינעם אָברוקען, וועל איך לייכט קענען בערעכענען די הונדערט מאָל וואָס מיר וועט אויסקומען פֿערבייצוגעהן. געהן מוז איך גיך, אָבער צוגעהענדיג צום ווינקעל מוז איך געהן פּאַמעלעך, אַזוי אַז דער קאָפּ זאָל מיר ניט ווערען פֿערטומעלט און יעדען מאָהל מוז איך מיר אַנדערש אומ־דרעהען. דאַן וועל איך אויך מאַכען גימנאַסטיקע מיט מיין שווערען בענקעל

צוויי מאָל אַ טאָג. איך האָב איהם געפּלעגט אויפהייבען פאַר איין פוס, האַלטענדיג דעם אָרעם אויסגעשטרעקט, איך פּלעג איהם קייקלען ווי אַ ראָד און האָב מיך גיך אויסגעלערענט איהם ווארפען פון איין האַנד אין די צווייטע, איבערן קאָפּ, הינטערן רוקען און איבער די קניע.

אין עטליכע שטונדען אַרום האָט מיר דער נאַדזיראַטעל אַריינגע־בראַכט עטליכע ביכער, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען אַן אַלטער בעקאַנטער מיינער, דער ערשטער טהייל פון געאָרג לואיס'עס „פיזיאָלאָגיע", איבערזעצט אויף רוסיש. אָבער דער צווייטער טהייל, וועלכען איך האָב ספּעציעל געגאַרט נאָך אַמאָל איבערצולעזען, איז ניט געווען.

איך האָב נאַטירליך געבעטען, מ׳ זאָל מיר געבען טינט און פּאַפּיר, אָבער דאָס וואַר מיר ענטשיידען ענטזאַגט. טינט און פעדער ווערט קיינמאָל ניט ערלויבט אין קרעפּאָסט, סיידען מ׳ זאָל קריגען ספּעציעלע ערלויבנעס פון קייזער גופא. איך האָב פיעל געליטען פון דיעזער געצוואונגענער אונ־טהעטיגקייט און האָב אָנגעהייבען פערפאַסען אין דער פאַנטאַזיע אַ גאַנצע סעריע ראָמאַנען, גענומען פון רוסישער היסטאָריע — עהנליך צו אייזשען סו'ס „געהיימניסע פון פאַריז".

איך האָב אויסגעאַרבייט דעם פּלאַן, די בעשרייבונגען, דעם געשפּרעך, און האָב גענומען דאָס אַלעס אויסלערנען אויף אויסווייניג, פון אָנהויב ביז'ן סוף. מ׳ קען זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי אַזאַ אַרבייט מאַטערט אויס דעם מענשען, ווען מען זאָל עס פּרובירען אָנהאַלטען עטליכע מאָנאַט.

אָבער מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט פאַר מיר געקראָגען טינט און פעדער. איינמאָל האָט מען מיר געהייסען אַריינשטייגען אין אַ דראָשקע צוזאַמען מיט דעם זעלבען שטומען זשאַנדאַרמסקען אָפיציער, פון וועלכען איך האָב שוין פריהער גערעדט. מ׳ האָט מיך אַוועקגעפיהרט אין דער דריטער אָטדעלעניע, און דאָרט האָט מען מיר ערלויבט זיך זעהען מיט'ן ברודער אין דער אַנוועזענהייט פון צוויי זשאַנדאַרמען.

אַלעקסאַנדער איז געווען אין ציריך בעת מ׳ האָט מיך אַרעסטירט. ער האָט אייביג געגאַרט אַוועקצופאָהרען אין אויסלאַנד, וואו מענשען דענ־קען ווי זיי ווילען, לייענען וואָס זיי ווילען, און דריקען אָפען אויס זייערע געדאַנקען. דאָס רוסישע לעבען וואַר איהם פערהאַסט. דער אמת—דער אַבסאָלוטער אמת—און די פאָלקאָמענסטע אָפענהערציגקייט האָבען געביל־דעט דעם הויפּטצוג פון זיין כאַראַקטער. נאַרען ווען, אָדער אפילו זיין גענאַרט אין זיך אַליין, האָט ער בשום אופן ניט געקאָנט פאַרטראָגען. די אַבוועזענהייט פון רעדע־פרייהייט אין רוסלאַנד, די רוסישע בערייטווילינקייט זיך צו לאָזען אונטערדריקען, די פערשטעלטקייט, מיט וועלבער אונזערע

פּערפּאַסער האָבען זיך נעמווט בענוצען אין זייערע ווערק, זיינען געווען שרעקליך אַבשטויסענד פיר זיין פריע און אָפּענע נאַטור. גלייך נאָכדעם ווי איך בין צוריקגעקומען פון וועסט־אייראָפּאַ, איז ער אַוועק אין די שווייץ און האָט בעשלאָסען זיך דאָרט צו בעזעצען. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָרען זיינע צוויי קינדער—איינעם פון די כאָלעריע אין עטליכע שטונדען, און דעם צווייטען פון שווינדזוכט—איז פעטערסבורג איהם געוואָרען נאָך שרעקליכער פערהאַסט.

מיין ברודער האָט קיין אַנטהייל ניט גענומען אין אונזער אַגיטאַציאָנס־אַרבייט. ער האָט ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד און ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען קיין אַנדער רעוואָלוציאָן, סיידען זי זאָל זיין די טהאַט פון פאָלקס־פערטרעטער, ווי די, למשל, פון דער נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג פון פראַנקרייך אין 1789. וואָס אָנבעלאַנגט צו דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציאָן, האָט ער זי געקענט נור פון די עפענטליכע פערזאַמלונגען און די עפענטליכע פאָרטרעגע,—ניט אַלס די סעקרעטנע פאָדראָבנע אַרבייט פון פערזענליכער פראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע מיר האָבען אָנגעפיהרט. אין ענגלאַנד וואָלט ער צוגעשטאַנען צו די וויגס אָדער צו די טשאַרטיסטען. ווען ער וואָלט געווען אין פּאַריז אין דער צייט פון דעם יוני־אויפשטאַנד אין דעם יאָהר 1848, וואָלט ער זיכער געווען געקעמפּפט מיט דעם לעצטען הייפעל אַרבייטער הינטער די לעצטע באַריקאַדע. אָבער אין דער אַגיטאַציאָנס־פעריאָדע, וואָלט ער געווען אַ נאָכפאָלגער פון לואי בלאַן, אָדער לעדרי ראָלען.

אין דער שווייץ האָט ער זיך בעזעצט אין צוריך און האָט סימפּאַטהיזירט מיט דעם קאָנסערוואַטיווען טהייל פון דער אינטערנאַציאָנאַל. אַלס פרינציפּיעלער סאָציאַליסט האָט ער דורכגעפיהרט זיינע פרינציפּען אין דעם העכסט שפּאָרזאַמען און פלייסיגען אַרט לעבען זיינעם, פּראַצעוועענדיג לייידענשאַפטליך ביי זיין העכסט־וויסענשאַפטליך ווערק—דער הויפּט צוועק פון זיין לעבען—אַ ווערק, וועלכעס האָט געזאָלט זיין פאַר דעם 19 יאָהר־הונדערט דאָס וואָס די „נאַטורוויסענשאַפטען" פון די ענציקלאָפּעדיסטען זיינען געווען פאַר דעם 18טען יאָהרהונדערט. ער איז גלייך געוואָרען אַן אינטימער פריינד מיט דעם אַלטען רעוואָלוציאָנער פעטער לאַווראָף, מיט וועלכען ער האָט געהאַט פיל געמיינשאַפטליכעס אין זיינע קאַנט׳ישע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען.

ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון מיין אַרעסט, האָט ער גלייך אַלעס געלאָזען ווי עס שטעהט און געהט,—די אַרבייט פון זיין לעבען, אפילו די פרייהייט פון׳ם לעבען, וועלכע איז פאַר איהם געווען אזוי נויטיג

ווי די פֿרייע לופֿט איז נויטיג פֿאַר'ן פֿויגעל,—און איז געקומען צו לויפֿען קיין פּעטערסבורג, די שטאָדט, וועלכע ער האָט אַזוי פֿיינד געהאַט, נאָר אום מיר צו העלפֿען אין דער צייט פֿון מיין געפֿאַנגענשאַפֿט.

מיר וואַרען ביידע זעהר געריהרט ביי דיעזער צוזאַמענקונפֿט. אַלעקס־סאַנדער וואַר זעהר אויפֿגערעגט. ער האָט געהאַסט אפילו די בלויע אוני־פֿאָרמס פֿון די זשאַנדאַרען,—יענע הענקער פֿון יעדען פֿרייען געדאַנקען אין רוסלאַנד,—און האָט אָפֿען אויסגעדריקט זיינע געפֿיהלען אין זייער אַנוועזענהייט. וואָס מיר אָנבעלאַנגט, האָט מיר זיין אָנבליק ערפֿילט מיט דער טרויעריגסטער אַנגסט. איך וואַר גליקליך צו זעהן זיין עהרליכען פּנים, זיינע אויגען פֿול מיט ליעבע, און צו הערען, אַז איך וועל זיי זעהן איין מאָל אין מאָנאַט; און דאָך האָב איך געוואונשען ער זאָל זיין הונדערטער מיילען וויט פֿון דיעזען פּלאַץ, וואוהין ער איז געקומען פֿרייוויליג יעדען טאָג, אָבער וואוהין מ׳ וועט איהם סוף כל סוף ברייננגען אונטער די בע־גלייטונג פֿון זשאַנדאַרמען. „צו וואָס ביסטו געקומען אין דעם לייב'ס הייל? געה שוין צוריק", האָט מיין גאַנצע אינערליכע נשמה געשריען; און דאָך האָב איך געוואוסט, אַז ער וועט בלייבען אַזוי לאַנג, ווי איך וועל זיין אין טורמע.

ער האָט בעסער פֿאַר אַלעמען פֿערשטאַנען, אַז אונטהעטיגקייט וועט מיך אַוועק'הרג'ענען און ער האָט שוין געהאַט דערלאַנגט אַן אַפּלי־קאַציאָן צו קריגען פֿאַר מיר די ערלויבנים פֿאָרטצוזעצען מיין אַרבייט. די גע־אָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האָט געוואָלט, איך זאָל ענדיגען מיין בוך איבער די אייז־פּעריאָדע, און מיין ברודער האָט איבערגעקעהרט די גאַנצע וויסענ־שאַפֿטליכע וועלט אין פּעטערסבורג זי צו בעוועגען, זי זאָל אונטערשטיצען מיין אַפּליקאַציאָן. די אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפֿטען איז געוועזען פֿעראינ־טערעסירט אין דער אָנגעלעגענהייט; און אַ צוויי, דריי מאָנאַט נאָך מיין אַרעסט, איז דער נאַדזיראַטעל אַריין צו מיר אין דער צעלע און האָט מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער קייזער האָט מיר געגעבען די ערלויבניש צו ענדיגען מיין ווערק פֿאַר די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט, און אַז מ׳ וועט מיר ערלויבען טינט און פֿעדער פֿאַר דיזען צוועק. „נאָר ביז זאָנען־אונ־טערגאַנג", האָט ער צוגעלייגט. אין פּעטערסבורג געהט די זון אונטער אום דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג, אין ווינטער צייט; אָבער דאָס האָט מען ניט געקענט העלפֿען. „ביז זאָנען־אונטערגאַנג" וואַרען די ווערטער, וועלכע אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געברויכט בעת ער האָט געגעבען די ערלויבניש.

איך האָב אַלזאָ געקענט אַרבייטען!

איך בין קוים איצט אימשטאַנדע אויסצודריקען די ערלייכטערונג, וואָס מיין האַרץ האָט דערפֿיהלט ביים געדאַנקען, אַז איך קען ווידער אָנהויבען שרייבען. איך וואָלט געווען צופֿרידען צו לעבען אויף ברויט און וואַסער, אין דעם פֿייכטעסטען קעלער, אַבי איך זאָל קענען אַרבייטען.

דאָך בין איך געווען דער איינציגער אַרעסטאַנט וועמען מי האָט ערלויבט צו האָבען שרייב־מאַטעריאַל. פֿיעלע פֿון מיינע קאָמעראַדען האָבען פֿערבראַכט העכער דריי יאָהר אין טורמע, בעפֿאָר דעם בעריהמטען פּראָצעס פֿון די הונדערט דריי און נײַנציג, און אַלעס וואָס זיי האָבען געהאַט, איז געווען אַ טאָפֿעל. פֿערשטעהט זיך, אַז אפילו דיעזער טאָפֿעל איז זיי געוועזען ווילקאָמען אין זייער שרעקליכער אַנייזאַמקייט, און זיי פֿלעגען אויף איהם שרייבען זייערע איבונגען אין די שפּראַכען, וועלכע זיי האָבען געלערנט, אָדער אויסאַרבייטען מאַטהעמאַטישע פּראָבלעמען; אָבער דאָס וואָס זיי האָבען אויפֿגעשריבען אויף'ן טאָפֿעל, האָט ניט געקענט בלייבען מעהר ווי אַ פּאָר שטונדען.

איצט איז דאָס לעבען אין פּריזאָן געוואָרען אַ מעהר רעגולאַרנער. איך האָב געקראָגען אַן אינטערעס אין מיין געגענוואַרטיגען לעבען. ניין אַ זייגער אין דער פֿריה האָב איך שוין געהאַט געמאַכט די ערשטע דריי הונדערט טריט איבער די צעלע און האָב געוואַרט אויף מיינע שרייב־געצייג. די אַרבייט, וועלכע איך האָב געהאַט פֿערפֿערטיגט פֿאַר די געאָגראַפֿישע געזעלשאַפֿט האָט ענטהאַלטען אחוץ אַ רעפּאָרט פֿון מיינע פֿאָרשונגען אין פֿינלאַנד, אַ דיסקוסיאָן איבער די גרינדע, אויף וועלכע די היפּאָטהעזע פֿון די אייז־בערג אין געווען געגרינדעט. איצט, וויסענדיג, אַז איך האָב געהאַט גענוג צייט, האָב איך בעשלאָסען איבערצושרייבען און פֿערגרעסערען יענעם טהייל פֿון מיינע ווערק. די אַקאַדעמיע דער וויסענשאַפֿטען האָט מיר געשטעלט צור דיענסט די פּראַכטפֿאָלע ביבליאָטהעק איהרע, און אַ ווינקעל פֿון מיין צעלע איז גלייך אָנגעפּאַקט געוואָרען מיט ביכער און לאַנדקאַרטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך אויך געפֿונען אַלע ביכער פֿון דער שוועדישער געאָלאָגישער פֿאָרשונג, כמעט אַ פֿולע קאָלעקציאָן פֿון רעפּאָרטען פֿון אַלע רייזען צום נאָרד פּאָל, און גאַנצע בענדער פֿון דעם פֿירטעל־יעהריגען זשורנאַל פֿון דער לאָנדאָנער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט. מיין בוך איז געוואַקסען אין פֿעסטונג, ביז ער האָט אָנגעפֿילט צוויי טהיילען. דער ערשטער טהייל איז געדרוקט געוואָרען פֿון מיין ברודער און פּאָליאַקאָוו, און דער צווייטער נאָך ניט געענדיגט, איז געבליבען אין די הענד פֿון דער פּאָליציי, ווען איך בין ענטלאָפֿען. דער מאַנוסקריפּט איז געפֿונען געוואָרען אין 1895, און איז איבערגעגעבען

געוואָרען צו דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט איהם מיר אָבגעשיקט קיין לאָנדאָן.

אום פינף נאָך מיטאָג, — ווינטער אום דריי אַזייגער, — אַזוי שנעל ווי מי האָט מיר אַריינגעבראַכט דאָס קליינע לעמפּעל, האָט מען פון מיר צוגענומען דאָס שרייב־געצייג און איך האָב געמוזט אויפהערען מיין ארבייט. דאַן פלעג איך לעזען, מייסטענס היסטאָרישע ביכער. עס האָט זיך צו־זאַמענגעקליבען אַ היבשע ביבליאָטהעק אין פעסטונג פון די דורות פון פּאָליטישע אַרעסטאַנטען, וואָס זיינען דאָרט געוועזען. מיר איז געוועזען ערלויבט מוסיף צו זיין צו דער ביבליאָטהעק פיעלע וויכטיגע ווערק איבער די געשיכטע פון רוסלאַנד, און אויסער די ביכער, וועלכע קרובים האָבען מיר אַריינגעבראַכט, בין איך געוועזען אים שטאַנדע דורכצולעזען כמעט יעדעס ווערק און יעדע קאָלעקציאָן פון אַקטען און דאָקומענטען אין בעצוג אויף די מאָסקווער פּעריאָדע פון דער רוסישער היסטאָריע. איך האָב מיך געקוויקט לעזענדיג, ניט נור די רוסישע יאָהר־ביכער, ספּעציעל די מערק־ווירדיגע יאָהר־ביכער פון דער דעמאָקראַטישער מיטעלאַלטערליכער רעפּובליק פון פּסקאָוו, — די בעסטע, פיליייכט, אין אייראָפּאַ פון דער היסטאָריע פון יענעם טיפּ מיטעלאַלטערליכע שטעדט, — זאָנדערען אויך אַלערליי טרוקענע דאָקומענטען, און אפילו די לעבענס פון די הייליגע, אין וועלכע מי קען טהיילמאָל געפינען פאַקטען פון דעם ווירקליכען לעבען פון די מאַסען, וואָס אַנדערשוואו ווערט איהר זיי קיינמאָל ניט בעגעגענען. איך האָב אויך אין יענער צייט געלעזען אַ מאַסע נאָוועלען, און האָב זאָגאַר אַראַנזשירט פאַר זיך אַ גאַנצען יום טוב לכבוד קריסטמאַס. מיינע קרובים האָבען מיר נעמליך צוגעשיקט די קריסטמאַס געשיכטען פון טשאַרלס דיקענס, און איך האָב פערבראַכט מיין יום טוב לאַכענדיג און וויינענדיג איבער די הערליכע מייסטערווערק פון דעם גרויסען נאָוועלען־שרייבער.

דאָס ערגסטע איז געוועזען די טויטע שטילקייט, וועלכע האָט געהערשט אַרום מיר. אומזיסט האָב איך געקלאַפּט אין די ווענד, אין פּאָדלאָגע וואַרטענדיג אויף דעם מינדעסטען אָברוף. מי האָט קיין זאַך ניט געהערט. עס איז אַוועק איין מאָנאַט, צוויי, דריי, פופצעהן מאָנאַט, אָבער אויף מיין קלאַפּעריי האָט זיך קיינער ניט אָבגערופען. מיר זיינען דאַמאָלסט געוועזען בלויז זעקס, צוואָרפען אין זעקס און דרייסיג קאַזעמאַטען —

אַלע אַרעסטירטע קאַמעראַדען מיינע זיינען געהאַלטען געוואָרען אין דעם ליטאָווסקי זאַמאָק.

ווען דער אָפיציער איז אַריין צו מיר מיך אַרויסצונעהמען פאַר אַ שפּאַציער און איך האָב איהם געפרעגט „וואָס פאַר אַ וועטער עס איז, צו

עס רעגענט", האָט ער מיר צוגעוואָרפֿען אַ נערוועזען בליק און איז גלייך אַוועק הינטערען טהיר, ניט ענטפֿערענדיג דעם מינדעסטען וואָרט. הינטערן טהיר זיינען געשטאַנען אַ דיעזשורנע און נאָך אַן אָפֿיציער, און זיי האָבען ווידער איהם געהיט. דאָס איינציגע לעבעדיגע וועזען, פֿון וועלכען איך האָב אַמאָל געקאָנט הערען אַ וואָרט, איז געוועזען דער סמאָטריטעל, וועלכער איז אַריינגעקומען צו מיר יעדען אין דער פֿריה מיר צו זאָגען „גוט מאָרגען", און צו פֿרעגען אויב איך וויל קויפֿען טאַבאַק אָדער פאַפיער. איך האָב געפרופֿט צו פֿאַרציהען מיט איהם אַ געשפרעך, אָבער אויך ער האָט אַ נערוועזען קוק געטאָן אויף די בעאַמטע, וועלכע זיינען דאָ געשטאַנען אין דער האַלב־אָפֿענער טהיר, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען: „דו זעהסט, מי וואַטשט מיך אויך." נור די טויבען האָבען קיין מורא ניט געהאַט זיך מיט מיר צו אונטערהאַלטען. יעדען אין דער פֿריה און נאָכמיטאָג פֿלעגען זיי צוקומען צום פֿענסטערל און קריגען זייער שפייז דורך די אייזערנע שטאַבעס.

מי האָט קיינמאָל ניט געהערט קיין געררויש, אַחוץ דעם סקריפען פֿון דעם דיעזשורנעמס שטיוועל, דעם לייכטען קלאַפּ פֿון דעם יודאַס טירעל און דאָס קלינגען פֿון די גלאָקען פֿון פֿעסטונגס־קירכע. געקלונגען האָבען זיי אַ „האָספּאָדי פּאָמילוי" („גאָט מיין הערר, דערבאַרעם זיך") יעדע פֿערטעל שטונדע — איינס, צוויי, דריי פֿיער מאָל, דאַן יעדע שטונדע האָט דער גרויסער גלאָק געשלאָגען לאַנגזאַם, זיך אָבשטעלענדיג אַ היבשע ווילע ביי יעטוועדען קלאַנג בעזונדער. דאַן האָט געפֿאָלגט אַ טרויעריגע מעלאָדיע, אויסגעקלינגען פֿון די גלאָקען, וועלכע פֿלעגען קאַליע ווערען יעדעס מאָל, ווען דער וועטער האָט זיך געביטען, און פֿלעגען דאַן אַרויסלאָזען אַזעלכע אימה'דיגע טענער, עפּעס אַזוי ווי מי וואָלט קלינגען צו אַ לויה; און דאַן, ווען עס איז געקומען די פֿינסטערע מיט־נאַכט־שטונדע האָט זיך נאָך געהערט דער טאָן פֿון דעם אונהאַרמאָנישען „באָזשע צאַריאַ כראַני", וועלכער האָט געדויערט אַ פֿולע פֿערטעל שטונדע; און קוים האָט עס זיך געענדיגט, האָט ווידער אַ פרישער „האָספּאָדי פּאָמילוי", אָנגעזאָגט דעם אַרעסטאַנט, אַז נאָך אַ פֿערטיל שטונדע פֿון זיין נוצלאָז פֿערבראַכטען לעבען איז אַוועק אין דער פֿינסטערער פֿערגאַנגענהייט, און אַז עס וועלען אַוועק נאָך פֿיעלע פֿערטעל שטונדען, און טעג, און מאָנאַטען אין דעם זעלבען פוסטען לעבען, איידער די וועכטער, אָדער פֿילייכט דער טויט, וועלען איהם בעפֿרייען.

יעדען אין דער פֿריה האָט מען מיך אַרויסגענומען אויף אַ פֿערטעל שטונדע אין הויף, און איך האָב זעהר געליעבט דיזען שפּאַציער.

די בעדירפֿנים פֿון נייע איינדריקע זיינען אַזוי שטאַרק אין טורמע,

אַז איך פֿלעג אימער האַלטען מיינע אויגען, שפּאַצירענדיג אין אונזער שמאָלען הויף, אויף דעם הויכען געגילטען שפּיץ פֿון דער פֿעסטונגס קירכע. דאָס איז געווען די איינציגע זאַך אין מיין אומגעבונג, וועלכע האָט געענדערט איהר געשטאַלט.

איך האָב שטאַרק ליעב געהאַט צו זעהן דעם שפּיץ פֿון קירכע בליסטשענדיג ווי גינגאָלד, בעת די זון האָט געשיינט פֿון אַ ריינעם בלויען הימעל, אָדער ווי בע׳כשופ׳ט, בעת אַ העל־בלויער נעבעל איז פֿערשפּרייט איבערן שטאָדט, אָדער גאָר ווערענדיג גראָה ווען פֿינסטערע וואָלקענס האָבען פֿערדעקט דעם הימעל.

ווערענד דיזע שפּאַצירגענג פֿלעג איך טהיילמאָל זעהן דעם סמאָטריטעל׳ס טאָכטער, אַ מיידעל פֿון אַ יאָהר 18—19, אַרויסקומענדיג פֿון איהר פֿאָטערס צימער און געהענדיג עטליכע טריט אין אונזער הויף, אום צוצוקומען צום טויער, וועלכער איז געווען דער איינציגער אויסגאַנג פֿון דער געביידע. זי איז אימער געלאָפֿען די אויגען אַרונטערגעלאָזען, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געשעהמט דערמיט וואָס זי איז די טאָכטער פֿון אַ נעפֿענגניס־וועכטער. דערפֿאַר האָט אָבער איהר אינגערער ברודער, אַ קאַדעט, וועלכען איך האָב געזעהן אַ צוויי מאָל אין הויף, מיר אימער געקוקט גלייך אין פּנים אַריין, עפּעס מיט אַזאַ מין אָפֿענעם סימפּאַטישען אויסדרוק, אַז עס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען רושם און איך האָב עס דערמאָנט אפילו נאָך דעם ווי איך בין שוין אַרויס פֿון טורמע. אין פֿיער, פֿינף יאָהר אַרום, ווען ער איז שוין געווען אַן אָפֿיציער, איז ער פֿערשיקט געוואָרען קיין סיביר. ער האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, און האָט וואַהרשיינליך געהאָלפֿען אָנפֿיהרען אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט די אַרעסטאַנטען אין קרעפּאָסט.

ווינטער איז זעהר מרה־שחורה׳דיג אין פּעטערסבורג פֿאַר די יעניגע, וועלכע קענען ניט זיין דרויסען, אין די העל בעלויכטענע גאַסען. דער אומעט איז געווען נאָך שרעקליכער, פֿערשטעהט זיך אין קאַזעמאַט. אָבער די פֿייכטקייט איז נאָך געווען פֿיעל ערגער, ווי די פֿינסטערקייט. די צעלען זיינען אזוי פֿייכט, אַז מי מוז זיי איבערהייצען, אום זיי צו האַלטען טרוקען ווי עס איז, און איך פֿלעג כמעט דערשטיקט ווערען פֿון היץ. אָבער ווען איך האָב ענדליך געקראָגען די ערלויבניס צו האַלטען מיין צימער קיהלער, ווי פֿריהער, האָט די אויסערליכע וואַנד איינפֿאַך גערונען פֿון נאַסקייט, און דאָס פּאַפּיר האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי מי וואָלט דערויף יעדען טאָג אַרויפֿגעגאָסען וואַסער — דער רעזולטאַט איז געווען, אַז איך האָב שרעקליך געליטען פֿון רהומאַטיזם.

פֿון דרעסטוועגען בין איך געווען מונטער; איך האָב געשריבען און געריסעוועט לאַנד־קאַרטען אין דער פֿינסטער, פֿערשאַרפֿענדיג די בלייפֿעדערס מיט אַ צובראָכען שטיקעל גלאָז, וועלכע איך האָב אויפֿגעזוכט אין הויף. איך האָב רעגעלמעסיג דורכגעמאַכט מיינע פֿינף מייל אין דער צעלע, און די גימנאַסטישע קונצען מיט'ן דעמבאָווען ביינקעל. אַזוי איז די צייט פֿער־גאַנגען. אָבער פלוצלינג האָט זיך אין מיין צעלע אַריינגעגנב'עט אַ שרעקליכער פיין און האָט שיער ניט מיין האַרץ צובראָכען. מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז אַרעסטירט געוואָרען.

אין ענדע פֿון דעצעמבער 1874, האָט מען מיר ערלויבט צו זעהן זיך מיט איהם און מיין שוועסטער העלענאַ אין דער טורמע, אין דער אַנוועזענהייט פֿון אַ זשאַנדאַרמסקען אָפֿיציר. צוזאַמענטרעפֿונגען, וועלכע ווערען ערלויבט אַזוי זעלטען, ברייגגען תמיד אי דעם אַרעסטאַנט, אי זיינע פֿריינד אין אַ צושטאַנד פֿון אויפֿרעגונג. מי זעהט געליעבטע געזיכטער און מי הערט בעליעבטע שטימען, ווייסענדיג אַז דער זיסער טרוים וועט אָנ־האַלטען בלויז עטליכע מינוטען. מי פֿיהלט זיך דאַכט זיך אַזוי נאָהענט איינער צום אַנדערען און דאָך אַזוי ווייט אַוועק; דען מי קען דאָך ניט פֿיהרען אַן אינטימען געשפּרעך פֿאַר אַ פֿרעמדען, אַ פֿיינד און אַ שפּיאָן. אַחוץ דעם האָבען מיין ברודער און שוועסטער זעהר מורא געהאַט פֿיר מיין געזונד, אויף וועלכען די פֿינסטערע, מרה־שחורה'דיגע ווינטער טעג און די פֿייכטקייט, האָבען שוין געהאַט געמאַכט זייער ערשטע ווירקונג. מיר זיינען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט צוואווייטיגטע הערצער.

אַ וואָך נאָך דיזען צוזאַמענקונפֿט האָב איך ערהאַלטען אָנשטאָט דעם ערוואַרטעטען בריעף פֿון מיין ברודער, וועגען די הערויסגאַבע פֿון מיין בוך, אַ קורין צעטעלע פֿון פּאָליאַקאָוו'ן. ער האָט מיר מודיע געווען, אַז פֿון היינט מאָל אָן וועט ער מאַכען די קאָרעקטור. און אַז איך זאָל צושיקען צו איהם אַלעס מכח דיזע אַנגעלעגענהייט. איך האָב גלייך פֿון דעם טאָן פֿון דיזען צעטעל פֿערשטאַנען, אַז עטוואָס האָט פּאַסירט מיט מיין ברודער. וואָלט עס געווען בלויז קראַנקהייט וואָלט פּאָליאַקאָוו מיר דאָס געשריעבען. טעג פֿול מיט פּחדים'דיגע זאָרגען זיינען אויף מיר אָנגעקומען. אַלעקסאַנדער איז אַוודאי אַרעסטירט געוואָרען און איך וואַר די אורזאַכע דערפֿון. דער לעבען האָט פּלוצלינג אויפֿגעהערט צו האָבען די מינדעסטע בעדייטונג פֿאַר מיר. מיינע שפּאַציערגענגע, מיין גימנאַסטיקע, מיין אַרבייט האָבען פֿערלוי־רען זייער גאַנצע אינטערעסע.

גאַנצענע טעג פֿלעג איך אַרומגעהן הין און צוריק אין מיין צעלע, ניט טראַכטענדיג פֿון קיין אַנדער זאַך אַ חוץ אַלעקסאַנדער'ס אַרעסט. פֿאַר

מיר, אַן אונפֿערהייראַטהען מענשען, איז די געפֿאַנגענשאַפֿט בלויז געווען אַ פּערזענליכע אונבעקוועמליכקייט, אָבער ער איז געווען פֿערהייראַט, האָט ליידענשאַפֿטליך געליעבט זיין ווייב, און זיי האָבען איצט געהאַט אַ אינגעלע, אויף וועלכען זיי האָבען קאָנצענטרירט די גאַנצע ליעבע, וועלכע זיי האָבען געפֿיהלט צו די ערשטע צוויי קינדער.

דאָס ערגסטע איז געווען די אונבעשטימטקייט. וואָס האָט ער אַזעלכעס געקענט האָבען געטהאָן? פֿאַ־וואָס האָט מען איהם געקאָנט אַרעטירען? וואָס געהען זיי טהאָן מיט איהם? וואָכען זיינען אַריבער, מיין מורא איז געוואָרען טיעפֿער און טיעפֿער. אָבער איך האָב נאָך אַלץ פֿון קיינעם קיין וואָרט געהערט, ביז ענדליך איך האָב מיך דערוואוסט, אַז מי האָט איהם אַרעטירט פֿאַר אַ בריף וואָס ער האָט געשריבען צו לאַווראָוו.

די איינצעלהייטען האָב איך אויסגעפֿונען אַ סך שפּעטער. נאָך דעם, ווי איך האָב זיך מיט איהם דאָס לעצט׳ע מאָהל געזעהן, האָט ער געשריעבען צו זיין אַלטען פֿריינד, וועלכער האָט דאַמאָלסט רעדיזשירט דעם רוסיש־סאָציאַליסטישען זשורנאַל „ווּפּעריאָד" אין לאָנדאָן. ער האָט איהם געשריע־בען אין דיזען בריעף, אַז ער האָט שטאַרק מורא פֿאַר מיין געזונד, ער האָט דאָרט גערעדט וועגען די. פֿיעלע פֿערהאַפֿטונגען, וועלכע זיינען דאַמאָלס געמאַכט געוואָרען אין רוסלאַנד, און האָט פֿריי אויסגעדריקט זיין האַס פֿאַר די דעספּאָטישע רעגירונג. דעם בריעף האָט די דריטע אָטדיע־לעניע איבערגענומען אויף דער פּאָסט, און קריסטמאַס ביי נאַכט זיינען זיי געקומען מאַכען אַן אָביסק אין זיין וואָהנונג. זיי האָבען זיך בענומען נאָך פֿיעל ברוטאַלישער ווי געוועהנליך. נאָך האַלבע נאַכט זיינען אַ האַלב דוצענד מענשען אַריינגעדרונגען אין זיינע צימער און האָבען יעדע ברעקעל דורכ־געזוכט. אפילו די וועגד האָט מען אונטערזוכט. דאָס קראַנקע קינד האָט מען אַרויסגענומען פֿון וויעגעל, אום דורכצוזוכען דעם מאַטראַץ און די בעטגעוואַנט. געפֿונען האָבען זיי קיין זאַך ניט — עס איז ניט געווען וואָס צו געפֿינען.

מיין ברודער האָט זיך שטאַרק געשטעלט געגען דיזען אָביסק. מיט זיין געוועהנליכער אָפֿענהערציגקייט האָט ער געזאָגט דעם זשאַנדאַרמסקען אָפֿיציער דיזע ווערטער: „געגען איך, קאַפּיטאַן, האָב איך גאָר ניט, איהר האָט ערהאַלטען צו וועניג בילדונג און פֿערשטעהט קוים וואָס איהר טהוט. אָבער איהר, מיין העדר", האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צום פּראָקוראָר, „איהר ווייסט יאָ, וואָס פֿאַר אַ ראָליע איהר שפּיעלט אין דיזע געמיינ־הייטען. איהר האָט דאָך בעקומען אַן אוניווערזיטעט־בילדונג. איהר ווייסט דאָך דעם געזעץ און איהר ווייסט, אַז איהר טראַמפּעלט אויף אַלע געזעצע

מיט די פּיס און פֿאַרדעקט די אונגעזעצליכקייט פֿון דיעזע לייט מיט אייער אַנוועזענהייט. איהר זיינט איינפֿאַך — אַ שופֿט!"

זיי האָבען געשוואָרען אייביגען האַס צו איהם. זיי האָבען איהם געהאַלטען פֿערשפּאַרט אין דער דריטער אָטדיעלעניע ביז מיין ברודער'ס קינד, אַ רייצענד אינגעלע, וועמען די קראַנקהייט האָט געמאַכט נאָך ליעבליכער און אינטעליגענטנער, איז דאַמאָלס אויסגעגאַנגען פֿון שווינזוכט. די דאָקטוירים האָבען געזאָגט, אַז ער האָט בלויז נאָך עטליכע טעג צום לעבען.

אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט קיין מאָל ניט געבעטען קיין טובה פֿון זיינע פֿיינד, האָט זיך דאַמאָלס געבעטען מי זאָל איהם ערלויבען זעהן דאָס קינד צום לעצטען מאָל, מי זאָל איהם לאָזען געהן אַהיים אויף איין שטונדע, אויף זיין עהרען וואָרט צוריקצוקומען, אָהנע די בעגלייטונג פֿון זשאַנדאַרמען. זיי האָבען איהם ענטזאַגט. זיי האָבען ניט געקאָנט זיין גרויס-מוטהיג גענוג זיך אָבצוזאָגען פֿון דיעזע ראַכע.

דאָס קינד איז געשטאָרבען. און די מוטער איז ווידער געווען אין אַ צושטאַנד, וועלכער איז געווען ניט ווייט פֿון וואַהנזין, ווען פּלוצלינג האָט מען אָנגעזאָגט מיין ברודער, אַז מי וועט איהם אַוועקשיקען קיין סיביר אין אַ קליין שטעדטעל מינוסינסק. מי וועט איהם פֿיהרען צווישען צוויי זשאַנ-דאַרען אין אַ וועגעלע, און זיין ווייב וועט קענען קומען שפּעטער; צוזאמען מיט איהם קען זי ניט רייזען.

„זאָגט מיר, וועניגסטענס, וואָס איז מיין פֿערברעכען", האָט ער געפֿאָדערט. אָבער אַ חוץ דעם בריעף איז קיין בעשולדיגונג געגען איהם ניט געווען. דיעזע שטראָף איז געווען אַזוי גרויזאַם, אַזוי דייטליך איז דאָ געווען צו זעהן די טהאַט פֿון נקמה פֿון דער דריטער אָדיעלעניע, אַז קיינעם פֿון אונז איז גאָר ניט איינגעפֿאַלען צו גלויבען, אַז מי וועט איהם האַלטען אין סיביר מעהר ווי עטליכע מאָנאַט. מיין ברודער האָט אַוועק-געשיקט אַ קלאַגע צום מיניסטער וונוטרעניך דיעל, און ער האָט געענטפֿערט אַז אַלס מיניסטער קען ער זיך ניט אַריינמישען אין די אַנגעלעגענהייטען פֿון זשאַנדאַרמסקען שעף. אַ צווייטע איז אַוועקגעשיקט געוואָרען אין סענאַט, עס האָט ניט געהאָלפֿען. אין אַ צוויי יאָהר אַרום האָט אונזער שוועסטער העלענאַ, דורך איהר אייגענע איניציאַטיווע אָנגעשריבען אַ ביטע צום צאַר. אונזער קוזין דימיטרי, גענעראַל-גובערנאַטאָר פֿון כאַרקאָוו, קייזערליכער אַדיוטאַנט און אַ ליבלינג אין הויף, שטאַרק אויפֿגעבראַכט געגען דיזע בעהאַנדלונג פֿון דער דריטער אָטדיעלעניע האָט עס אַליין איבערגעגעבען די פּראָשעניע צום צאַר און האָט דערביי צוגעלייגט זיינע

איינענע פּאָר ווערטער. אָבער די ראַכעגיעריגקייט פֿון די ראָמאַנאָווס איז געווען אַ פֿאַמיליען־איינענשאַפֿט, שטאַרק ענטוויקעלט אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטען. ער האָט אויפֿגעשריבען אויף דער פּראָשעניע „פּוסט פּאָסידיט" (זאָל ער דאָרט זיצען). מיין ברודער איז געבליבען אין סיביר צוועלף יאָהר, און איז קיינמאָל אין רוסלאַנד צוריק ניט געקומען.

די מאַסען־פֿערהאַפֿטונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען אין דעם זומער פֿון 1874, און די ערנסטע פֿערפֿאָלגונג פֿון די פּאָליציי געגענאיבער אונזער קרוזשאָק, האָט אַרויסגערופֿען אַ טיעפֿע ענדערונג אין די געדאַנקען פֿון דער רוסישער יוגענד. ביז צו יענער צייט האָט מען מייסטענס געשטרעבט אויסצוקלייבען צווישען די אַרבייטער, און גאַבהער צווישען די מוזשיקעס, אַן אַנצאַהל מענשען פֿון וועלכע מי זאָל קענען מאַכען סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרען. אָבער די פֿאַבריקען זיינען איצט געווען פֿערפֿלייצט מיט שפּיאָנען און עס איז געווען קלאָהר, אַז ווי מי זאָל זיך ניט היטען, וועלען דאָך די פּראָפּאַגאַנדיסטען און די אַרבייטער זעהר שנעל אַרעטירט און פֿערשיקט ווערען אין סיביר אויף אייביג. דאַן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען די גרויסע בעוועגונג „וונאַראָד", (געהן אין פֿאָלק) אין אַ נייע פֿאָרמע: עטליכע הונדערט יונגע מענער און פרויען, ניט קוקענדיג אויף פֿאָרזיכטיגקייט, האָבען זיך אַ לאָז געטאָהן אויף'ן לאַנד, און רייזענדיג דורך שטעדט און דערפער, האָבען זיי אויפֿגערייצט די מאַסען צו רעוואָלוציאָן, פֿערטהיילענדיג במעט עפֿענטליך בראָשורען, ליעדער און פּראָקלאַמאַציעס. אין אונזערע צירקלען האָט דיעזער זומער געקראָגען דעם נאָמען „דער משוגע'נער זומער".

די זשאַנדאַרען האָבען פֿערלאָרען די קעפּ. עס האָט ביי זיי ניט געטסייעט הענד גענוג צו אַרעטירען און אויגען גענוג נאָכצושלאַדעווען אזוי פֿיעל פּראָפּאַגאַנדיסטען. דאָך זיינען ניט וויניגער, ווי פֿופֿצעהן הונדערט פערזאָן אַרעסטירט געוואָרען אין דיעזער יאַכט און אַ העלפֿט פֿון זיי זיינען געהאַלטען געוואָרען אין די טורמעס יאָהרען־לאַנג.

איין מאָל אין זומער 1874, האָב איך אין דעם נעקסטען צימער דייטליך דערהערט לייכטע טריט פֿון שטיוועל, און אין עטליכע מינוטען אַרום אָבגעריסענע שטיקלעך געשפּרעך. אַ פֿרויען שטימע האָט גערעדט פֿון דער צעלע, און אַ טיעפֿע באַסאָווע שטימע, וואַהרשיינליך פֿון דעם דעזשורני — האָט אויסגעברומט עטוואָס אַלס ענטפֿער. דאַן האָב איך דערקענט דעם קלאַנג פֿון דעם פּאָלקאָווניקס שפּאָרען, זיינע שנעלע טריט, זיין שעלטען און דעם געריוש פֿון דעם שליסעל אין'ם שלאָס. ער האָט עפּעס אַ זאָג געטהאָן, און אַ פֿרויען־שטימע האָט געענטפֿערט אין דער

הויך: „מיר האָבען ניט גערעדט. איך האָב איהם בלויז געבעטען ער זאָל מיר שיקען דעם אויפזעהער". דאַן איז די טהיר צוגעשלאָסען געוואָרען און איך האָב געהערט דעם פּאָלקאָווניק שילטענדיג דעם דעזשורני שטילערהייט.

איך בין אַלזאָ ניט געווען אַליין. איך האָב געהאַט אַ דאַמע פּאַר אַ שכן'טע, וועלכע האָט גלייך געבראָכען די שטריינגע דיסציפּלינע, וועלכע האָט ביז דאַן געהערשט צווישען די דעזשורנעס. פון יענעם טאָג אָן זיינען די ווענד פון דער קרעפּאָסט, וועלכע זיינען געווען שטום גאַנצע פופצעהן מאָנאַט, געוואָרן לעבעדיג. פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט געקלאַפּעריי מיט'ן פוס אין פּאָדלאָגע: איינס, צוויי, דריי, פיער,... עלף קלעפּ, פיער און צוואַנציג קלעפּ, פופצעהן קלעפּ; דאַן אַן אָפּשטעל, און דאַן ווידער דריי קלעפּ; און דריי און דרייסיג קלעפּ איינס נאָך דאָס אַנדערע. די קלאַפּעריי איז איבערגע'חזר'ט געוואָרען איינמאָל און נאָך אַמאָל אין דער זעלבער אָרדנונג, ביז דער שכן מיינער האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס מיינט „קטאָ ווי?" (ווער זייט איהר?) אַזוי ווי דער בוכשטאַב „וו" איז דער דריטער אין אונזער אלף בית. אַזוי אַרום האָט מען אָנגעפאַנגען צו פיהרען א געשפּרעך.

איך האָב ענטדעקט מיט גרויס צופרידענהייט, אַז ביי מיין לינקער זייט האָט זיך געפונען סערדוקאָוו, מיט וועלכען איך האָב אין קורצען געקאָנט ריידען וועגען אַלעם, בעזאָנדערס ווען מיר האָבען געברויכט אונזער ציפער. אָבער די אונטערהאַלטונג האָט געבראַכט ליידען עבען אַזוי גוט ווי פריידען. אונטער מיר איז געווען איינגעשפּאַרט אַ מוזשיק, וועלכען סערדוקאָוו האָט געקענט. ער האָט מיט איהם זיך צוזאַמענגערעדט דורך די ווענד. און אַפילו ניט ווילענדיג פלעג איך אָפט אונבעוואוסטערהייט נאָכפאָלגען זייער געשפּרעך אין מיטען דער אַרבייט מיינער. איך האָב אויך צו איהם גערעדט און איך מוז אייך זאָגען, אַז אויב צו זיין פערשפּאַרט אין דער צעלע אָהנע אירגענד וועלכע אַרבייט, איז שווער פאַר געבילדעטע מענשען, איז זי אָבער טויזענד מאָל שווערער פאַר'ן מוזשיק, וועלכער איז געוואוינט צו פיזישער אַרבייט און ניט צו פערברייגגען יאָהרען אין לעזען. אונזער פויער־פריינד האָט זיך געפיהלט זעהר מיזעראַבעל, און אַזוי ווי ער האָט שוין געהאַט פערבראַכט קרוב פון צוויי יאָהר איידער מ׳ האָט איהם אריבערטראַנספּאָרטירט צו אונז — זיין פערברעכען איז געווען וואָס ער האָט זיך צוגעהערט צו סאָציאַליסטען — וואַר ער שוין גאַנץ דערשלאָגען.

איך האָב שנעל אָנגעפאַנגען צו בעמערקען מיט שרעקען, אַז פון צייט צו צייט איז ער ניט ביים זינען. ביסלעכווייז האָבען זיינע געדאַנקען אָנגעהויבען צו ווערען אַלץ מעהר און מעהר צומישט, און מיר האָבען

ביידע גענומען בעגרייפען ווי טריט ביי טריט, טאג נאָך טאָג, איז זיין פערשטאַנד געוואָרען אַלץ מוטנער, ביז ענדליך איז זיין געשפּרעך געוואָרען ווי פון אַן אמת משוגענעם. פון דעם אונטערשטען עטאַזש האָבען זיך געלאָזט הערען שרעקליכע געשרייען, ווילדע קולות. אונזער מוזשיק איז געווען פאָלקאָם משוגע, און דאָך האָט מען איהם געהאַלטען עטליכע מאָנאַט אין קאַזעמאַט, בעפאָר מען האָט איהם צוגענומען אין אַן אַנשטאַלט, פון וועלכען ער איז קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. בייצוואוואינען די פער-ניכטונג פון אַ מענשענס פערשטאַנד אונטער אַזוינע אומשטענדען איז שוידערהאַפט. איך בין זיכער, אַז דאָס האָט פיעל בייגעטראָגען צו פערשטאַרקערען די נערוועזיטעט פון מיין גוטען און טרייען פריינד סערדוקאָוו. אין פיער יאָהר אַרום, בעת ער איז בעפרייט געוואָרען פון געריכט, האָט ער זיך דערשאָסען.

איינמאָל האָב איך געקראָגען אַן אונערוואַרטעטען גאַסט. דער גרויס-פירשט ניקאָליי, דער ברודער פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען, וועלכער האָט אונטערזוכט די פעסטונג, איז אַריין צו מיר אין צעלע, בעגלייטעט פון זיין אַדיוטאַנט. די טהיר איז צוגעשלאָסען געוואָרען הינטער איהם. ער איז שנעל צו צו מיר, זאָגענדיג: „גוט מאָרגען, קראַפּאָטקין.“ ער האָט מיר געקענט פערזענליך און האָט גערעדט אין אַ פאַמיליאַרנעם גוטמוטהיגען טאָן, אַזוי ווי צו אַן אַלטען בעקאַנטען. „ווי איז דאָס מעגליך, קראַפּאָטקין, אַז איהר אַ קייזערליכער פּאַזש, אַן אָפיציער פון דעם קאָרפּוס, זאָלט זיין פערמישט אין אַזאַ׳ן עסק און איצט זיצען אין דיזען שרעקליכען קאַזעמאַט.

„יעדער האָט זיך זיינע מיינונגען,“ וואַר מיין ענטפער.

„מיינונגען! איהר טראָגט זיך אַרום מיט מיינונגען אויפצוהעצען אַ רעוואָלוציאָן?“

וואָס האָב איך געקענט ענטפערען? יאַ? דאַן וואָלט מען דאָס פערטייטשט, אַז כאָטשע איך האָב מיך ענטזאַגט מודה צו זיין פאַר די זשאַנדאַרען, האָב איך אָבער פאַרן קיסר׳ס ברודער יאַ אַלץ אויסגעזאָגט. זיין טאָן איז געווען ווי פון אַ קאָמאַנדיר פון אַ מיליטערישע שוהלע בעת ער פּרואווט אַרויסקריעגען אַ סוד פון אַ קאַדעט. דאָך האָב איך ניט געקענט זאָגען ניין: עס וואָלט געווען אַ ליגען. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און בין געשטאַנען אָהן אַ וואָרט אויסצורײדען.

„זעהט איהר! איצט שעהמט איהר זיך אַליין“ — דיזע בעמערקונג האָט מיך געערגערט, און איך האָב גלייך אַ זאָג געטהאָן בייזלאַך: „מיין ענטפער האָב איך געגעבען דעם סלעדאָוואַטעל און איך האָב גאָר ניט וואָס צוצולייגען.“

„אָבער פֿערשטעהט דאָך, קראַפּאָטקין, איך בעט אייך,“ האָט ער זיך אָבגערופֿען אין אַ זעהר פֿריינדליכען טאָן.“ איך רייד דאָ צו אייך ניט ווי אַ סלעדאָוואַטעל. איך רייד איצט צו אייך אַלס אַ פּריוואַט פּערזאָן, — גאַנץ ווי אַ פּריוואַט מענש,“ — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט אַ שטילערן קול.

פֿערשיעדענע רעיונות האָבען זיך מיר געפּלאָנטערט אין קאָפּ. זאָל איך דעם צאַר מודיע זיין דורך זיין ברודער מכה דעם שרעקליכען חורבן אין רוסלאַנד, די רואינע פֿון די פּויערים, די גרויזאַמקייט פֿון די טשינאָוו־ניקעס, דעם שרעקליכען הונגער־טויט, וועלכער שטעהט זיי פֿאַר די אויגען? זאָל איך איהם זאָגען, אַז מיר ווילען ארויסהעלפֿען דעם בירנעם מוזשיק פֿון די פֿער־צווייפֿעלטע לאַגע, אַז מיר ווילען איהם העלפֿען אויפֿהויבען זיין נידערגעבויגענעם קאָפּ און אַזוי אַרום בעאיינפֿלוסען אַלעקסאַנדער דעם צווייטען? מיט דער שנעליגקייט פֿון אַ בליטץ האָבען דיזע רעיונות געיאָגט איינס דאָס אַנדערע, ביז איך האָב ענדליך צו זיך אַליין געזאָגט: „אונמעג־ליך! אונזין! זיי ווייסען דאָס אַלעס. זיי זיינען די בלוט־פֿיינד פֿון פֿאָלק, און מיינע רייד וועלען זיי ניט איבערמאַכען.“

איך האָב איהם געענטפֿערט, אַז ער איז דאָך אַן אָפֿיציעלער פּערזאָן, און איך קען איהם ניט בעטראַכטען אַלס אַ פּריוואַט מענש.

ער האָט מיך דאַן אָנגעהויבען צו פֿרעגען זייטיגע פֿראַגען. „וואַר עס ניט אין סיביר, אונטער די דעקאַבריסטען, וואו איהר האָט אָנגעהויבען זיך אַרומטראָגען מיט דיזע אידעען?“

„ניין, איך האָב בלויז געקענט איין דעקאַבריסט, און מיט איהם האָב איך אויך וועניג גערעדט“.

„איז עס אלזאָ געווען אין פּעטערבורג?“

„איך בין אימער געווען דער זעלבער“.

„ווי הייסט! זייט איהר עס שוין געוועזען אין פּאושע־קאָרפּוס?“ האָט ער מיך געפֿרעגט מיט שרעקען.

„אין דעם קאָרפּוס בין איך געווען אַ אינגעל, און דאָס וואָס איז אונבעשטימט אין דער יוגענד, ווערט דייטליכער אין די שפּעטערע יאָהרען.“

ער האָט מיר געשטעלט נאָך עטליכע עהנליכע פֿראַגען. לויט נאָך זיין ריידען האָב איך פֿערשטאַנען צו וואָס ער ציעלט. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגען מיינע סודות, און אין מיין פֿאַנטאַזיע האָט זיך מיר פֿאָרגע־שטעלט דאָס בילד, ווי ער שטעהט און דערצעהלט זיין ברודער: „אַלע די סלעדאָוואַטעלעס טויגען אויף כפּרות. זיי האָט ער ניט געענטפֿערט, אָבער איך האָב צו איהם גערעדט צעהן מינוט, און ער האָט מיר אַלעס דער־

צעהלט״. דאָס האָט מיך גענומען פֿערדריסען, און ווען ער האָט מיר דערלאַנגט אַ זאָג אונגעפֿעהר די פֿאָלגענדע ווערטער: „ווי האָט איהר געקענט האָבען עסקים מיט אַזעלבע מענשען — פּויערים און אַלערליי נאַמענלאָזע פּערזאָנען?״ האָב איך איהם באַלד אַ זאָג געטהאָן: „איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך האָב אויף אַלעס געענטפֿערט דעם סלעדאָוואַטעל״. דאַן איז ער גלייך אַרויס פֿון מיין צעלע.

שפּעטער האָבען די דעזשורניעס פֿון דיעזען בעזוך געמאַכט אַ גאַנצע לעגענדע. די פּערזאָן, וועלכע איז געקומען אין דער קאַרעטע, מיט וועלכער איך בין אַנטלאָפֿען פֿון טורמע, האָט געטראָגען אַ מיליטערישע היטעל, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ בלאָנדע באָרד, האָט ער אויסגעזעהען עטוואָס עהנליך צום גרויס פֿירשט ניקאָלאַי, און אַזוי איז אויסגעוואַקסען אַ טראַדיציע צווישען די סאָלדאַטען פֿון פּעטערסבורגער גאַרניזאָן, אַז דאָס איז געוועזען דער גרויספֿירשט אַליין, וועלכער איז מיך געקומען רעטען פֿון טורמע און אַז ער האָט דאָס מיך צוגע׳גנב׳ט. אָט ווי לעגענדעס ווערען געשאַפֿען אין צייטען פֿון צייטונגען און ביאָגראַפֿישע ווערטער־ביכער.

עס איז אַוועק צוויי יאָהר. אַסך קאַמעראַדען מיינע זיינען געשטאָרבען, אַנדערע זיינען משוגע געוואָרען, אָבער אונזער פּראָצעס איז נאָך אַלץ ניט פֿאָרגעבראַכט געוואָרען פֿאַרן געריכט.

ביין סוף פֿון צווייטען יאָהר האָב איך מיך גענומען פֿיהלען קריינקליך. דאָס דעמבאָווע ביינקעל איז מיר געוואָרען שווער אין די הענד, און די פֿינף מייל האָבען מיר אויסגעוויזען אַן אונענדליכער מהלך. אַזוי ווי עס זיינען געווען אונזערע אונגעפֿעהר זעכציג אין דעם קרעפּאָסט, און די ווינטער־טעג זיינען געווען קורץ, האָט מען אונז געפֿלעגט אַרויסנעהמען אויף די לופֿט, בלויז יעדען דריטען טאָג אויף צוואַנציג מינוט. איך האָב געטהאָן אַלעס אויפֿצוהאַלטען מיין ענערגיע, אָבער די ביטערע ווינטערס, דאָס גאַנצע יאָהר אָן אויפֿהער האָבען דאָך געוואונען די אויבערהאַנד איבער מיר. פֿון מיינע רייזען אין סיביר האָב איך מיטגעבראַכט לייכטע סמנים פֿון׳ם סקאָרבוט. איצט אין דער פֿינסטערקייט און פֿייכטקייט פֿון׳ם קאַזעמאַט, האָט זיך די קראַנקהייט אַרויסגעוויזען פֿיעל דייטליכער; דיעזע געפֿענגנים־פּעסט האָט אויך מיך ניט אויסען געלאָזען.

אין מערץ, אָדער אַפּריל, 1876, האָט מען אונז ענדליך אָנגעזאָגט, אַז די דריטע אָטדיעלעניע האָט געענדיגט די לעצטע סליעדסטוואָ. דער פּראָצעס איז איבערגעגעבען געוואָרען צום געריכט און מיר זיינען דעריבער איבערגעפֿיהרט געוואָרען אין דער טורמע פֿון׳ם געריכטס־הויף.

דאָס וואַר אַן אונגעהייער גרויסע טורמע, וועלכע וואַר מיט אַ

קורצע צייט בעפֿאָר געבויט נאָך׳ן פֿאַסאָן פֿון די פֿראַנצויזישע און בעלגישע געפֿענגניסע, און איז בעשטאַנען פֿון פֿיער שטאָק קליינע צעלען; דאָס פֿענסטער פֿון יעדע צעלע איז אויסגעקומען אויף׳ן הויף אַרויס, און די טהיר האָט זיך געעפֿענט אויף איין אייזערנעם באַלקאָן. די באַלקאָנען פֿון די עטליכע עטאַזשען וואַרען פֿערבונדען דורך אייזערנע טרעפּען.

פֿאַר די מייסטע פֿון מיינע קאַמעראַדען איז דער איבערגאַנג אין דיזער טורמע געווען אַ גרויסע ערלייכטערונג. דאָ איז געווען פֿיעל מעהר לעבען ווי אין דעם קריעפּאָסט, מעהר געלעגענהייט זיך צו קאָרעספּאָנ־דירען, צו זעהען מיט קרובים און פֿיר דעם געמיינשאַפֿטליכען פֿערקעהר. די קלאַפּעריי אין די ווענד האָט אָנגעהאַלטען דעם גאַנצען טאָג לאַנג אונגעשטערט, און איך בין געווען אימשטאַנדע אַזוי אַרום איבערצוגעבען אַ יונגען שכן מיינעם די געשיכטע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע פֿון אָנפֿאַנג ביז׳ן סוף. געדויערט האָט עס, אמת, אַ גאַנצע וואָך.

וואָס אַנבעלאַנגט מיין געזונד, איז עס געוואָרען ערגער אפילו, ווי עס איז געווען די לעצטע צייט אין קריעפּאָסט. איך האָב ניט געקענט פֿערטראָגען די שטיקענדע לופֿט פֿון דער קליינער צעלע, וועלכע איז געווען ניט מעהר ווי ד׳ על ד׳ פֿון איין ווינקעל ביז׳ן צווייטען, און וואו די טעמפּעראַטור האָט זיך גאַנץ אָפֿט געענדערט פֿון אייז־קאַלט אויף די אונערטרעגליכסטע היץ. אַזוי ווי איך האָב זיך געמוזט אַלע מינוט אומ־דרעהען שפּאַצירענדיג אין דער צעלע, פֿלעגט מיר נעהמען שווינדלען דער קאָפּ באַלד אין די ערשטע עטליכע מינוט, און די צעהן מינוטען בעוועגונג דרויסען אין דעם ווינקעל פֿון אַ הויף, וועלכער איז געווען ארומגערינגעלט פֿון הויכע געמויערטע ווענד, האָט מיך אויך ניט אויף דאָס מינדעסטע ערפֿרישט. וואָס אָנבעלאַנגט צום פּריזאָן־דאָקטאָר, וועלכער האָט ניט געוואָלט הערען דאָס וואָרט „סקאָרבוט" אין „זיין פּריזאָן" — פֿון איהם איז וואָס ווענינער געזאָגט דעסטאָ בעסער.

מיר איז געווען ערלויבט צו קריגען שפּייזען פֿון דער היים אין גראַדע האָט איינער פֿון מיינע קרובים געוואוינט נאָהענט פֿון געריכט. אָבער מיין מאָגען איז געוואָרען אַזוי שלעכט, אַז איך בין ניט אימשטאַנדע גע־ווען צו עסען מעהר, ווי אַ שטיקעל ברויט און איינס, אָדער צוויי אייער אַ טאָג. די כוחות האָבען מיר גענומען אויסגעהן זעהר שנעל. די אַלגעמיינע מיינונג איז געווען, אַז מעהר ווי עטליכע מאָנאַט וועל איך ניט ציהען. אַרויפֿקריכענדיג די טרעפּען צו מיין צעלע אויף׳ן צווייטען שטאָק, האָב איך געמוזט צוויי־דריי מאָל זיך אָבשטעלען, און איך געדיינק, ווי אַן אַלטער סאָלדאַט פֿון דער וואַך האָט מיך איינמאָל בעדויערט און געזאָגט:

„אָרעמער מענש, איהר וועט ניט ציהען ביז׳ן סוף זומער,"

מיין פאַמיליע האָט זיך איצט גענומען שטאַרק שרעקען. מיין שוועסטער העלענאַ האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען מיך אַרויסצוקריגען אויף בעיל. אָבער דער פּראָקוראָר, שובין האָט איהר געענטפערט מיט אַ גיפטיגען שמייכעל, „אויב איהר וועט מיר ברייננגען אַ דאָקטאָרס אַטעסט, אַז ער וועט שטאַרבען אין צעהן טאָג, וועל איך איהם פּריילאָזען." ער האָט געהאַט דעם פערגניגען צו זעהן, ווי מיין שוועסטער האָט זיך ארונטערגעלאָזען אויף׳ן שטוהל און האָט זיך אויף׳ן קול פאַנאַנדערגעוויינט פון דעסטוועגען איז עס איהר געלונגען צו קריגען אַן ערלויבעניש, איך זאָל אונטערזוכט ווערען פון אַ גוטען דאָקטאָר — דעם הויפּט דאָקטאָר פון מיליטערישען שפּיטאָל פון פעטערבורגער גאַרניזאָן. ער וואַר אַ זעהר אינטעליגענטנער, אַלטער גענעראַל, וועלכער האָט מיר אונטערזוכט זעהר גרינדליך, און איז געקומען צום שלוס אַז איך האָב אייגענטליך ניט קיין אָרגאַנישען פעהלער, נור לייד איינפאַך פון צו ווענינ לופט. „לופט איז אַלעס וואָס איהר ברויכט," האָט ער געזאָגט. דאַן איז ער געשטאַנען עטליכע מינוט פערטראַכט, און האָט ענטשלאָסען אויסגערעדט: „וואָס איז די פעולה? איהר קאָנט דאָ ניט בלייבען, איהר מוזט טראַנספּאָרטירט ווערען."

אין אַ צעהן טעג אַרום האָט מען מיך אַריבערגעפיהרט אין מיליטערישען שפּיטאָל, וועלכער געפינט זיך אויסערן שטאָדט, און וועלכער האָט אַ ספּעציעלע קליינע טיורמע פאַר די אָפיצירען און סאָלדאַטען, וואָס ווערען קראַנק, בעת זיי שטעהען אונטער אַ פּראָצעס. צוויי פון מיינע קאַמעראַדען זיינען שוין איבערטראַנספּאָרטירט געוואָרען אין דיזען געפענגניס־שפּיטאָל, ווען עס איז געווען זיכער, אַז זיי וועלען אין קורצען שטאַרבען פון שווינדזוכט.

אין שפּיטאָל האָב איך גלייך גענומען זיך ערהוילען. איך האָב געקראָגען אַ גרויסען צימער אויף׳ן ערשטען עטאַזש, לעבען דעם צימער פון דער מיליטערישע וואַך. אין צימער איז געווען אַ גרויסער פענסטער מיט גראַטעס, וועלכער איז אַרויס אויף אַ קליינעם בולוואַר מיט צוויי רייהען בוימער; און אַריבער איבער׳ן בולוואַר איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, וואו צוויי הונדערט סטאָליאַרעס האָבען געבויט הילצערנע באַטקעס פאַר די טיפוס־קראַנקע. יעדען אָבענד האָבען זיי געהאַט שטונדען ווען זיי פלעגען זינגען אין כאָר — אַזאַ כאָר, ווי מי הערט בלויז אין גרויסע סטאָליאַרסקע אַרטעלען. אַ קאַראַאול איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבער׳ן בולוואַר, און זיין בודקע איז געשטאַנען געגעניבער מיין צימער.

מיין פענסטער איז געהאַלטען געוואָרען אָפען דעם גאַנצען טאָג,

און איך האָב מיך געבאָדרען אין די שטראַהלען פֿון דער זון, פֿון וועלכע מי האָט מיך אַזאַ לאַנגע צייט אַוועקגעהאַלטען. איך האָב איינגעאַטהעמט די באַלזאַם־לופֿט פֿון מאַי מיט אַ פֿולער ברוסט, און מיין געזונד האָט זיך שנעל געבעסערט — צו שנעל, האָב איך אָנגעהויבען צו דיינקען. איך וואַר באַלד אימשטאַנדע צו פֿערדייען לייכטע שפּייזען, האָב זיך געפֿיהלט שטאַרקער און האָב ווידער גענומען אַרבייטען מיט ערפֿרישטער ענערגיע. ניט זעהענדיג קיין אויסוועג אימשטאַנדע צו זיין ענדיגען מיין צווייטען טהייל פֿון מיין ווערק, האָב איך אָננעשריבען אַ קיצור פֿון איהם, וועלכער איז אָבגעדרוקט געוואָרען אין ערשטען טהייל.

אין קרעפּאָסט האָב איך געהערט פֿון אַ קאַמעראַד, וועלכער איז געוועזען אין שפּיטאָל־געפֿענגנים, אַז עס וואָלט פֿאַר מיר ניט שווער זיין צו אַנטלויפֿען פֿון דאָרט; און איך האָב מיינע פֿריינד בעקאַנט געמאַכט מיט דעם פֿאַקט.

פֿון דעסטוועגען האָט מיר דער אַנטלויפֿען געשיינט פֿיעל שווערער, ווי מי האָט מיר איינגערעדט. מי האָט איבער מיר געוואַכט שטרייגנער ווי איך האָב מיר אַמאָל פֿאָרגעשטעלט אין אירגענד וועלכער טורמע. דער דעזשורניע פֿון קאָרידאָר איז געשטעלט געוואָרען ביין טהיר, און מי האָט מיך קיינמאָל פֿון מיין צימער ניט ארויסגעלאָזען. די שפּיטאָל־סאָלדאַטען און די גוואַרדיע־אָפֿיצירען, וועלכע פֿלעגען אַמאָל אַריינגעהן, האָבען מורא געהאַט דאָרט צו פֿערבלייבען מעהר ווי אַ מינוט.

מיינע פֿריינד האָבען געמאַכט פֿיעלע פלענער מיך צו בעפֿרייען— מאנכע אויך זעהר אַמוזאַנטע. צום ביישפּיעל, איך זאָל דורכפֿיילען די אייזערנע שטאַבעס פֿון פֿענסטער. דאַן אין אַ רעגענדיגע נאַכט, ווען דער קאַראַאול וועט דרעמלען אין זיין בודקע, זאָלען צוויי פֿריינד זיך אונטער־גנב׳נען פֿון הינטען: זאָלען איבערקעהרען די בודקע אויף איהם און איהם כאַפּען פּונקט ווי אַ מויז אין פּאַסטקע, אָהנע איהם צו שעדיגען. און דער־וויל זאָל איך אַרויסשפּרינגען פֿון פֿענסטער. אָבער גאַנץ אונערוואַרטעט האָט זיך געיאַוועט אַ בעסערער פּלאַן.

„בעט מען זאָל דיך אַרויסלאָזען אויף אַ שפּאַציר", האָט מיר איינער פֿון די סאָלדאַטען איינגעשושקעט אין אויער אַריין.

איך האָב אַזוי געטהאָן. דער דאָקטאָר האָט אונטערשטיצט מיין פֿערלאַנג, און יעדען נאָכמיטאָג, אום פֿיער אַ זייגער, האָט מען מיר ערלויבט אַ שעה צייט אויף דורכצוגעהן זיך אין געפֿענגנים־הויף. איך האָב געמוזט טראָגען דעם גרינעם כאַלאַט, וועלכער ווערט געטראָגען פֿון די שפּיטאָל־הולאים; אָבער מיינע שטיוועל, מיין וועסט און די הויזען פֿלעגט מען מיר דערלאַנגען יעדען טאָג.

איך וועל קיינמאָל ניט פֿערגעסען מיין ערשטען שפּאַציער־גאַנג. ווען מי האָט מיך אַרויסגענומען האָב איך דערזעהען פֿאַר זיך אַ הויף, וועלכער איז געווען גוטע דרייהונדערט פֿוס לאַנג און איבער צווייהונדערט פֿוס ברייט, און גענצליך בעדעקט מיט גראָז. דער טויער וואַר אָפֿען, און דירך איהם האָב איך געקענט זעהען די גאַס, דעם אונגעהויערען שפּיטאָל געגעניבער, און די מענשען וועלכע זיינען פֿערביי געגאַנגען. איך בין געבליבען שטעהן אויף'ן שוועל פֿון דעם געפֿענגנים, ניט זייענדיג אימשטאַנדע זיך אַ ריהר צו טהאָן פֿון אָרט. איך וואַר גאַנץ צודולט בעת איך האָב דערזעהן דעם הויף און דעם טויער.

ביי איין עק הויף איז געווען דער פּריזאָן — אַ שמאָלע געביידע, אונגעפֿעהר הונדערט פֿופֿציג פֿוס לאַנג — און ביי יעדער זייט איז געשטאַנען אַ וואַך־בודקע. צוויי דעזשורניעס זיינען געגאַנגען אַרויף און אַראָב אין פֿראָנט פֿון דער געביידע אַזוי, אַז זיי האָבען שוין געהאַט אויסגעטראָטען אַ סטעזשקע אין דעם גראָז. אין דיעזער סטעזשקע האָט מען מיר געהייסען שפּאַצירען, און די קאַראַאולען זיינען געגאַנגען הין און צוריק ווי פֿריהער — אַזוי אַז איך בין קיינמאָל ניט געווען ווייטער, ווי צעהן אָדער פֿופֿצעהן טריט פֿון איינעם אָדער דעם צווייטען. דריי שפּיטאָל־זעלנער האָבען זיך געזעצט אויף די טרעפּלאַך. אויף דער צווייטער זייט פֿון דיעזען גרוימיגען הויף האָט מען אָבגעלייגט האָלץ פֿון אַ דוצענד וועגען און אַ דוצענד מוזשיקעס האָבען עס צוזאַמענגעלייגט ביים וואַנד. דער גאַנצער הויף איז געווען ארומגערינגעלט מיט אַ הויכען פּאַרקען פֿון דיקע ברעטער. דער טויער איז געווען אָפֿען אום אַריין און אַרויס צו לאָזען די וועגען.

דער דאָזיגער אָפֿענער טויער האָט מיר בעכשוף'ט. „איך מוז אויף איהם ניט גאַפֿען,“ האָב איך ביי זיך געטראַכט; און דאָך האָב איך אויף איהם תמיד געקוקט. אַזוי שנעל ווי מי האָט מיך צוריקגענומען אין דער צעלע, האָב איך געשריבען צו מיינע פֿריינד, זיי מיטטהיילענדיג די פֿרעהליכע נייעס. „איך פֿיהל מיך כמעט אונפֿעהיג צו געברויכען די ציפֿער־שפּראַך,“ האָב איך געשריבען מיט אַ ציטערענדער האַנד, מאַכענדיג בלויזע פֿאַסיקלעך אָנשטאָט ציפֿערען, „דיעזע נאָהענטקייט פֿון פֿרייהייט מאַכט מיך ציטערען, פּונקט ווי איך וואָלט געווען אין אַ פֿיבער. זיי האָבען מיך היינט אַרויסגענומען אין הויף, דער טויער וואַר אָפֿען, און קיין קאַראַאול איז ניט געווען דערנעבען. דורך דיעזען אונבעוואַכטען טויער וואָלט איך אַרויסלויפֿען, מיינע שומרים וועלען מיך ניט כאַפּען“, — און איך האָב זיי געגעבען דעם פּלאַן פֿון מיין ענטלויפֿען. „אַ דאַמע זאָל קומען אין אַן אָפֿענע קאַרעטע צום שפּיטאָל. זי זאָל אַראָבשטייגען, און די קאַרעטע זאָל אויף איהר

וואַרטען אין גאַס, אַ פֿופֿציג פֿוס פֿון טויער. ווען מי נעהמט מיך אַרויס אום פֿיער נאָכמיטטאַג, וועל איך געהן אַ ווײלע מיט׳ן הוט אין האַנט, און אימיצער וואָס וועט פֿערביינגעהן פֿאַר׳ן טויער זאָל דאָס נעהמען אַלס סיגנאַל, אַז אַלעס איז כשורה אינעווייניג. דאַן מוזט איהר צוריקגעבען אַ סיגנאַל: „די גאַס איז פֿרײ״: אָהן דעם וועל איך זיך ניט ריהרען; איין מאָל אויף יענער זייט טויער, מוז מען זעהען, אַז מי זאָל מיך ניט כאַפּען, נאָר ליכט אָדער קלאַנג קענען געברויכט ווערען אַלס סיגנאַלען. דער איזוואָזשטשיק קען שיקען אַ בליאַסק ליכט, — די זונען־שטראַהלען אָבגעשפּיגעלט פֿון זיין לאַקירענעם הוט אויף דעם גרויסען שפּיטאַל; אָדער נאָך בעסער, דער טאָן פֿון אַ ליעד, וועלכע זאָל אָנהאַלטען אַזוי לאַנג ווי די גאַס איז פֿריי; אַביבע איהר וועט קענען דינגען די הייזקע, וואָס איך זעה פֿון הויף אויס און מיר געבען אַ סיגנאַל דורך׳ן פֿענסטער. דער קאַראַאול וועט נאָכלויפֿען נאָך מיר פּונקט ווי אַ הונד נאָך אַ האָז, אין אַ האַלבען צירקעל, בעת איך וועל לויפֿען גלייך, און איך וועל מיך האַלטען פֿינף אָדער זעקס טריט ווייט פֿון איהם. אין גאַס וועל איך אַריינשפּרינגען אין קאַרעטע אַריין און מיר וועלען אַוועקגאַלאָפּירען. אויב דער וואַך שיעסט— נו, דאָס קען מען ניט העלפֿען; דאָס קען מען ניט פֿאָראויסזעהן. און דאַן ווידער, איידער צו בעגעגענען אַ זיבערען טויט אין טורמע איז שוין גלייבער צו ריזיקירען און צו אַנטלויפֿען.״

אַנדערע פֿאָרשלעגע זיינען געמאַכט געוואָרען, אָבער דיעזער פּלאַן איז ענדליך דאָך אָנגענומען געוואָרען, דער עסק איז אויפֿגענומען געוואָרען פֿון אונזער קרוזשאָק. מענשען, וועלכע האָבען מיך קיינמאָל ניט געקענט, האָבען זיך דערצו גענומען גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אַרויסצוראַטעווען דעם טהייערסטען ברודער זייערען. דאָך איז דער פֿערזוך געווען פֿול מיט שוועריגקייטען, און די צייט איז געלאָפֿען מיט שרעקליכער שנעליגקייט. איך האָב שווער געאַרבייט, שרייבענדיג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין; אָבער מיין געזונד האָט זיך דאָך געבעסערט מיט אַזאַ איילעניש, וועלכע האָט מיך איינפֿאַך געמאַכט שוידערען. ווען מי האָט מיך דעם ערשטען מאָל אַרויסגעלאָזען אויף׳ן הויף אַרויס, האָב איך קוים געקאָנט קריכען ווי אַ טשערעפּאַכע; איצט האָב איך זיך געפֿיהלט שטאַרק גענוג צו לויפֿען. אמת, איך בין נאָך אַלץ געקראָכען מיט דיזעלבע שלעפּעדיגע טריט, מחמת איך האָב מורא געהאַט מי זאָל מיר אין גאַנצען ניט אַוועקנעהמען די ערלויבעניש זיך דורכצוגעהן; אָבער מיין נאַטירליכע לעבעדיגקייט האָט מיך געקענט יעדע מינוט פֿערראַטהען. און מיינע קאַמעראַדען האָבע דערווייל געמוזט צוזאַמענבריינגען איבער צוואַנציג פערזאָן פֿיר די אונטער־

נעהמונג; מי האָט געמוזט געפינען אַ טיכטיגען פערד און אַ געניטען איזוואָזשטשיק, און אַראַנזשירען הונדערטע קליינע איינצעלהייטען, וועלכע שפּרינגען תמיד אַרויס אין אַזעלכע קאָנספּיראַציעס. די הכנות האָבען נעדויערט אַרום אַ מאָנאַט, און מי האָט מיך געקענט יעטוועדען טאָג צוריקפיהרען אין טורמע אַריין.

ענדליך איז דער טאָג בעשטימט געוואָרען. דער 29־טער יוני, נאָך דעם רוסישען דאַטום, איז דער טאָג פון סיינט פּעטער און סיינט פּאַאול, אַריינוואַרפענדיג אַ פונק סענטימענטאַליטעט אין זייער אונטערנעהמונג, האָבען מיינע פריינד מיך געוואָלט בעפרייען גראַד אין יענעם טאָג. זיי האָבען מיר מודיע געווען, אַז אַלס ענטפער אויף מיין סיגנאַל, וועלען זיי ענטפערען מיט אַ סיגנאַל פון אַ רויטען שפּיעל־באַלאָן, וועלכען זיי וועלען לאָזען אין דער לופט, דאַן וועט די קאַרעטע קומען, און מי וועט זינגען אַ ליעד מיר מודיע צו זיין ווען די גאַס איז אָפען.

איך בין אַרויס דעם 29־טען, האָב אַראָבגענומען דעם הוט און געוואַרט אויף׳ן באַלאָן. אָבער ס׳האָט זיך קיין זאַך ניט געזעהן. אַ האַלבע שטונדע איז אַריבער. איך האָב געהערט דעם גערויש פון דער קאַרעטע אין גאַסס; איך האָב געהערט אַ מאַן׳ס קול זינגענדיג אַן אונ־בעקאַנטעם ליעד; אָבער קיין באַלאָן איז ניט געווען.

די שטונדע וואַר פאַריבער, און מיט אַ געבראָכען געמיטה בין איך צוריקגעגאַנגען אין צימער אַריין. „עפּעס האָט געמוזט פּאַסירען מיט זיי", האָב איך געטראַכט.

ווירקליך; דאָס אונמעגליכע האָט יענעם טאָג פּאַסירט.

הונדערטע באַלאָנדלעך זיינען תמיד פאַראַנען צו פערקויפען אין פּעטערבורג, לעבען דעם גאָסטינאָי דוואָר. יענעם פריהמאָרגען איז קיין איינער ניט געווען; עס וואַר אונמעגליך צו געפינען איין איינציגען קינדער־באַלאָן. ענדליך האָט מען עפּעס יאַ איינעם ענטדעקט, ביי אַ קינד אין האַנט, אָבער ער וואַר אַלט און האָט ניט געקענט פליהען. מיינע פריינד זיינען דאַן אַריינגעלאָפען צו אַן אַפּטייקער, האָבען געקויפט אַן אַפּאַראַט (מאַשין) צו מאַכען וואַסער־שטאָף־גאַז, און האָבען דעם באַלאָן אָנגעפילט מיט דיזעזען גאַז; אָבער געפלויגען איז ער אַליין ניט. דער וואַסער־שטאָף איז ניט געווען טרוקען. די צייט האָט זיך געיאָגט. דאַן האָט אַ דאַמע צוגעבונדען דעם באַלאָן צו איהר שירם, און האַלטענדיג דעם שירם הויך איבער׳ן קאָפּ, איז זי געגאַנגען אין גאַס הין און צוריק, פּאַזע די הויכע וואַנד פון אונזער הויף; אָבער איך האָב קיין זאַך ניט געזעהן — די וואַנד וואַר צו הויך און די דאַמע צו נידעריג.

צום גליק איז דיעזער צופֿאַל געווען זעהר אַ גוטער, נאָך אַלעמען יוען די שטונדע פֿון מיין שפּאַצירגאַנג וואַר פֿאָריבער, איז די קאַרעטע דורכגעפֿאָהרען די גאַסען, וועלכע מיר האָבען געזאָלט דורכגעהן אַנטלויפֿענדיג פֿון טורמע, און דאָרט, אין אַ שמאָלע געסעל איז זי אָבגעשטעלט געוואָרען פֿון איבער אַ דוצענד וועגען, וועלכע האָבען געפֿיהרט האָלץ אין שפּיטאַל אַריין. די פֿערד פֿון דיעזע וועגען זיינען ניט געווען אין אָרדנונג — מאַנכע וואַרען אויף דער לינקער און מאַנכע אויף דער רעכטער זייט גאַס, — און די קאַרעטע האָט זיך געמוזט פּאַוואָליע דורכשלעפּען צווישען זיי. אויף איין פּלאַץ איז דער וועג גאָר אין גאַנצען אָבגעצאַמט געוואָרען. יוען איך וואָלט דאָרט געווען וואָלטען מיר זיכער געכאַפּט געוואָרען.

איצט איז אַ גאַנצע סיגנאַל־סיסטעמע איינגעפֿיהרט געוואָרען אין די גאַסען, דורך וועלכע מיר האָבען געזאָלט דורכפֿאָהרען אַנטלויפֿענדיג פֿון פּריזאָן־שפּיטאָל, אַזוי אַז מען זאָל אונז קענען מודיע זיין, אויב די גאַסען זיינען פֿאַרבלאָקאַדירט. אויף עטליכע מיילען ווייט האָבען זיך מיינע קאַמעראַדען אויסגעשטעלט אויף דער וואַך. איינער האָט געזאָלט אַרומגעהן הין און צוריק מיט אַ טיבעל אין האַנד, וועלכע ער האָט געמיזט אַריינלייגען אין קעשענע בשעת וועגען זיינען אָנגעקומען; אַן אַנדערער האָט געזאָלט זיצען אויף אַ שטיין און עסען קאַרשען, אויפֿהערענדיג ביין אָנקומען פֿון די וועגען; און אַזוי ווייטער. אַלע דיעזע סיגנאַלען, איבערגעגעבען פֿון איינעם צום אַנדערען, האָבען ענדליך געזאָלט דערגרייכען ביז צו אונזער קאַרעטע. מיינע פֿריינד האָבען אויך געהאַט געדונגען די גרינע באַטקע געגעניבער דעם שפּיטאָל, און ביי אַן אָפֿענעם פֿענסטער איז דאָרט געשטאַנען אַ וויאָלינִיסט מיט דער פֿידעל אין האַנד, בערייט אָנצוהויבען שפּילען אַזוי שנעל ווי דער סיגנאַל „די גאַס איז ריין" וועט איהם איבערגעגעבען.

דער אַנטלויפֿען האָט געזאָלט שטאַטפֿינדען אויף מאָרגען. אויף לענגער אָבצולייגען וואָלט געווען ריזיקאַליש. דער פֿאַקט איז, אַז די קאַרעטע איז בעמערקט געוואָרען פֿון די שפּיטאָל־מענשען, און עטוואָס פֿערדעכטיגעס האָט שוין מסתמה געהאַט דערגרייכט ביז צו די בעאַמטע, דען די נאַכט בעפֿאָר מיין אַנטלויפֿען, האָב איך געהערט דעם פּאַטרול־אָפֿיציער פֿרעגען דעם קאַראַאול וואָס איז געשטאַנען קעגען מיין פֿענסטער: „וואו זיינען דיינע פּאַטראָנען?" דער סאָלדאַט האָט זיי גענומען אומגעלומפּערט אַרויסשיטען פֿון היטעל. דער אָפֿיציר „האָט איהם גוט אויסגעזידעלט: האָט מען דיר ניט אָנגעזאָגט, אַז דו זאָלסט האַלטען די קוילען אין דער קעשענע פֿון'ם מונדיר היינטיגע נאַכט?" און ער איז געשטאַנען ביי איהם ביז ער האָט אַריינגעלייגט 4 קוילען אין קעשענע. „גיב אַכטונג!" האָט ער איהם אָנגעזאָגט ביים אַוועקגעהן.

די נייע סיסטעמע פֿון די סיגנאַלען האָט מיר געמוזט גלייך מיט־געטהיילט ווערען אויף מאָרגען; און אום צוויי אַ זייגער ביי טאָג, איז צו מיר געקומען אַ דאַמע, — אַ געליעבטע קרובה מיינע, — און האָט געבעטען מי זאָל מיר איבערגעבען אַ זייגערעל. יעדע זאַך האָט געמוזט דורכגעהן דורך די הענד פֿון׳ם פּראָקוראָר; נאָר אַזוי ווי דאָס איז בלויז געווען אַ זייגערעל אָהן אַ קעסטעל, האָט מען דאָס מיר גלייך איבערגעגעבען. אינעווייניג איז געווען אַ קליינציקער צעטעלע, אין ציפֿער, וועלכער האָט ענטהאַלטען דעם גאַנצען פּלאַן. ווען איך האָב איהם געלעזען האָב איך פּשוט געציטערט פֿון שרעק, אַזוי געריזיקירט וואַר דיעזער שריט. די דאַמע, וועלכע איז אַליין געזוכט געוואָרען פֿון דער פּאָליציי פֿאַר פּאָליטישע אורזאַכען, וואָלט גלייך אויף׳ן אָרט אַרעסטירט געוואָרען, ווען אימיצער וואָלט צופֿעליג געעפֿענט דעם קופּערט פֿון׳ם זייגערעל. אָבער איך האָב געזעהן, ווי זי איז זיך רוהיג אַרויס פֿון פּריזאָן און לאַנגזאַם אַוועק איבערן בולוואַר.

איך בין אַרויסגעקומען אין הויף אום פֿיער אַ זייגער, ווי געוועהנליך און האָב געגעבען מיין סיגנאַל. איך האָב דערנאָך דערהערט דעם גערויש פֿון דער קאַרעטע, און אין עטליכע מינוט אַרום, די טענער פֿון דער וויאָלין פֿון דער גרינער הייזקע אַנטגעגען איבער. אָבער איך בין דאָך געווען אויף יענער זייט געביידע. ווען איך בין צוריקגעקומען צום סוף פֿון דער סטעזשקע, וועלכע איז געווען נאָהענט צום טויער — אַרום אַ הונדערט טריט פֿון איהם, — איז די וואַך געווען נאָהענט הינטער מיר. „נאָך איין מאָל אַרומגעהן," האָב איך זיך געטראַכט — אָבער איידער איך האָב דערגרייכט דעם צווייטען עק פֿון דער סטעזשקע, האָט די וויאָלין פּלוצלינג אויפֿגעהערט צו שפּיעלען.

ס׳איז אַוועק מעהר ווי אַ פֿערטעל שעה, פֿול אַנגסט, איידער איך האָב פֿערשטאַנען די אורזאַכע פֿון דער אונטערברעכונג. דאַן איז אַריין אין טויער אַ טוצען שווער בעלאָדענע וועגען און זיינען אַוועק ביז אויף יענער זייט הויף.

גלייך האָט דער וויאָליניסט — אַ גוטער, לאָמיר איך זאָגען — אָנגעהויבען אַ ווילד אויפֿרעגענדע מאַזורקאַ פֿון קאָנטסקי, פּונקט ווי ער וואָלט זאָגען, „פּאָרוועַרטס, איצט, — איצט איז דיין צייט!" איך בין לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צום נעהענטערען עק פֿון דער סטעזשקע, ציטערענדיג ביים געדאַנקען, דער וויאָליניסט זאָל נאָך אַמאָל ניט אויפֿהערען בעפֿאָר איך וועל דערגרייכען ביזן סוף.

ווען איך בין אַהין צוגעקומען האָב איך מיך אומגעדרעהט. דער־

סאָלדאַט האָט זיך אָבגעשטעלט אַ פֿינף־זעקס טריט הינטער מיר; ער האָט געקוקט אַנדערשוואו. „איצט אָדער קיין מאָל ניט!" איך געדענק, ווי דיזער געדאַנק האָט מיר אַ בליץ געטהאָן אין מוח. איך האָב אַרונטערגעוואָרפֿען מ׳ין גרינעם כאַלאַט און האָב גענומען לויפֿען.

פֿיעלע טעג בעפֿאָר האָב איך פּראַקטיציִרט ווי אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך דיעזען לאַנגען שווערען מלבוש. ער איז געווען אַזוי לאַנג, אַז איך האָב תמיד געמוזט טראָגען די פּאָלעס אין דער לינקער האַנד, פּונקט ווי דאַמען טראָגען זייערע שלעפּעס. וואָס איך האָב ניט פּרובירט, מיט איין בעוועגונג האָב איך איהם ניט געקענט אַראָבוואַרפֿען פֿון זיך. איך האָב אויפֿגעשניטען די נעהט אונטער די אָרעם־לעבער, אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפֿען. דאַן האָב איך בעשלאָסען איהם אויסצוטהאָן אין צוויי בעוועגונגען: איינע אַראָבלאָזענדיג די פּאָלעס פֿון דער האַנד און די צווייטע אַראָבלאָזענדיג דעם גאַנצען כאַלאַט אויף דער ערד. איך האָב געדולדיג פּראַקטיציִרט אין מיין צימער, ביז איך האָב עס געקענט טהאָן אַזוי פֿלינק ווי דער סאָלדאַט בעוועגט די ביקס. „איינס, צוויי," און דער בגד מיינער איז געלעגען אויף דער ערד.

אויף מיין כוח האָב איך מיך שטאַרק ניט פֿערלאָזען, איך האָב גענומען לויפֿען ניט זעהר שנעל, אום איינצושפּאָרען די כוחות אויף שפּעטער. אָבער קוים האָב איך געהאַט געמאַכט עטליכע טריט, ווי די מוזשיקעס, וואָס האָבען אָבגעלאַדעוועט די האָלץ, האָבען גענומען שרייען: „ער לויפֿט! האַלט איהם! כאַפּט איהם!" און זיי האָבען זיך געיאָגט צום טויער־צו מיך דאָרט צו פֿערהאַלטען. דאַן בין איך געפֿלויגען פֿאַר מיין לעבען. איך האָב פֿון קיין זאַך ניט געטראַכט אַחוץ פֿון לויפֿען, — אפילו ניט פֿון די גרוב, וועלכע די וועגען האָבען אויסגעגראָבען ביים טויער. „לויף! לויף! מיט אַלע כוחות!"

דער וואַך־סאָלדאַט, האָבען מיר מיינע פֿריינד, וועלכע האָבען געזעהן די גאַנצע סצענע פֿון׳ם גרינעם הייזעל נאַכהער דערצעהלט, האָט זיך געלאָזט נאָך מיר און נאָך איהם זיינען געלאָפֿען דריי זעלנער, וועלכע זיינען געזעסען אויף די טרעפּען. דער קאַראַאול איז געווען אַזוי נאָהענט צו מיר, אַז ער איז געווען זיכער, אַז אָט אָט כאַפּט ער מיך. עטליכע מאָל האָט ער אויסגעשטרעקט די ביקס און האָט מיר געוואָלט אַ זעץ געבען מיט׳ן באַיאָנעט. איין מאָמענט, האָבען מיינע פֿריינד געדענקט, אַז ער האָט מיך שוין. ער איז געווען אַזוי זיכער, אַז ער קען מיך אַזוי אויך אָנכאַפּען, אַז איהם איז גאָר ניט איינגעפֿאַלען צו שיסען. אָבער איך האָב מיך געהאַלטען פֿון דער ווייטען, און אין טויער האָט ער געמוזט אויפֿגעבען די יאַכט.

בשלום אַרויס פֿון טויער, האָב איך מיט שרעקען דערזעהען, אַז אין קאַרעטע זיצט אַ ציווילנער מיט אַ מיליטערישער היטעל. ער איז געזעסען אין האָט זיך אפילו צו מיר ניט אומגעדרעהט. „פֿאַרקויפֿט!" וואַר מיין ערשטער געדאַנקען. די קאַמעראַדען האָבען מיר געשריבען אין לעצטען בריעף, „איין מאָל אין גאַס, גיב זיך ניט אונטער: ס'וועלען זיין פֿריינד דיך צו פֿערטהיידיגען ווען נויטהיג"; און איך האָב ניט געוואָלט אַריינשפּרינגען אין אַ קאַרעטע, וועלכע וואַר פֿאַרנומען פֿון אַ שונא. דאָך ווען איך בין צו נאָהענט צו דער קאַרעטע, האָב איך בעמערקט אַז דער מאַן, וואָס זיצט אינעווייניג האָט אַ בלאָנדע באָרד, וועלכע האָט מיר אויסגעזעהן, ווי די פֿון אַ וואַרעמען פֿריינד מיינעם. ער האָט ניט בעלאַנגט צו אונזער קרושאָק, אָבער מיר זיינען געווען פֿערזענליכע פֿריינד, און איך האָב געהאַט מעהר ווי איין געלעגענהייט קענען צו לערנען זיין וואונדערבאַרען, וואַגענדען קוראַזש, און ווי זיין קראַפֿט ווערט פּלוצלינג ריזענהאַפֿט אין דער צייט פֿון געפֿאַהר. „צו וואָס זאָל ער דאָרטען זיין? איז עס מעגליך?" האָב איך מיר געטראַכט און האָב שוין געוואָלט אויסשרייען זיין נאָמען, ווען איך האָב מיך צוריקגעכאַפּט אין צייט, און האָב אָנשטאָט דעם אַ פּאַטש געטהאָן מיט די הענד, נאָך אַלין לויפֿענדיג נעהענטער, אום צו־צו־ציהען זיין אויפֿמערקזאַמ־קייט. ער האָט זיך אומגעדרעהט צו מיר, און איך האָב געוואוסט ווער ער איז.

„שפּרינג אַריין, גיך, גיכער!" האָט ער אויסגעשריען מיט אַ שרעקליכען קול, אָנרופֿענדיג מיך און דעם איזוואָזטשיק מיט אַלערליי צונעמעניש, אַ רעוואָלווער אין האַנד בערייט צו שיסען.

„גאַלאָפּ! גאַלאָפּ! איך וועל דיך דערשיסען!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן צום איזוואָזטשיק. דער פֿערד — אַ פּראַכטפֿאָלער רייס־לויפֿער, וועלכער איז צוליעב דעם אומישנע געקויפֿט געוואָרען — האָט זיך געלאָזען אויף'ן פֿולען גאַלאָפּ. צעהנדליגע שטימען „האַלט זיי! כאַפּט זיי!" האָבען זיך געהערט הינטער אונז; מיין פֿריינד האָט מיר דערווייל געהאָלפֿען אָנטהאָן אַן עלעגאַנטען אויבער־ראָק און אַן אָפּעראַ־הוט, אָבער די עכטע געפֿאַהר איז געווען ניט אַזוי אין די נאָכיאָגערס, ווי אין אַ סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען ביין טויער פֿון שפּיטאָל, אונגעפֿעהר אַנטקעגען דעם פּלאַץ, וואו די קאַרעטע האָט געמוזט וואַרטען. ער וואָלט לייכט געקענט מיך אָבשטעלען ביים אַריינגאַנג אין דער קאַרעטע אָדער סטאָפּען דעם פֿערד. מי האָט דעריבער געזאָרגט דאַפֿיר, אַז אַ פֿריינד זאָל מיט איהם דערווייל פֿערציהען אַ געשפּרעך. און דאָס איז איהם פּראַכטפֿאָל געלונגען. אַזוי ווי דער סאָלדאַט האָט אַמאָל געהאַט געאַרבייט אין'ם לאַבאָראַטאָריום פֿון'ם שפּיטאָל, איז מיין פֿריינד מיט איהם אַריין אין אַ וויסענשאַפֿטליכען שמועס,

ריידענדיג מיט איהם מכוח דעם מיקראָסקאָפּ און די וואונדערבאַרע זאַכען וואָס מי זעהט דורך איהם. זיך בעציהענדיג אויף אַ געוויסען פּאַראַזיט פון'ם מענשליכען קערפּער, האָט ער איהם געפרעגט: „האָט איהר שוין אַ מאָל געזעהן וואָס פאַר אַ שרעקליכען גרויסען עק ער האָט?" „יאַ אַן עק, אונטערען מיקראָסקאָפּ איז ער אָט ווי גרויס". „דערצעהלט מיר ניט קיין מעשה!" האָט דער סאָלדאַט געענטפערט. „איך ווייס בעסער, דאָס וואַר די ערשטע זאַך וועלכע איך האָב געזעהען דורך'ן מיקראָסקאָפּ". דיזער לעבעדיגער געשפּרעך האָט שטאַטגעפונען פונקט ווען איך בין פאַר זיי פערביגעלאָפען און בין אַריינגעשפּרונגען אין די קאַרעטע אַריין. עס קלינגט ווי אַ באָבע מעשה, אָבער עס איז אַ פאַקט.

די קאַרעטע האָט זיך שנעל פערקירעוועט אין אַ שמאָל געסעל, הינטער דער זעלבער וואַנד פון הויף, וואו די בויערן האָבען צוזאַמענגעלייגט האָלץ, און וועלכען אַלע האָבען פערלאָזען, לאָזענדיג זיך לויפען נאָך מיר. דער פערקירעווען זיך איז געווען אַזוי שנעל, דאָס דער וואָגען האָט זיך שיעור ניט איבערגעקוליעט, און איך האָב מיך אַוואָרף געטהאָן אינוועניג, שלעפּענדיג צו זיך מיין פריינד. דיזע פּלוצלונגע בעוועגונג האָט אויסגעגלייכט די קאַרעטע.

צוויי זשאַנדאַרען זיינען געשטאַנען ביין טהיר פון אַ שענק, און האָבען זיך פערנייגט אויף'ן מיליטערישען שטייגער פאַר די מיליטערישע היטעל פון מיין חבר. „ששש!" האָב איך צו איהם געזאָגט, ווייל ער האָט נאָך אַלין אויסגעזעהן שטאַרק אויפגערעגט. „אַלעס געהט, ווי געוואונשען. די זשאַנדאַרען גריסען אונז!" דער אָנטרייבער האָט זיך דאַן אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צו מיר, און איך האָב גלייך אין איהם דערקאָנט מיינעם אַ צווייטען פריינד, וועמעס פּנים האָט געלויכטען פול מיט גליקזעליקייט.

איבעראַל האָבען מיר געזעהן פריינד, וועלכע האָבען אונז צוגעוואונקען אָדער האָבען אונז געוואונשען אַ גליקליכע רייזע, ווען מיר זיינען לעבען זיי פערבייגעפאָהרען, מיט דעם שנעלסטען געלאַף פון אונזער פּראַכטפולען פערד. דאַן זיינען מיר באַלד אָנגעקומען אויף'ן גרויסען „נעווסקי פּראָספּעקט", האָבען זיך פערקירעוועט אין אַ זייטען־גאַס, און זיך אָבגעשטעלט ביי אַ טהיר, אַוועקשיקענדיג דעם אָנטרייבער. איך בין אַרויפגעלאָפען אויף די טרעפּ, און ביי דעם לעצטען טרעפּ בין איך געפאַלען אין די אָרעמס פון מיין שוועגערין, וועלכע האָט אויף מיר געוואַרט אין דער שרעקליכסטער אַנגסט. זי האָט געלאַכט און געוויינט צו גלייכער צייט, איילענדיג מיך זיך שנעל איבערצוטהאָן, און אָבצושערען מיין גרויסע באָרד. אין צעהן מינוט האָב איך און מיין פריינד פערלאָזען די הויז און גענומען אַ קעב.

דערווייל זיינען דער וואַכט־אָפיציער פון געפענגניס און די סאָל־

דאַטען פֿון שפּיטאָל אַרויסגעלאָפֿען אין גאַס, אין אַ גרויסע פֿערלעגענהייט, וואוהין זאָלען זיי לויפֿען, און וואָס זאָלען זיי טהאָן. פֿאַר אַ מייל אַרום און אַרום איז ניט געוועהן קיין קעב צו געפֿינען; יעדע איינציגע איז שוין פֿריהער געדונגען געוואָרען פֿון מיינע פֿריינד. אַן אַלטע בויערן־פֿרוי איז געוועזן קליגער פֿאַר די אַלע וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אָנצוקוקען דעם בייז וואונדער. „אָרימע מענשען", האָט זי גערעדט, ווי צו זיך אַליין, „זיי וועלען אַודאי אַרויסקומען אויף'ן נעווסקי פּראָספּעקט און דאָרט וועט מען זיי געווים כאַפּען". זי איז געווען גאַנץ גערעכט, און דער אָפֿיציער איז צוגעלאָפֿען צו דער פֿערד־קאַר, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט דערביי, און האָט געבעטען די מענשען זיי זאָלען געבען זייערע פֿערד, כדי איינער זאָל רייטענדיג קענען לויפֿען נאָך די אַנטלאָפֿענע. אָבער די מענשען האָבען זיך איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט געבען זייערע פֿערד, און דער אָפֿיציער האָט דיעזעס מאָל ניט געברויכט קיין געוואַלד.

וואָס אָנבעלאַנגט דעם פֿידלער און די דאַמע, וועלכע זיינען געווען אין די גרינע הייזקע, זיינען זיי אויך אַרויסגעלאָפֿען, זיינען צוגעשטאַנען צום עולם, און ווען אַלע זיינען ביסלעכווייז זיך צוגאַנגען, זיינען זיי אויך אַוועק גאַנץ געלאַסען.

עס איז געווען אַ זעהר שעהנער נאָכמיטאָג. מיר זיינען אַוועקגעפֿאָהרען צום אינזעל, וואוהין די גאַנצע פּעטערבורגער אַריסטאָקראַטיע פֿאָהרט אויס אין די שעהנע פֿריהלינג־טעג צו זעהן דעם זונען־אונטערגאַנג. אויף'ן וועג האָב איך זיך אָבגעשטעלט אין אַ פֿאַרוואָרפֿענע געסעל לעבען אַ באַרבער אָבצוגאָלען מיין באָרד. דיעזע אָפּעראַציאָן האָט נור אויף אַ קליין וועניג אומגעענדערט מיין אויסזעהן. אָהן אַ ציעל זיינען מיר געפֿאָהרען הין און צוריק איבערן אינזל, און ווייל מי האָט אונז אָנגעזאָגט ניט צו קומען צו אונזער בעשטימטען פּלאַץ איידער עס וועט גוט פֿינסטער, האָבען מיר ניט געוואוסט, וואוהין מיר זאָלען דערווייל געהן. „וואָס זאָלען מיר דערווייל טהאָן?" האָב איך געפֿרעגט מיין פֿריינד. אויך ער האָט נאָכגעדיינקט איבער דעם. צו „דאָנאָן!" האָט ער פּלוצלינג אויסגערופֿען צו דעם קוטשער אָנרופֿענדיג איינעם פֿון די בעסטע רעסטאָראַנען אין פּעטערבורג. „קיינער וועט דיר ניט זוכען דאָרט", האָט ער רוהיג בעמערקט. איבעראַל וועלען זיי דיר זוכען, נור ניט דאָרט. און מיר וועלען טאַקי דאָרט האָבען אונזער מיטאָג, און עפּעס צו טרינקען אויך פֿאַר דעם ערפֿאָלג פֿון אונזער פּלאַן".

וואָס האָב איך געקענט האָבען דאַגעגען אַזאַ פֿערנינפֿטיגע עצה? אַזוי זיינען מיר אַוועק צו דאָנאָן, מיר זיינען דורכגעגאַנגען די האָלען פֿערפֿלייצט פֿון ליכט און פֿול בעזוכער, און האָבען גענומען אַ בעזונדער־צימער, וואו מיר האָבען פֿערבראַכט ביז'ן אָבענד, ביז עס איז געקומען די

צייט, ווען מיר זיינען ערוואַרטעט געוואָרען פֿון אונזערע פֿריינד. דאָס הויז, וואו מיר האָבען אָבגעשטיגען גלייך פֿון פריזאָן איז דורכגעזוכט געוואָרען צוויי שטונדען נאָכדעם ווי מיר זיינען אַוועק פֿון דאָרט, און אַזוי האָט מען אויך דורכגעזוכט די אַלע וואוינונגען פֿון כמעט אַלע אונזערע פֿריינד. קיינער האָט אָבער ניט געטראַכט צו זוכען אונז ביי דאָנאָן.

אין אַ צוויי טאָג אַרום האָב איך געזאָלט אַריינציהען אין אַ הויז, וועלכע מי האָט פֿאַר מיר געדונגען, און וואו איך האָב געזאָלט וואוינען אונטער אַ פֿאַלשען פּאַספּאָרט. אָבער די דאַמע, וועלכע האָט מיך געזאָלט בעגלייטען אַהין, איז געווען פֿאָרזיכטיג גענוג אַליין צו בעזוכען די הויז אַ פֿריהער.

די געגענד איז געווען פֿול מיט שפּיאָנען. אַזוי פֿיעל פֿריינד זיינען געקומען אהין נאָכפֿרעגען, צו איך בין בשלום אָנגעקומען אין מיין וואוינונג, אַז די פּאָליציי האָט גענומען ווערען פֿערדעכטיג און האָט די הויז אַרומ־גערינגעלט מיט שפּיאָנען. נאָך מעהר, מיין בילד איז אָבגעדרוקט געוואָרען פֿון דער דריטער אָטדיעלעניע, און הונדערטע קאָפּיעס זיינען צוטהיילט געוואָרען צו דער פּאָליציי און וועכטער. אַלע שפּיאָנען, וועלכע האָבען מיך געקאָנט פֿון פֿריהער האָבען מיך געזוכט אין די גאַסען; און די, וואָס האָבען מיך ניט געקענט, זיינען געווען בעגלייט פֿון סאָלדאַטען און פריזאָן־וועכטער, וועלכע האָבען מיך געהאַט געזעהן אין די טורמעס. דער צאַר האָט שיער ניט געקראָגען די נכפה; סטייטש אין מיט׳ן העלען טאָג, אין סאַמע מיט׳ן פּעטערסבורג זאָל מען אַזאַ אַרעסטאַנט לאָזען ענטלויפֿען, און ער האָט אַרויסגעלאָזען אַן אוקאַז „מי מוז איהם געפֿינען".

מיר איז געווען אונמעגליך צו פֿערבלייבען אין פּעטערבורג, און איך האָב מיך בעהאַלטען אין די דערפֿלאַך אַרום. צוזאַמען מיט אַ האַלבען דוצען פֿריינד, האָב איך פֿערבראַכט די צייט אין אַ דאָרף, וועלכען די פּעטערבורגער פֿלעגען בעזוכען אין דיעזע צייט פֿון יאָהר, אַרויספֿאָהרענדיג אויף פֿרישע לופֿט. דאַן איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז איך זאָל אַוועק אין אויסלאַנד. אָבער מיר האָבען גראָד געלעזען אין אַן אויסלענדישע צייטונג, אַז אַלע וואַגזאַלען און גרענעצען פֿון די באַלטישע פּראָווינצען און פֿינלאַנד ווערען שטריינג בעוואַכט פֿון שפּיאָנען, וועלכע קענען מיך פּערזענליך. איך האָב דאַרום בעשלאָסען צו רייזען אויף אַ וועג, אויף וועלכען מ׳וועט מיך קיינמאָל ניט ערוואַרטען. בעוואַפֿענט מיט אַ פּאַספּאָרט פֿון אַ פֿריינד, און בעגלייט פֿון אַן אַנדער פֿריינד, בין איך אַריבער איבער פֿינלאַנד, און בין אַוועק צו צפון זייט, צו אַ וויימען האַפֿען פֿון באָטנישען ים, און פֿון דאַנען בין איך אַריבער קיין שוועדען.

נאָכדעם, ווי איך בין שוין געווען אויף׳ן שיף, און מיר האָבען שוין געהאַלטען ביים אָברייזען, האָט מיר דער פֿריינד, וועלכער האָט מיר

אָבגעפֿיהרט צום גרענעץ, מיטגעטהיילט די נאַכריכט, וועלכע ער האָט די
פּעטערבורגער קאַמעראַדען פֿערשפּראָכען מיר ניט מיטצוטהיילען בעפֿאָ־
איך וועל זיין אויף'ן שיף. מיין שוועסטער העלענאַ איז געווען אַרעסטירט,
ווי אויך די שוועסטער פֿון מיין ברודערס פֿרוי, וועלכע האָט מיך געפֿלעגט
בעזוכען אין טורמע איין מאָל אין מאָנאַט נאָכדעם ווי מיין ברודער און זיין
פֿרוי זיינען אַוועק קיין סיביר.

מיין שוועסטער האָט לחלוטין ניט אָנגעהויבען צו וויסען פֿון די
הכנות פֿון מיין ענטלויפֿען, ערשט נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען פֿריי,
איז אַ פֿריינד אונזערער איהר געלאָפֿען אָנזאָגען די פֿרעהליכע בשורה.
אומזיסט האָט זי געשריען, אַז זי האָט פֿון קיין זאַך ניט געוואוסט; זי איז
אָבגעריסען געוואָרען פֿון די קינדער איהרע, און איז צוויי וואָכען לאַנג געווען
אין טורמע. וואָס אָנבעלאַנגט מיין שוועגערין'ס שוועסטער, זי האָט יאַ גע־
וואוסט, אַז עפּעס קומט פֿאָר, אָבער בעטהייליגט אין דעם פּלאַן האָט זי זיך
ניט. די נאַטשאַלסטוואָ אַליין האָט דאָך געברויכט צו פֿערשטעהן, אַז
פּערזאָנען וועלכע האָבען מיך אָפֿיציעל בעזוכט אין טורמע וועלען זיך ניט
געהען פֿערוויקלען אין אַזאַ אונטערנעהמונג. פֿונדעסטוועגען האָט מען זי
געהאַלטען אין תפיסה איבער צוויי מאָנאַט. אומזיסט האָט איהר מאַן, אַ
בעוואוסטער אַדוואָקאַט, געאַרבייט זי צו בעפֿרייען. „מיר ווייסען שוין איצט",
האָבען די זשאַנדאַרמסקע אָפֿיצירען געזאָגט, „אַז זי האָט מיט דער אַפֿערע
ניט צו טהאָן געהאַט; אָבער פֿערשטעהט איהר מיך, אין דעם טאָג פֿון
איהר אַרעסט, האָבען מיר בענאַכריכטעט דעם קייזער, אַז די פּערזאָן, וואָס
האָט דעם גאַנצען פּלאַן אָרגאַניזירט, איז ענטדעקט און אַרעטירט. עס וועט
אַלזאָ איצט דויערן אַ ווילע ביז מיר וועלען דעם קייזער ווידער פֿאָרבערייטען
צום פֿאַקט, אַז זי איז ניט דערווירקליכער פֿערברעכער".

איך האָב דורכגערייזט שוועדען און זיך אין ערגעץ ניט אָבגעשטעלט.
אין קריסטיאַנאַ האָב איך עטליכע טעג געוואַרט אויף אַ דאַמפּפֿער אָבצוּ־
רייזען קיין הולל, ענגלאַנד, אָנזאַמלענדיג דערווייל אויסקינפֿטע מכח אַ
געוויסע בויערן־פּאַרטיי פֿון נאָרוועגען. געהענדיג צום דאַמפּפֿער, האָב איך
זיך אַליין געפֿרעגט מיט אַנגסט: „אונטער וואָס פֿאַר אַ באַנער זעגעלט זי־
— אַ נאָרוועגישען, אַ דייטשען אָדער אַן ענגלישען? דאַן האָב איך דערזעהן
פֿלאַטערענדיג אין דער הויך די שטאָלצע פֿאָהן פֿון דזאָן בול—די פֿאָהן, אונטער־
וועלכע אַזוי פֿיעל נע־ונד'ניקעס, רוסישע, איטאַליענישע, פֿראַנצויזישע, אונ־
גאַרישע, און פֿון אַלערליי נאַציאָנען, האָבען געפֿונען אַן עיר מקלט: פֿון דער־
טיעפֿעניש פֿון'ם האַרצען האָב איך בעגריסט דיעזע פֿאָהן.

ארבעטער רינג
מ. ביעסין-ביבליאטעק



ELISEE RECLUS.

זעקסטער טהייל.

מזרח - אייראָפּאַ.

אשטורם האָט געבושעוועט אין דעם נאָרד־מעער, בשעת מיר האָבען זיך דערנעהענטערט צום ברעג פֿון ענגלאַנד, אָבער איך האָב דיעזען שטורעם בעגעגענט מיט הערצענס־פֿרייד. איך האָב פשוט אֶנגעקוואָלען פֿון׳ם קאַמפף פֿון דעם דאַמפּפֿער מיט די שרעקליך שטורמישע כוואַליעס, און בין שטונדען לאַנג געזעסען ביים פֿאָדערטהייל פֿון שיף, בעת די שוימענדע כוואַליעס האָבען מיר געשפריצט אין פנים אַריין. נאָך די צוויי יאָהר וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין דונקעלען קאַזעמאַט, האָט אין מיר פשוט יעדער אָדער געשלאָגען מיט דעם גליקליכען שטרעבען צו געניסען די פֿאָלשטענדיגע קראַפֿט פֿון לעבען.

מיין כונה איז געווען ניט צו פֿערבלייבען אין אויסלאַנד מעהר ווי עטליכע וואָכען אָדער מאָנאַטען: בלויז גענוג צייט, אַז די סומאַטאָכע, וואָס מיין ענטלויפֿען האָט אַרויסגערופֿען זאָל זיך איינשטילען, און אויך מיין געזונד אַביסעל צו ערהוילען. איך האָב געלאַנדעט אונטער דעם נאָמען לעוואַשאָף, דעם נאָמען, מיט וועלכען איך האָב פֿערלאָזען רוסלאַנד; און אויסמיידענדיג לאָנדאָן, וואו די שפּיאָנען פֿון׳ם רוסישען געזאַנדטען וואָלטען גלייך געקומען אויף מיין שליאַד, בין איך צוערשט אַוועק נאָך עדינבורג.

עס האָט זיך אָבער אַזוי געמאַכט אַז איך האָב קיינמאָל ניט צוריק־געקעהרט קיין רוסלאַנד. איך בין גלייך פֿערשלונגען געוואָרען פֿון דער כוואַליע פֿון דער אַנאַרכיסטישער בעוועגונג, וועלכע האָט גראַדע דאַמאָלס געהאַלטען אין וואַקסען אין מזרח־אייראָפּאַ; און איך האָב געפֿיהלט אַז

איך וועל זיך קענען מאַכען פּיעל ניצליכער העלפענדיג דיזע בעוועגונג, ווי איך וואָלט געקענט זייענדיג אין רוסלאַנד. אין מיין געבורטס-לאַנד האָט מען מיך צו גוט געקאָנט, אַז איך זאָל קענען בעטרייבען אַן אָפּענע פּראָ-פּאַגאַנדאַ, בעזאָנדערס צווישען די אַרבייטער און די מוזשיקעס; און שפּעטער בשעת די רוסישע בעוועגונג איז געוואָרען אַ קאָנספּיראַציע, אַ בעוואַפּענטער קאַמפּף געגען די סאַמאָדערזשאַוויע, איז שוין פון אַ פאָלקס-בעוועגונג קיין פראַגע ניט מעגליך געווען; וועהרענד מיינע אייגענע געפיהלען האָבען מיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אַריינגעצויגען אין דעם קאַמפּף פון די אַרבייטער און די ליידענדע מאַסען. זיי צו ברייננגען אַזעלכע אידעען, וועלכע זאָלען זיי העלפען אָנווענדען זייערע כוחות צום וואויל און בעסטען פון אַלע אַרבייטער; צו מאַכען טיעפער און קלעהרער די אידעאַלען און פּרינציפּען, וועלכע וועלען זיין דער פונדאַמענט פון דער סאָציאַלער רעוואָ-לוציאָן; צו ענטוויקלען דיזע אידעאַלען און פּרינציפּען אין די מאַסען ניט אַלס רעזולטאַט פון אַן אוקאַז, וואָס קומט פון די פיהרער, זאָנדערן אַלס רעזולטאַט פון זייער אייגענעם שכל; און אַזוי אַרום צו ערוועקען אין זיי זייער אייגענע איניציאַטיווע, איצט בעת זיי ווערען גערופען צו ערשיינען אויף דער היסטאָרישער ביהנע אַלס די אויפבויער פון אַ נייע גערעכטע געזעלשאַפט, — דאָס האָב איך געהאַלטען פאַר אַזוי נויטווענדיג פאַר די ענטוויקלונג דער מענשהייט, ווי די גרעסטע זאַך וואָס איך וואָלט געקענט אויפטהאָן אין רוסלאַנד צו יענער צייט. און אַזוי האָב איך מיך אָנגעשלאָסען אָן דעם הייפּעלע מענשען, וועלכע האָבען געאַרבייט אין דיזער ריכטונג אין מזרח־אייראָפּאַ, אַרויסהעלפענדיג די יעניגע פּיאָנירען, וועלכע זיינען שוין געווען פערמאַטערט פון זייער לאַנגיעהריגען קאַמפּף.

ווען איך האָב געלאַנדעט אין הול און בין אַוועק קיין עדינבורג, האָב איך בענאַכריכטעט נור עטליכע געצעהלטע פריינד אין רוסלאַנד און אין דער זשוראַ-פעדעראַציאָן פון מיין אָנקומען אין ענגלאַנד. א סאָציאַליסט מוז זיך תמיד פערלאָזען אויף זיין אייגענער אַרבייט, פון וועלכע צו ציהען חיונה, און דאַרום האָב איך גלייך גענומען זוכען אַ דזשאָב אַזוי שנעל, ווי איך האָב מיך בעזעצט אין מיין קליין צימערל אין אַ פאָרשטעדטעל פון דער שאָטלענדישער הויפּטשטאָדט.

צווישען די פּאַסאַזשירען פון אונזער פּאַראַכאָד איז אויך געווען אַ נאָרוועגישער פּראָפעסאָר, מיט וועלכען איך האָב מיך צוזאַמענגערעדט, פּרובירענדיג אויפפרישען דאָס ביסעל שוועדיש, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט. ער האָט גערעדט דייטש. „נאָר אַזוי ווי איהר רעדט עטוואָס נאָרוועגיש“; האָט ער צו מיר געזאָגט, „און איהר ווילט דיזע שפּראַכע

ערלערנען, טאָ לאָמירביידע ריידען נאָרוועגיש".

„איהר מיינט שוועדיש?" האָב איך מיר אַטוואַזשעט אַ פֿרעג צו טהאָן. „איך רעד דאָך שוועדיש, ניט אמת?"

„ניין, איך וואָלט דאָס אָנגערופֿען נאָרוועגיש; שוועדיש געווים ניט," האָט ער מיר געענטפֿערט.

אַזוי האָט אויך מיט מיר פּאַסירט דאָסזעלביגע, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איינעם פֿון זשול ווערן׳ס העלדען, וועלכער האָט על פּי טעות אויסגעלערענט פּאָרטוגעזיש אָנשטאָט שפּאַניש. סיי ווי סיי — איך האָב מיט׳ן פּראָפֿעסאָר לאַנג פֿערבראַכט — לאָז שוין זיין אין נאָרוועגיש — און ער האָט מיר געגעבען אַ צייטונג פֿון קריסטיאַנאַ, וועלכע האָט ענטהאַלטען דעם רעפּאָרט פֿון דער נאָרוועגישער נאָרד־אַטלאַנטישע עקספּעדיציאָן, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקעהרט אַהיים.

אַזוי שנעל, ווי איך בין אָנגעקומען קיין עדינבורג, האָב איך אָנגעשריבען עטליכע צייל ען אין ענגליש וועגען דיזע פֿאָרשונגען אין דער טיפֿעניש פֿון׳ם ים. איך האָב עס אַוועקגעשיקט צום זשורנאַל „נאַטור", וועלכען מיין ברודער און איך פֿלעגען רעגעלמעסיג לעזען אין פּעטערבורג באַלד פֿון זיין ערשטען נומער אָן. דער סוב־רעדאַקטאָר האָט מיר געדאַנקט פֿיר מיין שרייבען, צופֿיגענדיג אַז מיין ענגליש איז „אָלרייט", און אַלעס וואָס איך ברויך איז „צו בענוצען אַ מעהר אידיאָמאַטישע שפּראַכע". איך מוז זאָגען, אַז איך האָב געלערענט ענגליש אין רוסלאַנד, און האָב צוזאַמען מיט מיין ברודער איבערזעצט פּיידוש׳עס „פֿילאָזאָפֿיע פֿון געאָלאָגיע" און הערבערט ספּענסערס „פּרינציפּען פֿון ביאָלאָגיע". אָבער איך האָב דאָס ענגלישע געלערענט פֿון ביכער, און האָב עס זעהר שלעכט אויסגעשפּראָכען, אַזוי אַז מיין עדינבורגער בעל הבית׳טע האָט מיך קוים געקענט פֿערשטעהן; איהר טאָכטער און איך פֿלעגען זיך צוזאַמענריידען דורך שטיקלעך פּאַפּיר, אויפֿשרייבענדיג דעם מאָרגעם געשפּרעך אונזערען; און אַזוי ווי איך האָב די ריכטיגע ענגלישע אויסדריקע ניט געוואוסט, קען איך מיר פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ קאָמישע פֿעהלער איך האָב דאַן געמאַכט. איך געדיינק יעדענפֿאַלס, אַז איך האָב איינמאָל פּראָטעסטירט געגען איהר, אויף׳ן פּאַפּיער נאַטירליך, אַז וואָס איך ערוואַרט ביים סאַפּער איז ניט איין „טאַסע טהעע" זאָנדערן פֿיעלע. (אין ענגליש רעט זיך עס אַזוי: „וויל יו העוו ע קאָפּ אָף טהי?" ניט מיינענדיג דוקא איין טאַסע. קראָפּאָטקין האָט עס אָבער אָנגענומען בוכשטעבליך, און ווען מי האָט איהם געפֿרעגט צו ער וויל „ע קאָפּ אָף טהי" האָט ער געענטפֿערט „ניין, איך וויל עטליכע גלעזער טהעע" — דער איבערזעצער). איך האָב מורא, אַז מיין בעל הבית׳טע

האָט מיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען זולל וסובא׳ניק, אָבער איך מוז זאָגען, אַלם אַן עטשולדיגונג, אַז ניט אין די געאָלאָגישע ביכער וואָס איך האָב געלעזען אין ענגליש, און ניט אין ספּענסערס „ביאָלאָגיע" איז דערמאָנט אַ וואָרט וועגען אַזאַ וויכטיגען געגענשטאַנד ווי טהעע טרינקען.

פון רוסלאַנד פלעג איך ערהאַלטען דעם זשורנאַל פון דער רוסישער געאָגראַפישער געזעלשאַפט און איך האָב באַלד אָנגעהויבען שיקען צו די „טיימס" פערשידענע נאָטיצען וועגען די רוסישע געאָגראַפישע אונטער־זוכונגען. פּרזשעוואַלסקי איז צו יענער צייט געווען אין צענטראַל־אַזיען, און אין ענגלאַנד האָט מען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט זיין דאָרטיגע טהעטיגקייט.

ווי עס איז, דאָס געלד, וואָס איך האָב מיט מיר מיטגעבראַכט, האָט געהאַלטען באַלד אין אויסגעהן, און אַזוי ווי אַלע מיינע בריעף צו מיינע קרובים זיינען פערהאַלטען געוואָרען פון דער רוסישער וואַכזאַמער פאָליציי, האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט זיי געבען צו וויסען מיין אַדרעס. דאַריבער בין איך אין עטליכע וואָכען אַרום אַוועקגעפאָהרען אין לאָנדאָן, דיינקענדיג דאָס דאָרטען וועל איך קענען קריגען מעהר שטענדיגע אַרבייט. דער אַלטער פערטריבענער פּ. ל. לאַוורָאָוו האָט נאָך אַלץ פאָרטגעזעצט די רעדאַקציאָן פון זיין זשורנאַל „וופּערי־אָד". אַזוי אָבער ווי איך האָב ערוואַר־טעט באַלד צוריקצוקעהרען נאָך רוסלאַנד און די רעדאַקציאָן פון דעם „וופּעריאָד" איז געווען אודאי גאַנץ שטאַרק בעוואַכט פון שפּיאָנען, האָב איך בעסער בעשלאָסען ניט צו געהן אַהין.

גאַנץ נאַטירליך בין איך באַלד אַוועק אין אָפיס פון דעם זשורנאַל „נייטשור", און איך בין גאַנץ הערצליך אויפגענומען געוואָרען פון דעם סוב־רעדאַקטאָר, דזש. סקאָט קעלטיע. דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַ וואונש אָבצוגעבען אַ גרעסערען פּלאַץ אין זיין זשורנאַל פאַר די נאָטיצען, וואָס איך האָב איהם צוגעשיקט, אויסגעפינענדיג אַז איך שרייב זיי פונקט, ווי מי בעדאַרף. באַלד איז מיר אָנגעוויזען געוואָרען אין אָפיס אַ בעזונדער טיש, אויף וועלכען פערשיעדענע זשורנאַלען אין אַלע מעגליכע שפּראַכען זיינען געווען אָנגעוואָרפען. „קומט יעדען מאָנטאַג, הערר לעוואַשאָף", האָט צו מיר געזאָגט דער רעדאַקטאָר, קוקט איבער דיעזע אַלע זשורנאַלען, און אויב עס איז דאָ אַן אַרטיקעל, וואָס שיינט אייך צו זיין ווערטה צו זאָגען עטוואָס איבער איהם, מאַכט דאַן אַ נאָטיץ, אָדער צייכענט אָן דיעזען אַרטיקעל און ווען נויטיג וועלען מיר איהם שיקען צו אַ ספּעציאַליסט. מר. קעלטיע האָט נאַטירליך ניט געוואוסט, דאָס איך פלעג איבערשרייבען אַ נאָטיץ דריי אָדער פיער מאָל, איידער איך פלעג מיר ענטשליסען איבערצוגעבען

עס צו דרוקען. אָבער נעהמענדיג די וויסענשאַפּטליכע זשורנאַלען צו זיך אַ היים, איז עס מיר באַלד געלונגען צו מאַכען אַ ניש־קשה'דיגען לעבען פון מיינע נאָטיצען אין די „נייטשור" און פון די פּאַראַגראַפען אין די „טיימס". איך האָב אויסגעפונען, דאָס די וועכענטליכע צאָהלונגען, יעדען דאָנערשטאָג, צו די צושיקער פון נאָטיצען פאַר די „טיימס" איז געווען אַן אויסגעצייכענטער מנהג. אמת, עס זיינען געווען וואָכען, ווען קיינע אינ־טערעסאַנטע נייעס פון פּרזשעוואַלסקי איז ניט אָנגעקומען, און די נייעס פון אנדערע טהיילען פון רוסלאַנד איז ניט געפונען געוואָרען פאַר גענוג אינטערעסאַנט פון דעם „טיימס" רעדאַקטאָר — אָט אין אַזעלכע וואָכען פלעגט מיין אכילה זיין ברויט מיט טהעע.

איינמאָל האָט מר. קעלטיע אַראָבגענומען פון פּאָליצע עטליכע רוסישע ביכער, פערלאַנגענדיג פון מיר, דאָס איך זאָל אָנשרייבען אַ קריטיק פאַר זיין זשורנאַל. איך האָב אַ בליק געטהאָן אויף זיי און האָב גלייך אין זיי דערקענט מיינע אייגענע ווערק איבער די אייז־פּעריאָדע און די אָראָגראַפיע פון אַזיען. מיין ברודער האָט ניט פערפעהלט צו שיקען זיי צו אונזער ליבלינגס־זשורנאַל. איך בין געווען אין אַ גרויסער פערלעגענהייט, און אַריינלייגענדיג די ביכער אין מיין סעטשעל, האָב איך זיי גענומען אַהיים אום מיר צו איבערלייגען די זאַך. „וואָס זאָל איך מיט זיי טהאָן?" האָב איך געפרעגט זיך אַליין. „איך קען זיי ניט לויבען, ווייל זיי זיינען דאָך מיינע ווערק. און איך קען ניט צו שטאַרק קריטיקירען דעם פּערפאַסער, ווייל איך האָב פּונקט דיזעלבע מיינונגען. איך האָב בעשלאָסען צו נעהמען צוריק די ביכער אין אָפּיס און צו ערקלעהרען מר. קעלטיע, דאָס כאָטש איך האָב מיך איהם פאָרגעשטעלט אונטער דעם נאָמען לעוואַשאָף, בין איך עס אַליין דער פערפאַסער פון דיזע ביכער, און קען ניט געבען קיין קריטיק איבער זיי.

מר. קעלטיע האָט פון די צייטונגען געוואוסט וועגען קראָפּאָטקין'ס אַנטלויפען, און ער איז געווען העכסט גליקליך צו זעהן דעם אַנטלאָפענעם זיכער אין ענגלאַנד; וואָס אָנבעלאַנגט וועגען מיין בעדענקען צו שרייבען אַ קריטיק איבער מיינע אייגענע ווערק, האָט ער גאַנץ קלוג בעמערקט, דאָס איך דאַרף ניט זידלען און ניט לויבען דעם פערפאַסער, נאָר דאָס איך קען גאַנץ איינפאַך דערצעהלען די לעזער וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך אין די ביכער. פון יענעם טאָג אָן איז צווישען אונז געוואָרען אַ פריינדשאַפט, וועלכע האַלט נאָך אָן ביז היינטיגען טאָג.

אין נאָוועמבער אָדער דעצעמבער פון 1876, זעהענדיג אין דעם בריעף־קאַסטען פון „וופּעריאָד" אַן איינלאַדונג פאַר ק. צו קומען אין די

רעדאַקציאָן אום צו ערהאַלטען אַ בריעף פֿון רוסלאַנד, און דיינקענדיג, אַז איך ווער עס דאָ גענויינט, בין איך אַהין אַוועק און האָב מיך באַלד בעפֿריינדעט מיט דעם רעדאַקטאָר און מיט די אינגערע מענשען דאָרט, וואָס זיינען געווען בעשעפֿטיגט ביי דער צייטונג.

אָבער איך בין ניט לאַנג פֿערבליעבען אין ענגלאַנד. איך האָב אָנגעהאַלטען אַ לעבעדיגע קאָרעספאָנדענץ מיט מיין פֿריינד דזשיימס גיליאָם פֿון דער זשוראַ־פֿעדעראַציאָן, און אַזוי שנעל ווי איך האָב געפֿונען אַ שטענדיגע געאָגראַפֿישע אַרבייט, וועלכע איך האָב געקענט אַזוי גוט אויספֿיהרען אין דער שווייץ ווי אין ענגלאַנד, האָב איך איבערגעצויגען נאָך שווייצאַריען.

די בריעף, וואָס איך האָב ענדליך ערהאַלטען פֿון דער היים, האָבען מיר דערצעהלט, דאָס איך קען גאַנץ גוט בלייבען אין אויסלאַנד, ווייל עס איז גאָר ניטאָ עפּעס ספּעציעלעס צו טהאָן אין רוסלאַנד. אַ כוואַליע פֿון ענטהוזיאַזמוס האָט אַרומגענומען צו יענער צייט גאַנץ רוסלאַנד צו גונסטען די סלאַווישער, וועלכע האָבען רעוואָלטירט געגען דעם לאַנגיעהריגען טערקישען דעספּאָטיזמוס; און מיינע בעסטע פֿריינד: סטעפּניאַק, קעלניץ און פֿיעלע אַנדערע זיינען אַוועק אַהין אום צוצושטעהן און העלפֿען די רעבעלען. „מיר לעזען" האָבען מיר מיינע פֿריינד געשריעבען, „די קאָרעספּאָנדענץ פֿון די „דיילי ניוס" וועגען די שרעקליכע גרויזאַמקייטען אין בולגאַריען. מיר וויינען ביים לעזען, און דאַן געהען מיר און ווערען סאָלדאַטען אין די אַרמעע פֿון די רעבעלען".

איך בין אַוועק נאָך די שווייץ און פֿאָלגענדיג דעם ראַטה פֿון מיינע שווייצאַרישע פֿריינד, האָב איך מיך בעזעצט אין לאַ־שאָ־דע־פֿאָנדס.

די זשוראַ־פֿעדעראַציאָן האָט געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער מאָדערנער ענטוויקלונג פֿון דעם סאָציאַליזמוס.

עס פּאַסירט תמיד, אַז נאָך דעם ווי די פּאָליטישע פּאַרטיי האָט זיך פֿאָרגענומען אַ געוויסען צוועק און האָט פּראָקלאַמירט, אַז נור די פֿאָלשטענדיגע ערהייכונג פֿון דיעזען צוועק וועט זי צופֿריעדען שטעלען, אַז דיעזע פּאַרטיי צושפּאַלט זיך אין צוויי טהיילען. איין טהייל בלייבט דאָס וואָס זי איז פֿריהער געווען, און די אַנדערע טהייל, כאָטש אפילו זי זאָגט, אַז זי האָט ניט געענדערט קיין איין איינציג וואָרט פֿון איהר פֿריהערדיגער אויפֿגאַבע, נעהמט זי אָבער דאָך אָן אַ געוויסען סאָרט קאָמפּראָמיס, און ביסלעכווייז ווערט זי אַריינגעשלעפּט פֿון איין קאָמפּראָמיס אין אַנדערען און וואַנדערט אַליץ וועיטער און ווייטער אַוועק פֿון איהר ערשטער פּראָגראַם, ביז זי ווערט זיך אַן אַלטעגליכע רעפֿאָרם־פּאַרטיי.

אַזאַ מין שפּאַלטונג איז פֿאָרגעקומען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן. אין אָנפֿאַנג האָט זי זיך ניט צופֿרידען געשטעלט מיט קיין קלענערער פּראָגראַם, ווי די פֿאָלשטענדיגע אָבשאַפֿונג פֿון פּריוואַט אייגענטהום, פֿאָדערענדיג אַז דאָס לאַנד און אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען זאָלען איבערגעהן צו די פּראָדוצירער זעלבסט; די אַרבייטער פֿון אַלע נאַציאָנען זאָלען אָרגאַניזירען זייערע אייגענע קערפּערשאַפֿטען פֿיר אַ דירעקטען קאַמפּף געגען קאַפּיטאַליזמוס, זאָלען אויסאַרבייטען מיטלען, דורך וועלכע די פּראָדוקציאָן און קאָנסומאַציאָן פֿון אַלע רייכטהימער זאָלען איבערגעהן אין די הענד פֿון די געזעלשאַפֿט זעלבסט, צו נעהמען אין בעזיץ אַלע מאַשינעריע און צו קאָנטראָלירען די פּראָדוקציאָן, ניט אַכטענדיג אויף די יעצטיגע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע וועט סיי ווי סיי מוזען געגצליך איבערגעביטען ווערען. די אַסאָסיאַציאָן האָט אַלזאָ געזאָלט דיענען אַלס אַ מיטעל פֿאַרצובערייטען אַן אונגעהייערע רעוואָלוציאָן אין דעם גייסט דער מענשהייט, און נאַכהער אין די פֿאָרמען פֿון דעם לעבען זעלבסט, אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט געזאָלט עפֿענען פֿאַר דער וועלט אַ נייע עפּאָכע פֿון פּראָגרעס, בעגרינדעט אויף די אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט. דאָס איז געווען דער אידעאַל, וועלכער האָט אויפֿגעוועקט מיליאָנען אייראָפּעאישע אַרבייטס־מענער פֿון זייער שלומער, און צוגעצויגען צו דער אַסאָסיאַציאָן איהרע העכסטע אינטעלעקטועלע קרעפֿטען.

דאָך האָבען זיך צוויי פֿראַקציאָנען ענטוויקעלט. בעת די מלחמה פֿון 1870 האָט זיך געענדיגט מיט אַ פֿאָלקאָמענע נידערלאַגע פֿיר פֿראַנקרייך, און די פּאַריזער קאָמונע איז אונטערדריקט געוואָרען, און די דראַקאָנישע געזעצע, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען געגען די אַסאָסיאַציאָן, האָבען אונמעגליך געמאַכט די פֿראַנצויזישע אַרבייטער זיך אין איהר צו בעטהייליגען; און בעת, פֿון דער צווייטער זייט ווידער, אין דעם פֿעראייניגטען דייטשלאַנד איז איינגעפֿיהרט געוואָרען די פּאַרלאַמענטאַרישע הערשאַפֿט, — דאָס ענדציעל פֿון די ראַדיקאַלען זייט 1848, — האָבען זיך די דייטשען געמאַכט אַלס אויפֿגאַבע אומצוענדערען די שטרעבונגען און די מעטהאָדען פֿון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער בעוועגונג. דער קריעגס־רוף פֿון יענער פֿראַקציאָן, וועלכע האָט זיך גערופֿען „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע," איז געוואָרען „צו קריעגען די מאַכט אין די ע ק ז י ס ־ ט י ר ע נ ד ע ש ט א ַ א ט ע ן." די ערשטע ערפֿאָלגען פֿון דיזער פּאַרטיי ביי די וואַהלען פֿון דעם דייטשען רייכסטאַג האָבען אַרויסגערופֿען גרויסע האָפֿנונגען. אַזוי ווי די צאָהל פֿון די אָבגעאָרדענטע איז געשטיגען פֿון צוויי אויף זיעבען, און דאַן אויף ניין, האָבען פֿיעלע, זאָגאַר פֿערנינפֿטיגע

מענשען, געגוי און אויף זיכער אויסגערעכענט, אַז בעפֿאָר דעם סוף פֿונ׳ם 19־טען יאָהרהונדערט וועלען די סאָצ. דעמ. האָבען אַ מאַיאָריטעט אין דעם דייטשען פּאַרלאַמענט, און זיי וועלען דאַן איינפֿיהרען דעם סאָציאַליסטישען „פּאָפּולערען שטאַאַט״ מיט דער הילפֿע פֿון אַ פּאַסענדער געזעצגעבונג. דער סאָציאַליסטישער אידעאַל פֿון דיעזער פּאַרטיי האָט וואָס אַמאָל אַלץ מעהר פֿערלאָרען דעם כאַראַקטער פֿון עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט געזאָלט אויסגעאַרבייט ווערען פֿון די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען זעלבסט, און איז געוואָרען די פֿערשטאַאַטליכונג פֿון דער אינדוסטריע — אין פֿאַקט, שטאַאַט־סאָציאַליזמוס; דאָס הייסט, שטאַאַט־קאַפּיטאַליזמוס. ביי היינטיגער צייט ווערען די אָנשטריינגונגען פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין דער שווייץ געריכטעט צו צענטראַליזאַציאָן געגען פֿעדעראַליזמוס. פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שטרעבען זיי, אַז דער שטאַאַט זאָל פֿערוואַלטען די אייזענבאַהנען, דער שטאַאַט זאָל פֿערנעהמען דעם מאָנאָפּאָל פֿון די באַנקגעשעפֿטען און פֿון דעם האַנדעל מיט געטרענק. די שטאַאַט־פֿערוואַלטונג פֿונ׳ם לאַנד און פֿון די הויפּט־אינדוסטריען, און זאָגאַר פֿון די פֿערטהיילונג פֿון רייכטהימער, וואָלט זיין דער נעכסטער שריט אין אַ מעהר אָדער וועניגער וויטער צוקונפֿט.

ביסלעכוויז האָט זיך דאָס לעבען און די טהעטיגקייט פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אונטערוואָרפֿען צום שטימקאַסטען. טרייד־יוניאָנס וואַרען בעהאַנדעלט מיט פֿעראַכטונג, און אויף סטרייקס האָט מען געקוקט קרומלעך, מחמת ביידע האָבען זיי אָבגעצויגען דעם אַרבייטערס אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם וואַהל־קאַמפּף. יעדער פּאָפּולערער אויפֿשטאַנד, יעדע רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציאָן אין אירגענד וועלכע לאַנד פֿון אייראָפּאַ, איז פֿערשריען געוואָרען אין יענע יאָהרען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פֿיהרער מיט פֿיעל מעהר פֿיינדשאַפֿט, ווי אפילו פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע גופא.

אין די לאַטיינישע לענדער אָבער, האָט דיעזע נייע ריכטונג געפֿונען זעהר וועניג אַנהיינגער. די סעקציאָנען און פֿעדעראַציאָנען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען געבליבען טריי צו די פּרינציפּען, וועלכע זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי דער גרינדונג פֿון דער אַסאָסיאַציאָן. פֿעדראַליסטיש אין זייער היסטאָריע, פֿיינדליך צו דער אידעע פֿון אַ צענטראַליזירטען שטאַאַט, און אים בעזיץ פֿון די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציאָנען, האָבען די אַרבייטער פֿון די לאַטיינישע לענדער (פֿראַנקרייך, שפּאַניען, איטאַליען) ניט געקענט נאָכפֿאָלגען די עוואָלוציאָן פֿון די דייטשען. די שפּאַלטונג צווישען די צוויי צווייגען פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזען

גלייך נאָך דעם דייטש-פֿראַנצויזישען קריעג. דער אינטערנאַציאָנאַל, ווי איך האָב שוין פֿריהער דערמאָנט, האָט בעשאַפֿען אַ הערשענדע קערפּערשאַפֿט אין דעם געשטאַלט פֿון אַן אַלגעמיינעם פֿערוואַלטונגס-ראַטה, וועלכער האָט געוואוינט אין לאָנדאָן; און אַזוי ווי די לייטענדע גייסטער פֿון יענעם פֿערוואַלטונגס-ראַטה זיינען געווען צוויי דייטשען, ענגעלס און מאַרקס, איז דיזער ראַטה נאַטירליך געוואָרען די פֿעסטונג פֿון דער נייער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער ריכטונג, ווערענד די בעגייסטערער און די אינטעלעקטועלע פֿיהרער פֿון די לאַטיינישע פֿעדעראַציאָנען זיינען געווען באַקונין און זיינע פֿריינד.

דער שטרייט צווישען די מארקסיסטען און די באַקוניסטען איז ניט געווען קיין פּערזענליכער. דאָס איז געווען דער נויטווענדיגער קאַמפּף צווישען די פּרינציפּען פֿון פֿעדעראַליזמוס און פֿון צענטראַליזאַציאָן, די פֿרייע קאָמונע און דעם שטאַאַט'ס-פּאָטערליכע הערשאַפֿט; די פֿרייע טהעטיגקייט פֿון די פֿאָלקס-מאַסען און די פֿערבעסערונג פֿון עקזיסטירענדע קאַפּיטאַליסטישע אומשטענדע דורך געזעץ-געבונג — אַ קאַמפּף צווישען דעם לאַטיינישען און דייטשען גייסט; און נאָך די ניעדערלאַגע פֿון פֿראַנקרייך אויף'ן שלאַכט-פֿעלד, האָט דער דייטשער גייסט געוואָלט שפּיעלען די ערשטע פֿידעל אין וויסענשאַפֿט, פּאָליטיק, פֿילאָזאָפֿיע און אין סאָציאַליזמוס אויך, פֿאָרשטעלענדיג זיין אייגענעם בעגריף פֿון סאָציאַליזמוס אַלס „וויסענשאַפֿטליך", און בעצייכענענדיג יעדע אַנדערע שולע אַלס „אוטאָפּיסטיש".

ביים האַאַגער קאָנגרעס פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין 1882, האָט דער לאָנדאָנער אַלגעמיינער ראַטה, דורך אַ געפֿעלשטע מאַיאָריטעט, אויסגעשלאָסען באַקונין, זיין פֿריינד גיליאָם און זאָגאַר די זשוראַ פֿעדעראַציאָן, פֿון דעם אונטערנאַציאָנאַל. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען זיכער, אַז די גרעסטע טהייל פֿון דעם וואָס איז נאָך איבערגעבליבען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל — דאָס הייסט, די שפּאַנישע, די איטאַליענישע און די בעלגישע פֿעדעראַציאָנען וועלען צושטעהן צו דער זשוראַ פֿעדעראַציאָן, האָט דער קאָנגרעס געוואָלט אין גאַנצען אויפֿלעזען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אַ נייער אַלגעמיינער ראַטה בעשטעהענד פֿון עטליכע סאָציאַל-דעמאָקראַטען, איז נאָמינירט געוואָרען אין נויאָרק, וואו עס איז גאָר ניט געווען קיין אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל האָבען בעלאַנגט צו דער אַסאָסיאַציאָן, אום דיזען ראַטה צו קאָנטראָלירען, און פֿון וועלכען מי האָט ביז אויף היינטיגען טאָג קיין זאַך ניט געהערט. דערוויל האָבען די שפּאַנישע, די איטאַליענישע, די בעלגישע און די זשוראַ פֿעדעראַציאָנען פֿון

דעם אינטערנאַציאָנאַל פּאָרטגעזעצט זייער עקזיסטענץ און האָבען אָבגעהאַלטען זייערע געוועהנליכע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען יעדעס יאָהר פיר די נעכסטע פינף אָדער זעקס יאָהר.

די זשורא פעדעראַציאָן איז צו דער צייט, ווען איך בין געקומען אין דער שווייץ, געווען דער מיטעל-פונקט און דער לייטענדער גייסט פון די אינטערנאַציאָנאַלע פעדעראַציאָנען. באַקונין איז נור וואָס געהאַט געשטאָרבען (יולי 1, 1876); אָבער די פעדעראַציאָן האָט אָנגעהאַלטען די פּאָזיציאָן, וועלכע זי האָט אָנגענומען פאַר זיין צייט. די לאַגע אין פראַנקרייך, שפּאַניען און איטאַליען איז געווען אַזעלכע, אַז נור די פעסטע האַלטונג פון דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, וועלכער האָט זיך געהאַט ענטוויקעלט צווישען די אינטערנאַציאָנאַליסטען פאַר דעם דייטש-פראַנצויזישען קריעג, האָט אָבגעהאַלטען די רעגיערונגען פון זייער פּלאַן, צו אונטערדריקען די גאַנצע אַרבייטער בעוועגונג און איינצופיהרען די הערשאַפט פון ווייסען טעראָר. עס איז גוט בעוואוסט, אַז די ווידער הערשטעלונג פון דער בורבאָן-מאָנאַרכיע אין פראַנקרייך האָט געהאַלטען גאַנץ נאָהענט פערווירקליכט צו ווערען. מאַרשאַל מאַקמאַהאָן וואַר אָנגעהאַלטען אַלס פּרעזידענט פון דער רעפּובליק נור אום צו פּערפּערטיגען די מאָנאַרכיע; אפילו דער טאָג, ווען הענרי דער פינפטער האָט געזאָלט, מיט גרויס צערעמאָניע, אַריינגעפיהרט ווערען אין פּאַריז איז שוין אויך געווען בעשטימט; און אפילו דער געשפּאַן פון די פערד, בעפּוצט מיט דער קרוין און די בוכשטאַבען פון דעם סאַמאָוואַנעץ, זיינען געווען אָנגעגרייט. און עס איז אויך בעוואוסט, אַז עס איז נור צו פערדאַנקען דעם פאַקט, וואָס גאַמבעטאַ און קלעמאַנסאָ — דער אָפּאָרטוניסט און דער ראַדיקאַל — האָבען בעדעקט גרויסע טהיילען פון פראַנקרייך מיט קאָמיטעס, בעוואַפענט און בעריים זיך צו ערהויבען, אַזוי שנעל ווי דער שטאַאַטס-שטרייך וועט געמאַכט ווערען, וואָס דער פּלאַן פון אַ מאָנאַרכיע איז צוקלאַפּט געוואָרען. אָבער די אמת'ע קראַפט פון יענע קאָמיטעס איז געווען אין די אַרבייטער פון וועלכע פיעלע האָבען פריהער בעלאַנגט צום אינטערנאַציאָנאַל און האָבען נאָך געהאַט דעם אַמאָליגען גייסט. רייזענדיג פון פּערזענליכער קענטניס, מעג איך מיר ערלויבען די דרייסטקייט צו זאָגען, אַז די ראַדיקאַלע מיטעל-קלאַס פיהרער וואָלטען געבליבען אָבהענדיג ביי אַזאַ צופאַל, וועהרענד די אַרבייטער וואָלטען זיך געפּאָליעוועט מיט דער ערשטער געלעגענהייט און, אָנהויבענדיג מיט דער-פערטהיידיגונג פון דער רעפּובליק, וואָלטען זיי געגאַנגען פיעל ווייטער אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג.

דאָס זעלבע איז געווען אין שפּאַניען. אַזוי שנעל ווי די קלעריקאַלען

און אַריסטאָקראַטען האָבען געווירקט אויף'ן קעניג, ער זאָל נאָך מעהר פֿערזינקען דאָס לאַנד אין רעאַקציאָן, האָבען איהם די רעפּובליקאַנער געסטראַשעט מיט דער בעוועגונג, אין וועלכער דער אמת קעמפּפֿענדער עלעמענט וואָלט געווען דאָס אַרבייטער־פּאָלק. דאָס האָבען זיי גוט געוואוסט. אין קאַטאַלאָניען אַליין זיינען געווען איבער הונדערט טויזענד מענער אין שטאַרק אָרגאַניזירטע יוניאָנס, און צום אינטערנאַציאָנאַל האָבען בעלאַנגט העכער אַכציג טויזענד שפּאַניער, וועלכע האָבען אָבגעהאַלטען רעגולערע קאָנגרעסען, און האָבען געצאָהלט זייערע בייטרעגע פּינקטליך ווי נור שפּאַניער פֿערשטעהען צו ערפֿילען זייער פֿליכט. איך קען ריידען פֿון דיזע אָרגאַניזאַציאָנען פֿון פּערזענליכע ערפֿאַהרונג, וועלכע איך האָב געהאַט אויף'ן פּלאַץ גופֿא, איך ווייס אַז זיי זיינען געווען בערייט צו ערקלעהרען די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון שפּאַניען, אָבלאָזען די קאָלאָניעס, און אין מאַנכע פּאָרטגעשריטענע געגענדען מאַכען אַ גאַנץ ערנסטען פֿערזוך איינצופֿיהרען דעם קאָלעקטיוויזמוס. אָט דיעזעס אייביגע שרעקענס־בילד וואַר עס, וועלכע האָט די שפּאַנישע מאָנאַרכיע אָבגעהאַלטען פֿון אונטערצודריקען אַלע אַרבייטער און בויערען אָרגאַניזאַציאָנען, און איינצופֿיהרען אַן אָפֿענע קלעריקאַלע רעאַקציאָן.

דיזעלבע אומשטענדען האָבען אויך געהערשט אין איטאַליען. די טרייד־יוניאָנס פֿון נאָרד־איטאַליען האָבען נאָך ניט געהאַט דערגרייכט די מאַכט וואָס זיי האָבען איצט; אָבער גאַנצע געגענדען זיינען פּשוט געווען בעדעקט מיט אינטערנאַציאָנאַלע סעקציאָנען און רעפּובליקאַנישע גרופּען. די מאָנאַרכי איז תמיד געהאַלטען געוואָרען אין צוויק פֿון די מיטעל־קלאַס רעפּובליקאַנער, וועלכע האָבען געסטראַשעט דעם קעניג מיט דעם רעוואָלוציאָנערען עלעמענט פֿון צווישען די אַרבייטער.

מיט איין וואָרט, צוריקבליקענדיג אויף דיעזע יאָהרען, פֿון וועלכע אַ פֿערטעל יאָהרהונדערט טהיילט אונז איצט אָב, בין איך פֿעסט איבערצייגט, אַז דאָס וואָס אייראָפּאַ איז ניט דורכגעגאַנגען אַ פּעריאָדע פֿון שרעקליכער רעאַקציאָן נאָך 1871, איז עס געווען צו פֿערדאַנקען דעם גייסט, וועלכער איז אויפֿגעוועקט געוואָררן אין מערב־אייראָפּאַ פֿאַר דעם דייטש־פֿראַנצויזישען קריעג, און וועלכער איז זייט דאַן אויפֿגעהאַלטען געוואָרען פֿון די אַנאַרכיסטישע אינטערנאַציאָנאַליסטען, די בלאַנקיסטען, די מאַדזיניסטען, און די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער.

פֿערטהאָן אין זייערע לאָקאַלע וואַהל־קעמפּפֿרייען, האָבען די מאַרקסיסטען נאַטירליך ניט אָנגעהויבען צו פֿערשטעהן דיעזע זאַכלאַגע. ציטערענדיג, אַז ביסמאַרק זאָל ניט אויסגיסען זיין גרימצאָרן אויף זייערע

קעפּ, און נאָך מעהר שרעקענדיג זיך, אַז דער רעוואָלוציאָנערער גייסט זאָל חס ושלום ניט אויסברעכען אין דייטשלאַנד, און ניט בריינגען מיט זיך אונטערדריקונגען, וועלכע זיי וואַרען ניט שטאַרק גענוג ווידערצושטעהן, האָבען זיי ניט נאָר זיך אָבגעשאָקעלט, צוליעב טאַקטישע צוועקען, פון אַלער סימפּאַטיע מיט די רעוואָלוציאָנערען פון די מערב־לענדער, נור זיי האָבען זאָגאַר גענומען האַסען דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט גופא, און זיי האָבען איהם פערשריען מיט אמת'ן גיפט, וואו נור ער האָט זיך געוויזען, אפילו ווען זיי האָבען איהם דערזעהן אין רוסלאַנד.

קיין רעוואָלוציאָנערע צייטונג האָט צו יענער צייט ניט געקאָנט געדרוקט ווערען אין פראַנקרייך, אונטער מאַרשאַל מאַק־מאַהאָן. אפילו דאָס זינגען פון די מאַרסאַליעזע איז געהאַלטען געוואָרען פאַר א פערברעכען; און איך וואַר איינמאָל זעהר ערשטוינט, ווען איך האָב בעמערקט דעם פּחד, וועלכער האָט אָנגעכאַפּט עטליכע פון מיינע מיטרייזענדע אויף'ן באַהן, בעת זיי האָבען דערהערט רעקרוטען זינגען דיעזעס רעוואָלוציאָנערע ליעד. (אין מאַי, 1878) „מעג מען שוין ווידער זינגען די מאַרסאַליעזע?" האָבען זיי זיך איינער דעם צווייטען געפרעגט מיט שרעקען. די פראַנצויזישע פּרעסע האָט דאַרום ניט געהאַט קיין סאָציאַליסטישע צייטונגען. די שפּאַנישע צייטונגען וואַרען זעהר גוט רעדיזשירט, און מאַנכע מאַניפעסטען פון זייערע קאָנגרעסען וואַרען וואונדערבאַרע דאַרלעגונגען פון אַנאַרכיסטי־שען סאָציאַליזמוס; אָבער ווער ווייס עפּעס פון שפּאַנישע אידעען אויסער שפּאַניען? די איטאַליענישע צייטונגען ווידער האָבען ליידער ניט געלעבט לייגגער ווי דער קקיון של יונה; אָט זיינען זיי ערשיענען און גלייך זיינען זיי אונטערגעגאַנגען, און דאַן ווידער ערשיענען אין אַן אַנדער פּלאַץ אונטער אַן אַנדער נאָמען; און פראַכטפאָל גוט ווי מאַנכע פון זיי וואַרען האָבען זיי זיך דאָך אויסער איטאַליען ניט פערבריימעט. פאָלגליך. וואַר עס די זשוראַ פעדעראַציאָן, מיט איהרע צייטונגען וואָס זיינען אַרויסגעלאָזען געוואָרען אין פראַנצויזיש, וועלכע איז געוועזען דער צענטער פון וואַנען אויס דער רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט זיך פערשפּרייט אין די לאַטיינישע לענדער, און דיזע זשוראַ פעדעראַציאָן האָט אַזוי אַרום געראַטעט איירָאפּאַ פון אַ זעהר פינסטערע פעריאָדע פון רעאַקציאָן. און דאָס וואַר אויך דער באָדען אויף וועלכען דער טהעאָרעטישער בעגריף פון אַנאַרכיזמוס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען פון באַקונין און זיינע נאָכפאָלגער אין אַ שפּראַך, וועלכע גאַנץ איירָאפּאַ האָט פערשטאַנען.

צו דער זשוראַ פעדעראַציאָן האָבען דאַמאָלסט בעלאַנגט פילע בעוואוסטע מענער פון פערשיעדענע נאַציאָנאַליטעטען, כמעט אַלע פער־

וענליכע פריינד פון באַקונין. דער רעדאַקטאָר פון אונזער הויפּט ציימונג, דער אָרגאַן פון דער פעדעראַציאָן, וואַר דזשיימס גיליאַם, א לעהרער פון פּראָפעסיאָן, וועלכער האָט בעלאַנגט צו איינער פון די אַריסטאָקראַטישע פאַמיליען פון ניו־שאַטעל. קליין, מאָגער, מיט דער שטייפקייט און פעסטקייט פון אַ ראָבעספּיער, און מיט אַן אמת גאָלדענער האַרץ, וועלכע האָט זיך געעפענט נור אין אינטימער פריינדשאַפט, וואַר ער אַ געבוירענער פיהרער דורך זיין מערקווירדיגע אַרבייטס־קראַפט און ריעזיגער טהעטיגקייט. אַכט לאַנגע יאָהר האָט ער געקעמפּפט געגען אַלערליי שוועריגקייטען אויפצוהאַלטען די צייטונג, נעהמענדיג דעם גרעסטען אַנטהייל אין יעדער איינצעלהייט פון דער פעדעראַציאָן, ביז ער האָט געמוזט פערלאָזען די שווייץ, וואו ער האָט ניט געקענט קריגען קיין שום אַרבייט מעהר, און ער האָט זיך בעזעצט אין פראַנקרייך, וואו זיין נאָמען וועט אַ מאָל דערמאָנט ווערען מיט דעם העכסטען רעספּעקט אין דער געשיכטע פון בילדונג.

אַדהעמאַר שוויצגעבעל, אויך אַ שווייצער, איז געווען דער טיפּ פון די לוסטיגע, לעבעדיגע, וויטציגע פראַנצויזיש־שפּרעכענדע זייגער מאַכער פון די בערנזער יורא בערג. אַ קאָפּערט־גראַווירער פון פאַך, האָט ער קיינמאָל ניט פּרובירט אויפגעבען זיין שטעלע אַלס האַנד־ווערקער, און אימער פרעהליך און טהעטיג, האָט ער אויפגעהאַלטען זיין גרויסע פאַמיליע אין די שרעקליכסטע סלעק־צייטען. זיין קראַפט צו בעגרייפען אַ שווערע עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע פראַגע, זי גוט אַרומצוטראַכטען ספּעציעל פון דעם אַרבייטערס שטאַנדפּונקט אויס, אָהנע פון איהר אַוועקצונעהמען איהר טיעפסטע בעדייטונג, וואַר וואונדערבאַר. אין די „בערג" האָט מען איהם גוט געקענט אַרום און אַרום, און ביי די אַרבייטער פון אַלע לענדער וואַר ער אַן אַלגעמיינער ליעבלינג.

דער דירעקטער געגענטהייל פון איהם וואַר אַן אַנדער שווייצער, אויך אַ זייגערמאַכער, שפּיכיגער. ער וואַר אַ פילאָזאָף, לאַנגזאַם אין בעוועגונג, אין דיינקען; אין זיין פיזישען געשטאַלט האָט ער אויסגעזעהן ווי אַן ענגלישמאַן; תמיד שטרעבענדיג צו דערגרונטעווען די פולע בעדייטונג פון יעדען פאַקט, און אונז אַלעמען ערשטוינענדיג מיט דער ריכטיגקייט פון זיינע שליעסע, צו וועלכע ער איז געקומען שטעהענדיג פערטראַכט ביי דער אַרבייט.

אַרום דיעזע דריי האָט זיך אַרומגעקליבען אַ מאַסע סאָלידע, שטאַנדהאַפטע, מיטעליעהריגע אָדער עלטערע אַרבייטער, ליידענשאַפטליכע ליעבהאָבער פון פרייהייט, אייפריג אַנטהייל צו נעהמען אין אַזאַ גרויסאַרטיגע

בעוועגונג, און אַרום אַ הונדערט טיכטיגע יונגע לייט, אויך דאָס רוב זייגערמאַכער, — אַלע זעהר אונאַבהייניגיג און ליעבענס־ווירדיג, זעהר ענערגיש, און בערייט צו געהן ביז דער העכסטער שטופּע פון זעלבסט־אויפּאָפּפערונג.

אַסך אַנטלאָפענע פון דער פּאַריזער קאָמונע האָבען זיך געהאַט אָנגעשלאָסען אָן דער פעדעראַציאָן. עליזע רעקלו, דער גרויסער געאָגראַף איז געווען איינער פון זיי, אַ טיפּ פון דעם אמת׳ן פּיוריטאַנער אין זיין אַרט לעבען, און פון דעם פראַנצויזישען ענציקלאָפּעדיסטישען פילאָזאָף פון לעצטען יאַהרהונדערט אין זיין גייסט; אַ מענש וועלכער בעגייסטערט אַנדערע, אָבער וועלכער האָט אויף זיין גאַנצען לעבען איבער קיינעם ניט געהערשט, און וועט קיינמאָל ניט הערשען; דער אַנאַרכיסט וועמעס אַנאַרכיזמוס איז דער רעזולטאַט פון זיינע ברייטע, אינטימע קענטניסע פון אַלע פאָרמען פון מענשליכען לעבען אונטער יעדען מין קלימאַט און אין אַלע שטופען פון ציוויליזאַציאָן; וועמעס ביכער גילטען צווישען די בעסטע פון דעם יאַהרהונדערט; וועמעס סטיל, פון אַ מערקווירדיגער שעהנהייט בעוועגט דעם גייסט און דאָס האַרץ; און וועלכער, אַריינקומענדיג אין דער רעדאַקציע פון אַן אַנאַרכיסטישער צייטונג, ווענדעט זיך צום רעדאַקטאָר, — מעג ער זיין אַן אינגעל אין פערגלייך צו איהם, — און בעט: „זאָגט מיר וואָס איך זאָל טהאָן“, און ער וועט זיך אַוועקזעצען, פּונקט ווי אַ רעפּאָרטערעל, אויסצופילען אַ געוויסע צאָהל שורות, וואָס פעהלען אויס אין דער לויפענדער נומער פון דער צייטונג. אין דער פּאַריזער קאָמונע האָט ער איינפאַך גענומען אַ ביקס און אַוועקגעשטעלט זיך אין דער רייהע; און ווען ער לאַדעט איין אַ מיטאַרבייטער מיטצו־ווירקען אין זיין וועלט־בעריהמטע געאָגראַפיע, און דער מיטאַרבייטער פרעגט ביי איהם שרעקענדיג, „וואָס האָב איך צו טהאָן?“ ענטפערט ער: „אָט זיינען די ביכער, און אָט איז דער טיש. טהו ווי דו פערשטעהסט“.

לעבען איהם איז געוועהן לעפראַנסוי, אַן עלטערער מענש, אַ לעהרער, וועלכער איז געווען אַ פליכטלינג דריי מאָל אין לעבען; נאָך יוני 1848, נאָך נאַפּאָלעאָנ׳ס שטאַאַט־שטרייך, און נאָך 1870. אַן עקס־מיטגליעד פון דער קאָמונע, און דאַרום איינער פון די, אויף וועלכע מי האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען אַנטלאָפען פון פּאַריז מיט מיליאָנען אין די קעשענעס, האָט ער געאַרבייט אַלס אַ פּאַק־טרעגער ביי די באַהן פון לאָזאַן, און איז שיער ניט אומגעקומען אין דיזער אַרבייט, וועלכע האָט געפאָדערט אינגערע פּלייצעס ווי זיינע. זיין בוך איבער די פּאַריזער קאָמונע איז דער איינציגער אין וועלכען די אמת׳ע היסטאָרישע בעדייטונג פון

דיעזער בעוועגונג איז געשטעלט געוואָרען אין דעם ריכטיגען ליכט. „אַ קאָמוניסט ניט קיין אַנאַרכיסט, ביטטע", פּלעגט ער זאָגען. „איך קען ניט אַרבייטען מיט אַזעלכע נאַראָנים ווי איהר זייט"; און ער האָט מיט קיין אַנדערע דאָך ניט געוואָלט אַרבייטען, „וויל איהר שוטים", פּלעגט ער זאָגען, „זייט די מענשען, וועלכע איך ליעב אַם בעסטען. מיט אייך קען מען אַרבייטען צוזאַמען און דאָך בלייבען ביי זיין איך".

נאָך אַ געוועזענער מיטגליעד פון דער פּאַריזער קאָמונע וואַר פּינדי, אַ סטאָליאַר פון נאָרד־פראַנקרייך, אָבער דעננאָך אַן עכטער פּאַריזער. ער איז זעהר בעריהמט געוואָרען אין פּאַריז אין דער צייט פון אַ סטרייק, וועלכען דער אינטערנאַציאָנאַל האָט אונטערשטיצט. פּינדי וואַר אַן ענערגישער און העכסט אינטעליגענטער מאַן, ער וואַר ערוועהלט אַלס מיטגליעד פון דער קאָמונע, וועלכע האָט איהם געמאַכט פאַר אַ קאָמאַנדיר פון דעם טילערי פּאַלאַץ. בשעת די ווערסיילער זיינען אַריין אין פּאַריז, דערשיסענדיג הונדערטער געפאַנגענע קאָמונאַרען, זיינען דריי מענשען דערשאָסען געוואָרען אין פערשיעדענע טהיילען פון פּאַריז, וויל מי האָט געמיינט אַז דאָס וואַר פּינדי. אָבער פּינדי האָט זיך נאָך די שלאַכט פון פּאַריז בעהאַלטען אין'ם צימער פון אַ בראַווער מיידעל, אַ נייטערין, וועלכע האָט איהם גערעטעט דורך איהר קאַלטבליטיגקייט, בעת איהר הויז איז דורכגעזוכט געוואָרען פון די טרופּען; זי איז דערנאָך געוואָרען זיין פרוי. בלויז אין 12 מאָנאַטען אַרום איז עס זיי געלונגען צו פערלאָזען פּאַריז אין געהיים, אָנקומענדיג קיין שווייצאַריען. דאָ האָט זיך פּינדי אויסגעלערענט פאַר אַ מינץ־פּראָבירער, און ער איז שפּעטער געוואָרען אַ געשיקטער בעל מלאכה; שטעהענדיג דעם גאַנצען טאָג ביים רויט־הייסען אויווען, האָט ער דאָך זיין גאַנצען אָבענד געווידמעט דער ליידענשאַפטליכער פּראָפּאַגאַנדאַ, אין וועלכער ער האָט אויסגעצייכענט גוט פעראייניגט די היציגקייט פון אַ רעוואָלוציאָנער מיט דעם געזונדען שכל און דער אָרגאַניזאַציאָנסקראַפט, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש ביי דעם פּאַריזער אַרבייטער.

פּ אַ וו ע ל ב ר ו ס, איז דאַמאָלס געוועזען אַ יונגער דאָקטאָר, פול מיט גייסטיגער טהעטיגקייט, שטירמיש, שאַרף, לעבעדיג, בערייט צו ענטוויקלען יעדע אידעע מיט אַ געאָמעטרישער לאָגיק ביז צו דער אויסער־סטער שלוספאָלגערונג; מעכטיג אין זיין קריטיק איבער דעם שטאַאַט און די שטאַאַט־אָרגאַניזאַציאָן; געפינענדיג גענוג צייט צו רעדיזשירען צוויי צייטונגען, אין פראַנצויזיש און אין דייטש, צו שרייבען מאַסען גרויסע בריעף, צו זיין די טהעטיגע פערזאָן ביי אַן אַרבייטערס אָבענד־פּאַרטי; תמיד

פּערנומען אָרגאַניזירענדיג פּעראיינען מיט דעם שאַרפּען גייסט פּון דעם אמת׳ן זיד־מענשען.

פּון די איטאַליענער, וועלכע האָבען מיטגעאַרבייט מיט אונז אין דער שווייץ, מענער וועמעס נעמען זיינען אימער געווען פּעראייניגט, און וועלכע וועלען בלייבען טיעף אין דעם זכרון פּון מעהר אַלס איין איטאַל־יענישען דור, זעהר אינטימע פּריינד פּון באַקונין, וואַרען קאַפּיעראָ און מאַלאַטעסטאַ. קאַפּיעראַ וואַר אַן אידעאַליסט פּון דעם העכסטען און ריינסטען טיפּ, וועלכער האָט אַוועקגעגעבען זיין היבשען פּערמעגען פּיר די זאַכע, און וועלכער האָט זיך קיינמאָל ניט געשטעלט די פּראַגע פּון וואַנען ער וועט לעבען; א דענקער אַריינגעטהאָן אין פּילאָזאָפּישע ספּעקולאַציאָנען; אַ מאַן וועלכער האָט ניט געקענט זאַטשעפּען אַ פּליעג אויף׳ן וואַנד, און האָט דאָך געגריפּען די ביקס אין האַנד און איז אוועק אין די בערג פּון בענעווענטאָ, בעת ער און זיינע פּריינד האָבען געדיינקט אַז עס וועט זיי געלינגען אַרויסצורופּען אַ סאָציאַליסטישען אויפּשטאַנד, אפּילו ווען דאָס זאָל בלויז לערנען דעם פּאָלק, אַז זיינע רעוואָלטען מוזען האָבען אַ טיעפּערע בעדייטונג, ווי אַן איינפּאַכער בונט געגען דעם אַקציזניק.

מאַלאַטעסטאַ איז געווען אַ שטודענט דער מעדעצין און ער האָט פּערלאָזען דיעזע פּראָפּעסיאָן און אויך זיין גאַנצען פּערמעגען צוליעב די זאַכע דער רעוואָלוציאָן; פּול מיט פּייער און אינטעליגענץ, אַ ריינער אידע־אַליסט, וועלכער האָט זיין גאַנצען לעבען — ער איז שוין איצט קרוב פּון פּופּציג — ניט אַ טראַכט געטהאָן צו ער וועט האָבען אַ שטיקעל ברויט אויף זיין נעכסטען מאָהלצייט און אַ נאַכטלעגער וואו אַוועקצולייגען דעם קאָפּ זיינעם; אָהן דעם קלענסטען צימערעל, וועלכעס ער זאָל קענען אָנרופּען זיין אייגענס, פּלעגט ער אַרומגעהן אין די גאַסען פּון לאָנדאָן און פּערקויפּען סערבעט (אַזאַ מין געטראַנק). און אויף דער נאַכט פּלעגט ער שרייבען בריליאַנטענע אַרטיקלען פּאַר די איטאַליענישע צייטונגען. איינגע־קערקערט אין פּראַנקרייך, בעפּרייט, אויסגעוויזען, ווידער אַמאָל פּעראורט־טהיילט אין איטאַליען, פּעריאָגט אויף אַ וויסטען אינזעל, אַנטלאָפּען, און ווידער אַמאָל אין איטאַליען פּערמאַסקירטערהייט; אימער אין רעכטען מיטען קאַמפּף, סיי אין איטאַליען אַדער אַנדערשוואו, — פּיהרט ער שוין אַזאַ לעבען דרייסיג יאָהר לאַנג. און בשעת מיר טרעפּען זיך מיט איהם ווידער, בעפּרייט פּון אַ טורמע, אָדער אַנטלאָפּען פּון אַן אינזעל, זעהט ער אויס פּונקט ווי ער האָט אויסגעזעהן ווען מיר האָבען איהם געזעהן פּריהער; אימער איבער׳ס ניי אויפּנעהמענדיג דעם קאַמפּף, מיט דערזעלבער

ERRICO MALATESTA.

ליעבע פיר די מענשהייט, אהן דעם מינדעסטען האס צו זיינע שונאים אדער געפענגנים־וועכטער, מיט דעם זעלבען הערצליכען שמייכעל פאר א פריינד, דער זעלבער ליעבשאפט צו א קינד.

רוסישע זיינען געווען ווענינ צווישען אונז, דאס רוב האבען זיי בעלאנגט צו דער דייטשער סאָצ. דעמאקראטישער שולע. דאך האבען מיר געהאט זשוקאָווסקין, א פריינד פון אלעקסאנדער הערצען, וועלכער האט פערלאָזען רוסלאנד אין 1863, — א ברילִיאנטענער, עלעגאנטער, העכסטע אינטעליגענטער אדעלמאן, א ליעבלינג פון די ארבייטער, — וועלכער האט מעהר ווי אימיצער פון אונז געהאט דאס וואס די פראנצויזען רופען אן דעם „אויער פין׳ם ארבייטער”, מחמת ער האט פערשטאנען ווי אזוי צו בעגייסטערען דאס פאָלק, דערמיט וואס ער האט זיי געשטעלט פאר די אויגען די גרויסע ראָלע, וועלכע זיי האבען זיך אלס אויפבויער דער געזעלשאפט; ער האט געקענט אויפהויבען די מאסע צו זיך, איהר שיל־דערענדיג הויכע היסטאָרישע אנזיכטען, צו מאכען קלאָהר ווי דער טאָג די העכסטע פערפלאָנטערטע עקאָנאָמישע אויפגאבען, און זיי צו עלעקטריזירען מיט זיין ערנסטקייט און פייערליכקייט. סאָקאָלאָף, א געוועזענער אָפיציער פון׳ם רוסישען גענעראל־שטאב, א תלמיד פון פאהל לואי קוריער פאר זיין דרייסטקייט און פון פרודהאָן פאר זיינע פילאָזאָפישע אידעען, וועלכער האט געמאכט א היבשע ביסעל סאָציאליסטען מיט זיינע קריטישע ארטיקלען, איז אויך צו יענע צייט געווען מיט אונז.

איך דערמאָן בלויז די, וועלכע זיינען בעקאנט געוואָרען אין דער וועלט אלס שרייבער, אָדער אלס דעלעגאטען פון קאָנגרעסען, אָדער אויף עפעס אנאנדער מין אופן. און דאך פרעג איך מיך, צו איך וואלט ניט בעסער געטהאָן ווען איך זאָל ליעבער דערמאָנען די וואס האבען קיינמאָל זייערע נעמען ניט געזעהן געדרוקט, אָבער וועלכע זיינען געווען פונקט אזוי וויכטיג אין׳ם לעבען פון דער פעדעראציאָן, ווי יעדער איינער פון די שרייבער, וועלכע האבען געקעמפפט אין די רייהען און ווארען אימער בערייט זיך אָנצושליסען אין יעטוועדער אונטערנעהמונג, קיין מאָל ניט פרעגענדיג צו די ארבייט וועט זיין פון גרויסער אָדער פון קליינער וויכטיגקייט, בעריהמט אָדער בעשיידען, — צו זי וועט האָבען גרויסע פאָלגען, אָדער זי וועט זיך ענדיגען אין אונענדליכען עגמת נפש פאר זיך אליין און פאר זייערע פאמיליען.

איך האב אויך געברויכט צו דערמאָנען די דייטשען ווערנער און רינקע, דעם שפאניער אלבאראטשין, און אסך אנדערע; אָבער איך האָב מורא, אז דיזע שוואכע שילדערונגען מיינע וועלען דעם לעזער ניט קענען

איבערגעבען דעמזעלבען געפיהל פון אַכטונג און ליעבע, מיט וועלכע יעדער איינער פון אונזער קליינער פאַמיליע האָט בעגייסטערט די יעניגע, וועלכע האָבען זיי פערזענליך געקענט.

מערב איירָאָפּאַ.

פון אַללע שטעדט אין שווייצאַריען, וועלכע איך קען, איז פיליייכט לאַשאָ־דע־פאָנד די מיאוס׳טע. זי ליגט אויף אַ הויכען פלאַכען פעלד גאַנץ אָהן בוימער אָדער גראָז, אָפען פאַר די ביטערע קאַלטע ווינטען אין ווינטער, בעת דער שנעע ליגט אַזוי טיעף ווי אין מאָסקווע, און צוגעהט און פאַלט ווידער אָן, אַזוי אָפט ווי אין פעטערסבורג. אָבער עס וואַר נויטווענדיג צו פערשפרייטען אונזערע אידעען אין דיעזען צענטער, און אַריינצוגעבען מעהר לעבען אין דער לאָקאַלער פראָפּאַגאַנדאַ. פּינדי, שפּיכיגער, אַלבאַרראַטשין, די בלאַנקיסטען פעררע און זשאַללאָ וואַרען דאָרט, און פון צייט צו צייט האָב איך געקענט בעזוכען גיליאָם׳ען אין ניישאַטעל, און שווייצגעבעל אין דעם טהאָל פון סיינט אימיער.

פאַר מיר האָט זיך איצט געעפענט אַ לעבענס־אַרבייט, וועלכע איך האָב ליעב געהאַט. מיר האָבען אָבגעהאַלטען פיעלע פערזאַמלונגען, אַליין צוטהיילענדיג די צירקולאַרען אין די קאַפע הייזער און ווערקשאָפּס. איין מאָל אין וואָך פלעגען מיר אָבהאַלטען אונזער סעקציאָן־פערזאַמלונג, אויף וועלכע די לעבעדיגסטע דיסקוסיאָנען פלעגען שטאַטפינדען, און מיר זיינען אויך געגאַנגען צו די מיטינגס, וועלכע די פאָליטישע פאַרטייען פלעגען איינרופען, אום אויך דאָרט צו פראָפּאַגאַנדירען דעם אַנאַרכיזמוס. איך האָב פיעל גערייזט, בעזוכענדיג אַנדערע סעקציאָנען און זיי העלפענדיג אין זייער אַרבייט.

אין פערלויף פון ווינטער האָבען מיר געוואונען די סימפּאַטי פון פיעלע; אָבער אונזער רעגולערע אַרבייט איז פיעל געשטערט געוואָרען דורך אַ קריזיס אין דעם זייגערמאַכער פאַך. אַ העלפט אַרבייטער האָבען אָדער גאָר קיין אַרבייט ניט געהאַט, אָדער וואַרען בלויז טהיילווייז בעשעפ־טיגט, אַזוי אַז די שטאָדט האָט געמוזט עפענען קוכאַרניעס און שפּייזען די בעפעלקערונג מיט ביליגע עסענס אויף קאָסט פרייז. די קאָאָפּעראַטיווע ווערקשאָפּ, וועלכע די אַנאַרכיסטען האָבען געגרינדעט אין לאַשאָ־דע־פאָנד,

פֿון וועלכער דער ריוח פֿלעגט צוטהיילט ווערען צווישען אַלע מיטגלידער גלייך, האָט געהאַט גרויסע שוויריגקייטען צו קריעגען אַרבייט ניט קוקענדיג אויף איהר רעפּוטאַציע, און שפּיגער האָט זיך עטליכע מאָל געמוזט נעהמען צו וואָל־שפּינעריי אום צו האָבען פֿון וואָס צו ציהען זיין חיונה.

מיר האָבען אַלע אַנטהייל גענומען, יענעם יאָהר, אין אַ דעמאָנ־סטראַציאָן מיט׳ן רויטען באַנער אין בערן. די כוואַליע פֿון רעאַקציאָן האָט געהאַט דערגרייכט די שווייץ, און די בערנער פּאָליציי האָט פֿערבאָטען צו טראָגען די אַרבייטער־פֿאָהן, טראָץ דאָס קאָנסטוציאָנעלע רעכט. עס איז דעריבער געווען נויטיג צו ווייזען, אַז דאָ און דאָרט געפֿינען זיך לכל הפּחות מאַנכע אַרבייטער, וועלכע ערלויבען ניט מי זאָל טרעמפּלען זייערע רעכטע אונטער די פֿיס, און שטעלען זיך אַנטקעגען. מיר זיינען אַלע אַוועק קיין בערן צו פֿייערען דעם יאָהר־צייט פֿון דער קאָמונע און צו טראָגען די רויטע פֿאָהן אין די גאַסען, ניט קוקענדיג אויף דעם אוקאַז. פֿערשטעהט זיך, אַז עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטוים מיט דער פּאָליציי, אין וועלכען צוויי קאַמעראַדען האָבען ערליטען עטליכע שניט פֿון פּאָליציייסקע שווערדען, און צוויי אָפֿיצירען זיינען צימליך שוער פֿערוואונדעט געוואָרען, אָבער דער רויטער באַנער איז דאָך אַוועקגעטראָגען געוואָ־רען אין זאַל אַריין, וואו אַ העכסט לעבעדיגע פֿערזאַמלונג איז אָבגעהאַלטען געוואָרען. עס איז קוים נויטיג צו זאָגען, אַז די זאָגענאַנטע פֿיהרער וואַרען אין דער רייהע און האָבען געקעמפּפֿט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אַרבייטער. דער משפּט האָט פֿערוויקעלט העכער דרייסיג שווייצער בירגער, וועלכע האָבען אַלע זעלבסט געפֿאָדערט מען זאָל זיי משפּט׳ן, און די־יעניגע, וועלכע האָבען פֿערוואונדעט די אָפֿיצירען האָבען זיך אַליין צוגעשטעלט און האָבען געזאָגט, אַז זיי האָבען עס געטהאָן. אין פֿערלויף פֿון דיעזען פֿערהער איז געוואונען געוואָרען גרויסע סימפּאַטיע פֿיר די זאַכע; יעדער האָט פֿערשטאַנען, אַז אַלע רעכטע מוזען אייפֿערזיכטיג בעשיצט ווערען, אום זיי ניט צו פֿערליערען. דער אורטהייל איז דאֵרום געווען אַ זעהר לייכטער, ניט איבער דריי מאָנאַט געפֿענגנים.

דאָך האָט די בערנער רעגירונג פֿערבאָטען צו טראָגען די רויטע פֿאָהן אין׳ם גאַנצען קאַנטאָן; און די זשוראַ פֿעדעראַציאָן האָט גלייך בע־שלאָסען זי יאַ צו טראָגען אין סיינט אימיער, וואו מיר האָבען יענעם יאָהר אָבגעהאַלטען אונזער קאָנגרעס. צו יענער צייט זיינען מיר כמעט אַלע געווען בעוואַפֿענט און בערייט צו בעשיצען אונזער באַנער מיט׳ן לעצטען טראָפּען בלוט אונזערעז.

אַ סקוואַדראָן פּאָליציי איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ

געוויסען פּלאַץ אָבצוהאַלטען אונזער דעמאָנסטראַציאָן; אַ רעגימענט מיליטער איז געווען אָנגעגרייט אויף׳ן פּעלד אין דער נאַכבאַרשאַפט, אונטער דעם אויסרייד, אַז זיי זיינען אַרויס אויף ציעל־פּראַקטיקע — מיר האָבען דייטליך געהערט זייער שיסעריי, בשעת מיר האָבען דורכמאַרשירט דורך די שטאָדט. אָבער ווען אונזערע רייהען זיינען ערשיענען אויף׳ן הויפּט־פּלאַץ, און דער מעער האָט געזעהן, אַז אָנגרייפען אונז וואָלט זיך ענדיגען מיט אַ בלוטיגע שלאַכט, האָט ער בעפוילען מען זאָל אונז לאָזען מאַרשירען אונגעשטערט, צום זאַאַל וואו די פערזאַמלונג האָט געזאָלט שטאַטפינדען. מיר האָבען אַוודאי קיין קאַמפף ניט געוואָלט; אָבער די אַנשטרענגונג פון יענעם מאַרש, אין מיליטערישער אָרדנונג, צום טאַקט פון דער מיליטערישער מוזיק, איז געווען עפּעס אַזאַ מאָדנע, אַז איך ווייס אַליין ניט פון וואָס פאַר אַ מין געפיהל מיר וואַרען דאַן איבערמעכטיגט, — ווערהענד די ערשטע מאָמענטען ווי מיר זיינען אַריין אין זאַאַל, — צו מיר האָבען זיך געפיהלט לייכטער דאַרום, וואָס מיר זיינען ניט אַריינגעצויגען געוואָרען אין אַן אונגעווינשטען קאַמפף, אָדער מיר האָבען ווירקליך בעדויערט דעם פאַקט, וואָס דער צוזאַמענשטויס האָט ניט שטאַטגעפונען. דער מענש איז אַ זעהר קאָמפּליצירטע חיה.

אונזער הויפּט טהעטיגקייט איז יעדאָך געווען אויסצואַרבייטען די פּראַקטישע און טהעאָרעטישע אַנזיכטען פון אַנאַרכיסטישען סאָציאַליזמוס, און אין דיעזער ריכטונג האָט די זשוראַ פעדעראַציאָן זיכערליך אויפגעטהאָן פיעלעס, וואָס וועט דויערען אויף דיר דורות.

מיר האָבען געזעהן, אַז אַ נייע געזעלשאַפטס־פאָרמע שפּראָצט אַרויס צווישען די ציוויליזירטע נאַציאָנען, וועלכע וועט פערנעהמען דעם פּלאַץ פון דער אַלטער פאָרמע: אַ געזעלשאַפט פון גלייכע מיטגליעדער, וועלכע וועלען ניט זיין געצוואונגען צו פערקויפען זייער קערפּער און זייער גייסט צו די וואָס גיבען זיי אַבי וועלכע אַרבייט; מענשען וועלכע וועלען קענען אָנווענדען זייערע קענטניסע און פעהיגקייטען אין דער פּראָדוקציאָן, אין אַן אָרגאַניזמוס וואָס וועט זיין אַזוי געבויט, אַז ער זאָל פעראייניגען אין זיך אַלע קרעפטען אום צו פערזאָרגען אַלעמען מיט דעם העכסט מעגליכען וואָהלזיין, און וואָס וועט אין דער זעלבער צייט בעוואַהרען פאַר׳ן אינדיווידואום זיין פאָלשטענדיגע פרייהייט, זיין גאַנצע איניציאַטיווע. דיעזע געזעלשאַפט וועט בעשטעהן פון אַ מאַסע פעראיינען, פעדערירט פיר יעטוועדען צוועק וואָס פאָדערט פעדעראַציאָן: פאַך־פעדעראַציאָנען פאַר יעדען מין פּראָדוקציאָן, — אַגריקולטוריעלע, אינדוסטריעלע, אינטעלעקטועלע און אַרטיסטישע, קאָמונעס פאַר קאָנסומאַציאָן, בעזאָרגענדיג הייזער, גאַז־ווערקע, שפּייז־

מאַגאַזינען, געזונדהייטס איינריכטונגען, א. ז. וו.; פֿעדעראַציאָנען פֿון קאָמונעס צווישען זיך זעלבסט, און פֿעדעראַציאָנען פֿון קאָמונעס מיט פֿאַך־אָרגאַניזאַציאָנען; און ענדליך, ברייטערע גרופּען, אַרומנעהמענדיג דאָס גאַנצע לאַנד, אָדער עטליכע לענדער וועלכע זאָלען בעשטעהן פֿון מענער וואָס וועלען צוזאַמענאַרבייטען פֿאַר די צופֿריעדענשטעלונג פֿון אַזעלכע עקאָנאָמישע, אינטעלעקטועלע, אַרטיסטישע און מאָראַלע פֿאָדערונגען, וועלכע זיינען ניט בעשריינקט אויף אַ געוויסען פּלאַץ. דיזע אַלע וועלען זיך פֿער־איינינגען דירעקט, דורך פֿרייוויליגע איינפֿערשטענדניסע צווישען זיך, פּונקט ווי די באַהן־קאָמפּאַניעס אָדער די פּאָסט־דעפּאַרטאַמענטען פֿון פערשיעדענע לענדער קאָאָפּערירען אַצונד, אָהן אַ צענטראַלע אייזענבאַהן אָדער אַ צענטראַלע פּאָסט רעגירונג, — כאָטש ווען די ערשטע ווערען אָנגעפֿיהרט דורך איינפֿאַך עגאָאיסטישע ציעלען, און די לעצטע בעלאַנגען צו פֿערשיעדענע און אָפֿט אויך פֿיינדליכע שטאַאַטען; אָדער, ווי די מע־טעאָראָלאָגיסטען (די וועטער לעהרער), די אַלפּען קלובס, די רעטונגס־שיפֿלעך סטאַציאָנען אין גרויס בריטאַניען, די בייסיקעל־פֿאָהרער, די לעהרער, א. ז. וו., וועלכע פֿעראייניגען זיך פֿאַר אַלערליי געמיינשאַפֿטליכע אַרבייט, פֿאַר אינטעלעקטועלע צוועקען, אָדער איינפֿאַך פֿאַר פֿערגעניגען. עס וועט זיין פֿולע פֿרייהייט פֿאַר די ענטוויקלונג פֿון נייע פֿאָרמען פֿון פּראָדוקציאָן, ערפֿינדונג און אָרגאַניזאַציאָן; אינדיווידועלע איניציאַטיווע וועט ערמוטהיגט ווערען, און די נייגונג צו איינפֿעלטיגקייט און צענ־טראַליזאַציאָן וועט ענטמוטהיגט ווערען. נאָך מעהר, דיזע געזעלשאַפֿט וועט ניט פֿערשטיינערט ווערען אין געוויסע אונפֿערענדערבאַרע פֿאָרמען, זאָנדערען זי וועט אַדרבא, זיך האַלטען אין איין אומבייטען. דען זי וועט זיין אַ לעבעדיגער, ענטוויקלענדיגער אָרגאַניזמוס; קיינער וועט ניט פֿיהלען קיין נויטווענדיגקייט פֿאַר אַ רעגירונג, מחמת פֿרייע פֿעדעראַציאָן וועט פֿערנעהמען איהר פּלאַטץ אין אַלע מיני טהעטיגקייטען, וועלכע די רעגירונגען האַלטען צו יעצטיגער צייט פֿאַר זייערע, און וויל די אורזאַכען פֿאַר מחלוקת וועלען דאַן זיין וויינציגער אין צאָהל, וועלען די יעניגע מחלוקת וואָס וועלען דאָך פֿאָרקומען לייכט אויסגעגליכען ווערען אָהן ספּעציעלע רעגירונגען.

קיינער פֿון אונז האָט ניט פֿערקלענערט די וויכטיגקייט און די גרויסקייט פֿון דער ענדערונג אויף וועלכע מיר האָבען געהאָפֿט. מיר האָבען פֿערשטאַנען, אַז די יעצטיגע עפֿענטליכע מיינונג מכח די הייליגקייט פֿון פריוואַט־אייגענטהום אין לאַנד, פֿאַבריקען, מינען, הייזער, א. ז. וו., אַלס מיטעל פֿון אינדוסטריעלען פּראָגרעס און מכח דעם לוין־סיסטעם אַלס

מיטעל צו צווינגען די מענשען צו אַרבייטען, — אַז דיזע איינגעוואָרצעלטע מיינונגען וועלען ניט קענען אַזוי געשווינד אָבראַמען דעם וועג פֿאַר אַ העכערען בעגריף פֿון געמיינשאַפֿטליכע איינענטהום און פּראָדוקציאָן. מיר האָבען געוואוסט, אַז מי וועט מוזען דורכלעבען אַ לאַנגווייליגע פּראָפּאַגאַנדאַ און אַ לאַנגע רייהע קעמפּפֿע, אינדיווידועלע זעלבסטאָפּפֿערונג, אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע בונטען געגען די יעצט הערשענדע פֿאָרמען פֿון איינענטהום; אַז מי וועט מוזען מאַכען שוואַכע פּראָבען איבערצובויען די געזעלשאַפֿט און קליינע רעוואָלוציאָנען, איידער די היינטיגע אידעען פֿון איינענטהום וועלען קענען אומגעענדערט ווערען. און מיר האָבען אויך געוואוסט, אַז דער הערשענדער גלויבען אין אויטאָריטעט — אין וועלכען מיר אַלע זיינען אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרען — וועט ניט און קען ניט אָבגעשאַפֿט ווערען אין דער ציוויליזירטער מענשהייט מיט איין קלאַפּ. עס וועלען נויטיג זיין לאַנגע יאָהרען פֿון פּראָפּאַגאַנדאַ און אַן אונגעהייערע מאַסע פֿון קליינע רעוואָלטען געגען די אויטאָריטעט, ווי אויך אַ פֿאָל־שטענדיגע רעוויזיאָן פֿון די לעהרען וואָס ווערען איצט געשעפּט פֿון דער היסטאָריע, איידער מענשען וועלען קענען בעגרייפֿען, אַז זיי האָבען געלעבט אין טעות, צושרייבענדיג צו די געזעצגעבער און זייערע געזעצע דאָס וואָס איז אין דער ווירקליכקייט אַרויסגעקומען פֿון זייערע איינענע געזעלשאַפֿטליכע געפֿיהלען און מנהגים. מיר האָבען אַלעס דאָס געוואוסט, אַז פֿריידיגענדיג רעפֿאָרם אין דיזע ביידע ריכטונגען, וועלען מיר אַרבייטען צוזאַמען מיט׳ן שטראָם פֿון מענשליכען פּראָגרעס.

ווען איך האָב מיך אַ ביסעל נעהנטער בעקענט מיט דער אַרבייטער־בעפֿעלקערונג און זייערע סימפּאַטיזירער פֿון דעם מעהר געבילדעטען קלאַס מענשען, האָב איך גלייך אויסגעפֿונען, אַז זיי האָבען געשעצט זייער פּער־זענליכע פֿרייהייט פֿיעל העכער, ווי זייער פּערזענליכען וואָהל זיין. מיט פופֿציג יאָהר צוריק, וואָרען די אַרבייטער בערייט צו פֿערקויפֿען זייער פּערזענליכע פֿרייהייט צו יעדען הערשער, און אפילו צו אַ צעזאַר, אַבי מי זאָל זיי צוזאָגען גענוג ברויט און אַנדערע מאַטעריעלע בעדירפֿניסע; אָבער איצט ניט מעהר. איך האָב בעמערקט, אַז דער בלינדער גלויבען אין ערוועהלטע רעגירער, אפילו ווען זיי זיינען גענומען געוואָרען פֿון צווישען די בעסטע פֿיהרער פֿון דער אַרבייטער־בעוועגונג, האָט געהאַלטען אין אויסשטאַרבען ביי׳ן אַרבייטער פֿון די לאַטיינישע לענדער. „מיר מוזען אַ פֿריהער וויסען וואָס מיר ווילען, און דאַן קענען מיר עס ערשט רעכט אַליין טהאָן אַם בעסטען", וואַר די אידעע וועלכע איך האָב געפֿונען פֿערשפּרייט צווישען זיי ווייט און ברייט, — מעהר ווי מי קאָן זיך פֿאָר־

שטעלען. דער זאַץ וועלכער איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין דער קאָנ־סטיטוציאָן פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל, „די בעפֿרייאונג פֿון די אַרבייטער מוז זיין די זאַכע פון די אַרבייטער זעלבסט", איז בעגעגענט געוואָרען מיט אַלגעמיינער סימפּאַטיע, און האָט זיך טיעף איינגעוואָרצעלט אין די מענשליכע מוחות. די טרויעריגע ערפֿאַהרונג פֿון דער פּאַריזער קאָמונע האָט דאָס נאָך מעהר פֿערפֿעסטיגט.

ווען דער אויפֿשטאַנד האָט אויסגעבראָכען, איז אַ בעדייטענדע צאָהל מענשען פֿון דער מיטעל־קלאַס גופא געשטאַנען בערייט צו מאַכען, אָדער וועניגסטענס אָנצונעהמען אַ נייעם אָנהויב אין דער סאָציאַלער ריכטונג. „ווען מיין ברודער און איך, אַרויסקומענדיג פֿון אונזער קליינעם חדר'ל, זיינען אַרויס אין גאַס", האָט מיר עליזעע רעקלו איין מאָל דער־צעהלט, האָבען אונז די רייכערע קלאַס מענשען פֿון אַלע זייטען געפֿרעגט: „זאָגט אונז וואָס מי זאָל אָנהויבען צו טהאָן. מיר זיינען בערייט צו פּראָבירען מאַכען אַ נייעם אָנהויב! אָבער מ י ר זיינען דאַן נאָך ניט געווען פֿערטיג צו מאַכען די פּלענער".

נאָך קיינמאָל איז אַ רעגירונג געווען אַזוי עהרליך רעפּרעזענטירט פֿון אַלע פֿאָרטגעשריטענע פּאַרטייען ווי די רעגירונג פֿון דער קאָמונע, וועלכע וואַר ערוועהלט דעם 25־טען מערץ 1871. אַלע שאַטירונגען פֿון רעוואָלוציאָנערע אידעען — בלאַנקיסטען, יאַקאָביניסטען, אינטערנאַציאָנאַ־ליסטען — זיינען דאָרט געווען פֿערטרעטען אין פּינקטליכער מאָס. און פֿון דעסטוועגען אַזוי ווי די אַרבייטער גופא האָבען ניט געהאַט קיין בעשטימטע אידעען פֿון סאָציאַלע רעפֿאָרמען, האָט די קאָמונע־רעגירונג אויך גאָר ניט אויפֿגעטהאָן אין דיעזער ריכטונג. שוין דער פֿאַקט וואָס זיי וואַרען אָבגעזונדערט פֿון די מאַסען און אָבגעשלאָסען אין'ם ראַטהויז, האָט זיי פּאַראַליזירט. אום דעם סאָציאַליזמוס צו פֿערווירקליכען, מוזען נויטווענ־דיגערווייזע געפֿערדיגט ווערען די אידעען פֿון ניט־רעגירונג, פֿון זעלבסט־בעוואוסטזיין, פֿון פֿרייע איניציאַטיווע פֿון'ם אינדיווידואום, — מיט איין וואָרט, פֿון אַנאַרכיזמוס, — צוזאַמען מיט די אידעען פֿון געזעלשאַפֿטליכען אייגענטהום און פּראָדוקציאָן.

מיר האָבען נאַטירליך פֿאָראויסגעזעהן, אַז ווען יעטוועדען מענשען בעזונדער וועט געגעבען ווערען די פֿולע פֿרייהייט אויסצושפּרעכען זיינע אידעען און צו טהאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט, וועט מען אונזערע פּרינציפּען שטאַרק מגזם זיין. איך האָב דאָס בייגעוואוינט אין דער ניהיליסטישער בעוועגונג אין רוסלאַנד. אָבער מיר האָבען געגלויבט — און די ערפֿאַהרונג האָט געוויזען, אַז מיר האָבען געהאַט רעכט — אַז דער געזעלשאַפֿטליכער

לעבען גופא, אונטערשטיצט פֿון אַן אָפֿענהערציגע, פֿרייע קריטיק פֿון מיינונגען און האַנדלונגען, וועט זיין דער בעסטער מיטעל אויסצודרעשען די פֿערשיעדענע אידעען און זיי צו בעשיצען פֿון די אונפֿערמיידליכע נוזמאות. מיר האָבען, אין פֿאַקט, געהאַנדעלט לויט נאָך׳ן אַלטען ווערטעל, אַז פֿרייהייט בלײבט דאָך די קליגסטע רפואה פֿאַר פֿרייהייט׳ס מאָמענטאַנע וועהען. אין דער מענשהייט ליגט טיעף איינגעוואָרצעלט אַ געזעלשאַפֿטליכער אינסטינקט — אַ ירושה פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, וועלכער איז נאָך ניט גענוג געשעצט, און וועלכער ווערט ניט אויפֿגעהאַלטען דורך צוואַנג און שטעהט העכער ווי דער צוואַנג. אויף דיעזען אינסטינקט איז געגרינדעט דער גאַנצער מענשליכער פּראָגרעס, און כל זמן די מענשהייט וועט ניט אָנהויבען צו געהן ריקווערטס — פֿיזיש און גייסטיג, וועט ער ניט קענען פֿערניכטעט ווערען, ווי פֿיעל מי זאָל איהם ניט קריטיקירען אָדער בעקעמפֿען. דאָס זיינען געווען די מיינונגען וועלכע זיינען געוואָרען פֿעסטער און פֿעסטער, וואָס גרעסער עס איז געוואָרען מיין ערפֿאַהרונג אין מענשען און געגענשטענדע.

מיר האָבען אין דער זעלבער צייט אויך פֿערשטאַנען, אַז אַזאַ ענדערונג קען ניט פּראָדוצירט ווערען דורך די נביאות פֿון איין איינציגען געניוס, אַז עס וועט ניט זיין איין מענשענס ענטדעקונג, זאָנדערען, אַז דאָס מוז קומען פֿון דער אויפֿבליהענדער אַרבייט פֿון די מאַסען, פּונקט ווי די פֿאָרמען פֿון די געזעצע וועלכע זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען פֿון פֿאָלק גופא, אין אָנהויב פֿון דעם מיטעל־אַלטער פֿון דער דאָרפֿ׳ס־קאָמונע, דעם צעך, די מיטעלאַלטערליכע שטאָדט, און וועלכע האָבען געלייגט דעם פֿונדאַמענט פֿון אינטערנאַציאָנאַלען געזעץ.

בעפֿאָר אונז האָבען שוין אַסך מענשען זיך אונטערנומען צו שיל־דערען אַן אידעאַלע רעפּובליק, זי בעגרינדענדיג מאַנכעסמאָל אויף׳ן פּרינציפּ פֿון פֿרייהייט. ראָבערט אָווען און פֿוריער האָבען געגעבען דער וועלט זייערע אידעאַלען פֿון אַ פֿרייער, זיך אָרגאַניש ענטוויקלענדער געזעלשאַפֿט, אין געגענזאַץ צו די פּיראַמידאַלע, פֿעסט־געמויערטע אידעאַלען, וועלכע זיינען קאָפּירט פֿון דער רוימישע קירכע. פּרודהאָן האָט פֿאָרטגעזעצט די אַרבייט פֿון אָווען און פֿוריער, און באַקונין, אָנווענדענדיג זיין ברייטע און קלאָהרע קענטניס פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע פֿון היסטאָריע אויף דער קריטיק פֿון די יעצטיגע אינסטיטוציאָנען, „האָט אויפֿגעבויט אין דער זעלבער צייט ווען ער האָט אומגעוואָרפֿען”. אָבער דאָס אַלעס איז בלויז געווען אַן הכנה צו דער הויפּט־אַרבייט.

די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן האָט ענטדעקט אַ

נייע מעטהאָדע ווי אַזוי צו לייזען די פֿראַגען פֿון פּראַקטישער סאָציאַלאָגיע, נעמליך: זיך ווענדענדיג צו די אַרבייטער גופא. די געבילדעטע מענשען וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל, האָבען זיך בלויז אונטערנומען אויפֿצוקלעהרען די אַרבייטער אין אַלעם דעם וואָס ס׳געהט פֿאָר אין פֿערשיעדענע לענדער אין דער וועלט, צו אַנאַליזירען די רעזול־טאַטען, און שפּעטער, אויך צו־צוהעלפֿען זיי צו פֿאָרמולירען זייערע שליסע. מיר האָבען ניט פּרובירט צוזאַמענצושטעלען אַן אידעאַלע רעפּוב־ליק פֿון אונזערע טהעאָרעטישע אנשויאונגען וואָס אַ געזעלשאַפֿט האָט געדאַרפֿט זיין, זאָנדערן מיר האָבען איינגעלאַדען די אַרבייטער זיי זאָלען אויספֿאָרשען די אורזאַכען פֿון די איצטיגע איבלען, און אין זייערע דיסקוסיאָנען און קאָנגרעסען צו נעהמען אין אַכט די פּראַקטישע זייט פֿון אַ בעסערע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן, ווי די אין וועלכע מיר לעבען. אַ פֿראַגע, וועלכע איז אויפֿגעהויבען געוואָרען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס איז רעקאָמאַנדירט געוואָרען אַלס אַ טהעמאַ פֿאַר אַלע אַרבייטער־יוניאָנס צו שטודירען. אין פֿערלויף פֿון אַ יאָהר איז זי דיסקוטירט געוואָרען איבער גאַנץ אייראָפּאַ, אויף די קליינע פֿערזאַמלונגען פֿון די סעקציאָנען, מיט אַ פֿולער קענטניס פֿון די לאָקאַלע בעדירפֿניסע פֿון יעדען טרייד און יעדער געגענד; דאַן איז די אַרבייט פֿון די סעקציאָנען געבראַכט געוואָרען פֿאַרן נעכסטען קאָנגרעס פֿון יעדער פֿעדעראַציאָן, און ענדליך איז זי פֿאָרגעלייגט געוואָרען אין אַ מעהר אויסגעאַרבייטען פֿאָרמאַט פֿאַר׳ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס. אַזוי אַרום איז אויגעאַרבייט געוואָרען דער בנין פֿון דער געזעלשאַפֿט נאָך וועלכען מיר האָבען געגאַרט, אין טהעאָריע און אין פּראַקטיק, פֿון אונטען אַרויף, און די זשוראַ פֿעדעראַציאָן האָט גענומען אַ גרויסען אַנטהייל אין דעם אויסאַרבייטען פֿון׳ם אַנאַרכיסטישען אידעאַל.

וואָס מיך זעלבסט אַנבעלאַנגט, זייענדיג געשטעלט אין אַזעלכע גינסטיגע אומשטענדען, האָב איך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו בעגרייפֿען, אַז אַנאַרכיזמוס בעדייטעט מעהר ווי אַ בלויזע מעטהאָדע, אַ בלויזער בעגריף פֿון אַ פֿרייער געזעלשאַפֿט; אַז דאָס איז אַ טהייל פֿון אַ פֿילאָזאָפֿיע, אַ נאַטירליכע און סאָציאַלע, וועלכע מוז ענטוויקעלט ווערען אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, ווי די מעטאַפֿיזישע אָדער דיאַלעקטישע מעטהאָדען, וועלכע זיינען געברויכט געוואָרען אין וויסענשאַפֿטען וואָס פֿערנעהמען זיך מיט׳ן שטודיום פֿון׳ם מענשען; איך האָב געזעהן, אַז דאָס מוז בעהאַנדעלט ווערען דורך די זעלבע מעטהאָדען ווי די נאַטורוויסענשאַפֿטען; ניט, יעדאָך, אויף׳ן גליטשיגען גרונד פֿון בלויזע פֿערגלייכונגען, אַזעלכע, למשל, ווי

הערבערט ספּענסער מאַכט, נאָר אויף דעם פֿעסטען באָדען פֿון אינדוקציאָן אָנגעווענדעט אויף מענשליכע אינסטיטוציאָנען. און איך האָב געטהאָן אַלעס וואָס איך האָב געקענט עטוואָס אויפֿצוטהאָן אין דיעזער ריכטונג.

אין יאָהר 1877, אין הערבסט, זיינען צוויי קאָנגרעסען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין בעלגיען: איינער פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן אין װערװיע, און דער צווייטער — אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין גענט. דער לעצטער איז געווען בעזאָנדערס וויכטיג, ווייל עס איז געווען בעקאַנט, דאָס די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטען וועלען מאַכען אַ פֿעראַזוך צו בריינגען די גאַנצע אַרבייטער־בעוועגונג פֿון אייראָפּאַ אונטער איין אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל זיין אונטערוואָרפֿען און געלייטעט פֿון אַ צענטראַלען קאָמיטעט, וואָס דאָס וואָלט געווען דער אַלטער גענעראַל־ראַטה פֿון אינטערנאַציאָנאַל אונטער אַ נייעם נאָמען. עס איז דאַרום געווען זעהר וויכטיג צו זעהן מיט אַלע קרעפֿטען אויפֿצוהאַלטען די אונאַבהענגיגקייט פֿון די אַרבייטער־אָרגאַניזאַציאָנען אין די לאַטיינישע לענדער, און מיר האָבען געטהאָן אונזער בעסט צו זיין גוט רעפּרעזענטירט אויף דיעזען קאָנגרעס. איך בין דאָרט געווען אונטער דעם נאָמען לעוואַשאָף. צוויי דייטשען זיינען כמעט די גאַנצע שטרעקע פֿון באַזעל ביז גענט געגאַנגען צו פֿוס, און כאָטש מיר זיינען געווען בלויז נײַן אַנאַרכיסטען, דאָך איז עס אונז געלונגען ניט צו־צולאָזען די אויספֿיהרונג פֿון דעם צענטראַליזאַציאָנס־פּלאַן. באַלד אַ פֿערטעל יאַהרהונדערט איז שוין אַוועק זייט יענעם קאָנגרעס. פֿיעלע אַנדערע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסען זיינען זייט דאַן אָבגעהאַלטען געוואָרען, און אויף יעדער איינעם פֿון זיי איז ווידערהאָלט געוואָרען דער זעלבער קאַמפּף — די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אַרבייטענדיג מיט אַלע קרעפֿטען צו בריינגען די גאַנצע אַרבייטער־בעוועגונג פֿון אייראָפּאַ אונטער זייער פֿאָהן, אונטער זייער קאָנטראָלע, וועהרענד די אַנאַרכיסטען זיינען אימער זיי געווען דאַגעגען און אימער געשטערט זיי אין די אויספֿיהרונג פֿון דיעזען פּלאַן.

וויפֿיעל קראַפֿט געהט עס אין ניוועץ, וויפֿיעל ביטערע ווערטער ווערען עס געברויכט נאָר דערפֿאַר, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, וועלכע האָבען אָנגענומען די פֿאָרמולע, אַז „מי מוז אַריינכאַפּען די מאַכט פֿון די עקזיסטירענדע רעגיערונגען אין אייגענע הענד", פֿערשטעהען ניט, אַז אַזאַ מין טהעטיגקייט קען ניט אַרומנעהמען די גאַנצע סאָציאַליסטישע בעוועגונג! פֿון אָנהויב אָן האָט דער סאָציאַליזמוס זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען אין דריי אונאַבהענגיגע ריכטונגען, וועלכע זיינען געווען רעפּרעזענטירט פֿון סען סימאָן, פֿוריער, און ראָבערט אָווען. דער סען סימאָניזמוס האָט זיך

ענטוויקעלט אין סאָציאַל-דעמאָקראַטיזמוס, דער פּוריעריזמוס אין אַנאַרכיז-מוס; וועהרענד דער אָוועניזמוס ענטוויקעלט זיך אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ, אין טרייד יוניאָניזמוס, קאָאָפּעראַציאָן, און אין'ם זאָגענאַנטען מיוניסיפּאַל-סאָציאַליזמוס, בלייבענדיג פּיינדליך געגענאיבער דעם סאָציאַל-דעמאָקראַטישען שטאַאַט-סאָציאַליזמוס און מעהר גענייגט צום אַנאַרכיזמוס. נאָר ווייל מי אַנערקענט ניט אַז אַלע דריי בעוועגונגען געהען צום זעלבען געמיינשאַפּטליכען ציעל אויף דריי פּערשיעדענע וועגען, און אַז אויך דער פּוריעריזמוס און אָוועניזמוס שטייערען ביי זייער קאָסטבאַרען חלק צום מענשליכען פּראָגרעס, איז אַוועק אַ פּערטעל יאָהרהונדערט, אין וועלכען די סאָציאַל דעמאָקראַטען ווילען ניט אַנדערש ווי פּערווירקליכען די אונמעגליכע אוטאָפּיע איינצופּיהרען איבעראַל אַ מאָרנע אַרבייטער בעוועגונג וואָס מוז ווילענדיג, ניט ווילענדיג טאַנצען נאָך דער סאָצ. דעמאָקראַטישער דודקע.

דער גענטער קאָנגרעס האָט זיך פֿאַר מיר געענדיגט גאַנץ אונער-וואַרטעט. דריי, פּיער טאָג נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבען, האָט די בעלגישע פּאָליציי אויסגעפּונען, וועך לעוואַשאָף איז, און האָט געקראָגען דעם בעפּעהל מיך צו אַרעסטירען פֿאַר דעם גרויסען פּערברעכען וואָס איך בין בעגאַנגען דערמיט וואָס איך האָב אָנגעגעבען א פֿאַלשען נאָמען אין האָטעל. מיינע בעלגישע פּריינד האָבען מיך געוואָרענט. זיי וואַרען איבערצייגט, אַז דער קלעריקאַלישער מיניסטעריום, וועלכער האָט דאַמאָלס געהאַלטען די רעגירונג אין זיינע הענד, וועט מיך זיכער איבערגעבען צו רוסלאַנד; זיי האָבען דאַרום פֿון מיר געפּאָדערט איך זאָל גלייך פּערלאָזען דעם קאָנגרעס. זיי האָבען מיר צומאָהל ניט געלאָזען צוריק געהן אין האָטעל. גיליאָם האָט מיר פּערשטעלט די וועג, מיך סטראַשענדיג אַז ער וועט מיך ניט לאָזען דורכגעהן, סיידען איך וועל געברויכען פּיזישע קראַפֿט געגען איהם, אויב איך וויל ניט אַנדערש צוריקגעהען אין האָטעל אַריין. איך בין אַוועק מיט עטליכע גענטער קאַמעראַדען, און קוים זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען האָבען זיך געלאָזט הערען פּערשטיקטע געשרייען און פּייפּערייען פֿון אַלע זייטען פֿון אַ פּינסטערען פלאַץ, וואו עס האָבען זיך געפּונען גרופּען אַרבייטער. דאָס אַלעס האָט אויסגעזעהן עפּעס ניט גלאַט. ענדליך נאָך פּיעל שושקענען און שטילע פּייפּערייען, האָט מיך אַ גרופּע געגאָסען בעגלייטעט צו אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישען אַרבייטער, ביי וועלכען איך האָב פערבראַכט די נאַכט, און וועלכער האָט מיך עמפּפֿאַנגען, אַנאַרכיסט וואָס איך וואַר, מיט אָפּענע אָרעמס, ווי דעם געטרייסטען ברודער. אויף מאָרגען אין דער פֿריה בין איך ווידער אַמאָל אָבגעפּאָהרען קיין ענגלאַנד.

אין לאָנדאָן בין איך לאַנג ניט פֿערבליבען. אין דער פּראַכטפֿאָלער קאָלעקציאָן פֿון דעם בריטישען מוזעאום האָב איך שטודירט דעם אָנפֿאַנג פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, — אָבער איך האָב געזוכט מעהר טהעטיגקייט, און איך בין שנעל אַוועק קיין פּאַריז. די בעוועגונג האָט דאַן גראַדע אויף דאָס ניי אויפֿגעלעבט, נאָך די שרעקליכע אונטערדריקונגען פֿון דער קאָמונע. מיט דעם איטאַליענער קאָסטאַ און עטליכע אַנאַרכיסטישע פֿריינד וואָס מיר האָבען געהאַט צווישען די פּאַריזער אַרבייטער, און מיט זשול געד און זיינע גענאָסען, וועלכע זיינען דאַמאָלס ניט געווען קיין שטריינגע סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האָבען מיר אָרגאַניזירט די ערשטע סאָציאַליסטישע גרופּען.

אונזער אָנהויב איז געווען לעכערליך קליין. אַ האַלב דוצען שטאַרק האָבען מיר זיך געפֿלעגט צו פֿערזאַמלען אין קאַפֿע־הייזער, און ווען מיר האָבען געהאַט אַ פּובליקום פֿון וועלכע הונדערט מענשען האָבען מיר זיך געפֿיהלט גליקליך. קיינער וואָלט זיך דאַמאָלסט ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז אין צוויי יאָהר שפּעטער וועט די בעוועגונג זיין אין פֿולען גאַנג. אָבער פֿראַנקרייך האָט זיך איהר אייגענעם שניט אין איהר ענטוויקלונג. ווען די רעאַקציאָן האָט די אויבערהאַנד, פֿערשווינדעט דער לעצטער שפּור פֿון יעטוועדער בעוועגונג. די, וואָס קעמפּפֿען געגען דעם שטראָם, זיינען וועניג! אָבער עפּעס פּלוצלינג, ווי פֿון אונטער דער ערד, דורך אַ מין אונזעהבאַרע דורכלייטערונג פֿון אידעען, ווערט די רעאַקציאָן אונטערגעמינעט; אַ נייער שטראָם לאָזט זיך אַריין, און דאַן שטעלט עס זיך אַרויס, גאַנץ אונערוואַרטעט, אַז די אידעע וועלכע מי האָט געהאַלטען פֿאַר טויט, האָט גאָר תמיד געלעבט, האָט זיך פֿערשפּרייט און איז געוואַקסען די גאַנצע צייט; און אַזוי שנעל ווי ס'איז מעגליך עפֿענטליך צו אַגיטירען, טרעטען אַרויס אין פֿראָנט טויזענדער אַנהענגער פֿון וועמעס עקזיסטענץ קיינער האָט ניט אָנגעהויבען צו טרוימען. „אין פּאַריז זיינען דאָ", האָט דער אַלטער בלאַנקי געפֿלעגט צו זאָגען, „פֿופֿציג טויזענד מענשען, וועלכע קומען קיין מאָל ניט צו קיין מיטינג אָדער צו אַ דעמאָנסטראַציאָן; אָבער אין דער רגע ווען זיי פֿיהלען אַז דאָס פֿאָלק קען אַרויס אויף׳ן גאַס און אָפֿען אַרויסווייזען זיין מיינונג, זיינען זיי תמיד אויף׳ן פּלאַץ צו שטורמען די פּאָזיציאָן". אַזוי איז עס דאַמאָלס געווען. עס זיינען ניט געווען קיין צוואַנציג גענאָסען אָנצופֿיהרען די בעוועגונג, קיינע צוויי הונדערט זיי צו שטיצען. ביי דעם ערשטען קאָמונע פֿייער, אין מערץ 1878, זיינען מיר זיכערליך קיין צוויי הונדערט ניט געווען, אָבער מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט די רעגירונג געמוזט אַרויסלאָזען אַן אַלגעמיינע בעגנאַדיגונג פֿיר די קאָמונע,

און די אַרבייטענדע בעפֿעלקערונג פֿון פּאַריז האָט אָנגעפּאַקט די גאַסען צו בעגריסען די צוריקקומענדע קאָמונאַרען; טויזענדער האָבען זיך פֿערזאַמעלט און זיי אָפּלאָדירט ביי די מיטינגען, און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט פּלוצלינג אויפֿגעוואַכט, און האָט מיט איהר שטראָם אַוועקגעטראָגען די ראַדיקאַלען גופא.

דאָך איז דיעזע ערוואַכונג נאָך געווען פֿריהצייטיג: אין איין נאַכט אין אַפּריל 1873, זיינען קאָסטאַ און אַ פֿראַנצויזישער גענאָסע אַרעטירט געוואָרען. אַ פּאָליציי־געריכט האָט זיי פֿעראורטהיילט אַלס אינטערנאַציאָנאַליסטען צו אַכטצעהן מאָנאַט קערקער. איך האָב מיך אויסגעדרעהט פֿון דער פּאָליציי נאָר צוליעב אַ טעות. זי האָט געזוכט לעוואַשאָף׳ען, און איז אַוועק אַרעטירען אַ רוסישען סטודענט וועמעס נאָמען איז געווען עהנליך צו מיינעם. איך האָב אָנגעגעבען מיין אמת׳ן נאָמען, און בין געבליעבען אין פּאַריז אונטער דיעזען נאָמען נאָך אַ מאָנאַט. דאַן בין איך גערופֿען געוואָרען נאָך די שווייץ.

אין פּאַריז בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט טורגעניעוו׳ן, ער האָט אויסגעדריקט זיין וואונש צו פּעטער לאַווראָוו׳ן, אונזער ביידענס פֿריינד, מיך צו זעהן, און אַלס אַן אמת׳ער רוסע צו פֿייערען מיין אַנטלויפֿען מיט אַן איינפֿאַכען פֿריינדליכען מיטאָג. איך בין אַריבער די שוועל פֿון זיין צימער מיט אַ געפֿיהל פֿון גרויסער פֿערעהרונג. אויב מיט זיין בעריהמטען בוך „זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ" האָט ער אויפֿגעטהאָן דאָס וואָס ער האָט געמאַכט די פּאַנשצינאַ פֿערעכטליך און לעכערליך (צו יענער צייט האָב איך נאָך ניט געוואוסט, אַז ער האָט גענומען אַ שטאַרקען אַנטהייל אין הערצענס מעכטיגען „קאָלאָקאָל") האָט ער אָבער ניט וועניגער געלייסטעט דורך זיינע שפּעטערע ראָמאַנען, ער האָט געוויזען, וואָס די רוסישע פֿרוי איז; וואָס פֿאַר אַ אוצרות פֿון גייסט און האַרץ זי בעזיצט; וואָס זי קען זיין אַלס בעגייסטערער פֿאַר׳ן מאַן, און ער האָט אונז געלערענט ווי אַזוי מענער, וועלכע שטעהען ווירקליך העכער, קוקען אויף פֿרויען, ווי אַזוי זיי ליעבען. אויף מיר און אויף טויזענדער אַנדערע פֿון מיינע צייט־גענאָסען האָט דיזער טהייל פֿון זיין לעהרע געלאָזען אַן אייביגען איינדרוק, אַן איינדרוק, וועלכער האָט פֿיעל מעכטיגער געווירקט ווי די בעסטע אַרטיקלען איבער פֿרויען־רעכטע.

דער אויסזעהן פֿון טורגעניעוו איז גוט בעקאַנט: הויך, שטאַרק געבויט, דער קאָפּ בעדעקט מיט ווייכע און געדיכטע גרויע האָר — ער האָט ווירקליך אויסגעזעהן זעהר שעהן, זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט מיט אינטעליגענץ, אין וועלכע עס האָט זיך אויך אָבגעשפּיגעלט אַ שפּור

פֿון הומאָר, און זיין גאַנצער בענעהמען האָט בעצייכענט די איינפֿאַכקייט און אָפֿענקייט, וועלכע זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש ביי די בעסטע רוסישע שרייבער. זיין פֿיינער קאָפּ האָט אָנגעדייטעט אויף אַן אונגעהייערע ענטוויקלונג פֿון געהירען־קראַפֿט, און ווען ער איז געשטאָרבען און פאול בערט מיט פאול רעקליו (דער כירורג) האָבען געוואויגען זיין געהירען, האָט ער אַזוי פֿיעל איבערשטיגען דעם שווערסטען געהירען פֿון וועלכען מען האָט ביז דאַמאַלס געוואוסט — נעמליך קאָוויער׳ס — וועגענדיג איבער 66 אונצען, אַז זיי האָבען ניט געגלויבט זייערע אייגענע וואָג־שאָלען; זיי האָבען געקראָגען אַ נייע וואָג עקסטראַ דאָס נאָכאַמאָל צו וועגען.

זיין געשפרעך איז געוועזען בעזאָנדערס מערקווירדיג: ער האָט גערעדט פונקט ווי ער האָט געשריעבען — אין בילדער — ווען ער האָט געוואָלט ענטוויקלען אַ אידעע, האָט ער זיך ניט בענוצט מיט אַרגומענטען, כאָטש ער איז געווען אַ מייסטער אין פֿילאָזאָפֿישע דיסקוסיאָנען. ער האָט איליוסטרירט זיין אידעע דורך אַ סצענע, וועלכע ער האָט געשילדערט אין אַזאַ פראַכטפֿאָלע פֿאָרמע, פונקט ווי זי וואָלט געווען אַרויסגענומען פֿון אַ ראָמאַן זיינעם.

„איהר האָט געמוזט האָבען אַ מאַסע ערפֿאַהרונג אין אייער לעבען צווישען פֿראַנצויזען, דייטשען און אַנדערע פֿעלקער — האָט ער זיך איין מאָל אָבגערופֿען צו מיר. — האָט איהר נישט בעמערקט אַז עס געפֿינט זיך אַ טיעפֿער תהום צווישען אַסך פֿון זייערע בעגריפֿע און די מיינונגען וועלכע מיר, רוסען, האָבען איבער די זעלבע זאַכען — אַז עס זיינען פֿאַראַן פונקטען אין וועלכע מיר קענען קיינמאָל ניט איינשטימען?״

איך האָב איהם געענטפֿערט, אַז איך האָב אַזעלכע פונקטען נישט בעמערקט.

„יאַ, עס זיינען דאָ אַזעלכע. אָט האָט איהר איינעם: איין אָבענד זיינען מיר געווען צוזאַמען ביי דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון אַ נייער פיעסע. איך בין געזעסען אין אַ לאָזשע מיט פֿלאָבער, דאָדע און זאָלאַ; אַלע וואַרען מענער מיט פֿאָרטגעשריטענע אידעען; דער סוזשעט פֿון דעם שטיק איז געווען פֿאָלגענדער: אַ פֿרוי האָט זיך גע׳גט מיט׳ן מאַן, זי האָט ליעב געקראָגען אַן אַנדערען און האָט מיט איהם חתונה געהאַט. דיעזער מאַן ווערט אין דעם שטיק געשילדערט אַלס אַן אויסגעצייכענטער מענש. יאָהרען לאַנג איז די פּאָר געווען גליקליך, איהרע צוויי קינדער — אַ מיידעל און אַ איינגעל — זיינען געווען זויגלינגע בעת דעם גט. איצט זיינען זיי שוין געוועזען אויפֿגעוואַקסען און דורך די גאַנצע צייט האָבען זיי געהאַלטען זייער שטיעף־פֿאָטער פֿאַר זייער אמת׳ן פֿאָטער. די מיידעל

איז געװען אַרום 18 און דער אינגעל אַרום 17 יאָהר. דער מאַן האָט זיי בעהאַנדעלט כמעט ווי א פּאָטער: זיי האָבען איהם געליעבט און ער האָט זיי געליעבט. די סצענע שטעלט פאָר די פאַמיליע זיצענדיג צוזאַמען ביים פריהשטיק. די מיידעל קומט אַריין און געהט גלייך צו צו איהר כלומרשט׳־דיגען פּאָטער און ער געהט איהר אַ קוש טהאָן, אָבער דער אינגעל, וועלכער האָט געהאַט ווי עס איז אויסגעפונען דעם אמת, שפּרינגט אַרויס און גיט אַ געשריי: וואָס טהוסטו?

„דיעזער אויסגעשריי האָט אויפגעשטורעמט דעם טהעאַטער. די אַפּלאָדיסמענטען זיינען געװען משוגע-ווילד. פלאַבער און די אַנדערע האָבען אויך אַפּלאָדירט. מיך האָט עס אָבגעעקעלט.

„וואָס הייסט? — האָב איך זיך אָבגערופען — דיעזע פאַמיליע איז געװען גליקליך. דער מאַן איז געװען אַ בעסערער פאָטער צו די קינ־דער ווי דער אמת׳ער פּאָטער זייערער... זייער מוטער האָט איהם געליעבט און איז געװען גליקליך מיט איהם... דיעזען ווייסען-חברה׳ניק האָט מען איינפאַך געדאַרפט אָבשמייסען פאַר וואָס ער האָט אויסגעזאָגט... עס האָט ניט געהאָלפען. איך האָב מיט זיי דיסקוטירט שטונדען-לאַנג און זיי האָבען מיך בשום אופן ניט פערשטאַנען.״

פערשטעהט זיך אַז איך בין געװעזען פאָלשטענדיג איינפערשטאַנדען מיט טורגעניעװ׳ס מיינונג. איך האָב איהם פון דעסטװעגען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זיינע בעקאַנטע זיינען געװעזען מייסטענטהיילס פון דער מיטעל-קלאַסע. דאָרט איז ווירקליך דער אונטערשיעד צווישען איין נאַציאָן און דער אַנדערער אונגעהייער, אָבער מיינע בעקאַנטע זיינען געװען אויסשליסליך אַרבייטער, און צווישען זיי איז יאַ דאָ אַ גרויסע עהנליכקייט, בעזאָנדערס צווישען די פויערים פון די פערשיעדענע נאַציאָנען. אין דעם האָב איך אָבער געהאַט אַ גרויסען טעות. נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט די געלעגענהייט נעהנטער בעקאַנט צו ווערען מיט די פראַנצויזישע אַרבייטער, איז מיר די ריכטיגקייט פון טורגעניעװ׳ס בעמערקונג אָפט געקומען אויף׳ן געדאַנקען. עס איז ווירקליך פאַראַנען אַ טיעפער אָבגרונד צווישען דעם רוסישען בעגריף פון הייראַטס-פערהעלטניסע און דעם בעגריף וואָס הערשט אין פראַנקרייך ביי די אַרבייטער עבען אַזוי גוט ווי ביי דעם מיטעלען קלאַס מענשען, און אין פיעלע אַנדערע זאַכען געפינט איהר דעם זעלבען אונטערשיעד צווישען די רוסישע אַנשויאונג און די אַנשויאונג פון אַנדערע נאַציאָנען.

מען האָט געזאָגט נאָך טורגעניעװ׳ס טויט, אַז ער האָט געהאַט בדעה אָנצושרייבען אַ ראָמאַן איבער דיעזע טהעמאַ. אויב ער האָט אָנגע־

פֿאַנגען צו שרייבען דיעזען ראָמאַן, וועט איהר זיכער דיעזעס בילד געפֿינען אין מאַנוסקריפּט זיינעם. שאַדע, דאָס ער האָט דיעזעס בוך ניט געשריעבען. ער, וועלכער איז געוועזען אַ פֿאָלשטענדיגער אייראָפּעער, און זיין גייסט וואָלט געקאָנט אַריינגעבען אַסך טיעפֿע געדאַנקען איבער אַ טהעמאַ, וועלכע האָט אָהן צווייפֿעל געהאַט אַזאַ מעכטיגען איינדרוק אויף זיין גאַנץ לעבען.

פֿון אַלע ראָמאַניסטען פֿון אונזער יאָהרהונדערט האָט טורגעניעוו, אָהן צווייפֿעל, דערגרייכט די העכסטע שטופֿע אַלס אַן אַרטיסט און זיין פּראָזע קלינגט פֿאַר׳ן רוסישען אויער ווי מוזיק — מוזיק וועלכע איז אַזוי טיעף ווי בעטהאָווען. זיינע הויפּט־ראָמאַנען — די סעריע פֿון „דמיטרי רודין", „דוואָריאַנסקאָע," „גניעזדאָ," „נאַקאַנוניע", „אָטצי אי דיעטי", „דים" און „נאָווי". — שטעלען מיט זיך פֿאָר די הויפּט עפּאָכע מאַכענדע טיפּען פֿון די געבילדעטע קלאַסען פֿון רוסלאַנד, וועלכע האָבען זיך ענטוויקעלט ראַפּטאָם איינע נאָך די אַנדערע נאָך 1848; אַלע טיפּען זיינע זיינען געצייכענט מיט אַ פֿאָלשטענדיגקייט פֿון פֿילאָזאָפֿישען בעגריף, מיט טיעף מענשליכער פּסיכאָלאָגיע און קינסטלערישער שעהנהייט, וועלכע האָבען ניט זייער גלייכען אין קיין ליטעראַטור. דאָך האָבען די רוסישע יונגע לייט עמפּפֿאַנגען זיין „אָטצי אי דיעטי" — אַ ראָמאַן וועלכען ער האָט מיט רעכט גערעכענט פֿאַר דאָס טיעפֿסטע ווערק זיינס — מיט אַ געוואַלדיגען פּראָטעסט. אונזער יוגענד האָט ערקלעהרט אַז דער ניהיליסט באַזאַראָף איז אויף קיין פֿאַל ניט קיין אמת׳ער טיעפּ פֿון זיין קלאַס; אַסך האָבען איהם אָנגערופֿען אַ קאַריקאַטור פֿון ניהיליזמוס. דיעזע מיספֿערשטענדניסע האָבען געהאַט אַ טיעפֿע ווירקונג אויף טורגעניעוו׳ן און כאָטש די יוגענד האָט אפילו נאָכדעם מיט איהם געשלאָסען שלום אין פּעטערסבורג, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריעבען זיין ראָמאַן „נאָווי", זיינען דאָך די וואונדען, וועלכע דיעזע אַטאַקען האָבען אויף איהם געמאַכט, קיינמאָל ניט פֿער־היילט געוואָרען.

פֿון לאַווראָוו׳ן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַן ענטהוזיאַס־טישער פֿערעהרער פֿון זיין טאַלאַנט; און איין מאָל, בשעת מיר זיינען צוריק געפֿאָהרען אין אַ קאַרעטע פֿון אַנטאָקאָלסקי׳ן האָט ער ביי מיר אַ פֿרעג געטהאָן, וואָס איך דיינק פֿון באַזאַראָף׳ן. איך האָב גלייך געענט־פֿערט „באַזאַראָף איז אַ פּראַכטפֿאָלער בילד פֿון אַ ניהיליסט, אָבער דאָך פֿיהלט מען אַז איהר האָט איהם ניט אַזוי ליעב געהאַט ווי אייערע אַנדערע העלדען."

„אדרבא, איך האָב איהם יאַ געליעבט, שטאַרק געליעבט" — האָט

טורגעניעוו געענטפֿערט מיט אַן אונערוואַרטעטען פֿייער — ווען מיר וועלען קומען אַהיים וועל איך אייך וויזען מיין טאַגע בוך, אין וועלכען איך האָב פֿערציייכענט ווי איך האָב געיאָמערט ווען איך האָב געענדיגט דעם ראָמאַן מיט באַזאַראָף'ס טוידט.

טורגעניעוו האָט געוויס ליעב געהאַט די אינטעלעקטועלע זייט פֿון באַזאַראָף'ן; ער האָט זיך אַזויפֿיעל אַריינגעטהאָן אין דער ניהיליסטישער פֿילאָזאָפֿיע פֿון זיין העלד, אַז ער האָט זאָגאַר געפֿיהרט א טאַגע־בוך אין זיין נאָמען, אורטהיילענדיג די טאַגעס־עראייגניסע פֿון באַזאַראָף'ס שטאַנדפונקט. נור איך דענק, אַז ער האָט איהם מעהר בעוואונדערט ווי געליעבט. אין אַ בריליאַנטענעם אַרטיקעל איבער „האַמלעט" און „דאָן קיכאָט" צוטהיילט ער די בעשאַפֿער פֿון די געשיכטע דער מענשהייט אין צוויי קלאַסען, וועלכע ווערען רעפּרעזענטירט דורך איינעם אָדער דעם צווייטען פֿון דיעזע כאַראַקטערע. „אַנאַליז" קודם כל, דאַן „עגאָאיזמוס", און דאַרום קיין צוטרויען. —„איין עגאָאיסט קען אפילו אין זיך אַליין ניט האַבען קיין צוטרויען". אַזוי האָט ער כאַראַקטעריזירט האַמלעט'ן „און דאַרום איז ער אַ סקעפּטיקער, און וועט קיינמאָל קיין זאַך ניט אויפֿטהאָן, בעת דאָן קיכאָט, וועלכער קעמפּפֿט געגען ווינדמיהלען, און בענוצט זיך מיט אַ צירולניקס טעלער, ווי מיט דעם בעזישופּטען קיווער פֿון מאַמברינאָ (ווער פֿון אונז האָט ניט געמאַכט דעם זעלבען פֿעהלער ?), איז אַ פֿיהרער פֿון דער מאַסע, מחמת די מאַסע פֿאָלגט אימער נאָך דיאיעניגע, וועלכע ניט קוקענדיג אויף דעם צינישען געלעכטער פֿון דער מאַיאָריטעט, אָדער זאָגאַר אויף פֿערפֿאָלגונגען, געהען גלייך פֿאָרווערטס, האַלטענדיג זייערע אויגען פֿעסט אויף דעם ענד־ציעל, וועלכען פֿיליכט קיינער זעהט ניט, אויסער זיי אַליין. זיי זוכען, זיי פֿאַלען, אָבער זיי הויבען זיך ווידער אויף און געפֿינען איהם דאָך. פֿון דעסטוועגען, כאָטש אפילו האַמלעט איז אַ סקעפּטיקער און גלויבט ניט אָן דאָס גוטע, גלויבט ער דאָך אין דאָס בייזע; ער האַסט עס; שלעכטקייט און פֿאַלשקייט זיינען זיינע פֿיינד, און זיין סקעפּטיציזמוס איז ניט גלייכגילטיגקייט. זאָנדערען בלויז אָפּלייקענונג און צווייפֿעל, וועלכע פֿערצעהרען בלויז זיין אייגענעם ווילען".

דיעזע געדאַנקען פֿון טורגעניעוו'ן ענטדעקען דענק איך דעם אמת'ן סוד, דורך וועלכען מען זאָל קענען בעגרייפֿען די פֿערהעלטניסע צווישען איהם און זיינע העלדען. ער גופא און אַסך פֿון זיינע בעסטע פֿריינד, האָבען בעלאַנגט, מעהר אָדער וועניגער צו די האַמלעטס. ליעב געהאַט האָט ער האַמלעט'ן, בעוואונדערט האָט ער דאָן קיכאָט'ן. אַזוי האָט ער אויך באַזאַראָף'ן בעוואונדערט. זיין ערהאַבענקייט האָט ער געשילדערט קינסטליך.

דעם טראַגישען כאַראַקטער פון זיין אָבגעזונדערטע שטעלונג האָט ער פערשטאַנען אויסגעבונדען, אָבער ער האָט איהם ניט געקענט בעקריינען מיט יענער צאַרטער פאָעטישער ליעבע, מיט וועלכע ער פּלעגט בעקרוינען דיאיעניגע העלדען זיינע, וועלכע זיינען געווען פון דעם האַמלעט טיפ. עס וואָלט געווען ניט אין פּלאַץ.

„האָט איהר געקענט מישקינען?" האָט ער מיך איינמאָל געפרעגט אין 1878. בעת מען האָט געמשפּט אונזער קרוּשאָק, האָט זיך מישקין אַרויסגעוויזען אַלס די מערקווירדיגסטע פּערזענליכקייט. „איך וואָלט געוועלט אויסגעפינען, אַלעם מעגליכע מכה איהם", האָט ער מיר ווייטער געזאָגט: „דאָס איז אַ מאַן. ניטאָ דער מינדסטער שפּור פון האַמלעטיזמוס"; און דאַביי האָט ער מסתמאָ געטראַכט וועגען דעם נייעם טיפּ אין דער רוסישער בעוועגונג, וועלכער האָט ניט עקזיסטירט אין דער געשטאַלט, אין וועלכער טורגעניעוו האָט איהם בעשריעבען, און וועלכער איז ערש ערשיענען מיט צוויי יאָהר שפּעטער.

איך האָב טורגעניעוו'ן דעם לעצטען מאָל געזעהן אין הערבסט, 1881. ער איז געווען זעהר קראַנק. און דער געדאַנקען, אַז עס וואַר זיין פּפליכט צו שרייבען אַלעקסאַנדער דעם דריטען, — וועלכער איז דאַן נור וואָס אַרויף אויף'ן טראָהן און האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ פּאָליטיק צו פערפאָלגען, — ביי איהם צו בעטען אַ קאָנסטיטוציאָן פאַר רוסלאַנד און איהם צו איבערצייגען דורך שטאַרקע אַרגומענטען די נויטווענדיגקייט פון דיעזען שריט, — דיעזער געדאַנקען האָט איהם שטאַרק בעאונרוהיגט. מיט גרויס ענמת נפש האָט ער צו מיר געזאָגט: „איך פּיהל אַז איך מוז עס טהאָן, אָבער איך וויים, אַז איך וועל ניט זיין אימשטאַנדע דאָס צו טהאָן. דער פאַקט איז, אַז ער האָט שוין דאַמאָלס געליטען שרעקליכע יסורים פון אַ קרעבס אין דעם רוקען-מאַרך, און ער האָט קוים געקענט זיצען איינינע מינוטען. ער האָט דאַן ניט געשריעבען, און אין עטליכע וואָכען אַרום וואָלט דאָס שוין געווען איבריג. אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט ערקלעהרט אין זיין מאַניפעסט, אַז ער בלייבט דער אַבסאָלוטער זעלבסטהערשער פון רוסלאַנד.

דערווייל זיינען אין רוסלאַנד פאָרגעקומען וויכטיגע ענדערונגען. די מלחמה, וועלכע רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען געגען טירקיי אין 1877, האָט זיך געענדיגט זעהר מיאוס. ווען דער קריעג האָט אויסגעבראָכען, האָט אין גאַנצען לאַנד געהערשט אַ פּייערדיגער ענטהוזיאַזמוס צו גונסטען פון די סלאַווען. אַסך האָבען אויך געגלויבט, אַז אַ בעפרייאונגס-קריעג אויף'ן באַלקאַן וואָלט ענדליך געפיהרט צו אַ פּראָגרעסיווער בעוועגונג אין רוסלאַנד

גופא. אָבער די בעפֿרייאונג פֿון דער סלאַוואָנישער בעפֿעלקערונג איז נ־ט אין גאַנצען געלונגען. די אונגעהייערע אָפּפֿער וועלכע רוסלאַנד האָט געבראַכט, זיינען געגאַנגען אין ניוועץ דורך די פֿעהלער פֿון די העכערע מיליטערישע בעאַמטע. הונדערטע טויזענדע מענשען זיינען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען אין מלחמות, וועלכע האָבען זיך געענדיגט מיט אַ האַלבען זיעג. און דאָס וואָס איז יאַ געוואונען געוואָרען פֿון טירקיי, איז אויך צו נישט געוואָרען ביים בערלינער קאָנגרעס. דערצו איז נאָך אַלגעמיין בעקאַנט געוואָרען, אַז אויך אין דיעזער, פונקט ווי אין דער מלחמה אויף קרים, זיינען די גנבות פֿון די שטאַאַט-געלדער געוועזן אונגעהייערע.

אין רעכטען מיטען פֿון דער אַלגעמיינער אונצופֿרידענהייט, וועלכע האָט געהערשט אין רוסלאַנד אַם ענדע פֿון 1877, זיינען די 193 פּעריזאָן, וועלכע זיינען געוועזן אַרעסטירט זייט 1873, אין פֿערבינדונג מיט אונזער אַגיטאַציאָן, געבראַכט געוואָרען פֿאַרן געריכט. די אָנגעקלאָגטע פֿערטהיי־דיגט פֿון בעריהמטע אַדוואָקאַטען, האָבען גלייך געוואונען די סימפּאַטהיע פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג. זיי האָבען געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק אויף דער פּעטערבורגער געזעלשאַפֿט; און ווען עס איז בעקאַנט געוואָרען, אַז דאָס רוב פֿון זיי האָבען פֿערבראַכט 3—4 יאָהר אין טורמע, וואַרטענ־דיג אויף דיעזען משפט, און אַז נ־ט ווייניגער ווי 21 האָבען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, אָדער זיינען געוואָרען משוגע, איז די סימפּאַטהיע צו זיי נאָך שטאַרקער געוואָרען, אַפילו צווישען די ריכטער זעלבסט. דער אורטהייל איז געוועזן אַ זעהר שווערער פֿאַר איי־ניגע און פֿערהעלטניסמעסיג לייכט פֿאַר די איבריגע. יעדערער האָט ערוואַרטעט, אַז דער קייזער וועט זייער אורטהייל נאָך מעהר פֿערלייכטערען; אָבער ליידער, וואַרען אַלע ערשטוינט צו הערען, אַז ער האָט נאָך אדרבה זייער שטראָף פֿערגרעסערט. די יעניגע, וועלכע דאָס געריכט האָט בעפֿרייט, זיינען פֿערשיקט געוואָרען אין טיעף-רוסלאַנד אָדער אין סיביר, און די יעניגע וועלכע זיינען פֿעראורטהיילט געוואָרען פֿון געריכט אויף קורצע טערמינען, האָבען געקראָגען פֿון צאַר פֿון 5 ביז 12 יאָהר קאַטאָרגע. דאָס איז געוועזן די אַרבייט פֿון שעף פֿון דער הריטער אָטריעלעניע, גענעראַל מעזענצאָוו.

אין דער זעלבער צייט האָט פּאַסירט עטוואָס: דער שעף פֿון דער פּעטערבורגער פּאָליציי, גענעראַל טרעפּאָוו, בעמערקענדיג אַז איינער פֿון די פּאָליטישע פֿערברעכער, באָגאָליובאָוו, האָט נ־ט געצויגען דעם הוט פֿאַר איהם, וועהרענד דיעזער אַלמעכטיגער מאַנדאַרין האָט בעזוכט די קרעפּאָסט, האָט ער געגעבען דעם בעפֿעהל איהם צו שמייסען. ווען די אַנדערע פּאָליטישע האָבען זיך דערפֿון דערוואוסט אין זייערע צעלען, האָבען זיי

גענומען שטאַרק פראָטעסטירען, און וואַרען דאַרום שרעקליך געשלאָגען פֿון די וועכטער און דער פּאָליציי. די רוסישע פּאָליטישע אַרעסטאַנטען האָבען ווי אמת׳ע העלדען דורכגעליטען אַלערליי צרות אין סיביר און אויף קאַטאָרגע, אָבער זיי וואַרען פֿעסט ענטשלאָסען ניט צו דולדען די קערפּערליכע בעשטראָפֿונג. אַ יונגע מיידעל, וויעראַ זאַסוליטש, וועלכע האָט צומאָל באָגאָליובאָוו׳ן פּערזענליך ניט געקענט, האָט גענומען אַ רעוואָלווער, איז אַוועק צו דעם פּאָליציי־שעף, און האָט אויף איהם געשאָסען. טרעפּאָוו וואַר בלויז פֿערוואונדעט. אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז געקומען זעהן די העלדישע מיידעל, וועלכע האָט אויף איהם, אָהנע צווייפֿעל, געמאַכט אַן איינדרוק מיט איהר זעלטען־אַנגענעהמען פּנים און בעשיידענהייט. טרעפּאָוו האָט געהאַט אַזוי פֿיעל שונאים אין פּעטערבורג, אַז עס איז זיי געלונגען פֿאַרצובריינגען דעם פּראָצעס פֿאַר אַן איינפֿאַכע דזשורי, און וויעראַ זאַסוליטש האָט ערקלעהרט אין געריכט, אַז זי האָט זיך בענוצט מיט וואַפֿען נור דאַרום, ווייל אַלע אַנדערע מיטלען צו בריינגען די אַנגעלעגענהייט פֿאַר די עפֿענטליכע מיינונג, זיינען אין רוסלאַנד אונמעגליך. אפילו דעם פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער לאָנדאָנער „טיימס" האָט מען געבעטען צו דערמאָנען דיזע געשיכטע מיט באָגאָליובאָוו׳ן אין זיין ציימונג, אָבער ער האָט עס ניט געטאָהן, אפשר דאַרום, ווייל ער האָט געדיינקט אַז אַזאַ זאַך קען קוים געמאָלט זיין, אפילו אין רוסלאַנד. דאָך, ניט זאָגענדיג קיינעם אַ וואָרט איז זי אַוועק שיסען טרעפּאָוו׳ן. און איצט, אַזוי ווי די זאַך איז שוין אַרוים אין דער עפֿענטליכקייט, פֿרעהט עס איהר צו הערען, אַז דער גענעראַל איז בלויז לייכט פֿערוואונדעט. די געשוואָרענע האָבען זי איינשטימיג בעפֿרייט, און ווען די פּאָליציי האָט זי געוואָלט אַ צווייטען מאָל אַרעסטירען, אַרויסגעהענדיג פֿון געריכטס־הויז, האָבען די פּעטערבורגער יונגע לייט, וועלכע וואַרען פֿערזאַמעלט מאַסען־ווייז ביי די טויערען, זי מיט געוואַלד אַרויסגעריסען פֿון זייערע לאַפּעס. זי איז אַוועק אין אויסלאַנד און מיר האָבען זיך אין אַ קורצע צייט אַרום מיט איהר געזעהן אין דער שווייץ.

די געשיכטע מיט וויעראַ זאַסוליטש האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין גאַנץ אייראָפּאַ. איך בין געווען אין פּאַריז, בעת די נייעס פֿון איהר בעפֿרייאונג איז אָנגעקומען. איך האָב גראַדע יענעם טאָג געמוזט זיין אין די רעדאַקציעס פֿון עטליכע ציימונגען. די רעדאַקטערע זיינען געווען שטאַרק בעגייסטערט און האָבען געשריבען מעכטיגע אַרטיקלען, אויפֿהויבענדיג זאַסוליטש ביז׳ן הימעל. אפילו דער סעריאָזנער זשורנאַל „רעווי דע דעי מאָנד" האָט געשריבען אין זיין איבערבליק פֿון יאָהר, אַז די צוויי פּערזאָנען,

וועלכע האָבען געמאַכט דעם גרעסטען רושם אין אייראָפּאַ אין 1878, ווארען פּרינץ גאָרטשאַקאָוו אויף'ן בערלינער קאָנגרעס, און וויערא זאַסוליטש. אין עטליכע קאַלענדאַרען האָט מען געשטעלט זייערע בילדער איינס לעבען דאָס אַנדערע. אויף די אַרבייטער פון אייראָפּאַ האָט די איבערגעגעבענהייט פון וויערא זאַסוליטש געמאַכט אַן אונגעהייערען איינדרוק.

אין עטליכע מאָנאַט אַרום זיינען געמאַכט געוואָרען פיער אַטענטאַטען אויף אייראָפּעאישע מאָנאַרכען, אָהן אירגענד וועלכען פּלאַן: דער אַרביימער היידעל און דאָקטאָר נאָבעלינג האָבען געשאָסען אויף'ן דייטשען קייזער, עטליכע וואָכען שפּעטער האָט אַ שפּאַנישער אַרבייטער, אָליוואַ מאָנקאַססו, געשאָסען אויף'ן שפּאַנישען קעניג, און דער קוכער פּאַססאַנאַנט האָט זיך געוואָרפען אויף'ן איטאַליענישען קעניג מיט אַ מעסער. די רעגירונגען פון אייראָפּאַ האָבען ניט געקענט גלויבען, אַז אַזעלכע אַטענטאַטען אויף דריי קעניגע זאָלען קענען פּאַסירען אָהן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנספּיראַציע און האָבען זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דעם שלום, אַז די זשוראַ־פעדעראַציאָן און דער אינטערנאַציאָנאַל זיינען דערפאַר פעראַנטוואָרטליך.

זייט דאַן זיינען שוין אַריבער העכער צוואַנציג יאָהר און איך קען גאַנץ פּאָזיטיוו זאָגען, אַז דאַמאָלס איז קיין שום קאָנספּיראַציע ניט געוועזען. פון דעסטוועגען זיינען אַלע אייראָפּעאישע רעגירונגען אַרויפגעפאַלען אויף דער שווייץ, מאַכענדיג איהר פאָרווירפע, אַז זי איז אַ מקום מקלט פאַר רעוואָלוציאָנערען, וועלכע אָרגאַניזירען דיזע פערשווערונגען. פּאַול ברוס, דער רעדאַקטאָר פון אונזער זשוראַ צייטונג, „דער אַוואַנגאַרד", איז אַרעסטירט און געמשפּט געוואָרען. די שווייצאַרישע ריכטער, איינזעהענדיג אַז עס איז ניטאָ די מינדעסטע אורזאַכע צו פערבינדען ברוס, אָדער די זשוראַ־פעדעראַציאָן מיט דיזע אַטאַקען, האָבען איהם פעראורטהיילט בלויז אויף עטליכע מאָנאַט פאַר זיינע אַרטיקלען; אָבער די צייטונג איז אונטערדריקט געוואָרען און אַלע דרוקערייען פון דער שווייץ זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען פון דער פעדעראַלער רעגירונג ניט אַרויסצוגעבען אַזעלכע צייטונגען. די פעדעראַציאָן איז אַלזאָ געבליבען אָהן אַן אָרגאַן.

אַחוץ דעם האָבען די פּאָליטישענס פון דער שווייץ, וועלכע האָבען סאַי־ווי־סאַי געקוקט קרום אויף די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַציאָן, שטילערהייט געאַרבייט מעשים אַזוי, אַז די וויכטיגסטע מיטגליעדער פון דער זשוראַ־פעדעראַציאָן זיינען געוועזען געצוואונגען אָדער זיך צוריק־צוציהען פון דעם עפענטליכען לעבען, אָדער שטאַרבען פון הונגער. ברוס איז אין גאַנצען אויסגעוויזען געוואָרען פון לאַנד. גיליאָם, וועלכער האָט אַכט יאָהר לאַנג אָנגעהאַלטען די צייטונג, בייקומענדיג די גרעסטע שוועריגקייטען, און וועלכער

האָט געצווינגען זיין חיונה מייסטענס פון לעהרעריי, האָט בשום אופן ניט געקענט מעהר קריגען קיין שטעלע און איז געווען געצוואונגען אויסצו־וואַנדערען אין פראַנקרייך. שווייצגעבעל, האָט ניט געקענט קריגען קיין אַרבייט אַלס זייגערמאַכער, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ בעל מטופל פון אַ גרויסער משפחה, האָט ער זיך נעבעך געמוזט צוריקציהען פון דער בעוועגונג. שפּיכיגער איז געווען אין די זעלבע לאַגע און האָט אויסגעוואַנדערט. עס איז אויסגעקומען, אַז איך, אַן אויסלענדער, האָב געמוזט איבערנעהמען די רעדאַקציאָן פון דעם אָרגאַן פון דער פעדעראַציאָן. איך האָב זיך אפילו געשלאָגען מיט דער דעה; אָבער וואָס האָבען מיר זיך געקענט העלפען? מיט דער הילפע פון צוויי פריינד, דומאַרטהעריי און הערציג, האָב איך גענומען אַרויסגעבען אַ 14 טעגיגע צייטונג אין זשענעוואַ, אין פעברואַר 1879, מיט דעם טיטעל „לאַ רעוואָלטע”. איך האָב זי כמעט אין גאַנצען אַליין אויסגעפילט. אונזער קאַסע איז דאַן בעשטאַנען בלויז פון 23 פראַנק, אָבער מיר האָבען זיך גענומען פעסט צו דער אַרבייט, אַרויסלאָזענדיג סובסקריפּציאָנס־ליסטען, און עס איז אונז ענדליך געלונגען אַרויסצוגעבען דעם ערשטען נומער. אין טאָן איז די צייטונג געווען מעסיג, אָבער אין תוך — רעוואָלוציאָנער. איך האָב מיר געגעבען אַלע מיהע צו שרייבען אין אַזאַ סטיל, אַז קאָמפּליצירט־היסטאָרישע און עקאָנאָמישע פראַגען זאָלען זיין צוגענגליך פאַר יעדען אינטעליגענטען אַרבייטער. זעקס הונדערט קאָפּיעס איז געווען די העכסטע אויסגאַבע פון אונזערע פריהערדיגע צייטונגען. מיר האָבען געדרוקט צוויי טויזענד פון „לאַ רעוואָלטע”, און אין עטליכע טעג איז אונז ניט געבליעבען קיין איינציגער נומער. די צייטונג איז געווען אַן ערפאָלג, און עקזיסטירט נאָך יעצט אין פּאַריז, אונטערען נאָמען „טאַן נואַוואָ”.

סאָציאַליסטישע צייטונגען האָבען אָפט אַ טבע צו ווערען קלאָג־ליעדער פון די עקזיסטירענדע סיסטעמע. עס ווערט דערצעהלט פון די אַרבייטער אין די מיינס, פאַבריקען און פון פעלד. דאָס עלענד און די ליידען פון די אַרבייטער אין צייט פון סטרייקס ווערען געשילדערט מיט לעבעדיגע פאַרבען; מען האַלט אין איין שרייען, אַז אין דעם קאַמפּף געגען די באָסעס איז דער אַרבייטער הילפלאָז; און זיי דערצעהלענדיג איין מאָל און נאָך אַ מאָל, אַז אַלע זייערע אַנשטריינגונגען זיינען נוצלאָז, מאַכט מען אויף׳ן לעזער אַ העכסט טרויעריגען איינדרוק. אום דיעזע ווירקונג אָבצושוואַכען, מוז דער רעדאַקטאָר זיך אָפט בענוצען מיט פייערדיגע ווערטער, דורך וועלכע ער זאָל קענען אַריינפּליסען ענערגיע און פערטרויען אין זיינע לעזער. איך האָב געדיינקט גראַדע אומגעקעהרט: אַז אַ רעוואָלוציאָנערע

ציימונג מוז קודם כל פּראָקטאָקאָלירען דיאיעניגע צייכענעס דער צייט, וועלכע זאָגען אומעטום אָן די בשורה פֿון אַ נייער עפּאָכע, פֿון דער אויפֿשפּראָצונג פֿון נייע פֿאָרמען פֿון סאָציאַלען לעבען, פֿון דעם וואַקסענדען אויפֿשטאַנד געגען די פֿערעלטערטע אינסטיטוציאָנען. דיזע צייכענס מוז מען נעהמען אין אַכט, מען מוז זיי צוזאַמענבריינגען אין זייער ענגער שייכות, און אַזוי זיי גרופּירען, אַז מען זאָל קענען ווייזען די גרעסטע צאָהל סקעפּטיקער די אונזיכטבאַרע און זאָגאַר אונבעוואוסטע אונטערשטיצונג, וועלכע די פֿאָרט־געשריטענע אידעען קריגען איבעראַל, בעת עס קומט פֿאָר אין דער געזעלשאַפֿט אַ נייע אויפֿלעבונג פֿון געדאַנקען. די הויפּט־פֿליכט פֿון אַ רעוואָלוציאָנערע ציימונג מוז זיין צו ערוועקען סימפּאַטהיע מיט דעם געפֿיהל פֿון'ם מענשליכען הערצען איבער די גאַנצע וועלט, מיט דער רעבעליאָן געגען די אייביגע אונגערעכטיגקייט; און, צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענשהייט, אויסצואַרבייטען נייע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען. האָפֿנונג, און ניט פֿערצווייפֿלונג, מאַכט די ערפֿאָלגרייכע רעוואָלוציאָן.

די היסטאָריקער דערצעהלען אונז אָפֿט, ווי אַזוי דיזע אָדער יענע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמע האָט געמאַכט אַ געוויסע ענדערונג אין דעם מענשליכען געדאַנק, און שפּעטער אויך אין די מענשליכע אינסטיטוציאָנען, מנהגים און אַרט לעבען. דאָס איז אָבער ניט היסטאָריע. די גרעסטע סאָציאַל־פֿילאָזאָפֿען האָבען נור געכאַפּט די סמנים פֿון די קומענדע אומענדערונגען, האָבען פֿערשטאַנען זייערע אינערליכע שיכות, און אונטערשטיצט פֿון די צוזאַמענגעקליבענע פֿאַקטען, ווי אויך פֿון אַן אינערליכען געפֿיהל, פֿאַר וועלכען זיי האָבען אַליין ניט געוואוסט קיין ערקלעהרונג, האָבען זיי פֿאָראויס געזאָגט וואָס דאַרף נאָך זייער מיינונג פּאַסירען. עס קען זיך אויך זיין זעהר לייכט אויסצומאָלען אַ פּלאַן פֿון אַ געזעלשאַפֿטליכע אָרגאַניזאַציאָן, אָנפֿאַנגענדיג פֿון איניגע פּרינציפּען און ענטוויקלענדיג זיי ביז צו זייערע קאָנזעקווענצען, ווי אַ געאָמעטרישען שלוס פֿון איניגע אַקסיאָמען — דאָס איז אָבער ניט סאָציאָלאָגיע. אַ ריכטיגע פֿאָראויסזאָגונג פֿון אַ סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן קען ניט געמאַכט ווערען, סיידען איינער האָט זיין בליק געצילעוועט אויף די טויזענדע פֿון צייכענס פֿון דעם נייעם לעבען, אָבזונדערענדיג די צופֿעליגע פֿאַקטען פֿון די, וואָס זיינען אָרגאַניש וועזענטליך און בויענדיג די שלוספֿאָלגערונג אויף דיזען פונדאַמענט.

דאָס איז געווען די מעטהאָדע פֿון דענקען, מיט וועלכער איך האָב געוואָלט בעקאַנט מאַכען מיינע לעזער, *געבראויכענדיג איינפֿאַכע פֿערשטענדליכע* ווערטער, כדי יעדען איינעם פֿון זיי צו געוועהנען צו אורטהיילען פֿאַר זיך זעלבסט, אין וועלכע ריכטונג די געזעלשאַפֿט בעוועגט

זיך, און כדי ער אַליין זאָל קענען פֿערריכטען דעם דענקער, דעם פֿילאָזאָף, ווען יענער קומט צו פֿאַלשע שליסע.

וואָס אַנבעלאַנגט צו די קריטיק פֿון דאָס עקזיסטירענדע, האָב איך עס נור געטהאָן אויף אַזוי פֿיעל, אום קלאָהר צו מאַכען די וואָרצלען פֿון די אַלע איצטיגע איבלען, און אוב צו ווייזען דאָס אַ טיעף איינגעפֿלאַנצטער און זאָרגפֿעלטיג אויפֿגעהאָדעוועטער אַבערגלויבען איבער די אַלטע לעבען־איבערגעבליבענע מנהגים און אינסטיטוציאָנען פֿון די פֿערגאַנגענע פּעריאָדען פֿון די מענשליכע ענטוויקלונג, ווי אויך די שטאַרק־פֿערברייטעטע פֿייגהייט פֿון דעם ווילען און געדאַנקען — דאָס זיי זיינען די הויפּט־קוועלען פֿון אַלע איבלען.

דומאַרטהעריי און הערציג האָבען מיר אין דיעזער ריכטונג געגעבען זייער בעסטע הילף. דומאַרטהעריי איז געבאָרען, געוואָרען אין איינע פֿון די אָרימסטע פֿאַמיליען אין סאַוואָי. זיין ערציהונג איז ניט געגאַנגען ווייטער ווי די ערשטע קלאַסען פֿון אַן איי־בי־סי־שוהל, און דאָך איז ער געווען איינער פֿון די אינטעליגענטסטע מענער, וואָס איך האָב אַמאָהל בעגעגענט. זיינע אָבשאַצונגען פֿון די טאַגעס־פֿראַגען און די מענער פֿון דער צייט זיינען געווען אַזוי מערקווירדיג דורך זיין געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד, דאָס זיי זיינען אָפֿט געווען נאָהענט פֿון נביאות; ער איז אויך געווען איינער פֿון די פֿיינסטע קריטיקער פֿון די דאַמאָלסדיגע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, און ער איז קיינמאָל ניט אָבגענאַרט געוואָרען פֿון גרויסע, קלינגענדע ווערטער, אָדער פֿון קלומרשט־וויסענשאַפֿטליכעס. הערציג איז געווען אַ יונגער קלערק, געבאָרען אין זשענעוואַ, אַ מאַן פֿון אונטערדריקטע געפֿיהלען, שעמעדיג, וועלכער פֿלעגט רויט ווערען ווי אַ יונג מיידעל, ווען ער האָט אויסגעדריקט אַן אָריגינעלען געדאַנק און וועלכער, נאָך דעם ווי איך בין אַרעסטירט געוואָרען, ווערענדיג פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די פֿאָרטזעצונג פֿון דער צייטונג, האָט נור דורך זיין געוואַלדיגע ווילענס־קראַפֿט זיך אויסגעלערענט צו שרייבען גוט. באָיקאָטירט פֿון אַלע אַרבייטס־געבער אין זשענעוואַ און אַריינפֿאַלענדיג מיט זיין פֿאַמיליע אין גרויסער אַרמוטה, האָט ער דאָך ניט אויפֿגעהערט אויפֿצוהאַלטען די צייטונג, ביז זי איז טראַנספֿערירט געוואָרען אין פּאַריז.

איך האָב מיך געקאָנט פֿאָלשטענדיג פֿערלאָזען אויף די אורטהיילס־קראַפֿט פֿון דיזע צוויי פֿריינד. ווען הערציג פֿלעגט אָנהויבען מורמלען: „יאַ — פֿיליייכט — קען עס געהן", האָב איך געוואוסט אַז דאָס קען ניט געהן; און ווען דומאַרטהעריי, וועלכער האָט זיך אימער בעקלאָגט אויף זיינע שלעכטע שפּאַקולען, ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו לעזען אַ ניט

זעהר דייטליכען מאַנוסקריפּט, פּלעגט אויסשרייען: „ניין, דאָס געהט ניט!" האָב איך גלייך געפּיהלט, אַז דאָ מוז עטוואָס געטהאָן ווערען, און איך האָב מיך געמאַטערט אויסצוגעפינען, וועלכער געדאַנק אָדער אויסדרוק האָט עס אַ־ויסגערופען זיין אונצופרידענהייט. איך האָב געוואוסט, אַז עס איז פון קיין נוצען ניט צו פרעגען איהם: „וואָרום וועט עס ניט געהן", ער וואָלט געענטפערט: „דאָס איז ניט מיין זאַך, דאָס איז אייערע. אָבער געהן וועט דאָס ניט. דאָס איז אַלעס, וואָס איך קען זאָגען". אָבער איך האָב געפּיהלט דאָס ער איז געווען גערעכט און איך האָב מיך איינפאַך אַוועקגעזעצט איבערצושרייבען דעם זאַץ, אָדער נעהמען דעם ווינקעל־האַקען און אַליין אויסזעצען אין די בלייענע בוכשטאַבען אַ נייעם זאַץ אָנשטאָט דעם אַלטען.

איך מוז אויך מודה זיין, דאָס מיר האָבען אויך גאַנץ שווערע צייטען געהאַט מיט דער צייטונג. אַזוי באַלד ווי מיר האָבען אַרויסגעלאָזען די ערשטע פיער, פינף נומערען, האָט אונז דער דרוקער געגעבען צו פערשטעהן, אַז מיר מוזען זוכען אַן אַנדער דרוקער. פאַר די אַרבייטער און זייערע פּובליקאַציאָנען האָט די פּרעס־פרייהייט, וואָס איז איינגעשריבען אין דער קאָנסטיטוציאָן, פיעלע בעגרענצונגען אויסער די געזעץ פּאַראַגראַפען. דער דרוקער האָט גאָר ניט געהאַט אויסצוזעצען געגען אונזער צייטונג, פערקעהרט, ער האָט איהר געגליכען, אָבער אין די שווייץ זיינען אַלע דרוקערייען אַבהייננגיג פון דער רעגירונג, וועלכע גיט זיי בעשעפטיגונג מיט דעם דרוקען פון סטאַטיסטיקס, רעפּאָרטען און עהנליכעס. און אונזער דרוקער האָט מען געגעבען צו פערשטעהן אין קלאָהרע דבורים, דאָס אויב ער וועט פאָרטזעצען דרוקען אונזער צייטונג, דאַרף ער ניט מעהר ערוואַרטען קיין אַרבייט פון דער זשענעווער רעגירונג. איך האָב געמאַכט אַ טור איבער דעם גאַנצען פראַנצויזיש־ריידענדען טהייל פון די שווייץ, האָב געזעהן זיך מיט די בעלי בתים פון די אַלע דרוקערייען. און פון אַלעמען, זאָגאַר פון די, וועלכע זיינען ניט געווען געגען די טענדענץ פון אונזער צייטונג, האָב איך ערהאַלטען דעם זעלבען ענטפער: „מיר וואָלטען ניט געקאָנט עקזיסטירען אָהן די אַרבייט פון די רעגירונג און מיר וואָלטען ניט געקראָגען קיינע, ווען מיר וואָלטען אינטערגענומען צו דרוקען „לע רעוואָלטע".

זעהר נידערגעשלאָגען בין איך געקומען צוריק נאָך זשענעווא. אָבער דומאַרטהעריי איז געווען דערפאַר נאָך מעהר פייערדיג און פול האָפנונג. „דאָס אַלעס איז זעהר איינפאַך", האָט ער געזאָגט. „מיר קויפען אונזער אייגענע „דרוקעריי" אויף דריי־מאָנאַטליכען קרעדיט, אין דריי מאָנאַטען וועלען מיר האָבען איהר אויסגעצאָהלט". „אָבער מיר האָבען דאָך קיין געלד ניט, נור עטליכע הונדערט פראַנק", האָב איך בעמערקט. „געלד?

רומהייטען! מיר וועלען עס האָבען! לאָמיר נור בעשטעלען די שריפט און גלייך אַרויסלאָזען אונזער נעכסטען נומער, און געלד וועט שוין קומען!" און ווידער אַמאָל האָט ער רעכט געהאַט. ווען אונזער נומער איז אַרויסגעקומען פון אונזער אייגענע דרוקעריי, און מיר האָבען דאָרט ערקלעהרט אונזערע שוועריגקייטען, און האָבען אויסער דעם אַרויסגעלאָזען אַ פּאָר פּאַמפלעטען — איז געלד אָנגעקומען, מייסטענס אין קופּער און קליינע זילבער מינצען, אָבער עס איז געקומען.

אימער און שטענדיג האָב איך געהערט קלאַגען אין די פאָרטגעשריטענע פּאַרטייען וועגען דעם מאַנגעל אין געלד, אָבער וואָס לענגער איך לעב, דאָס ווער איך אַלץ מעהר איבערצייגט, דאָס די הויפּט־שוויריגקייט איז ניט אַזויפיעל דער מאַנגעל אין געלד, ווי דער מאַנגעל אין מענשען, וועלכע זאָלען געהן פעסט און ענטשלאָסען צו אַ בעשטימטען ציעל אין אַ רעכטע ריכטונג און בעגייסטערען אַנדערע.

פאַר איין און צוואַנציג יאָהר לעבט שוין איצט אונזער צייטונג פון האַנד אין מויל. אין יעדען נומער כמעט ווערט אַפּעלירט נאָך פאָנדס אויף דער ערשטער זייט; אָבער אַזוי לאַנג, ווי עס איז דאָ אַ מענש, וואָס האַלט זיך פעסט, און לייגט אַריין זיין גאַנצע ענערגיע אין דעם, ווי הערציג און רומאַרטהעריי האָבען עס געטהאָן אין זשענעוואַ, און ווי גראַוו האָט עס געטהאָן פאַר די לעצטע זעכצען יאָהר אין פּאריז, קומט דאָס געלד אַריין, און אַ יעהרליכע אויסגאַבע פון אַכט הונדערט פונט ווערט געמאַכט — מייסטענס פון די סענטען און קליינע זילבערמינצען פון די אַרבייטער — אום צו דעקען די יעהרליכע קאָסטען פאַר דאָס דרוקען פון די צייטונג, און בראָשורען. פאַר אַ צייטונג, ווי פאַר יעדע אַנדערע זאַך, זיינען מענשען פון אַ ניט דער־ערך גרעסערען ווערטה, ווי געלד.

מיר האָבען אָנגעהויבען אונזער דרוקעריי אין אַ קליין צימערעל. אונזער זעצער איז געווען אַ מאַלאָראָס, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויפצוזעצען אונזער צייטונג פאַר אַ סך הכל פון זעכציג פ־אַנק אַ מאָנאַט. אַלעס וואָס ער האָט פערלאַנגט, איז געווען צו קריגען זיין איינפאַכען מיטאָג יעדען טאָג, און די מעגליכקייט צו געהן אַמאָל אין די אָפּערא.

„וואוהין געהט מען עס, אין אַ שוויץ־באָד, איוואַן?" האָב איך איהם אַמאָל געפרעגט, בעת איך האָב איהם געטראָפען אין גאַס, אין זשענעוואַ, מיט אַ פּעקעל אונטער'ן אָרעם.

„ניין; איך ציה זיך איבער אין אַ נייע דירה" — האָט ער געענטפערט מיט זיין געוועהנליכער מעלאַדישער שטימע און מיט זיין שטענדיגען שמייכעל אויף'ן פּנים.

צום אונגליק, האָט ער ניט געקענט קיין פֿראַנצויזיש. איך פֿלעג מיך מאַטער׳ן שרייבען ווי אַם דייטליכסטען, — אָפֿט בעדויערענדיג די טהייערע צייט וואָס איך האָב פֿערשווענדעט אין די קלאַסען פֿון אונזער גוטען ע ב ע ר ט, — אָבער איוואַן האָט, ווי געזאָגט, קוים געקענט איבער־לעזען אַ ביסעל פֿראַנצויזיש, און ער פֿלעגט אויפֿזועצען די קאָמישסטע ווערטער. אָבער מיר האָבען זיך ווי עס איז אַן עצה נעגעבען מיט דער קאָרעקטור. פֿערטראָגען האָבען מיר זיך אויסגעצייכענט גוט, און איך האָב מיך שנעל אויסגעלערענט זעצען אונטער זיין השגחה. דער זאַץ איז אימער פֿערטיג געוואָרען אין צייט, אום צו זיין אימשטאַנד איבערצושיקען די קאָרעקטור צו אַ שווייצאַרישען גענאָסע, וועלכער איז געווען דער פֿעראַנט־וואָרטליכער רעדאַקטאָר, און דאַן פֿלעגען מיר אַריבער־טראַנספּאָרטירען די צוזאַמענגעשטעלטע פֿאָרמען אין אַ דרוקעריי. אונזערע פּובליקאַציאָנען זיינען גלייך פּאָפּולער געוואָרען ווייט און בּרייט, ספּעציעל די בראָשורקעס, וועלכע דומאַרטהעריי האָט קיין מאָל ניט געלאָזט פֿערקויפֿען מעהר ווי צו א פּעני אַ שטיק. פֿאַר דיזע בראָשורען האָבען מיר געמוזט געברויכען אַ גאַנץ נייעם מיטעל.

איך בין מיך מודה ומתודה, אַז אָפֿט בין איך געווען זינדיג געגוג מקנא צו זיין יענע שרייבער, וועלכע האָבען זיך געקענט פֿערברייטען אויף גאַנצע זייטלעך, אויסצודריקען אַן אידעע, און עס איז זיי געווען ערלויבט זיך צו בענוצען מיט טאַלעראַן׳ס בעוואוסטען תירוץ: „איך האָב קיין צייט ניט געהאַט זיך קורץ צו פֿאַסען". ווען איך האָב געמוזט צוזאַמענפּרעסען דעם רעזולטאַט פֿון עטליכע מאָנאַטען אַרבייט, — אויף דעם אורשפּרונג פֿון געזעץ, למשל, — אין אַ סענטיגע בראָשורע, בין איך געווען געצוואונ־גען מיר צו נעהמען די צייט זיך קורץ צו פֿאַסען. אָבער מיר האָבען געשריבען פֿאַר׳ן פֿאָלק, און פֿאַר׳ן דורכשניטליכען אַרבייטער איז אָפֿט צופֿיעל צו בעצאָהלען פֿינף סענט פֿאַר אַ בראָשורע. דעריבער פֿלעגען זיך אונזערע סענטיגע פּאַמפֿלעטקעס פֿערקויפֿען אין די צעהנדליגע טויזענדער, און זיינען איבער־זעצט געוואָרען אין פֿיעלע אַנדערע שפּראַכען. מיינע לייט־אַרטיקלען פֿון יענער צייט זיינען אַרויסגעגעבען געוואָרען שפּעטער, בעת איך בין געווען אין טורמע, דורך עליזע רעקלו, אונטערן נאָמען „די ווערטער פֿון אַ רעוואָלוציאָנער".

אונזער הופּט־צוועק איז אימער געווען פֿראַנקרייך; אָבער „לע רעוואָלטע" איז דאָרט געווען שטרייננג פֿערבאָטען, און די מוליכערס האָבען געהאַט אַזוי פֿיעל גוטע זאַכען אַריינצושמוגלען פֿון די שווייץ אין פֿראַנק־רייך, אַז זיי האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין געשעפֿטען מיט אונזער

ציטונג. איינמאָל בין איך מיט זיי צוזאַמען אַריבער די פראַנצויזישע גרענעץ, און איך מוז זאָגען, אַז דאָס זיינען זעהר בראַווע און פערנטוואָרטליכע מענער, אָבער איך האָב זיי בשום אופן ניט געקענט איבער־ריידען אַריבער צו שמוגלען אונזער ציטונג. מיר האָבען איהר אַלזאָ געמוזט פונאַנדער־שיקען אין פערמאַכטע קאָנווערטען צו אַ הונדערט פערשיעדענע פערזאָנען אין פראַנקרייך. פאָרטאָ האָבען מיר זיי ניט גערעכענט, זיך פערלאָזענדיג אויף פרייוויליגע בייטרעגע פון אונזערע אַבאָנענטען צו דעקען די עקסטראַ הוצאות, — און דאָס האָבען זיי גערען געטהאָן, — אָבער מיר פלעגען זיך טראַכטען, אַז די פראַנצויזישע פּאָליציי האָט זיך לייכט געקענט בענו־צען מיט דיזער גלעגענהייט צו רואינירען אונזער ציטונג: זי וואָלט זיך געקענט אַבאָנירען אויף הונדערט עקזעמפּליאַרען אָהנע צו־צושיקען דעם פרייוויליגען בייטראַג.

דעם ערשטען יאָהר האָבען מיר אַליין געמוזט אויסהאַלטען די גאַנצע ציטונג. אָבער ביסלעכווייז האָט רעקלו אָנגעהויבען נעהמען מעהר אינטערעסע אין דער אַרבייט און נאָך מיין אַרעסט האָט ער אַריינגעגעבען מעהר לעבען אין דער ציטונג, ווי זי האָט אַ מאָל געהאַט. רעקליו האָט מיך געהאַט איינגעלאַדען איהם צו העלפען אין דער פערפערטיגונג פון זיין ריעזען־ווערק איבער געאָגראַפיע, וועלכע האָט בעהאַנדעלט די רוסישע הערשאַפט אין אַזיען. ער האָט זיך געהאַט אויסגעלערענט רוסיש; נור ער האָט געדיינקט, אַז אַזוי ווי איך בין געווען גוט בעקאַנט מיט סיביר וועל איך איהם קאָנען בעהילפיג זיין; און אַזוי ווי מיין פרוי'ס געזונדהייט־צושטאַנד איז דאַמאָלס געווען שלעכט און דער דאָקטאָר האָט איהר בעפוילען גלייך צו פערלאָזען זשענעוואַ מיט די קאַלטע ווינטען, זיינען מיר אַוועק אין אָנפאַנג פריהלינג 1880, קיין קלאַרענס, וואו רעקלו האָט דאַמאָלס געוואוינט. מיר האָבען זיך בעזעצט אין אַ קליין הייזעל איבער די בלויע וואַסערען פון דער זשענעוואַר אָזערע מיט דעם קלאָרען שנעע פון דעם באַרג מידי הינטער אונז. אַ טייכעל, וועלכער האָט גערוישט ווי אַ מעכטיגער שטראָם נאָך אַ רעגען, אַוועקטראָגענדיג מיט זיך אונגעהייערע פעלזען, האָט געפּליסט פערביי אונזער פענסטער; און געגענאיבער אויף'ן באַרג, האָבען מיר געקענט זעהן דעם אַלטען שלאָס „שאַטאַלאַר", דער שלאָס פון וועלכען די בעלי בתים פלעגען אַרויפלייגען שקלאַפען־צינזען אויף די אַרומיגע בויערען, ביז צו דער רעוואָלוציאָן פון 1799, ביי יעדער געלעגענהייט פון אַ געבורט, אַ חתונה אָדער אַ לויה. דאָ אין דיזען הייזעל, האָבענדיג די מיטאַרבייטערשאַפט פון מיין פרוי, מיט וועמען איך פלעג דיסקוטירען יעדע עראייגנים און יעדען אַרטיקעל, האָב איך אָנגעשאַפען די

בעסטע זאַכען, וועלכע איך האָב געשריבען פֿאַר „לע רעוואָלטע“, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען „דער יונגער דור“. א בראָשורע, וועלכע איז פֿערשפּרייט געוואָרען אין הונדערטע טויזענדער עקזעמפּליאַרען אין אַלע שפּראַכען. דער פֿאַקט איז, אַז אין קלאַרענס האָב איך אויסגעאַרבייט דעם פֿונדאַמענט פֿון כמעט אַלעס, וואָס איך האָב שפּעטער אָנגעשריעבען. וואָס מיר, אַנאַרכיסטישע שרייבער, זייענדיג נע־ונד, צוזעעט איבער דער גאַנצער וועלט ברויכען אַם נויטווענדיגסטען, איז צו קומען אין בעריהרונג מיט געבילדעטע מענשען, וועלכע האָבען עהנליכע אידעען מיט אונז. אין קלאַרענס בין איך געקומען אין בעריהרונג מיט עליזע רעקלו און לאַפֿראַנסיי, אויסער די אינטימע בעקאַנטשאַפֿט מיט די אַרבייטער, וועלכע איך האָב נאַטירליך אָנגעהאַלטען; און האָטש איך האָב פֿיעל געאַרבייט פֿאַר די געאָגראַפֿיע, האָב איך פֿון רעסטוועגען געלייסטעט פֿאַר דער אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ מעהר ווי אימער.

די הינריכטונג פֿון אַלעקסאַנדער II.

אין רוסלאַנד האָט דער קאַמפּף פֿאַר פֿרייהייט זיך אַלץ מעהר און מעהר פֿערשאַרפֿט. אַסך פּאָליטישע פּראָצעסען זיינען פֿאָרגעקומען פֿאַר די העכערע ריכטער. — דער משפט פֿון די „193“, פֿון די „50“, פֿון דעם דאָלגושין־קרוזשאָק, א. ז. וו. און אין אַלע האָט זיך אַרויסגעוויזען די זעלבע זאַך: די יוגענד האָט זיך אַלאָז געטהאָן צווישען די פּויערים און די פֿאַבריק־אַרבייטער, פּריידיגענדיג סאָציאַליזמוס פֿאַר זיי. סאָציאַליסטישע בראָשורען, געדרוקט אין רוסלאַנד, זיינען פֿערטהיילט געוואָרען; רעוואָלוציאָנערע אויפֿרופֿע זיינען פֿערשפּרייט געוואָרען געגען די דריקענדע עקאָנאָמישע צושטענדע. בקיצור, אַלעס וואָס ווערט מיטגעמאַכט אין אַלע אַנדערע לענדער דער וועלט, איז אויך אין דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציאָן אין רוסלאַנד מיטגעמאַכט געוואָרען. פֿון רעוואָלוציאָנערע פֿערשווערונגען, אָדער פֿאָרבערייטונגען, האָט מען ניט געקענט געפֿינען דעם מינדעסטען שפּור. דער פֿאַקט איז, עס איז ניט געווען וואָס צו געפֿינען. די גרויסע מעהרצאָהל פֿון אונזער יוגענד איז דאַמאָלס געווען געגען אַזאַ מין טהעטיגקייט. נאָך מעהר, צוריק־בליקענדיג אויף יענער בעוועגונג אין די יאָהרען 1870 — 1878, קען איך זאָגען מיט פֿאָלשטענדיגער איבערצייגונג, אַז די מייסטע פֿון יענע יונגע לייט וואָלטען זיך געפֿיהלט צופֿרידען, ווען מען זאָל געווען זיי איינ־

פֿאַך ערלויבען צו לעבען מיט'ן מוזשיק און מיט'ן אַרבייטער, זיי צו לעהרנען, זיי צו העלפֿען אין טויזענדער פֿערשיעדענע אַנגעלעגענהייטען — פּריוואַט אָדער אַלס לאָקאַלע בעאַמטע — אין וועלכע אַ געבילדעטער און ערנסטער מענש קען זיך מאַכען ניצליך פֿאַר די מאַסען פֿון פאָלק. איך האָב די מענשען געקענט און איך זאָג עס מיט פֿולער בעוואוסטהייט.

און דאָך, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס די פּראָפּאַגאַנדיסטען זיינען געווען זעהר פֿריעדליכע, געבילדעטע מענשען, האָט מען זיי גרויזאַם בעשטראָפֿט, — אידיאָטיש־גרויזאַם, ווייל נאָך אַלעם האָט דאָך די רעגירונג געזאָלט פֿערשטעהן, אַז אַ בעוועגונג וועלכע איז אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, קען מיט בלויזער ברוטאַליטעט ניט אונטערדריקט ווערען. קאַטאָרגאַ אויף זעקס, צעהן, צוועלף יאָהר אין די מינעס און דערנאָך לעבענסלענגליכע פֿערשיקונג אויף סיביר — איז געווען אַ געוועהנליכער פּסק. עס זיינען פֿאָרגעקומען אַזעלכע פֿעלע, וואו אַ פֿריילין, וועלכע האָט געקראָגען ניין יאָהר קאַטאָרגע און סיביר אויף'ן גאַנצען לעבען דערפֿאַר, וואָס זי האָט געגעבען איין איינציגע סאָציאַליסטישע בראָשורע צו אַן אַרבייטער. דאָס איז געווען איהר גאַנצער פֿערברעכען. אַן אַנדער מיידעל, פֿיערצען יאָהר אַלט, פֿריילין גוקאָווסקאַיאַ, איז פֿערשיקט געוואָרען אויף לעבענסלענגליכע סיביר דערפֿאַר, וואָס זי האָט געפּרואווט, פּונקט ווי געטהע'ס קלערכען אויפֿרעגען אַ גלייכגילטיגע מאַסע צו רעטען קאָוואַלעווסקי'ן און זיינע פֿריינד פֿון דער פּאָליציי, בעת מען האָט זיי געפֿיהרט צו דער תליה, — אַ טהאַט וועלכע איז פֿיעל נאַטירליכער אין רוסלאַנד, אפילו פֿון דעם רעגירונגס־שטאַנדפּונקט, ווייל דאָרט גיבט עס ניט קיין טויט־שטראַפֿע פֿאַר מערדער און איינפֿאַכע פֿערברעכער; דאָס היינגען פֿון די פּאָליטישע איז דאַמאָלס געווען אַ נייעס, און דאָס האָט נאַטירליך געקענט אויפֿקאָכען דאָס בלוט פֿון דעם קאַלטעסטען מענשען. פֿערוואָרפֿען ערגעץ אין דער מדבר פֿון סיביר, האָט זיך דאָס יונגע קינד דערטרונקען אין דעם יעניסיי. אפילו די וועלכע דער געריכט האָט בעפֿרייט, זיינען אויך פֿערשיקט געוואָרען פֿון די זשאַנדאַרמען אין סיביר און אין נאָרד־רוסלאַנד, וואו זיי זיינען פּשוט גע־שטאָרבען פֿון הונגער, אויף דער רעגירונגס פּענסיע פֿון דריי רובל אַ חודש. אין אַזעלכע דערפֿלעך זיינען קיין פֿאַבריקען ניטאָ און אַלס לעהרער האָט מען זיי קיין מאָל ניט צוגעלאָזען.

עפּעס ווי מען וואָלט וועלען נאָך שרעקליכער אויפֿפֿלאַקערען דעם צאָרען פֿון דער יוגענד, האָט מען די פֿעראורטהיילטע ניט גלייך אָבגעשיקט קיין סיביר. מען האָט זיי קודם כל אַריינגעזעצט אין די צענטראַלע טורמעס, וואו זיי האָבען שטאַרק מקנא געווען זייערע פֿריינד אין סיביר. דיזע טורמעס

וואַרעןווירקליך שוידערהאַפֿט. אין איינער פֿון זיי — אַ טיפוס-גיהנום, ווי דער גלח פֿון דער געפֿענגנים האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ דרשה זיינע — האָט די שטערבליכקייט דערגרייכט ביז צוואַנציג פּראָצענט אין איין יאָהר. אין די צענטראַלע טורמעס, די קאַטאָרגע טורמעס אין סיביר און אין די קרעפּאָסטען האָבען זיך די אומגליקליכע געמוזט בענוצען מיט'ן טויט-סטרייק, מיט'ן הונגער-סטרייק, אום זיך צו בעשיצען געגען דער ברוטאַליטעט פֿון די וועכטער, אָדער אום צו קריגען די ערלויבניס צו אַרבייטען אָדער צו לעזען אין ווייַטרע צעלען און דערמיט זיך צו רעטען פֿון אַ זיכערען וואַהנזין אין עטליכע מאָנאַט צייט... די שוידערליכקייט פֿון אַזעלכע סטרייקס, אין וועלכע מענער און פֿרויען האָבען זיך אָבגעזאָגט צו פֿערזוכען אירגענד וועלכע שפּייז זיעבען אָדער אַכט טעג כסדר און פֿלעגען ליעגען בעוועגלאָז אין הינ-הער פֿלעט, דיזע שוידערליכקייט, וועלכע האָט געקענט ריהרען אפילו שטיינערנע הערצער, האָט אָבער די זשאַנדאַרמען ניט געריהרט. אין כאַרקאָוו זיינען די האַלב-טויטע געפֿאַנגענע צוגעבונדען געוואָרען מיט שטריק און מען האָט זיי מיט געוואַלד געשפּאַרט עסען אין מויל.

ידיעות פֿון דיזע גוואַלדטהאַטען זיינען דורכגעדרונגען די געפֿענגניסע, האָבען דורכגעקרייצט די גרענצלאָזע מדבריות פֿון סיביר און זיך פֿער-שפּרייט ווייט און ברייט צווישען די יוגענד. עס איז געווען אַ צייט, ווען קיין איין וואָך איז ניט אַריבער, וואָס מען זאָל ניט ענטדעקען אַזעלכע און נאָך ערגערע שאַנד-טהאַטען.

דער לעצטער שטאַפּעל פֿון ערביטערונג האָט אָנגעפֿילט די הערצער פֿון די יונגע לייט. „אין אַנדערע לענדער" האָבען זיי אָנגעהויבען טענה'ן — „האָבען מענשען דעם מוטה ווידערצושטעהן. אַן ענגלענדער אָדער אַ פֿראַנצויז וואָלט ניט נעדולדעט אַזאַ סקאַנדאַל. ווי אַזוי קענען מיר זיי דולדען? לאָמיר זיך ענטגעגענשטעלען מיט וואַפֿען אין די הענד געגען די נאַכטיגע איבערפֿעלע פֿון די זשאַנדאַרען; זאָלען זיי ענדליך וויסען, אַז כל זמן אַן אַרעסט מיינט אַ לאַנגזאַמער און שענדליכער טויט אין זייערע הענד, — דאַן קענען זיי אונז קריגען ערסט נאָך אַ בלוטיגען קאַמפּף. אין אָדעס האָבען קאָוואַלסקי און זיינע פֿריינד מיט רעוואָלווער-שיסעריי עמפּפֿאַנגען די זשאַנדאַרען, וועלכע זיינען זיי געקומען אַרעסטירען.

דער ענטפֿער פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען אויף דיזע נייע בע-וועגונג וואַר — די פּראָקלאַמאַציאָן פֿון אַ בעלאַגערונגס-צושטאַנד. רוסלאַנד איז צוטהיילט געוואָרען אין פֿערשיעדענע אָבטהיילונגען, און איבער יעדע איז געווען אַ גענעראַל-גובערנאַטאָר, וועלכער האָט ערהאַלטען דעם

בעפעהל צו הענגען די פּאָליטישע איינס נאָך דאָס אַנדערע. קאָוואַלסקי אין זיינע פריינד, וועלכע האָבען מיט זייער שיסען קיינעם ניט דערהרג׳ט, — זיינען געהאַנגען געוואָרען. די תליה איז געווען אויף׳ן טאַגעסאָרדנונג. דריי און צוואַנציג פערזאָן זיינען הינגעריכטעט געוואָרען אין פערלויף פון צוויי יאָהר, און אונטער זיי איז געווען אַ ניינצהען־יעהריגער אינגעל, וועלכען מען האָט געכאַפּט אויפקלעפּענדיג אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע אין אַ וואָקזאַל. דיעזער אַקט — און איך זאָג עס מיט בעשטימטהייט — איז געווען זיין איינציגער פערברעכען. ער איז געווען בלויז אַ אינגעל און איז געשטאָרבען ווי אַ מאַן.

דאַמאָלס איז דער קריעגס־רוף פון די רעוואָלוציאָנערען געוואָרען „זעלבסט־פערטהיידיגונג": זעלבסט־פערטהיידיגונג געגען די שפּיאָנען, וועלכע האָבען זיך אַריינגעגנב׳עט אין די קרייזען אונטער דער מאַסקע פון פריינדשאַפט, און האָבען פערראַטהען גענאָסען רעכטס און לינקס, ווייל זיי וואָלטען ניט געקראָגען בעלאָהנט, ווען זיי וואָלטען ניט ארויסגעגעבען אַ גרויסע צאָהל פערזאָנען; זעלבסט פערטהיידיגונג געגען די יעניגע, וועלכע האָבען געפּייניגט די געפאַנגענע; זעלבסט־פערטהיידיגונג געגען די אַלמעכטיגע הויפטלינגע פון דער שטאַאַט־פּאָליציי.

דריי בעאמטע און אַ צוויי־דריי פּשוטע שפּיאָנען זיינען געפאַלען אין יענער נייער ריכטונג פון קאַמפּף. גענעראַל מעזענצאָוו, וועלכער האָט בעאיינפלוסט דעם צאַר צו פערדאָפּלען די שטראָפע נאָך דעם פּראָצעס פון די הונדערט דריי און נייינציג, איז דערהרג׳עט געוואָרען אין מיטען העלען טאָג אין פּעטערסבורג; אַ זשאַנדאַרמסקער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך פערשולדיגט אין עפּעס ערגערס ווי דאָס, האָט געקראָגען דעם זעלבען פּסק אין קיעוו; און דער גענעראַל גובערנאַטאָר פון כאַרקאָוו — מיין קאָזין, דימיטרי קראַפּאָטקין — איז דערשאָסען געוואָרען בעת ער איז געפאָהרען אַהיים פון אַ טהעאַטער. די צענטראַלע טורמע, אין וועלכער דער ערשטער הונגער־סטרייק איז פאָרגעקומען, איז געווען אונטער זיין אויפזיכט. אין דער נאַטור איז ער ניט געווען קיין שלעכטער מענש, — איך וויים אַז זיינע פערזענליכע געפיהלען זיינען געווען אַביסעל צו גונסטען פון די פּאָליטישע געפאַנגענע, אָבער ער איז געווען אַ שוואַכער מענש און אַן איינגעהער אין קייזערליכען הויף, און ער האָט גאָר ניט געטהאָן געגען די ברוטאַליטעט. איין איינציגער וואָרט זיינער וואָלט געקענט מאַכען אַ סוף צו די שלעכטע בעהאַנדלונג פון די געפאַנגענע. אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט איהם אַזוי ליעב געהאַט, און זיין שטעלונג אין הויף איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיין וואָרט וואָלט זיכער פיעל אויפגעטאָן.

„איך דאַנק דיר; דו האָסט געהאַנדעלט נאָך מיין אייגענעם וואונש" — האָט דער צאַר צו איהם געזאָגט אַ פּאָר יאָהר פאַר דיזער געשיכטע, ווען ער איז געקומען אין פעטערסבורג רעפּאָרטען, אַז ער האָט גענומען רוהיגע שטעלונג אין אַ ראַיאָט, וועלכער האָט אויסגעבראָכען אונטער דער אָרעמער בעפעלקערונג פון כאַרקאָוו, און אַז ער האָט די בונטאָווטשיקעס בעהאַנדעלט זעהר מילד. אָבער דיזען מאָל האָט ער געגעבען זיין הסכמה צו די גרויזאַמקייט פון די געפענגנים-אויפזעהער, און די יונגע לייט פון כאַרקאָוו זיינען געווען אַזוי ערביטערט איבער די בעהאַנדלונג פון זייערע פריינד, אַז איינער פון זיי האָט איהם דערשאָסען.

דאָך איז די פּערזענליכקייט פון צאַר אויסגעלאָזען געוואָרען אין דיזען קאַמפּף, און ביז צו דעם יאָהר 1879 איז קיין אַטענטאַט ניט געמאַכט געוואָרען אויף זיין לעבען. די פּערזאָן פון דעם בעפרייער פון די לייבאייגענע איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ מין הייליגקייט, וועלכע האָט איהם בעשיצט פיעל בעסער ווי די גאַנצע מאַסע טשינאָווניקעס. ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער וואָלט אין דיזען פאַל אַרויסגעוויזען אפילו דעם קלענסטען וואונש צו פערבעסערן די לאַגע אין רוסלאַנד; אויב ער וואָלט נור צוגעלאָזען איינעם אָדער צוויי פון יענע מענער, מיט וועלכע ער האָט מיטגעאַרבייט אין דער צייט פון דער רעפאָרם-פעריאָדע און וואָלט זיי בעפוילען צו דערגעהן די אמת'ע לאַגע פון זיין לאַנד, אָדער בלויז פון די פויערים; אויב ער וואָלט אַרויסגעוויזען די קלענסטע אַבזיכט צו בעגרענעצען די מאַכט פון דער געהיים-פּאָליציי, — וואָלט מען איהם אויף די הענד געטראָגען. איין וואָרט וואָלט איהם צוריק-געגעבען זיין נאָמען: „דער בעפרייער" און נאָך אַמאָל וואָלט דער יונגער דור ווידערהאָלט הערצען'ס ווערטער: „דו האָסט בעזיעגט, גאַלילייער".

אָבער פונקט אַזוי ווי אין דער צייט פון פוילישען מיאַטעזש האָט זיך אין איהם דערוועקט דער דעספּאָט, און פונקט אַזוי ווי דאַן, זייענדיג אָנגערייצט פון קאַטקאָוו'ן, האָט ער אַרויסגעלאָזען דעם אוקאַז צו הייגגען די פּאָליטישע און די בונטאָווטשיקעס, אַזוי אויך איצט, ווידער אַמאָל ווערענדיג בעאיינפלוסט פון דעמזעלבען קאַטקאָוו, האָט ער בעשלאָסען אַוועקצוזעצען ספּעציעלע מיליטערישע גובערנאַטאָרען — צו הענגען.

דאַמאָלס ערשט איז אַרויס אַ הייפּעל רעוואָלוציאָנערען — דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט — אונטערשטיצט פון דער וואַקסענדער אונצופרידענהייט פון די געבילדעטע קלאַסען און אפילו פון פּערזאָנען פון דעם קייזערליכען הויף גופא, און האָט ערקלעהרט יענע מלחמה געגען די

זעלבסטהערשאַפט, וועלכע האָט זיך סוף כל סוף געענדיגט אין 1881 מיט דעם טויט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

ווי שוין פריהער בעמערקט, האָבען זיך אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטען געבאָרעט צוויי פערשידענע מענשען; און איצט האָט דער קאַמפּף צווישען זיי ביידען, וועלכער האָט געהאַלטען אין איין וואַקסען די גאַנצע צייט פון זיין לעבען, דערגרייכט אַן אמת טראַגישע שטופע. ווען ער איז געקומען פנים אל פנים מיט סאָלאָוויאָוו׳ן, וועלכער האָט אויף איהם אויס־געשאָסען און ניט געטראָפען דעם ערשטען מאָל, איז דער צאַר נאָך געווען מוטהיג גענוג צו ענטלויפען ניט אין אַ גלייכער ליניע, זאָנדערען זיגזאַג, בעת סאָלאָוויאָוו האָט געהאַלטען אין איין שיסען אויף איהם; און אַזוי אַרום איז ער אָבגעקומען בלויז מיט אַ לייכטען ריס אין פאַלטאָ. אין דעם טאָג פון זיין טויט האָט ער אויך בעוויזען ניט ווייניג מוטה. פנים אל פנים מיט אמת׳ער געפאַהר פלעגט ער בלייבען אונערשראָקען, אָבער ער האָט תמיד געציטערט פאַר די שרעקענס־בילדער פון זיין אייגענע פאַנטאַזיע. איין מאָל האָט ער אויסגעשאָסען אויף זיין אַדיוטאַנט, בעת דער לעצטער האָט זיך פלוצלינג אַ ריהר געטהאָן, און אַלעקסאַנדער האָט געמיינט אַז ער געהט איהם דער׳הרג׳נען. בלויז אום צו רעטען זיין לעבען האָט ער איבערגעגעבען זיין גאַנצע קייזערליכע מאַכט צו מענשען, וועלכע האָבען זיך ווייניג געקימערט אום איהם, אַבי אָנצוהאַלטען זייערע רייכע שטעלען.

ער איז, אָהן צוויפעל, געבליבען געטריי צו דער מוטער פון זיינע קינדער, כאָטש ער האָט שוין דאַמאָלס געלעבט מיט דער פירסטין יורעווסקי־דאָלגאָרוקאָוואַ, און וועלכער ער האָט גלייך געהייראַט נאָך דער קייזערין׳ס טויט.

„רעדט צו מיר ניט וועגען די קייזערינע; איך לייד צו פיעל" — פלעגט ער פיעל מאָל זאָגען לאָרים מעליקאָוו׳ן. און דאָך האָט ער אין גאַנצען פערלאָזען די צאַרינע מאַריע, וועלכע איז איהם געווען אַזוי געטריי אין דער צייט, ווען ער איז געווען דער בעפרייער. ער האָט זי געלאָזען שטאַרבען אין דעם פאַלאַץ גאַנץ אַליין. אַ בעריהמטער רוסישער דאָקטאָר, וועלכער איז יעצט טויט, האָט דערצעהלט זיינע פריינד, אַז ער, אַ פרעמדער, האָט שרעקליך געליטען צוזעהענדיג די נאַכלעסיגקייט, מיט וועלכער די קייזערינע איז בעהאַנדעלט געוואָרען אין איהר לעצטע קראַנקהייט, — פערלאָזען פון די הויף־דאַמען, האָבענדיג ביי זיך בלויז צוויי פריינדינען, וועלכע זיינען איהר געווען שטאַרק איבערגעגעבען. איהר מאַן דער קייזער, פלעגט איהר בלויז שענקען יעדען טאָג אַ קורצען אָפיציעלען וויזיט. געוואוינט האָט ער דערווייל אין אַן אַנדער פאַלאַץ.

ווען דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט האָט געמאַכט דעם ריזיקאַלישען שריט אויפֿצורייסען דעם ווינטער־פּאַלאַסט גופא, איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער געוואָרען זעהר פֿערצווייפֿעלט; ער האָט פֿערלאָרען דעם קאָפּף. ער האָט געגרינדעט אַ סאָרט דיקטאַטור, איבערגעבענדיג די גאַנצע מלוכה לאָריס מעליקאָוו'ן. דיזער גענע־אַל איז געווען אַן ארמעניער, וועמען דער צאַר האָט שוין פֿריהער געהאַט איין מאָל איבערגעגעבען די גאַנצע דיק־טאַטאָרישע מאַכט, בעת די שוואַרצע פעסט האָט געהאַט אויסגעבראָכען אַרום דער וואָלגאַ. דייטשלאַנד האָט דאַן געסטראַשעט אַרויסצורופֿען איהרע טרופען און שטעלען רוסלאַנד אונטער קאַראַנטין, אויב די פעסט וועט ניט איינגעשטילט ווערען. איצט, אַז אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט געזעהן אַז ער קען זיך ניט פֿערלאָזען אפילו אויף זיין אייגענע לייב־גוואַרדיע, האָט ער זיך ווידער אַמאָהל איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען צו לאָריס מעליקאָוו. אַזוי ווי דיזער גענעראַל איז געוועזען בעוואוסט אַלס ליבעראַלער, האָט דיזער שריט אָנגעצייגט אויף גוטע צייטען. מען האָט געקענט אין קורצען ערוואַרטען אַ נאַציאָנאַל־פֿערזאַמלונג צו שאַפֿען אַ קאָנסטיטוציאָן. אָבער אַזוי ווי קיין נייער אַטענטאַט איז אויף'ן צאַר'ס לעבען ניט געמאַכט געוואָרען גלייך נאָך דער עקספּלאָזיאָן, איז דער צאַר געוואָרען אַביסעל שטייפֿער ביי זיך, און אין עטליכע מאָנאַט אַרום, נאָך איידער מעליקאָוו האָט אָנגעהויבען עפּעס צו טהאָן, איז ער שוין געוואָרען אויס מאַכער, נור בלויז אַן איינפֿאַכער מיניסטער. די אָפּטע מעלאַנכאָלישע אַטאַקען, וועגען וועלכע איך האָב שוין פֿריהער גערעדט, בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער פֿלעגט האָבען שטאַרקע געוויסענסביסע איבער דעם רעאַקציאָנערען כאַ־ראַקטער פֿון זיין אימפעריע, זיינען יעצט געוואָרען פֿיעל געוואַלטיגער. ער פֿלעגט זיצען און וויינען שטונדען־ווייז, און מעליקאָוו פֿלעגט ווערען פֿערצווייפֿעלט. דאַן פֿלעגט ער אַ פֿרעג טהאָן דעם מיניסטער: „ווען וועט שוין אַ מאָל אייער קאָנסטיטוציאָנס־פּלאַן פֿערטיג ווערען?" און בעת מעליקאָוו האָט איהם אין אַ צוויי טעג אַרום מודיע געווען, אַז דער פּלאַן איז שוין פֿערטיג, האָט שוין דער קייזער געהאַט פֿערגעסען וועגען אַלעס. „האָב איך דען עפּעס דערמאָנט מכח דעם?" פֿלעגט ער פֿרעגען — „צו וואָס? לאָמיר דאָס שוין ליעבער איבערלאָזען צו מיין נאַכפֿאָלגער, לאָז דאָס זיין זיין מתנה פאַר רוסלאַנד".

ווען עס האָט זיך פֿערשפּרייט אַ סלוך וועגען אַ נייע פֿערשווערונג, האָט ער ווידער זיך גענומען צו דער רעפֿאָרם־אַרבייט; נור אַזוי שנעל, ווי עס איז אַלעס ווידער שטיל געוואָרען צווישען די רעוואָלוציאָנערען, האָבען זיינע רעאַקציאָנערע יועצים גלייך געקראָגען די אויבערמאַכט איבער איהם

און ער האָט אַלעס געלאָזען ביים אַלטען. יעדע מינוט האָט מעליקאָוו ערוואַרטעט אַראָבגעזעצט צו ווערען.

אין פֿעברואַר 1881, האָט איהם מעליקאָוו מודיע געווען, אַז דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט האָט ווידער אַ מאָל געפּלאַנט אַ פֿערשווערונג, וועלכע מען קען בשום אופן ניט אויסגעפֿינען. גלייך האָט אַלעקסאַנדער דער צווייטער בעשלאָסען צוזאַמענצורופֿען דעלעגאַטען פֿון אַלע פּראָווינצען. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז אויף איהם וועט פֿאַלען דער זעלבער גורל וואָס אויף לואיס דעם זעכצעהנטען, פֿלעגט ער אָנרופֿען דיזע צוזאַמענשטעלונג פֿון דעלעגאַטען „די פֿערזאַמלונג פֿון בעריהמטהייטען" פּונקט ווי די, וועלכע איז פֿערזאַמעלט געוואָרען פֿון לואיס דעם זעכצעהנטען בעפֿאָר די נאַציאָנאַל אסעמבלי אין 1789. דער פּלאַן האָט געזאָלט פֿאָרגעלייגט ווערען פֿאַר׳ן שטאַאַטס־ראַטה; אָבער דאָ האָט דער צאַר ווידער אַמאָל אָנגעהויבען חרטה צו קריגען, ערשט אין דעם פֿריהמאָרגען פֿון דעם ערשטען מערץ 1881, נאָך די לעצטע אזהרה פֿון לאָרים מעליקאָוו, האָט ער ענדליך אַרויסגעגעבען דעם אוקאַז פֿאָרצולייגען דעם פּלאַן פֿאַר׳ן שטאַאַטס־ראַטה דעם קומענדען דאָנערסטאַג. דאָס איז געווען אין אַ זונטאָג; און לאָרים מעליקאָוו האָט איהם געבעטען ניט צו געהן אויף׳ן פּאַראַד דעם טאָג, אום אויסצומיידען אַן אַטענטאַט אויף זיין לעבען; אָבער ער האָט איהם ניט געהערט; ער האָט זיך געוואָלט זעהן מיט דער גרויס־פֿירסטין יעקאַטערינאַ (די טאָכטער פֿון זיין טאַנטע העלענאַ פּאַוולאָוונאַ, וועלכע איז געווען איינע פֿון די פֿיהרער פֿון דער עמאַנציפּאַציאָנס פּאַרטיי אין 1861), און איהר ברייגנגען די פֿרעהליכע בשורה פֿון זיין בעשלוס.

מי דערצעהלט, אַז ער זאָל איהר האָבען געזאָגט: „איך האָב מיך בעשלאָסען איינצוברופֿען אַ נאַציאָנאַל פֿערזאַמלונג", דאָך איז דיזער פֿערשפּעטיגטער און ניט ווילענדיגער קאָמפּראָמיס ניט בעקאַנט געמאַכט געוואָרען. און אויף׳ן וועג צוריק צום ווינטער־פּאַלאַץ איז ער געטויטעט געוואָרען...

ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט, איז בעוואוסט. אַ באָמבע איז געוואָרפֿען געוואָרען אונטער זיין אייזערנע קאַרעטע, עטליכע טשערקעסען זיינען פֿערוואונדעט געוואָרען. ריסאַקאָוו, וועלכער האָט די באָמבע געוואָרפֿען איז אויף דער שטעלע אַרעסטירט געוואָרען. דאַן, כאָטש דעם צאַר׳ס קוטשער האָט איהם געבעטען ניט אַרויסצוגעהן פֿון דער קאַרעטע, וועלכע איז ניט געווען אַזוי שטאַרק צושעדיגט, האָט ער דאָך זיך איינגעשפּאַרט דוקא אַרויסצוגעהן. ער האָט געפֿיהלט, אַז זיין מיליטעריישע ווירדע פֿאָדערט פֿון

איהם צו זעהן די פֿערוואונדעטע טשערקעסען, אום זיי צו טרייסטען, פונקט ווי ער פֿלעגט טרייסטען די פֿערוואונדעטע אין דער טערקישער מלחמה, בעת אַ משוגענער אַנגריף אויף פלעוונאַ, וועלכער איז געווען אַ זיכערער דורכפֿאַל פֿון אָנהויב אָן, איז געמאַכט געוואָרען לכוד זיין געבורטס־טאָג. דער צאַר איז צוגעגאַנגען צו ריסאַקאָוו׳ן און האָט איהם עפּעס געפֿרעגט; דערווייל האָט גרינעוויצקי, וועלכער איז געשטאַנען דערלעבען, געוואָרפֿען אַ צווייטע באָמבע צווישען זיך און דעם קייזער, אַזוי אַז ביידע זאָלען צושמעטערט ווערען. ביידע האָבען זיי געלעבט בלויז עטליכע שטונדען.

דאָרט איז אַלעקסאַנדער דער צווייטער געלעגען אויף׳ן שנעע אין אַ טייך בלוט, פֿערלאָזען פֿון יעדען איינציגען פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער! אַלע זיינען זיי פֿערשוואונדען. קאַדעטען זיינען עס געווען, וועלכע צוריקגעהענדיג פֿון פּאַראַד, האָבען זיי אויפֿגעהויבען דעם גוסס׳דיגען קייזער פֿון שנעע און איהם אַריינגעלייגט אין אַ שליטען, צודעקענדיג זיין ציטערדיגען קערפּער מיט אַ קאַדעטסקען מונדיר און זיין הוילע קאָפּ מיט אַ קאַדעטסקע היטעל, און איינער פֿון די רעוואָלוציאָנערען, עמעליאַנאָף, וועלכער האָט געטראָגען אונטערן אָרם אַ באָמבע איינגעוויקעלט אין אַ פּאַפּיער, און וועלכער האָט אויף׳ן שטעל געקענט אַרעסטירט און געהאַנגען ווערען, איז אויך צוגעלאָפֿען העלפֿען דעם פֿערוואונדעטען מאַן. די מענשליכע נאַטור איז פֿול מיט אַזעלכע קאָנטראַסטען.

אַזוי האָט זיך געענדיגט די טראַגעדיע פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען׳ס לעבען. דאָס פֿאָלק האָט ניט געקענט פֿערשטעהן, ווי אַזוי עס איז מעגליך געווען, דאָס אַ צאַר, וועלכער האָט אַזוי פֿיעל אויפֿגעטהאָן פֿאַר רוסלאַנד, זאָל געפֿינען זיין טויט דורך די הענד פֿון רעוואָלוציאָנערען. מיר, וואָס איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צוצוזעהן די ערשטע רעאַקציאָנערע שריט פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען און זיין שטופֿענווייזע אַראָבזינקונג, מיר, וואָס איך האָב אַריינגעבליקט אין זיין קאָמפּליצירטען כאַראַקטער, — דער כאַראַקטער פֿון אַ געבוירענעם הערשער, וועמעס געוואַלדטהאַטען זיינען בלויז אַביסעל געווען פֿערגלעט פֿון בילדונג, דער כאַראַקטער פֿון אַ מענשען, וועלכער בעזיצט מיליטערישע גאַלאַנטקייט, און וועמען עס פֿעהלט דאָך דער קוראַזש פֿון אַ שטאַאַטס־מאַן, פֿון אַ מענשען מיט שטאַרקע ליידענשאַפֿטען און אַ שוואַכען ווילען, — מיר איז דאָס אַלעס פֿאָרגעקומען פונקט, ווי איך וואָלט זעהן שעקספּיר׳ס אַ דראַמע זיך ענטוויקלענדיג פֿאַר מיינע אויגען מיט איהר אונפֿערמיידליך־טראַגישען סוף. זיין לעצטער אַקט איז פֿאַר מיר געווען אָנגעשריבען אין דעם טאָג, ווען איך האָב איהם געהערט

ריידען צו אונז, געענדיגטע אָפּיצירען, אַם 13־טען יוני 1862, גלייך נאָך דעם ווי ער האָט פּעראָרדענט די ערשטע הינריכטונגען אין פוילען.

די גרינדונג פֿון דער „הייליגער ליעג".

אַ שרעקליכע סומאַטאָכע האָט געהערש אין׳ם קייזערליכען הויף אין פּעטערסבורג. אַלעקסאַנדער דער דריטער, וועלכער איז אַזוי אויך ניט געווען קיין גרויסער העלד, כאָטש ער וואר זעהר גרויס און שטאַרק געבויט, האָט זיך בשום אופן ניט געוואָלט בעזעצען אין דעם ווינטער־פּאַלאַץ און האָט זיך נעבעך בעהאַלטען אין׳ם שלאָס פֿון זיין זיידען, פּאַוועל דעם ערשטען, אין גאַטשינאָ. איך קען דיעזען אַלטען בנין, וועלכער איז געבויט ווי אַ פֿעסטונג אַרומגערינגעלט מיט גראָבענס און וואַכט־טהורעמס, פֿון וועלכע סעקרעטנע טרעפּען פֿיהרען צום קייזער׳ס צימער. איך האָב געזעהען דיזע פֿערבאָרגענע פּאַל־טהירען, דורך וועלכע מען האָט געקענט אַריינשליידערען דעם פֿיינד צווישען די שאַרפֿע פֿעלזען אונטען אין וואַסער; אויך די געדרעהטע טרעפּען, וועלכע האָבען געפֿיהרט צו די אונטעראירדישע טורמעס און צו אַ הייל, וועלכע האָט זיך געצויגען ביז אין טייך אַריין. אַלע פּאַלאַסטען פֿון פּאַוועל דעם גרויסען זיינען אויף אַזאַ׳ן אופן געבויט געוואָרען. צו דיזער צייט האָט מען געהאַלטען אין גראָבען אַן אונטעראירדישער גאַלעריע, וועלכע איז געווען בעזאָרגט מיט אָטאָמאַטישע דראָטען אום זי צו בעשיצען פֿון די רעוואָלוציאָנערע מינעס; דיזע גאַלעריע איז געמאַכט געוואָרען אַרום דעם אַניטשקאָוו פּאַלאַסט, אין וועלכען אַלעקסאַנדער דער דריטער האָט געוואוינט בעת ער איז נאָך געווען אַ נאַסלעדניק.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַ סעקרעטנע געזעלשאַפֿט צו בעשיצען דעם צאַר. אַלערליי אָפּיצירען זיינען אַריינגעצויגען געוואָרען אין דיעזע געזעלשאַפֿט דורך אונגעהייער פֿערגרעסערטע געהאַלטען, אַבי זיי זאָלען זיך אונטערנעהמען פֿרייוויליג דורכצושפּיאָנירען אַלערליי קלאַסען מענשען. דערביי זיינען אויך נאַטירליך פֿאָרגעקומען זעהר קאָמישע סצענעס: צוויי אָפּיצירען, ניט וויסענדיג, אַז זיי בעלאַנגען ביידע צו דיזעלבע ליעג, פֿלעגען זיך איינער דעם אַנדערען אַריינציהען אין אַ רעוואָלוציאָנערען געשפּרעך, פֿאָהרענדיג צוזאַמען אויף אַ באַהן, און דערנאָך האָבען זיי זיך איינער דעם אַנדערען אַרעסטירט, אום נור אין לעצטען מאָמענט אויסצוגעפֿינען אַז זייער גאַנצע מיה איז געווען אַרויסגעוואָרפֿען פֿאַר׳ן הונט. דיעזע ליעג עקזיסטירט נאָך יעצט אין אַ מעהר אָפּיציעלער פֿאָרמע אונטער׳ן

נאָמען „אָבראַנאַ" (בעשיצונג), און פֿון צייט צו צייט שרעקען זיי איבער דעם צאַר מיט אַלערליי כלומרשט׳דיגע סכנות, אום אויפֿצוהאַלטען זייער עקזיסטענץ.

נאָך אַ פּיעל מעהר סעקרעטנע אָרגאַניזאַציאָן, — „די היילינע ליעג" — איז אין דער זעלבער צייט געגרינדעט געוואָרען אונטער די לייטונג פֿון דעם צאַר׳ס ברודער, וולאַדימיר, מיט דעם צוועק צו בעקעמפּפֿען די רעוואָלוציאָנערען מיט אַלע מיטלען. איינע פֿון דיעזע מיטלען איז געווען צו ערמאָרדען די יעניגע ענטרונענע רוסישע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע מען האָט חושד געווען, אַז זיי זיינען געווען די פֿיהרער פֿון די לעצטע פֿער־שווערונגען. איך בין געווען גערעכענט אַלס איינער פֿון זיי. דער גרויספֿירשט האָט שטאַרק געזידעלט די אָפֿיציערען פֿון דעם ליעג פֿאַר זייער פֿייגהייט, בעדויערענדיג וואָס עס געפֿינט זיך ניט קיין איינער פֿון זיי, וועלכער זאָל האָבען דעם מוטה צו ערמאָרדען אַזעלכע פּאָליטישע פֿליכטלינגע, און אַן אָפֿיציער, וועלכער איז געווען אַ פּאַזש צוזאַמען מיט מיר, איז ערוועהלט געוואָרען פֿון דער ליעג אויסצופֿיהרען דיעזע ספּעציעלע אַרבייט.

דער פֿאַקט איז, אַז די רעוואָלוציאָנערען אין אויסלאַנד האָבען זיך גאָר ניט געמישט אין דער אַרבייט פֿון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט אין פּעטערסבורג. צו געהן לייטען פֿערשווערונגען פֿון דער שווייץ אויס, בעת די, וואָס זיינען געווען אין פּעטערסבורג האָבען געאַרבייט אונטער דער גרעס־טער לעבענס־געפֿאַהר, וואָלט געווען איינפֿאַך אַ משוגעת, און, ווי סטעפּניאַק און איך האָבען שוין עטליכע מאָל געשריבען, קיינער פֿון אונז וואָלט ניט אָנגענומען די צווייפֿעלהאַפֿטע מיסיאָן אויסצואַרבייטען פּלענער פֿון אויסלאַנד. אָבער, עס פֿערשטעהט זיך, אַז אַזוי האָט עס געפּאַסט דער פּעטערסבורגער פּאָליציי צום רומעל, כדי צו קענען טענה׳ן, אַז זיי זיינען מאַכטלאָז צו בעשיצען דעם צאַר, מחמת אלע פּלענער ווערען אויסגעאַרבייט אין אויסלאַנד, און זייערע שפּיאָנען — איך ווייס עס גענוי — האָבען זיי צוגעשיקט רעפּאָרטען נאָך איבער גענוג מכוח די געוואַלדיגע אויסלענדישע געפֿאַהרען.

סקאָבעלאָוו, דער העלד פֿון דער טערקישער מלחמה, איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען זיך אָנצושליעסען אין דיעזען ליעג; אָבער ער האָט זיך ענטשיעדען ענטזאַגט. עס שטעלט זיך אַרויס פֿון לאָרים מעליקאָוו׳ס איבערגעלאָזענע פּאַפּירען, אַ טהייל פֿון וועלכען אַ פֿריינד זיינער האָט פֿערעפֿענטליכט אין לאָנדאָן, אַז ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז אַרויף אויף׳ן טראָהן און האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט צוזאַמענצורופֿען אַ נאַציאָ־נאַל־פֿערזאַמלונג, האָט סקאָבעלאָוו זאָגאַר פֿאָרגעשלאָגען פֿאַר לאָרים מעליקאָוו׳ן און גראַף איגנאַטיעוו („דער ליגנערישער פּאַשאַ", ווי די

קאָנסטאַנטינאָפּאָלער דיפּלאָמאַטען פּלעגען איהם רופען), צו אַרעסטירען אַלעקסאַנדער דעם דריטען און איהם צווינגען אונטערצושרייבען אַ קאָנ־סטיטוציאָנעלען מאַניפעסט; אָבער איגנאַטיעוו זאָל האָבען דיזען פּלאַן איבערגעגעבען דעם צאַר; דערפאַר, זאָגט מען, האָט ער געקראָגען די שטעלע אַלס ערשטער מיניסטער.

אויב די רוסישע ליבעראַלען וואָלטען אַרויסגעצייגט דעם מינדעסטען מוטה אָדער קראַפט פון אָרגאַניזירטע טהעטיגקייט צו יענער צייט, וואָלט אַ נאַציאָנאַל־פערזאַמלונג זיכער צוזאַמענגערופען געוואָרען. פון די זעלבע דאָקומענטען פון לאָריס מעליקאָוו קען מען זעהן, אַז אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געווען צופרידען, ביז אַ געוויסער צייט, אַזאַ פערזאַמלונג צוזאַמענצורופען. ער האָט געהאַט ביי זיך בעשלאָסען דאָס צו טהאָן, און ער האָט עס מודיע געווען זיין ברודער אויך. דער אַלטער ווילהעלם דער ערשטער האָט איהם אויך אונטערשטיצט אין דיזען בעשלוס. נור ווען ער האָט דערזעהן, אַז די ליבעראַלען טהוען גאָרניט בשעת די קאַטקאָוו־פּאַרטיי איז געווען אַזוי טהעטיג אין דער קאָנסערוואַטיווער זייט, און דער פּאָליציי־מייסטער, אַנדרע, האָט איהם געהאַלטען אין איין איינריידען אויסצוקוילענען אַלע ניהיליסטען און אָנצייגען ווי אַזוי דאָס קען געטהאָן ווערען — נור דאַן האָט אַלעקסאַנדער דער דריטער ענדליך בעשלאָסען צו ערקלעהרען, אַז ער בלייבט זעלבסטהערשער פאַר אימער.

איך בין אויסגעוויזען געוואָרען פון דער שווייץ אויף'ן בעפעהל פון'ם פעדעראַל־ראַטה עטליכע מאָנאַט נאָך אַלעקסאַנדער דעם צווייטענס טוידט. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך צו דער שווייץ קיין טענות ניט געהאַט. אָנגעגריפען פון די מאָנאַרכישע קעניגרייכען דערפאַר וואָס זי איז דער מקום מקלט פון אַלע פּאָליטישע פערברעכער, און געסטראַשעט פון דער רוסישער אָפיציעלער פרעסע מיט אַן אַלגעמיינער אויסווייזונג פון די שוויי־צאַרישע גובערנאַנטקעס, וועלכע זיינען צאָהלרייך אין רוסלאַנד, האָט די שווייצאַרישע רעגירונג געמוזט צוליעבטהאָן דער רוסישער פּאָליציי, לכל הפחות מיט אַזאַ קליינינגקייט, ווי אַרויס צו טרייבען אַזעלכע חברה לייט ווי איך פון איהר מדינה. אָבער איך בעדויער זעהר, שוין צוליעב די שווייץ גופא, וואָס אַזאַ מין שריט איז געמאַכט געוואָרען. דאָס האָט בעשטעטיגט די נאַרישע טהעאָריע פון „פערשווערונגען געמאַכט אין דער שווייץ", און עס איז געווען אַן ערקלעהרונג פון שוואַכקייט, מיט וועלכער איטאַליען און פראַנקרייך האָבען זיך גלייך בענוצט. מיט צוויי יאָהר שפּעטער, בשעת זשול פערריי האָט פאָרגעשלאָגען איטאַליען און דייטשלאַנד די צוטהיילונג פון דער שווייץ, איז זיין אַרגומענט אַודאי געווען, אַז די שווייץ האָט אַליין

מודה געווען, אַז זי איז „דער הויפּט פּלאַץ פֿון אינטערנאַציאָנאַלע קאָנס־פּיראַציעס". דיעזער ערשטער קאָמפּראָמיס האָט געפֿיהרט צו נאָך מעהר חוצפה'דיגע פֿאָדערונגען, און האָט בלי ספק געשטעלט די שווייץ אין אַ פֿיעל מעהר אָבהענגיגע לאַגע, ווי זי וואָלט זאָנסט געווען.

דער אויסווייזונג'ס־בעפֿעהל איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען, גלייך נאָכדעם ווי איך בין צוריק געקומען פֿון לאָנדאָן, וואו איך האָב בייגעוואָהנט דעם אַנאַרכיסטישען קאָנגרעס פֿון יולי 1881. נאָך'ן קאָנגרעס בין איך פֿערבליבען עטליכע וואָכען אין ענגלאַנד, שרייבענדיג די ערשטע אַרטיקלען איבער רוסישע אַנגעלעגענהייטען פֿון אונזער שטאַנדפּונקט אויס, פֿאַר דעם „ניוקאַסטל קראָניקיל". די ענגלישע פּרעסע איז צו יענער צייט געווען דער ווידער־קול פֿון קאַטקאָף און די רוסישע זשאַנדאַרמעריע, — און איך בין געווען מלא שמחה, בעת הער יאָזעף קאָהען האָט מיר בעוויליגט פּלאַץ אין זיין צייטונג פֿיר מיינע אידעען.

איך בין נאָר וואָס געהאַט אַהיים געקומען זיך זעהען מיט מיין פֿרוי אין די הויכע בערג, וואו זי האָט געוואוינט, לעבען די הויז פֿון עליזעע רעקלו, ווען מי האָט מיר געגעבען דעם אוקאַז צו געהן ווייטער. מיר האָבען אַוועקגעשיקט די עטליכע פּעקלעך וואָס מיר האָבען פֿאַרמאָגט, צו דער נאָהענטסטער באַהן סטאַציאָן און אַליין זיינען מיר אַוועק צו־פֿוס קיין איגעל, געניעסענדיג צום לעצטען מאָל דאָס נאַטור־בילד פֿון די בערג, וועלכע מיר האָבען אַזוי געליעבט. מיר האָבען דורכגעקרייצט די בערג, זיי דורכשניידענדיג אַזוי, אַז מיר זאָלען זיך איינשפּאָרען וועג, און מיר האָבען געלאַכט זעהענדיג, אַז אַנשטאָט קירצען דעם וועג, האָבען מיר גאָר לאַנגע קרומע וועגען בעפֿאָר אונז; און בעת מיר זיינען געקומען צום סאַמע טהאָל, האָבען מיר ערשט איבער'ס־נייע געמוזט דורכוואַנדערען דעם שטויביגען וועג. דער קאָמישער צופֿאַל, וועלכער יאָוועט זיך תמיד אונטער אַזעלכע אומשטענדען, איז דעם מאָל געקומען פֿון אַן ענגלישע דאַמע. אַ רייך־געקליידעטע מאַדאַם, אָנגעלעהנט אויף'ן שולטער פֿון אַ הערען אין אַ גע־דונגענע קאַרעטע, האָט צוגעוואָרפֿען עטליכע ביכלעך צו די צוויי אָרעם־געקליידעטע טרעמפּס, פֿערבייפֿאָהרענדיג פֿאַר ביי זיי. איך האָב אויפֿגעהויבען די הייליגע שמות פֿון שטויב. דאָס איז אפנים געווען איינע פֿון די וואָס גלויבען, אַז זיי זיינען קריסטען, און האַלטען עס פֿאַר זייער חוב צו פֿערשפּרייטען הייליגע שריפֿטען צווישען די „אפיקורסישע אויסלענדער". דיינקענדיג, אַז מיר וועלען וואַהרשיינליך בעגעגענען די הייליגע פֿרוי אויף'ן וואָגזאַל, האָב איך אויפֿגעשריבען אויף איינעם פֿון די ביכלעך דעם בעקאַנטען פסוק מכח וואָס ס'וועט פֿאָרקומען מיט די רייכע אין גאָט'ס מלוכה אויף'ן

הימעל, און עהנליכע פּאַסענדע פסוקים פון דער ביבעל מכח די פּאַריזער׳ וועלכע זיינען די דם שונאים פון אמת׳ן קריסטענטהום. יוען מיר זיינען אָנגעקומען קיין איגעל, האָט זיך די דאַמע אונטערגעלעהנט איהר פרומע הארץ מיט אַ היבשע פּאָרציע מאכלים אין דער קאַרעטע. זי האָט הפנים מעהר הנאה געהאַט צו רייזען אין דעם אָפּענעם פּאַיעטאָן, ווי אין די געשטיקטע וואַגאָנען, פּאָהרענדיג אין דעם הערליכען טהאָל אויף דער פרישער שמעקענדער לופט. איך האָב איהר גאַנץ העפליך צוריקגעגעבען איהרע ספרים, איהר זאָגענדיג, אַז איך האָב צו זיי נאָך צוגעפּיגט אַ סך פסוקים, וועלכע זי וועט געפינען ניצליך פאַר איהר אייגענע בעלעהרונג. זי האָט ניט געוואוסט צו זי זאָל אויף מיר אַרויספּאַלען מיט אַ גרימצאָרען, אָדער זי זאָל מקבל זיין איהר חלק מיט קריסטליכע געדולד. איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט ביידע געפיהלען, איינס נאָך׳ס אַנדערע מיט געוואַלדיגער שנעלקייט.

מיין פרוי האָט געהאַלטען ביין בעלייגען עקזאַמען אין דער זשענעווער אוניווערזיטעט פון׳ם וויסענשאַפטליכען פאַקולטעט, און מיר האָבען דאַרום זיך בעזעצט אין אַ קליין שטעטעלע אין פראַנקרייך, טהאָנאָן, ניט ווייט פון דער זשענעוואַ אָזערא. דאָרט זיינען מיר פערבליבען עטליכע מאָנאַט.

וואָס אַנבעלאַנגט צום טויטעס־אורטהייל פון דער הייליגער ליגע, איז מיר אָנגעקומען אַ ידיעה וועגען איהם פון איינעם פון די העכסטע בעאַמטע פון רוסלאַנד. אפילו דער נאָמען פון דער פרוי, וועלכע איז געשיקט געד וואָרען פון פּעטערסבורג קיין זשענעוואַ אַן דער שפּיצע פון ריזער פערשווערונג געגען מיין פּערזאָן, איז מיר אויך בעקאַנט געמאַכט געוואָרען. איך האָב אַלזאָ איינפאַך מיטגעטהיילט דעם פאַקט און די נעמען דעם זשענעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער לאָנדאָנער „טיימס", איהם בעטענדיג זיי צו פערעפענטליכען אויב עס וועט עפעס פּאַסירען מיט מיר, און איך האָב אָנגעשריבען אַ נאָטיץ אין „לאַ רעוואָלטע" מכוח דעם. דאָס אָבגעטהאָן, האָט מיך די גאַנצע מעשה מעהר ניט געקימערט, מיין פרוי האָט דאָס אָבער ניט בעטראַכט מיט אַזאַ לייכטען געמיטה, און די גוטע בויערן־פרוי, מאַדאַם סאַנסאָ, וועלכע האָט אונז געהאַלטען אין לאָזשי אין טהאָנאָן, און וועלכע האָט אויסגעפונען פון דער פערשווערונג געגען מיר פון אַ גאַנץ אַנדערער קוועלע (דורך איהרע אַ שוועסטער, וועלכע איז געווען אַן אַמם אין דער פאַמיליע פון אַ רוסישען שפּיאָן), האָט מיך געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. איהר הייזעל איז געווען אויסערען שטאָדט, און ווען איך פלעג געהן אין שטאָדט אַריין אויף דער נאַכט — אַמאָל אום אָבצוּוואַרטען מיין פרוי ביין וואָקזאַל — האָט זי תמיד געהאַט אַ תירוץ מיך צו לאָזען בעגלייטען

פֿון איהר מאַן מיט אַ לאַטערנע. „אָט ציהט זשע בלויז אויף איין רגע'לע מאָסיע קראַפּאָטקין", פֿלעגט זי זאָגען; „אָט געהט גראַדע מיין מאַן אין זעלבען וועג עפּעס איינקויפֿען, און ווי איהר ווייסט, טראָגט ער דאָך תמיד מיט זיך אַ לאַטערנע!" אָדער אַ ניט, פֿלעגט זי אונטערשיקען איהרען אַ ברודער ער זאָל מיר נאָכגעהן פֿון דער ווייטענס, אום איך זאָל איהם ניט זעהן.

צוריק נאָך לאָנדאָן.

אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער 1881, גלייך נאָכדעם ווי מיין פֿרוי האָט געענדיגט איהר עקזאַמען, האָבען מיר זיך איבערגעצויגען פֿון טהאָנאָן קיין לאָנדאָן, וואו מיר זיינען פֿערבליעבען קנאַפּע צוועלף מאָנאַט. פֿון יענער צייט זיינען ניט פֿיעל יאָהרען פֿאַריבער, און דאָך קען איך זאָגען אַז דער אינטעלעקטועלער לעבען פֿון לאָנדאָן און פֿון גאַנץ ענגלאַנד איז דאַן געווען גאַנץ אַנדערש פֿון דעם וואָס ער איז געוואָרען אַביסעלע שפּעטער. אַלע ווייסען אַז אין די פֿערציגער יאָהרען איז ענגלאַנד געשטאַנען כמעט אַן דער שפּיצע פֿון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פֿון אייראָפּאַ; אָבער אין די רעאַקציאָנס־יאָהרען, וועלכע האָבען נאָכגעפֿאָלגט, איז די גרויסע בעוועגונג, וועלכע האָט געמאַכט אַ טיעפֿען רושם אויף די אַרבייטער קלאַסען, און אין וועלכער אַלעס וואָס ווערט איצטער פֿאָרגעבראַכט אַלס וויסענשאַפֿטליכער אָדער אַנאַרכיסטישער סאָציאַליזמוס, איז שוין דאַמאָלסט געזאָגט געוואָרען, געקומען צו אַ שטילשטאַנד. אַלעס איז פֿערגעסען געוואָרען אין ענגלאַנד ווי אויך אין גאַנץ אייראָפּאַ, און דאָס וואָס די פֿראַנצויזישע שרייבער רופֿען אָן „די דריטע ערוואַכונג פֿון פּראָלעטאַריאַט", האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבען אין ענגלאַנד.

די אַרבייט פֿון דער אַגריקולטור קאָמיסיאָן פֿון 1871, די פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די לאַנד־אַרבייטער, און די פֿריהערדיגע אַגיטאַציאָן פֿון די קריסטליכע סאָציאַליסטען האָבען זיכערליך עטוואָס בייגעטראָגען אָבצוראַמען דעם וועג; אָבער דער אויסברוך פֿון דער סאָציאַליסטישער כוואַליע, וועלכער איז געקומען נאָך דער אַרויסגאַבע פֿון הענרי דזשאָרדזשעס „פּראָגרעס און פּאָווערטי" האָט נאָך ניט געהאַט שטאַטגעפֿונען.

דעם יאָהר וועלכען איך האָב דאַן פֿערבראַכט אין לאָנדאָן, איז געווען אַ יאָהר פֿון אמת'ן גלות. פֿאַר דעם מענשען, וועלכער האָט געהאַט פֿאָרטגעשריטענע סאָציאַליסטישע אידעען, איז דאָרט ניט געווען גענוג לופֿט

צו אָטהעמען. ס'איז נאָך דאָרט ניט געווען קיין סימן פֿון דער לעבעדיגער סאָציאַליסטישער בעוועגונג, וועלכע איך האָב געטראָפֿען אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט אין 1886, בשעת איך בין צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד. פֿון בוירנס, טשעמפיאָן און האַרדי האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געהערט; די פֿאַביאַנער האָבען נאָך ניט עקזיסטירט; מאָררים האָט זיך נאָך ניט געהאַט ערקלעהרט פֿאַר אַ סאָציאַליסט; און די יוניאָנס, וועלכע זיינען אין לאָנדאָן געווען בעשרענקט אויף בלויז עטליכע פריווילעגירטע פֿאַכען, זיינען געווען פֿיינדליך צום סאָציאַליזמוס. די איינציגע טהעטיגע און אויסגעשפּראָכענע פֿאָרשטעהער פֿון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג זיינען געווען היינדמאַן און זיין פֿרוי מיט עטליכע אַרבייטער אַלס זייערע אַנהייננער. אין יעסען 1881, האָבען זיי געהאַט אָבגעהאַלטען אַ קליינעם קאָנגרעס, און מיר האָבען געפֿלעגט אין שפּאַס זאָגען — אָבער עס איז געווען ניט ווייט פֿון אמת — אַז מרס, היינדמאַן האָט עמפּפֿאַנגען דעם גאַנצען קאָנגרעס ביי זיך אין הויז. נאָך מעהר, די מעהר אָדער וועניגער סאָציאַליסטישראַדיקאַלע בעוועגונג, וועלכע איז אָהנע צווייפֿעל פֿאָרגעקומען אין די מענשליכע מחות, האָט זיך ניט אַרויסגעוויזען פֿראַנק און עפֿענטליך.

יענע נשקשהדיגע צאָהל געבילדעטע מענער און פֿרויען, וועלכע זיינען ערשיענען אין די עפֿענטליקייט מיט פֿיער יאָהר שפּעטער, און אָהנע זיך אַרויסצוגעבען אַלס סאָציאַליסטען, פֿלעגען זיך בעטהייליגען אין פֿערשיעדענע בעוועגונגען פֿאַר דעם וואָהלזיין און די אויפֿקלעהרונג פֿון די מאַסען, און וועלכע האָבען איצט בעשאַפֿען כמעט אין אַלע שטעדט פֿון ענגלאַנד און אין שאָטלאַנד אַ גאַנץ נייעם ראַדיקאַליזמוס און אַ נייע געזעלשאַפֿט פֿון רעפֿאָרמערם, — יענע מענער און פֿרויען האָבען זיך נאָך דאַמאָלס ניט געלאָזט זעהן. געווען זיינען זיי נאַטירליך; זיי האָבען געדיינקט, זיי האָבען זיך אויסגעשפּראָכען; אַלע עלעמענטען פֿון אַ ווייט פֿערשפּרייטעטע בעוועגונג האָבען שוין עקזיסטירט; אָבער ניט געפֿינענדיג יענע צוציהונגסצענטערס, וועלכע די סאָציאַליסטישע גרופּען זיינען שפּעטער געוואָרען, זיינען זיי פֿערלאָרען געוואָרען אין דער מאַסע; אָדער זיי האָבען זיך ניט געקאָנט איינס דאָס אַנדערע, אָדער זיי זיינען אַליין נאָך ניט געווען זעלבסט בעוואוסט.

טשייקאָווסקי איז דאַמאָלס געווען אין לאָנדאָן, און ווי אין די פֿרייהערדיגע יאָהרען, האָבען מיר אָנגעהויבען אַ פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די אַרבייטער. מיט דער הילפֿע פֿון עטליכע ענגלישע אַרבייטער, מיט וועלכע מיר זיינען בעקאַנט געוואָרען ביים קאָנגרעס פֿון 1881, אָדער וועלכע זיינען צוגעצויגען געוואָרען צום סאָציאַליזמוס דורך די פֿערפֿאָלגונגען פֿון

̓אָהאַן מאָסט, האָבען מיר זיך בעגעגבען אין די ראַדיקאַלע קלובס, ריידענ-דיג איבער רוסישע אַנגעלעגענהייטען, איבער די בעוועגונג פֿון אונזער יוגענד אין פֿאָלק, און איבער'ן סאָציאַליזמוס בכלל. מיר האָבען געהאַט לעבערליך קליינע פּובליקום'ס, זעלטען מעהר ווי אַ טוצען מענשען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט אויפֿשטעהן אַ גרייז-גרויער טשאַרטיסט פֿון די צוהערער און אונז זאָגען, אַז אַלעס וואָס מיר ווילען איז שוין געפּרעדיגט געוואָרען מיט פֿערציג יאָהר פֿריהער, און איז דאַן בעגריסט געוואָרען מיט ענטהו-זיאַזמוס פֿון מאַסען אַרבייטער, נאָר איצטער איז אַלעס טויט, און ס'איז ניטאָ קיין האָפֿנונג די בעוועגונג איבער'ס ניי לעבעדיג צו מאַכען.

ה' היינדמאַן האָט נאָר וואָס געהאַט אַרויסגעלאָזען זיין פּראַכטפֿאָלע דאַרלעגונג פֿון מאַרקסיסטישען סאָציאַליזמוס אונטער דעם נאָמען „ענגלאַנד פֿאַר אַלעמען", און איך געדיינק, ווי איין טאָג אין זומער 1882, האָב איך איהם ערנסט געראַטהען אַרויסצוגעבען אַ סאָציאַליסטישע צייטונג. איך האָב איהם דערצעהלט מיט וועלכע שוואַכע כחות מיר האָבען גענומען אַרויס-געבען „לאַ רעוואָלטע", איך האָב פֿאָראויסגעזאָגט אַ זיכערען ערפֿאָלג, אויב ע'ר וועט נאָר מאַכען אַן אָנהויב. אָבער דער צושטאַנד איז דאַמאָלס געווען אַזעלכער, אַז אפילו ער האָט געהאַלטען די אונטערנעהמונג פֿאַר אונמעגליך ביז וואַנען עס וועט ניט זיין די מיטלען מיט וועלכע מ'י זאָל קענען דעקען די הוצאות. ס'קען זיין ער איז געווען גערעכט; אָבער בשעת ער האָט מיט דריי יאָהר שפּעטער אַרויסגעלאָזען „דזשאַסטיס", האָבען זי די אַרבייטער הערצליך אונטערשטיצט, און אין אָנפֿאַנג פֿון 1886 זיינען געווען דריי סאָציאַליסטישע צייטונגען, און די סאָציאַל דעמאָקראַטישע פֿעדעראַציאָן איז געווען אַן איינפֿלוסרייכע קערפּערשאַפֿט.

אין זומער 1882 האָב איך גערעדט אין אַ געבראָכענעם ענגליש, פֿאַר די דורהעם קוילען-אַרבייטער אויף זייער יאַהרעספֿערזאַמלונג; איך האָב געהאַלטען פֿאָרטרעגע אין ניו-קאַסטל, גלאַזגאָוו און עדינבורג איבער די רוסישע בעוועגונג, און בין עמפּפֿאַנגען געוואָרען מיט ענטהוזיאַזמוס; מאַסען אַרבייטער פֿלעגען שרייען הורראַ פֿאַר די ניהיליסטען, נאָך'ן מיטינג אויף'ן גאַס. אָבער מיין פֿרוי און איך האָבען זיך געפֿיהלט אַזוי איינזאַם אין לאָנדאָן, אונזער מיה צו ערוועקען אַ סאָציאַליסטישע בעוועגונג האָט געשיינט אַזוי האָפֿנונגסלאָז, אַז אין 1882 האָבען מיר ווידער אַמאָל בעשלאָסען זיך צו בעזעצען אין פֿראַנקרייך. מיר וואַרען זיכער אַז אין פֿראַנקרייך וועל איך אין אַ קורצע צייט אַרעסטירט ווערען, אָבער מיר פֿלעגען אָפֿט זאָגען איינער צום אַנדערען, „שוין גלייכער אַ פֿראַנצויזישער געפֿענגניס ווי דיזער קבר".

די מענשען וואָס ריידען תמיד פֿון דער „קריבעדיגער" עוואָלוציאָן

זאָלען שטודירען די ענטוויקלונג פֿון סאָציאַליזמוס אין ענגלאַנד. רעוואָלוציאָן איז לאַנגזאַם, אָבער איהר גאַנג איז ניט תמיד עגאַל. זי האָט איהרע צייטען פֿון שלעפֿעריגקייט און איהרע צייטען פֿון פלוצליכען פּראָגרעס.

———————

די אונטערהאַנדלונג פֿון איגנאַטיעוו מיט׳ן איספּאָלניטעלנעם קאָמיטעט.

————

ווידער אַמאָל האָבען מיר זיך בעזעצט אין טהאָנאָן, אין לאָזשי מיט מאַדאַם סאַנסאָ. מיין ווייבס אַ ברודער, וועלכער איז געוועזען אין דער לעצטער שטופֿע פֿון שווינדזוכט, איז געקומען אין די שווייץ, און האָט אויך געוואוינט מיט אונז צוזאַמען.

אַזוי פֿיעל רוסישע שפּיאָנען ווי איך האָב געזעהן אין די צוויי מאָנאַט וואָס איך בין געוועזען אין טהאָנאָן האָב איך נאָך צייט איך לעב ניט געזעהן. קודם כל, קוים האָבען מיר אַריינגעצויגען אין אונזער דירה, האָט גלייך אַ פֿערדעכטיגער פּערזאָן, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען פֿאַר אַן ענגלענדער, אָבגעדונגען די אַנדערע העלפֿט הויז, זיך געבענדיג די מיה אַריינצוקומען אונטער יעדען מין אויסרייד. איך קען מיר פֿאָרשטעלען וואָס פֿאַר אַ וואונדערליכע רעפּאָרטען זיי האָבען געשריבען. אַ שפּיאָן מוז רעפּאָרטען. אַז ער זאָל בלויז זאָגען, אַז ער איז געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך אין גאַס און האָט קיין סעקרעטנעס ניט בעמערקט, וועט ער גלייך אָדער קריגען קלע־נערען געהאַלט אָדער אין גאַנצען אַוועקגעשיקט ווערען.

דאַמאָלס איז עס געוועזען די גאָלדענע צייט פֿאַר די רוסישע טאַינע פּאָליציי. איגנאַטיעף׳ס פּאָליטיק האָט געבראַכט פֿרוכט. עס זיינען געוועזען אַ צוויי דריי פּאָליצייסקע קערפּערשאַפֿטען, וועלכע האָבען קאָנקורירט איינס מיט דאָס אַנדערע, און אַלע האָבען זיי געהאַט וויפֿיעל געלד זיי האָבען נור געוואָלט, און זיי פֿלעגען אָנפֿיהרען די גרעסטע אינטריגען. דער פּאָל־קאָווניק סודייקין, למשל, דער הויפּט פֿון איינע פֿון די אַבטהיילונגען, — אינטריגירענדיג מיט אַ געוויסען דעגאַיעף, וועלכער האָט איהם נאָכאַלעמען געטויטעט, — האָט גע׳מסר׳ט איגנאַטיעף׳ס שפּיאָנען פֿאַר די זשענעווער רעוואָלוציאָנערען, און האָט געאָפּפּערט די טעררואָריסטען אין רוסלאַנד אַלע געלעגענהייטען צו הרג׳ענען דעם מיניסטער דער אינערען, גראַף טאָלסטאָי, און דעם גרויספֿירסט וולאַדימיר בעמערקענדיג דערביי, אַז ער אַליין וואָלט דאַן ערוועהלט געוואָרען אַלס מיניסטער, מיט דיקטאַטאָרישער מאַכט און דער צאַר וואָלט דאַן געווען אין גאַנצען אין זיינע הענד. דיעזע טהעטיגקייט

פֿון דער רוסישער פּאָליציי האָט זיך שפּעטער אַביסעל געענדיגט מיט דעם אַוועק'גנב'ענען פֿון'ם פּרינץ פֿאָן באַטענבערג פֿון בולגאַריען.

די פֿראַנצויזישע פּאָליציי האָט אויך געקוקט מיט אַלע אויגען. די פֿראַגע „וואָס פֿאַר עסקים האָט ער אין טהאָנאַן?" האָט זיי ניט געלאָזען רוהען. איך האָב ווייטער רעדיזשירט „לאַ רעוואָלטע" און האָב מיטגעאַרבייט פֿאַר די ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ און דעם „ניוקאַסטל קראָניקעל". אָבער וואָס פֿאַר אַ רעפּאָרטען האָט מען געקענט מאַכען דערפֿון?

איינמאָל האָט דער לאָקאַלער זשאַנדאַרם אָבגעשטאַטעט אַ בעזוך מיין בעל־הבית'טע. ער האָט געהערט אין גאַס דאָס רוישען פֿון אַ מאַשין, און האָט געוואָלט רעפּאָרטען, אַז איך האָב אין הויז אַ סעקרעטנע דרוק־מאַשין. ער איז אַלזאָ געקומען אין מיין אַבוועזענהייט און האָט געבעטען ביי דער בעל־הבית'טע זי זאָל איהם ווייזען די דרוקעריי. זי האָט געענטפֿערט אַז קיינע מאַשינען זיינען ניטאָ, און האָט בעמערקט, אַז עס קען זיין אַז ער האָט געהערט דעם גערויש פֿון איהר נעה מאַשין. אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזען אַוועקמאַכען מיט אַזאַ פּראָזאַאישען תירוץ און האָט פּשוט געצוואונגען די ווירטין, נעהען אויף דער מאַשין, זיך צוהאָרבענדיג פֿון אינעווייניג און פֿון אויסענווייניג און צו זיין זיכער, אַז דאָס רוישען וואָס ער האָט געהערט איז געווען דאָס זעלבע וואָס ער הערט איצטער.

„וואָס טהוט ער דעם גאַנצען טאָג?" האָט ער געפֿרעגט.

„ער שרייבט".

„ער שרייבט דאָך נישט דעם גאַנצען ליעבען טאָג".

„ער זעגט האָלץ אין גאָרטען מיטאָגצייט. און אַרום פֿיער, פֿינף אַ זייגער געהט ער שפּאַצירען". דאָס וואַר אין נאָוועמבער.

„אַהאַ, איך פֿערשטעה שוין! ווען עס ווערט דונקעל?" און ער האָט ביי זיך אין ביכעל פֿערצייכענט, ער געהט קיינמאָל ניט אַרויס סיידען ביי נאַכט".

איך האָב מיר נאָך דאַמאָלס נישט געקענט ערקלעהרען וואָס דיזע ספּעציעלע בעוואַכונג פֿון די רוסישע שפּיאָנען בעדייטעט. אָבער עס האָט וואַהרשיינליך געמוזט האָבען אַ שיכות מיט דעם פֿאָלגענדען. ווען איגנאַטיעף איז ערוועהלט געוואָרען ערשטער מיניסטער, איז ער געפֿאַלען אויף אַ נייעם פּלאַן. ער האָט אַוועק־געשיקט אַ מאַסע שפּיאָנען אין די שווייץ, און איינער פֿון זיי האָט זיך גענומען אַרויסגעבען אַ צייטונג, וועלכע האָט ביז צו אַ געוויסער שטופֿע אַגיטירט פֿאַר די פֿערברייטונג פֿון דער פּראָווינציעלער זעלבסטרעגירונג אין רוסלאַנד; אָבער איהר הויפּט צוועק וואַר צו בעקעמ־פֿפֿען די רעוואָלוציאָנערען, און צוזאַמענצונעהמען אונטער איהר באַנער אַלע פֿליכטלינגע, וועלכע האָבען ניט סימפּאַטיזירט מיט'ן טעררארִיזמוס. דאָס

איז נאַטירליך געווען אַ מיטעל אַרויסצורופען אַ שפּאַלטונג. דאַן, בעת כמעט אַלע מיטגלידער פון דעם עקזעקוטיוון קאָמיטעט וואַרען שוין אַרעטירט, און עטליכע פון זיי זיינען געווען ענטלאָפען קיין פּאַריז, האָט איגנאַטיעף געשיקט אַן אַגענט און האָט פאָרגעשלאָגען שלום. ער האָט פערשפּראָכען, אַז עס וועלען ניט מעהר זיין קיין הינריכטונגען איבער די פערשווערונגען פון דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען'ס הערשאַפט, אפילו ווען די וואָס זיינען אַנטלאָפען זאָלען אַריינפאַלען צו דער פּאָליציי אין די הענד; אַז טשערנישעווסקי וועט בעפרייט ווערען פון סיביר; און אַז אַ קאָמיסיע וועט ערוועהלט ווערען צו רעווידירען די פּראָצעסען פון אַלע די, וועלכע זיינען פערשיקט געוואָרען קיין סיביר אויף אַדמיניסטראַטיוונעם אופן. פון זיין זייט, זאָל דער עקזעקוטיווער קאָמיטעט צוזאָגען, אַז ער וועט ניט מאַכען קיין אַטענטאַט אויף'ן צאַר ביז איבער די קאָראָנאַציע. דער קאָנטראַקט איז געשלאָסען געוואָרען אין פּאַריז און איז פוןביידע זייטען ניט געבראָכען געוואָרען. די טעררארִיסטען האָבען זיך צוריקגעהאַלטען. קיינער איז ניט הינגעריכטעט געוואָרען פאַר אַנטהייל נעהמען אין פריהערדיגע פערשווערונגען; די, וואָס זיינען שפּעטער אַרעטירט געוואָרען אויף דיזע בעשולדיגונג זיינען איינגעקערקערט געוואָרען אין דער רוסישער באַסטיל שליסעלבורג, פון וואַנען מי האָט פון זיי קיין וואָרט ניט געהערט 15 יאָהר, און וואו דאָס רוב געפינט זיך ביז אויף היינטיגען טאָג. טשערנישעווסקי איז צוריקגעבראַכט געוואָרען פון סיביר, און איז געהאַלטען געוואָרען אין אַסטראַכאַן, וואו ער איז אָבגעשניטען געוואָרען פון גאַנצען אינטעלעקטועלען לעבען פון רוסלאַנד, און אין אַ קורצע צייט אַרום געשטאָרבען. אַ קאָמיטע איז דורך סיביר, בעפרייענדיג מאַנכע פּאָליטישע, און בעשטימענדיג טערמינען פאַר די איבריגע. מיין ברודער אַלעקסאַנדער האָט פון איהר געקראָגען נאָך אַ צוגאָב פון פינף יאָהר סיביר.

ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן, אין 1882, האָט מען מיר איין מאָל מדיע געווען, אַז אַ מאַן וועלכער איז אַן עכטער אַגענט פון דער רוסישער רעגירונג, און קען דאָס מיר איבערציינגען, וויל מיט מיר מאַכען אַ משא ומתן. „זאָגט איהם אַז אויב ער וועט אַריינקומען צו מיר אין הויז וועל איך איהם אַראָבוואַרפען פון אַלע טרעפּען", איז געווען מיין תשובה. דער רעזולטאַט דערפון איז מסתמא געווען, אַז כאָטש איגנאַטיעף האָט גערעכענט אַז דער צאַר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען פאַר דעם עקזעקוטיון קאָמיטעט, מיט וועלכען ער האָט געמאַכט שלום ביז צו דער קאָראָנאַציע, האָט ער אָבער מורא געהאַט, אַז די אַנאַרכיסטען וועלען איהם טהאָן שלעכטס, און ער האָט מיך געוואָלט אונשעדליך מאַכען.

JEAN GRAVE.

די בעוועגונג אין פראַנקרייך.

———

די אַנאַרכיסטישע בעוועגונג האָט געהאַט דורכגעמאַכט אַ היבשע ענטוויקלונג אין פראַנקרייך אין די יאָהרען 1881 און 1882. אַלע האָבען געגלויבט אז דער פראַנצויזישער גייסט איז פיינדליך צום קאָמוניזמוס, און אין דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט מען דאַרום געפּרעדיגט דעם „קאָלעקטיוויז־מוס". דאָס האָט דאַן בעדייטעט די בעזיצונג פון מאַשינערי געמיינשאַפטליך, און יעטוועדע גרופּע בעזונדער זאָל פאַר זיך אָבמאַכען, צו די פּראָדוקטען זאָלען פערטהיילט ווערען אויף אַן אינדיווידואַליסטישען אָדער אויף אַ קאָמוניסטישען אופן. אין אמת'ן אָבער האָט דער פראַנצויז בלויז פיינד דעם מאָנאַכישען קאָמוניזמוס, די פאַלאַנסטעריע פון די אַלע שוהלען. ווען די זשוראַ פעדעראַציאָן, האָט זיך אויף איהר קאָנגרעס אין 1880 דרייסט ערקלעהרט פאַר'ן אַנאַרכיסטישען קאָמוניזמוס, — דאָס הייסט צום גונסטען פון פרייען קאָמוניזמוס, — האָט דער אַנאַרכיזמוס געוואונען פיעלע אַנהענגער אין פראַנקרייך. אונזער צייטונג האָט זיך אָנגעהויבען פערברייטען אין יענע לאַנד, אַ טיכטיגע קאָרעספּאָנדענץ איז געפיהרט געוואָרען מיט פראַנצויזישע אַרבייטער, און אַ וויכטיג אַנאַרכיסטישע בעוועגונג האָט זיך ראַש ענטוויקעלט אין פאַריז און אין מאַנכע פּראָווינצען, בעזאָנדערס אין דער ליאָן געגענד.

בעת איך בין דורכגעפאָהרען פראַנקרייך אין 1881 אויף'ן וועג פון טהאָנאָן קיין לאָנדאָן, האָב איך בעזוכט ליאָן, סט. עטיען און וויען, דאָרט האַלטענדיג פאָרטרעגע און האָב איך דיזע שטעדט בעגעגענט אַ ריכטען ביסעל אַרבייטער, וועלכע זיינען געווען בערייט אָנצונעהמען אונזערע אידעען.

ביין ענדע 1882 האָט אין ליאָן געהערשט אַ שרעקליכער קריזיס. די זייד־אינדוסטריע וואַר פאַראַליזירט, און די נויט צווישען די וועבער איז געווען אַזוי גרויס, אַז מאַסען קינדער פלעגען שטעהן יעדען פריהמאָרגען ביי די קאַזאַרמעס, וואו די זעלנער האָבען צוטהיילט די פאָר ביסען ברויט, וואָס זיי האָבען געקענט אָבשפּאָרען פון זייערע פּאָרציעס. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון גענעראַל בולאַנזשע'ס פּאָפּולאַריטעט, ווייל ער האָט ערלויבט דיזע פערטהיילונג פאַר די הונגעריגע קינדער. די מינען אַרבייטער זיינען אויך ניט פיעל בעסער אָב געווען.

איך האָב געוואוסט אַז די אונצופרידענהייט איז גרויס, נאָר איך האָב געהאַט פערלוירען די אינטימע בעריהרונג מיט די פראַנצויזישע אַר־בייטער אין די עלף מאָנאַט וואָס איך בין געווען אַוועק אין לאָנדאָן.

עטליכע וואָכען נאָכדעם ווי איך בין געוועז צוריק אין טהאָנאָן האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז די אַרבייטער פון מאָנסאָ־לע־מין, זייענדיג אויפגערעגט געגען די פאַנאַטיש־קאַטוילישע מינען־אייגענטהימער, האָבען אָנגעהויבען אַ שטיקעל בעוועגונג; זיי האָבען אָבגעהאַלטען סעקרעטנע פערזאַמלונגען, וואו מען האָט גערעדט פון אַן אַלגעמיינעם סטרייק; די שטיינערנע בריקלעך וואָס ווערען אויפגעבויט אויף אַלע וועגען אַרום די מינעס, זיינען צו־וואָרפען געוואָרען אָדער וואַרען צוריסען פון דינאַמיט, וועלכען די אַרבייטער געברויכען אין די מינעס, און האַלטען אָפט ביי זיך. די אַגיטאַציאָן אין ליאָן איז אויך געוואָרען געוואַלדיגער. די אַנאַרכיסטען, וועלכע זיינען געוועזען אַ רעכט ביסעל אין דיזער שטאָדט, האָבען ניט דורכגעלאָזען קיין איין מיטינג פון די אָפּאָרטוניסטישע פאָליטיקער וואו זיי זאָלען אויך זייערע אידען ניט הערען לאָזען, — שטורמענדיג די פּלאַט־פּאָרמע אַלס לעצטער מיטעל. זיי האָבען פאָרגעבראַכט רעזאָלוציאָנען, וועלכע האָבען ערקלעהרט אַז די מינעס און אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי אויך די וואוינונגען, בעלאַנגען צום פאָלק; און דיזע רעזאָלוציאָנען זיינען ענטפאַנגען געוואָרען מיט ענטהוזיאַזמוס, צום שרעק פון די מיטעל־קלאַסען.

דער כעס פון די אַרבייטער געגען די פּאָליטישע פיהרער און שטאָדט־בעאַמטע, און אויך געגען די פּרעסע, וועלכע האָט דעם שרעקליכען קריזיס צו נישט געמאַכט, איז געוואַקסען מיט יעדען טאָג. זיי האָבען צו מאָל ניט פּרובירט טהאָן וואָס אַ האָר איז ווערטה צו לינדערען דעם הונגער. ווי געוועהנליך אין אַזעלע צייטען, איז דער צאָרען פון די אָרעמערע מענשען געוועזען געריכטעט געגען די פערגניגענס־פּלעצער, וועלכע זיינען אין צייטען פון הונגער און נויטה נאָך מעהר בולט, מחמת זיי שטעלען מיט זיך פאָר דעם נידריגען ענגאַזימוס און די אויסגעלאַסענהייט פון די רייכערע קלאַסען. דער פּלאַץ, וועלכער איז געוועזען בעזאָנדערס פערהאַסט פון די אָרעמע איז געוועזען די אונטעראירדישע קאַפע פון'ם טהעאַטער בעלעקור, וואו מי האָט געקענט זעהן צייטונגסלייט און פּאָליטיקער הולטייענדיג גאַנצענע נעכט אין דער געזעלשאַפט פון פרעהליכע נקבות. קיין פערזאַמלונג איז ניט אָבגעהאַלטען געוואָרען, ביי וועלכער דיזער רעסטאָראַן איז ניט דערמאָנט געוועזען, און איין נאַכט האָט דאָרט געפּלאַצט אַ באָמבע, געשליידערט פון אַן אונבעוואוסטער האַנד. אַן אַרבייטער וועלכער פּלעגט דיזע קאַפע פון צייט צו צייט בעזוכען, האָט זיך אַלאָז געטהאָן אויסלעשען די צונד־רעהר פון דער באָמבע, און איז דערהרג'עט געוואָרען, ווערענד עטליכע הולטייקע פּאָליטיקער זיינען אָבגעקומען מיט לייכטע וואונדען. אויף'ן צווייטען טאָג

האָט עקספּלאָדירט אַ באָמבע ביי דער טהיר פון אַ רעקרוטען־ביוראָ, און מי האָט געזאָגט אַז די אַנאַרכיסטען האָבען געהאַט בדעה אויפצורייסען די ריעזען סטאַטוע פון דער הייליגער מאַריע, וועלכע שטעהט אויף איינעם פון די בערג אַרום ליאָן. מי מוז אַליין וואוינען אין ליאָן גופא אָדער אין דער געגענד, אום צו האָבען אַ בעגריף ווי ווייט די בעפעלקערונג און די שוהלען זיינען נאָך עד היום אין די הענד פון די קאַטוילישע גלחים, אום צו פערשטעהן די שנאה וואָס די מענשען האָבען אויף די פּאַפּען.

אַ טויטשרעק האָט איצט אַרומגעכאַפּט די רייכערע קלאַסען פון ליאָן. ביז זעכציג אַנאַרכיסטען — אַלע אַרבייטער, און בלויז איין מיטעל־קלאַס מענש, עמיל גאָטיע, וועלכער וואַר גראָד אויף אַ פאָרלעזונגס־טור אין דער געגענד — זיינען אַרעסטירט געוואָרען. די ליאָנער צייטונגען האָבען זיך דערוויל גענומען אויפהעצען די רעגירונג געגען מיר, מיך פערשטעלענדיג אַלס דעם פיהרער פון דער אַגיטאַציאָן, וועלכער איז געקומען דירעקט פון ענגלאַנד אָנצופיהרען די בעוועגונג. רוסישע שפּיאָנען האָבען ווידער אַמאָל גענומען פּאַראַדירען אין אונזער קליין שטעדטעל, כמעט יעדען טאָג האָב איך בעקומען בריעף, וואַהרשיינליך געשריבען פון שפּיאָנען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליציי, ריידענדיג פון אַ דינאַמיט פערשווערונג, אָדער מיר דערצעהלענדיג בסוד, אַז מי שיקט מיר קאַסטענס דינאַמיט. איך האָב געמאַכט אַ שפּאָרע קאָלעקציאָן פון דיעזע בריעף, אויף וועלכע איך פלעג אויפשרייבען „אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליציי", און זיי זיינען אַלע פערנומען געוואָרען פון די פראַנצויזישע זשאַנדאַרען, בעת זיי האָבען ביי מיר געמאַכט אַן אָביסק, אָבער זיי האָבען ניט געסמייעט דיעזע בריעף פאַר די ריכטער פאָרצוברייגגען, און צוריקגעגעבען האָט מען זיי מיר אויך קיינמאָל ניט.

ניט נאָר האָט מען ביי מיר געמאַכט אַ הויז־זוכונג, מי האָט אויך אַרעסטירט מיין פרוי, וועלכע איז געווען אויף'ן וועג קיין זשענעוואַ, און זי בעזוכט. אָבער פערשטעהט זיך, אַז מי האָט ניט געפונען דעם מינדעסטען שפּור ניט געגען מיר און ניט געגען קיינעם פון מיינע פריינד.

עס זיינען אַריבער צעהן טעג, אין וועלכע איך בין כמעט געווען פריי אָבצופאָהרען, אויב איך זאָל עס געווען וועלען. איך האָב ערהאַלטען עטליכע בריעף, אין וועלכע מי האָט מיר געראַטהען עוקר צו זיין, — איין בריעף איז געווען פון אַן אונבעקאַנטען רוסישען פריינד, פיליכט אַ מיט־גליעד פון דעם דיפּלאָמאַטישען שטאַב, וועלכער האָט מיך הפנים געקענט, און ער האָט מיר געשריבען, אַז איך מוז גלייך אַוועק, ווייל ווען ניט, וועל איך זיין דער ערשטער קרבן פון דער אויסווייזונגס־פערהאַנדלונג, וועלכע

האָט געהאַלטען ביין געשלאָסען ווערען צווישען רוסלאַנד און פֿראַנקרייך. איך בין מיר געבליבען אויף מיין אָרט; און ווען די „טיימס" האָט אָבגעדרוקט אַ טעלעגראַמע, וועלכע האָט מודיע געווען, אַז איך בין פֿערשוואונדען פֿון טהאָנאָן, האָב איך דאַן געשריבען אַ בריעף צו דער צייטונג אָנגעבענדיג מיין אַדרעסע. כל זמן אַזוי פֿיעל פֿון מיינע פֿריינד וואַרען פֿערהאַפּטעט, האָב איך ניט געהאַט די מינדעסטע מחשבה צו אַנטלויפֿען.

אין דער נאַכט פֿון 21־טען דעצעמבער איז מיין שוואָגער געשטאָרבען אויף מיינע אָרעמס. מיר האָבען געוואוסט אַז זיין קראַנקהייט וואַר אונהיילבאַר, אָבער עס איז שרעקליך צוצוזעהן ווי אַ יונגעס לעבען ווערט פֿערלאָשען ביי מיר אויף די הענד נאָך אַ בראַווען קאַמפּף געגען טויט. ביידע, מיין פֿרוי און איך, זיינען געווען נידערגעשלאָגען, און אין אַ דריי פֿיער שעה אַרום, ווען דער כמאַרנער ווינטער־מאָרגען האָט זיך אָנגעהויבען ווייזען, זיינען זשאַנדאַרען בעפֿאַלען מיין הויז. זעהענדיג דעם שרעקליכען צושטאַנד פֿון מיין ווייב, האָב איך ביי זיי געבעטען ערלויבעניש צו בלייבען אין הויז ביז נאָך דער קבורה פֿון מיין שוואָגער, זיי געבענדיג מיין עהרענוואָרט, אַז איך וועל זיין ביין געפֿענגנים טהיר צו דער בעשטימטער שטונדע, אָבער עס וואַר מיר ענטזאַגט, און אין דער זעלבער נאַכט האָט מען מיך אַוועקגעפֿיה־ט קיין ליאָן.

עליזעע רעקלו, וועמען מי האָט מודיע געווען פער דעפּעש, איז גלייך געקומען, ערטהיילענדיג מיין פֿרוי די גאַנצע עדעלקייט פֿון זיין גאָלדענע הארץ; פֿריינד זיינען געקומען פֿון זשענעוואַ; און כאָטש די לויה איז געווען פֿאָלשטענדיג ציוויל, אָהן שום צערעמאָניעס, וועלכעס וואַר אַ נייעס אין יענער קליינער שטעדטעל, איז דאָך אַ העלפֿט פֿון דער בעפֿעל־קערונג געווען ביי דער קבורה, אום צו צייגען מיין פֿרוי, אַז די הערצער פֿון די אָרעמערע קלאַסען און פֿון די פּראָסטע סאַוואָיער בויערן וואַרען מיט אונז, און ניט מיט זייערע העררשער. ווען מיין פּראָצעס איז אָנגעגאַנגען, האָבען די בויערן געפֿלעגט קומען פֿון די בערג נאָך די צייטונגען אום צו זעהן ווי עס האַלט מיט מיר.

אַ צווייטער צופֿאַל, וועלכער האָט מיך טיעף גערירהט, איז געווען דאָס אָנקומען קיין ליאָן פֿון אַן ענגלישען פֿריינד. ער איז געקומען אַלס פֿערטרעטער פֿון אַ מאַן, וועלכער איז גוט בעקאַנט און הויך געשעצט אין דער ענגלישער פּאָליטישער וועלט, און אין וועמעס הויז איך פֿלעג פּערברייננגען פֿיעלע גליקליכע שטונדען אין לאָנדאָן, אין 1882. ער האָט מיטגעבראַכט אַ רעכטע סומע געלד אום מיך צו בעפֿרייען אויף בירגשאַפֿט, און ער האָט מיר אין דער זעלבער צייט מודיע געווען, אַז פֿאַר די בעיל

זאָל איך ניט דאַנה'ן און זאָל גלייך אַוועק פֿון פֿראַנקרייך. עס האָט זיך איהם ווי עס איז איינגעגעבען צו קריעגען די ערלויבעניש זיך מיט מיר גאַנץ פֿריי צו זעהן, — ניט אין דעם אייזערנעם שטייג מיט די דאָפּעלע גראַטעס, אין וועלכע איך האָב מיך געזעהען מיט מיין פֿרוי, — און ער איז פונקט אַזוי געריהרט געוואָרען פֿון מיין ענטזאַגונג אָנצונעהמען דעם פֿאָרשלאַג, ווי איך בין געריהרט געוואָרען פֿון דיעזען נאָבעלען בעווייז פֿון פֿריינדשאַפֿט פֿון אַ מאַן, וועלכען איך האָב שוין פֿריהער אַזוי הויך געשעצט.

די פֿראַנצויזישע רעגירונג האָט געוואָלט האָבען איינעם פֿון יענע גרויסע פראָצעסען, וועלכע מאַכען אַ רושם אויף די בעפֿעלקערונג, אָבער ס'איז קיין שום מעגליכקייט ניט געווען צו פֿער'משפט'ן די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטען פֿאַר די באָמבען. דאָס וואָלט געפֿאָדערט אַ געריכט פֿון געשוואָרענע, וועלכע וואָלטען אונז אודאי אין גאַנצען בעפֿרייט. דעריבער האָט זיך די רעגירונג בענוצט מיט דער מעטהאָדע פֿון מאַשאַוועלי אונז צו פֿערפֿאָלגען דערפֿאַר, וואָס מיר האָבען בעלאַנגט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן. אין פֿראַנקרייך איז דאָ אַ געזעץ, וועלכער איז געמאַכט געוואָרען גלייך נאָך דעם צוזאַמענברוך פֿון דער קאָמונע, לויט וועלכען יעדער מיטגליעד פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל קען געבראַכט ווערען פֿאַר'ן געריכט. די העכסטע שטראָף איז פֿינף יאָהר טורמע; און אַ פּאָליציי געריכט וועט תמיד אַרויסגעבען אַזאַ פסק ווי די רעגירונג פֿערלאַנגט.

דער משפט האָט זיך אָנגעהויבען אין ליאָן אין די ערשטע טעג פֿון יאַנואַר 1883, און געדויערט אומגעפֿעהר צוויי וואָכען. די בעשולדיגונג איז געווען לעכערליך, ווייל יעדער האָט געוואוסט אַז קיין איינער פֿון די ליאָנער אַרבייטער איז יע געווען אַ מיטגליעד פֿון'ם אינטערנאַציאָנאַל און די קלאַגע איז גענצליך דורכגעפֿאַלען, ווי מ'קען עס זעהן פֿון פֿאָלגענדען פֿאָרפֿאַל. דער איינציגער עדות פון דער רעגירוגג איז געווען דער שעף פֿון דער ליאָנער טאַינער פּאָליציי, אַן עלטערער מענש, וועלכער איז פֿון געריכט בעהאַנדעלט געוואָרען מיט דעם גרעסטען כבוד. זיין רעפּאָרט, מוז איך צוגעבען, איז געווען כמעט ריכטיג, וואָס אַנבעלאַנגט די פֿאַקטען. די אַנאַרכיסטען, האָט ער געטענה'ט, האָבען געוואונען די גאַנצע בעפֿעל־קערונג אויף זייער זייט; זיי האָבען ניט צוגעלאָזען קיין פֿערזאַמלונגען פֿון פּאָליטיקער, ווייל זיי האָבען גערעדט אויף יעדען מיטינג, פּרעדיגענדיג קאָמוניזמוס און אַנאַרכיע, און די צוהערער זיינען אַלע בעגייסטערט געוואָרען פֿון זייערע רעדען. בעמערקענדיג, אַז ער האַלט זיך אָנשטענדיג אין זיין עדות זאָגען, האָב איך מיך אָטוואַזשעט איהם צו שטעלען אַ פֿראַגע:

„האָט איהר ווען געהערט מי זאָל ריידען וועגען דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן אויף די פּערזאַמלונגען?"

„קיין מאָל ניט", האָט ער בייזלעך אַ וואָרטשע געטאָן.

„בעת איך בין צוריקגעקומען פון דעם לאָנדאָנער קאָנגרעס פון 1881, און האָב געטהאָן אלעס מעגליכע ווידער אויפצובויען דעם אינטערנאַציאָנאַל אין פראַנקרייך, האָב איך עפּעס אויסגעפיהרט?"

„ניין, זיי האָבען איהם געפונען פאַר צו וועניג רעוואָלוציאָנער".

„איך דאַנק אייך", האָב איך זיך אָבגערופען, און זיך ווענדענדיג צום פּראָקוראָר, האָב איך צוגעפיגט. „אָט האָט איהר אייער גאַנצע קלאַגע צו נישט געמאַכט פון אייער אייגענעם עדות!"

פון דעסטוועגען זיינען מיר אַלע פערמשפט געוואָרען דערפאַר, וואָס מיר האָבען בעלאַנגט צום אינטערנאַציאָנאַל. פיער פון אונז האָבען געקראָגען די העכסטע שטראָף, פינף יאָהר טורמע און פיער הונדערט טאַלער שטראָף; די איבריגע האָבען געקראָגען פון פיער יאָהר ביז איין יאָהר טורמע. דער פאַקט איז, אַז זיי האָבען גאָר ניט פּרובירט בריינגען דעם מינדעסטען בעווייז מכח דעם אינטערנאַציאָנאַל. דאָס האָט מען ווי פערגעסען, מי האָט אונז נאָר פשוט געבעטען ריידען פון אַנאַרכיזמוס, און דאָס האָבען מיר געטהאָן. וועגען די עקספּלאָזיאָנען האָט מען קיין וואָרט ניט דערמאָנט; און ווען אימיצער פון אונז האָט געוואָלט קלאָהרלייגען דיעזען פּונקט האָט מען איהם גאַנץ פּראָסט געזאָגט, אַז דאָס איז ניט די קלאַגע; די קלאַגע איז בלויז פאַר בעלאַנגען צום אינטערנאַציאָנאַל, — פון וועלכען נור איך אַליין בין געווען אַ מיטגליעד.

אין אַזעלכע פּראָצעסען קומט תמיד פאָר אויך אַ קאָמישער צופאַל, און דיזען מאָל איז דאָס געקומען פון אַ בריעף מיינעם. אויף וואָס צו גרינדען די בעשולדיגונג איז ניט געווען. מאַסען הויז־זוכונגען זיינען געמאַכט געוואָרען ביי פראַנצויזישע אַנאַרכיסטען, אָבער מי האָט בלויז געפונען צוויי בריעף מיינע. דער פּראָקוראָר האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען פון זיי צו מאַכען אַ גאַנצען ווזען. איין בריעף איז געשריבען געוואָרען צו אַ גענאָסע, וועלכער וואַר ענטמוטהיגט. איך האָב צו איהם גערעדט דורך דיזען בריעף מכח די הערליכע צייט וואָס מיר לעבען דורך, די גרויסע ענדערונגען וואָס קומען אָן, די געבורט און די פערשפּרייטונג פון נייע אידעען, א.ז.וו.

דער צווייטער בריעף איז בעשטאַנען פון צוועלף זייטלעך. איך האָב איהם געהאַט געשריעבען צו אַן אַנדער פראַנצויזישען פריינד, אַ יונגען שוסטער. ער האָט געמאַכט אַ לעבען, מאַכענדיג שיך אין זיין אייגענעם צימער, ביי זיין לינקער האַנד איז געשטאַנען אַן אייוועלע, אויף וועלכען

ער האָט געקאָכט זיין אייגענעם מיטאָג, און ביי דער רעכטער זייט איז געשטאַנען אַ קליינער בענקעל, אויף וועלכען ער פלעגט שרייבען לאַנגע בריעף צו די גענאָסען, אַלץ זיצענדיג אויף זיין נידריגען שוסטער־בענקעל. אַזוי שנעל ווי ער האָט אויפגענעהט גענוג שיך פאַר זיין סקראָמנע חיונה, און אַוועק־געשיקט עטליכע פראַנק צו זיין אַלטער מוטער אויף'ן דאָרף, פלעגט ער זיך גלייך נעהמען צו זיינע בריעף, אין וועלכע ער האָט ענט־וויקעלט די טהעאָריע און פרינציפען פון אַנאַרכיזמוס מיט וואונדערבאַרען פערשטאַנד און אינטעליגענץ. איצט איז ער אַ בעוואוסטער שרייבער אין פראַנקרייך און ווערט אין אלגעמיין געשעצט פאַר זיין אויפריכטיגען כאַראַקטער. צום אומגליק פלעגט ער דאַמאָלס אָנשרייבען 10, 12 זייטליך אָהנע זיך אָבצושטעלען, אָהן די מינדעסטע פינטעל זאָגאַר.

איינמאָל האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריעבען אַ לאַנגען בריעף, אין וועלכען איך האָב איהם ערקלעהרט, ווי אַזוי געשריבענע געדאַנקען ווערען צוטהיילט אין בעזונדערע זעצע און פראַזען, און אַז יעדער זאַץ מוז זיך ענדיגען מיט אַ פינטעל, אַ קאָמאַ א. ז. וו. בקצור, איך האָב איהם געגעבען אַ קורצע לעקציאָן אין נקודות. איך האָב איהם געגעבען צו פערשטעהן אויף וויפיעל ער וועט פערבעסערען זיין שרייבען ווען ער זאָל געברויכען דיעזע פינטעלעך.

דיעזער בריעף צו מיין קאַמעראַד דעם שוסטער, וואָס האָט ענטהאַל־טען אַ לעקציע איבער גראַמאַטיק, איז פאַרגעלעזען געוואָרען פאַר'ן געריכט פון'ם פראָקוראָר מיט אַ זעהר טראַגישען פירוש. „מיינע הערען", האָט ער אָנגעהויבען, זיך ווענדענדיג צו די ריכטער, „איהר האָט דיעזען בריעף געהערט, זיך גוט איינגעהאָרכט: פון אויבען אויף קען זיך איינעם דאַכטען, אַז דאָס איז סתם אַזוי אַ בריעף. ער גיט זיך איבער אַ לעקציע צו אַן אַרבייטער, און ווייטער גאָר נישט... אָבער" — און דאָ האָט זיין שטימע געציטערט מיט אַ טיעף געריהרטען געפיהל — „דאָס איז ניט געווען געשריעבען כדי צו העלפען אַן אָרעמען אַרבייטער אין זיין אונטערריכט, וועלכען ער האָט מסתמא איבער פוילקייט ניט געקראָגען אין דער שוהלע. דאָס איז ניט געווען, אום איהם צו העלפען פערדינען זיין ברויט לייכטער. ניין, מיינע הערען! דיעזער בריעף איז געשריבען געוואָרען נאָר כדי אין איהם אויפצופלאַמען אַ גרעסערען האַס געגען אונזערע הערליכע און ערהאַבענע אינסטיטוציאָנען, נור כדי אַריינצוגיסען אין איהם די גיפט פון אַנאַרכיזמוס מיט מעהר ערפאָלג, נור אום צו מאַכען פון איהם נאָך אַ שרעקליכערען פיינד פון אונזער געזעלשאַפט. פאַרשאָלטען זאָל זיין דער טאָג, ווען קראַפאָטקין האָט אַרויפגעשטעלט זיין פוס אויף דעם באָדען פון פראַנקרייך"!

מיר האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון געלעכטער די גאַנצע צייט וואָס ער האָט געהאַלטען זיין רעדע; די ריכטער האָבען אויסגעשטעלט אויף איהם זייערע אויגען גלייך ווי זיי וואָלטען איהם וועלען זאָגען, אַז ער טרייבט שוין איבער זיין ראָלע צו פיעל, אָבער ער האָט הפנים קיין זאַך ניט געמערקט, און שוועבענדיג אויף די פליגלען פון זיין אָראַטאָרסטווע, האָט ער וואָס אַמאָל גערעדט מיט מעהר טהעאַטראַלישען עפעקט. ער האָט ווירקליך געאַרבייט מיט אַלע זיינע כחות צו פערדינען די בעלוינונג פון דער רוסישער רעגירונג.

גלייך נאָך אונזער פערמשפּט׳ן איז דער ערשטער ריכטער ערהויבען געוואָרען צו אַ העכערען געריכט. וואָס אָנבעטרעפט אַ צווייטען ריכטער און דעם פּראָקוראָר, — עס קלינגט קוים גלויבליך,— האָט זיי די רוסישע רעגירונג פאָרגעשלאָגען דעם קרייץ פון דער הייליגער אַננאַ, און די רעפובליק האָט זיי ערלויבט איהם אָנצונעהמען! די בעריהמטע רוסישע אַליאַנץ האָט אַלזאָ געהאַט איהר אָנפאַנג אין דעם משפּט פון ליאָן.

דיעזער פּראָצעס — ביי וועלכען עס זיינען געהאַלטען און אָבּגעדרוקט געוואָרען אין אַלע צייטונגען העכסט בריליאַנטענע אַנאַרכיסטישע רעדען פון אַזעלכע אָראַטאָרס, ווי דער אַרבייטער בערנאַר און עמיל גאָטיע, און אין וועלכען אַלע בעשולדיגטע האָבען זיך געהאַלטען אַזוי פעסט, פּרעדיגענדיג אונזערע אידעען גאַנצע צוויי וואָכען — האָט געהאַט אַ מעכטיגע ווירקונג אָבצוראַמען פאַלשע אַבערגלויבענס מכח דעם אַנאַרכיזמוס אין פראַנקרייך, און האָט זיכערליך עטוואָס בייגעטראָגען צו דער אויפלעבונג פון׳ם סאָציאַליזמוס אין אַנדערע לענדער.

וואָס אַנבעלאַנגט דער פעראורטהיילונג, איז זי געוועזען אַזוי אונגערעכט אפילו פון געזעצליכען שטאַנדפונקט, אַז די פּרעסע — מיט דער אויסנאַהמע פון די צייטונגען וואָס זיינען געווען אין גאַנצען איבערגעגעבען דער רעגירונג — האָט זיך עפענטליך אויסגעשפּראָכען געגען די ריכטער. אפילו דער געמיינסטער „זשורנאַל דע עקאָנאָמיע" האָט אויך קריטיקירט דעם פּסק, „וועלכען קיין מענש האָט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן פון די גאַנצע פערהאַנדלונגען אין׳ם געריכט". דער קאַמפף צווישען די בעשולדיגער און בעשולדיגטע איז געוואונען געוואָרען פאַר די לעצטע אין דער עפענטליכער מיינונג. עס איז גלייך אַריינגעבראַכט געוואָרען אַ פאָרשלאַג פאַר בעפרייאונג בייפאַר די דעפּוטאַטען, און ער וואַר אונטערשטיצט פון אונגעפעהר הונדערט שטימען. דיעזער פאָרשלאַג איז פאָרגעבראַכט געוואָרען יעדעס יאָהר רעגעלמעסיג, יעדען מאָהל קריעגענדיג אַלץ מעהר שטימען, ביז מיר וואַרען ענדליך בעפרייט.

אין צענטראַל־געפענגניס פון קלערוואָ.

———

דער פּראָצעס האָט זיך געענדיגט, אָבער איך בין נאָך געבליבען אַ צוויי מאָנאַט אין דעם ליאָנער געפענגניס. די מייסטע פון מיינע קאַמעראַדען האָבען דערלאַנגט אַן אַפּעלאַציע געגען דעם פּסק פון דעם פּאָליציי־געריכט און מיר האָבען געמוזט וואַרטען אויף'ן רעזולטאַט דערפון. מיט נאָך אַנדערע פיער קאַמעראַדען האָב איך זיך ענטזאָגט אַנטהייל צו נעהמען אין דער אַפּעלאַציע, און האָב מיר ווייטער געאַרבייט אין מיין צעלע. אַ גוטער פריינד מיינער — מאַרטין, אַ קליידער־הענדלער פון וויען — האָט געאַרבייט לעבען מיר, און אַזוי ווי מיר וואַרען שוין פעראורטהיילט, האָט מען אונז ערלויבט אַרויסצוגעהן אויף'ן הויף צוזאַמען; און ווען מיר האָבען זיך געהאַט וואָס מיטצוטהיילען זייענדיג אין טורמע, פלעגען מיר זיך צוזאַמענריידען דורך דאָס קלאַפּען אין וואַנד, פּונקט ווי אין רוסלאַנד.

אין דער צייט פון מיין פּריזען־לעבען אין ליאָן האָב איך גענומען בעגרייפען וואָס פאַר אַ שרעקליך דעמאָראַליזירענדע ווירקונג די טורמעס האָבען אויף די פערברעכער, וועלכעס האָט מיך נאָכהער געבראַכט דערצו, אַז איך האָב די גאַנצע אינסטיטוציאָן מיט האַק און פּאַק פערדאַמט.

דער ליאָנער געפענגניס איז אַ „מאָדערנע" געביידע, געבויט אין דער פאָרמע פון אַ שטערען. דער רוים צווישען די שטראַהלען פון שטערען וואַרען פערנומען פון קליינע אויסגעפּלאַסטערטע הויפען, און, ווען דאָס וועטער האָט ערלויבט, האָט מען די געפאַנגענע אַרויסגענומען אין דיעזע הויפען זיי זאָלען אַרבייטען אין דרויסען. די הויפּט־אַרבייט איז געווען אויסקלאַפּען די זייד־ווערעמלאַך אום צו קריגען די זיידענע פעדים. גרופּעס קינדער פלעגען אויך געבראַכט ווערען אין דיזע הויפען אין געוויסע שטונדען. מאָגער, ענטקרעפטיגט, פערהונגערט, — דער שאָטען פון קינדער, — איך האָב זיי אָפט בעטראַכט דורך'ן פענסטער. בלוט־אַרמוטה איז געווען דייטליך אויסגעקריצט אויף זייערע פּנים'לעך און אין זייערע דינע, ציטערענדע קערפּער; אין דעם גאַנצען ליעבען טאָג, ניט בלויז אינעווייניג, נאָר אויך אין הויף, בעפאָר די ליכטיגע זון—פלעגען זיי בעטרייבען זייערע אָבשוואַכענדע שענדליכע פּראַקסים. וואָס וועט ווערען פון זיי נאָכדעם, ווי זיי וועלען שוין האָבען דורכגעגאַנגען דיעזע שוהלונג און וועלען אַרויסקומען מיט זייער געזונדהייט רואינירט, זייער ווילען פערניכטעט, זייער ענערגיע פערלוירען? בלוט־אַרמוטה, מיט איהר אָבגעשוואַכטער ענערגיע, איהר פוילקייט, איהר געבראָכענעם ווילען, שטומפּפען מוח און פערדאָרבענעם כח הדמיון, איז

פּעראַנטוואָרטליך פאַר פיעל מעהר פּערברעכען ווי פול-בלוטיגקייט. און עבען דיזער פיינד פון דער מענשליכער ראַסע, דער מענש אָהן בלוט, ווערט ערצויגען אין געפּענגנים. און דאַן — די לעהרען וואָס דיעזע קינדער קריגען אין זייער אומגעבונג! בלויזע אָבזונדערונג, אפילו ווען מי זאָל זי קענען שטריינג דורכפיהרען — וואָס דאָס איז אונמעגליך — וואָלט וועניג וואָס געהאָלפען; די גאַנצע לופט פון יעטוועדער פריזען איז פול מיט פערעהרונג פון יענעם מין געמבלען מיט „געלונגענע שפיצלעך״, וועלכע שטעלט צוזאַמען דעם סאַמע תוך פון גנבה, שווינדעל, און עהנליכע אַנטי-סאָציאַלע טהאַטען. גאַנצע דורות פון קינפּטיגע פערברעכער ווערען ערצויגען אין דיזע אַנשטאַלטען, וועלכע דער שטאַאַט שטיצט, און די געזעלשאַפט דולדעט, נאָר דאַרום, ווייל זי וויל ניט מי זאָל ריידען און דיסקוטירען איהרע אייגענע קראַנקהייטען. „אַריינגעקראָגען זיך קינדווייז, בלייבסטו שוין אַ גע-פּענגנים-פויגעל אויף תמיד״, פלעג איך נאַכהער הערען פון אַלע מענשען, וועלכע האָבען זיך מיט קרימינעלע אַנגעלעגענהייטען אינטערעסירט. און ווען איך האָב געזעהן דיזע קינדער און גענומען טראַכטען וואָס פאַר אַ צוקונפט זיי ערוואַרטעט, האָט זיך ביי מיר תמיד געיאַוועט די פראַגע: „ווער פון זיי איז דער ערגערער פערברעכער? — דיעזעס קינד אָדער דער ריכטער, וואָס פערדאַמט יעדעס יאָהר הונדערטער קינדער צו דיזען לעבען?״ איך געשטעה גערן, אַז דער פערברעכען פון׳ם ריכטער איז אַן אונבעוואוס-טער. ווערען אָבער אַלע פערברעכען פיר וועלכע מענשען ווערען פערשטיקט אין די טורמעס, געטהאָן אַזוי בעוואוסט ווי מי דענקט?

עס איז געווען נאָך אַ פונקט, וועלכען איך האָב דייטליך נאָטירט גלייך אין די ערשטע עטליכע וואָכען פון מיין פריזען-לעבען, אָבער וועלכען ניט די ריכטער און ניט די שרייבער איבער קרימינעלע געזעץ שיינען צו שיינקען די מינדעסטע אויפמערקזאַמקייט; נעמליך, אַז די געפּענגנים-שטראָף איז אין אונגעהייער פיעלע פעלע אַ סך שווערער אַריבערצוטראָגען פאַר זייטיגע גאַנץ אונשולדיגע מענשען, ווי פאַר׳ן פעראורטהיילטען אַרעס-טאַנט גופא.

במעט יעדער איינער פון מיינע קאַמעראַדען, וועלכער האָט מיט זיך רעפּרעזענטירט דעם געוועהנליכען טיפּ פון דער אַרבייטער בעפעלקערונג, האָט געהאַט צו ערנעהרען אָדער אַ פרוי און קינדער, אָדער אַ שוועסטער, אָדער איין אַלטע מוטער, וועלכע זיינען געווען גענצליך אָבהענגיג מיט זייער חיונה פון זייער אַרבייט. איצט, אַז זיי זיינען געבליעבען אָהן אַן ערנעהרער, האָבען זיי אַלע געמוזט זוכען אַרבייט, און מאַנכע איז עס געלונגען; אָבער אַז זיי זאָלען פערדיענען רעגעלמעסיג וועלכע דרייסיג

סענט דעם טאָג לכל הפחות, — דאָס ניט. ניין פֿראַנק (וויינינגער ווי צוויי דאָלאַר) און אָפֿט בלויז אַ דאָלאַר און אַ האַלב אַ וואָך צו ערנעהרען זיך און זייערע קינדער, — דאָס איז געווען זייער פֿערדיענסט. און דאָס האָט נאַטירליך בעדייטעט ניט-דערעסען, אַלערליי מאַנגעל, קראַנקהייט, אַן אויסגעדאַרטען מוח, אַן אָבגעשוואַכטע ענערגיע און אַ געבראָכענעם ווילען. איך האָב אַלזאָ גענומען בעגרייפֿען, אַז אין אונזערע געריכטס-הייזער איז אין דער ווירקליכקייט גאָר אויסגעשפּראָכען געוואָרען דער אורטהייל איבער גאַנץ אונשולדיגע מענשען. עס הייט כלומרשט, אַז דאָס געזעץ בעשטראָפֿט דעם מענשען דערמיט וואָס עס לייגט אויף איהם אַרויף פֿערשיעדענע פֿיזישע און גייסטיגע צרות. אָבער דער מענש איז אַזוי געבויט, אַז וועלכע צרות מי זאָל אויף איהם ניט אַרויפֿלייגען ווערט ער אַלץ צו זיי געוואוינט מיט דער צייט. אויב ער קען די שוועריגקייטען ניט בייקומען, איז ער זיך גובר און לעבט מיט זיי, פונקט ווי ער געוועהנט זיך צו צו אַ כראָנישע קריינק, וועלכע ער פֿיהלט מיט דער צייט גאָר אין גאַנצען ניט. אָבער וואָס ווערט פֿון דעם אַרעסטאַנט'ס פֿרוי און קינדער, אָדער פֿון די אַנדערע הילפֿלאָזע מענשען, וועלכע זיינען פֿון איהם אין גאַנצען אָבהענגיג? זיי ווערען נאָך פֿיעל גרויזאַמער בעשטראָפֿט אפילו ווי ער גופא. און אין אונזער קליינליכען געדאַנקען-גאַנג, דענקט גאָר קיינער ניט פֿון דער אונגעהייערער אונגערעכטיגקייט, וועלכע די געזעצע בעגעהען אין דיעזער הינזיכט. איך האָב עס בעגריפֿען בלויז דורך ווירקליכע ערפֿאַהרונג.

אין מיטען מערץ 1883, זיינען צוויי און צוואַנציג פֿון אונז, וועלכע וואַרען פֿעראורטהיילט צו מעהר ווי איין יאָהר טורמע, אַריבערגעפֿיהרט געוואָרען שטילערהייט אין דעם צענטראַל-געפֿענגניס פֿון קלערוואָ, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ מאָנאַסטיר פֿון'ם הייליגען בערנאַרד, פֿון וועלכען די גרויסע רעוואָלוציאָן האָט געמאַכט אַ באָגאָדיעלנע און דערנאָך אַ פֿערבעסערונגס-אַנשטאַלט, וועלכע איז בעקאַנט געוואָרען צווישען די אַרעסטאַנטען און די בעאַמטע גופא אונטער דעם פּאַסענדען צונאָמען „פֿערערגערונגס-אַנשטאַלט."

אַזוי לאַנג, ווי מי האָט אונז געהאַלטען אין ליאָן, זיינען מיר בעהאַנדעלט געוואָרען ווי אַרעסטאַנטען ווערען געוועהנליך בעהאַנדעלט אין פֿראַנקרייך פֿאַר'ן פּראָצעס, דאָס הייסט, מיר האָבען געהאַט אונזערע אייגענע קליידער, מיר האָבען געקענט קריגען אונזער אייגען עסענוואַרג פֿון אַ רעסטאָראַנט, און פֿאַר עטליכע פֿראַנק אַ מאָנאַט האָט מען זיך געקענט דינגען אַ גרעסערע צעלע. איך האָב מיך בענוצט מיט דעם, וויל איך האָב געמוזט שווער אַרבייטען אויף מיינע אַרטיקלען פֿאַר די „ענציקלאָפּעדיאַ

בריטאַניקאַ" און די „ניינטינטה סענטיורי." איצט האָבען זיי אַליין ניט געוואוסט, ווי אונז צו בעהאַנדלען אין קלערוואָ, נאָר אין פראַנקרייך פערשטעהט מען געוועהנליך, אַז פאַר פּאָליטישע ארעסטאַנטען איז גענוג גרוים די שטראָף, ווען מען רויבט פון זיי די פרייהייט און מ׳י צווינגט זיי צו אונטהעטיגקייט. נאָך שווערער מאַכען זייער לאַגע, ברויך מען שוין ניט. מ׳י האָט אונז דאַרום געזאָגט, אַז מיר וועלען בלייבען אונטער די זעלבע בעדינגונגען, ווי אין ליאָן. מיר וועלען האָבען אַ בעזונדערע אַבטהיילונג, אונזערע אייגענע קליידער, וועלען ניט ברויכען צו טהאָן געצוואונגענע אַרבייט, און מ׳י וועט אונז לאָזען רויכערן. „די פון אייך", האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט, „וועלכע ווילען עפּעס פערדיענען, קענענן נעהען קאָרסעטען אָדער גראַווירען קליינינקייטען אין פערלמוטער, דיעזע אַרבייט ווערט שלעכט בעצאָהלט; אָבער אין די פריזאָן־ווערקשטאַטען קענט איהר ניט בעשעפטיגט ווערען, מחמת דאָס וואָלט אונז געצוואונגען אייך צו האַלטען צוזאַמען מיט די איינפאַכע פערברעכער". אַזוי ווי די אַנדערע אַרעסטאַנטען איז אונז אויך געווען ערלויבט צו קויפען פון דעם פריזאָן־שענקעל עסענוואַרג און אַ פאַינט קלאַרעט יעדען טאָג. דאָס פלעגט פערקויפט ווערען גאַנץ ביליג און פון בעסטען סאָרט.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס קלערוואָ האָט געמאַכט אויף מיר איז געווען אַ זעהר גינסטיגער. מיר זיינען געווען איינגעשלאָסען און האָבען געררייזט דעם גאַנצען טאָג פון צוויי דריי אַ זייגער אין דער פריה אָן, אין יענע קליינינקע קלעטקעלאַך, אין וועלכע די וואַגאָנען וואָס ווערען געברויכט פאַר אַרעסטאַנטען, ווערען געוועהנליך איינגעטהיילט. ווי מיר זיינען אָנגעקומען אין צענטראַל־געפענגנים האָט מען אונז דערווייל גענומען אין די אַבטהיילונג פון געוועהנליכע פערברעכער, און מען האָט אונז אַריינגעלאָזען אין זעהר ריינע צעלען. הייסע שפּייזען, איינפאַך, אָבער זעהר גוט, זיינען פאַר אונז סערווירט געוואָרען, כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט און מען האָט אונז פאָרגעשלאָגען זעהר גוטען ווייַן פאַר דעם זעהר מעסיגען פרייז פון פינף סענט פער קוואָרט. דער גאָווערנער און אַלע וועכטער זיינען געווען זעהר העפליך צו אונז.

אויף'ן צווייטען טאָג האָט דער פערוואַלטער פון פריזאָן מיך אַוועק געפיהרט אָנקוקען די צימער, וועלכע ער האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַר אונז. ווען איך האָב בעמערקט אַז זיי זיינען גוט גענוג, נאָר אַ ביסעל צו קליין ר אַזאַ צאָהל מענשען — מיר זיינען געווען זאַלבע צוויי און צוואַנציג, — און די ענגשאַפט קען פעראורזאַכען קראַנקהייט, האָט ער אונז געגעבען אַנדערע צימער אין אַ הויז, וועלכע האָט פריהער געפלעגט בעוואוינט צו

צו ווערען פֿון'ם אויפֿזעהער פֿון דעם מאָנאַסטיר און איז איצט געווען דער שפּיטאָל. אונזערע פֿענסטער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ קליינעם גאָרטען און אויף פּראַכטפֿאָלע לאַנדשאַפֿטען פֿון דער אַרומיגער געגענד. אין אַ צווייטען צימער אין דער זעלבער געביידע איז דער אַלטער בלאַנקי געהאַלטען געוואָרען די לעצטע דריי אָדער פֿיער יאָהר פֿאַר זיין בעפֿרייאונג. פֿריהער האָט מען איהם געהאַלטען אין איינער פֿון די צעלען פֿון'ם געפֿענגניס גופא.

מיר האָבען אַלזאָ געקראָגען דריי גרוימיגע צימער, און איין קלענערעס צימער איז געגעבען געוואָרען פֿאַר גאָטיער און מיר, אום מיר זאָלען קענען אָנגעהן מיט אונזער ליטעראַרישער אַרבייט. דיזע לעצטע טובה האָבען מיר געהאַט צו פֿערדאַנקען אַן אַנצאָהל ענגלישע וויסענשאַפֿט־מענער, וועלכע האָבען זיך אָנגענומען פֿאַר אונז און האָבען אונטערשריבען אַ ביטע פֿיר מיין בעפֿרייאונג גלייך נאָך מיין פֿעראורטהיילונג. אַ סך מיטאַרבייטער פֿון דער „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ", הערבערט ספּענסער און סווינבאָרן, האָבען אונטערגעשריבען דיזע ביטע, און וויקטאָר הוגאָ האָט נאָך צוגעשריבען עטליכע וואַרימע ווערטער צו זיין אונטערשריפֿט. בקיצור, די עפֿענטליכע מיינונג האָט די פֿעראורטהיילונג ניט גינסטיג עמפּפֿאַנגען. און ווען מיין פֿרוי האָט בלויז דערמאָנט מיט איין וואָרט אין פּאַריז, דאָס איך ברויך ביכער, האָט גלייך די אַקאַדעמי דער וויסענשאַפֿטען פֿאָרגעשלאָגען איהר ביבליאָטעק, און ערנעסט רענאַן האָט אין אַ הערצליכען בריעף איהר געשטעלט זיין פּריוואַט ביבליאָטעק צו דיענסט.

מיר האָבען געהאַט אַ קליינעם גאָרטען, וואו מיר פֿלעגען שפּיעלען באָל, און אין אַ קורצע צייט איז אונז געלונגען צו בעאַרבייטען אַ שמאָלען בייט, פֿון וועלכען מיר האָבען אַרויסגעקראָגען אַן אונגעהייערע גרויסע מאַסע סאַלאַט און רעטיך, ווי אויך מאַנכע בלומען; און דער גאַנצער שטח איז געווען בלויז אַביציג קוואַדראַט אַרשין. פֿערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען גלייך אָרגאַניזירט קלאַסען, און אין פֿערלויף פֿון די דריי יאָהר וואָס מיר זיינען געווען אין קלערוואָ, האָב איך מיינע קאַמעראַדען געגעבען לעקציעס אין קאָסמאָגראַפֿיע — די בעשרייבונג פֿון דער וועלט — געאָמעטריע — די וויסענשאַפֿט פֿון מעסטונג — אָדער פֿיזיקע — נאַטורוויסענשאַפֿט —; אויך צוהעלפֿענדיג זיי אין שפּראַכען. כמעט יעדער איינציגער פֿון זיי האָט אויסגעלערענט איין שפּראַך, — ענגליש, דייטש, איטאַליעניש אָדער שפּאַניש, — און מאַנכע האָבען אויסגעלערענט צוויי שפּראַכען. מיר האָבען זיך אויך בעשעפֿטיגט מיט בוכבינדעריי, וועלכע מיר האָבען זיך אויסגעלערענט פֿון אַ קליין ביכעל הערוים.

אַם ענדע פֿון ערשטען יאָהר האָט אָבער מיין געזונדהייט ווידער־

אַמאָל אָנגעהויבען צו ליידען. קלערוואָ איז נעבויט אויף אַ זומפּיגען גרונד, אויף וועלכען קדחת איז אַן עוויגער תושב, און דער פּיבער צוזאַמען מיט דער סקאָרבוט האָבען מיך אויסגעקליבען פאַר'ן ערשטען קרבן. דאַן האָט מיין פרוי, וועלכע האָט שטודירט אין פּאַריז, אַרבייטענדיג אין ווירצעס לאַבאָראַטאָריום און זיך פּערפּערטיגענדיג צום עקזאַמען אַלס דאָקטאָר דער וויסענשאַפּט, אַלעס פּערלאָזען און איז געקומען אין דעם קליינעם דערפּעל קלערוואָ, וועלכער בעשטעהט פון אַ קאַרגען דוצען הייזער וואָס געפינען זיך ביי אַן אונגעהייער הויכע וואַנד אַרום דאָס געפּענגנים. נאַטירליך, איהר לעבען אין דיזען דערפּעל מיט דער פריזאָן וואַנד געגעניבער, איז געוועזען ווייט ניט קיין פרעהליכער. דאָך איז זי דאָרט געבליבען ביז איך בין בעפּרייט געוואָרען, אין פערלויף פון ערשטען יאָהר האָט מען מיר ערלויבט זיך צו זעהן מיט איהר בלויז איין מאָל אין 2 מאָנאַט, און דאָס האָט געמוזט אַ וועכטער זיין צווישען אונז. אָבער ווען זי האָט זיך בעזעצט אין קלערוואָ, ערקלעהרענדיג פעסט, אַז זי בלייבט דאָרט, האָט מען איהר גלייך ערלויבט זיך מיט מיר צו זעהן יעדען טאָג אין איינע פון די קליינע הייזלעך אין געפּענגנים. עסענוואָרג איז מיר געבראַכט געוואָרען פון דעם האָטעל, וואו זי האָט געוואוינט. שפּעטער, האָט מען אונז אפילו ערלויבט צו שפּאַצירען אין פּערוואַלטער'ס גאָרטען, שטריינג בעוואַכט די גאַנצע צייט, און געוועהנליך פלעגען מיר מיטנעהמען איינעם פון מיינע קאַמע־ראַדען אויף דיזע שפּאַצירגענגע.

איך בין געוועזען ערשטוינט, בעת איך האָב אויסגעפונען, אַז דער צענטראַל־פריזען פון קלערוואָ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליינע פאַבריק־שטעדטעל, אַרומגערינגעלט פון גערטנער און פעלדער, אַלעס אַרומגעצאַמט מיט אַן אויסערער וואַנד. דער פאַקט איז, אַז אויב די אַרעסטאַנטען פון אַ פראַנצויזישע צענטראַל־געפּענגנים זיינען מעהר אָבהייניגיג פון'ם קאַפּריז פון דעם פּערוואַלטער, אָדער די וועכטער, ווי אין די ענגלישע געפּענגניסע, איז אָבער די בעהאַנדלונג פיעל מענשליכער ווי אין ענגלאַנד. די מיטעל־אַלטערליבע ראַכעזיכטיגע סיסטעמע, וועלכע הערשט נאָך אין די ענגלישע תפיסות, איז שוין אין פראַנקרייך לאַנג אויפגעגעבען. דער טורמעניק איז ניט געצוואונגען צו שלאָפען אויף הוילע ברעטער, אָדער צו קריגען אַ מאַטראַץ בלויז יעדען צווייטען טאָג. באַלד ווי מען קומט דאָרט קריגט מען אַן אַנשטענדיג בעטעל און עס בלייבט ביי איהם די גאַנצע צייט. מי צווינגט איהם אויך ניט צו ערנידעריגענדע אַרבייט, ווי למשל קלעטערען אויף אַ ראָד אָדער קלייבען קאַנאָפּלעס, אַדרבה, מי גיט איהם ניצליכע אַרבייט, און דעריבער טאַקע זעהט קלערוואָ אויס ווי אַ פאַבריטשנע

שטעדטעל: אייזערנע מעבעל, ראמען, שפיגלען, אַרשינען, סאַמעט, לייווענט, קאָרסעטען, פּערלמוטער קליינינקייטען, הילצערנע שיך, און אַנדערע זאַכען ווערען געמאַכט פון די געניע זעכצהען הונדערט מענשען, וועלכע ווערען דאָרט געהאַלטען.

און דאַן ווידער, אויב די בעשטראָפונג פאַר אונגעהאָרכזאַמקייט איז זעהר גרויזאַם, איז לכל הפחות ניטאַ דאָס שמייסען, וועלכעס געהט נאָך עד היום אָן אין די ענגליש תפיסות. אין פראַנקרייך וואָלט אַזא שטראָף געוועזען אַבסאָלוט אונמעגליך. אים אַלגעמיינעם, קען מען די צענטראַל־געפענגנים פון קלערוואָ בעצייכענען אַלס איינע פון די בעסטע פון איירפּאַ. און פון דעסטוועגען זיינען די רעזולטאַטען געוועזען פונקט אַזוי שלעכט אין קלערוואָ, ווי אין די ערגסטע פריזענס פון אַלטען מאָדעל. „די וועלט זאָגט ביי היינטיגען טאָג, אַז פערברעכער ווערען רעפאָרמירט אין די טורמעס; אָבער דאָס איז אַ ריינער אונזין, און איך וועל מיך קיינמאָל אין לעבען ניט לאָזען איינריידען צו זאָגען אַזאַ ליגען", האָט מיר איינמאָל אַ פער־וואַלטער פערטרויט.

די אַפּטייק פון קלערוואָ איז געוועזען אונטער אונזער צימער, און מיר האָבען זיך מאַנכעס מאָל צוזאַמענגערעדט מיט די אַרעסטאַנטען, וועלכע וואַרען דאָרט בעשעפטיגט. איינער פון זיי איז געוועזען אַ גרייז־גרויער מאַן, קרוב זעכציג, וועלכער האָט געענדיגט זיין טערמין פאַר אונזער צייט. עס איז געוועזען הערצריהרענד צו הערען, ווי אַזוי ער האָט זיך געזעגענט מיט דער תפיסה, ער האָט געוואוסט, אַז אין עטליכע וואָכען אָדער מאָנאַטען וועט ער זיין צוריק, און האָט געבעטען דעם דאָקטאָר ניט אַוועקצוגעבען זיין פּלאַץ אַן אַנדערען. דאָס איז ניט געוועזען זיין ערשטער וויזיט אין קלערוואָ, און ער איז געוועזען זיכער אַז ס'וועט אויך ניט זיין דער לעצטער. ווען מי האָט איהם פריילאָזען, האָט ער ניט געהאַט קיין איינציגעס וועזען אין דער וועלט צו ווענדען ער זאָל זיך קענען ווענדען אָדער קעהרען אין זיין עלטער. „ווער וועט מיר וועלען צונעהמען צו דער אַרבייט?" האָט ער גע־פרעגט. „און וואָס פאַר אַ מלאכה האָב איך? קיינע ניט! ווען מי לאָזט מיר אַרויס, מוז איך ווידער געהן צו מיינע אַלטע חברים, זיי וועלען מיך ווענינגסטענס עמפפאַנגען ווי אַן אַלטען גוטען פריינד." דאַן וועט מען נעהמען אַן איבריגע גלעזעל אין זייער געזעלשאַפט, מי וועט זיך דורכשמועסען מכח אַ גאַנץ נייע שפּיצעל, — אַ נייעם אוצר צו כאַפּען ערגעצוואו, — און אַביסעל אויס שוואַכקייט, און אַביסעל אום ניט אָבצושטעהן פון זיינע אַלטע פריינד, וועט ער זיך אָן זיי אָנשליעסען און מי וועט איהם ווידער אַ מאָל אַריינזעצען.

אזוי האט עס שוין מיט איהם א סך מאהל אין זיין לעבען פאסירט. ס'איז אבער דעם מאל אוועק צוויי מאנאט, און נאך איז ער קיין קלערוואַ ניט צוריקגעקומען. די גאנצע פריזאן, און אויך די פערוואלטער, האבען אנגעהויבען ווערען אומרוהיג מכח דעם אלטען. „האט ער זיך פיליכט אריבערגעקליבען אין אן אנדער ארט?" לאמיר האפען אז ער איז ניט פערוויקעלט אין עפעס א מיאוסע מעשה", פלעגען זיי זאגען, מיינענדיג עפעס ערגערס ווי גנבה. „דאס וואלט געווען א שאד: ער איז תמיד געווען אזא פיינער רוהיגער מענש". אבער מי איז אין קורצען דערגאנגען, אז די ערשטע סברא איז געווען די ריכטיגע. עס איז געקומען א ידיעה פון אן אנדערע תפיסה, אז דער אלטער איז דארט, און גיט זיך איצט אלע מיה, מי זאל איהם איבערפיהרען קיין קלערוואַ.

דער גרעסטער רחמנות איז געווען אויף די אלטע לייט. א סך פון זיי האבען אנגעהויבען זייער געפענגנים־ערפאהרונג אין דער קינדהייט אדער יוגענד; אנדערע שפעטער. אבער „איין מאל אין פריזאן, אלע מאל אין פריזאן"; דאס איז דער שלום פון ערפאהרונג. און אצינד, האבענדיג דערגרייכט דעם עלטער פון זעכציג יאהר, אדער מעהר, האבען זיי געוואוסט, אז זיי מוזען ענדיגען זייער לעבען אין געפענגנים. אום וואס גיכער צו מאכען א סוף צו זייער מיזעראבלען לעבען, פלעגט די פערוואלטונג זיי שיקען אין די ווערקשטאטען, וואו מי ארבייט אויס פילץ פון אלערליי וואלענע שמאטעס. דער שטויב האט גלייך געבראכט מיט זיך די אויס־צעהרונג, וועלכע האט זיי ענדליך בעפרייט פון לעבען. דאן פלעגען זייערע מיטגעפאנגענע זיי אריינוואַרפען אין דעם אלגעמיינעם קבר, אונטער דער בעגלייטונג פון'ם וועכטר און זיין שווארצען הונד; און בשעת דער גלח האט מארשירט אין פראנט פון דער פראצעסיע, מעכאניש לייענענדיג זיינע תפלות, און בעטראכטענדיג די קאשטאנען בוימער ביין וועג, און בעת די פיער קאמעראדען האבען געטראגען די מיטה האבען הנאה געהאט פון דער חיי שעה אויף דער פרייער לופט, איז דער שווארצער הונד געווען דאס איינציגע וועזען, וואס איז געווען געריהרט פון דער הייליגקייט פון דער צערמאניע.

בשעת די רעפארמירטע צענטראל־געפענגניסע זיינען איינגעפיהרט געווארען אין פראנקרייך, האט מען געגלויבט, אז דער פרינציפ פון אבסאלוטעס שווייגען וועט קענען דורכגעפיהרט ווערען מיט ערפאלג. אבער דאס איז אויף אזוי פיעל געגען די מענשליכע נאטור, אז מי האט עס געמוזט אויפגעבען.

פון אויסענווייניג זעהט דאס געפענגנים אויס שטום; אבער אין

LOUISE MICHEL.

אמת'ן געהט דער לעבען דאָרט אָן פּונקט אַזוי לעבהאַפֿט ווי אין אַ קליין שטעדטעל. אין איינגעהאַלטענע שטימען זיך, איינרוימענדיג אַ סוד איינער דעם אַנדערען, דורך אַ וואָרט, אַ וואונק אָדער אַ שטיקעל צעטעל, ווערען אַלע נייעס גאַנץ שנעל פֿערשפּרייט איבער'ן גאַנצען פּריזען. עס קען קיין זאַך ניט פּאַסירען צווישען די פּריזנערס גופא, צווישען די פֿערוואַלטער, אין דעם דאָרף קלערוואָ, אָדער אפילו אין דער גרויסער ברייטער וועלט פֿון פּאַריזער פּאָליטיק, וועלכעס זאָל ניט גלייך פֿערשפּרייט ווערען אין אַלע קאָרידאָרען, ווערקשטאַטען און צעלען. פֿראַנצויזען זיינען צו ריידעוודיג, אַז מי זאָל זיי קענען סטאָפּען זייער אונטעראירדישען טעלעגראַף. מיר האָבען זיך ניט געפֿלעגט צוזאַמענריידען מיט די איינפֿאַכע פֿערברעכער, און דאָך פֿלעגען מיר וויסען אַלע נייעס. „זשאַן, דער גערטנער, איז דאָ צוריק אויף צוויי יאָהר". „דעם־און־דעם אינספּעקטאָרס ווייב האָט געהאַט אַ שרעקליכע מחלוקה מיט דעם־און־דעם'ס ווייב". „דזשיימס, אין די צעלען איז געכאַפּט געוואָרען איבערגעבענדיג אַ צעטעל זשאַנ'ן פֿון טשעסליאַרסקען ווערקשטאַט". „יענער אַלטער הונד, דער־און־דער, איז ניט מעהר יוסטיץ־מיניסטער". „דאָס מיניסטעריום איז געפֿאַלען"; און אַזוי ווייטער; און ווען עס לאָזט זיך הערען אַז „דזשעק האָט צוויי פֿינף סענטיגע פּעקלעך טאַבאַק, וועלכע ער וויל אויסטוישען אויף צוויי פֿלאַנעלענע יאַקען", טראָגט זיך דאָס באַלד דורך איבער'ן פּריזען ווי אַ בליץ.

איין מאָל האָט עפּעס אַ שטיקעל אַדוואָקאַט, וועלכער איז פֿערהאַלטען געוואָרען אין געפֿענגניס, געוואָלט מיר איבערגעבען אַ צעטעל אין וועלכען ער בעט מיין פֿרוי, זי זאָל זיך זעהן מיט זיין פֿרוי פֿון צייט צו צייט, — און אַ היבש ביסעל מענשען האָבען גלייך גענומען די גרעסטע אינטערעסע אין דער איבערליפֿערונג פֿון דער שליחות, וועלכע האָט געמוזט דורכגעהן מי יודע וויפֿיעל הענד, ביז זי איז אָנגעקומען צו מיר. ווען מי האָט געפֿונען עפּעס אין אַ צייטונג, וועלכעס איז געווען פֿון ספּעציעלע אינטערעסע פֿאַר אונז, איז די צייטונג עפּעס ווי דורך כשוף, גלייך אונז איבערגעגעבען געוואָרען, אַרומגעוויקעלט אַרום אַ שטיינדעל און אַריבערגעוואָרפֿען איבער די הויכע וואַנד.

אפילו די איינצעל־צעלע שטערט ניט די צוזאַמענריידונג. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין קלערוואָ, און מי האָט אונז אָנפֿאַנגס איינגעשפּאַרט אין דער צעלען־אַבטהיילונג, איז אונז דאָרט געווען שרעקליך קאַלט; אַזוי קאַלט, אַז איך האָב קוים געקענט שרייבען, און ווען מיין פֿרוי, וועלכע וואַר דאַמאָלסט אין פּאַריז, האָט געקראָגען מיין בריעף, האָט זי מיין האַנדשריפֿט ניט דערקענט. דער אוקאַז איז אָנגעקומען צו הייצען די

צעלען ווי ווייט מעגליך; אָבער כאָטש נעהם און צוריים זיך, די צעלען זיינען געבליבען אַזוי קאַלט ווי פריהער. עס האָט זיך נאָכהער אַרויסגע־שטעלט, אַז אַלע הייצרעהרען זיינען געווען פּאַ־לייגט מיט ברעקלאַך פּאַפּיר, שטיקלעך נאָטיצען, מעסערלעך, און אַלערליי קליינינקייטען, וועלכע זיינען בעהאַלטען געוואָרען פון די פריזענערס פון עטליכע דורות.

מאַרטין, דער זעלבער פריינד מיינער, וועלכען איך האָב שוין פריהער דערמאָנט, האָט ערהאַלטען די ערלויבעניס אָבצוזיצען אַ טהייל פון זיין טערמין אין אַן איינצעל־צעלע.

איהם איז געווען ליעבער די אָבזונדערונג, איידער צו זיין צוזאַמענ־געוואָרפען מיט נאָך צוועלף פערזאָן. צו זיין גרויסען ערשטוינען האָט ער אויסגעפונען, אַז ער איז גאָר ניט אַליין. די וואנד און די לעכער פון די שליסלען האָבען גערעדט.

אין אַ קורצע צייט האָבען אַלע צעלען־איינוואוינער געוואוסט ווער ער איז, און ער האָט געקראָגען בעקאַנטע איבער די גאַנצע אַנשטאַלט. צווישען די שיינבאַר אָבגעזונדערטע געהט עס צו גאַנץ לעבעדיג, פונקט ווי אין אַ בינשטאָק; נאָר דיזער לעבען נעהמט אָפט אָן אַזאַ מין כאַראַקטער, וועלכער בעלאַגט געענצליך צו דער פאַראַדיע פון גייסטעס־קראַנקהייטען. קראַפּט־עבבינג גופא האָט ניט געהאַט קיין בעגריף וואָס עס ווערט אָבגעטהאָן אין דיזער הינזיכט אין די איינצעל־צעלען פון די פריזענס.

איך וועל דאָ ניט איבער׳חזר׳ן, וואָס איך האָב שוין געשריבען אין אַ בוך „אין רוסישע און פראַנצויזישע געפענגניסע״, וועלכעס איך האָב פערעפענטליכט אין ענגלאַנד אין 1886, גלייך נאָך מיין בעפרייאונג פון קלערוואָ, איבער דעם מאָראַלען איינפלוס פון די געפענגניסע אויף די געפאַנגענע. אָבער איין זאַך מוז געזאָגט ווערען: די פריזען בעפעלקערונג בעשטעהט פון געמישטע עלעמענטען; און בעטראַכטענדיג בלויז די, וועלכע ווערען בעצייכענט אַלס די „עכטע פערברעכער״, און איבער וועלכע מיר האָבען די לעצטע צייט אַזוי פיעל געהערט פון לאָמבראָזאָ און זיינע נאָכפאָלגער, מוז איך זאָגען, אַז איך בין געקומען צו דער שטאַרקסטער איבערצייגונג, אַז דער פריזען, וועלכע ווערט בעטראַכט אַלס אַן אינסטיטוציאָן וואָס פערהיט אַנטי־סאָציאַלע טהאַטען, דיענט אדרבה דעם צוועק צו ערציהען פערברעכען.

יעדער מענש ווייס, אַז די אַבוועזענהייט פון בילדונג, דער האַס צו רעגולערע אַרבייט, די פיזישע אונפעהיגקייט פיר אַנשטריינגונג, דער בעגעהר פיר אויפרעגונג און ריזיקע, די לוידענשאַפט פיר געמבלען — שפּיעלען אין געלד —, די אַבוועזענהייט פון ענערגיע, דער אונגעצויגענער ווילען,

און די גלייכגילטיגקייט צום נעבענענשען, זיינען די אורזאכען, וועלכע ברייננען דיזען קלאַס מענשען בעפאָר די ריכטער. און דער פאַקט, אַז גראַד דיעזע חסרנות פון דער מענשליכער נאַטור — יעדער איינציגער פון זיי — ווערען ערצויגען און איינגעוואָרצעלט אין דעם געפענגנים־לעבען, האָט אויף מיר געלאָזען אַ טיפען איינדרוק; און עס קען אַנדערש ניט זיין; טאַקי ווייל עס איז אַ געפענגנים, און אַזו לאַנג ווי דאָס געפענגנים עקזיסטירט, וועלען דיעזע שוידערליכע כאַראַקטערע עקזיסטירען. זעצט איין אַ מענשען אין טורמע און איהר נעהמט גלייך פון איהם אַוועק זיין גאַנצע ענערגיע; זיין גאַנצער ווילען ווערט גלייך פערניכטעט. אין׳ם געפענגנים־לעבען איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר׳ן אַרעסטאַנט׳ס אייגענעם ווילען, און טאָמער ווילט איהר זיך ניט אונטערוואַרפען אונטער די פיס פון יעדען נידעריגען אויפזעהער, וועט מען אייך אויסטהיילען ענוים קשים ומרים. דען דער כאַראַקטער פון׳ם אַרעסטאַנט מוז געקוילעט ווערען, און ער ווערט געקוילעט. נאָך וועניגער געלעגענהייט האָט איהר פאַר אייער נאַטירליכער סימפּאַטיע, דען יעדעס מיטעל ווערט אָנגעווענדעט ניט צו דערלאָזען קיין שום פרייע בעריהרונג מיט אַלע די פערזאָנען, אויסענוועניג און אינעווייניג, מיט וועלכע דער אַרעסטאַנט קעהרט צו האָבען סימפּאַטיע־געפיהלען. פיזיש און גייסטיג ווערט ער אַלץ מעהר קאַליקע, און אויב ער האָט שוין פון פריהער ניט ליעב געהאַט מאָנאָטאָנע אַרבייט, ווערט נאָך דיעזער ווידער־ווילען פיעל שטאַרקער וועהרענד די פריזאָן־יאָהרען. אויב ער האָט פריהער געצווייפעלט אין די נוצליכקייט פון די היינטיגע מאָראַליטעטס־רעגלען, שיקט ער זיי יעצט געווים צו אַל־די רוחות קוקענדיג מיט אַ קריטישען בליק אויף די אָפּיציעלע אויפזעהער, אויף דיעזע רעגלען, און אויסהערענדיג די מיינונגען פון זיינע חברים איבער זיי. און אויב ער איז בעשטראָפט געוואָרען מיט טורמע פאַר די אוננאַטירליכע ענטוויקלונג פון זיין היציגער, ליידענשאַפטליכער נאַטור, ווערט דיעזע נאַטור אָבער איצט, נאָכדעם ווי ער האָט פערבראַכט פיעלע יאָהרען אין תפיסה, נאָך מעהר ענטוויקעלט, אין פיעלע פעלע ביז אויף דער שוידערליכסטער שטופע. אין דיעזע לעצטע ריכטונג — די געפעהרליכסטע פון אַלע — איז די פריזען־בילדונג אַם ווירקזאַמסטען.

אין סיביר האָב איך געזעהן, וועלכע פוילע זומפּען פון פיזישער און מאָראַלער קאָרופּציאָן די שמוציגע, איבערגעפּאַקטע, ניט־רעפאָרמירטע רוסישע טורמעס וואַרען, און אים עלטער פון ניינצעהן יאָהר האָב איך געמיינט, אַז ווען די צימער וואָלטען ניט געווען אַזוי איבערגעפּאַקט און ס׳וואָלט געווען אַ געוויסע קלאַסיפּיצירונג פון די אַרעסטאַנטען, און מי

ואָלט זיי בעזאָרגט מיט געזונדע מלאכות, וואָלט מען געקענט די אינסטי־טוציאָן פֿיעל פֿערבעסערען. איצט האָב איך געמוזט אַוועקוואַרפֿען ריעזע חלומות. איך האָב זיך געקענט איבערצייגען, אַז אַזוי ווייט ווי זייער ווירקונג אויף די אַרעסטאַנטען געהט אָן דער רעזולטאַט פֿאַר די געזעלשאַפֿט אין אַלגעמיין, זיינען די „רעפֿאָרמירטע" טורמעס פונקט אַזוי שלעכט, און אפשר נאָך ערגער, ווי די שמוציגע טורמעס פֿון די אַלטע צייטען. זיי רעפֿאָרמירען ניט די פֿערברעכער. אדרבה אין דער ווייט גרויסע מעהרצאָהל איבען זיי נאָך אויף זיי אוים די פֿערדאָרבענסטע ווירקונג. דער גנב, דער שווינדלער, דער גרוביאַן, וועלכער האָט פֿערבראַכט עטליכע יאָהר אין טורמע, קומט אַרוים נאָך פֿיעל ערגער ווי ער איז אַריין; ער איז איצט פֿיעל מעהר נייגעריג און פֿיעל מעהר פֿערפֿערטיגט צו אַלערליי פֿערברע־כענס; ער פֿערשטעהט איצט זיין קונסט בעסער; ער איז פֿיעל מעהר פערביטערט געגען די געזעלשאַפֿט, און ער געפֿינט אַ פֿיעל סאָלידערע רעכטפֿערטיגונג צו רעוואָלטירען געגען איהרע גרויזאַמע געזעצע און מנהגים; נויטווענדיגערווייזע, אונפֿערמיידליך, איז ער געצוואונגען צו זינקען אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער אין די אַנטי־סאָציאַלע טהאַטען, וועלכע האָבען איהם לכתחילה געבראַכט פֿאַר אַ געריכט. די פֿאַרברעכען וואָס ער בעגעהט נאָך זיין ערשטען טערמין טורמע, מוזען זיין פֿיעל גרעסער ווי די פריהערדיגע; און זיין שיקזאַל איז תמיד צו ענדיגען זיינע יאָהרען איז קאַטאָרגע. אין יענעם בוך האָב איך געזאָגט, אַז „טורמעס זיינען אוניווערזיטעטען פֿון פֿערברעכענס, אויפֿגעהאַלטען פֿון שטאַאַט". און איצט, בעטראַכטענדיג ריעזע אינסטיטוציאָן מיט דעם בליק פֿון אַ פֿופֿצעהניעהריגער ערפֿאַהרונג, קען איך בלויז בעשטעטיגען יענע בעהויפּטונג מיינע.

פערזענליך האָב איך ניט קיין אורזאַכע זיך צו בעקלאָגען אויף די יאָהרען וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין אַ פֿראַנצויזישע טירמע. פֿאַר אַ טהעטיגען און אונאַבהענגיגען מענשען איז די בערויבונג פֿון זיין פֿרייהייט און טהעטיגקייט אַזאַ גרויסע שטראָף, אַז אַלעס איבריגע — אַלע קליינליכע יסורים פֿון'ם פריזען־לעבען — זיינען גאָר ניט. פֿערשטעהט זיך, בשעת מיר האָבען געהערט פֿון דעם אַקטיווען פּאָליטישען לעבען אין פֿראַנקרייך, האָבען מיר שטאַרק געליטען פֿון אונזער געצוואונגענער אונטהעטיגקייט. דער סוף פֿון'ם ערשטען יאָהר, ספּעציעל וועהרענד אַ טריבען ווינטער, איז אימער שווער פֿאַר'ן אַרעסטאַנט. און ווען דער פֿריהלינג קומט, פֿיהלט מען נאָך מעהר ווי אימער דעם פֿערלוסט פֿון דער פֿרייהייט. בעת איך האָב געזעהן דורך'ן פֿענסטער ווי די לאָנקעס טהוען זיך אָן אין זייערע גרינע קליידער און ווי די בערג ווערען בעדעקט מיט

דעם פֿרילינג טהוי; אָדער ווען איך האָב געזעהן אַ באַהן פֿערבייפֿליהענ־דיג אין טהאָל צווישען די בערג, האָב איך בודאי געפֿיהלט אַ שטאַרקען חשק איהר נאָכצופֿליהען און איינצואָטהעמען די לופֿט פֿון די וועלדער, אָדער מיטגעטראָגען צו ווערען מיט'ן שטראָם פֿון מענשליכען לעבען אין אַ קאָכענדער שטאָדט. אָבער דער מענש וואָס גיט איבער זיין שיקזאַל אַ פֿאָרטגעשריטענער פאַרטיי, מוז זיין בערייט צו פֿערברייינגען עטליכע יאָהר אין געפֿענגנים, און געברויך ניט האָבען קיין פֿערדרוס דעריבּער. ער פֿיהלט, אַז אפילו אין דער צייט פֿון זיין פֿערקערקערונג בלייבט ער ניט אין גאַנצען אַן אונטהעטיגער טהייל פֿון דער בעוועגונג, וועלכע פֿערשפרייט און פֿערשטאַרקט די אידעען וואָס זיינען איהם טהייער.

אין ליאָן זיינען די וועכטער זיכערליך געווען אַ זעהר גראָבער קלאַס מענשען. אָבער נאָך אַ צוויי דריי צוזאַמענשטויסונגען איז אַלעס ווידער רעכט געוואָרען. און ווידער האָט אויך די פריזען פֿערוואַלטונג געוואוסט, אַז מיר האָבען די פאַריזער פרעסע אויף אונזער זייט, און זיי האָ־בען ניט געוועלט אויף זיך אַראָפבריינגען די דונערען פֿון ראָשפֿאָר אָדער די שניידענדע קריטיק פֿון קלעמענסאָ. נאָר אין קלערוואָ האָט מען שוין דאָס אויך ניט געברויכט. די גאַנצע פֿערוואַלטונג איז געווען אומגעענדערט עטליכע מאָנאַט פֿאַר אונזער אָנקומען. אַן אַרעסטאַנט איז געפֿונען געוואָרען טויט אין זיין צעלע דער'הרג'ט פֿון'ם וועכטער, און זיין קערפּער איז אויפֿ־געהאַנגען געוואָרען, כדי עס זאָל אויסזעהן ווי זעלבסטמאָרד; אָבער דעם מאָל איז דער סוד אַרויס דורך'ן דאָקטאָר, דער גאָווערנאָר איז אַראָבגע־זעצט געוואָרען, און אַלעס איז געוואָרען וויכער אין געפֿענגנים. איך האָב מיט זיך מיטגענומען פֿון קלערוואָ די בעסטע עראינערונג פֿון איהר פֿער־וואַלטער, און די גאַנצע צייט וואָס איך בין דאָרטען געווען, האָב איך מיר אָפֿט געטראַכט, אַז נאָך אַלעמען זיינען די מענשען אָפֿטמאָל בעסער ווי די אינסטיטוציאָנען צו וועלכע זיי בעלאַנגען. אָבער ניט האָבענדיג קיין פערזענליכע עולות, קען איך פֿיעל פֿרייער און מיט מעהר געוויסען פֿערדאַמען די אַנשטאַלט גופא, אלס אַ ירושה פֿון דער פֿינסטערער פֿער־גאַנגענהייט, פֿאַלש אין איהרע פרינציפען און אַ קוואַל פֿון די שוידערליכסטע איבלען פֿאַר די געזעלשאַפֿט.

נאָך איין זאַך מוז איך דערמאָהנען, מחמת דאָס האָט אפֿשר נאָך אַ טיעפֿערען איינדרוק געמאַכט אויף מיר אַלס די דעמאָראַליזירענדע ווירקונג פֿון טורמעס אויף זייערע איינוואוינער: וואָסערע אַנשטעקענדע פעסט איז יעדע טורמע — און אפילו יעדעס געריכטס־הויז — פֿאַר די נאָכבאַרשאַפֿט, פֿאַר די מענשען וואָס וואוינען אין דער געגענד.

לאָמבראָזאָ האָט פֿיעל צו זאָגען איבער דעם „קרימינאַל טיפּ", וועלכען ער רעגנעט צו האָבען ענטדעקט ביי די אַרעסטאַנטען. אויב ער וואָלט זיך געגעבען די זעלבע מיה צו בעאָבאַכטען די לייטע וואָס שאַרען זיך אַרום די קאָורט׳ס, — שפּיאָנען, מעקלערלאַך, מוסרים, אַדוואָקאַטלעך, מענשען וואָס כאַפּען סתם אַריין די „גרינהאָרן׳ס", און דאָס גלייבען, — וואָלט ער זיכערליך געקומען צום שלוס, אַז זיין קרימינעלער טיפּ האָט אַ פֿיעל גרעסערען געאָגראַפֿישען שטח, ווי די פּריזען־ווענד. איך האָב נאָך אין מיין גאַנצען לעבען ניט געזעהן אַזאַ קאָלעקציאָן פֿון פּנים׳ער פֿון דעם נידעריגסטען מענשליכען טיפּ, ווי איך האָב געזעהן אַרום און אין דעם געריכטס־הויף פֿון געפֿענגנים פֿון ליאָן, — אין דער געפֿענגנים פֿון קלערוואָ אודאי ניט. דיקקענס און קרוקשאַנק האָבען עטליכע אַזעלכע טיפּען אונשטערבליך געמאַכט; אָבער זיי שטעלען מיט זיך פֿאָר אַ היבשע וועלטעל, וועלכע דרעהט זיך אַרום די קאָורט׳ס און גיעסט אַריין איהר גיפֿט ווייט און ברייט אַרום זיי. און דאָס זעלבע איז מיט יעדער צענטראַלער פּריזען. עס איז די לופֿט פֿון קליינע גנבות, קליינע שווינדלערייען, שפּיאָנסטוועס און אַלערליי קאָרופּציאָן, וועלכע פֿערשפּרייטען זיך, ווי אַן אויל פֿלעק אַרום די געפֿענגניסע.

איך האָב דאָס אַלעס צוגעזעהן; און אויב איך האָב נאָך בעפֿאָר מיין פֿעראורטהיילונג שוין געוואוסט, אַז די געזעלשאַפֿט איז אומגערעכט אין איהר איצטיגער בעשטראָפֿונגס־סיסטעמע, האָב איך אָבער נאָכדעם, ווי איך האָב פֿערלאָזען קלערוואָ געוואוסט, אַז ניט נאָר איז דאָס פֿאַלש און אונגערעכט, נאָר אַז עס איז פשוט נאַריש אויפֿצוהאַלטען אויף דער געזעלשאַפֿט׳ס פּלייצעס אַזעלכע אונעווערזיטעטען פֿון קאָרופּציאָן, אונטער דער איינבילדונג, אַז זיי זיינען נויטהיג אַלס אַ צאַם פֿיר די קרימינעלע אינסטינקטען פֿון׳ם מענשען.

מיין צוזאַמענשטויס מיט דער געהיים פּאָליציי.

יעדען רעוואָלוציאָנער קומט אויס זיך צוזאַמען צו טרעפֿען מיט שפּיאָנען און „רייך־אַגענטען", און איך האָב אויך געהאַט מיין חלק פֿון דיעזע חברה.

אַלע רעגירונגען גיבען אויס גרויסע סומען געלד אויפֿצוהאַלטען דיזען מין שלאַנג. דאָך זיינען זיי בלויז שעדליך פֿיר די יונגע מענשען. דער

מענש וואָס האָט געהאַט אביסעל ערפֿאַהרונג מיט מענשען אין זייער לעבען, געפֿינט גלייך אויס, אַז אין דיעזע בעשעפֿעניסען איז פֿאַראַנען עפּעס אַזעלכעס וואָס ערוועקט גלייך אַ פֿערדאַכט. זיי ווערען צוזאַמענגעשלעפּט פֿון אָבשוים דער געזעלשאַפֿט, פֿון צווישען די נידעריגסטע מענשען, און ווען מען פֿאַסט נאָר אויף, אויף דעם מאָראַלען כאַראַקטער פֿון די מענשען מיט וועלכע מען קומט אין בעריהרונג, בעמערקט מען באַלד אין דער אויפֿפֿיהרונג פֿון דיעזע „זיילען דער געזעלשאַפֿט" עטוואָס אַזעלכעס וואָס מאַכט זיי עקעלהאַפֿט, און איהר פֿרעגט זיך דאַן די פֿראַגע: „וואָס האָט דיעזען נפֿש געבראַכט צו מיר? וואָס פֿאַר אַ געמיינשאַפֿטליכעס קען ער מיט אונז האָבען?" אין די מייסטע פֿעלע איז דיעזע איינפֿאַכע פֿראַגע גענוגענד אייך צו שטעלען אויף דער וואַך.

בעת איך בין דעם ערשטען מאָל אָנגעקומען קיין זשענעוואַ, איז דער אַגענט פֿון דער רוסישער רעגירונג, וועלכער איז געשיקט געוואָרען נאָכצושפּיאָנירען די פּאָליטישע פֿליכטלינגע, אונז אַלעמען געווען גוט בעקאַנט. ער האָט זיך גערופֿען גראַף; אָבער אַזוי ווי ער האָט ניט געהאַט ניט קיין לאַקיי און ניט קיין קאַרעטע, אויף וועלכער ער זאָל קענען אַרויסשטעלען זיין הערב, האָט ער איהם נעבעך געמוזט לאָזען אויסהעפֿטען אויף דער מאַנטעלע פֿון זיין פּיצענקען הינטעל. מיר פֿלעגען איהם מאַנכעסמאָל בעגעגנען אין די קאַפֿעס, אָהנע צו איהם צו ריידען; ער איז ווירקליך געווען אַן „אונשולדיגער", וועלכער פֿלעגט פּשוט אויפֿקויפֿען אַלע ביכער פֿון די פּאָליטישע, צושרייבענדיג צו זיי העכסט וואַהרשיינליך אַזעלכע פּירושים, וועלכע ער האָט גערעכענט, וועלען געפֿעלען זיינע אויבערהערען.

פֿערשיעדענע לייטע האָבען אָנגעהויבען אַריינצופֿאָהרען אין זשענעוואַ, בשעת דיעזע שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען אָנצופֿילען מיט פּאָליטישע פֿון דעם יונגען דור; און דאָך, זיינען זיי אַלע, ווי עס איז, אונז בעקאַנט געוואָרען.

ווען אַ פֿרעמדער איז אָנגעקומען אין אונזער מיטע, האָט מען איהם גלייך אַ פֿרעג געטאָהן מיט דער געוועהנליכער ניהיליסטישער אָפֿענקייט מכח זיינע פֿערגאַנגענע און איצטיגע אויסזיכטען, און מי האָט דעם פּאַרשוין גלייך דערקענט. אָפֿענהערציגקייט אין דעם געמיינשאַפֿטליכען פֿערקעהר איז ווייט דער בעסטער מיטעל הערצושטעלען ריכטיגע פֿער־העלטניסע צווישען מענשען. אין דיזען פֿאַל וואַר דאָס זעהר נויטהיג. מאַסען מענשען פֿון וועלכע קיינער פֿון אונז האָט ניט געהערט, און וועלכע קיינער האָט ניט געקענט אין רוסלאַנד — אַבסאָלוט פֿרעמדע אין אונזערע

קרייזען — זיי זיינען געקומען קיין זשענעוואַ, און פֿיעלע פֿון זיי זיינען גלייך אין עטליכע טעג, אָדער זאָגאַר שטונדען, נאָך זייער אָנקומען געשטאַנען אין די פֿריינדליכסטע פֿערבינדונגען מיט אונזער קאָלאָניע; אָבער פֿון דעסטוועגען האָט זיך די שפּיאָנען קיינמאָל ניט איינגעגעבען איבער־צוטרעטען די שוועל פֿון אינטימליכקייט. אַ שפּיאָן האָט געמעגט אָנרופֿען די נעמען פֿון אַלגעמיינע בעקאַנטע; ער האָט געמעגט אָבגעבען דעם בעסטען דין וחשבון פֿון זיין פֿערגאַנגענהייט אין רוסלאַנד, מאַנכמאָל זאָגאַר קאָרעקט אויך; ער האָט געמעגט פֿאָלשטענדיג בעזיצען דעם ניהיליסטישען אַרט ריידען און די מאַניערען, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פֿערדייען יענעם סאָרט ניהיליסטישע מידות, וועלכע זיינען אויפֿ־געוואַקסען מיט דער רוסישער יוגענד; און דאָס אַליין האָט איהם געהאַלטען פֿון דער ווייטען פֿון אונזער קאָלאָניע. שפּיאָנען קענען נאָכמאַכען אַלץ אין דער וועלט, אַ חוץ עטהיקס (די זיטענלעהרע).—

בשעת איך האָב געאַרבייט מיט רעקלו, איז אין קלאַרען געווען איינער אַזאַ פּאַרשוין, צו וועלכען מיר האָבען זיך אַלע געהאַלטען פֿרעמד. מיר האָבען קיין שום שלעכטס פֿון איהם ניט געוואוסט, אָבער מיר האָבען געפֿיהלט אַז ער איז ניט „אונזערער". און אַזוי ווי ער האָט תמיד געזוכט וואָס מעהר אַריינצודרינגען אין אונזער געזעלשאַפֿט, זיינען מיר געוואָרען פֿערדעכטיג. איך האָב מיט איהם קיין מאָל קיין וואָרט ניט געהאַט אויסגערעדט, און דעריבער האָט ער דוקא געזוכט מיין בעקאַנטשאַפֿט. זעהענדיג, אַז ער קען צו מיר ניט צוקומען דורך די געוועהנליכע וועגען, האָט ער מיר אָנגעהויבען שרייבען בריעף, פֿאָרשלאָגענדיג סעקרעטנע ראַנדעוואוס פֿאַר סעקרעטנע צוועקען אין די וועלדער און אין עהנליכע פּלעצער. פֿאַר שפּאַס האָב איך איין מאָל אָנגענומען זיין איינלאַדונג און בין אַוועק אויף׳ן בעשטימטען פּלאַץ מיט אַ פֿריינד, וועלכער איז נאָכ־געגאַנגען פֿון דער ווייטענס; אָבער דער חברה־מאַן, וועלכער האָט וואַהרשיינליך געהאַט נאָך איינעם צו זיך, האָט געמוזט בעמערקען, אַז איך בין ניט אַליין, און איז ניט ערשיענען. אַזוי האָב איך אַלזאָ קיין מאָל ניט געהאַט דעם פֿערגעניגען אויסצוריידען אַ וואָרט מיט איהם. און דאַן האָב איך דאַמאָלס אַזוי שווער געאַרבייט, אַז יעדע מינוט מיינע איז געווען פֿערנומען אָדער מיט די געאָגראַפֿיע, אָדער מיט „לע רעוואָלטע", און איך האָב מיך ניט פֿערנומען מיט קיינע פֿערשווערונגען, פֿון דעסטוועגען האָבען מיר דערנאָך אויסגעפֿונען, אַז דער פּאַרשוין פֿלעגט שיקען דער דריטער אָטדיעלעניע גענויע בעריכטען פֿון די געשפּרעכען וואָס ער האָט מיט מיר געפֿיהרט, פֿון מיין פֿערטרויען צו איהם, און פֿון די שוידערליכע בונטען

וואָס איך האָב אָנגעפֿיהרט אין פעטערסבורג געגען דעם צאַר'ס לעבען! דאָס אַלעס האָט מען אין פעטערסבורג אָנגענומען פֿאַר תורת משה, און אין איטאַליען אויך, ווען קאַפּיעראָ איז אַרעסטירט געוואָרען אין דער שווייץ, האָט מען איהם געוויזען מאַסען בעריכטען פֿון איטאַליענישע שפּיאָנען, וועלכע האָבען געוואָרענט זייער רעגירונג, אַז קאַפּיעראָ און איך, בעלאַדען מיט באָמבעס, געהען אַריינדרינגען אין איטאַליען. דער פֿאַקט איז, אַז איך בין גאָר קיין מאָל אין איטאַליען ניט געווען און האָב קיין מאָל ניט בדעה געהאַט דאָרט צו זיין.

דער אמת איז אָבער, אַז די שפּיאָנען מאַכען ניט שטענדיג זייערע בעריכטען זעהר פּינקטליך. זיי זאָגען אָפּט זאַכען וועלכע זיינען וואַהר, אָבער עס הענגט אָפּ ווי אַזוי מי דערצעהלט אַזאַך. מיר האָבען פֿערבראַכט עטליכע זעהר אַמוזאַנטע מינוטען לייענענדיג אַ רעפּאָרט, וועלכער איז געווען אַדרעסירט צו דער פֿראַנצויזישער רעגירונג פֿון אַ פֿראַנצויזישען שפּיאָן, וועלכער האָט נאָכשפּיאָנירט מיין פֿרוי און מיר, אויף אונזער רייזע פֿון פּאַריז קיין לאָנדאָן אין 1881. שפּיעלענדיג אַ דאָפּעלטע ראָליע, ווי זיי טהוען אָפּט-מאָל, האָט דער שפּיאָן הפנים געהאַט פֿערקויפֿט דיעזען בעריכט צו ראָשפֿאָר'ן, וועלכער האָט איהם פֿערעפֿענטליכט אין זיין צייטונג. אַלעס וואָס דאָרט איז געזאָגט געווען וואַר קאָרעקט, — אָבער ווי דאָס איז געזאָגט געוואָרען!

ער האָט, למשל, געשריבען: „איך האָב גענומען די נעכסטע אַב־טהיילונג פֿון'ם וואַגאָן, וועלכען קראַפּאָטקין האָט פֿערנומען מיט זיין פֿרוי". אמת, ער איז דאָרט געווען. מיר האָבען איהם בעמערקט, ווייל ער האָט גלייך געצווינגען אונזער אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיך מיט זיין גראָבען, אונאַנגענעהמען געזיכט. „זיי האָבען גערעדט רוסיש די גאַנצע צייט, כדי די פּאַסאַזשירען זאָלען זיי ניט פֿערשטעהן". ווידער אַמאָהל זעהר קאָרעקט; מיר האָבען גערעדט רוסיש, ווי מיר טהון עס תמיד. „ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין קאַלעי, האָבען זייביידע זיך געהייסען געבען אַ בוליאָן". נאָך אַמאָל אמת: מיר האָבען געגעסען די זופּ. אָבער דאָ הייבט זיך אָן די סעקרעטנע טהייל פֿון דער רייזע. „דערנאָך זיינען זיי ביידע פּלוצלינג פֿערשוואונדען, און איך האָב זיי אומזיסט אַרומגעזוכט; און ווען זיי זיינען ווידער ערשינען, איז ער געווען פֿערמאַסקירט, און מיט איהם איז מיטגעגאַנגען אַ רוסיסער גלח, וועלכער האָט איהם שוין ניט פֿערלאָזען, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן, וואו איך האָב דעם גלח פֿערלוירען". אַלעס דאָס איז ווידער אמת. מיין פֿרוי האָט געהאַט אַ לייכטען צאָהנ־ווערטאָג, און איך האָב געבעטען ביין רעסטאָראַטאָר מיר צו ערלויבען זיין

פּריוואַט צימער, וואו מיין פֿרוי זאָל קענען צולייגען עטוואָס צו איהר צאָהן. אַזוי אַרום זיינען מיר „פֿערשוואונדען". וואָס אָנבעלאַנג צום גלח, איז ער אויך דאָרט געווען. ער איז ניט געווען קיין רוסע, נור דאָס מאַכט ניט: ער האָט יעדענפֿאַלס געטראָגען דעם קאָסטיום פֿון אַ גריכישען גלח, איך האָב איהם געטראָפֿען שטעהענדיג ביין טאָנבאַנק און בעטענדיג עפּעס אַזעלכעס וואָס קיינער האָט ניט פֿערשטאַנען. „אַגוא, אַגוא", האָט ער געבעטען איין מאָל און נאָך אַמאָל מיט אַ וויינענדיגען טאָן. גיט דעם הערען אַ גלאָז וואַסער, האָב איך געזאָגט דעם קעלנער. נו, נו; מעהר האָט מען שוין ניט געברויכט. דער גלח האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אונז און האָט אונז אָנגעהויבען דאַנקען און בעוואונדערען מיינע וואונדערבאַרע שפּראַכען־קענטניסע. מיין פֿרוי האָט אויף איהם רחמנות געקראָגען און האָט צו איהם גערעדט אין פֿערשיעדענע לשונות, אָבער ער האָט ניט פֿערשטאַנען אַ וואָרט. ענדליך האָבען מיר אויסגעפֿונען אַז ער האָט געקענט עטליכע ווערטער פֿון איינע פֿון די זיד־סלאַווישע שפּראַכען און מיר האָבען קוים מיט צרות פֿערשטאַנען: „איך בין אַ גרעק; צום טערקישען אַמבאַסאַדאָר, לאָנדאָן", מיר האָבען איהם געזאָגט, מייסטענס אויף פֿינגער־לשון, אַז מיר פֿאָהרען אויך קיין לאָנדאָן, און אַז ער קען מיטרייזען מיט אונז.

די אַמוזירענדסטע טהייל פֿון דער גאַנצער מעשה איז, וואָס איך האָב ווירקליך אויסגעפֿונען די אַדרעסע פֿון דעם טירקישען אַמבאַסאַדאָר נאָך בעפֿאָר מיר זיינען אָנגעקומען אין טשאַרינג־קראָס. די באַהן האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אַ סטאַנציע אויף'ן וועג, און צוויי עלעגאַנטע דאַמען זיינען אַריין אין אונזער שוין אַזוי אויך געפּאַקטען וואַגאָן. ביידע האָבען זיי געהאַלטען צייטונגען אין די הענד; איינע איז געווען אַן ענגלישע, און די אַנדערע — אַ שעהנע פֿרוי וועלכע האָט גערעדט גוט פֿראַנצויזיש — האָט זיך געמאַכט פֿאַר אַן ענגלישע. נאָכדעם ווי זיי האָבען מיט מיר גערעדט עטליכע ווערטער, האָט מיך איינע אַ פֿרעג געטהאָן פּור־פּלאַט „וואָס דיינקט איהר פֿון גראַף איגנאַטיעף?" און גלייך דערנאָך: „וועט איהר שנעל הרג'נען דעם נייעם צאַר?" איך האָב גלייך פֿערשטאַנען פֿון דיזע פֿראַגען, ווער דיזע „דאַמען" זיינען, אָבער זיך דערמאָנענדיג אָן מיין גלח, האָב איך זי געפֿרעגט צו זי וויים די אַדרעסע פֿון דעם טירקישען אַמבאַסאַדאָר.

„אין די און די גאַס, דער און דער נומער", האָט זי גלייך אויף'ן אָרט געענטפֿערט אָהן שום ישוב הדעת, פּונקט ווי אַ שוהל מיידעל אין אַ קלאַס.

„איהר קענט מסתמא אונז אויך געבען די אַדרעס פֿון'ם רוסישען

אַמבאַסאַדאָר?" האָב איך זי אַ פֿרעג געטהאָן, און מיר געבענדיג אויך דיעזע אַדרעסע גלייך אויף'ן אָרט, האָב איך זי מיטגעטהיילט דעם גלח. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין לאָנדאָן, איז די דאַמע געווען אַזוי קנעכטיש גיעריג צו אַטענדען צו מיין באַגאַזש, און אפילו צו טראָגען אַ שווערען פּאַק מיט איהרע איידעלע הענטליך און האַנדשוה, אַז איך האָב איהר ענדליך געזאָגט, צו איהר גרויסער ערשטוינונג; „גענוג שוין! דאַמען טראָגען ניט קיין הער'ס באַגאַזש. געהט אַוועק!"

נאָר לאָמיר צוריקקעהרען צו אונזער צוטרויענסווירדיגען פראַנצויזישען שפּיאָן: „ער איז אַראָבגעשטיגען אין טשאַרינג־קראָס", האָט ער געשריבען אין זיין בעריכט, „אָבער ער איז ניט אַרויס פֿון וואַגזאַל ביז ער האָט ניט געזעהן, אַז אַלע פּאַסאַזשירען זיינען שוין פֿאָרט. איך האָב מיך דערווייל געהאַלטען פֿון דער וויטענס, זיך בעהאַלטענדיג אונטער אַ זייל. זייענדיג זיכער, אַז אַלע פּאַסאַזשירען האָבען פֿערלאָזען די פּלאַטפאָרמע, זיינען זיי ביידע פּלוצלינג אַריינגעשפּרונגען אין אַ דראָשקע. איך בין אָבער נאָך נאָך זיי און האָב זיך צוגעהערט ווי דער קוטשער האָט אָנגעגעבען דעם פּאָ־ליציסט די אַדרעסע, נומער 12 די און די גאַס. — איך האָב מיך געלאָזען נאָך די דראָזשקע. אַזוי ווי אין דער געגענד איז מעהר קיין קוטשער ניט געווען, בין איך אַוועקגעלאָפען אין טראַפּאַלגער סקווער, וואו איך האָב איינעם געקראָגען. איך בין זיי דאַן נאָכגעפֿאָהרען, ביז זיי זיינע אַראָבגעשטיגען".

יעדער וואָרט איז ווידער אַמאָל אמת ויושר, — די אַדרעסע און יעדעס פּיצעלע בעזונדער; אָבער ווי סעקרעטנע די גאַנצע זאַך זעהט עפּעס אויס. איך האָב מודיע געווען אַ רוסישען פֿריינד מיינעם פֿון מיין אָנקומען, אָבער עס איז געווען אַ געדיכטער טומאַן יענעם אין־דער־פֿריה, און ער האָט פֿערשלאָפען. מיר האָבען אויף איהם געוואַרט אַ האַלבע שעה, און דאַן, לאָזענדיג אונזער באַגאַזש אין וואַגזאַל, זיינען מיר אַוועק צו איהם אין הויז.

„דאָרטען זיינען זיי געזעסען ביז צוויי דעם זייגער, מיט אַרונטער־געלאָזענע פֿאָרהענגלעך, און ערש דאַן איז אַרויס אַ הויכער מאַן פֿון הויז און איז צוריקגעקומען מיט זייערע פעקלעך אין אַ שעה אַרום". אפילו די בעמערקונג וועגען די פֿאָרהענגלעך, איז געווען קאָרעקט; מיר האָבען געמוזט אָנצינדען די גאַז איבער'ן טומאַן און האָבען אַרונטערגעלאָזען די פֿאָרהיינגליך כדי פּטר צו ווערען פֿון דעם מיאוסען אָנבליק פֿון אַ קליינע לאָנדאָנער געסעל איינגעהילט אין אַ געדיכטען נעבעל.

בשעת איך האָב געאַרבייט מיט עליזעע רעקלו אין קלאַרענס, פֿלעג

איך יעדע צוויי וואָכען אַוועק אין זשענעוואַ אום אויפצופּאַסען אויף די אַרויסגאַבע פון „לאַ רעוואָלטע". איין מאָל, ווען איך בין אָנגעקומען אין די דרוקעריי, האָט מען מיר מודיע געווען, אַז אַ רוסישער הער וויל מיך זעהן. ער האָט זיך שוין געהאַט געזעהן מיט מיינע פריינד און ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז געקומען מיט'ן צוועק מיך צו בעוועגען אַרויסצוגע־בען אַ צייטונג ווי „לאַ רעוואָלטע" אין רוסיש. ער האָט פאָרגעשלאָגען פאַר אַזאַ צייטונג אַזוי פיעל געלד ווי פיעל מי וועט ברויכען. איך בין אַוועק זיך זעהן מיט איהם אין אַ קאַפע, וואו ער האָט מיר געגעבען אַ דייטשען נאָמען, — לאָמיר איהם רופען טאָהנלעהם, — און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ געבוירענער פון די באַלטישע פראָווינצען. ער האָט זיך בעריהמט, אַז ער פערמעגט אַסך געלד אין געוויסע געשעפטען, אין פאַבריקען, און אַז ער איז שרעקליך אין כעס אויף די רוסישע רעגירונג דערפאַר וואָס זי וויל אַלעס רוסיפיצירען. סך הכל האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ מין אונבעשטימטען איינדרוק, כאָטש מיינע פריינד האָבען נישט אַנדערש געוואָלט נאָר אַז איך זאָל דוקא אָננעהמען זיין פאָרשלאַג; אָבער איך האָב דעם מענשען גלייך פון אָנהויב אָן ניט האָלד געהאַט.

פון'ם רעסטאָראַן האָט ער מיך אַוועקגעפיהרט אין זיינע צימערען אין האָטעל, און דאָרט האָט ער זיך אָנגעהויבען אַ ביסעל מעהר אַרויסצו־ווייזען ווער ער איז. און נאָך מעהר אונאַנגענעהם. „איך פערזיכער אייך, איך בין אַן עושר", האָט ער מיר געזאָגט. „איך האָב אויך אַ גרויסע ערפינדונג, עס שטעהט מיר פאָר צו מאַכען א היבשע סומע דערביי. איך וועל זי פאַטענטירען, — און דאָס גאַנצע געלד וועט געהן פאַר די זאַכע פון דער רעוואָלוציאָן פון רוסלאַנד". און ער האָט מיר געוויזען, צו מיין ערשטוינונג, אַ פאַסקודנעם לייכטערעל, וועלכער איז געווען זעהר אָרגינעל מיט זיין העסליכקייט און איז בעשטאַנען פון דריי שטיקלעך דראָהט פאַר די ליכט אַריינצוזעצען. די אָרימסטע פרוי וואָלט ניט געוואָלט קוקען אויף אַזאַ מין לייכטער, און ווען מי זאָל איהם שוין קענען פאַטענטירען, וואָלט קיין פאַבריקאַנט ניט בעצאָהלט מעהר ווי צעהן טאָלער. „אַ רייכער מאַן וואָס האָפט אויף אַ שטיקעל לייכטערל! דיעזער פאַרשוין", האָב איך ביי זיך געטראַכט, „האָט אַודאי קיין מאָל קיין בעסערע לייכטערס ניט געזעהן", און מיין מיינונג וועגען איהם איז געווען אָבגעמאַכט. ער איז גאָר קיין רייכער מאַן ניט געווען, און דאָס גאַנצע געלד וואָס ער האָט פאָרגעשלאָגען איז ניט געווען זיינע.

איך האָב איהם אַלזאָ גאַנץ פראָסט געזאָגט: „זעהר גוט, אויב איהר ווילט אַזוי שטאַרק אַרויסלאָזען אַ רוסיש־רעוואָלוציאָנערע צייטונג, און

איהר האָט טאַקע אַזאַ הויכע מיינונג װעגען מיר, װי איהר האָט זיך אויסגעדריקט, װעט איהר אַזוי גוט זיין איינלעגען דאָס געלד אין באַנק אויף מיין נאָמען, און עס איבערגעבען אין גאַנצען אין מיין רשות. אָבער איך זאָג אייך אַפריהער אַז אויף דער צייטונג גופא װעט איהר קיין שום דעה ניט האָבען".

„אודאי, אודאי", האָט ער זיך אָבגערופען.

„נאָר אַזוי סתם אַ מאָל אַריינקוקען אין רעדאַקציע, און זיך מיט אייך בעראַטהען און אייך זיין בעהילפיג אַריינצושמוגלען די צייטונג אין רוסלאַנד".

„אָה, ניין, ס'הויבט זיך ניט אָן! איהר ברויכט מיך אפילו ניט זעהן".

מיינע פריינד האָבען געדיינקט, אַז איך בין מיט דעם מאַן צו שטריינג, אָבער אין אַ קורצע צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ בריעף פון פעטערבורג מיט דער װאַרנונג, אַז מיר װעלען האָבען די עהרע בעקאַנט צו װערען מיט אַ שפיאָן פון דער דריטער אָטדיעלעניע, מיט'ן נאָמען טאָהנלעהם. דער לייכטערעל האָט אונז אַלזאָ ניט שלעכט געלויכטען דעם מאָהל.

נאָר דיעזע חברה־לייט גיבען זיך תמיד אַרויס פריהער אָדער שפעטער; צו דורך לייכטערלעך, צו דורך אַנדערע נאַרישקייטען.

בעת מיר זיינען געװען אין לאָנדאָן אין 1881 האָבען אונז צװיי רוסען איין טומאַנעם אין־דער־פריה אָבגעשטאַטעט אַ בעזוך. איינעם האָב איך געקענט מיט'ן נאָמען; דער אַנדערער, אַ יונגער מאַן, װעלכען ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס זיין פריינד, איז געװען אַן אונבעקאַנטער. דיעזער האָט סתם אַזוי זיך אָנגענומען בעגלייטען אונזער בעקאַנטען קיין לאָנדאָן אויף עטליכע טעג. אַזוי װי ער װאַר פאָרגעשטעלט פון אַ פריינד מיינעם, האָב איך נאַטירליך קיין זאַך ניט חושד געװען: אָבער איך בין גראַד געװען זעהר פערנומען יענעם טאָג, איך האָב דאַרום געבעטען אַ קאַמעראַד מיינעם, ער זאָל זיי פערשאַפען אַ צימער אין דער געגענד, און זאָל זיי װייזען אַרום לאָנדאָן. מיין פרוי האָט נאָך אויך ניט געהאַט געזעהן פיעל פון דער שטאָדט, און איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. נאָכמיטאָג איז זי צוריק־געקומען און רופט זיך אָב צו מיר: „װייסטו, מיר געפעלט דיעזער פאַרשוין גאָרניט. פאַס אויף!" „אָבער װאַרום? װאָס איז מיט איהם?" האָב איך זי געפרעגט. „קיין זאַך ניט, ממש גאָר ניט, אָבער ער איז זיכער ניט אונזערער". װעדליג װי ער איז זיך בעגאַנגען מיט'ן קעלנער אין רעסטאָראַן און לויט װי ער בעגעהט זיך מיט געלד, האָב איך גלייך דערקענט אַז ער איז ניט

„אונזערער״, און אויב ער איז ניט, וואָסערע געשעפֿטען האָט ער מיט אונז״?

זי וואַר אַזוי זיכער, אַז זי האָט אורזאַכע צו זיין פֿערדעכטיג, אַז כאָטש זי האָט געטהאָן איהר פֿליכט צו איהם אַלס גאַסט, איז זי אָבער געווען זעהר פֿאָרזיכטיג ניט צו לאָזען דעם אונבעקאַנטען יונגען מאַן אַליין מיט מיר אין צימער ניט אויף איין איינציגע מינוט. מיר האָבען זיך דורכגערעדט, און אונזער גאַסט האָט זיך וואָס אַמאָל גענומען אַרויסווייזען אַלץ מעהר און מעהר אַזוי נידעריג, אַז זיין פֿריינד אַליין האָט זיך גענומען שהעמען מיט איהם, און ווען איך האָב גענומען פֿרעגען וועגען איינצעל־הייטען פֿון דיעזען פּאַרשוין׳ס לעבען, זיינען עפּעס די ערקלעהרונגען, געווען צו הינקעדיג. מיר האָבען זיך בײדע געשטעלט אויף דער וואַך. קורץ און גוט, אין עטליכע טעג האָבען זײ פֿערלאָזען לאָנדאָן. און אין צוויי וואָכען אַרום האָב איך געקראָגען אַ בריעף פֿון מיין פֿריינד, וואו ער בעט מיך טויזענד מאָל אום ענטשולדיגונג וואָס ער האָט מיר פֿאָרגעשטעלט דעם יונגען מאַן, ווייל ער, ווי זיי האָבען אויסגעפֿונען אין פּאַריז, איז געווען א שפּיאָן, אין דיענסט פֿון׳ם רוסישען אַמבאַסאַדאָר, איך האָב נאַכהער נאָכגעזועהן אַ ליסטע פֿון די רוסישע שפּיאָנען פֿון פֿראַנקרייך און שווייצאַריען, וועלכע מיר פֿליכטלינגע האָבען גראַד דאַן געהאַט געקראָגען פֿון דעם עקזעקוטיווען קאָמיטעט, — זיי האָבען געהאַט זייערע מענשען איבעראַל אין פּעטערסבורג, — און איך האָב דאָרט געפֿונען דעם נאָמען פֿון דיעזען יונגען מאַן. —

אַרויסצולאָזען אַ צייטונג, געשטיצט פֿון דער פּאָליציי, מיט אַ פּאָליציי אַגענט אַן דער שפּיצע איז אַן אַלטער פּלאַן, און דער שעף פֿון דער פּאַריזער פּאָליציי, אנדרעי, האָט זיך מיט איהם בענוצט נאָך אין 1881. איך וואַר דאַמאָלסט מיט עליזעע רעקלו אין די בערג, בעת מיר האָבען געקראָגען אַ בריעף פֿון אַ פֿראַנצויז, אָדער ריכטיגער אַ בערלינער, וועלכער האָט אונז מודיע געווען, אַז ער געהט אַרויסגעבען אַן אַנאַרכיסטישע צייטונג אין פּאַריז, און בעט מיר זאָלען מיטאַרבייטען אין איהר. דער בריעף, פֿול מיט חניפֿות, האָט אויף אונז געמאַכט אַ שלעכטען איינדרוק, און אַ חוץ דעם האָט נאָך רעקלו געדענקט, אַז ער האָט אַמאָל געהערט דעם שרייבערס נאָמען פֿערוויקעלט אין אַן אונפּאַסענדער געשיכטע. מיר האַבען זיך ענטזאַגט מיטצואַרבייטען, און איך האָב אַוועקגעשריבען אַ בריעף צו אַ פּאַריזער פֿריינד, אַז מיר מוזען קודם כל וויסען פֿון וואַנען דאָס געלד קומט, מיט וועלכע מי געהט אַרויסגעבען די צייטונג. אפֿשר קומט עס פֿון די אָרלעאַניסטען, — אַן אַלטער קונץ פֿון דיעזער חברה, — און מיר מוזען וויסען די קוועלען דערפֿון. מיין פּאַריזער פֿריינד, אַלס אַן אָפֿענהער־

ציגער אַרבייטער, האָט דיעזען בריעף פֿאָרגעלעזען פֿאַר אַ פֿערזאַמלונג ביי וועלכער דער כלומרשט'דיגער רעדאַקטאָר איז געווען אַנוועזענד. ער האָט זיך זעהר בעליידיגט, און איך האָב געמוזט ענטפֿערען עטליכע בריעף צוליעב דיעזער אַנגעלעגענהייט; אָבער איך האָב מיך געהאַלטען פֿעסט ביי דאָס מייניגע: „אויב דער מענש מיינט עס ערנסט, מוז ער אָנגעבען די קוועלע פֿון דעם געלד".

און ער האָט עס סוף כל סוף געטהאָן. צוגעדריקט מיט פֿראַגען, האָט ער געזאָגט אַז דאָס געלד קומט פֿון זיינער אַ מוהמע, אַ רייכע דאַמע מיט פֿאַרצייטיגע אידעען, וועלכע האָט נאָכגעגעבען זיין קאַפּריז אַרויסצוגעבען אַ ציישונג, און האָט איהם געגעבען דאָס געלד דערויף. די דאַמע איז ניט געווען אין פֿראַנקרייך, נאָר אין ענגלאַנד. מיר האָבען אָבער ניט אַנדערש געוואָלט וויסען איהר נאָמען און אַדרעסע, און אונזער פֿריינד מאַלאַטעסטאַ האָט איינגעוויליגט זיך מיט איהר צו זעהן. ער איז אַוועק מיט אַן איטאַליענישען פֿריינד, וועלכער האָט געהאַנדעלט מיט אַלטע מעבעלוואַרג. זיי האָבען אויסגעפֿונען די רייכע דאַמע ערגעץ אין אַ הייזעל, און בשעת מאַלאַטעסטאַ האָט מיט איהר גערעדט און איז וואָס אַמאָל מעהר און מעהר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי שפּיעלט בלויז די ראָלע פֿון אַ מוהמע אין דיעזער קאָמעדיע, האָט דער מעבעל־פֿריינד אויסגעפֿונען, בעטראַכטענדיג די טישען און בענקליך, אַז דאָס האָט מען אַלץ גענומען מיט אַ טאָג פֿריהער — אודאי געדונגען — פֿון אַ סעקאָנד־הענד מעבעל־הענדלער, אַ שכן זיינעם. אפֿילו די צייכענס זיינען נאָך ניט געווען אַראָבגענאָמען פֿון די טישען און בענקלעך, דאָס האָט אפילו ניט פֿיעל איבערצייגט, אָבער דאָך האָט עס פֿערשטאַרקט אונזער פֿערדאַכט. איך האָב מיך ענטשיעדען ענטזאַגט צו האָבען די מינדעסטע מגע ומשא מיט דער ציישונג.

די ציישונג איז געווען פֿיל מיט אונערהערטע געוואַלד־טהאַטען; ברענען, מאָרדען, דינאַמיט,—מעהר איז קיין זאַך דאָרט ניט געווען. איך האָב בעגעגענט דעם מאַן, דעם רעדאַקטאָר פֿון דער ציישונג, ביים קאָנגרעס אין לאָנדאָן, און גלייך ווי איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף זיין מיאוס'ן פּנים און האָב איהם געהערט ריידען און האָב געזעהן דעם סאָרט פֿרויען, מיט וועלכע ער פֿלעגט תמיד אַרומגעהן, איז מיין מיינונג מכח איהם געווען פֿעסט־געשטעלט. ביין קאָנגרעס, וואו ער האָט פֿאָרגעשלאָגען די שרעקליכסטע רעזאָלוציאָנען, האָבען זיך אַלע גענאָסען געהאַלטען פֿון איהם פֿון דער ווייטען; און ווען ער האָט זיך דוקא איינגעשפּאַרט, מי זאָל איהם געבען די אַדרעסען פֿון אַלע אַנאַרכיסטען דער וועלט, האָט מען איהם גאַנץ ניט העפֿליך ענטזאַגט.

בקיצר הדבר, אין אַ צוויי מאָנאַט אַרום איז פֿון איהם די מאַסקע אין גאַנצען אַרונטערגעריסען געוואָרען און באַלד אויף׳ן צווייטען טאָג איז די ציימונג אונטערגעגאַנגען אויף אייביג. אין צוויי יאָהר נאָך דעם, האָט דער שעף פֿון דער פּאָליציי, אַנדרעי, אַרויסגעלאָזען זיין טאַגעבוך, און ער האָט דאָרט דערצעהלט אַלעס מכח די ציימונג, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזען, און די עקספּלאָזיאָנען וואָס זיינע אַגענטען האָבען אָרגאַניזירט אין פּאַריז, אַוועקלייגענדיג סאַרדין קעסטלעך, אָנגעשטאָפּט מיט נעגעל אונטער דער סטאַטוע פֿון טהיער.

מי קען זיך פֿאָרשטעלען וויפֿיעל גאָלד דאָס קאָסט אָפּ פֿראַנקרייך און די אַנדערע פֿעלקער.

איך וואָלט געקענט אָנשרייבען עטליכע קאַפּיטלעך אויף דיעזער טהעמאַ, אָבער איך וועל מיך בענוגנען מיט נאָך איין ערצעהלונג פֿון צוויי אַוואַנטורניקעס אין קלערוואָ.

מיין פֿרוי האָט זיך אויפֿגעהאַלטען אין דער אכסניא פֿון׳ם קליינעם דערפֿעל, וועלכער איז אויפֿגעוואַקסען אונטער׳ן שאָטען פֿון דער תפיסה. איין מאָל איז די בעל הבית׳טע אַריין צו איהר אין צימער מיט דער בשורה, אַז צוויי הערען ווילען זי זעהען. די בעל הבית׳טע האָט מיט איהר גאַנצער רעדעקראַפֿט מליץ יושר געווען פֿאַר די הערען. „אָה, איך קען די וועלט", האָט זי געזאָגט, און איך פֿערזיכער אייך, מאַדאַם, אַז זיי זיינען די אָרענטליכסטע מענשען. עס קען גאָר אַשטענדיגער ניט זיין. איינער פֿון זיי האָט אָנגעגעבען דעם נאָמען פֿון אַ דייטשען אָפֿיציער, ער איז אַוודאי אַ באַראָן, אָדער אַ גראַף, און דער אַנדערער איז זיין דאָלמעטשער. זיי קענען אייך אויסגעבונדען. דער באַראָן פֿאָהרט איצטער אָפּ אין אַפֿריקאַ, פֿיליייכט קיין מאָל ניט צוריקצוקעהרען, און ער וויל זיך מיט אייך זעהן בעפֿאָר זיין אָברייזע".

מיין פֿרוי האָט אַ קוק געטהאָן אויף די וויזיט קאַרטע, אויף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריעבען אין שלעכט פֿראַנצויזיש: „צו דער מאַדאַם, די פּ ר י נ צ ע ס י ן קראַפּאָטקין, ווען קען מען אייך זעהן?" און דאָס אַליין איז שוין געווען די ויותר אַלס אַ רעקאָמענדאַציע פֿון די צוויי אָנשטענדיגע הערען. וואָס אַנבעלאַנגט דעם בריעף גופא וואָס איז איהר איבערגעגעבען געוואָרען, איז ער נאָך געווען פֿיעל ערגער ווי די אַדרעסע. אויף צו להכעיס אַלע רעגלען דער גראַמאַטיק און מענשליכען שכל האָט דער „באַראָן" געשריבען מכוח אַ סעקרעטנע מיטטהיילונג, וועלכע ער האָט איהר צו מאַבען. זי האָט זיך גאַנץ פּראָסט ענטזאַגט צו עמפּפֿאַנגען די הערען.

דער באַראָן האָט דאַן גענומען שרייבען צו מיין פֿרוי איין בריעף

נאָך'ן אַנדערען, וועלכע זי האָט גלייך צוריקגעשיקט אונגעעפֿענט. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זיך דאַן צוטהיילט אויף צוויי טהייל, — איין פּאַרטיי איז צוגעשטאַנען צום באַראָן'ס צד מיט דער בעל הבית'טע אַן דער שפּיצע, די אַנדערע איז געווען געגען איהם און נאַטירליך מיט דער ווירטהין'ס מאַן אַן דער שפּיצע. אַ גאַנצער ראָמאַן איז אָנגעפֿיהרט געוואָרען. דער באַראָן האָט געקענט מיין פֿרוי בעפֿאָר זי האָט געהייראַטעט. ער האָט מיט איהר אָפֿט געטאַנצט ביים רוסישען קאָנסול אין וויען. ער איז נאָך ביז אין היינטיגען טאָג פֿערליעבט אין איהר, אָבער זי, די גרויזאַמע, האָט זיך עטזאַגט איהם צו ערלויבען אפילו אַזוי פֿיעל ווי אַ בליק צו טהאָן אויף איהר איידער ער לאָזט זיך אַרויס אויף זיין ריזיקאַלישע עקספּעדיציע אין די ווילדע מקומות.

דאַן האָט מען זיך גענומען שושקענען אין די אויערען וועגען עפּעס „אַן אינגעל, וועלכען מיר האַלטען בעהאַלטען". וואו איז זייער קינד? האָט דער באַראָן געוואָלט וויסען. „זיי האָבען אַ זוהן, יעצט שוין זעקס יאָהר אַלט. וואו איז ער?" „זי וואָלט קיין מאָל ניט אַוועקגעלאָזען דאָס קינד פֿון זיך, ווען זי וואָלט געהאַט אַ קינד", האָט איין פּאַרטיי געטענה'ט.

„נישקשה, זיי האָבען אַ קינד נאָר זיי בעהאַלטען איהם", האָט דער אַנדערער צד געענטפֿערט.

פֿאַר אונז האָט דיעזע מחלוקה ענטהאַלטען אַ זעהר אינטערעסאַנטע ענטדעקונג. דאָס האָט אונז געוויזען, אַז ניט נאָר ווערען אונזערע בריעף געעפֿענט און געלעזען פֿון די געפֿענגנים־בעאַמטע, נאָר אויך דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר האָט געוואוסט זייער אינהאַלט.

ווען איך בין געווען אין ליאָן, און די פֿרוי מיינע איז אַוועקגעפֿאָהרען אין שווייצאַריען, זיך צו זעהן מיט עליזעע רעקלו, האָט זי מיר איינמאָל געשריבען: „אונזער קינד בליהט, זיין געזונד איז אויסגעצייכענט. נעכטען איז איהם געוואָרען פֿינף יאָהר, און מיר האָבען פֿערבראַכט אַ פֿרעהליכען אַבענד, פֿייערענדיג זיין געבורטס־טאָג." איך האָב געוואוסט, אַז מיין פֿרוי רעדט עס פֿון „רעוואָלטע", וועלכע מיר פֿלעגען אָפֿט אָנרופֿען „אונזער קינד".

איצט, ווען דיעזע הערען האָבען גערעדט וועגען „אונזער קינד" און האָבען אַזוי פינקטליך אָנגעגעבען זיין עלטער, איז פֿאַר אונז קלאָהר געוואָרען, אַז אונזער בריעף איז געווען אויך אין אַנדערע הענד, ניט בלויז ביין געפֿענגנים־אויפֿזעהער.

קיין זאַך ענטרינט פֿון דעם אויג פֿון דעם דאָרפֿס־מענשען. און דער באַראָן האָט אין קורצען אויף זיך אַרויסגערופֿען אַ חשד.

ער האָט געשריבען אַ פּרישען בריעף צו מיין פּרוי, נאָך גרעסער ווי די פּריהערדיגע. איצט האָט ער זי געבעטען אום ענטשולדיגונג וואָס ער האָט זיך פריהער פֿאַר איהר פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ בעקאַנטער. ער האָט מודה געווען אַז זי קען איהם ניט; אָבער דאָך איז ער איהר געטרייעסטער פּריינד. ער האָט איהר זעהר וויכטיגעס מיטצוטהיילען. מיין לעבען איז אין געפּאַהר, און ער וויל זי וואַרנען. דער באַראָן און זיין סעקרעטאַר זיינען איין מאָל אַרויס אין וואַלד זיך שואל עצה זיין מכוח דעם טאָן פּון דיעזען לאַנגען בריעף, — דער ליעסניק זיי נאָכגעהענדיג פּון דער וויטען; אַבער זיי האָבען זיך צוקריגט און דער בריעף איז צוריסיען און אַוועקגעוואָרפּען געוואָרען אויף דער ערד. דער ליעסניק האָט געוואַרט ביז זיי זיינען אַוועק, האָט צוזאַמענגעקליבען די שטיקלעך, האָט זיי צוזאַמענגעשטעלט און האָט דעם בריעף איבערגעלעזען. אין אַ שטונדע צייט האָט דאָס גאַנצע דאָרף געוואוסט, אַז דער באַראָן איז גאָר קיינמאָל מיט מיין פּרוי ניט בעקאַנט געווען; דער ראָמאַן, וועלכער איז אַזוי געפּיהלפּאָל איבערגעגעבען געוואָרען פּון דעם באַראָן׳ס צד איז צוקרישעלט געוואָרען אויף שטיקלעך.

„אַה, אַזוי, זיינען זיי דאָך גאָר ניט דאָס וואָס זיי האָבען זיך פֿאָר־געשטעלט", האָט דער זשאַנדאַרם־בריגאַדיער ביי זיך בעשלאָסען; בכן זיינען זיי דאָך אודאי דייטשע שפּיאָנען"; און ער האָט זיי אַרעסטירט.

מי מוז צוגעבען אַז אַ דייטשער שפּיאָן איז ווירקליך געווען אין קלערוואָ אַ קורצע צייט פֿאַר דעם. אין צייטען פּון מלחמה האָבען די גרויסע געפּענגנים־געביידעס געקענט דיענען אַלס אַ לאַגער פֿאַר פּראָוויזיאָן אָדער אַלס קאַזאַרמעס פֿאַר דער אַרמעע, און דער דייטשער גענעראַל־שטאַב איז זעלבסטפּערשטענדליך געווען פּעראינטערעסירט אויסצוגעפּינען דעם פלאַן פּון דיעזע געביידעס. און אַזוי זעהען מיר מיט איין מאָל ביי אונז אין דאָרף אַ לוסטיגען רייזענדען, אַ פּאָטאָגראַפּירער, וועלכער מאַכט זיך מיט יעדען איינציגען זעהר אינטים, אַלעמען פּאָטאָגראַפּירענדיג פֿאַר אומזיסט, און מען ערלויבט איהם ניט נאָר אַראָבצונעהמען די טורמע פּון אינעווייניג, זאָנדערען אויך די שלאָף־צימער. דאָס אָבגעטהאָן פּאָהרט ער אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט און ווערט דאָרט אַרעסטירט פּון די פּראַנצויזען, אַלס אַ פּערזאָן, ביי וועלכען מי האָט געפּונען קאָמפּראָמינטירענדע מיליטערישע דאָקומענטען. דער בריגאַדיער, פּריש פּון דעם איינדרוק פּון יענעם חברה־מאַן׳ס בעזוך, האָט זיך גלייך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד אָן דער מציאה, זייענדיג זיכער אַז דאָס זיינען אויך דייטשע שפּיאָנען. אויף מאָרגען אין דער פּריה האָט מען זיי אָבער אַרויסגעלאָזען פּריי, די לאָקאַלע צייטונג בעריכטענדיג, אַז דאָס זיינען ניט קיינע דייטשע שפּיאָנען, זאָנדערען

„פערזאָנען וועלכע שטעהען אין דיענסט פון אַנאַנדער פיעל פריינדליכערע רעגירונג".

איצט איז די גאַנצע עפענטליע מיינונג געווען געגען דעם באַראָן און זיין סעקרעטער, וועלכע האָבען נעבעך געהאַט אַנדערע צרות נאָך דיעזער געשיכטע. ארויסקומענדיג פון פערהאַפטונג זיינען זיי אַריין אין אַ קאַפע און האָבען דאָרטען אויסגעגאָסען זייער ביטער האַרץ אויף זייער שלים שלים-מזל, ריידענדיג אויף דייטש.

„דו ביסט אַ בהמה, אַ טרוס," האָט זיך דער סעקרעטער אָבגערופען צום באַראָן. „ווען איך וואָלט געווען אויף דיין פלאַץ, וואָלט איך דערשאָסען דעם מאַגיסטראַט אָט מיט דיעזען רעוואָלווער. לאָז ער נור פרואווען זיך אָנהויבען מיט מיר, — ער וועט קריגען דיעזע קוילען אין קאָפ אַריין!" און אַזוי ווייטער.

אַ רייזענדער, וועלכער איז זיך דאַן געזעסען רוהיג אין אַ ווינקעל פון צימער, איז גלייך אַוועקגעלאָפען צום בריגאַדיער און האָט איהם איבערגעגעבען דעם גאַנצען געשפרעך. דער בריגאַדיער האָט גלייך דער־לאַנגט אַן אָפיציעלען פראָטאָקאָל, און האָט ווידער אַרעסטירט דעם סעקרעטער, — אַן אַפטייקער פון שטראַסבורג. מי האָט איהם געבראַכט פאַר אַ פאָליציי-געריכט, וועלכער האָט איהם פער'משפט אויף אַ מאָנאַט טורמע „פאַר סטראַשענען אַ מאַגיסטראַט אין אַ פובליטשנעם פלאַץ". נאָכדעם האָט דער „באַראָן" געהאַט אַנדערע צופעלע, און דאָס דאַרף איז ניט שטיל געוואָרען ביז די צוויי פרעמדע זיינען ניט אָבגעפאָהרען.

איך האָב דאָ בלויז דערצעהלט עטליכע פון די שפיאָנען מעשה'לעך, וועלכע איך האָב מיטגעמאַכט. אָבער ווען מי בעדענקט זיך, אַז ס'זיינען פאַראַנען אַזוי פיעל טויזענדער לומפען, וועלכע ווערען בעצאָהלט פון דער רעגירונג, — און זעהר אָפט אויך גוט בעצאָהלט פאַר זייערע לומפערייען, — ווען מי בעטראַכט די עקעלהאַפטע פאַסטקעס מיט וועלכע זיי זוכען אַריינצוכאַפען אַלערליי סאָרטען ניט איבערגעשפיצטע מענשען, די אונגעהייער גרויסע סומע געלד, וואָס ווערט אַרויסגעוואָרפען אויפצוהאַלטען דיעזע אַרמעע, וועלכע ווערט צוזאַמענגעקליבען פון די נידריגסטע קלאַסען מענשען און פון די פריזען-בעפעלקערונג, די גאַנצע קאָרופציאָן וועלכע זיי גיסען אַריין אין דער געזעלשאַפט אין אַלגעמיין, און זאָגאַר אין פאַמיליען, — ווען מי בעטראַכט דאָס אַלעס מוז מען שטוינען פון די שוידערהאַפטע איבעל און פערדערבען וועלכע ווערען אַזוי אַרום געשאַפען און גערולדעט.

לואיזע מישעל און די ברידער רעקלו.

———

אין דער פרעסע. ווי אויך צו די דעפּוטירטע, זיינען נאָכאַנאַנד געשטעלט געוואָרען פאָדערונגען פיר אונזער בעפרייאונג, — נאָך מעהר דאַרום, ווייל אין דער זעלבער צייט, ווען מיר זיינען פעראורטהיילט געוואָרען איז אויך לואיזע מישעל פער׳משפט געוואָרען פיר רויב! לואיזע מישעל,— וועלכע גיט תמיד אַוועק אַבסאָלוט איהר לעצטעס העמד דער פרוי וואָס ברויך עס, און וועלכע מי האָט קיינמאָל ניט געקאָנט צווינגען אין דער צייט ווען זי איז געזעסען אין טורמע צו געניסען בעסערעס עסען ווי איהרע מיטגעפאַנגענע, ווייל זי האָט זיי אימער אַוועקגעגעבען אַלעס וואָס מי האָט איהר געשיקט — איז פער׳משפט געוואָרען, צוזאַמען מיט נאָך אַ קאַמעראַד, פּוזשע, אויף ניין יאָהר געפענגנים פיר איינפאַכע רויבעריי. דאָס איז שוין געווען צופיעל אַפילו פאַר די בורזשואַזנע פּאָליטיקער.

זי האָט איינמאָל מאַרשירט אַן דער שפּיצע פון אַ מחנה אַרבייטס-לאָזע און אַריינדרינגענדיג אין אַ בעקעריי האָט זי געכאַפּט עטליכע לאַבען ברויט און האָט זיי צוטהיילט צווישען די הונגעריגע. דאָס איז געווען איהר רויבעריי. די בעפרייאונג פון די אַנאַרכיסטען איז אַלזאָ געוואָרען דער קריעגס-רוף געגען די רעגירונג און אין הערבסט 1885 זיינען אַלע מיינע קאַמעראַדען, אַחוץ דריי, בעפרייט געוואָרען דורך פּרעזידענט גרעווי. דאַן איז דער געשריי פיר די בעפרייאונג פון לואיזע מישעל און מיר זעלבט, געוואָרען נאָך שטאַרקער, אָבער אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געווען דאַגעגען; און איינמאָל האָט דער הויפּט-מיניסטער פרעהסינע, ענטפערענדיג אויף אַן אַנפראַגע אין דעם דעפּוטירטען קאַמער געזאָגט, אַז דיפּלאָמאַטישע שוועריגקייטען שטעהען אין וועג פון קראַפּאָטקין׳ס בעפרייאונג. מאָדנע ווערטער קומענדיג פון דעם מויל פון דעם הויפּט-מיניסטער פון אַן אונאַבהענגיגע לאַנד. אָבער נאָך ערגערע ווערטער זיינען געהערט געוואָרען זייט דער אונגליקליכער אַליאַנץ פון פראַנקרייך מיט דער מאָנאַרכישער רוסלאַנד.

אין מיטען יאַנוואַר 1886 זיינען מיר אַלע: לואיזע מישעל, פּוזשע און אונזערע פיער וואָס זיינען נאָך פון פריהער געזעסען אין קלערוואָ, בעפרייט געוואָרען.

מיין בעפרייאונג האָט אויך בעדייטעט מיין פרוי׳ס בעפרייאונג פון איהר פרייוויליגער געפאַנגענשאַפט אין׳ם קליינעם דערפעל ביי די טויערען פון געפענגנים, וועלכע זי האָט שוין אָנגעהויבען שפּירען אויף איהר געזונד;

און מיר זיינען אַוועק אין פּאַריז פערברייננגען עטליכע וואָכען ביי אונזער פריינד עלי רעקלו, — אַ בעקאַנטער שרייבער אין אַנטראָפּאָלאָגיע, וועלכען מי נעהמט אָפּט אָן, בעזאָנדערס אויסער פראַנקרייך, פאַר דעם אינגערען ברודער זיינעם, דעם געאָגראַף עליזע. אַן ענגע פריינדשאַפט האָט די צוויי ברידער פעראייניגט פון זייער פריהער יוגענד אָן. ווען עס איז געקומען זייער צייט אַריינצוטרעטען אין אוניווערזיטעט, פלעגען זיי צוזאַמען אַרויס פון אַ קליין דערפעל אין'ם טהאָל פון זשיראָנד קיין שטראַסבורג, מאַכענדיג די רייזע צו פוס, — בעגלייט, ווי אמת'ע וואַנדערענדע שטודענטען, פון זייער הונד; און ווען זיי זיינען פערבליבען ערגעץ אין דאָרף, פלעגט דער הונד אימער קריגען דאָס שיסעלע געקעכץ, בעת די צוויי ברידער האָבען זיך אונטערגעלעהנט זייער האַרץ מיט אַ שטיקעל ברויט און עטליכע עפּעל. פון שטראַסבורג איז דער יונגער ברודער אַוועק קיין בערלין, וואוהין די פאָרלעזונגען פון דעם גרויסען ריטטער האָבען איהם זאַמאַניעט. אין אַ שטיקעל צייט אַרום, אין די פערציגער, זיינען זיי ביידע געווען אין פּאַריז. עלי רעקלו איז געוואָרען אַן איבערצייגטער פוריערזיסט, און ביידע האָבען זיי אין דער רעפּובליק פון 1848 געזעהן דעם אָנפאַנג פון אַ נייער צייט פון סאָציאַלער עוואָלוציאָן. דעריבער האָבען זיי טאַקי געמוזט פערלאָזען פראַנקרייך, נאָך נאַפּאָלעאָן דעם דריטען'ס שטאַאַטס־שטרייך, און זיינען אַוועק קיין ענגלאַנד. ווען דער בעפרייאונגס־מאַניפעסט איז אַרויס, און זיי זיינען צוריקגעקומען קיין פּאַריז, האָט עלי אַרויסגעלאָזען אַ פוריערזיסטישע קאָאָפּעראַטיווע צייטונג, וועלכע וואַר שטאַרק פערברייטעט צווישען די אַרבייטער. עס איז ניט אַלגעמיין בעקאַנט, אָבער עס איז דאָך אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אַז נאַפּאָלעאָן דער דריטער, וועלכער האָט געשפּיעלט אַ ראָלע פון אַ צעזאַר, — זיך אינטערעסירענדיג, ווי עס פּאַסט אַ צעזאַר, אין די לאַגע פון די אַרבייטער, — פלעגט שיקען זיינעם אַ לייטענאַנט אין די דרוקעריי פון דיעזער צייטונג, אום זיך צו פערשאַפען די ערסטע קאָפּיע פון יעטוועדער אויסגאַבע אַזוי שנעל ווי זי איז אַרוים פון פּרעס. שפּעטער אַביסעל איז ער זאָגאַר געווען בערייט צו פּאַטראָניזירען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן, מיט דעם תנאי זי זאָל אַריינשטעלען אין איינעם פון איהרע רעפּאָרטס עטליכע ווערטער צו גונסטען פון די גרויסע סאָציאַליסטישע פּלענער פון דיעזען מאָדערנעם צעזאַר. און בעת דער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך ענטזאַגט נאָכצוקומען דיעזע פאָדערונג פון נאַפּאָלעאָן, האָט ער אַרויסגעלאָזען אַן אוקאַז מי זאָל די אַסאָסיאַציאָן פערפאָלגען.

ווען די קאָמונע איז פּראָקלאַמירט געוואָרען, האָבען זיך ביידע

ברידער הערצליך בעטהייליגט אין קאַמפּף, און עלי רעקלו האָט אָנגענומען די שטעלע אַלס ביבליאָטעקאַר אין דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין דעם לואווער מוזעאום אונטער וואַליאַן. צו זיין ווייטען בליק און שווערע אַרבייט האָבען מיר, ביז צו אַ גרויסער שטופּע, צו פּערדאַנקען דעם פּאַקט, וואָס די אונערשעצליכע אוצרות פּון מענשליכער וויסענשאַפּט און קונסט געזאַמעלט אין דיזע צוויי אינסטיטוציאָנען, זיינען געבליבען גאַנץ, אין דער צייט ווען פּאַריז איז באָמבאַרדירט געוואָרען פּון די אַרמעען פּון טהיער און פּון די נאַכפּאָלגענדע שרפות. אַ הייסער ליעבהאָבער פּון גריכישער קונסט און גרינדליך בעקאַנט מיט איהר, האָט ער געלאָזען איינפּאַקען די בעסטע סטאַטועען און וואַזען פּון לואווער אין די אייזערנע וואַנד, און מיט דער גרעסטער פּאָרזיכטיגקייט האָט ער בעהאַלטען די טהייערסטע ביכער פּון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק און האָט בעשיצט די געביידע פּון די פּלאַמען, וועלכע האָבען אַרויסגעזעצט פּון אַלע זייטען. זיין ווייב, אַ מוטהיגע פּרוי, אַ ווירדיגע קאַמעראַדין פון דעם פּילאָזאָף, בעגלייטעט פּון איהרע צוויי קליינע אינגלעך, האָט דערווייל אין איהר אייגענעם קוואַרטאַל פּון שטאָדט, אָרגאַניזירט אַ סיסטעמע צו שפּייזען דאָס פּאָלק, וועלכעס איז פּשוט געשטאָרבען פּון הונגער וועהרענד די צווייטע בעלאַגערונג. אין די לעצטע איינינע וואָכען פּון איהר עקזיסטענץ האָט די קאָמונע ענדליך איינגעזעהן, אַז אַ זאַפּאַס פּון עסענוואַרג פּיר דאָס פּאָלק, וועלכעס האָט ניט געהאַט די געלעגענהייט זעלבסט צו פּערדיענען אויף חיונה, האָט געברויכט צו זיין דער קאָמונע'ס ערשטע אויפּגאַבע, און פּרייוויליגע האָבען אָרגאַניזירט דיזע אַרבייט. עס איז געווען אַ בלויזער צופּאַל, וואָס עלי רעקלו, וועלכער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָסטען ביז'ן לעצטען מאָמענט, איז נצול געוואָרען פּון די ווערסיילער טרופּען.

זייענדיג פּעראורטהיילט אויסגעוויזען צו ווערען פּון לאַנד,— דערפּאַר וואָס ער האָט געוואַגט צו לייסטען אַזאַ נאָטהווענדיגען דיענסט דער קאָמונע, — איז ער אַוועק מיט זיין פּאַמיליע אין גלות. איצט צוריקקומענדיג קיין פּאַריז האָט ער זיך ווידער גענומען צו זיין לעבענס אַרבייט, עטנאָלאָגיע. (די פּעלקער־פּאָרשינג.) וואָס די אַרבייט איז, קען מען אורטהיילען פּון עטליכע געצעהלטע קאַפּיטלען אַרויסגעגעבען אין אַ בוך אונטער דעם טיטעל „פּרימיטיווע פּעלקער" און „די אויסטראַליער," ווי אויך פּון דער היסטאָריע פּון'ם אורשפּרונג דער רעליגיאָן, וועלכע איז די הויפּט טהעמאַ פּון זיינע לעקציעס אין ברוסעלער אוניווערזיטעט, — געגרינדעט פּון זיין ברודער. אין דער גאַנצער מאַסע פּון עטנאָלאָגישער ליטעראַטור געפּינען זיך ניט פּיעלע ווערק, וועלכע זיינען אַזוי דורכגעדרונגען מיט אַ גרינדליכען און

סימפּאַטהישען בעגריף פֿון דעם אמת'ן כאַראַקטער פֿון דעם פּרימיטיווען מענשען, ווי אין זיינע. וואָס אַנבעלאַנגט צו דער געשיכטע פון רעליגיאָן (אַ טהייל פֿון וועלכער איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען אין דעם זשורנאַל „סאָסיעטע נואוועל" און וועלכע ווערט יעצט פֿאָרטגעזעצט פֿון זיין נאָכפֿאָלגער („הומאַניטערי, נואוועל"), איז ז', איך נעהם מיר די פֿרייהייט צו בעהויפּטען, דאָס בעסטע ווערק איבער דיזען געגענשטאַנד, וועלכעס איז נאָך יע ערשיענען. אָהנע צווייפֿעל בעסער פֿאַר הערבערט ספּענסער'ס ביטראַג אין דיזער הינזיכט, ווייל הערבערט ספּענסער מיט זיין גאַנצען אונגעהייערען אינטעלעקט, בעזיצט ניט יענע קענטניס פֿון דער אונגעקינסטעלטער איינפֿאַכער נאַטור פֿון דעם פּרימיטיווען מענשען, וואָס עלי רעקלו בעזיצט ביז צו אַ זעלטענער פֿאָלקאָמענהייט, און דערצו נאָך פֿעראייניגט מיט אַן אונגעהייער גרויסער קענטניס פון אַ צימליך פֿערנאַכלעסיגטען צווייג פֿון פֿעלקער פּסיכאָלאָגי; — די עוואָלוציאָן און די אומענדערונגען פֿון אמונות. עס איז ניט נויטיג צו ריידען פֿון עלי רעקלו'ס הערליך נאָבלען כאַראַקטער און עניות; פֿון זיין הויכער אינטעליגענץ און ברייטע קענטניס אין אַלע וויסענשאַפטען וואָס האָבען אַ שיכות מיט דער מענשהייט. דאָס אַלעס קען מען אַרויסזעהן פֿון זיין סטיל, וועלכער איז זיין אייגענער, און ניט קיין אַנדערען'ס.

מיט זיין עניות, זיין שטילע בענעהמונג און זיין טיעף פֿילאָזאָפֿישען בליק, איז ער דער טיפּ פֿון דעם גריכישען פֿילאָזאָף פֿון אַלטערטהום.

אין אַ געזעלשאַפֿט, וועלכע איז וועניגער אַריינגעטהאָן אין פּאַטענטירטע לעהרען און ספּעציאַליזירטע אונטעררינכטונג, וועלכע וואָלט געקענט מעהר שעצען די ענטוויקלונג פֿון אַ ברייטערען הומאַניטאַרישען בעגריף, וואָלט ער געווען אַרומגערינגעלט פֿון מחנות תלמידים ווי איינער פֿון זיינע גריכישע פֿאָרגענגער.

אַ זעהר לעבהאַפֿטע סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע בעוועגונג איז אָנגעגאַנגען אין פּאַריז אין דער צייט וואָס מיר זיינען דאָרט געווען. לואיזע מישעל האָט געהאַלטען לעקציעס יעדע נאַכט און האָט ערוועקט ענטהוזיאַזמוס, סיי ביי די אַרבייטער, סיי ביי די מיטעלקלאַסע. איהר גרויסע פּאָפּולאַריטעט איז נאָך גרעסער געוואָרען, און האָט זיך זאָגאַר פֿערשפּרייט צווישען די אוניווערזיטעט'ס־סטודענטען, וועלכע ווי זיי זאָלען ניט האָבען פֿאָרטגעשריטענע אידעען האָבען דאָך אין איהר פֿערגעטערט די אידעאַלע פֿרוי. ווען איך בין געווען אין פּאַריז איז געוואָרען אַן אויפֿרוהר אין אַ קאַפֿע צוליעב דעם, וואָס אימיצער האָט זיך ניט שעהן אויסגעדריקט וועגען לואיזע מישעל אין דער געגענוואַרט פֿון סטודענטען.

די יונגע לייט האָבען זי פֿערטהיידיגט מאכענדיג אַ גרויסען סקאַנ־דאַל און צוברעכענדיג אַלע טישען און גלעזער אין דעם קאַפֿע. איך האָב אויך איינמאָל געהאַלטען אַ לעקציע איבער אַנאַרכיזמוס פֿאַר איניגע טויזענד מענשען, און האָב גלייך נאָכדעם פֿערלאָזען פּאַריז, איידער די רעגירונג האָט געהאַט צייט צו געהאָרכען די העצעריי פֿון די רעאַקציאָנערע און רוסיפֿיצירטע פּרעסע, וועלכע האָט דורכאויס געפֿאָדערט, דאָס מען זאָל מיך אַרויסטראַנספּאָרטירען פֿון פֿראַנקרייך.

פֿון פּאַריז זיינען מיר אוועק קיין לאָנדאָן, וואו איך האָב ווידער אַמאָל בעגעגענט מיינע צוויי אַלטע פֿריינד סטעפּניאַק און טשאַיקאָווסקי.

דאָס לעבען אין לאָנדאָן איז שוין ניט מעהר געווען אַזוי לאַנגווייליג ווי עס איז געווען מיט פֿיער יאָהר צוריק. מיר האָבען זיך בעזעצט אין אַ קליין הייזעל אין האַרראָו. דאָס מעבעל האָט מיך זעהר ווייניג געאַרט. איך האָב עס כמעט אין גאַנצען געמאַכט אַליין מיט דער הילף פֿון טשאַיקאָווסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעלערענט אַביסעל סטאָלעריי זייענדיג אין אַמעריקא; אָבער מיר האָבען זיך זעהר געפֿרעהט מיט דעם שטיקעל ליימיגען גרונד, וואָס מיר האָבען געהאַט אין אונזער גאָרטען. מיין פֿרוי און איך האָבען זיך מלא שמחה איבערגעגעבען צום גאָרטען, די וואונדערבאַרע רעזולטאַטען פֿון וועלכע איך האָב שוין פֿריהער ערוואַרטעט האָבענדיג געלעזען די שריפֿטען פֿון טאַבאָ, פֿון דער בעקאַנטשאַפֿט פֿון איניגע פּאַריזער גערטנער, ווי אויך פֿון אונזער אייגענער ערפֿאַהרונג אין דעם געפֿענגניס־גאָרטען פֿון קלערוואָ.

וואָס אַנבעלאַנגט מיין פֿרוי, וועלכע האָט געהאַט טיפֿוס גלייך ווי מיר האָבען זיך בעזעצט אין האַראָו, איז די ארבייט אין גאָרטען געווען פֿיעל מעהר קרעפֿטיגענד ווי די פּפֿלעגען פֿון בעסטען סאַניטאַריום.

דער טויט פֿון מיין ברודער אַלעקסאַנדער.

אַם ענדע זומער האָט מיך אַ שווערער אומגליק געטראָפֿען. איך האָב ערפֿאַהרען דאָס מיין ברודער אַלעקסאַנדער איז טויט.

די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב פֿערבראַכט אין אויסלאַנד, בעפֿאָר מיין פֿערהאַפֿטונג אין פֿראַנקרייך, האָבען מיר ניט געשריבען איינער צום אַנדערען.

ליעב צו האָבען אַ ברודער, וועלכער ווערט פֿערפֿאָלגט פֿאַר זיינע

פאָליטישע אַנשויאונגען ווערט גערעכענט אַלס אַ זינד ביי דער רוסישער רעגירונג. צו זיין אין פערבינדונג מיט איהם, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרען אַ פּליכטלינג, איז אַ פערברעכען.

דעם צאַר'ס אַן אונטערטהאַן מוז האַסען יעדען, וועלכער רעבעלירט געגען דעם אַלמעכטיגען הערשער'ס אויטאָריטעט, — און אַלעקסאַנדער איז געווען אין די לאַפּעס פון די רוסישע פּאָליציי. דערפאַר האָב איך מיך ענטשיעדען ענטזאַגט צו שרייבען צו איהם אָדער צו אירגענד־וועלכען פון מיינע פערוואַנדטע.

נאָכדעם ווי דער צאַר האָט אויפגעשריעבען אויף אונזער שוועסטער העלענאַ'ס ביט־שריפט, „לאָז ער דאָרט בלייבען", איז מיין ברודער ניט געבליבען קיין שום האָפנונג אויף אַ שנעלע בעפרייאונג.

צוויי יאָהר שפּעטער האָט מען ערוועהלט אַ קאָמיטעט צו בעשטימ־מען א טערמין פאַר די, וועלכע מען האָט פערשיקט קיין סיביר אָהן דין ומשפט; און מיין ברודער האָט געקראָגען פינף יאָהר. אונטער לאָריס מעליקאָוו'ען האָט מען ערוועהלט אַ נייעם קאָמיטעט, און יענער האָט נאָך פינף יאָהר צוגעלייגט. מיין ברודער האָט געזאָלט בעפרייט ווערען אין אָקטאָבער, 1886. צוזאַמען האָט עס געהייסען צוועלף יאָהר פאָסעלעניע צוערשט אין אַ קליין שטעדטעל אין מזרח סיביר און דערנאָך אין טאָמסק, — דאָס הייסט אין אונגעזונדסטען טהייל פון סיביר.

בעת איך בין געווען אין טורמע אין קלערוואָ, האָט ער מיר געשריבען, און איך האָב איהם עטליכע מאָל געענטפערט. ער האָט גע־שריבען, אַז כאָטש אונזערע בריעף וועלען געלעזען ווערען פון דער רוסישער פּאָליציי אין סיביר, און פון די פראַנצויזישע בעאַמטע אין פּאַריז, דאָך זאָלען מיר זיך דורכשרייבען אפילו אונטער דיעזע דאָפּעלטע איבערזיכט.

ער האָט גערעדט מכח זיין פאַמיליען־לעבען, זיינע דריי קינדער, וועלכע ער האָט זעהר אינטערעסאַנט געשילדערט, און פון זיין אַרבייט. ער האָט מיר ערנסט געראַטהען טיכטיג אויפצופאַסען אויף דער ענטוויקלונג דער וויסענשאַפט אין איטאַליען, וואו אויסגעצייכענטע און אָריגינעלע פאָרשונגען ווערען בעטריעבען, אָבער וועלכע בלייבען אונבעוואוסט אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט ביז זיי ווערען ניט עקספּלאָאַטירט פון דייטשלאַנד; און ער האָט מיר איבערגעגעבען זיינע אידעען מכח דעם וואַהרשיינליכען פּראָגרעס פון דעם פּאָליטישען לעבען אין רוסלאַנד. ער האָט ניט געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַ קאָנסטיטוציאָן, אין דער נאָהענטער צוקונפט; אָבער ער האָט געהאָפט — און האָט געדענקט, אַז אויף דערווייל איז דאָס גענוג — אויף דער איינבערופונג פון אַ מין נאַציאָנאַלע־פערזאַמלונג

(זעמסקי סאָבאָר). זי וועט ניט מאַכען קיין געזעצע, נאָר זי וועט בלויז אויסאַרבייטען דעם פּלאַן פיר געזעצע, וועלכע די קייזערליכע מאַכט און דער שטאַאַטס־ראַטה זאָלען גענוי אויסאַרבייטען און בעשטעטיגען.

מעהר ווי אַלץ האָט מיר מיין ברודער געשריעבען וועגען זיין ווּיסענשאַפטליכע אַרבייט. ער האָט תמיד ליעב געהאַט אַסטראָנאָמיע, און בעת מיר וואַרען אין פּעטערסבורג האָט ער אַרויסגעגעבען אין רוסיש אַ פּראַכטפאָלען בוך וועלכער האָט ענטהאַלטען אַ קיצור פון אונזער גאַנצער ווּיסענשאַפט איבער די שיסענדע שטערען. מיט זיין פיינעם, קריטישען גייסט האָט ער גלייך דערזעהן די שטאַרקע און די שוואַכע פּונקטען פון פערשיעדענע היפּאָטעזען; און אָהן געניגענדע מאַטעמאַטישע קענטניסע, אָבער בעגאַבט מיט אַ מעכטיגען כוח הדמיון, איז עס איהם געלונגען דורכצוזוכרינגען די טיעפסטע מאַטעמאַטישע פאָרשונגען. לעבענדיג מיט זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט צווישען די בעוועגענדע הימלישע קערפּער, האָט ער אָפט בעגריפען זייערע פערוויקעלטע בעוועגונגען בעסער ווי מאַנכע מאַ־טעמאַטיקער, — ספּעציעל די בלויזע אַלגעבראאיסטען, — וועלכע קענען אַמאָל ניט איינזעהן די ווירקליכקייטען פון דער פיזישער וועלט צוליעב זייערע אייגענע פאָרמולעס אין וועלכע זיי פערטיעפען זיך.

אונזערע פּעטערסבורגער אַסטראָנאָמער האָבען מיט מיר אָפט גשפּראָכען וועגען מיין ברודער׳ס ווערק מיט בעגייסטערונג. איצט האָט ער זיך אונטערנומען צו שטודירען דעם בוי דער וועלט; צו אַנאַליזירען די פאַקטען און השערות פון די זאָנען־וועלטען, שטערען־סיסטעמען און נעבעלען אין׳ם אונענדליכען רוים, און אויסצואַרבייטען די פּראָבלעמען פון זייער גרופּירונג, זייער לעבען, און די געזעצע פון זייער ענטוויקלונג און אונטערגאַנג. דער אַסטראָנאָם גילדען האָט געהאַט די גרעסטע מיינונג פון דיעזען ווערק פון אַלעקסאַנדער׳ן און האָט איהם דורך אַ קאָרעספּאָנדענץ פאָרגעשטעלט פאַר ה׳ האָלדען, אין די פעראייניגטע שטאַאַטען, פון וועל־כען, זייענדיג דאָ ניט לאַנג אין וואַשינגטאָן, איך האָב געהאַט דעם פערגניגען צו הערען אַ הויכע מיינונג וועגען דעם ווערטה פון דיעזע פאָרשונגען. די ווּיסענשאַפט נויטהיגט זיך, פון צייט צו צייט, אין אַזעלכע ווּיסענשאַפטליכע שפּעקולאַציאָנען, וועלכע ווערען געמאַכט פון אַ העכסט פלייסיגען, קריטישען, און אין דער זעלבער צייט שפּעקולירענדען גייסט.

אָבער אין אַ קליין שטעדטעל אין סיביר, ווייט אַוועק פון אַלע ביבליאָטעקען, אונפעהיג צו פערפאָלגען דעם פאָרטשריט דער ווּיסענשאַפט, האָט ער בלויז געקענט בעריהרען אין זיין ווערק די פאָרשונגען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען ביז צו דער צייט פון זיין פערשיקונג זייט דאַן

איז פֿיעלע אַרבייט אויפֿגעטהאָן געוואָרען. ער האָט דאָס געוואוסט, אָבער ווי האָט ער געקענט צוקומען צו די נויטהיגע ביכער, אַזוי לאַנג ווי ער איז פֿערבליעבען אין סיביר? די דערנעהנטערונג פֿון דער צייט פֿון זיין בעפֿרייאונג האָט איהם אויך ניט אַריינגעגעבען פֿיעל האָפֿנונג. ער האָט געוואוסט, אַז מען וועט איהם ניט ערלויבען צו וואוינען אין די אוניווערזיטעט׳ס־שטעדט פֿון רוסלאַנד, אָדער פֿון מערב־אייראָפּאַ, און אַז נאָך זיין ערשטען גלות אין סיביר וועט גלייך קומען אַ צווייטער, אפשר נאָך אַ פֿיעל ערגערער ווי דער ערשטער, ערגעץ אין אַ פֿערוואָרפֿענעם דערפֿעל אין מזרח־רוסלאַנד.

„אַ פֿערצווייפֿלונג ווי פֿאַוסט׳ס ערגרייפֿט מיך מאַנכעסמאָל", האָט ער מיר געשריעבען. ווען די צייט פֿון זיין בעפֿרייאונג איז געקומען, האָט ער אַוועקגעשיקט זיין פֿרוי און קינדער קיין רוסלאַנד, זיך פֿאָלזעווענדיג מיט איינעם פֿון די לעצטע דאַמפּפֿער איידער די שיפֿפֿאַהרט האָט אויפֿגעהערט און, אין איין אומעדיגער נאַכט, האָט דיעזע פֿערצווייפֿלונג געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבען.

אַ פֿינסטערער וואָלקען איז געהאַנגען איבער אונזער הייזקי פֿיעלע מאָנאַטען לאַנג, — ביז אַ העלער ליכט־שטראַהל האָט אַ בליאַסק געטהאָן ווען, דעם נעקסטען פֿריהלינג, איז געקומען אויף דער וועלט אַ קליין בעשעפֿעניסעל, אַ מיידעלע, וועלכע הייסט נאָך מיין ברודער, און מיט איהר הילפֿלאָזען געוויין האָט זי געזעצט אין בעוועגונג נייע סטרונעס אין מיין הערצען.

די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין ענגלאַנד אין 1886.

אין 1886 איז די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין ענגלאַנד געווען אין פֿולען שוואונג. גרויסע קערפּערשאַפֿטען פֿון אַרבייטער האָבען זיך עפֿענטליך אָנגעשלאָסען אָן איהר אין די הויפּט שטעדט, ווי אויך פֿיעלע מיטעל־קלאַס מענשען, מייסטענס יונגע, וועלכע האָבען איהר געהאָלפֿען אין פֿיעלע היניזיכטען. אַ שאַרפֿער אינדוסטריעלער קריזיס האָט יענעם יאָהר געהערשט אין די מייסטע פֿאַכען, און יעדען אין דער פֿריה און אָפֿט דעם גאַנצען טאָג, האָב איך געהערט גרופּען מענשען אַרומגעהענדיג אין די גאַסען זינגענדיג „מיר האָבען קיין אַרבייט ניט", אָדער אַן אַנדער ליעד, און בעטלענדיג ברויט. מענשען האָבען אָנגעפּאַקט ביי נאַכט דעם טראַ־

פֿאַלגער סקווער, וואו זיי זיינען געשלאָפֿען אונטערען פֿרייען הימעל, אין ווינד און אין רעגען, אונטערגעבעט און צוגעדעקט מיט צייטונגען; איין טאָג אין פֿעברואַר האָט זיך אַ מחנה מענשען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך צוגעהערט צו די רעדעס, פֿון בוירנס, היינדמאַן און טשעמפּיאָן, אַ לאָז געטהאָן אין פּיקאַדילי, און האָבען צובראָכען עטליכע פֿענסטער אין די גרויסע געשעפֿטען. נאָך פֿיעל וויכטיגער יעדאָך, ווי דיעזער אויסברוך פֿון אונצופֿריעדענהייט איז געווען דער גייסט, וועלכער האָט געהערשט צווישען די אָרעמערע קלאַסען פֿון דער אַרבייטער בעפֿעלקערונג אין די פֿאָרשטעדטליך פֿון לאָנדאָן. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויב די פֿיהרער פֿון דער בעוועגונג, וועלכע זיינען פֿערפֿאָלגט געוואָרען פֿאַר דעם אויפֿרוהר, וואָלטען געקראָגען אַ שווערען פּסק, וואָלט אַרויסגערופֿען געוואָרען אַ געפֿעהרליכער ראַכע-געפֿיהל, פֿון וועלכען מען האָט ביז דאַן ניט געוואוסט אין דער שפּעטערער געשיכטע פֿון דער אַרבייטער בעוועגונג אין ענגלאַנד, אָבער פֿון וועלכען מען האָט שוין געקענט דערקענען די סמנים אין 1886, דיעזער געפֿיהל פֿון האַס און ראַכע, וואָלט זיך ענטוויקעלט און וואָלט געלאָזען אַ רושם אויף דער קומענדער בעוועגונג אויף אַ לאַנגע צייט.

נור די מיטעל-קלאַסע האָט הפנים דערזעהן די געפֿאַהר. גרויסע סומען געלד זיינען געזאַמעלט געוואָרען אין די וועסט ענד פֿאַר די הונגעריגע אין איסט ענד, — נאַטירליך האָט דאָס ניט געניגט צו לינדערען די נויטה, אָבער עס האָט לכל הפּחות געוויזען אַז עפּעס-וואָס ווערט געטהאָן. וואָס אָנבעלאַנגט די שטראָף פֿאַר די גע'משפּט'ע פֿיהרער, איז זי געווען בעשרענקט אויף צוויי-דריי מאָנאַט געפֿענגניסע.

די אינטערעסע אין דעם סאָציאַליזמוס און אין אַלערליי רעפֿאָרם פּלענער איז געווען זעהר גרויס צווישען אַלע קלאַסען. און דורך'ן גאַנצען ווינטער דורך האָט מען מיך איינגעלאַדען פון אַלע עקען לאַנד אויף פֿאָר-טרעגע, מאַנכמאָל איבער געפֿענגניסע, אָבער מייסטענטהיילס איבער אַנאַרכיסטישען סאָציאַליזמוס, און איך האָב אַזוי אַרום בעזוכט כמעט יעדע גרויסע שטאָדט אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד, דאָס רוב האָב איך אָנגענומען די ערשטע איינלאַדונג וואָס איך האָב בעקומען פֿאַר איין אונטערהאַלטונג אין'ם אַבענד פֿון דעם פֿאָרטראַג, און דאַרום איז עס אויסגעקומען אַז איין נאַכט האָב איך פֿערבראַכט אין אַ רייכע הויז, און די צווייטע אין דער ענגער הייזקע פֿון אַן אַרבייטער פֿאַמיליע. יעדע נאַכט האָב איך געזעהן אַ גרויסע אָנצאָהל מענשען פֿון פֿערשיעדענע קלאַסען, און סיי אין דעם אַרבייטערס קליינעם צימער, סיי אין דעם רייכען עמפּפֿאַנגס-זאַל, האָבען די לעבענדיגסטע דיסקוסיאָנען איבער אַנאַרכיזמוס געפֿלעגט אָנהאַלטען ביז

שפעט אין דער נאַכט אַריין — מיט האָפֿנונג אין'ם אַרבייטער'ס באַטקע, און מיט טוידט-שרעק אין'ם פּאַלאַץ, אָבער אומעטום מיט דערזעלבער ערנסטקייט.

אין'ם רייכען זאַאַל זיינען די הויפּט פֿראַגען געווען, „וואָס ווילען די סאָציאַליסטען? וואָס האָבען זיי בדעה צו טהאָן?" און דאַן, אויף וועלכע פשרות מוז מען אַבסאָלוט איינגעהן אין אַ געוויסען מאָמענט אום צו פֿער־מיידען סעריאָזנע צוזאַמענשטויסונגען? אין אונזער געשפּרעך האָב איך זעלטען-ווען געהערט מען זאָל אָבלייקענען די גערעכטיגקייט פֿון דעם סאָציאַליסט'ס אַרגומענטען, אָבער איך האָב בעגעגענט אַ פֿעסטע איבער־צייגונג, אַז אַ רעוואָלוציאָן איז אונמעגליך אין ענגלאַנד; אַז די פֿאָר־דערונג פֿון די מאַסען האָט נאָך ניט דערגרייכט ניט די גענויקייט און ניט דעם גראַד פֿון די סאָציאַליסטישע פֿאָרדערונגען, און אַז די אַרבייטער וועלען זיך צופֿרידען שטעלען מיט אַ סך ווייניגער. מען וועט זיי אַביסעל נאָכגעבען און דאָס איבריגע וועט מען זיי צוזאָגען. „מיר זיינען אַ לאַנד פֿון לינקען צענטער: מיר לעבען אויף פשרות", האָט זיך איינמאָל צו מיר אָבגערופֿען אַ גרייז-גרויער פּאַרלאַמענט'ס-מיטגליעד, וועלכער האָט געהאַט בעזעסען אַ ווייטע ערפֿאַהרונג פֿון'ם לעבען אין זיין פֿאַטערלאַנד.

אין אַרבייטער קוואַרטאַלען האָב איך אויך בעמערקט אַ חלוק צווישען די פֿראַגען, וועלכע זיינען מיר געשטעלט געוואָרען אין ענגלאַנד, און די וועלכע מי האָט מיר געשטעלט אין אַנדערע לענדער.

דער אַרבייטער פֿון די לאַטיינישע לענדער (פֿראַנקרייך, שפּאַניען, איטאַליען) אינטערעסירט זיך דאָס רוב מיט אַלגעמיינע פּרינציפּען. ער ווערט ניט אזוי ענטציקט, בעת דער שטאָדט-ראַטה בעשטימט געלד פֿאַר אַ פֿאָנד צו שטיצען סטרייקערס, אָדער צו שפּייזען אָרעמע קינדער אין די שוהלען. ביי איהם איז דאָס אַ נאַטירליכע זאַך „אודאי קען אַ הונגעריג קינד ניט לערנען", זאָגט דער פֿראַנצויזישער אַרבייטער, „מי מוז איהם געבען צו עסען". „אודאי איז דער באָס אונגערעכט וואָס ער צווינגט אַרבייטער זיי זאָלען סטרייקען". דאָס איז אַלעס וואָס ער בעמערקט, און ער גיט ניט קיין ראַנק דער יעצטיגער אינדיווידואַליסטישער געזעלשאַפֿט, וואָס זי גיט נאָך אַזעלכע קליינינקייטען דעם קאָמוניסטישען פּרינציפּ. דער געדאַנקען פֿון'ם אַרבייטער געהט ווייט אַריבער איבער די פּעריאָדע פֿון אַזעלכע פשרות, און ער פֿרעגט צו די קאָמונע, צו די אַרבייטער יוניאָנס, צו גאָר דער שטאַאַט זאָל אונטערנעהמען די אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער פּראָדוקציאָן; צו ווערט פֿרייע איבעראיינשטימונג אַליין זיין גענוג אויפֿ־צוהאַלטען די געזעלשאַפֿט אין אָרדנונג, און וואָס וואָלט זיין דער מאָראַלישער

אָבהאַלט, ווען די געזעלשאַפט זאָל אָבשאַפען די יעצטיגע בעשטראָפונגס-מיטלען, צו אַן אויסערוועהלטע דעמאָקראַטישע רעגירונג וועט זיין ביכולת איינצופיהרען וויכטיגע ענדערונגען אין דער סאָציאַליסטישער ריכטונג, און צו פערווירקליכטע פאַקטען קומען ניט פריהער פאַר דער געזעצגעבונג. א.ז.וו.

אין ענגלאַנד, האָט מען זיך דאָס רוב אינטערעסירט מיט אַ מאַסע קליינע פּאַליאַטיוו-מיטלען. אָבער וואָס אַנבעלאַנגט דער מעגליכקייט, אַז דער שטאַאַט זאָל איבערנעהמען די פערוואַלטונג פון דער אינדוסטריע, האָט שוין דער ענגלענדער לאַנג אויפגעגעבען אַלע האָפנונגען. וואָס זיי האָבען געוואָלט וויסען איז געווען די קאָנסטרוקטיווע פערווירקליכונג, ווי אויך ווי אַזוי צו עררייכען די לאַגע, וועלכע וואָלט קענען אַזאַ פערווירקליכונג מעגליך מאַכען.

„וועל, קראַפּאָטקין, שטעלט אייך פאָר, אַז מיר זאָלען מאָרגען איבערנעהמען אין אונזער בעזיץ די דאָקס (די פּלעצער וואו מי בויט און פערריכט שיפען), וואָס איז אייער אידעע ווי אַזוי מי זאָל זיך מיט זיי בעגעהן? „האָט מען מיך למשל אַ פרעג געטאָן, אַזוי שנעל ווי מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט אין דעם אַרבייטער'ס זאַאַל. אָדער „אונז געפעלט ניט דער געדאַנקען, אַז דער שטאַאַט זאָל פערוואַלטען די באַהנען, און די יעצטיגע פערוואַלטונג דורך פּריוואַט קאָמפּאַניעס איז דאָך איינפאַכע רויבעריי. אָבער ווען די אַרבייטער זאָלען למשל איבערנעהמען אַלע אייזענבאַהנען, ווי אַזוי וואָלט מען דיזע אַרבייט געקענט אָרגאַניזירען"? דאָס וואָס זיי פעהלט אין אַלגעמיינע אידעען פעריכטען זיי מיט זייער שטרעבען אַריינצודרינגען וואָס טיעפער אין די איינצעלהייטען פון דערווירקליכקייט.

נאָך אַ צוג אין דער ענגלישער בעוועגונג איז געווען די גרויסע צאָהל מיטעל-קלאַס מענשען, וועלכע האָבען זי געשטיצט מיט פערשיעדענע מיטלען, — מאַנכע האָבען זיך דירעקט אָנגעשלאָסען אָן דער בעוועגונג, און מאַנכע האָבען איהר געהאָלפען פון אויסענוויינינג. אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ זיינען די צוויי קלאַסען -- די אַרבייטער און די מיטעל-קלאַסע — געשטאַנען פיינדליך איינע געגען די אַנדערע און גאַנץ אָבגעזונדערט. אַזוי איז עס וועניגסטענס געווען אין די יאָהרען 1876—85. ווען איך בין געווען אין דער שווייץ קען איך זאָגען, אַז דורך די גאַנצע דריי אָדער פיער יאָהר האָב איך ניט געהאַט קיין בעקאַנטע אַ חוץ אַרבייטער. איך האָב קוים געקענט מעהר ווי אַ צוויי מיטעל-קלאַס מענשען. אין ענגלאַנד וואָלט דאָס געווען אונמעגליך. מיר האָבען בעגעגענט אַ היבשע צאָהל מיטעל-קלאַס מענער און פרויען וועלכע האָבען ניט מורא געהאַט צו ערשיינען עפענטליך, אין לאָנדאָן ווי אין דער פּראָווינץ, אַלס מיטאַרבייטער

ביי סאָציאַליסטישע פֿערזאַמלונגען, אָדער אַרומגעהענדיג אין דער צייט פֿון א סטרייק מיט פושקעס קלייבענדיג סענטען אין די פאַרקס. אַ חוץ דעם, האָבען מיר געזעהן אַ בעוועגונג, וועלכע וואַר עהנליך צו דער בעוועגונג אין רוסלאַנד אין אַנפֿאַנג פֿון די זיבעציגער יאָהרען, בעת אונזער יוגענד האָט זיך אַ לאָז געטהאָן „אין פֿאָלק", כאָטש ווייט ניט אַזוי פֿייעריג, ניט אַזוי פֿול מיט זעלבסטאָפּפֿער, און ניט אַזוי ווייט פֿון דער אידעע פֿון צדקה. דאָ אין ענגלאַנד זיינען אויך אַ סך מענשען אַוועק אַלס פֿערשיעדענע פֿאַך־מענשען אום צו לעבען צוזאַמען מיט'ן אַרבייטער, אין די שמוציגע קוואַרטאַלען, אין די פֿאָלקס־הייזער און דעסגלייכען.

מען מוז צוגעבען אַז צו יענער צייט איז געווען זעהר פֿיעל ענטהוזיאַזמוס. אַ סך האָבען מסתמא געמיינט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן האָט זיך שוין אָנגעהויבען. אָבער אַזוי ווי עס פּאַסירט תמיד מיט אַזעלכע ענטהוזיאַסטען, בשעת זיי האָבען געזעהען אַז אין ענגלאַנד, ווי אומעטום, איז נאָך דאָ אַ לאַנגע, אונאַנגענעהמע באַרג־אַרויף אַרבייט, האַבען זיך פֿיעלע פֿון זיי צוריקגעצויגען פֿון אַקטיווען אַנטהייל, און שטעהען יעצט אויף יענער זייט פּאַרקאַן אַלס בלויזע סימפּאַטישע צושויער.

———————

די שטאַרקע פֿערשפּרייטונג פֿון סאָציאַליסטישע אידעען.

———

איך האָב גענומען אַ לעבעדיגען אַנטהייל אין דיזער בעוועגונג און מיט עטליכע ענגלישע קאַמעראַדען האָב איך געגרינדעט, אויסער די דריי סאָציאַליסטישע צייטונגען וואָס וואַרען שוין דאַן אין עקזיסטענץ, אַן אַנאַרכיסטיש קאָמוניסטישען זשורנאַל „פֿריהדאָם", וועלכער עקזיסטירט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג. אויך האָב איך זיך ווידער גענומען צו מיין ווערק איבער אַנאַרכיזמוס, וועלכע איך האָב געמוזט אָבהאַקען אין דער צייט פֿון מיין פֿערהאַפֿטונג. די קריטישע טהייל פֿון דיזען ווערק איז פֿערעפֿענטליכט געוואָרען פֿון עליזע רעקלו, ווען איך בין געזעסען אין קלערוואָ, אונטער'ן נאָמען „ווערטער פֿון אַ רעוואָלוציאָנער". איצט האָב איך גענומען אויסאַר־בייטען דעם קאָנסטרוקטיווען טהייל פֿון אַן אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט,— אַזוי ווי מי קען דאָס פֿאָראויסזעהן, — אין אַ סעריע אַרטיקלען וועלכע זיינען ערשיענען אין פאַריז אין „לאַ רעוואָלטע". „אונזער קינד", פֿערפֿאָלגט פֿאַר זיין אַנטי מיליטעריסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, איז איצט געווען געצוואונגען אומצוביטען זיין קעפּעל און איז ערשיענען אונטער אַ

מיידלישען נאָמען. שפּעטער זיינען דיעזע אַרטיקלען אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ מעהר אויסגעאַרבייטען פֿאָרמאַט, אין אַ בוך, „די מלחמה פֿאַר ברויט".

דיעזע פֿאָרשונגען האָבען מיך געמאַכט טיעפֿער שטודירען געוויסע פונקטען אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פֿון די היינטיגע ציוויליזירטע נאַציאָנען.

דאָס רוב סאָציאַליסטען האָבען ביז דאַן גע׳טענה׳ט, אַז אין אונזער יעצטיגער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט פראָדוצירען מיר ווירקליך מעהר וויפֿיעל עס איז נויטהיג אום צו גאַראַנטירען דאָס וואָהלזיין פֿון אַלעמען. אַז דער גאַנצער טראָבעל ליגט אין דער פֿערטהיילונג; און אויב די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן זאָל שטאַטפֿינדען, ברויכט מען בלויז, אַז יעדער מענש זאָל צוריקגעהן צו זיין ווערקשטאַט אָדער אין דער פֿאַבריק, — די געזעלשאַפֿט נעהמט צו פֿאַר זיך אַליין דעם „מעהרווערטה", אָדער פראָפֿיט, וואָס געהט איצט צום קאַפיטאַליסט. איך האָב גראַדע אומגעקעהרט געדענקט, אַז אונטער דעם איצטיגען צושטאַנד פֿון פריוואַט אייגענטום האָט די פראָדוק־ציאָן גופא אָנגענומען אַ שלעכטע ווענדונג, און איז ווייט ניט געניגענד אפילו פֿאַר די אַבסאָלוטע לעבענס־בעדירפֿניסע, וועלכע ווערען ניט פראָ־דוצירט גענוג אום צו גאַראַנטירען דאָס וואָהלזיין פֿון דער גאַנצער געזעלשאַפֿט; און אַז די איבער־פראָדוקציאָן, פֿון וועלכע מי רעדט איצט אַזוי אָפֿט, בעדייטעט בלויז, אַז די מאַסען זיינען פשוט צו אָרעם צו קויפֿען אפילו דיאיעניגע לעבענס־מיטעל, וועלכע זיינען אונבעדינגט נויטיג פֿאַר אַן אַנשטענדיגע עקזיסטענץ. אָבער אין אַלע ציוויליזירטע לענדער האָט די פראָדוקציאָן, סיי די אַגריקולטורעלע, סיי די אינדוסטריעלע, געברויכט און אויך געקענט אונגעהייער פֿיעל פֿערגרעסערט ווערען, אַזוי אַז עס זאָל ווירקליך זיין גענוג פֿאַר אַלעמען. דאָס האָט מיך געבראַכט צו דער אונ־טערזוכונג פֿון די מעגליכקייטען פֿון דער מאָדערנער אַגריקולטור, ווי אויך פֿון בילדונג וועלכע זאָל געבען יעדען מענשען די געלעגענהייט צו געניסען ביידערליי אַרבייט, אי די אַנגענעהם־פֿיזישע אי די גייסטיגע. איך האָב דיעזע אידעען ענטוויקעלט אין אַ סעריע אַרטיקלען אין די „ניינטינטה סענטשורי", וועלכע זיינען איצט אַרויסגעגעבען אין אַ בוך „פֿיעלדס, פֿעקטאָרים ענד וואָרקשאָפס".

אַ צווייטע גרויסע פֿראַגע האָט מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. עס איז בעוואוסט, צו וועלכע שליסע דאַרווין׳ס פֿאָרמולע „דער קאַמפֿף אום׳ס דאַזיין" איז ענטוויקעלט געוואָרען פֿון זיינע נאַכפֿאָלגער, אַפילו פֿון די אינטעליגענטסטע פֿון זיי, ווי למשל, האָקסלי. עס גיבט ניט קיין גרוילטהאַט

אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט, אָדער אין די שייכות פֿון די ווייסע געגענאיבער די זאָגענאַנטע ניעדריגע ראַסען, אָדער פֿון די שטאַרקע געגענאיבער די שוואַכע, וועלכע וואָלט זיך ניט געקענט ענטשולדיגען מיט דער הילף פֿון דעם „קאַמפּף אום'ס דאַזיין"-טהעאָריע.

שוין אין דער צייט פֿון מיין זיצען אין קלערוואָ האָב איך געזעהן די נאָטהווענדיגקייט פֿאָלשטענדיג צו רעווידירען די פֿאָרמולע זעלבסט און איהר אָנווענדונג אין דעם מענשליכען לעבען. די פּראָבען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען פֿון עטליכע סאָציאַליסטען אין דיעזער ריכטונג, האָבען מיך ניט צופֿריעדען געשטעלט. אָבער איך האָב געפֿונען אין אַ לעקציע פֿון אַ רוסישען זאָאָלאָג, פּראָפֿעסאָר קעסלער, אַ ריכטיגען אויסדרוק וועגען דעם געזעץ פֿון לעבענס-קאַמפּף. „די געגענזייטיגע הילפֿע", האָט ער געזאָגט אין יענע לעקציע, „איז פונקט אַזוי פֿיעל אַ נאַטור-געזעץ ווי דער געגענזייטיגער קאַמפּף. אָבער פֿאַר די פּראָגרעסיווע ענטוויקלונג פֿון דעם מין איז דאָס ערשטע פֿיעל וויכטיגער ווי דאָס צווייטע". דיזע עטליכע ווערטער — בעשטעטיגט ליידער פֿון בלויז אַ צוויי דריי אילוסטראַציאָנען — האָבען ענטדעקט פֿאַר מיר דעם שליסעל פֿון דער גאַנצער פּראָבלעמע. און ווען עס איז ערשיענען פֿון האָקסלי דער העסליכער אַרטיקעל: „דער קאַמפּף אום עקזיסטענץ; אַ פּראָגראַמע", האָב איך בעשלאָסען אַרויסצולאָזען מיינע איינווענדונגען געגען די אַרט און וויזע פֿון זיין בעגריעף פֿון דער מלחמת הקיום, צווישען חיות ווי אויך צווישען מענשען. מאַטעריאַל דאַפֿיר האָב איך שוין געהאַט געזאַמעלט די לעצטע צוויי יאָהר. איך האָב וועגען דעם גערעדט צו מיינע פֿריינד. נור דאָך האָב איך אויסגעפֿונען, אַז די פֿערטייטשונג פֿון דעם לעבענס-קאַמפּף אין דעם זינען פֿון'ם קריעגס-רוף „וועה דעם שוואַכען", ערהויבען צו דער הויכקייט פֿון אַ נאַטור-געזעץ און ענטדעקט פֿון דער וויסענשאַפט, איז אַזוי טיעף איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דיזען לאַנד, אַז עס איז כמעט געוואָרען אַ רעליגיאָנס-זאַך. בלויז צוויי פערזאָנען האָבען מיך אונטערשטיצט אין מיין קאַמפּף געגען די פֿאַלשע פֿערטייטשונג פֿון די פֿאַקטען פֿון דער נאַטור. דער רעדאַקטאָר פֿון די „ניינטינטה סענטשורי", הער דזיימס נאָהלס, האָט מיט זיין מערקווירדיגער גאונית'שאַפֿט זאָגלייך געכאַפּט דעם עיקור פֿון דער זאַך, און מיט אַן עכט יוגענדליכער ענערגיע האָט ער מיר אַריינגעגעבען מוטה אין דער אונטערנעהמונג; דער צווייטער איז געווען דער פֿערשטאָרבענער ה. וו. בייטס, וועמען דאַרווין האָט אין זיין „אויטאָביאָגראַפֿיע" בעצייכענט אַלס איינעם פֿון די אינטעליגענטסטע מענשען, וועלכע ער האָט ווען בעגעגנט. ער איז געווען דער סעקרעטער פֿון דער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט, און

איך האָב איהם געקענט. איך האָב איהם דערצעהלט פֿון מיין אַביזיכט, און ער איז געווען ענטציקט. „יאַ, גאַנץ געוויס, שרייבט עס; דאָס איז דער אמת'ער דאַרוויניזמוס. עס איז אַ שאַנדע צו דענקען וואָס זיי האָבען געמאַכט פֿון דאַרווין'ס אידעען. שרייבט, און ווען איהר וועט עס האָבען פֿערעפֿענטליכט, וועל איך אייך געבען אַן עמפּפֿעהלונגס־בריעף, וועלכען איהר קענט אָבדרוקען". קיין בעסערע ערמוטהיגונג האָב איך ניט געקענט ערוואַרטען, און איך האָב אָנגעהויבען דאָס ווערק, וועלכעס איז ערשיענען אין דער „ניינטינטה סענטשורי" אונטער די טיטלען: „געגענזייטיגע הילף ביי חיות", „ביי ווילדע", „ביי באַרבאַרען", „אין דער שטאָדט פֿון דעם מיטעל־אַלטער„ און „ביי אונז גופא". אונגליקליכער ווייזע האָב איך פֿערזעהן פֿאַרצולייגען פֿאַר ביימס די ערשטע צוויי אַרטיקלען פֿון דיזער סעריע, וועלכע ריידען מכח חיות, און וועלכע זיינען פֿערעפֿענטליכט געוואָרען פֿאַר זיין טויט. איך האָב געהאָפֿט גלייך פֿערטיג צו ווערען מיט דעם צווייטען מהייל פֿון דעם ווערק, „געגענזייטיגע הילפֿע ביי מענשען", אָבער עס האָט מיר גענומען עטליכע יאָהר דאָס צו ענדיגען, און דערווייל איז ביימס געשטאָרבען.

די פֿאָרשונגען, וועלכע איך האָב געמוזט מאַכען אין פֿערלויף פֿון דיזען שטודיום אום בעקאַנט צו ווערען מיט די אינסטיטוציאָנען פֿון דער באַרבאַרישער פעריאָדע און פֿון די פֿריי־שטעדט פֿון מיטעל־אַלטער, האָבען מיך געבראַכט צו אַ צווייטער וויכטיגער ערגרינדונג: די ראָלע וועלכע דער שטאַאט האָט געשפיעלט אין דער היסטאָריע פֿון אייראָפּאַ אין די לעצטע דריי יאָהרהונדערט. און פֿון דער צווייטער זייט ווידער, האָט מיך דער שטודיום פֿון די אינסטיטוציאָנען פֿיר געגענזייטיגע הילפֿע אין די פֿערשיעדענע שטופֿען פֿון דער מענשליכער ענטוויקלונג געפֿיהרט צו דער פֿראַגע, ווי אַזוי עס האָט זיך ענטוויקעלט דער בעגריעף פֿון גערעכטיגקייט און מאָראַליטעט ביים מענשען.

אין די לעצטע צעהן יאָהר האָט דער וואוקס פֿון סאָציאַליזמוס אין אייראָפּאַ אָנגענומען אַן אַנדער פֿאָרמע. די יעניגע וואָס אורטהיילען בלויז לויט נאָך די צאָהל פֿון פֿערזאַמלונגען וואָס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אין'ם לאַנד, און דעם פּובליקום וואָס בעזוכט דיזע פֿערזאַמלונגען, קענען פֿילייכט דענקען אַז די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ ווערט שוואַכער, און די ווידער וואָס אורטהיילען זיין פֿאָרטשריט פֿון די צאָהל שטימען וואָס ווערען געגעבען פֿאַר די וואָס זאָגען אַז זיי רעפּרעזענטירען דעם סאָציאַליזמוס אין פּאַרלאַמענט, קומען גלייך צום שלוס אַז די גאַנצע סאָציאַליסטישע בעוועגונג איז כמעט טוידט, אָבער די טיעפֿקייט און דורכדרינגליכקייט פֿון די סאָציאַליסטישע אידעען קען מען קיין מאָל ניט אורטהיילען נאָך די

צאָהל שטימען פאַר די וואָס בעזאָלצען זייערע וואַהל-פּראָגראַמען מיט אַ ביסעלע סאָציאַליזמוס. בעזאָנדערס איז דאָס דער פאַל אין ענגלאַנד. דער פאַקט איז אַז פון די דריי סיסטעמען וועלכע זיינען פאָרמולירט געוואָרען פון פוריער, סען סימאָן און ראָבערט אָוועןְ, איז עס די לעצטע, וועלכע הערשט אין ענגלאַנד און סקאָטלאַנד. פאָלגליך קען מען ניט פיעל אורטהיילען פון די צאָהל פערזאַמלונגען אָדער שטימען די שטאַרקייט פון דער בע־וועגונג, זאָנדערען פון דעם אַריינדרינגען פון אונזערע אידעען אין דעם טרייד־יוניאָניזמוס, אין די קאָאָפּעראַטיווע, און די זאָגענאַנטע מוניציפּאַלע סאָציאַליסטישע בעוועגונגען, ווי אויך פון דער אַלגעמיינער פערברייטונג פון דעם סאָציאַליזמוס איבער דאָס גאַנצע לאַנד. אַזוי אורטהיילענדיג קען מען זעהן ווי אונגעהייער פיעל דער סאָציאַליזמוס האָט פאָרטגעשריטען אין פערגלייך מיט דעם צושטאַנד אין 1886; און אין פערגלייך פון 1876—1882 איז דער פאָרטשריט איינפאַך קאָלאָסאַל. און איך מוז אויך צופיגען, אַז די אויסדויערענדע אַנשטרענגונגען פון די קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּען האָבען בייגעטראָגען אויף אַזוי פיעל, אַז מיר פיהלען אַז אונזער צייט איז ניט געגאַנגען אין ניוועץ, פערשפּרייטענדיג אונזערע אידעען פון ניט רעגירונג, פון די רעכטע פון'ם אינדיווידיאום, פון לאָקאַלע טהעטיגקייט און פרייע איינפערשטענדניסע, געגען די אידעען פון שטאַאַט הערשאַפט, צענטראַליזאַציאָן און דיסציפּלין, וועלכע האָבען געהערשט מיט אַ צוואַנציג יאָהר פריהער.

גאַנץ אייראָפּאַ געהט איצט דורך אַ שלעכטע פעריאָדע פון דער ענטוויקלונג פון'ם מיליטערישען גייסט. דאָס איז געווען אַן אונפערמיידליכע פאָלגע פון'ם זיעג, פוי דער דייטשער מיליטערישער אימפּעריע, מיט איהר סיסטעמע פון אַלגעמיינער מיליטער־דיענסט, איבער פראַנקרייך אין 1871. און שוין דאַמאָלס האָבען דאָס פיעלע פאָראויסגעזעהען און פאָראויסגעזאָגט, בעזאָנדערס איינדרוקספאָל פון באַקונין. אָבער דער געגען־שטראָם הויבט זיך שוין אָן צו לאָזען פיהלען אין'ם מאָדערנעם לעבען.

קאָמוניסטישע אידעען, אַרויסגענומען פון זייער מאָנאַסטירישער שאַלאַבין האָבען דורכגעדרונגען אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ ביז צו אַ'ן אונגעהייערער שטופע אין די זיעבען און צוואַנציג יאָהר, אין וועלכע איך האָב גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג און איך האָב געקענט מערקען זייער וואוקס. ווען איך דערמאָן מיך אָן די אונבעשטימטע, צומישטע, שרעקענדיגע אידעען, וועלכע זיינען אויסגעדריקט געוואָרען פון די אַרבייטער ביי די ערשטע קאָנגרעסען פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאַציאָן, אָדער וועלכע מי האָט געקענט הערען

אין פּאַריז וועהרענד דעם קאָמונע אויפֿשטאַנד, אפּילו צווישען די דענקענדע פֿיהרער, און מי פֿערגלייכט זיי מיט די, מיט וועלכע גרויסע מאַסען אַרבייטער זיינען איינפֿערשטאַנדען ביי היינטיגען טאָג, מוז איך זאַגען אַז זיי זעהען מיר אויס פּונקט ווי זיי וואָלטען געהערט צו צוויי פֿערשידענע וועלטען.

עס איז ניט דאָ קיין פּעריאָדע אין דער געשיכטע — מיט דער אויסנאַהמע פֿילייכט, פֿון דער פּעריאָדע אין דעם צוועלפֿטען און דרייצעהנטען יאָהר־הונטערט, — וועלכע האָבען געפֿיהרט צו דער געבורט פֿון די מיטעלאַלטערליכע קאָמונעס — אין וועלכער אַן עהנליך טיעפֿע אומענדערונג זאָל האָבען שטאַטגעפֿונען אין די הערשענדע אידעען פֿון דער געזעלשאַפֿט. און איצט, אין מיין זיעבען און פֿופֿציגסטען יאָהר, בין איך נאָך טיעפֿער איבערציגט ווי איך בין געווען מיט פֿינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז אַ צופֿעליגע פֿערבינדונג פֿון אונפֿאָראויסגעזעהענע אומשטענדען קען אַרויסרופֿען אין אייראָפּאַ אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע זאָל זיין אַזוי פֿערשפּרייט, ווי די פֿון 1848, און פֿיעל וויכטיגער; ניט אין זינען פֿון אַ בלויזען קאַמפּף צווישען פֿערשידענע פּאַרטייען, זאָנדערען אין זינען פֿון אַ טיעפֿערע און ראַשערע סאָציאַלע אומבאַווינג; און איך בין איבערציגט, אַז וואָס פֿאַר אַ געשטאַלט דיעזע בעוועגונג זאָל ניט אָננעהמען אין די פֿערשידענע לענדער, וועט אָבער אומעטום זיין פֿערשפּרייט אַ פֿיעל טיעפֿערער בעגריף פֿון די געפֿאָדערטע ענדערונגען, ווי אין די לעצטע זעקס יאָהר־הונדערטע; און דאָס דער ווידערשטאַנד, וועלכען די בעוועגונג וועט בעגעגענען אין די פּריווילעגירטע קלאַסען וועט שוין ניט זיין דער פֿער'עקשן'טער קאַמפּף, וועלכער האָט געמאַכט די רעוואָלוציאָן פֿון דער פֿערגאַנגענהייט אַזוי געוואַלטיג.

צו עררייכען דיזען רעזולטאַט זיינען גאַנץ זיכער אַם פּלאַץ די אַנשטרענגונגען, וועלכע ווערען געמאַכט פֿון אַזוי פֿיעל טויזענדער מענער און פֿרויען פֿון אַלע נאַציאָנען און אַלע קלאַסען אין די לעצטע דרייסיג יאָהר.

FINIS

VELUT ARBOR ÆVO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

**MULTICULTURAL
HISTORY SOCIETY
OF ONTARIO**